STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02594

ALE VERK

Sholem Aleichem

*Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלע ווערק
פֿון
שלום עליכם

פֿאַרלאַג איקוף

1957

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO XII

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
E D I T O R I A L "I C U F"
BUENOS AIRES, 1957

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק

פון

שלום עליכם

*

באַנד XII

ע ר ש ט ב ו ך

מ אָ נ אָ ל אָ ג ן

צ ו ו י י ט ב ו ך

פון צווייַ וועלטן

מאָנאָלאָגן

אינהאַלט:

דאָס טעפּל — 7
געוועז — 21
אַ ווײַסע כּפּרה — 34
דער יום־טובדיקער צימעס — 41
אַ נגידישע פּרעזשעניצע — 46
אַן עצה — 49
באָם דאָקטער — 64
יוסף — 71
כאַבנע — 92
ס'אַ ליגן! — 104
דרײַ אַלמנות — 110
פֿון דער ריוויערא — 148
גיטל פּורישקעוויטש — 153
דאָקטוירים — 163
מיסטער גרין האָט אַ דזשאָב — 167
אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן — 171
פּאַרטײַטשונג פֿון פּאַרענגלישטע ווערטער — 177

דאָס טעפּל

— רבי! איך וויל אײַך פרעגן אַ שאלה וויל איך אײַך. איך ווייס נישט, צי קענט איר מיך, צי קענט איר מיך נישט. איך בין יענטע בין איך, יענטע די קורעלאַפּניטשקע. איך האַנדל מיט אייער האַנדל איך, מיט עופות, מיט גענדז און מיט קאַטשקעס. איך האָב מיר מײַנע שטענדיקע קונהטעס האָב איך מיר, אַ צוויי־דרײַ הײַזער, האַלטן זיי מיך אונטער, זאָל זיי גאָט געבן געזונט און אַלדאָס גוטס; וואָרעם איך זאָל נאָך דאַרפן צאָלן פּריצענט, וואָלט נישט געקלעקט די חלה אױף דער „המוציא". כאַפּ איך אַ דרײַערל כאַפּ איך, אַ מאָל דאָ, אַ מאָל דאָרטן, דאָ גענומען, דאָרט געגעבן, דאָרט געגעבן, דאָ גענומען — מע דרייט זיך, משטיינס געזאָגט! אוודאַי, וואָס זאָלט איר קלערן, ווען מײַן מאַן עליו־השלום זאָל מיר אַצינד לעבן — טע־טע־טע!... כאָטש אַז מע וויל שמועסן דאָס אייגענע צוריק, האָב איך קיין האָניק פּאַר אים נישט געלעקט, וואָרעם קיין פּאַרדינער, זאָל ער מיר מוחל זײַן, איז ער דאָך נישט געווען, נאָר געגעסן און געלערנט, געגעסן און געלערנט, און געהאָרעוועט האָב א י ך , און האָרעווען בין איך געוווינט נאָך פֿון קינדווײַז אויף, נאָך בײַ מײַן מאַמען עליה־השלום, בתיה האָט זי געהייסן, בתיה די ליכטציִערן, זי איז געווען אַ ליכטציִערן, פּלעגט אויפקויפן חלב בײַ די קצבים און ציִען ליכט, חלבנע צעפּלעך, מע האָט נאָך נישט געוווּסט דעמאָלט פֿון קיין גאַז און פֿון קיין לעמפּלעך מיט גלעזלעך, וואָס טרישטשען אַלע מאָל, ערשט יענע וואָך געפּלאַצט בײַ מיר אַ גלעזל, און פּאַר צוויי וואָכן אַ גלעזל...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: יונג געשטאָרבן.. אַז מײַן משה־בנציון עליו־השלום איז געשטאָרבן, איז ער אַלט געווען סך־הכל זעקס און צוואַנציק יאָר. האָ? נאָך

א מאָל: ווי אַזוי זעקס און צוואַנציק? ניינצן איז ער אַלט געווען צו דער חתונה, אַ יאָר אַכט איז פאַראַן אַז ער איז געשטאָרבן, איז אינאיינעם ניינצן און אַכט — אַפּנים, אַזוי גרויס ווי דרייַ און צוואַנציק. פאַר וואָס־זשע איז בײַ מיר אויסגעקומען זעקס און צוואַנציק? ווײַל איך האָב פאַרגעסן די זיבן יאָר, וואָס ער האָט געקרענקט. דאָס הייסט, קרענקען האָט ער געקרענקט אַ סך מער, ער איז געווען פון תמיד אָן אַ קראַנקער, דאָס הייסט, אַזוי איז ער אפילו געווען אַ געזונטער, נאָר דער הוסט, דער הוסט האָט אים אָוועקגעלייגט! ער פלעגט, ישט פאַר אײַך געדאַכט, שטענדיק הוסטן, דאָס הייסט, נישט שטענדיק נאָר דעמאָלט, ווען דער הוסט איז אָנגעקומען, פלעגט ער זיך פאַרהוסטן, און אַז ער האָט זיך פאַרהוסט, האָט ער געהוסט און געהוסט און געהוסט... די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ס'איז בײַ אים אַ ספּאַזמע אַזעלכע, דאָס הייסט, אַזעלכעס, וואָס אַז מען וויל הוסטן, הוסט מען, און אַז מע וויל ניט הוסטן, הוסט מען ניט. שטראָם־גראָם, מאַך מיר אַ האַרמידער! ציגן זאָלן אַזוי וויסן אין פרעמדע גערטנער שפּרינגען, ווי זיי ווייסן, די דאָק־טוירים הייסט דאָס, וועד ס'האָט זיי געשלייערט!... אָט האָט איר רב אהרן דעם שוחטס יינגל, יאָקל הייסט ער, עס האָט אים ווי געטאָן אַ צאָן האָט אים ווי געטאָן, האָט מען אים געטאָן אַלצדינג, געשפּראָכן און גע־שטאָכן, און געזען, אַז עס העלפט נישט. גייט ער, יאָקל הייסט דאָס, און לייגט־אַרײַן אַ קנאָבל אין אויער אַרײַן, — מע זאָגט, אַז ס'איז אַ רפואה קנאָבל צו ציין־ווייטיק — האָט ער זיך געריסן אױף די גלײַכע ווענט, יאָקל הייסט דאָס, און פונעם קנאָבל זאָגט ער נישט אויס. קומט דער דאָקטער און טאַפּט אים באַם דופק. וואָס טאַפּסטו אים באַם דופק, דו נארישער לעקיש?... אוודאי, מע זאָל אים, יאָקלען הייסט דאָס, נישט געווען אָפּפירן קיין יעהופּעץ, וואָלט ער שוין איצטער אָנגעשפּאַרט, ווייסט איר וווּ? דאָרטן, וווּ די שוועסטער זײַנע, פּערל געבעך, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען פון אַ גוט אויג, ניט פאַר אײַך געדאַכט, אין קימפּעט...

— יאָ, אָקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אַן אַלמנה... איך בין געבליבן אַן אַלמנה, ניט דאָ געדאַכט, נאָך גאָר אַ יונגט הייסט דאָס, מיט אַ קליין קינד און מיט אַ האַלבער שטוב אױף די „קבצניוקעס“, די אַנדערע פון לייזער דעם סטאָלערס דירה, אויב איר ווייסט; נישט ווייט פון דער באָד. וועט איר דאָך פרעגן, וואָס עפּעס אַ האַלבע שטוב נאָר? מחמת די אַנדערע האַלבע איז נישט מײַנע; זי געהערט

צו מײַן שוואָגער געהערט זי, עזריאל הייסט ער, איר קענט אים, אַליין איז ער אַ וועסעלעקוטער, פֿון וועסעלעקוט, אַ שטעטל אַזעלכעס, און האַנד־לען האַנדלט ער מיט פֿיש, און פֿאַרדינט, קיין עין־הרע, זייער שיין, עס ווענדט זיך ווי דער טײַך האַלט: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע כאַפּט זיך פֿיש, איז וואָלוול פֿיש; איז אין דרויסן אַ ווינט, כאַפּט זיך נישט קיין פֿיש, און ס׳איז טײַער פֿיש. נאָר גלײַכער איז, אַז עס כאַפּט זיך און ס׳איז וואָלוול... אַזוי זאָגט ער, עזריאל הייסט דאָס, פֿרעג איך אים: „וואָס איז דער שכל?״ זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָס־טער שכל: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע כאַפּט זיך פֿיש, איז וואָלוול פֿיש; איז אין דרויסן אַ ווינט, כאַפּט זיך נישט קיין פֿיש, און ס׳איז טײַער פֿיש. נאָר גלײַכער איז, אַז עס כאַפּט זיך און ס׳איז וואָלוול״... זאָג איך: „יאָ, אָבער וואָס איז דער שכל?״ זאָגט ער: „דער שכל איז אַ פּראָסטער שכל: איז אין דרויסן שטיל, כאַפּט זיך פֿיש, און אַז סע כאַפּט זיך פֿיש, איז וואָלוול פֿיש...״ „טפֿו זאָלסטו ווערן! — זאָג איך צו אים, — גיי טענה מיט אַ גראָבן יונג״...

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: אַן אייגענע דירה... אַוודאי איז גלײַכער איין ווינקעלע אַן אייגנס, איידער שלעפּן זיך אין שכנות. ווי זאָגט איר: „מײַנס איז נישט יענעמס!״... האָב איך מיר, הייסט דאָס, מײַן האַלבע שטוב, אַ שטיקל נחלה, נישט צו פֿאַרזינדיקן. נאָר איך בעט אײַך, צו וואָס באַ־דאַרף אַן אַלמנה, משטיינס געזאָגט, מיט איין־און־איינציק קינד אַ גאַנצע האַלבע שטוב? פֿאַראַן ווו דעם קאָפּ אָנידערלייגן — גענוג! ובפֿרט, אַז מע באַדאַרף זי דעקן, די שטוב, זי שטייט שוין היפּשע עטלעכע יאָר נישט געדעקט שטייט זי; דעקוטשעט ער מיר, דער זיסער שוואָגער מײַנער, עזריאל הייסט דאָס, מע זאָל זי דעקן!... „צײַט, זאָגט ער, מע זאָל זי דעקן!״ „נו, זאָג איך, למאַי־זשע דעקט מען זי נישט?״ זאָגט ער: „לאָמיר זי דעקן״... זאָג איך: „לאָמיר זי דעקן״... דעקן־דעקן, דעקן־דעקן — און דערבײַ בלײַבט דאָס. וואָרעם אַף דעקן באַדאַרף מען שטרוי, פֿון שינדל שמועסט מען נישט, ווו האָב איך אַף שינדל? פֿאַרדינג איך צוויי חדרים פֿאַרדינג איך. אין איין חדרל זיצט באַ מיר חיים־חנה דער טויבער, אַן אַלטער מאַן, שוין עובר־בטל. די קינדער צאָלן מיר פֿאַר אים פֿינף גילדן אַ וואָך דירה־געלט, און עסן עסט ער באַ זיי, אַ טאָג איבער אַ טאָג, דאָס הייסט, אַ טאָג עסט ער און אַ טאָג פֿאַסט ער, און דעם טאָג, וואָס ער

עסט, עסט ער אויך מכות. אזוי זאָגט ער, חיים־חנה דער טויבער. און אפשר איז דאָס א ליגן אפשר? אַלטע לײַט האָבן ליב וואָרטשען; וויפל מען גיט זיי, איז ווינציק, ווו מע זעצט זיי, איז שלעכט, און ווו מע לייגט זיי, איז האַרט...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: שכנים... קיין גוטער ייִד זאָל זיי נישט קענען! מילא יענער, דער טויבער, איז אַ טויבער, כאָטש אַ שטילער שכן, ווי זאָגט איר: מע הערט אים נישט און מע זעט אים נישט... האָט מיך אָבער דער גוטער יאָר געטראָגן, איך זאָל דעם אַנדערן חדר פאַרדינגען דער מיטניטשקע, גנעסיע הייסט זי. זי האַלט אַ קלייטל פון מעל האַלט זי. אַ גוטע שטוקע!... תחילת, איר זאָלט זען, איז זי געווען ווייך, ווי אַ האָניקטייגל, קוצעניו־מוצעניו, נשמהניו, האַרצעניו, זי וועט מיר דאָס, זי וועט מיר יענס... וואָס באַדאַרפט זי דען, משטיינס געזאָגט? אַ שטיקל אויוון אַף צושטעלן דאָס טעפל, אַן עק בענקל אַף אויסזאַלצן דאָס שטיקל פלייש איין מאָל אין וואָך, און אַ ברעג טישל אַף אויסקאַטשען אַ בלעטל לאָקשן איין מאָל אין אַ יובל... „און די קינדער, זאָג איך, ווו וועט איר אַהינטאָן די קינדער אײַערע ווו? איר האָט דאָך, גנעסיע, זאָלן געזונט זײַן, קליינע קינדער האָט איר דאָך!"... „ווייס איך, זאָגט זי, וואָס איר רעדט, יענטע־לעבן! איר ווייסט דען, וואָס דאָס איז פאַר קינדער? בעריליאַנטן, נישט קיין קינדער! זומער־לעבן וואַלגערן זיי זיך אין דרויסן אַ גאַנצן טאָג, און ווינטער פאַרקלײַבט מען זיך אַפן אויוון, ווי די שעפעלעך, און מע הערט נישט פון זיי קיין פּיפּס. איין חסרון נאָר, וואָס זיי דאַרפן, קיין עין־הרע, אַ סך, האָבן ליב קײַען, פּיקערס, קיין עין־הרע"... נו־נו! אוודאי האָב איך מיר געקויפט אַן אומגליק אַף מײַנע שונאימס קעפּ! מילא קינדערלעך — איינס און איינס, איבערגעוואַשענע, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, אַ שטיקל ברויט איז פאַר זיי נישט אויפצועסן! טאָג ווי נאַכט איז באַ זיי הוהאַ! מע שרײַט און מע קוויטשעט, מע הרגעט זיך און מע שלאָגט זיך — אַ גיהנם! וואָס זאָג איך אַ גיהנם? דער גיהנם, זאָג איך אײַך, איז גאָלד!... נאָר מיינט נישט, אַז איר זײַט פאַרטיק. דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה, וואָרעם אַ קינד קאָן מען אײַנשטילן: אַ זעץ, אַ פּאַטש, אַ קניפּ — פאַרט אַ קינד! האָט איר גאָט געגעבן אַ מאַן, עוזר הייסט ער; איר מוזט אים קענען, ער איז אונטער־שמש אין אונטערשטן קלײַזל, נעבעך אַ כשרער ייִד און, דאַכט זיך, גאָר נישט אַזאַ גרויסער

נאר אויך; זאָלט איר הערן, ווי זי באַגראָבט אים, גנעסע הייסט דאָס: עוזר, אַהין! עוזר, אַהער! עוזר, דאָס! עוזר, יענס! עוזר־עוזר! עוזר־עוזר!... און ער — אָדער ער זאָגט־אָפּ אַ ווערטל (ער איז נאָך אַ ווערטל־זאָגער צו די צרות), אָדער ער רוקט־אָן דאָס היטל און גייט אַוועק... ס׳איז נאָר, זאָג איך אײַך, אַ הצלחה און גענוג!...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: שלעכטע שכנים... שלעכט צו שלעכט איז נישט גלײַך! לאָז מיר דאָס דער רבונו־של־עולם נישט פאַררעכענען פאַר קיין לשון־הרע; איך דאַרף אָפּ איר, וואָס איז שײַך, קיין שלעכטס נישט ריידן. וואָס האָב איך צו איר? זי איז אַ ייִדענע, וואָס האָט ליב געבן אַן אָרעמאַן אַ שטיקל ברויט. נאָר דער גוטער יאָר זאָל זי וויסן: אַז עס קומט איר אָן די מאַנ־קאָליע — זאָל גאָט שומר ומציל זײַן! ס׳איז אַ בזיון צו דערציילן: קיין אַנדערן וואָלט איך דאָס געוויס נישט געזאָגט, נאָר בײַ אײַך, ווייס איך, וועט דאָס זײַן אַ סוד... ששש... זי פּאַטשט אים אונטער... דעם מאַן, הייסט דאָס... אַז קיינער זעט נישט... „אַי, זאָג איך צו איר, גנעסע, גנעסע! ווי האָט איר קיין מורא נישט פאַר גאָט? פאַר גאָט ווי האָט איר קיין מורא נישט?".. זאָגט זי: „ס׳איז נישט אײַער באַבעס דאגה"... זאָג איך: „אַ שיינע ריינע כפּרה"... זאָגט זי: „לאָז דער זײַן די כפּרה, וועך עם קוקט אַרײַן אין יענעמס טעפּל"... זאָג איך: „לאָז דעם אַרוים די אויגן, וועך עס האָט קיין בעסערס נישט געזען"... זאָגט זי: „לאָז דעם פאַרלייגן, וועך עם הערט זיך צו"... וואָס זאָגט איר אָפּ אַזאַ פּיסקאַטע?...

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: איך האָב ליב ריין... למאַי זאָל איך לייקענען? וואָס קומט מיר דערפאַר? קאָן זי אפשר נישט לײַדן, גנעסע הייסט דאָס, למאַי בּאַ מיר איז ריין, בּאַ מיר איז שיין, בּאַ מיר איז ציכטיק, בּאַ מיר איז ליכטיק. און בּאַ איר? איר זאָלט זען — תמיד חושך, שטענדיק פינצ־טער, פאַרטיאַפּעט און פאַרשליאַפּעט ביזן האַלדז, די פּאַמוניצע פול ווי אַן אויג — טפו!... קומט דער פרימאָרגן — איז הימל עפן זיך! ס׳איז דען קינדער? שדים, נישט קיין קינדער! פּונקט ווי מײַן דווידל, להבדיל באלף הבדלות! וואָרעם מײַן דווידל זאָל געזונט זײַן איז דאָך אַ גאַנצן טאָג אין חדר איז ער, און קומט באַנאַכט, נעמט ער זיך צו דער אַר־בעט: אָדער ער דאַוונט, אָדער ער לערנט, אָדער ער קוקט אַזוי אַרײַן אין אַ ספר קוקט ער. און אירע קינדערלעך — גאָט זאָל נישט שטראָפן

פֿאַר די רייד! אָדער סע עסט, אָדער סע וויינט, אָדער סע שלאָגט זיך קאָפּ אָן וואַנט... איר פֿאַרשטייט? בין איך שולדיק, אַז גאָט האָט זי געבענטשט מיט אַזאַ כאָליאַסטרע פֿון סאַוווּלעס און פֿון גאַנצעס, און מיר האָט ער געשענקט אַזאַ מתּנה, אַ שטיק גאָלד, אַ ברילִיאַנט, עס זאָל מיר נאָר נישט פֿאַרשטערט ווערן, רבונו־של־עולם, וואָרעם ער קאָסט מיך גענוג טרערן קאָסט ער מיך! קוקט נישט, וואָס איך בין אַ ייִדענע! אַ מאַנצ־ביל אַף מײַן אָרט וואָלט דאָס געווים נישט איבערגעטראָגן! עס זאָל אײַך צו קיין חרפּה נישט זײַן. פֿאַראַן מאַנצבילן אַזעלכע, וואָס זײַנען טויזנט מאָל ערגער פֿון ווײַבער זײַנען זיי; אַז סע קוועטשט זיי צו עפּעס אַ זאַך, ווייסן זיי נישט, ווו זיי זײַנען אין דער וועלט... וואָס דאַרפֿט איר אַ סך ראַיות? אָט נעמט, למשל, יאָסע משה־אַברהמס: כּל־זמן פֿרומע־נעבע האָט אים געלעבט, האָט ער זיך געהאַלטן, און אַז זי איז, נישט דאָ געדאַכט, געשטאָרבן, האָט ער אָפּגעלאָזט הענט און פֿיס און לײַב און לעבן... „רב יאָסע, זאָג איך צו אים, גאָט איז מיט אײַך! מילא, אַז סע שטאַרבט אַ ווײַב, וואָס זאָל מען טאָן? ס'איז אַ גאָטס זאַך!"... ה' לקח ה' נתן, ווי אַזוי שטייט דאָרטן געשריבן בּאַ אונדז אין די הייליקע ספֿרים? אײַך באַדאַרף מען נישט דערציילן, מסתמא ווייסט איר בעסער...

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איך זאָגט: אַ בן־יחיד... ער איז בּאַ מיר איין־און־ איינציקער, ווי זאָגט איר: איין אויג אין קאָפּ, דווידל הייסט עס. איר קענט אים נישט? ער הייסט נאָך מײַן שווער דוויד־הערש הייסט ער. איר זאָלט אים זען — אינגאַנצן דער פֿאָטער, אים צו לענגערע יאָר, אינגאַנצן משה־בנציון, אַפֿילו די וווּקס די אייגענע, און דאָס פּנים — ווי בּאַ אים, עליו השלום: געל, אויסגעדאַרט, אויסגעדיוועט, הויט און ביינער, און שוואַך, שוואַך, אויסגעמוטשעט נעבעך פֿונעם חדר, פֿון דער גמרא... „אָבער גענוג דיר, זאָג איך צו אים, גענוג דיר, זונעניו, רו זיך אָפּ אַ ביסל, זע וואָס פֿאַר אַ פּנים דו האָסט, נעם עפּעס אין מויל אַרײַן, זאָג איך, עס עפּעס, טרינק עפּעס, נאַ דיר אַ גלעזל ציקאָריע נאַ דיר!"... „ציקאָריע, זאָגט ער, טרינק בעסער אַליין, מאַמע; דו האָרעוועסט, זאָגט ער, איבערן כּח. איך וואָלט דיר בעסער געהאָלפֿן, זאָגט ער, טראָגן דעם קאָשעק פֿונעם מאַרק"... „ס'אַ משל! — זאָג איך, — וואָס רעדסטו וואָס? דו ווייסט, וואָס דו רעדסט? וואָס הייסט, דו וועסט טראָגן קאָשעקעס? נישט דערלעבן וועלן דאָס מײַנע שונאים, איך האָב גענוג שונאים! דו באַדאַרפֿסט, זאָג איך, לערנען, זיצן

און לערנען!"... און בשעת מעשה קוק איך אף אים, אף מײַן דווידלען הייסט דאָס, — אינגאַנצן ער, עליו־השלום, אפילו מיטן הוסט, פאַרפינצ־טערט און פאַרוויסט בין איך געוואָרן! יעדער הוסט, וואָס ער טוט, רײַסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ! וואָרעם איידער איך האָב אים דערלעבט צו זען אַ שטיקל מענטש, זײַנען מיר גוט די אויגן אַרויסגעקראָכן! אַז בסך־הכּל, דאַרפֿט איר וויסן, האָט זיך גאָר קיינעם נישט געגלויבט, אַז דאָס קינד זאָל בלײַבן לעבן זאָל דאָס, וואָרעם ווי ערגעץ אַ שלאַק, אַ צרה, אַ חולאת — איז דאָס געווען בא אים: טאָמער ווילט איר מאָזלען — איז מאָזלען, פּאָקן — איז פּאָקן, און דיפטעריטן, און שקאַרלאַטינעס, און זאַווּעלקעס, און זוביטשעס, און וואָס ניט?... די נעכט, וואָס איך בין אויסגעזעסן איבער אים, זאָל מיר גאָט נישט רעכענען; אַפּנים, אַז די טרערן מײַנע, און אַ ביסל טאַקע זכות־אָבות האָבן זיך אַרײַנגעמישט, און איך האָב קוים־קוים דערלעבט די בר־מצווה זײַנע! מיינט איר דאָך, אַז ס'איז אַן עק? הערט־זשע אויס אַן אַנטיק: באַדאַרף ער ניט גיין איינ־מאָל באַנאַכט, ווינטער איז דאָס געווען, פֿונעם חדר, און באַגעגענען עפּעס איינעם אָנגעטאָן אין גאָלע וויַיסן און פּאַטשן מיט ביידע הענט?... אַוודאי האָט זיך געבעך דאָס קינד איבערגעשראָקן אַף טויט און איז אַנידערגעפֿאַלן חלשות אָפּן שניי, און מע האָט אים געבראַכט אַהיים אַ טויטן האָט מען אים געבראַכט, קוים־קוים אָפּגעמינטערט; און אַז מע האָט אים אָפּגעמינטערט, האָט ער זיך ערשט דעמאָלט אַנידערגעלייגט, אַ וויטיק איז דער מאַמע זײַנער, און איז אָפּגעלעגן אין אַ העליש פֿײַער אַזוי גרויס אַזוי קליין, ווי זעקס וואָכן!... ווי אַזוי איך האָב איבערגע־לעבט אָט דאָס שטיקל צײַט — איז טאַקע נאָר אַ נס מן השמים! וואָס האָב איך דעמאָלט נישט איבערגעטאָן? געגעבן נדרים, פֿאַרקויפֿט אים און צוריק אויסגעקויפֿט, צוגעזעצט אים נאָך אַ נאָמען (חיים־דוויד־הערש), און טרערן — טרערן, ווער רעדט פֿון טרערן? „גאָטעניו, האָב איך גע־טענהט צום רבונו־של־עולם, ווילסט מיך שטראָפֿן? שטראָף מיך מיט וואָס דו ווילסט, נאָר מײַן קינד זאָלסטו בא מיר ניט צונעמען זאָלסטו ניט!"... און אַז גאָט האָט מיר געשענקט די מתּנה, ער איז געזונט גע־וואָרן, מאַכט ער צו מיר: „דו ווייסט, מאַמע? איך קאָן דיר אָפּגעבן אַ גרויס פֿונעם טאַטן. דער טאַטע איז בא מיר געווען צו־גאַסט"... דער־הערט די דאָזיקע ווערטער, איז מיר שיר די נשמה אַרויס, און דאָס האַרץ — טיאָך־טיאָך־טיאָך!... „לאָז ער זיך מיִען, זאָג איך. אַ סימן,

אַז דו וועסט, אם ירצה השם, לאַנג לעבן און זײַן געזונט"... אַזוי זאָג איך אים, און דאָס הארץ — טיאָך־טיאָך־טיך!... ערשט אָט־שפּעט, אין אַ צײַט אַרום, ווער איך געוואָר, אַז דער, וואָס איז געווען אַנגעטאָן אין ווײַסן און געפּאַטשט מיט די הענט, ווייסט איר, ווער דאָס איז געווען? אַנו, טרעפט, רבי, איר זײַט דאָך אַ חכם! — רב ליפּאַ איז דאָס געווען, ליפּאַ דער וואַסערפירער! ער האָט זיך יענעם טאָג, פאַרשטייט איר מיך, געקויפט אַ נײַעם פּעלץ אַ ווײַסן, און מחמת דער פראָסט האָט געברענט, האָט ער זיך געוואָלט אַ ביסל דערוואַרעמען, האָט ער געפּאַטשט אַ האַנט אָן אַ האַנט — מײַנע צרות אויף זײַן קאָפּ! האָט איר געהערט אַ השנה, אַ ייִד זאָל זיך אָנטאָן אין אַ ווײַסן פּעלץ גאָר אין מיטן דרינען?...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: געזונט... געזונט — דאָס איז דער עיקר. אַזוי זאָגט דער דאָקטער אונדזערער און הייסט מיר, איך זאָל אים פילגעווען זאָל איך אים, קאָכן יאַיכלעך, אַלע טאָג אַ יאַיכל, זאָגט ער, כאָטש פון אַ פערטל עוף, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספירן, האָדעווען אים, זאָגט ער, מיט מילך און מיט פּוטער און מיט טשעקאָלאַד, אויב איך קאָן, זאָגט ער, אויספירן... אַ שיינער משל — אויב איך קאָן אויספירן? אפנים, ס'איז דען פאַראַן איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס איך זאָל פון דווידלס וועגן ניט קאָנען אויספירן? ס'איז עפּעס אַ תירוץ? און אַז מע זאָל מיר זאָגן, אַשטייגער, כדומה למשל: גיי, יענטע, גראָב ערד, האַק האָלץ, טראָג וואַסער, קנעט לײם, באַגנבע אַ קלויסטער, אַבי פון דווידלס וועגן — איז אפילו אין מיטן האַלבע נאַכט אינעם גרעסטן פראָסט! אָט האָט זיך אים פאַרוואָלט הײַנטיקן זומער ביכלעך אַזעלכע, ספרים מסתמא, וואָס איך האָב זיי ניט, און מחמת איך גיי אַרײַן אין די גרעסטע הײַזער גיי איך, האָט ער מיך געבעטן, טאָמער קאָן איך אים קריגן די דאָזיקע ביכלעך, צי די ספרים, און האָט מיר פאַרשריבן אויף פּאַפּיר האָט ער מיר. קום איך צו גיין און באַווײַז דאָס פּאַפּיר און בעט באַ זיי די ביכלעך, צי די ספרים, איין מאָל און צוויי מאָל און דרײַ מאָל. לאַכן זיי פון מיר: „צו וואָס טויג אײַך, יענטע, אַזעלכע ביכער? איר האָדעוועט מיט זיי די עופות, די נענדז מיט די קאַטשקעס?"... „לאַכט, לאַכט, לאַכט, טראַכט איך מיר, אַבי מײַן דווידל וועט האָבן אין וואָס אַרײַנצוקוקן וועט ער האָבן"... גאַנצע נעכט, גאַנצע נעכט קוקט ער אַרײַן אין די דאָזיקע ביכלעך, צי די ספרים, און בעט מיך, איך זאָל אים ברענגען נאָך און נאָך. וועל איך אים זשאַ־

לעווען? טראָג איך אָפּ די און נעם נאָך... קומט צו גיין אַ חכם אַ דאָקטער און פרעגט מיך, צי קאָן איך אויספירן פון זײַנעטוועגן אַלע טאָג אַ יאַיכל כאָטש פון אַ פערטל עוף? און פון דרײַ פערטל עוף, אַז מע באַדאַרף, וועל איך קוקן אַף דרך־ארץ? פון וואַנען נעמט זיך, פרעג איך אײַך, אַזעלכע דאָקטוירים אַף דער וועלט? ווו וואַקסן זיי אויס? אַף וועלכע הייוון ראָשטשינעט מען זיי און אַף וואָסער אויוון באַקט מען זיי?...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: יאַיכלעך... שטעל איך אים צו אַלע טאָג אַ יאַיכל פון אַ פערטל עוף, און פאַרנאַכט, אַז ער קומט צו גיין פונעם לערנען, עסט ער, און איך זעץ מיך אַוועק אַקעגן מיט אַן אַרבעט אין דער האַנט און ווער גרעבער ווי לענגער ווער איך, און איך בעט גאָט, גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל אים מאָרגן, אם־ירצה־השם, ווידער קאָנען צושטעלן אַ יאַיכל פון אַ פערטל עוף.. „מאַמע, זאָגט ער מיר, פאַר וואָס עסטו נישט מיט מיר?" „עס געזונט, זאָג איך, איך האָב שוין אָפּגעגעסן"... „וואָס האָסטו געגעסן?" זאָגט ער. „וואָס איך האָב געגעסן, זאָג איך, האָב איך געגעסן, אַבי איך האָב שוין געגעסן. עס געזונט!" און אַז ער לערנט־אָפּ די ביכלעך, צי די ספרים, נעם איך ערשט דעמאָלט אַרויס פונעם אויוון אַ פאָר געבאַקענע קאַרטאָפל נעם איך, אָדער איך רײַב אָן אַ שטיקל ברויט מיט ציבעלע רײַב איך, און מאַך מיר אַ סעודה... און איך שווער אײַך בנאמנות, איך זאָל אַזוי דערלעבן אָן אים נחת מיט אַלדאָס גוטס, אַז איך האָב הנאה פון דער דאָזיקער ציבעלע אַ סך מער, ווי פון דעם שענסטן געבראָטנס, ווי פון דער בעסטער יויך, וואָרעם איך דערמאָן מיך, אַז דווידל האָט, קיין עין־הרע, געגעסן אַ יאַיכל פון אַ פערטל עוף, און, אם־ירצה־השם, אַף מאָרגן איז ווידער פאַראַן אַ יאַיכל פון אַ פערטל עוף!... איין שטיקל חסרון נאָר — אָט דאָס הוסטן, וואָס ער הוסט נעבעך אַלע מאָל: קאַכי־קאַכי! קאַכי־קאַכי!... איך בעט דעם דאָקטער בעט איך, ער זאָל אים עפּעס געבן צום הוסט. זאָגט ער: „וויפל איז אַלט געווען דער מאַן מײַנער, משה־בנציון עליו־השלום, בשעת ער איז געשטאָרבן, און פון וואָס איז ער געשטאָרבן?"... „פונעם טויט, זאָג איך, איז ער געשטאָרבן, פונעם טויט. ס'איז אים אויסגעגאַנגען, זאָג איך, יאָרן, איז ער געשטאָרבן... וואָס איז דאָס פאַר אַ משל אַהערצוצו?"... „איך באַדאַרף דאָס וויסן, זאָגט ער, איך האָב באַטראַכט אײַער זון, איר האָט אַ ווילן זון, אַ געראָטענעם"... „אַ שיינעם דאַנק אײַך, זאָג איך, דאָס ווייס איך אַליין. איר

גיט מיר בעסער א רפואה צום הוסט גיט מיר, ער זאָל אויפהערן הוסטן זאָל ער מיר"... „דאָס קאָן מען ניט, זאָגט ער, איר דאַרפט נאָר, זאָגט ער, אכטונג געבן, ער זאָל ווינציקער לערנען"... „וואָס דען, זאָג איך, זאָל ער טאָן?" „ער זאָל עסן א סך, זאָגט ער. און גיין שפּאַצירן אַלע טאָג, און דער עיקר — נישט זיצן באַנאַכט איבער די ביכער. אויב עס איז אים באַשערט, זאָגט ער, זיין אמאָל א דאָקטער, וועט ער נישט אָנוווערן שפּעטער מיט עטלעכע יאָר"... „וואָס עס האָט זיך מיר געחלומט, טראַכט איך מיר, יענע נאַכט און היינטיקע נאַכט און א גאַנץ יאָר! עפּעס רעדט ער נישט צו דער זאַך, טאַקע נאָר ווי א דולער רעדט ער! וואָס הייסט, מיין דווידל וועט זיין א דאָקטער גאָר? פאַר וואָס זאָל ער בעסער ניט זיין קיין גובערנאַטער פאַר וואָס?"... קום איך צו גיין אַהיים און דער־צייל דאָס מיין דווידלען דערצייל איך דאָס, ווערט ער רויט ווי פייער און רופט זיך אָן צו מיר: „ווייסטו וואָס, מאַמע? גיי נישט מער צום דאָקטער און רייד נישט מיט אים"... „איך וויל שוין אפילו, זאָג איך, זיין פּנים נישט אָנקוקן! איך זע דען ניט, אז ער איז א חושים?"... א דאָקטער זאָל דיר האָבן א מאָדנע טבע, ליב האָבן זיך אריינלאָזן אין אַזעלכע דרכים, נאָר אויספרעגן באַם חולה: פון וואָס ער לעבט, און ווי אזוי ער לעבט, און וווּ נעמט ער אָפּ צו לעבן?... וואָס גייט דאָס דיך אָן? מע שענקט דיר א האַלב קערבל? — נעם און פאַרשרייב א רעצעפּט!...

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: מען איז כסדר פאַרטאַרעאַמט... אוודאי איז מען פאַר־טאַרעאַמט און מע שלאָפט אין שלייער, אז מע האָט א קאַשעק מיט אייער, מיט עופות, מיט געגנדז און מיט קאַטשקעס, און עטלעכע נגידיתטעס אָפּ זיך, וואָס איטלעכע וויל פריִער, האָט מורא, טאָמער האָט יענע אויסגעקליבן די בעסטע אייער מיט די שענסטע עופות. ווען איך האָב צייט, זאָגט שוין איר אַליין, קאָכן יאַיכלעך, אז איך בין קיינמאָל ניטאָ אין דער היים? נאָר א ייִד א למדן, ווי זאָגט איר, גיט זיך אן עצה: גאַנץ פרי, איידער איך קלייב מיך ארויס אין מאַרק, הייץ איך איין אין אויוון הייץ איך, נאָכדעם כאַפּ איך מיר אראָפּ אָפּ א מינוט און זאַלץ־אויס דאָס פערטל עוף זאַלץ איך, און גיי אָפּ דער אַרבעט, און כאַפּ מיך ווידער אראָפּ און גיס־אָפּ דאָס פלייש גיס איך, און שטעלצו דאָס טעפּל שטעל איך, און בעט זי, די שכנה מיינע, גנעסען הייסט דאָס, זי זאָל אכטונג געבן אָפּן טעפּל זאָל זי, דאָס הייסט, אז דאָס טעפּל וועט

פארזידן, זאָל זי דאָס צודעקן מיט דער פּאָקרישקע און פארשארן מיט אַש — אַ גרויסע ארבעט, משטיינס געזאָגט! וויפל מאָל מאַכט זיך, אַז איך קאָך־אָפּ פון אירטוועגן אַ גאַנצע וועטשערע? מען איז דאָך עפּעס ייִדן, ווי איז מיר, מע זיצט דאָך צווישן מענטשן, ניט אין קיין וואַלד זיצט מען!... און שפּעטער, אַפּדערנאָכט, אַז איך קום אַהיים פון דער ארבעט, צעבלאָזט איך ערשט אַ פייַער צעבלאָזט איך, און ווארעם־אָן דאָס טעפּל, און ער עסט אַ פּריש יאיכל עסט ער... וואָלט, דאַכט זיך, געווען גוט, איאָ? איז דאָך אָבער מיַין שכנה, ניט אויסגערעדט זאָל זיַין, מחילה אַ גרויסע... איך וויל ניט זאָגן וואָס... איז זי זיך מיישב היַינט אין דער פרי און שטעלט זיך אוועק קאָכן פון אירע קינדערס וועגן אַ מילכיקן אָנבייַסן — האַלעשקעס אָדער באַלאַבעשקעס מיט מילך. וואָס איז דאָס פאַר אַ מאכל באַלאַבעשקעס מיט מילך? און וואָס עפּעס פלוצים אין מיטן מיטוואָך שבת־צו־נאַכט? לאָז מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע! אַ מאָדנע ייִדענע אָט די מיטנימשקע! באַ איר איז אָדער גאָר, אָדער גאָרניט. דריַי טעג קאָן אוועקגיין זאָל זי ניט צעליַיגן קיין פייַער אין אויוון, און פלוצים קומט איר אָן — זאָל זי נעמען אָנבוימן אַ גאַנצע פּאָמוניצע, כלומרשט אַ היר־זשענעס קאָוליש אָדער אַ קרופּניק, וואָס מע באַדאַרף אָנטאָן אַ פּאָר ברילן, מע זאָל דאָרטן דערזען אַ הירזשעלע, אָדער גאָר אַ טאָפּ מיט פּיש־קאַרטאָפּלעס, וואָס די ציבעלעס לאָזן זיך הערן פאַר אַ מיַיל און פונעם פעפער, וואָס זי האָט אָנגעפעפערט, גייען זיי אום נאָכדעם אַלע אַ גאַנצע מעת־לעת, האַלטן אָפן די מיַילער און האַקן: הוא־הוא!...

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: שלים־מזל... איז זיך מיישב די שכנה מיַינע און פאַרקאָ־לאָטשעט באַלאַבעשקעס פון רעטשענע מעל און שטעלט־צו אַ קריגל מיט מילך שטעלט זי אין אויוון, סע זאָל אויפזידן, און צווישן די קינדער אירע ווערט אַ שמחה, אַ גדולה, טאַטעניו! זיי האָבן קיינמאָל ניט געזען קיין ביסל מילך, אַפּנים. מאָלט איַיך, נישט מער זאָלן אונדזערע שונאים פאַרמאָגן, וויפל דאָרט איז געווען מילך! אפשר צוויי לעפל, דאָס איבע־ריקע וואַסער. נאָר באַ אַזעלכע קבצנים, משטיינס געזאָגט, איז דאָס אויך אַ זאַך!... דערוויַיל טראָגט־אָן דער גוטער יאָר דעם שמש. עס וויַיזט אויס, אַז עוזר האָט נאָך אין קליַיזל אָנגעשמעקט, אַז אין דער היים באַ אים קאָכט זיך אַ גנידישער אָנבייַסן קאָכט זיך, איז ער געקומען צו פליִען מיט אַ ווערטל, ווי דער שטייגער זיַינער: „אַ גוט יום־טוב!"... „אַ

וויסטער, א פינצטערער גוט יום־טוב אף דיר, זאָגט זי, וואָס אזוי פרי?"... „איך האָב מורא געהאַט, זאָגט ער, טאָמער, חלילה, פאַרשפּעטיק איך דאָ א ברכו... וואָס קאָכט זיך דאָס בא דיר אין אויוון?"... „קדחת, זאָגט זי, פון דײַנעטוועגן אין א קליין טעפּעלע"... „פאַר וואָס ניט, זאָגט ער, אין קיין גרויסן טאָפּ, וואָלט שוין געווען פאַר אונדז ביידן?"... „א, פאַר־כאַפּט זאָלסטו ווערן מיט דײַנע ווערטלעך!" — זאָגט זי אָנגעצונדן, און נעמט דעם ראַהעטש און טוט א כאַפּ דאָס קריגל. טוט זיך דאָס קריגל א קער־איבער, און די מילך — פליוך איבערן גאַנצן אויוון!... א גוואַלד, א רעש, א געפּילדער! גנעסע שעלט דעם מאַן מיט טויטע קללות; זײַן גליק, וואָס ער האָט זיך אָפּגעטראָגן באַצײַטנס. און די קינדער נעבעך זײַנען אַראָפּ פונעם אָפּן־אויוון און האָבן געמאַכט א געוויין מיט א געשריי, גלײַך ווי מען האָט זיי אָפּגעקוילעט טאַטע־מאַמע... א כפּרה, זאָג איך, אײַערע באַלאַבעשקעס מיט מילך — מײַן הווידלס יאַיכל, האָב איך מודה, איז יאָ פאַרפאַלן, און דאָס טעפּל מײַנס איז חלילה טרפה געוואָ־רן!"... „כאַפּט דער רוח דאָס יאַיכל אײַערס מיטן טעפּל, זאָגט גנעסע מײַנע באַלאַבעשקעס מיט מילך זײַנען אפשר בא מיר אזוי טײַער, ווי אײַ־ערע אַלע טעפּלעך מיט אַלע אײַערע יאַיכלעך, וואָס איר קאָכט פון אײַער קדיש וועגן!"... „ווייסט איר וואָס, זאָג איך, זײַן זאָלט איר אַלע די כפּרה פאַר מײַן דווידלס מינדסטן נאָגל פונעם קלענסטן פינגערל!"... „ווייסט איר וואָס, זאָגט זי, זײַן זאָל דווידל די כפּרה פאַר אונדז אַלעמען, עד איז איינער!"... וואָס זאָגט איר אף אזא הולטאַיקע? איז זי ניט ווערט גע־ווען, מע זאָל איר צעפּאַטשן די פּיסקעס מיט א נאַסער האַנטשירקע?...

— יאָ, אַקעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: פון מילכיקס מיט פליישיקס אין איין אויוון קאָן קיין גוטס ניט אַרויס... האָט זיך דאָס קריגל, הייסט דאָס, געשטעלט פּאָפּעריק, און די מילך — הויז איבערן גאַנצן אויוון. האָב איך מורא, טאָמער, חלילה, האָט זיך דאָס אָנגערירט אָן מײַן יויך־טעפּל, בין איך א פאַרפאַלענע בין איך! כאָטש אַפילו, צוריק שמועסנדיק, ווי קומט די מילך צו מײַן טעפּל, אַז מײַן טעפּל איז געשטאַנען פאַררוקט אין אַש העט־העט אין א ווינקעלע? נאָר אויך די אייגענע מעשה, איך קאָן ערב זײַן? א קשיה אף א מעשה! מײַן פינצטער מזל! טאָמער?... איך וועל אײַך זאָגן דעם רעכטן אמת וועל איך אײַך: מילא, דאָס יאַיכל ווי דאָס יאַיכל; עס טוט מיר אוודאי האַרצעדיק באַנג, וואָס וועט ער נעבעך עסן,

דווידל? נאָר מסתמא וועל איך שוין עפּעס צוטראַכטן פון זײַנעטוועגן מסתמא; איך האָב נעכטן געבראַכט גענדז פון דער שחיטה, געמאַכט אָבדערקעס אַף צו פאַרקויפן, איז מיר פאַרבליבן אַ ביסל דרויב אַף שבת: קעפּלעך, קישקעלעך, דאָס, יענס — מען קאָן שוין עפּעס מאַכן דערפון! איז מיר אָבער שלעכט — איך האָב נישט קיין טעפּל האָב איך נישט. איך האָב מורא, טאָמער מאַכט איר מיר טרפה דאָס טעפּל, בין איך געבליבן אָן אַ טעפּל, און אָן אַ טעפּל בין איך ווי אָן אַ האַנט בין איך, וואָרעם איך האָב אינגאַנצן איין טעפּל. דאָס הייסט, האָבן האָב איך געהאַט דרײַ טעפּלעך פליישיקע, האָט באַ מיר גנעסע, אַף קיין גוט אָרט זאָל זי אײַך נישט שטיין, איינמאָל אַנטליִען אַ טעפּל, אַ שפּאָגל־נײַ טעפּל, און גייט און גיט מיר אָפּ אַ שטשערבאַטע טעפּל. זאָג איך צו איר: „וואָס איז דאָס פאַר אַ טעפּל?”... זאָגט זי: „ס'איז אײַער טעפּל”... זאָג איך: „ווי קומט צו מיר אַ שטשערבאַטע טעפּל, אַז איר האָט באַ מיר גענומען אַ גאַנץ טעפּל?”... זאָגט זי: „שאַט, שרײַט ניט אַזוי, מע ווערט פון אײַך ניט גליקלעך! ערשטנס, האָב איך אײַך אָפּגעגעבן אַ גאַנץ טעפּל; צווייטנס, אַז איך האָב באַ אײַך גענומען דאָס טעפּל, איז דאָס געווען אַן אָנגעשטשערבעט טעפּל; און דריטנס, האָב איך באַ אײַך קיינמאָל נישט גענומען קיין טעפּל, איך האָב מיר מײַן טעפּל, און טשעפּעט זיך אָפּ פון מײַן לעבן!”... אַ הולטאַיקע קאָן!...

— יאָ, אַקעגן וואָס־זשע איז דאָס געקומען צו רייד? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט, אַז טעפּלעך אין בעל־הבתישקייט איז קיינמאָל נישט צו פיל... בין איך, הייסט דאָס, ווי איר זעט, געבליבן באַ צוויי טעפּלעך גאַנצע טעפּלעך און איין טעפּל אַ שטשערבאַטע טעפּל, דאָס הייסט, צוויי טעפּלעך... נאָר ווי טאָר אַן אָרעמאַן האָבן צוויי טעפּלעך? באַדאַרף זיך מסתמא טרעפן אַזוי, אַז איך קום איינמאָל צו גיין פונעם מאַרק מיט די עופות קום איך, בינדט זיך אָפּ אַן עוף און דערשרעקט זיך פאַר דער קאַץ... וועט איר פרעגן: ווי קומט אַהער אַ קאַץ? אַלץ זי מיט אירע קדישים! דערטאַפּן זיי ערגעץ אַ קעצל, מוטשען זיי דאָס אַזוי לאַנג, ביז זיי פאַרמוטשען דאָס. „אַ צער בעלי־חיים! — טענהט מיט זיי מײַן דווידל — אַ לעבעדיקע זאַך!”... נאָר גיי רייד מיט אַזעלכע היצעלס, לײדיקגייערס, פּוסטעפּאַסניקעס!... בקיצור, זיי האָבן עפּעס אָנגעהאַנגען דער קאַץ אַפן שפּיץ ווײדל, האָט זי אָנגעהויבן שפּרינגען, מאַכן אָנשטעלן, האָט זיך דאָס עוף דערשראָקן און איז אַרויפגעפלויגן גלײַך אַף דער אויבערשטער פּאָלי־

צע — און טראָך אַ טעפּל אין דער ערד אַרײַן! איך מיינט אפשר — דאָס שמשערבאַטע טעפּל? אוודאי־יאָ, ס׳פאַרשטייט זיך! אַז ברעכן, וועט זיך ברעכן אַ גאַנץ טעפּל! דאָס איז שוין תמיד אַזוי, פון זינט די וועלט איז אַ וועלט!... איך האָב געוואָלט וויסן האָב איך געוואָלט, פאַר וואָס איז דאָס, למשל: צוויי מענטשן גייען, דער גייט און דער גייט; איינער איז אַ בן־יחיד, איין־און־איינציקער, אַ ציטעריקער בא דער מאַמען, און דער אַנדערער איז . . . רבוניו! גאָט איז מיט אײַך! וואָס איז אײַך אַזעלכס?... רביצין! רביצין! ווו זײַט איר ערגעץ?... אַהערצו גייט! גיכערט! דער רב איז עפּעס נישט מיט אַלעמען! ניט גוט געוואָרן... אַפּנים, אָפּ צו חלשן!... וואַסער! וואַסער!...

געשריבן אין יאָר 1901

גענדז

אַ מאָנאָלאָג פון אַ ייִדענע, וואָס הייסט בתיה, קוילעט גענדז חנוכה און פרעגלט שמאַלץ אַף פסח

— פאַראַיאָרן חנוכה האָב איך, נישט פאַר אייַך געדאַכט, נישט פאַר מיר געדאַכט, געהאַט אַן אומגליק מיט אַ גליק אינאיינעם. איר מעגט דאָס האָרכן; אַזאַ מעשה טרעפט זיך איין מאָל אין טויזנט יאָר! איך האַנדל מיט גענדז האַנדל איך און מיט פסחדיקער שמאַלץ שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר — האָט זיך מיר, הערט איר, אַזאַ מעשה נאָך נישט געטראָפן.

איך האַנדל מיט גענדז... איר מיינט, אָט אַזוי נעמט מען דאָס און מע האַנדלט? ראשית חכמה, הייבט זיך אָן אַזוי: קומט אָסיען־צייַט, אַרום נאָך סוכות, הייבט מען אָן אייַנקויפן גענדז, און פאַרוואַרפן די גענדז אַפן ווינטער אין שטייַג אַרייַן, און האָדעווען די גענדז, און אַכטונג געבן אַף די גענדז; און קומט חנוכה, הייבט מען אָן די גענדז קוילען און מאַכן פון גענדז געלט. נאָר איר מיינט, אַז אָט אַזוי גרינג קויפט מען גענדז, און מע פאַרוואַרפט גענדז, און מע קוילעט גענדז, און מע מאַכט פון גענדז געלט? ערשטנס, דאָס קויפן גענדז. קויפן גענדז דאַרף מען האָבן מיט וואָס. קיין לאַגער־געלט, קיין קאַפּיטאַלן אייגענע, הייסט עס, איז דאָך נישטאָ. מוז מען לייַען, אָנקומען צו רב אַלטערן. און רב אַלטערן קענט איר דאָך — ס'איז אַ ייִד, וואָס האָט ליב אויסקאָכן דאָס וואַסער. דאָס הייסט, אָפּזאָגן זאָגט ער נישט אָפּ, נאָר ער הייסט קומען מאָרגן, מאָרגן — איבערמאָרגן, נעמט אַרויס די נשמה. און ערשט נאָכדעם הייבט ער אָן ציִען די קליי: שלעפּן פּריצענט, צורעכענען טעג. ס'איז אַ גוטער רב אַלטער! נישט אומזיסט האָט ער אַזעלכע פּיסקעס, און זי, אַלטעריכע, מיין איך, האָט אַ פּנים — אַף אַלע מייַנע ליבע, און אַ פּאָר באַקן —

כאַטש אַ מעסער אָנצושאַרפֿן. הײַנט אירע פּערל! אָט האָט זי ערשט נישט לאַנג פֿאַרקנסט דאָס טעכטערל — איך זאָל דאָס פֿאַרמאָגן מיט אײַך אינאײנעם, הערט איר, אַ דריט־חלק, רבונו־של־עולם, וואָס דאָס קנס־מאָל האָט אָפּגעקאָסט, וואָלט איך פֿאַרשפּאָרט האַנדלען מיט גענדז... כאַטש אַ חתן האָט זי גענומען — שטראָף מיך, גאָט, אויב איך וואָלט אַזעלכס פֿאַר מײַנע זינד געגעבן מײַן טאָכטער, אַז בסך־הכל האָט ער נאָר אַ פֿליך — איר רופֿט עס פֿליך, איך רוף עס פּאַרך. נאָר ס'איז ניט מײַן באָבעס דאגה, איך רייד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פֿון לשון־הרע בין איך אויך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך אײנס מיטן אַנדערן. האָט קיין פֿאַראיבל נישט, ס'איז באַ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איר: אַ ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רייד...

אײַנקויפֿן גענדז... ווו קויפֿט מען גענדז? אפֿן מאַרק, מיינט איר דאָך מן הסתם? אוודאי־יאָ! מיר זאָלן דאַרפֿן אַלע גענדז צונויפֿקויפֿן אפֿן מאַרק, וואָלטן מיר געגאַנגען אין גאָלד! אַז איר ווילט קויפֿן גענדז אף מסחר, באַדאַרפֿט איר זיך מטריח זײַן אויפֿשטיין כאור, דעמאָלט ווען גאָט אַליין שלאָפֿט נאָך, און אַרויסגיין העט־ווײַט הינטערן שטאָט, אף יענער זײַט מיל. געפֿינט זיך אָבער נאָך איינע אַזאַ קלוגעטשקע, ווי איר, און קומט אַרויס נאָך פֿריִער פֿון אײַך אף יענער זײַט מיל. געפֿינט זיך נאָך אַ קליגערע פֿון יענער אויך און קומט־אַרויס נאָך פֿריִער און נאָך פֿריִער — וואָס טויג אײַך, סע ווערט אַ גאַנצער יריד, און דאָרטן שטייט מען און מע וואַרט און מע לאָקערט, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבן, אַ גוי וועט אַרויסברענגען אַ פּאָר גענדזלעך, באַפֿאַלט מען אים מיט די גענדזלעך פֿון אַלע זײַטן: „שאָ טאָבי, טשולאָוויטשע, זאַ גוסקו?״ — וואָס ווילסטו, הייסט עס, פֿאַרן גענדזל? איז אויב ס'איז אַ גוי אַ סוחר און לאָזט זיך ריידן, קאָנט איר זיך מיט אים כאַטש דינגען! און אַז נאָט העלפֿט, טרעפֿט איר אָן אף אַ מאַנקאָליניק, וואָס לאָזט נישט צו, כאַטש גיב אים אַ קרענק! „העט־באָ, שרײַט ער, גיי אוועק! נעמאַ או מענע גוסקו״ — איך האָב נישט, הייסט עס, קיין גענדזל! און גיי טו אים עפּעס! טענהט איר דאָך צו אים: „היתכן? שאָזש טי כאַטשעש, אַ סיפּע דיר אין פּנים, אי נעכײַ טובי באָזשע דאַיע קרענק אין די ביינער אי דאָברע קדחת!״... און ער — אין איין קול: „העט, נע פּראַדאַיו גוסקו״ — איך פֿאַרקויף נישט, הייסט עס, קיין גענדז!... און אַז גאָט האָט רחמנות געהאַט, דער גוי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס גענדזל פֿון דער האַנט,

באַדאַרף מען דאָס געַנדזל ערשט באַטראַכטן. און באַטראַכטן געַנדז באַדאַרף מען קאָנען; ס׳איז אַ סברה, הערט איר, אַז אַף געַנדז באַדאַרף מען זײַן אַ מבֿין, ווי, להבֿדיל, אַף בריליאַנטן. בײַ אײַך, למשל, קומט־אויס, אַז אַלע געַנדז זײַנען גלײַך. דאָס ווייסט איר, אַז ס׳איז פֿאַראַן געַנדז און ס׳איז פֿאַראַן גאָנערס? אַ גאַנדז איז נישט קיין גאָנער. אַ גאַנדז איז אַ גאַנדז, און אַ גאָנער איז אַ גאָנער. אַ גאַנדז נעמט אַף זיך שמאַלץ, און אַ גאָנער — מכּות. אײַ, ווי אַזוי ווייסט מען, וועלכעס איז אַ גאַנדז און וועלכעס איז אַ גאָנער? מע ווייסט שוין! ערשטנס, נאָכן טשובעקל — אַ גאָנער טראָגט אַ טשוביקל אַפֿן קעפּל און האָט אַ לאַנגן האַלדז. הײַנט דערקענט מען אַ גאָנער נאָכן קול — ער האָט אַ גראָב קול, ווי בײַ אַ מאַנצביל. און אַז ער גייט, גייט ער תּמיד פֿריִער פֿאַר די געַנדז, אויך ווי אַ מאַנצביל, ווי, להבֿדיל, אַ מענטש. בײַ אונדז אַ מאַנצביל, ער מעג זײַן דער גרעסטער שלים־מזל, אַבי אַ מאַנצביל, גייט ער אַף־צו־פֿריִער, ווי איינער רעדט: דאָס בין איך!... וואָס דאַרפֿט איר מער? אָט נעמט מײַן מאַן. דאַכט זיך, מע דאַרף שוין נישט קיין גרעסערן שלים־מזל, ווי מײַן נחמן־בער, וואָס האָט נישט געפּרוּווט פֿאַרדינען זינט איך קען אים פֿאַר אַ מאַן קיין צוויי צעבראָכענע גראָשן! דער גאַנצער יחוס — באשר בכן וואָס איז? ער קאָן לערנען, און וואָס ער איז יאַסקע דעם נגידס אַ ווײַטער קרובֿ, ווי זאָגט איר: דעם פֿערדס בײַטש־שטעקלס פּאָדקאָווע... פֿרעגט מיך, וואָס האָב איך פֿונעם נגיד דעם קרובֿ? די שונאים זאָלן דאָס פֿאַרמאָגן אַף אָן אָנבײַסן! עגמת־נפֿש האָב איך, צרות, מיט בזיונות נאָך, וואָס מע וואַרפֿט מיר אויס, אַז מײַן קרובֿה, מײַן קרובֿס שנור הייסט עס, גייט מיט די אייגענע האָר... און ס׳איז דווקא נישט קיין ליגן — זי איז אַ רעכטע טשאַטשקע! איך רייד נישט אַף איר חלילה קיין שלעכטס, און פֿון לשון־הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך איינס מיטן אַנדערן. האָט קיין פּאַראיבל נישט, ס׳איז בײַ מיר אַזאַ טבֿע, ווי זאָגט איר: אַ ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רייד...

אײַנקויפֿן געַנדז... אײַנגעקויפֿט די געַנדז, באַדאַרף מען, הייסט עס, די געַנדז פֿאַרוואַרפֿן אַפֿן ווינטער אין שטײַג אַרײַן. נאָר איר מיינט, אַז פֿאַרוואַרפֿן געַנדז איז שוין גאָר אַ גרינגע זאַך? האָט איר אויך אַ טעות! גוט איז צו פֿאַרוואַרפֿן געַנדז, אַז איך האָב מיר מײַן דירה מיט מײַן קאַמער און איך בין מיר, ווי זאָגט איר, איינע אַפֿן יריד. ווי־זשע איז אָבער דער דין, אַז איך בין געזעסן, נישט הײַנט געדאַכט, נישט פֿאַר

אײַך געדאַכט, נישט פאַר קײן שום ייִדן געדאַכט אין שכנות בײַ יענטען, קײן באַזונדער קעמערל האָב איך נישט געהאַט, און די בעל־הביתטע מײַנע אַלײן, יענטע הײסט עס, האָט אױך אונטערגעהאַנדלט מיט גענדז און מיט פּסחדיקער שמאַלץ, — אַנו, פּרוּװט, אַשטײגער, האָבן מיט יענטען גענדז אין אײן קאַמער און נישט פּאַטשן זיך מיט איר דרײַ מאָל אַ טאָג! האָט איר אײַך אײן מאָל אַװעק. הײַנט פּרוּװט זײַט אַ חכם און דערקענט, װעלכע גענדז ס'איז אײַערע גענדז און װעלכע גענדז ס'איז אירע גענדז? אַנומעלט, אַז איך בין, נישט הײַנט געדאַכט, נישט פאַר אײַך געדאַכט, נישט פאַר קײן שום ייִדן געדאַכט, געזעסן מיט איר אין שכנות, האָט זיך בײַ איר, בײַ יענטען הײסט עס, אױפגעריסן די שטײַג אין קעמערל און עס זײַנען אַרױס, זאָל זיך אײַך דאַכטן, אַלע גענדז און האָבן זיך צוגעכאַפּט צו מײַן קאָרעטע מיט האָבער, — איז װער האָט געהאַט היזק? װער האָט באַדאַרפט שרײַען? איך, צי זי? גײט זי נישט און פאַלט נישט אָן אױף מיר? זי זאָל געװען, זאָגט זי, װיסן, אַז איך האַנדל מיט גענדז, װאָלט זי מיר, זאָגט זי, נישט פאַרדונגען די דירה פאַר קײן הונדערט מיליאָן רענדלעך! זאָג איך צו איר: „מיט װאָס דען, האָט איר געמײנט, האַנדל איך? מיט בריליאַנטן?" זאָגט זי צו מיר: „איר זײַט אַלײן אַ גוטער בריליאַנט, און האָט אַ מאַן אַ בריליאַנט און קינדער בריליאַנטן!"... זאָל איך איר שװײַגן?... אַ מאָדנע ייִדענע אָט די יענטע! אַזױ װעט זי אײַך אָװעקגעבן דאָס לעבן מיט דער נשמה. טאָמער זײַט איר, חלילה, קראַנק, װעט זי זיך מפקיר זײַן פון אײַערטװעגן. נאָר אַ שפּילשליװע איז זי — מע זאָל באַהיט און באַװאָרנט װערן! אָט האָבן מיר זיך אײנמאָל, ערב־חנוכה איז דאָס געװען, — איך זאָל אײַך דער־צײלן, װאָלט איר אױף זיך די האָר געריסן!... דער חסרון, װאָס איך קוק נישט אַרײַן אין יענעמס טעפּלעך, און רײד נישט, חלילה, קײן שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך װײַט... נאָר איך מיש אײַך אײנס מיטן אַנ־דערן. האָט קײן פּאַראיבל נישט, ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע, װי זאָגט איר: אַ ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רײד...

איצטער גײט אַ סדרה: פאַרװאָרפן גענדז... אַז איר װילט, די גענדז זאָלן אײַך געראָטן, זאָלט איר פאַרװאָרפן די גענדז אינעם **א ל ט ן** חודש. נאָט זאָל אײַך היטן, איר זאָלט זיך צורירן צו גענדז אין אָנהײב חודש, תיכּף נאָכן מולד — ס'איז אַן אומגליק! די גענדז װעלן אײַך נים געראָטן: די גענדז װעלן זײַן גראָב אָפּן בײן, און דין אױף דער הױט, און

אף פלאַסטערן זאָלט איר זיך פון די ווענדז גאָר נישט ריכטן. פלאַסטערן פארגעסט! אויך באטאג, ווען איטלעכער דרייט זיך ארום, זאָלט איר קיין ווענדז נישט פארוואַרפן. גלײַכער פארנאַכט, בא א ליכט, אָדער אפילו אין דער פינצטער, נאָר בשעת מעשה זאָלט איר זיך געבן א קניפּ און זאָגן שטילערהייט דרײַ מאָל: „אזוי ווי איך בין אפן לײַב, אזוי זאָלסטו זײַן אפן לײַב"... מײַן מאַן לאַכט אפילו פון מיר און זאָגט, אז ס'איז ווערט א שמעק טאבעקע. נאָר איך זאָל וועלן צוהערן אלצדינג, וואָס ער זאָגט, וואָלט איך געוועזן לײַטן גלײַך. למאי ער פארגינט זיך זאָגן, דער מאַן מײַנער, — ער איז א גאַנצער למדן, זיצט טאָג ווי נאַכט און קוקט אין די ספרים, — אז כפּרות שלאָגן איז א נאַרישער מנהג? ווי געפעלט אײַך, אשטייגער? מאָלט אײַך, ער האָט זיך פון מיר נישט געגאַרט פאר אזעלכע ווערטער! „ביסט דאָס אליין טאקע דערגאַנגען, זאָג איך, מיט דײַן אייגענעם שכל?"... זאָגט ער: „סע שטייט אזוי געשריבן אין די ספרים". „קומט אוים, זאָג איך, אז איך, און די מאַמע מײַנע, און די מומע דבורה, און נחמה־בריינע, און סאָסע, און דוואָסע און צביה, און צפּורה און אלע — זײַנען בהמות?"... שווײַגט ער, דער חכם, און ס'איז זײַן גליק, וואָרעם איך קאָן אים, הערט איר, אפּשפּילן א פרימאָרגן, ער זאָל מיך געדענקען דרײַ טעג כסדר! איר מיינט, איך בין, חלילה, אזא ארורה, אן אָנבאַפּערן? גלייבט מיר, איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס הייסט א בן־תורה, א ייִד וואָס זיצט און לערנט, כאָטש ער טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער. איר מיינט, ער פוילט זיך? ער וואָלט נעבעך געטאָן אלצדינג, ס'זאָל נאָר זײַן וואָס... זיצט ער און לערנט. לאָז ער לערנען. וואָס דאַרף איך זײַן האָרעוואַניע, אז איך קאָן אליין באשטיין דאָס שטעטל מײַנס, אז איך קאָן אליין אויסקומען ווי ס'נישט איז מיט דער הוצאה אין שטוב, חלילה נישט אָנקומען צו יענעם. אליין, אומעטום אליין. אין מאַרק, און אין שטוב, און אוועקגעשטעלט זיך באַם אויוון, צוגעשטעלט דאָס טעפּל קאַרטאָפלעס, און די קינדער אָנגעטאָן און אָפּגעשיקט אין חדר — דאָס איז בא מיר דער עיקר! ברויט, זעט איר, מאַכט זיך, פעלט אמאָל, חלה אף שבת טרעפט, אז ס'איז נישטאָ, נאָר פאר די קינדער שכר־למוד — פיר זכרים האָב איך, זאָלן געזונט זײַן, אחוץ מיידלעך — דאָס מוז זײַן, עס מעגן פאַלן שטיינער פונעם הימל! איך בין נישט גלײַך צו די היינטיקע, וואָס די קינדער זייערע שטופּן זיי אין די קלאַסן, ווי, למשל, אונדזער חזנס יונג בערל, א פאַלנע גוי מיט קאַלבאַס. כאַפּט אים דער

רוח, איך בין נישט גאָט סטראַפּטשע, איך רייד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך איינס מיטן אַנדערן. האָט קיין פּראַיבל נישט, ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איר: אַ ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רייד...

פאַרוואָרפן די גענדז, באַדאַרף מען נאָר זען, די גענדז זאָלן האָבן האָדיוולע, דאָס עסן צו דער צײַט און דאָס טרינקען צו דער צײַט. און ווײַטער גאָרנישט. וואָרעם גענדז איז נישט קיין קאַטשקעס און נישט קיין עופות. — קאַטשקעס האָבן מורא פאַר פּאָקן. און עופות פאַר אַ טכויר, און גענדז באַדאַרפן נאָר עסן. און עסן — עסן גענדז אַלצדינג: גענדז עסן האָבער, גענדז עסן פּראָסע, גענדז עסן קאַשע, גענדז עסן, איך בעט איבער אײַער כבוד, נאָך ערגערס... אַ גאַנדז קלײַבט נישט איבער. אַ גאַנדז שלינגט אַלצדינג. אַ גאַנדז איז תמיד הונגעריק, ווי בײַ אַן אָרעמאַן קינדער, להבדיל. בײַ אַן אָרעמאַן קינדער עסן, קיין עין־הרע, געשמאַק אַלצדינג, וואָס מע גיט זיי, און זײַנען קיינ־מאָל נישט זאַט. איך ווייס עס פון זיך זעלבער. לאָזן זיי זײַן געזונט, די קינדער מײַנע, אַז זיי קומען פונעם חדר, קיין עין־הרע נישט, קיין בייז אויג זאָל זיי נישט שאַטן — איידער מע קוקט זיך אַרום, שטאַרבט אַ ברויט, און פון אַ טאָפּ קאַרטאָפלעס בלײַבט נישט איבער, איר זאָלט זאָגן, אויף אַ רפואה! און קומט שבת, מוז מען זיי אויסטיילן חלה, ווי לעקעך, און דאָס איבעריקע פאַרשליסן, וואָרעם עס וועט נישט בלײַבן אויף מאָרגן קיין זכר אפילו! קינדער, הערט איר, איז אַ ווילע זאַך און אַ ליבע זאַך. עס וואָלט מיר נישט נמאס געוואָרן און נישט שווער געווען קיין צען קינדער, פופצן קינדער, פינף און זיבעציק קינדער אויסצוהאַלטן. איין חסרון נאָר — אָט דער פּיסק! נגידים באַדאַרפן זיך פילן איך ווייס אַליין נישט ווי גליקלעך, אַז זיי ווייסן וויל, אַז זייערע קינדער לייגן זיך שלאָפן זאַט און עס חלומט זיך זיי נישט קיין בעטלערס, זיי כאַפּן זיך נישט אויף באַנאַכט מיט אַ געוויין: „מאַמע, ע־ע־ע־סן!"... הערט איר, דאָס האַרץ טוט וויי, ווערט אָקערשט גיט צעשפּרונגען, און מע מוז נאָך, מאָלט אײַך, אָנשרײַען אויף זיי: „שלאָפן, ממזרים! וואָס פאַר עסן אין מיטן באַנאַכט? שלאָפן, שלאָפן!"... פונדעסטוועגן, זאָלט איר זען די נגידים, ווי סע כאַפּט זיי אָוועק דער רוח, טאָמער ווערט בײַ זיי געבוירן, חלילה, אַן איבעריק קינד! אײַ־אײַ־אײַ! אָט איז בײַ אונדז נישט לאַנג אָוועקגעגאַנגען איינע אַ נגידיתטע, אַ ווײַבל בלוט־און־מילך, און אַ גוטע

זעל, אַ צדיקית, בײלע האָט מען זי גערופֿן, אַ שײנע, אַ געזונטע, אַ שטאַרקע. מײנט איר, איבער וואָס? ס׳איז נישט כדאַי צו דערצײלן, זי איז שוין אַף דער אמתער װעלט, לאָז זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. איך רײד נישט, חלילה, קײן שלעכטס אַף קײנעם, און פֿון לשון־הרע בין איך װײַט... נאָר איך מיש אײַך אײנס מיטן אַנדערן. האָט קײן פֿאַריבל נישט, ס׳איז באַ מיר אַזאַ טבע, װי זאָגט איר: אַ ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רײד...

אױ, אַ פּרנסה געגנדז!... דאָס הײסט, געגנדז איז אַ פּרנסה אפֿילו ניט קײן שלעכטע, און אַז גאָט גיט־אַרײַן אין די געגנדז די ברכה, קאָן מען אָן די געגנדז פֿאַרדינען אַ שײן קערבל. נאָר װאָס דען? דאָס טרעפֿט זיך אײן מאָל אין צען יאָר. גיכער קאָן זיך מאַכן, מע זאָל באַ די געגנדז נישט פֿאַרדינען גאָרנישט — מע זאָל נאָך דערלײגן! הײַנט די האָרעװאַניע, װאָס אַרום די געגנדז, איז אַזאַ גרױסע האָרעװאַניע, אַז ס׳איז, כּלעבן, נישט כּדאַי דער גאַנצער טאַראַראַם. אײ, איז דאָך די קשיא:װיבאַלד אַז באַ די געגנדז איז קײן פֿאַרדינסט נישטאָ, הײַנט צו װאָס באַדאַרף מען האַנדלען מיט געגנדז? איז דער תּירוץ: װאָס דען װעט מען טאָן, אַז איך האַנדל שוין אַזױ פֿיל מיט געגנדז?!... באַרעכנט נאָר: אױסבינדן עטלעכע און דרײַסיק פֿאַר געגנדז; אָװעקטראָגן צום שוחט עטלעכע און דרײַסיק פֿאַר געגנדז; ברענגען עטלעכע און דרײַסיק פֿאַר געגנדז; אָפּפּליקן עטלעכע און דרײַסיק פֿאַר געגנדז; מאַכן, זאַלצן, אױסװײקן, אָפּגיסן עטלעכע און דרײַסיק פֿאַר געגנדז, די הױטן באַזונדער, די פֿלאָמסטערן באַזונדער, די דרױבלעך באַזונדער, די אָבדירקעס באַזונדער, פֿון אַלצדינג מאַכן געלט, נישט לאָזן גײן לאָבוד קײן פּיצל נישט — און אַלצדינג אַלײן! קודם־כּל, אױספּרעגלען די הױטן מיט די פֿלאָמסטערן, מאַכן פֿון זײ שמאַלץ. איך מאַך תּמיד אַלע יאָר פּסחדיקע שמאַלץ, װאָרעם מײַן פּסחדיקע שמאַלץ האָט אַ שם אין שטאָט פֿאַר דער בעסטער, כּשרסטער שמאַלץ. איך, אַז איך פּרעגל פּסחדיקע שמאַלץ, װערט באַ מיר א י ן מ י ט ן ח נ ו כ ה פּסחדיק אין שטוב. דעם אױװן כּשר איך אױס. דעם מאַן שיק איך אַפּ אין בית־מדרש אַרײַן — לאָז ער לערנען. די קינדער טרײַב איך אַרױס — לאָזן זײ גײן ערגעץ שפּילן אין דרײדל. און אַלײן נעם איך זיך צו דער אַרבעט — פּרעגלען שמאַלץ. און שמאַלץ האָט פֿײַנט אָן איבעריק אױג, ובפֿרט פּסחדיקע שמאַלץ. איך האָב אַמאָל געהאַט אַ פּסק, אַז איך בין, נישט הײַנט געדאַכט, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, נישט פֿאַר קײן שום ייִדן

געדאַכט, געזעסן באַ יענטען אין שכנות. עס זײַנען געזעסן דאָרטן נאָך שכנים. האָט זיך אײנער אַ שכנה, גנעסע האָט זי געהייסן, פאַרגלוסט באַקן לאַטקעס פון רעטשענע מעל, און דווקא דעם טאָג, וואָס איך קוילע גענדז. בעט איך זי: „גנעסיניו, הארצעניו, ליובעניו! האַלט־אײַן דעם יצר־הרע אױף אַ טאָג. איר וועט מאָרגן, אם ירצה השם, באַקן לאַטקעס!" זאָגט זי: „באַ מיר האָט איר געפֿועלט; נאָר די קינדער, זאָגט זי, וועלן געוואַר ווערן. איך האָב, זאָגט זי, קינדער, טרפֿהנע העלדזער, וואָס האַלטן שטאַרק פון דער אכילה. זײ וועלן דערהערן, זאָגט זי, אַז ס'איז אױס לאַטקעס וועלן זײ מיך, זאָגט זי, אױפֿעסן לעבעדיקערהייט!"... כך הווה. די קינדער האָבן דערהערט, ליגנדיק אַפֿן אױוון, אַז מע רעדט פון אָפּלייגן די לאַטקעס באַקן אױף מאָרגן, האָט זיך אײנער פון זײ, אַ זעליקל, אַ ייִנגעלע מיט קאַסאָקע אױגלעך, צעשריִען אױף אַ קול: „מאַמע! טאָמער באַקסטו נישט קײן לאַטקעס, פֿאַל איך אָטאָ אַראָפּ פונעם אױוון"... מיר טוען אַ קוק — אַ ווייטיק איז מיר! — זעליקל הענגט מיטן קעפּל אַראָפּ, אָטאָ, נאָך אַ מינוט, פֿאַלט דאָס אַראָפּ און סע ווערט צעשאָטן אױף שטיקלעך! דערזען אַזאַ חתונה, האָב איך אָנגעהויבן צו שרײַען: „גנעסיניו, נשמהניו, הארצעניו, ליובעניו! באַקט לאַטקעס, באַקט!"... מע זאָגט, הערט איר, אַז אַן אָרעמאַן האָט אַ קישקע אָן אַ דנאָ, — איז דאָס תורה משה! איר זאָלט אָנקוקן באַ דער גנעסען קינדערלעך — גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן! איך רייד נישט, חלילה, קײן שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך אײנס מיטן אַנדערן. האָט קײן פֿאַראיבל נישט, ס'איז באַ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איר: אַ ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רייד...

שמאַלץ פון די גענדז... פון גענדז קאָן מען אױף שמאַלץ אַליין נישט אַרויסקוקן. די שמאַלץ, אַז עס געראָט שוין גוט אָפּ, קערט אום צוריק נאָך דאָס, וואָס די גענדז קאָסטן. דאָס פֿאַרדינסט דאַרף מען זוכן פון די שאָר־ירקות. ראשית חכמה, אָבדירקעס. אַז עס מאַכט זיך, די אָבדירקעס געבן זיך אױס שיין, און פֿלייש איז אין שטאָט טײַער — פֿאַרצוקערט מען זײ! ווי־זשע איז אָבער דער דין, אַז קצבים באַ אונדז שמײַסן זיך, און פֿלייש איז בזיל־הזול, און די שטאָט האָט, דעם נגיד אױף צו־להכעיס אַראָפּגעבראַכט נאָך אַ שוחט, און יענער שוחט, דער אַלטער הייסט עס, האָט אײַנגענומען אױף דעם שוחט, אױף דעם נײַעם שוחט הייסט עס, אַכצן מסירות, און חוץ לזה האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אױף אים, אױף דעם

נײַעם שוחט הייסט עס, אַז ער, דער נײַער שוחט הייסט עס, איז אַ חברה־מאַן פֿון די הײַנטיקע חברה־לײַט, פֿון די ציִעניסטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט די חדרים און קלײַבן „שקלים־געלט”, און דער גביר אונדזערער האַלט דאָך נישט פֿון די דאָזיקע ציִעניסטן, ער קאָן זיי נישט אָנקוקן, זיי זײַנען, זאָגט ער, גרויסע הולטאַיעס, און ווײַבאַלד אַזוי, איז דאָך די שחיטה זײַנע קיין שחיטה נישט, און נישט איטלעכער איז אַ בעלן אַף פֿאַרטיקע אָבדירקעס. טענה איך מיט מײַנע קונהטעס: „באַ מיר מעגט איר, נישקשה, קויפֿן אָבדירקעס, מײַן שוחט איז דער אַלטער שוחט”. זאָגן זיי: „יאָ, איר זײַט אוודאי זייער גערעכט, נאָר וואָס דען? אַפֿן ביילעק שטייט באַ זיי נישט אויפֿגעשריבן, פֿון ווען שחיטה זיי זײַנען — פֿונעם אַלטן שוחט, צי פֿונעם נײַעם שוחט”... זאָג איך: „וואָס הייסט, סע שטייט נישט אויפֿגעשריבן? אַז איך זאָג אײַך: פֿונעם אַלטן שוחט, איז פֿונעם אַלטן שוחט; סײַדן, זאָג איך, איך בין שוין באַ אײַך נישט באַגלויבט, איז שוין, זאָג איך, עק וועלט!”... זאָגן זיי: „אַ מאָדנע ייִדענע איר זײַט! איר זײַט באַ אונדז אַף אַלצדינג באַגלויבט; נאָר אַז מיר קאָנען אויספֿירן אַליין שיקן צום שוחט קוילן גענדז, וואָס־זשע דאַרפֿן מיר אָבדירקעס, וואָס מיר קאָנען נישט וויסן, וועמענס שחיטה דאָס איז?”... „טפֿו! ווידער אַ מאָל, זאָג איך, דאָס אייגענע? אַז איך שווער אײַך באַ מײַן מאַן און קינדער! איר ווייסט, זאָג איך, ס'איז באַ מיר אַ גוטע שבועה!”... זאָגן זיי: „צו וואָס דאַרפֿט איר זיך שווערן, אַז מיר גלייבן אײַך סײַ ווי סײַ?”... זאָג איך: „נו, נעמט זשע צו באַ מיר אַ פּאָר אָבדירקעס, לאָם איך מאַכן גרינגער דעם קאָשעק!” זאָגן זיי: „מיר קאָנען נישט נעמען באַ אײַך קיין אָבדירקעס, איבער דער שחיטה”... נו? גיי טעסע פֿלעקער! אַרײַנגיין אין יענעמס לאַגע — דאָס איז נישטאָ! רחמנות האָבן: אַ ייִדענע מאַרדעוועט זיך אָן מיט גענדז, מע מיינט — טאָמער, איך וויים, מע וועט עפּעס פֿאַרדינען; עס האָט זיך געשטעלט אַזאַ ווינטער, האָלץ איז נישטאָ, שטרוי איז טײַער, אַ רענדל אַ וואָגן שטרוי, און די קינדער נעבעך לויפֿן באָרוועס אין חדר אַרײַן, קומען צו גיין אַהיים ברוין און בלוי, כאַפּן זיך אַרויף אַפֿן אויוון, נאָרען זיך אײַן, ווי די קראָליקלעך, און קוקן־אַרוים אַף הייסע קאַרטאָפֿלעס, און קאַרטאָפֿלעס איז מיט נאָלד גלײַך, אַ סך איז נישט געראָטן און אַ סך איז פֿאַרבליבן אין דער ערד... אַ שטאָט! עמעצער זאָל זיך דאָס אָרומקוקן, אָרעמעלײַט גייען־אויס פֿון קעלט, אָרעמעלײַט שטאַרבן, שוואָלן פֿון הונגער, קינדער

פאַלן ווי שטרוי, ווי פליגן. נאָך מיט חסד, ווי זאָגט איר, וואָס נאָר אָרע־מעלײַט שטאַרבן... גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן, איך רייד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך איינס מיטן אַנדערן, האָט קיין פאַראיבל נישט, ס'איז בײַ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איר: אַ ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רייד...

די אָבדירקעס פון די גענדז... מע זאָל וועלן, הערט איר, אַרויסקוקן אױף די אָבדירקעס אַליין, וואָלט מען שיין אויסגעזען מיט די גענדז! אַ חוץ אָבדירקעס, איז פאַראַן בײַ געגדז די דרויבלעך: גריוון, לעבערלעך, פּופּיקלעך, קעפּלעך און פיסלעך, גערגעלעך, פליגעלעך, צינגעלעך, הערצלעך און נירלעך. הײַנט העלדזלעך! פאַראַן בײַ מיר איינע אַ בעל־הביתטע, פּעטשעריצי, הייסט זי, נעמט זי צו בײַ מיר אַלע העלדזלעך, וויפל איך האָב; עס מעג זײַן אַ האַלבע מאה העלדזלעך, לאָזט זי מיך נישט אַרויס. דער מאַן אירער, זאָגט זי, פּעטשעריצי, הייסט עס, איז אַ ליבהאָבער פון ברוסט און פון העלדזלעך. ברוסט האָט ער ליב, זאָגט זי, קאַלטערהייט, מיט פעפער באַפּעפערט, און העלדזלעך — געפילטע מיט מעל, אָדער מיט קאַשע, אָדער מיט פאַרפעלעך, אָדער מיט לעבער און מיט גריוון, געבראָטן באַזונדער, אָדער געקאַכט אין מערן. וואָס־זשע מיינט איר? ווי די מתים עסן, אַזאַ פּנים האָבן זיי. ער זעט, קיין עין־הרע, אויס קעגן מײַן מאַן, ווי אַ ייִד פון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק, כאָטש ער איז עלטער פון מײַן מאַן מיט גוטע צען יאָר. און כאָטש מײַן מאַן טוט אויך קיין שום אַרבעט נישט, זיצט ער כאָטש און לערנט, און אַז ער קומט אַהיים, וועט ער ניט זאָגן, ווי אַנדערע מאַנען: „הער נאָר, דו, גיב עפּעס עסן!“ ער, אַז ער קומט אַהיים פון בית־המדרש, איז דאָס ערשטע — נעמט ער זיך צו אַ ספר, קוקט אין ספר אַרײַן און זיפצט, זיפצט שטילערהייט — אַ סימן, אַז ער וויל עסן. נאָר זאָגן: „גיב עסן“ — דאָס איז נישטאָ. וואָס דען? אַ קרעכץ און אַ נעם מיט דער האַנט באַם האַרצן און אַ זאָג: „אָך־אָך־אָך!“ — אַ סימן, אַז ער איז גוט הונגעריק. „וועסט עפּעס אפשר נעמען אין מויל אַרײַן?“ — פרעגט מען אים. מאַכט ער צו מיר: „מהיכא־תיתי“... וויפל מאָל איך זאָג אים: „איך פאַרשטיי נישט — האָסט דאָך אַ מויל, קאָנסטו דאָך זאָגן, אַז דו ביסט הונגעריק; וואָס דאַרפסטו זיצן און קרעכצן?“... ענטפערט די וואַנט?... איך וואָלט וועלן אומיסטן זען, וואָס וואָלט געווען, איך זאָל אים דרײַ טאָג כסדר נישט געבן קיין עסן? איר מיינט, ער איז חלילה אַזאַ אַן אָפּגעריסענער נאַר? ווי קאָן אַ ייִד אַ למדן

א מופלג זײַן א נאר? ער זאָל, צו זײַן קאָנען, הערט איר, וואָס ער קאָן לערנען, נאָך זײַן א ביסעלע מער קריכער, וואָלט ער דען נישט געקאָנט זײַן בא אונדז א רב? אי, וואָס וועלן מיר טאָן מיטן אַלטן רב? למאַי, וואָס וועלן מיר טאָן מיטן אַלטן חזן? מע האָט נייטיק באַדאַרפט צונעמען א נײַעם חזן אין שול, כדי דער אַלטער זאָל שטאַרבן פון הונגער, טאָמער איז ער געווען פריִער, הייסט עס, א קליינער אביון? באשר, דעם גביר האָט זיך פאַרגלוסט זינגען! ווילסט זינגען? גיי אין טרעיאַטער, להבדיל, וועט מען דיר דאָרטן זינגען צעזעצטערהייט!... איך זאָל זײַן, הערט איר, א מאַנצביל, וואָלט איך זיך מיט די גבירים גערעכנט. אוי, וואָלט איך מיך מיט זיי גערעכנט! איר מיינט, איך האָב עפּעס צו זיי? איך האָב צו זיי גאָרנישט, נאָר איך האָב זיי פײַנט. איך האָב פײַנט א נגיד! א נגיד און א שפּין, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן! איך רייד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש אײַך אײנס מיטן אַנדערן. האָט קיין פאַראיבל נישט, ס'איז בא מיר אַזא טבע, ווי זאָגט איר: א ייִדענע האָט אין זיך נײַן מאָס רייד...

מע האָט פון די גענדז.. מיינט נישט, אז מע פאַרקויפט שוין אויס די גאַנצע שמאַלץ מיט אַלע אַבדירקעס מיט אַלע דרויבלעך פון די גענדז, ווערט מען שוין גליקלעך. גענדז זאָלן נישט האָבן קיין פוך און קיין פעדערן אַף זיך, וואָלט נישט כדאי געווען דער גאַנצער עסק. פריִער, אז איך האַלט נאָך בא פאַרוואַרפן די גענדז, סקובע איך זיי שוין אונטער, די גענדז, אונטער די פאַכוועלעך, און קלויב־צונויף דאָס ביסל פוך. נאָכדעם, נאָכן קוילען, שמועסט מען נישט — דאָס ביסל פוך באַזונדער, און די פעדערן באַזונדער, און איך גרייט מיר צו אַרבעט אַף א גאַנצן ווינטער. די נעכט זײַנען דאָך געווען גרויס, מע קאָן זיך געבן אַנפליקן. פליק איך. אַצינד האָב איך א שטיקל הילף: מיידלעך. מיידלעך זײַנען נישט קיין ייִנגלעך. ייִנגלעך גייען אין חדר אַרײַן, און מיידלעך וואָס? מיידלעך זײַנען נעדז, זיצן און האָדעווען זיך און וואַקסן. זעץ איך זיי אַנידער נעבן זיך איבער א זיפּ: „העלפט, קינדערלעך, פליקן פעדערן; איך וועל אײַך דערפאַר, אם ירצה השם, מאָרגן שענקען א גריוו, באַשמירן א שטיקל ברויט מיט שמאַלץ, אָדער גאָר צושטעלן א זופּ פון קישקעלעך!" אהאַ, זאָלט איר זען, ווי סע ווערט א גדולה און מע נעמט זיך צו דער אַרבעט — א קלייניקייט, א זופּ פון קישקעלעך! וואָס, משטיינס געזאָגט? אז קיין פליש קוקט מען נישט אָן א גאַנצע וואָך, חוץ שבת. איך זאָל ניט

האנדלען מיט קיין גענדז, ווייס איך נישט, וואָס איך וואָלט געטאָן אַ גאַנצע וואָך מיט די קינדער! אַזוי וואַרפט זיך פאַרט דורך אַ פּלאָסטערל, אַ גערגעלע, אַ קעפּל, אַ פּיסל, אַ קישקעלע, אַ ביסל שמאַלץ — דער ריח אַליין איז שוין גענוג! אַז איך בין געזעסן, נישט היינט געדאַכט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום ייִדן געדאַכט, אין שכנות, באַ יענטען הייסט עס, האָב איך אַליין געהערט פון גנעסעס מויל: „אַז עס קומט, זאָגט זי, די צייט פון חנוכה און איר הייבט זיך אָן, זאָגט זי, פּאָרען מיט די גענדז, באַ דער פּסחדיקער שמאַלץ, — קומט, זאָגט זי, אַף מיין כאַליאַסטרע אַ נייע הויט; פונעם ריח אַליין, זאָגט זי, פאַרדרייט זיך זיי שוין דאָס קעפּל, און סע מאָלט זיך זיי אויס, אַז זיי עסן גענדזנס"... איר מיינט, ס'איז מיר געווען אָנגענעם אָנצוקוקן גנעסעס כאַליאַסטרע, קיין עין־הרע, ווי זיי קוקן־אַראָפּ פונעם אַפּן־אויוון, זעען פאַר זיך אַזאַ טאָפּ שמאַלץ מיט אַזוי פיל גריוון — און נישט אויסציִען קיין הענטל אפילו, נאָר ליגן און קוקן נעבעך, ווי הונגעריקע וועלף, און באַלעקן זיך, און די אויגלעך בשעת מעשה גלאַנצן — אַ גאָטס רחמנות צו זען דעם צער! שטופּט מען זיי אַריין דאָרטן אַ גריוו אין הענטל, מע טוט זיי אַ שמיר אַ ביסל שמאַלץ איבער די ליפּן. וואָס נאָך, איך בעט אייך? ווי קאָן איך אָנהאָדעווען אַזוי פיל מיילער, אַז איך בין אַליין אָפּגעשאָטן, קיין עין־הרע, מיט קינדער, און דער מאַן פאַרדינט נישט קיין צוויי צעבראָכענע גראָשן, און שולדיק איז מען אַף די גענדז — איך זאָל עס פאַרמאָגן אַ דריט־חלק מיט אייך אינאיינעם, און פּריצענט וואַקסט ווי מיט רוחות, און צאָלן מוז מען, איך וועל נישט גיין פאַרבאָדן זיך, בלייבן אָן אָנזעצערן, חלילה, אַזוי ווי יענטע, אַשטייגער, וואָס האָט נישט אָפּגעצאָלט דעם שוואָגער פאַר דער אַנדערער האַלבער דירה, צוליבן זונדל, וואָס שטודירט, זאָגט מען, אין די קלאַסן און שרייבט אום שבת... אַזוי זאָגט די וועלט, איך בין דערביי נישט געשטאַנען. איך האָב פיינט זאָגן דאָס, וואָס איך ווייס נישט, און פון באַריידן יענעם אַנטלויף איך. איך פרעג נאָר איין זאַך: צו וואָס באַדאַרף עס יענטעס זונדל זיין אַ געשטודירטער? אַז בסך־הכל איז ער גאָר אַ קראַנקער, משטיינס געזאָגט, אַ טשעכאָטניק; זיי זיינען אַלע, נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר אייך געדאַכט, נישט פאַר קיין שום ייִדישער שטוב געדאַכט, טשעכאָטניקעס. לאָז ער איר לעבן הונדערט צוואַנציק יאָר, איך בין איר אַ גוטער פריינט, וואָס האָב איך צו איר? כאָטש, אַז מע וויל צוריק, האָט זי קעגן מיר

נישט אַזוי יוצא געווען! מע נעמט נישט און מע רויכערט נישט ארויס קיין שכנים אין מיטן פאַר פּסח! וואָס איז? באשר מנשה דער וואַסער־פירער קאָן צאָלן אַ קערבל אַ וואָך, און איך נישט! לאָז זי זיך באַרימען דעמאָלט, אַז ער וועט איר באַצאָלן! ס׳איז גאָר אַ סברה, אַז אָט דער מנשה איז אַ בעל־חוב, די האָר זיינען נישט זיינע. פאַרנומען בא אַלע בעלי־בתים פאַר וואַסער אַף אַ גאַנצן ווינטער, און אַ קבצן איז ער אויך אַ גוטער, און אַ ווייב האָט ער, פּעסע רופט מען זי, אויך אַ גוטע שטוקע! גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן, איך רייד נישט, חלילה, קיין שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווייט... נאָר שאַט... מיר דאַכט זיך, איך האָב אייך געוואָלט עפּעס דערציילן אַ שיינס? פרעגט מיך בחרם, איך האָב שוין אַליין אויך פאַרגעסן וואָס!... אָט די ווייבער, הערט איר, איז אייך קיין קאַטאָוועס נישט! דאָס איז עפּעס אַ מין פאָלק!... אָט האָב איך אייך דאָ אויסגעמישט פון כל מאמינים שהוא, קאַשע מיט באָרשט און מיט לעַ־בערלעך און מיט נעכטיקע טעג — טאָמער ווייסט איר וואָס? אַ ייִדענע, הערט איר, האָט טאַקע אין זיך ניין מאָס רייד!... איך וועל אייך שוין מוזן אָפּליינען די מעשה נאָך אַף אַ מאָל.

געשריבן אין יאָר 1902

אַ ווייסע כּפּרה

אַ מאָנאָלאָג פון אַ „מאַדאַם"

— איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר; בּאַ מיר, עס מעגן פאַלן שטיינער פונעם הימל, אַ ווײַסע כּפּרה אַף ערב יום־כּפּור — דאָס מוז זײַן! איך וועל אײַך זאָגן דעם ריינעם אמת: איך פאַרשטיי גאָרניט, ווי אַזוי וואָלט איך געקאָנט שלאָגן כּפּרות ניט מיט קיין ווײַסער כּפּרה? עס מאָלט זיך מיר אויס, איך וואָלט אַ גאַנץ יאָר מורא געהאַט פאַר שטאַרבן. איך בּין שוין אַזוי געוווינט געוואָרן פון קינדווײַז אָן. ס'איז אַלצדינג אַ געוווינהייט. מײַן מאַמע, מוזט איר וויסן, איז אויך נישט קיין גרויסע צדיקית, נאָר פון די דאָזיקע זאַכן האַלט זי גראָד. צום בּײַשפּיל: אַף פּסח — פּסחדיקן בּאָרשט, אַף שבועות — ליוביסטיק, אַ כּפּרה — אַ ווײַסע, חנוכה — לאַטקעס, פּורים — שלח־מנות, וכדומה אַזעלכע מצוות היט זי אָפּ, ווי אַן אמתע רביצן. „הזכּרת־נשמות" איז בּאַ איר דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג, און חלילה ניט הערן שופר בּלאָזן איז פאַר איר אַ סך אַ גרעסערער אומגליק, ווי בּאַ מיר, למשל, נישט הערן, להבדיל, שאַליאַפּינען... פונדעסטוועגן, איר זאָלט זי קענען, וואָלט איר זיכער מיינען, אַז דאָס איז אַ גרויסאַרטיקע געבּילדעטע דאַמע. געטע און שילער לאָזט זי עד היום נישט אַרויס פון מויל, און מיט טשאַקען שלאָפט זי נאָך בּיז הײַנטיקן טאָג. און קומט ראש־חודש אלול, זאָלט איר זען, דעקט זי זיך איבּער דעם קאָפּ מיט אַ ווײַס טיכל און האָט צו טאָן מיט די „יענטעס"; איך האָב מורא, אויב זי שמועסט ניט מיט זיי מכּח קנייטלעך לייגן... און נאָכדעם, אַוועק די וויינענדיקע טעג — אַראָפּגעוואָרפן דאָס טיכל פונעם קאָפּ, און ווידער געטע, ווידער שילער, ווידער טשאָקע. אָט אַזאַ מין ייִדענע איז די מאַמע מײַנע, און אָט אַף דעם אייגענעם ייִדישן שניט האָט זי געפירט אונדז אויך, די טעכטער אירע. פינף זײַנען מיר געוועזן,

און אלע האָבן מיר חתונה געהאַט „פּאָ־ליובווי", דאָס הייסט: שיינע מיידלעך זײַנען מיר געווען, און געבילדעט אוודאי, און נדן האָבן מיר געהאַט אַף זיך צו פּופּצן טויזנט אין באַנק אַף אַ טאָכטער, — הײַנט פאַר־וואָס־זשע זאָל מען אונדז פּײַנט האָבן? מיר האָבן געשמט, דאַרפט איר וויסן, אַף דער וועלט ניט אַזוי מיט אונדזער שיינקייט און מיט אונדזער בילדונג, ווי מיט אונדזער גוט־אויפגעצויגן־ווערן. דערציִונג, הערט איר, איז אַ גרויסע זאַך! למשל, אַזוי, אין אַנדערע זאַכן, זײַנען מיר דערצויגן געוואָרן בא אונדזער מוטער דווקא פראַנק און פרײַ: גע־קאָנט ריידן מיט וועמען מיר האָבן געוואָלט, געקאָנט גיין וווּהין מיר האָבן געוואָלט, און געקאָנט טאָן וואָס מיר האָבן געוואָלט; נאָר דאָרט, וווּ עס האָט זיך אָנגעקערט מיט לשון יִדישקייט, איז געווען חיות ניט זיכער! צום בײַשפּיל, נעמט מיר אַראָפּ דעם קאָפּ, איך זאָל אײַך אויסטאָן דעם לינקן שוך פריִער פאַרן רעכטן. וואָלאָדיע לאַכט פון מיר און מאַכט חוזק; נאָר איך זאָל וועלן קוקן אַף וואָלאָדיען, וואָס וואָלאָדיע לאַכט, וואָלט בא מיר פּסח געווען גאָלע פּאַסקע מיט גע־פאַרבטע אייער, אָן אַ ברעקל מצה. מײַן וואָלאָדיע איז אין יִדישקייט אַ ביסל... נו־נו... דאָס הייסט: אַזוי, פאַרקערט; אַ ייִדן האָט ער, אדרבה, מיטן גרעסטן כבוד. דערהערט ער ערגעץ אַף ייִדן אַ צרה, אַ פּאָגראָם, גייט ער אַרום אָן אַ קאָפּ: סטײַטש אַ ייִד, ייִדיש בלוט!... פּײַנט האָט ער נאָר די ייִדישע תנועות מיט די ייִדישע גענג. אַ ייִד, זאָגט ער, איז אַן עזות־פּנים, אַ ייִד איז אַ „נאַכאַל"... לאָז אָבער אַ פרעמדער פּרוּוון זאָגן אַף ייִדן אַ שלעכט וואָרט, וועט ער אים די אויגן אַרויסרײַסן. אַ מאָדנע בריאה אָט דער וואָלאָדיע! איך האָב וויפל מאָל אים געהערט באַרימען זיך פאַר די פּריצים, וואָס קומען זיך אַמאָל צונויף בא אונדז שפּילן אין פּרעפערענס, אַז מיר האָבן אונדזער אייגענעם ייִדישן דיפּלאָמאַט הערצל, וואָס איז אַ גאַנצער בן־בית באַם טערקישן סולטאַן; און אַז די ציוי־ניסטן זײַנען נעקומען אַנומעלטן צו אים נאָך געלט, האָט ער מיט זיי גע־האַט אַ לאַנגן ויכוח, זיי באַוויזן, אַז זיי טראָגן זיך אַרום מיט חלומות, זיך אײַנגערעדט אַ לונג־און־לעבער אַף דער נאַז... נו, און געלט? איר מיינט, ער האָט זיי נישט געגעבן? געגעבן! אָט אַזאַ מין נפש איז מײַן וואָלאָדיע. וויפל האָב איך צו טאָן מיט אים פאַר די קינדער! מײַנע קינ־דער זײַנען, קיין עין־הרע, געראָטענע קינדער, שיינע, געזונטע, פרישע, לויטערע. וואָס נאָך דאַרף מען? וויל ער, וואָלאָדיע הייסט דאָס, זיי זאָלן

אַלצדינג קענען. קענען? מהכתיתי, איך וויל אויך, זיי זאָלן אַלצדינג קענען. ווער וויל דאָס ניט, אַז קינדער זאָלן קענען? דאָס געזונט זייערס איז אָבער בײַ מיר טײַערער. איך בין אַ מוטער ניט אַזאַ הייסע, נאָר דאָך אַ מוטער, ווייס איך, וואָס הייסט געזונט. מײַן סאַשקע מיט מײַן סאָנקע, איידער זיי זײַנען אויסגעוואַקסן — ע־הע־הע! קומט ער צו גיין און מוטשעט זיי — ער וויל, זיי זאָלן אַלצדינג קענען, אַלצדינג וויסן, אַפילו יידיש, זאָגט ער, דאַרפן זיי אויך קענען. קאַרג, וואָס זיי האָבן אַף זיך די גימנאַזיע, מיט מוזיקע, מיט טאַנצן, מיט שלעק, באַדאַרפן זיי נאָך האָבן אַף זיך נאָך אַן אומגליק: יידיש לערנען! מע זאָל כאָטש לערנען יידיש, ווי מע לערנט, למשל, דײַטש, אָדער פראַנצויז, אָדער ענגליש. צי דער יידישער לערער זאָל כאָטש זײַן אַ לערער, ווי אַלע לערערס. איז ער אָבער, גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן פאַר די רייד, איך ווייס אַליין ניט וואָס. וואָלאָדיע אַליין קאָן ניט לײַדן דעם ריח פונעם יידישן לערער. אַלע מאָל נאָך זײַן אַוועקגיין עפנט ער אויף דאָס פענצטער. „צו וואָס טויג ער דיר?" — טענה איך מיט אים. „ס'איז הײַנט, זאָגט ער, אַ מאָדע יידיש, דאַרפן זיי לערנען יידיש". איר פאַרשטייט? ס'איז אַ מאָדע! אַלצדינג איז אַ מאָדע. קאָרטן איז אויך אַ מאָדע. מײַן וואָלאָדיע האָט אַמאָל געוווּסט אַ פּרעפעראַנס, אַ דערדע, אַ זעקס־און־זעכציק; הײַנט קאָן ער זיך שוין אַוועקזעצן אַף אַ גאַנצע נאַכט און שפּילן ביז דעם אַנדערן אָפּדערנאַכט. ער קאָן זיך שוין כמעט אָן קיין קאָרטן נישט באַגיין. נאָר כל־זמן ער האָט געשפּילט אין דער היים — האָט מיך ניט געאַרט. איר אַליין האַלט אויך פון אַ פּרעפעראַנס, און אַן אָקעלע האָב איך אַליין אויך ניט פײַנט. בײַ מײַן מאַמען פלעגן מיר אַלע שפּילן גאַנץ אָפּט אין אָקע. אַרן אַרט מיך נאָר, למאי ער שפּילט אין קלוב. אוי, דער קלוב! דער קלוב! פאַרברענט זאָלן ווערן אַלע קלובן אַף דער וועלט! ערשטנס, אַן עבירה טאָקע דאָס געלט, שפּילן שפּילט ער אַף צו געווינען, נאָר ער פאַרשפּילט, ער פאַרשפּילט אַ סך געלט! איך ווייס, ווען ער פאַרשפּילט און ווען ער נעווינט. קומט ער נערוועז, דאָס הייסט, ריין משוגע, לאָזט־אויס צו מיר זײַן ביטער האַרץ, זוכט חסרונות אַף יעדן טריט — איז אַ סימן, אַז ער האָט פאַרשפּילט. הײַנט די צײַט, וואָס גייט אַוועק! די נעכט! די נעכט! די ערשטע צײַט, איידער איך בין געוואָר געוואָרן, ווו ער ווערט פאַרשווונדן אַלע נאַכט, בין איך געווען אויס מענטש, שיער נישט משוגע געוואָרן. אַלע מאָל האָט ער מיר צוגעטראַכט אַ נײַעם תירוץ. דאָס —

א בורדות דרײַ נעכט כסדר, א זאסעדאניע אָדער גלאַט א גוטער ברוי־דער האָט אים פאַרשלעפּט צו זיך אַף א פּרעפעראַנס. נאָר וואָס דען? איך קען וואָלאָדיען. איך וויים, ווען ער לײַגט און ווען ער זאָגט אַן אמת. שווערט ער זיך און איז בשעת מעשה רעכט אין כעס, איז א סימן, אַז ער זאָגט א ליגן. האָב איך אָנגעהויבן מסתמא נאָכצושמעקן און אויסצוי־טאַפּן, און בין געוואָר געוואָרן, אַז ער גייט אין קלוב. א שטיין פונעם האַרצן! דאַנקען גאָט, וואָס כאָטש נישט ערגעץ אַנדערש... „וואָלאָדיע, טענה איך מיט אים, קאָרטן קאָנסטו דען ניט אויסשפּירן אין דער היים?" ענטפערט ער מיר: „אין קלוב זעט מען זיך מיט דעם, מיט יענעם. מע הערט וואָס אַף דער וועלט טוט זיך"... בלאָטע! דאָס איז, ווי זאָגט מען, א תירוץ פאַר די בענטשליכט. „וואָלאָדיע, טענה איך מיט אים ווײַטער, באַרעכן דיך, דו לאָזט מיך זיצן איינע אליין גאַנצע נעכט, קוקסט ניט אָן, זאָג איך, קיין קינד אין די אויגן, גזלן, האָסט קיין מורא ניט פאַר גאָט, וואָלאָדיע?" זאָגט ער, אַז ער האָט פײַנט סצענעס, קאָן ניט הערן, אַז איך רייד מיט גאָט. הייב איך אָן וויינען. טוט ער א זעץ מיט דער טיר, גייט אַוועק און קומט אַף מאָרגן אין דער פרי רעכט ברוגז. איר פאַרשטייט? א י ם קומט נאָך אַרויס! איך באַטראַכט אים דעמאָלט, מײַן וואָלאָדיען הייסט דאָס, און דערמאָן מיך אין א מאָל, אוי, בשעת ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום מיר, זיך געשדכנט, געפּאַדקעוועט, גע־ציילט די טריט, געהיט דעם שאָטן. ס'איז אים נישט אָנגעקומען גרינג. קודם כל, האָט ער געזען, ער זאָל געפעלן ווערן דער מאַמע מײַנער, אויסהערן פון איר אַף אויסווייניק גאַנצע שטיקער פון געטע מיט שילער מיט טשאָקע. נאָכדעם האָט ער איר געלייענט ביכער, און דווקא ראָ־מאַנען, און דווקא אַזעלכע, וואָס א שטיין קאָן צעגאָסן ווערן, געהאַלטן איר בשעת מעשה די באַוועלעך, זומער איר געהאָלפן פּרעגלען אײַנגע־מאַכטס, ווינטער געשפּילט מיט איר אין „קאָנטשעניע". גוט פאַר־שוואַרצט געוואָרן, און אַלץ צוליב מיר. נאָך מיר איז ער געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען נאָך מײַנע טריט! א קני ערד האָט ער אויסגעשלאָגן, ביז ער האָט דערלעבט צו הערן פון מיר דאָס גוטע וואָרט, וואָרעם איך האָב געהאַט דעמאָלט דרײַ אַזעלכע חתנים פײַנע בריהם, ווי ער. איינער פון זיי, ער איז הײַנט דאָקטער, איז אין מיר געווען פאַרליבט טאַקע צום שטאַרבן. דאָס הייסט, זיי זײַנען אַלע געווען נאָך מיר די כפּרה. און הײַנט? לאָם איך וועלן הײַנט עמעצן פאַרדרייען דעם קאָפּ, איז בא מיר

א מלאכה? אַט, אַשטייגער, ברענהאָלץ דער אַפּטייקער, וואָס טאַנצט אַזוי אַרום מיר, — דערציילט ער מיר מעשיות, ווײַל מיך אײַנריידן, אַז איך בין ייִנגער מיט צען יאָר, ווי איך בין. און וואָס קומט ער אַקוראַט דער־מאָלט, ווען וואָלאָדיע איז ניטאָ?... אמת, איך אַליין ווײַז אים אַ דדך; איך וויל, אַז וואָלאָדיע זאָל דאָס טאַקע ווּיסן, און לאָז דאָס אים פּאַרדריסן... איך אַליין דערצייל נאָכדעם וואָלאָדיען: „דו ווייסט, זאָג איך, ווער ס'איז דאָ געוועזן?" „ברענהאָלץ?" — זאָגט ער, און ער זאָל זיך דאָס אַפילו פאַרקרימען! „מאָרגן, זאָג איך, גייען מיר מיט אים אַף שאַליאַפּינען אײַנ־צווייען"... „מיט וועמען, מאַכט ער, מיט ברענהאָלצן?" איך קוק אַף אים בשעת מעשה און טראַכט מיר: „וואַרט־אויס, איך וועל דיר דערגיין די יאָר!" און רוף מיך אָן צו אים: „ווי מיינסטו, וואָלאָדיע, נישקשה מיר זאָלן דינגען מיט ברענהאָלץ דעם אַפּטייקער איין דאַטשע?" „וואָס זאָל דאָ זײַן, זאָגט ער, קשה?" „ברענהאָלץ, זאָג איך, וויל מיט מיר פאָרן הײַנטיקס יאָר קיין מאַריענבאַד אינאיינעם". „געזונטערהייט", זאָגט ער. געזונטערהייט? אָבער גאָר לאָ! דווקא ווײַל דו ווילסט, וויל איך ניט... איך בעט אײַך, וואָס איז דאָס געוואָרן מיט מײַן וואָלאָדיען? חברה האָבן אים גוט אַרײַנגענומען אין קאָן אַרײַן... אַ, חברה קאָן! פון קלוב קאָן קיין גוטס נישט אַרויס. פון קלוב גייט מען אַלע נאַכט... איך ווייס וווהין מע גייט. איך האָב מיך שוין צעפרעגט. פון קלוב גייט מען אַלע נאַכט אין „פּאַרנאַס", אין „אָלימפּ", אין „אַרקאַדי", וכדומה אַזעלכע פריילע־כע ערטלעך, און מע פאַרברענגט די צײַט גאַנץ פריילעך... ברענען זאָל דער קלוב! ברענען זאָלן די קאָרטן! ברענען זאָל די קאָמפּאַניע! אַמאָל פלעגן מיר מיט וואָלאָדיען אויסזיצן גאַנצע נעכט און ריידן און ריידן, קיינמאָל ניט אויסגעלאָזט זיך קיין שטאָף; און הײַנט קאָנען מיר קיין האַלבע שעה ניט זיצן אינאיינעם. אויסגעגאַנגען בײַ אונדז מאַטעריאַל. דערפאַר געפינט זיך בײַ אונדז רייד מיט דעם דאָזיקן אַפּטייקער, מיט ברענהאָלצן — פון דער וועלט רייד. פּוסטע דבורים, חכמות, לידלעך, אַנעקדאָטן. אוי, האָט ער אַנעקדאָטן, ברענהאָלץ, ברענען זאָל ער אַפן פײַער! און דווקא ייִדישע אַנעקדאָטן, כּי־בּי, פון דער וועלט אַנעקדאָטן! איך האָב ליב אַ שיינעם אַנעקדאָט; הערן אַנעקדאָטן ווערט מיר קיינמאָל נישט נמאס. זיצט ער, ברענהאָלץ הייסט דאָס, גאַנצע נעכט און דער־ציילט מיר אַנעקדאָטן... איך ווייס, אַז די גאַנצע שטאָט האַלט מיך אין די מײַלער. איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס מע זאָגט אַף מיר, נאָר עס זאָל

מיך אָנהויבן צו אַרן! מיך אַרט נאָר, למאַי עס אַרט ניט וואָלאָדיען אַרט דאָס ניט!... ווײ־ווײ! אַמאָליקע יאָרן, למשל, ווען מע קומט און מע דער־ציילט וואָלאָדיען, אַז סע זיצט באַ מיר גאַנצע נעכט אַן אַפּטייקער און דערציילט מיר אַנעקדאָטן — האַ־האַ־האַ! און הײַנט? גאָרניט. ער קומט אַמאָל צוגיין שפּעט באַנאַכט, טרעפט ער אים באַ מיר זיצן אַפֿן באַלקאָן — און גאָרניט. „וואָס הערט זיך עפּעס נײַס, פּאַניע ברענהאָלץ?״ און פּאַניע ברענהאָלץ דערציילט אים נײַס. וואָלאָדיע רייכערט, מאַכט זיך, ווי ער הערט מיט קאָפּ, און האָט אין זינען בשעת מעשה — ווייס איך וואָס, וואָרעם דער קאָפּ איז אים גאָר דאָרטן. איר ווילט ווּיסן, וווּ דאָרטן? ע! איך וויל ווּיסן, וווּ איז דער „דאָרטן״, וואָלט דאָך גוט גע־ווען! איך וויל שוין לאַנג ווּיסן. איך האָב שוין אַפּילו אָנגעשמעקט אַ שטיקל „סליד״ אויך. דאָ ניט לאַנג האָב איך אויסגעטרייסלט אַ בריוועלע באַ אים, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, פֿון די הויזן־קעשענעס, זייער אַ שיין בריוועלע, אַף רויזנפּאַפּיר, דורכגעשפּיגעוועט מיט פּאַרפֿומען און נעחתמעט „מאַשאַ״... מאַשאַ? מאַשאַ? ווער קאָן זײַן די דאָזיקע מאַשאַ?... שוין צוויי וואָכן, אַז איך ברעך מיר דעם קאָפּ, איך קאָן גאָר אַזוי קלוג ניט זײַן... אַ! לאָם איך נאָר געוואָר ווערן אַקוראַט, יועט ער זיך באַ מיר נישט נאַרן! ער וועט באַ מיר האָבן אַ מאַשע! סע וועט אים שוין זײַן מאַשעדיק אין די אויגן!... שאַ, וווּהין בין איך דאָס פֿאַרפֿאָרן? פֿון וואָס האָב איך אײַך אָנגעהויבן? יאָ, כּפּרות. איך ווייס ניט, ווי אַזוי איר; באַ מיר, עס מעגן פֿאַלן שטיינער פֿונעם הימל, אַ ווײַסע כּפּרה אַף ערב יום־כּפּור — דאָס מוז זײַן! „ווי די כּפּרה איז ווײַס, בין איך ווײַס פֿון זינד״. אַזוי האָט מיך די מאַמע געלערנט. איך גיי נאָך דער מאַמעס שניט. דערפֿאַר מוז איך האָבן אַ כּפּרה אַ ווײַסע. און נישט נאָר פֿאַר מיר — פֿאַר וואָלאָדיען, פֿאַר די קינדער, און אַפּילו פֿאַר מײַן קליין ליאָלעטשקע קויף איך אַ קליין ווײַס הינדעלע, אַ קליין ווײַס כּפּרהלע, מיר פֿאַר אירע שיינע אייגעלעך, און שלאָג מיט איר כּפּרות. איך שלאָג פֿאַר זיי אַלעמען כּפּרות. אָך און ווײ, אַז איך בין די איינציקע יידישקע אין שטוב, וואָס פֿאַרשטייט אַ יידישן דין און וואָס האַלט פֿון יידישקייט... נעם איך דעם סידור, זאָג איך דעם „בני־אָדם״, און דריי די

כפרה: „זאת חליפתי, זאת תמורתי, זאת כפרתי", און איך פיל, אז עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט, וואָרעם ס'איז אַ ווייַסע, אַ ווייַסע כפרה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן!...

געשריבן אין יאָר 1904

דער יום־טובדיקער צימעס

אַ מאָנאָלאָג פון אַ ווילנער יידענע

— זיי זאָגן, די הײַנטיקע הייסט דאָס, די עזות־פּנימער, אַ קלאָג צו זיי, אַז דעמאָלט וועלן מענטשן זײַן גליקלעך, ווען מע וועט מאַכן אַ מישמאַש, שלי שלך, שלך שלי... און איך זאָג אײַך, אַז אויב עס וועט אַמאָל זײַן אַזוי, וועט דאָס הייסן תוהו־ובוהו — הימל און ערד און סטראָטשע־באָב. הערט אַ מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן פאַראַיאָרן אין דער צײַט, דעם ערשטן טאָג סוכות. איך זיע, ווייסט איר דאָך מן־הסתם, אַף „גיטקע טויבעס זאַווולעק", באַ גוטקע נעבעכס אין הויף. דאָס הייסט, ס'איז אַזוי גוטקע נעבעכס הויף, ווי איר זײַט מיר אַ פעטער. דער הויף איז אַן „עקסווידאַרסקע הויף"; עס האָבן אין דעם אַ חלק, מיט גאָטס הילף, פינף ברידער מיט צוויי שוועסטער. זײַנען די ברידער געשטאָרבן, און די שוועסטער זײַנען אויך געשטאָרבן, און אַלע האָבן געלאָזן קינדער, און דווקא היפּשלעך, קאָן מען זיך ניט אײַנטיילן; ניט פאַרקויפן, ניט צעוואָרפן, סײַדן חלילה אונטערצינדן, איז אַן עבירה די גאָס, עס קאָן אָוועקגיין אַ האַלבע שטאָט. האַלט מען זיך מיט דער דירה, ווי מיט מײַנע צרות: ניט קיין דאַך, ניט קיין טרעפּ, ניט קיין אויוון — אַ קאַטוך, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, און גיי האַלט דאָרט אַ „הימל־בעט" און צאָל אַזאַ ראַטע, דריטהאַלבן רובל אַ חודש נאָך מיט קאָפּיקעס. בײַסער וואָס? ס'איז שוין מיט הייצונג. ניט מער זאָלן אײַערע שונאים זשיפּען, ווי מע הייבט זיך אָן, אַחוץ שבת און יום־טוב; ס'איז פון די מענטשן אַליין, זאָגן זיי, גענוג וואַרעם... טאַקע וואַרעם! שוין צופיל וואַרעם! באַרעכנט, קיין עין־הרע, וויפל שכנים אַף איין דירה: שמערל דער גלעזער — האָט איר ניט איינס; פּיני־מאיר דער קצב איז ניט צוויי; נפתלי־בער דער שמאַרגאָנער מלמד איז ניט דרײַ; משהלע דער אַלמן איז ניט פיר. וואָלט ער זײַן אַן אַלמן, וואָלט זײַן נישקשה; איז ער אָבער

אזוי אַן אַלמן, ווי איר זײַט אַ גובערנאַטאָר. מע רופט אים אַלמן, ווײַל ער איז אַמאָל געווען„ ניט איצט געדאַכט, אַן אַלמן. הײַנט איז ער, ברוך השם, אויס אַלמן, גאָט האָט אים געבענטשט מיט אַן ארורה, זאָל זי זיך אים נאָר האַלטן, רבונו־של־עולם...

הײַנט האָב איך פאַרגעסן רעכענען רב יאָשע דעם סופר מיט דער שנור. פאַר וואָס זאָג איך די שנור, ניט דער זון? ווײַל דער זון איז אַוועק אין מלחמה, האָט ער אָפּגעטראָטן זײַן אָרט דעם גליקלעכן פּאָר, וואָס מע רופט זיי „די בונימאָוויטשעס”. ווייסט איר, פאַר וואָס? דערפאַר, וואָס ער איז אַ קאַליקער און זי איז אַ בלינדע, זײַנען זיי מאַסף ממון. אַ סברה גאָר, אַז זיי האָבן אַ שיינעם קאַפּיטאַל, גאָר אַ שיינעם קאַפּיטאַל — צוויי מענטשן און ביידע פאַרדינערס! רב לייבע דעם בעל־מגיה פון דרוק רעכן איך שוין נישט, וואָרעם ער איז ניטאָ אַ גאַנצע וואָך אין דער היים, אחוץ שבת; ער איז אַ מענטש אַ באַשעפטיקטער, האָט אפשר צען פּרנסות: אחוץ וואָס ער דינט אין דער דרוק, איז ער אַ מעקלער פון ספרים, אַ גייער אַף מנינים, אַ שיקער פון חברות, אַ זאָגער פון תהלים, אַ שלאָגער פון מלקות, אַ בלאָזער פון שופר, און אַז עס מאַכט זיך, חס ושלום, אַן אומגליק, אַ נוטה־למות, שטעלט ער צונויף אַ „יענך” — און נאָך כדומה אַזעלכע פּרנסות לרוב. נאָר האָט קיין מורא ניט — זײַן ייִדענע זיצט אויך ניט ליידיק: פלעכט הבדלות און פאַרקויפט באָבעס, און — שדים ווייסן אים. — פאָרט אַ קבצן! אַוווּ האַלט איך אין חשבון? אַריבער אַ מנין געווים, און אפשר נאָך מיט אַ צוליינ. וואָלט אַלץ זײַן גוט, ווען אַלע וואָלטן דאַווענען אין איין שול. איז אָבער די צרה, וואָס דער איז אין ווילייקע און יענער אין האַנדריקעווע. מילא, אַז דער גלעזער דאַוונט אין דער גלעזערשער שול, דער קצב אין דער יאַטקעווער שול, דער מלמד אין דער ליבאַוויטשער שול — דאָס פאַרשטייט מען נאָך: כל עורב למינהו — איטלעכער צו זײַן צעך. אָבער דו, אַלמן, וואָס קריכסטו אין דער אַלטער שול דווקא צו סיראָטע דעם חזן? ביסט דאָס טאַקע אַזא מבין אַף נגינה? איר וואָלט אים הערן, אַז עס קומט שבת זינגען זמירות — אַ קלאָג צו אים! אַ שטים פון אַ געקווילעטן האָן, און געגזלט זיך נאָך. ער פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ מיט זײַן „ברוך שאָכלנו”, אַז דעם גאַנצן טאָג זונטיק שאָכלנוט מיר אין די אויערן; טאָמער ווייסט איר, וואָס ער האָט געשאָכלנוט בײַ דער ארורה זײַנער, אַ חוץ קללות מיט חרמות? און פונדעסטוועגן, רעדט מיט איר, איז זי גע־

רעכט: אַ מאַן, זאָגט זי, איז ווי דער גלות — אַט מע טראָגט אים, נאָר מע איז שוין געוווינט. וואָס זאָגט איר צו איר קאָפּ?...

דאַכט מיר, איך וואָלט מער באַדאַרפט האָבן טענות צו דעם, וואָס איך בין ניט ווערט דעם נאָמען דערמאָנען, וואָרעם מײַנער איז דאָך טאַקע יע, ווי זאָגט מען דאָס, אַ כשרער שעפּס, טוט ניט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, זיצט יומם ולילה אין שול על התורה ועל העבודה, און איך ליג אין דער ערד, ווי איר ווייסט, און באַק בייגל. בעסער וואָס? איך וועל האָבן אַ שטול אין גן־עדן. אַרבעט איך טאַקע געטרײַ, ווי אַן אייזל, און איך זע, עס זאָל זײַן דער שבת מיטן יום־טוב כיד המלך! פאַר וואָס שבת און יום־טוב? ווײַל אַ גאַנצע וואָך עסט ער אָפּן חשבון פון דבורה־אסתר. וואָס ער עסט און ווי אַזוי ער עסט — וויל איך גאָר אַזוי ווײַט די האַנט ניט אַרײַנלייגן. איך ווייס נאָר, אַז עס קומט שבת און יום־טוב, איז פאַר אים גרייט די חלות, מיט די דגים, מיטן שטיקל פלייש, מיט אַלעם מיט אַנאַנדער. און קומט יום־טוב — מוז זײַן צימעס: פּסח, פלוימען־צימעס, און סוכות מערן־צימעס.

האָט זיך געטראָפן אַ מעשה: פאַראַיאָרן סוכות געווען אַ יקרות אױף מערן. שדים ווייסן זיי, נישט אַרײַנגעפירט, אפּנים. אַ רענדל אַ מערעלע. נאָר ס׳איז עפּעס אַ תירוץ? באַ מײַן מאַן איז דער צימעס טײַערער פון אַלץ. ער וועט אײַך מוחל זײַן די דגים מיטן פלייש מיט אַלעם מיט אַנאַנדער, אַבי צימעס זאָל אים זײַן. לאָז זיך אײַך דאַכטן, איך ווייס, אַז ס׳איז נאָר געזאָגט, ווײַל דער צימעס איז דאָך שוין נאָך אַלעמען, מעג ער זײַן אַ ותרן... האָב איך געבראַכט אַ קאָשעק מערן, צורעכט געמאַכט, צוגעשטעלט און אָפּגעקאָכט. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? טעם גן־עדן! נישט אומזיסט איז דאָס באַ די נגידים אַ וואָכעדיקער מאכל; די נגידים זײַנען נישט קיין נאַראָנים. זיי האָבן ליב אַלצדינג אין דער וואָכן דאָס, וואָס מיר האָבן ליב אום שבת... אָפּגעקאָכט, אַוועקגעשטעלט און פאַרשאַרט אין מײַן ווינקעלע, — איטלעכע שכנה האָט זיך איר ווינקעלע, — בין איך אַוועק אױף אַ ווײַלע צו דער שוועסטער געוואָר ווערן. איך האָב אַ שוועסטער ביילקע, איז זי, ניט פאַר אײַך געדאַכט, געליימט אױף די פיס שוין צען יאָר, און דאָך לעבט זי פון אירע אייגענע הענט: זי פליקט פעדערן. ווינטער, הייסט דאָס, פליקט זי פעדערן, און זומער אַרבעט זי קינדערשע זעקעלעך מיט נאַרעסענע היטעלעך. זיצן זיצט זי אױף דער ייִדישער גאַס, אױף לייבע לייזערס הויף, אויף אַן עקסווידאָרסקע הויף, מיט

נאָך עטלעכע הונדערט גערינדלעך. נו, וואָס קומט מיר דערפֿאַר. איך בעט אײַך, אַז איך האָב מיך אַרויסגעכאַפּט אַף אַ האַלבע שעה צו דער שוועס־טער איין מאָל אין אַ יום־טוב? און אַגב האָב איך איר טאַקע געבראַכט אַ חלה מיט אַ שטיקל פֿיש, לאָז זי אויך וויסן פֿון אַ יום־טוב צו זאָגן. פֿרעמדע, חלילה, טראָג איך איר ניט, אייגענע האָרעוואַניע, דין־וחשבון פֿאַרן מאַן דאַרף איך אויך ניט אָפּגעבן, הײַנט ווער ווייסט ווען הער איך?

באַשר מע זעט זיך נישט אַ גאַנצענע וואָך, אַחוץ שבת און יום־טוב, האָבן מיר זיך אַביסל פֿאַררעדט. איז מען געקומען רופֿן מיך אַהיים, איך זאָל גיכער גיין, וואָרעם ער איז שוין געקומען פֿון שול, דער מאַן מײַנער, אַ קלאָג צו מיר ניט, ער קאָן שוין זײַן גוט בייז, ווייל נעבעך עסן. בין איך דאָך געלאָפֿן ניט טויט, ניט לעבעדיק, און געטראָפֿן אין סוכה שוין דאָס זעקסטע פּאָרל זיצן באַ דער סעודה, וואָרעם מיר אַלע האָבן איין שטיקל סוכה, און ניט אַלע קאָנען עסן אין איין צײַט. דאַנקען גאָט, זאָגן האָט ער מיר ניט געזאָגט גאָרניט, דער מאַן מײַנער. ער איז ניט פֿון די מאַנען, וואָס זאָגן. ער איז אַ שטילער מענטש. נאָר ברוגזלעך, זע איך, איז ער. איך קען אים שוין נאָכן קוק: קוקט ער אַרײַן אין אַ ספֿר אַרײַן, איז אַ סימן, אַז ער איז ברוגז. דאָס הייסט, אין ספֿר אַרײַן קוקט ער תמיד, נאָר קוקן צו קוקן איז ניט גלײַך: יענס איז אַנדערש געקוקט, און דאָס איז ווידער אַנדערש געקוקט. און אַביסל איז ער טאַקע סגי־נהורדיק אַף אַן אויג, קוקט דאָס אויס גאָר ניט יום־טובדיק. הייב איך מיך אָן מסתמא פֿאַרענטפֿערן: דאָס, יענס, אַ שוועסטער, ניט געזען זיך אַ גאַנצע וואָך — בלאָטע! מײַנער איז ברוגז, קוקט אין ספֿר אַרײַן. אים אונטערגעטראָגן די קוואָרט, זיך געוואַשן, דערלאַנגט די פֿיש. שמעקט אַ מחיה. דאָס ביסל פֿעפֿעל, דאָס שטיקל פֿלייש — גוט און פֿײַן אַרום און אַרום. געקומען צום צימעס, רוף איך מיך אָן צו אים, פּאָרט אַ מאַן, וואָס זיצט און לערנט: „איז פֿאַראַן, זאָג איך, באַ מיר אַ צימעס, הערסטו, דער קייסער מעג אים פֿאַרזוכן, כּלעבן! אַן אמתער אַ יום־טובדיקער צי־מעס, און דווקא, זאָג איך, פֿון מערן!"... דערהערט צימעס, האָט מײַנער אָוועקגעלייגט דעם ספֿר, געוואָרן גאָר אַ פֿרישער מענטש. און איך לאָז מיך צום אויוון. ערשט איך טו אַ קוק — אַ קלאָג צו מיר ניט, דער טעפּל ריין ווי גאָלד, און צימעס ניט אַ לעק, ניטאָ קיין צימעס! צימעס־צימעס, וווּ איז מײַן צימעס? איך לויף צו דעם, איך לויף צו יענעם; „האָט איר ניט געזען מײַן צימעס?" וואָסער צימעס? קיינער ווייס ניט פֿון

קיין צימעס! אַ גליק, איינע אַ שכנה האָט רחמנות געהאַט, האָט זיך אָנ־גערופן, אַז זי ווייס, ווו איז מײַן צימעס. ס׳איז שוין, זאָגט זי, עליו־השלום, אוים צימעס. מע האָט אים שוין לאַנג, זאָגט זי, אויפגעגעסן. נאָר ווער האָט אים אויפגעגעסן — קאָן זי ניט זאָגן. זי האָט מורא, וויל ניט האָבן צו טאָן מיט אַ סגי־נהורטע, דאָס הייסט מיט אַ בלינדע... און דאָ, איך טו אַ קוק אױף מײַנעם — גזלן! אַרײַנגעשטעקט די נאָז אין ספר — און שאַ!...

לויף איך דאָך צו דעם גליקלעכן פּאָר, וואָס מע רופט זיי „בונימאָ־וויטש”: „סטײַטש, אַ קלאָג צו אײַך, וואָס האָט איר, זאָג איך, געהאַט צו מײַן צימעס?” זאָגט זי: „וואָסער צימעס?” זאָג איך: „דער יום־טוב־דיקער מערן־צימעס!” זאָגט זי: „אַ געזונט אין אײַך, וואָס רעדט איר? איך האָב געהאַט אַ קעקערע!”... האָט דאָס מיך מסתמא גוט פאַרבאַקן באַם האַרצן: אַ הולטאַיקע קאָן! סטײַטש, איך ווייס, זי האָט ניט געהאַט קיין מערעלע אפילו אױף אַ רפואה, זאָגט זי מיר, אַז זי האָט געהאַט אַ ק ע ק ע ר ע , אַ בעסערן צימעס נאָך פון מײַנעם, הייסט דאָס! „האָט איר, זאָג איך, געהאַט אַ קעקערע?” זאָגט זי: „אַ קעקערע”! זאָג איך איר נאָך אַ מאָל: „אַ קעקערע?” זאָגט זי מיר נאָך אַ מאָל: „אַ קעקערע!” זאָג איך איר ווידער אַ מאָל: „אַ קעקערע?” זאָגט זי מיר ווידער אַ מאָל: „אַ קעקערע!”... נו, אָט דאָ האָט מיר שוין דערלאַנגט אין דער ביין אַרײַן! מילא, זי זאָל מיר אָפּלייקענען, אַז ניט זי האָט צורעכט געמאַכט דעם צימעס, וואָלט איך אפשר קלערן: אַ קשיא, טאָמער ניט זי, טאָמער עמעצער אַנדערש? נאָר זאָגן, אַז זי האָט געהאַט אַ קעקערע!...

וואָס זאָל איך אײַך דערציילן ווײַטער? ס׳איז געווען ניט שיין, זייער ניט שיין... און ווער איז שולדיק, אַז מע האָט גענומען מענטשן און מע האָט זיי צונויפגעפּאַקט אַלע אינאיינעם, ווי, להבדיל, די הינער אין אַ קאַטוך, און גיי טו! און רעדט מיט זיי, מיט די הײַנטיקע, הייסט דאָס, אָט די עזות־פּנימער, וואָס ווילן מאַכן נײַע פּאַראַדקעס אין שול־הויף, אײַנפירן, ס׳זאָל זײַן אַ מישמאַש, כולם אהולאַם, — דרינגען זיי, אַז קלוגע מענטשן זאָגן, אַז אַזוי איז גוט... און איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל: ס׳איז תוהו ובוהו — הימל און ערד און סטרוטשע־באָב, און האָט מיר אַ גוטינקן יום־טוב!

געשריבן אין יאָר 1904

א נגידישע פּרעזשעניצע

אַ ליטווישער דיאַלאָג

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, הינדע? דעם קאַפּטן פּאַרזעצן, א נגיד זאָל מען זײַן!

— אַקעגן וואָס איז געקומען צו רייד?

— געווען באַם נגיד. דערלאַנגט צום טיש א פּרעזשעניצע. ניט שײַך צו זאָגן — א גאָלד!

— פּטור! וואָס איז דאָרטן? מיט פּליטערלעך?

— ניט שײַך צו זאָגן — טעם גן־עדן!

— געגעסן?

— פּטור! וואָס פאַר א מחותן?

— פון וואַן־זשע ווייסטע?

— מזעט ניט?... א חיות צו קוקן פון דער ווײַטן! צעגייט אין מויל, ווי א פּוטער!...

— נגידים — וואָס פעלט זיי?

— קאַפּווייטיק! כוואָלט וועלן זען, הינדע... נמ... נמ... זאָלסט אַמאָל מאַכן א פּרעזשעניצע...

— טאַקע? א קליינע השגה!

— פאַר וואָס ניט? איין מאָל אין לעבן!...

— משוגע — וואָס?

— נמ... נמ.. חלשט מיר די האַרץ, הינדע!... מאַך מיר א פּרעזשעניצע, זע!...

— א קלאָג! פון וואָס מאַכט נעם — ווייסטע?

— פּטור! פון וואַן זאָל איך וויסן?

— טאָ וואָס־זשע רעדסטע?... ערשטנס, ליינן זיי אַרײַן, די נגידים, ווער ווייס וויפל פּוטער!...

— מילא, איז אָן פוטער, אבי א פּרעזשעניצע!

— א צורה! היינט מילך?

— מילא, איז אָן מילך, אבי א פּרעזשעניצע!

— גוט! אָבער אייער? אָן אייער קאָן מען דאָך ניט מאכן א פּרע־זשעניצע!

— אייער? אווּ שטייט דאָס „אייער”? מע צעשלאָגט אָן איי און מע מאכט א פּרעזשעניצע.

— געפּועלט! אווּ נעמט נעם? געווען איין איי איז אוועק א האלבער געלכל אף געפילעכץ און אביסל פון דעם ווייסל אף די רלות.

— נאָ־נאָ! אז דו ווילסט, געפינסטע נאָך פון וואָס צו מאכן א פּרע־זשעניצע!

— פון וואָס? פון דער לושפּייקע? א האלבע איי!

— איך ווייס? ביסט דאָך עפּעס א בעל־הביתטע!

— א בעל־הביתטע! סיידן מיט מעל אביסל?

— זאָל זיין מיט מעל, אבי א פּרעזשעניצע.

— חכם! אווּ נעמט נעם?

— עט, א ביסל מעל אייך א זאך?

— אייך א זאך... סיידן רעטשענע?

— זאָל זיין רעטשענע, אבי א פּרעזשעניצע.

— א צורה! סיידן מיט א ציבעלע?

— זאָל זיין מיט א ציבעלע, אבי א פּרעזשעניצע.

— גאָר פארגעסן! ניטאָ קיין ציבעלעס. פראן א קנאָבעלע.

— זאָל זיין א קנאָבעלע, אבי א פּרעזשעניצע.

— א שיינע פּרעזשעניצע! מיט וואָס באשמירט נעם די סקאָווערדע?

— שמיר מיט וואָס דו ווילסט, אבי א פּרעזשעניצע.

— נא דיר א פּרעזשעניצע!... אָנגעשפּארט דער יצר־הרע!... געזען באם נגיד... דער נגיד זאָל זיך אָפּשניידן דעם נאָז, דארף נעם אייך שניידן דעם נאָז... אבוזשאנע!... ננא! נא דיר א פּרעזשעניצע פלוצעם!... גיי וואש דזאך, שיים פארטיק די פּרעזשעניצע!

— שיים פּאַרטיק די פּרעזשעניצע? אָט אַזוי, הינדע, האָב איך דיר ליב... די נגידים מיינען — נאָר בּאַ זיי פּראַן פּרעזשעניצעס... און איי־דעלער מאכל!... עס שמעקט דער קנאָבל — אַ חיות!... גוט, הינדע! כוואָלט אַלע טאָג עסן פּרעזשעניצעס... הערסטע, הינדע, וואָס כוועל דיר זאָגן?... נמ... נמ... דיין פּרעזשעניצע איז גאָר ניט דאָס... עפּעס זויערלעך, ווינציק זאַלץ און קלעפּיק... נמ... נמ... זאָלסט מיר מוחל זיין... נמ... נמ... גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד... חלשות, טפו! דער שוואַרץ־יאָר ווייס זיי, די נגידים, און וואָס זיי קאָכענען זאַך!...

געשריבן אין יאָר 1904

אַ עצה

— שוין פון אַ טאָג דריַי, אַז עס גייט צו דיר אַ יונגערמאַן אַלע אינדערפרי און באַטאָג און אויפדערנאַכט, און טרעפט דיך ניט אין דער היים. ער דאַרף דיך, זאָגט ער, זייער נייטיק זען!

אַזוי האָט מען מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה, בשעת איך בין געקומען איינמאָל צו פאָרן פון וועג אַהיים.

— מסתמא אַ מחבר מיט אַ „ווערק"! — אַזוי האָב איך מיר געטראַכט און האָב מיך אַוועקגעזעצט צום טיש, און נאָר גענומען זיך צו דער אַרבעט — אַהאַ, מע קלינגט שוין! עס עפנט זיך די טיר און עמעצער דאָרטן פּאַרקעט זיך, טוט אויס די קאַלאָשן, הוסט, שנייַצט די נאָז — אַלע סימנים פון אַ מחבר. איך וואָלט שוין וועלן זען דעם פּאַרשוין! גאָט האָט געהאָלפן, ער איז אַריַין. אָפּגעמאַכט צו מיר אַ גאַנץ פייַנעם „בואי־בשלום", דאָס הייסט, אָפּגעטראָטן אויף אַ פּאָר טריט צוריק, געמאַכט אַ מין רעווערענס, געריבן בשעת מעשה אַ האַנט אָן אַ האַנט, האָט ער זיך מיר פאָרגעשטעלט און אָנגערופן אַ נאָמען פון דער הגדה, איינעם פון די נעמען, וואָס אָט האָט איר דאָס געהערט, און אָט האָט איר דאָס פאַרגעסן — אַוועקגעפלויגן.

— זיצט! מיט וואָס קאָן איך אייַך דינען?

— איך בין געקומען צו אייַך מכח זייער אַ נייטיקער זאַך. דאָס הייסט, פאַר מיר איז די זאַך נייטיק, זייער נייטיק ממש, קאָן מען זאָגן, נוגע אין לעבן אַריַין, און נאָר איר, אַזוי מיין איך, וועט דאָס פאַרשטיין. איר שרייַבט אַזוי פיל, אַז איך מיין, אַז איר באַדאַרפט וויסן אַלצדינג און איר באַדאַרפט זיַין אַ מבין אויף אַלצדינג. אַזוי מיין איך. דאָס הייסט, ניט איך מיין, נאָר איך בין איבערצייַגט, אַז ס'איז אַזוי.

איך באַטראַכט מיַין פּאַרשוין: אַ טיפּ פון אַ קליינשטעטלדיקן משכיל, אַ מחבר. אַ יונגערמאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט גרויסע שוואַרצע

רחמנות־אויגן, דאָס הייסט, אַזעלכע אויגן, וואָס בעטן זיך: „האָט רחמנות אויף אַן עלנדע, אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה". איך האָב נישט ליב אַזעלכע אויגן. פאַר אַזעלכע אויגן האָב איך מורא: קיינמאָל לאָכן זיי נישט — איך האָב פֿײַנט אַזעלכע אויגן.

— „אנו, ווײַזט, וואָס האָט איר דאָרטן? — מאַך איך צו אים, לייג־אָוועק די פען, שפּאַר מיך אָן אָפּן בענקל און וואַרט, אַז אָט באַלד נעמט ער זיך צום בוזעם און שלעפּט אַרויס אַ היפּש פּעקל כּתבים, געוויס אַ ראָמאַן אין דרײַ טיילן, לאַנג ווי דער יִדישער גלות, אָדער אַ דראַמע אין פיר אַקטן, וואָס די פאַרשווינען הייסן: מערדערזאָן, ערליכמאַן, פרומהאַרץ, ביטערצוויַג, וכדומה אַזעלכע נעמען, וואָס פון זיי אַליין זעט איר שוין אַרויס, מיט וועמען איר האָט צו טאָן... און אפשר איז דאָס נאָר נײַע לידער פון ציון?

„אהין אויף די בערג טוט אים ציִען,
דאָרט ווו דער אָדלער טוט פליִען,
דאָרט ווו דער איילבערט טוט בליִען,
דאָרט ווו די נביאים האָבן געטאָן ריִען,
און פאַר גאָט געטאָן קניִען..."

מיר זײַנען קענטלעך די דאָזיקע לידלעך, די דאָזיקע גראַמען, וואָס קריכן פונעם האַלדז, שעמערירן אין די אויגן, זשומען אין די אויערן און לאָזן איבער אין האַרצן נאָך זיך אַ ווילדע פּוסטקייט, אַ מאָדנע וויסטע־ניש אויף דער נשמה.

שטעלט אײַך אָבער פאָר — איצטיקס מאָל האָב איך דווקא נישט געטראָפן: דער יונגערמאַן האָט זיך נ י ט גענומען צו דער בוזעם־קעשענע, נ י ט אַרויסגעשלעפּט קיין פּעקל כּתבים, נ י ט אין זינען געהאַט אפילו לייענען מיר אַ ראָמאַן, אַ דראַמע, אָדער נײַע לידער פון ציון. ער האָט נאָר צורעכט געמאַכט דעם קאָלנער פון העמד, אויסגע־הוסט זיך פריִער און אַ זאָג געטאָן צו מיר:

— איך בין געקומען צו אײַך אהער, הייסט דאָס, נישט מער ווי אויס־דערציילן אײַך מײַן ביטער האַרץ און זיך אַן עצה האַלטן מיט אײַך. אַזאַ מענטש, ווי איר, באַדאַרף מיך פאַרשטיין. איר שרײַבט אַזוי פיל, אַז איר מוזט וויסן אַלצדינג, און נאָר איר קאָנט מיר געבן די רעכטע עצה. און גלייבט מיר, וואָס איר וועט מיר זאָגן, דאָס וועל איך טאָן. איך גיב

אײַך מײַן ערנוואָרט! האָט קײן פּאַראיבל נישט, אפשר נעם איך צו בּאַ אײַך צײַט?

— נישקשה, עס מאַכט נישט אױס. דערציילט, דערציילט! — מאַך איך צו אים און פּיל, װי אַ שטײן איז מיר אַראָפּ פונעם האַרצן. און דער יונגערמאַן רוקט זיך צו צום טיש און הײבּט־אָן צו דערצײלן זײַן ביטער האַרץ פריִער פּאַװאָלינקע, גלאַסן, און װאָס װײַטער מיט אַלץ מער היץ.

— אַלײן בּין איך, דאַרפט איר װיסן, אַ יונגערמאַן, װי איר זעט מיך, פון אַ קלײן שטעטל. דאָס הײסט, דאָס שטעטל איז גאָרניט אַזאַ קלײן שטעטל, און דװקא אַ היפּש שטעטל, אַ שטאָט קאָן מען זאָגן, נאָר קעגן אײַער שטאָט הײסט דאָס אַ שטעטל. דאָס דאָזיקע שטעטל, אַזױ מײן איך, קענט איר דװקא זײער גוט, נאָר איך װיל דאָס אײַך נישט פּורש בשמו זײַן, מחמת אַ קשיא אױף אײַך, איר קאָנט דאָס נאָך באַשרײַבּן, פּאַסט דאָס מיר ניט איבּער אַ סך טעמים... מיט װאָס איך פאַרנעם זיך װילט איר װיסן? המ... איך פאַרנעם זיך... הײסט דאָס, טאָן טו איך לעת־עתה גאָרנישט ניט, זיץ נאָך, הײסט דאָס, אױף קעסט בּאַ שװער און שװיגער, דאָס הײסט, נישט אױף קעסט, נאָר אינאײנעם זיצן מיר, אױף אַלעם גרײטן, מחמת זי איז, דאַרפט איר װיסן, אַ בת־יחידה, אַן אײן־און־אײנציקע הײסט דאָס, מער נישטאָ בּאַ זײ קײן קינדער, אחוץ די אײנע טאָכטער, און זײ קאָנען, נישקשה, בּאַשטײן אונדז אױסהאַלטן נאָך צען יאָר, מחמת זײ זײַנען דאַרפט איר װיסן, פאַרמעגלעכע לײַט, מע קאָן אױף זײ זאָגן נגידים, און װעדליק בּאַ אונדז — הײסן זײ גרױסע נגידים, גבירים אדירים, װאָרעם רײַכער פון זײ איז שױן בּאַ אונדז נישטאָ. מײַן שװער בּאַדאַרפט איר געװיס קענען. אַזױ מײן איך. איך װיל אײַך נישט פּורש בשמו זײַן, סע פּאַסט נישט. ער איז אַ ייִד, דאַרפט איר װיסן, װאָס האָט ליב זיך לאָזן הערן אױף דער װעלט, מע זאָל אים קענען. למשל, אױף בּאַברױסקער נשרפים האָט ער געגעבּן די שענסטע נדבה, אױף קעשענעװ האָט ער געשענקט מער פון אַלעמען. אין שטאָט גופא בּאַ אונדז גיט ער אפילו װינציק־װאָס, נאָר אין דער פרעמד האָט ער ליב זיך אױסשטעלן פײַן, אַלע זאָלן װיסן. ער איז, פאַרשטײט איר מיך, גאָר קײן נאַר נישט. ער װײס גאַנץ גוט, אַז דאָ, אין שטאָט, האָט מען סײַ װי סײַ פאַר אים דרך־ארץ — פאַר װעמען בּאַדאַרף ער זיך דאָ אױספּײַנען? איז ער זיך מײשב און שטעלט זײ גאָר אַ פײַג. ער איז אַ מענטש, װאָס קאַטאָרי ער קאָן נישט געבּן. ער זאָגט אַלײן, אַז ער קאָן

ניט געבן. אז מע קומט צו אים נאָך א נדבה, ווערט ער טויט און זאָגט: „שוין? איר זײַט שוין געקומען נעמען? נאַט אײַך די שליסעלעך און ניט אײַך אַליין צו דער שאַפע און נעמט אײַך וויפל איר דאַרפט”... מיינט איר דאָך מסתמא, אַז אַט נעמט ער אַרויס די שליסעלעך? האָט איר במחילה א טעות! די שליסעלעך פון דער שאַפע ליגן בא אים סך־הכל פאַרשלאָסן אין א טישקעסטל, און אַחוץ דעם ליגט דאָס שליסעלע פון טישקעסטל אויך ערגעץ באַגראָבן. אָט אַזא מענטש איז ער, דער שווער מײַנער. און וואָס זאָלט איר קלערן? אוודאי, ווי דער מענטש פאַרדינט, אַזא נאָמען האָט ער. צווישן אונדז ריידנדיק, הייסט ער טאַקע בא אונדז אין שטעטל „דער דבר־אחר”... געוויינטלעך, הינטער די אויגן; אין די אויגן חנפעט מען אים אַזוי, אַז סע שלאָגט צום הארצן. און ער איז זיך מיישב און נעמט דאָס אָן דווקא פאַר גוט געלט, גלעט זיך דאָס בײַכל און לעבט זיך אָפּ א גוטן טאָג. סטײַטש געלעבט! לעבן צו לעבן איז ניט גלײַך! באַרעכנט אײַך נאָר אַליין: א מענטש טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, שיין געזעסן, פײַן געגעסן, גוט געשלאָפן — וואָס ווילט איר נאָך? נאָכן שלאָפן הייסט מען אײַנשפּאַנען דאָס פאַיעטאָנדל און מע פאָרט־אַרויס א ביסל אָפּן שפּאַציר איבער דער בלאָטע. און קומט פאַרנאַכט, גייט מען זיך צונויף מענטשן פון שטאָט, דער מיט אַזא פּזמון, דער מיט אַזא מין רכילות, א נעכטיקן טאָג, און מע באַרעדט די גאַנצע שטאָט, און מע לעצעוועט־אָפּ פון דער גאַנצער וועלט. נאָכדעם דערלאַנגט מען דעם גרויסן סאַמאָוואַר און מע זעצט זיך אַוועק מיט שמואל־אַבא דעם שוחט שפּילן אין דאָמינעס. שמואל־אַבא דער שוחט, דאַרפט איר וויסן, איז א יונגערמאַן טאַקע מיט פּאַהלעך, נאָר א הײַנט־וועלטיקער שוין, מיט א ווײַסן קאָלנער, מיט אויסגעפּוצטע שטיוועלעך, און אַנטלויפט נישט פאַר קיין יונגע ווײַבלעך, און האָט א פײַן העלדזל, קאָן שיין זינגען, און שרײַבט אויס א בלאַט, און שפּילט זייער גוט אין שאָך און אין דאָמינעס. און אַז זיי זעצן זיך שפּילן אין דאָמינעס, קאָנען זיי אַוועקשפּילן אָט אַזוי א גאַנצע נאַכט, און דו זיץ און קוק און גענעץ. דאָס מויל ווערט שיִער ניט צעריסן! נעם־זשע, דו שוטה, שטיי אויף און ניי דיר אַוועק צו זיך אין חדרל און זעץ זיך איבער א בוך, צי איר־בער א בלאַטצײַטונג? איז ניין! פאַר וואָס? סע פּאַסט נישט. סע זיצט א פרעמדער מענטש — ווי אַזוי הייבט מען זיך אויף און מען נעמט און מע גייט־אַוועק אין מיטן דרינען? פאַר אַזא מעשה, דאַרפט איר וויסן,

ווערט דער שווער ברוגז. דאָס הייסט, זאָגן זאָגט ער גאָרנישט, נאָר ער בלאָזט זיך אָן, ווי אַן אינדיק, און ענטפערט נישט, כאָטש רייד צו אים צעזעצטערהייט! און אַף אים קוקנדיק — אויך די שוויגער! און וויבאַלד שווער און שוויגער זײַנען נישט שוה־בשוה מיטן איידעם, קוקט שוין זי אויך צו אַלדי שוואַרצע יאָר — פאַרט אַ בת־יחידה, איין־און־איינציקע בײַ טאַטע־מאַמע, וואָס זיי זײַנען, זאָגט זי, בײַ איר דאָס חיות מיט דער נשמה, און זי בײַ זיי — דאָס אויג אין קאָפּ, מיט סכנת־נפשות, אַזוי אַז טאָמער מאַכט זיך, זי ווערט עפּעס נישט מיט אַלעמען, איז באַלד דער דאָקטער, באַלד קערט זיך איבער די וועלט! נו, איז שוין עפּעס אַ חידוש, וואָס אַזאַ נפש, ווי זי, נעמט זיך איבער און מיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר פון אירעטוועגן? און דערצו, דאַרפט איר וויסן, איז זי נאָך נישט איבעריק קלוג אויך. דאָס הייסט, אַזוי פיל, אַז איר וועט מיט איר ריידן, איז זי, דאַכט זיך, נישט קיין נאַר, גאָר קיין נאַר נישט, מע קאָן זאָגן אַ קלוגע, אַ גאַנץ קלוגע, אַ חרוצה, אַ מאַנצבילשער קאָפּ אַף איר! נאָר וואָס דען? אָט דאָס, וואָס זי איז צעבאַלעוועט, צעפּעס־טעט, אַ ווילדע ציג. טאָג ווי נאַכט אָדער כאַ־כאַ־כאַ, אָדער גאָר אַ וואָרף געטאָן זיך אין בעט אַרײַן און צעוויינט זיך, ווי אַ קליין קינד... „וואָס איז דיר? וואָס פעלט דיר? וואָס וויינסטו? וואָס ווילסטו?" — ענטפערט די וואַנט?... מילא. וואָלט דאָס נאָך אויך געווען אַ האַלבע צרה. אַ ווײַב אַז זי וויינט, וויינט זי אַזוי לאַנג, ביז זי וויינט זיך איבער! איז אָבער דער חסרון — די שוויגער. ווערט געוואָר די שוויגער, קומט זי צו לויפן אין איין אימפּעט מיטן טערקישן שאַל אַף די פּלייצעס, ברעכט די הענט און לייענט מיט אַ נוסח פון תחינות, און אַ קול האָט זי, דאַרפט איר וויסן, פון אַ מאַנצביל: „וואָס איז דיר, טאָכטער־לעבן? ווידער ער? אָט דער רוצח, דער גזלן, דער מערדער? ווינד איז מיר! וואָס אַרט דאָס אים, אשטייגער, וואָס איך האָב נאָר איין אויג אין שטערן? דער בויך האָט אים ווי געטאָן? צי ער האָט בלוט פאַרגאָסן?"... שיט, שיט מיט רייד, ווי פון אַ זאַק! עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי וועט אייביק אַזוי שיטן, קיינ־מאָל נישט אויפהערן, און עס זיגעט מיך באַם האַרצן, עס נאָגט די נשמה, און עס נעמט מיך אָן אַ חשק נעמען איר טערקישן שאַל, צעקנייטשן מיט די הענט, צעטרעטן מיט די פיס און צערײַסן אַף שטיק־שטיקלעך! כאָטש, אייגנטלעך, אַז מע וויל שמועסן צוריק, וואָס האָב איך צו איר שאַל? אַ שאַל ווי אַלע טערקישע שאַלן, וואָס מע ברענגט זיי צו פירן פון בראָד.

אײַך באַדאַרף זײַן באַקאַנט די דאָזיקע טערקישע שאַלן: געמאָלטע, מיט רויטע, געלע, גרינע, ווײַסע, שוואַרצע קעסטעלעך, מיט שפּרײַנקעלעך באַשפּרײַנקלט און מיט פֿרענדזעלעך באַפֿרענדזלט...

— זײַט־זשע מוחל, יונגערמאַן! — האָב איך אים איבער סאַמע אין מיטן. — דאַכט זיך, איר האָט געזאָגט, איר ווילט זיך עפּעס אַן עצה האַלטן מיט מיר מכח אַן ענין?...

— האָט קיין פּאַראיבל נישט, — מאַכט ער און כאַפּט איבער דעם אָטעם, — אפשר נעם איך צו בײַ אײַך צײַט? נאָר דאָס איז נײטיק געווען, פֿאַרשטייט איר מיך, טאַקע צום ענין, איר זאָלט ווערן אַביסל באַקאַנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשן, און אַז איר וועט ווערן באַקאַנט מיט דער שטוב און מיט די מענטשן, וועט איר ערשט דעמאָלט פֿאַרשטיין די לאַגע מײַנע... איז ווײַבאַלד זי ווערט, חלילה, נישט מיט אַלעמען, מײַנע הייסט דאָס, הייבט אַן די שווינגער וואָרטשען, און דער שווער הייסט אײַנשפּאַנען דאָס פּאַיעטאָנדל און שיקט אַוועק נאָכן דאָקטער, דעם נײַעם דאָקטער, — אַזוי טאַקע רופֿט מען אים בײַ אונדז „דער נײַער דאָקטער”, — איך וויל אײַך נישט פּורש בשמו זײַן, כאַפּט אים דער וואַטעמאַכער!... און אָט אַדאָ הייבט זיך ערשט אָן די רעכטע חתונה, וואָס וועגן דעם טאַקע האָב איך אײַך געוואָלט דערציילן און זיך מיט אײַך אַן עצה האַלטן.

מײַן פּאַרשוין שטעלט זיך אָפּ אויף אַ מינוט, ווישט זיך אויס דאָס פֿאַרשוויצטע פּנים, רוקט זיך צו צו מיר מיטן בענקל אַ ביסל נענטער און גרייט זיך צו דערציילן ווײַטער, נעמט בשעת מעשה אין האַנט אַרײַן אַ זאַך, אַף צו האַלטן, מחמת ס'איז פֿאַראַן מענטשן, וואָס אַז זיי ריידן, מוזן זיי עפּעס האַלטן אין דער האַנט, אַנדערש קאָנען זיי נישט דערציילן קיין מעשה. בײַ מיר אויפֿן שרײַבטיש שטייען אויסגעשטעלט פֿאַרשיידענע זאַכלעך, ראַריטעטן, צאַצקעס, און צווישן זיי אויך אַ קליין וועלאָסיפּעדל, אַ ציגאַרשנײַדער. דאָס דאָזיקע וועלאָסיפּעדל האָט אַזוי נושא־חן געווען באַם עולם, אַז איטלעכער, וועער עס קומט אַרײַן צו מיר, איז קודם כל נעמט ער זיך צום וועלאָסיפּעדל. אויך דעם דאָזיקן פּאַרשוין מײַנעם איז דאָס וועלאָסיפּעדל, אַפּנים, שטאַרק געפֿעלן. פֿריִער האָט ער דאָס בשעת דערציילן באַטראַכט, נאָכדעם גענומען אין האַנט, נאָכדעם געפּרוּווט דרייען די רעדלעך — הכלל, ער האָט דאָס וועלאָסיפּעדל שוין מער פֿון די הענט נישט אַרויסגעלאָזט, און אַזוי האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן ווײַטער:

— אלזאָ, „דער נײַער דאָקטער". דאָקטוירים, דאַרפט איר װיסן, איז פאַראַן בײַ אונדז אין שטעטל, אַזױ װי די הײנט: פאַראַן דאָקטוירים קריסטן, און פאַראַן ייִדישע דאָקטוירים, און דאָקטוירימלעך; פאַראַן אױך דאָקטוירים ציוניסטן, דאָס הײסט אַזעלכע, װאָס פאַרנעמען זיך מיט ציוניזם. נאָר דער דאָקטער, װאָס איך דערצײל אײַך, איז נאָך גאָר אַ יונגער דאָקטער, טאַקע אַ הײמישער, אַ שנײַדערס אַ זון, דאָס הײסט, דער פאָטער זײַנער איז געװען אַמאָל אַ שנײַדער — הײַנט איז ער שױן אױס שנײַדער, װאָרעם װי שטײט אים אָן זײַן אַ שנײַדער, אַז ער האָט אַ זון אַ דאָקטער? מײַן איך פאַרקערט: װי שטײט אָן דעם זון דעם דאָקטער צו האָבן אַ טאַטן אַ שנײַדער, און נאָך אַזאַ מין שנײַדער, װאָס איז צװישן שנײַדערס אַ שנײַדער? דהײנו: אַלײן איז דאָס אַ ייִדל, דאַרפט איר װיסן, אַ קלײנס, מיט אַ װאַטאָװער קאַפּאָטע און מיט אַ קאַסאָקע אױגל און מיט אַן אײַנגעבױגענעם פינגער, און אַ קול האָט דאָס, װי אַ גרעגער, און סע גײט־אָרום טאָג װי נאַכט און סע גרעגערט: „מײַן דאָקטער האָט דאָס נעכטן געהאַט אַ פּראַקטיקע, אי אַ פּראַקטיקע! אי אַ פּראַקטיקע! מײַן דאָקטער, אַז ער װיל, קאָן ער! מײַן דאָקטער!"... ער פאַרהאַקט איטלעכן באַזונדער דעם קאָפּ מיט זײַן דאָקטער! און דערצו איז נאָך דער דאָקטער, צו די צרות, דאַרפט איר װיסן, אַ װײַבערשער דאָקטער, דאָס הײסט, אַן אַקושאָר, — איז װױ ערגעץ אַ סוד, פּױקט ער אױס, דער קאַסאָקע שנײַדער, איבער דער גאַנצער שטאָט. אַז אָך און װײ איז שױן יענעם װײַבל אָדער יענעם מײדל, װאָס פאַלט־אַרײַן אין מױל אַרײַן... עס האָט זיך אַנומלטן געטראָפן בײַ אונדז אַ מעשה, אַ מײדל איז געװען בײַ אונדז...

— זײַט־זשע מוחל, יונגערמאַן! האָב איך אים איבער נאָך אַ מאָל אין מיטן די רײד — דאַכט זיך, איר האָט געװאָלט מיט מיר זיך עפּעס אַן עצה האַלטן?

— האָט קײן פאַראיבל נישט, אפשר נעם איך צו בײַ אײַך צײַט? נאָר איך האָב אײַך אָנגעהױבן מיטן דאָקטער, װײַל ער איז אינגאַנצן דער מלאך־המוות טאַקע! װען נישט ער, װאָלט דאָך מיר געװען גוט װי די װעלט. װאָרעם װאָס פעלט מיר, איך בעט אײַך? אַז אַ װײַבל האָב איך, דאַרפט איר װיסן, אַ פאַרשױן, אַ יפת־תואר קאָן מען זאָגן, און קײן קינדער, דאַרפט איר װיסן, האָבן מיר נאָך ניט, און אַ בת־יחידה איז זי, אײן־און־אײנציקע, איבער הונדערט און צװאַנציק יאָר איז דאָס אינגאַנצן אירס,

מײַנס הייסט דאָס, און כבוד האָב איך אויך, ניט צו פאַרזינדיקן, ווערליק א נגידס אַן איידעם, ניט זשעדנע, דאַנקען גאָט, נישט קיין אויבן־אָן, נישט קיין מפטיר שבת און יום־טוב, נישט קיין כיבוד, אַז סע מאַכט זיך ערגעץ אַ ברית; אויך מיטן אתרוג, צו די הושענות, בין איך דער ערשטער נאָכן שווער: פריִער דער חזן, געוויינטלעך, נאָכדעם דער רב, נאָכדעם דער שווער, נאָכדעם איך, נאָכדעם ערשט דער איבעריקער עולם. און אפילו אין מרחץ, להבדיל, אַז איך טו מיך אויס און קום־אַרײַן, מאַכט דער בעדער אַ טאַרעראַם: „לאָזט נאָר, ייִדן, מאַכט אַ וואַרע, דעם נגידס איידעם גייט!" איך שווער אײַך בנאמנות, אַז סע איז מיר פריקרע, איך האָב עס פײַנט. שײַך זאָגן פײַנט? חניפה האָט איטלעכער ליב, און פון כבוד זאָגט זיך קיינער נישט אָפּעט, נאָר וואָס דען? ס'איז שוין צופיל, ובפרט, אַז איך ווייס, אַז איך האָב עס כלל נישט פאַרדינט. וואָס איז? באשר דער שווער איז אַ נגיד? לאָזן זיי אים חנפענען, לאָזן זיי אים לעקן, זײַט מיר מוחל, צעזעצטערהייט, וואָס קער זיך דאָס אָן מיט מיר? ווילדע מענטשן, זאָג איך אײַך, נאָך גאָר ווילדע מענטשן, און איך באַדאַרף זיצן מיט זיי, ווי אין געפּענקעניש, וואָרעם צונויפגיין זיך מיט אבי וועמען לאָזט מען מיך נישט; ווי פּאַסט דאָס פאַרן נגידס איידעם? ריידן מיטן שווער — איז נישטאָ מיט וועמען. ער איז, דאַרפט איר וויסן, אַ פּראָסטער נפש, זייער אַ פּראָסטער נפש, אַ גרויסער עם־הארץ, זאָל ער מיר מוחל זײַן, — ווי ער הערט נישט, אַזוי זאָל אים נישט שאַטן, און זי — אַ ווילדע ציג, אַ בת־יחידה, ווי איך האָב אײַך געזאָגט; אַט לאַכט זי, און אַט וויינט זי, אַט איז כאַ־כאַ־כאַ, און אַט טוט זי זיך אַ וואָרף אין בעט אַרײַן, און מע שיקט נאָכן נײַעם דאָקטער. און דער נײַער דאָקטער — פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן! דערמאָן איך זיך אָן אים, ווערט מיר מיאוס ומאוס דאָס לעבן מײַנס! איר מעגט מיר זיכער גלייבן, סע מאַכט זיך אַמאָל אַ צײַט, אַז סע ווילט זיך מיר אָדער כאַפּן אַ מעסער און שטעכן זיך, אָדער אַוועקלויפן צום טײַך און טרינקען זיך — אַזוי ווײַט איז מיר נימאס דער דאָזיקער דאָקטער!

און דער יונגערמאַן פאַרטראַכט זיך, ווערט טרויעריק.

— וואָס־זשע, איר זײַט זי, הייסט דאָס, חושד? — זאָג איך צום יונגנמאַן, און היט זיך מיט אַן איבעריק וואָרט.

— חס ושלום! — מאַכט ער צו מיר און כאַפּט זיך אויף, ווי אַן אָפּגעבריטער, און רוקט זיך צו צו מיר נאָך נענטער. — וואָס איז שײַך

זאָגן, איך בין זי חושד? אַ ייִדישע טאָכטער! אַ כשר קינד!... איך רייד פֿון אים רייד איך, פֿון שיינעם דאָקטער, ברענען זאָל ער. און נישט אַזוי נאָך דער דאָקטער, ווי דאָס שיינע פּאַטערל זײַנס, דאָס קאָסאָקע שנײַדערל מיט דער וואַטאָוווער קאַפּאָטע, פֿאַרשרפֿהט זאָל ער ווערן! ער גייט אַרום טאָג ווי נאַכט און גרעגערט און פֿויקט איבער דער גאַנצער שטאָט. איר מיינט, דאָס גרעגערן האָט עפּעס אַ ממשות? בלאָטע, גאָלע גאָרנישט! עס האָט אַ צונג, און סע רעדט! עס וואָלט מיך געאַרט, מאָלט אײַך, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי. איז אָבער דער חסרון, וואָס אַ מענטש האָט אויערן, און אויערן האָבן ליב האָרכן, און אַז מע האָרכט זיך גוט צו, דערהערט מען אַזעלכעס, וואָס מע וואָלט דאָס נישט געוואָלט האָרכן. ובפֿרט נאָך בײַ אונדז אין שטאָט — אַ שטאָט, דאַרפֿט איר וויסן, פֿון גאָלע רבילותניקעס מיט לשון־הרעניקעס מיט לאַנגע צינגער, וואָס האָבן אַ שם אויף דער וועלט! נעמט מען אַרײַן בײַ אונדז אַ מענטשן אין מויל אַרײַן, מעג ער זיך שוין אָפּגעזעגענען! פֿאַר מיר אין די אויגן, מאָלט אײַך, היט מען זיך, נאָר הינטער די אויגן האָב איך עטלעכע מאָל געהערט אַזעלכע ווערטער, אַז איך האָב מיך אָנגעהויבן צוקוקן, שטאַרק צוקוקן, כאַפּן ווערטער, טאַפּן רייד, און — למאי זאָל איך זאָגן? — איך האָב נישט אַרויסגעזען גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט, בלתי איין זאַך האָב איך אַרויסגעזען, וואָס אַז ער קומט צו גיין, ווערט זי גאָר אַן אַנדער מענטש, מיט אַן אַנדער פּנים, מיט אַנדערע אויגן. דאָס הייסט, דער מענטש איז דער זעלבער מענטש, מיטן זעלביקן פּנים, מיט די זעלביקע אויגן; נאָר דער קוק איז אַן אַנדערער. איר פֿאַרשטייט? ס'איז גאָר אַן אַנדער קוק מיט אַן אַנדער גלאַנץ! איר מיינט, איך בין נישט קיין בעלן געווען אפֿשר אַ פֿרעג טאָן זי: „זאָג מיר נאָר, וואָס איז די מעשה, נשמה מײַנע, וואָס אַז ער קומט צו גיין, ווערסטו גאָר אַן אַנדער מענטש?” טרעפֿט, וואָס זי האָט מיר דערויף געענטפֿערט? זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַזאַ מין כאַ־כאַ־כאַ, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל מיך באַגראָבן אַ לעבעדיקער! און טאַקע באַלד נאָכן גרויסן געלעכטער האָט זי זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין בעט אַרײַן מיט אַזאַ מין יללה, אַז ס'איז געקומען צו לויפֿן די שוויגער מיטן טערקישן שאַל און האָט זי גענומען מינטערן, און בשעת מעשה האָט זי אויסגעלייענט איר ביסל תחינות, און דער שווער האָט געכאַפּט דאָס פּאַיעטאָנדל און געשיקט נאָכן דאָקטער, טאַקע מיך אַליין; און אַז דער דאָקטער איז געקומען, איז איר די רגע געוואָרן גרינגער, ס'איז איר

אריַין די פּאַרב אין פּנים, און די אויגן האָבן איר אָנגעהויבן גלאַנצן, ווי בריליאַנטן אַקעגן דער זון... און שטעלט אײַך פאָר די שיינע לאַגע מײַנע: אַז איך באַדאַרף צו אים אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן, איז, מעגט איר מיר זיכער גלייבן, גלײַך ווי אַף יענער וועלט. אין גיהנם אַרײַנצוגיין באַדאַרף זײַן אַ סך מער ניחא! הײַנט אָנקוקן דאָס פּנים זײַנס, אַן איידל פּנימל! רויט ווי אַ צוויק, אַזש בלוילעך, און יעדער פּרישטש, יעדער פּרישטש, באַזעצט מיט פּרישטשעס! און האָט אַ טבע שמייכלען — שמייכלט, ווי אַ פּגר אומגעוואַשן. צי מע דאַרף, צי מע דאַרף נישט — ער שמייכלט! שטענדיק געשמייכלט, און צו איטלעכן באַזונדער איז ער צוגעלאָזט. און ווער שמועסט, צו מיר? צו מיר איז ער תמיד צוקער־זיס און ווייך, כאָטש לייג אים צו צו אַ מכה. זײַן גוטסקייט צו מיר האָט נישט קיין שיעור און קיין ערך! אַנומעלטן בין איך געווען נישט אין בעסטן געזונט, געהאַט די הייננטמאָדישע קרענק, די אינפלוענצע, וואָלט איר באַדאַרפט זען, ווי דער מענטש האָט זיך דאָס וועקגעלייגט פאַר מיר, עס איז מיר אַזש געווען איבער דער טבע! און מערקווירדיק! וואָס מער ער איז צו מיר גוט, אַזוי מער (גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן) האָב איך אים פײַנט, אָנקוקן קאָן איך אים נישט, ובפרט דעמאָלט, ווען ער זיצט באַ אונדז און זיי קוקן זיך דורך מיט איר!... מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך קאָן אים אָננעמען פאַרן קאַרק און אַרויסוואַרפן אין דרויסן אַרויס, וואָלט מיר צוגעקומען אַ שטיק געזונט! איך קאָן נישט אַריבערטראָגן זײַן קוקן, וואָס ער קוקט אַף איר, מיט זײַן שמייכלען, וואָס ער שמייכלט צו איר. און איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט: איין מאָל פאַר אַלע מאָל — אַן עס לאָז דאָס האָבן! ביז וואַנען איז דער שיעור צו לײַדן בזיונות? די גאַנצע שטאָט, דאַרפט איר וויסן, האָט שוין מיט מיר צו טאָן! קיין אַנדער עצה איז פאַר מיר נישט פאַראַן — נאָר אַ גט! קיין אַנדער מבוא זע איך גאָר נישט! אַי, וואָס? אַ תכלית? אַ שווער אַ גביר? אַ בת־יחידה? איבער הונדערט יאָר אײַנגאַנצן אירס, מײַנס הייסט דאָס? אַ שיינע ריינע כּפּרה! עלעהיי, וואָס האָב איך געטאָן פריִער? וואָס טוען אַ סך אַנדערע יונגעלײַט? נישטאָ קיין אַנדער פּלאַן! ווי זאָגט איר? איאָ, נישטאָ קיין אַנדער פּלאַן, אחוץ גטן זיך?...

דאָ האָט מײַן פאַרשויין ווידער אַ מאָל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם, אויסגעווישט דאָס פּנים און געוואַרט אַף מיר, וואָס וועל איך זאָגן.

— איך וויים? איך מיין אויך אַזוי, אַז ס'איז נישטאָ פאַר אײַך

קיין אנדער פלאן, אחוץ גטן זיך. ובפרט, אז איך זע נישט ארויס, אז די ליבע בא אייך זאל זיין אזוי פלאקערדיק, און קיין קינדער, הער איך, האט איר במילא נישט, און די שטאט רעדט, — היינט צו וואס נוצט אייך דער גאנצער מסחר?

די גאנצע צייט, וואס איך האב גערעדט, האט מיין פארשוין געדרייט די רעדעלעך פונעם וועלאסיפעדל און געקוקט אף מיר מיט זיינע שווארצע טיפע רחמנות־אויגן, און אז איך האב אויסגעלאזט, האט ער זיך צוגערוקט צו מיר נאך נענטער און אנגעהויבן מיט א זיפץ:

—איר זאגט: ליב האבן... וואס איז שייך צו זאגן? פיינט האב איך זי נישט. פאר וואס זאל איך זי פיינט האבן? איך האב זי בפירוש ליב — ניין, טאקע שטארק ליב!... און וואס איר זאגט, די שטאט רעדט? לאז זי ריידן פון פייער און פון וואסער! מיך ברענט נאר אף אים, א פייער ברענט אין מיר! אף אים און אף איר! וואס איז אף איר אזא גדולה, אז זי דערזעט אים? פאר וואס, זאגט מיר, איך בעט אייך, ווערט זי נישט רויט און פריילעך, אז זי דערזעט מיך? מיט וואס בין איך ערגער פון אים? דערמיט, וואס ער איז א דאקטער און איך נישט? מע זאל מיך געוועזן לערנען, אזוי ווי אים, וואלט איך אפשר אויך געווען א דאקטער, און אפשר נאך א גרעסערער דאקטער ווי ער! איר מעגט מיר גלייבן באמנות, אז אין די קליינע אותיות, ווי איר זעט מיך, וועלן מיר זיך נאך אויסגלייכן מיט אים, און אף לשון־קודש וועל איך אים נאך אפשר פארשטעקן אין גארטל אויך! בין איך מיך אבער מיישב ווידער צוריק: וואס האב איך, אייגנטלעך, אף איר אזעלכעס דערזען, וואס איך זאל איר געבן א גט? אי, דער נייער דאקטער? וואס וואלט איך געטאן, ס'זאל זיין אפן ארט פון דעם נייעם דאקטער אן אנדער שווארץ יאר? און ווו שטייט דאס געשריבן, אז א ווייבל טאר נישט זיין באקאנט מיט א דאקטער? האט איר אייך איין מאל אוועק. והשנית, וואס וועט זיין פון מיר דער תכלית, ווען, למשל, איך גט זיך מיט איר אפ? אז אליין, דארפט איר וויסן, בין איך א יינגל א יתום, אן עלנטער, אן א קרוב, אן א גוטן פריינט — גיי ווער צוריק אן ארעם־בחור און האב חתונה, הייב אן נאך א מאל, הייסט דאס, אלף־בית! און פון וואנען ווייס איך, אז איך וועל מאכן בעסער? טאמער פאל איך אריין נאך אין א ערגערן גיהנם? ווי די מעשה איז, דא ווייס איך שוין מיין צרה, און בין פארט, ווי זאגט ער, קראנפרינץ, דעם נגידס איידעם, איבער הונדערט יאר איז דאס פארט

אירם, מײַנס הייסט דאָס... איר פאַרשטייט? וואָס וועל איך גיין מאַכן קאָמבינאַציעס, שפּעגעלירן? ס׳איז דאָך נישט מער ווי אַ שפּיל, אַ לאָ־טערייע. וואָס? נישט אַזוי? וואָס זאָגט איר? ס׳איז נישט קיין שפּיל? נישט קיין לאָטערייע?

— איך מיין, זאָג איך, אויך אַזוי: ס׳איז אַ שפּיל, אַ לאָטערייע. אוודאי איז בעסער שלום, איידער גטן זיך.

איך בין זיך מחיה, וואָס עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מײַן עצה קומט אויס מער אַף שלום, איידער אַף גט. און איך מיין, אַז איך בין שוין מיט אים פאַרטיק. צום סוף כאַפּט ער דאָס וועלאָסיפּעדל און רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָענט און רעדט מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן:

— שלום? איר זײַט אפשר גערעכט. איך דערמאָן מיך אָבער אָן אים, פאַרכאַפּט זאָל ער ווערן, אָן דעם דאָקטער, הייסט דאָס, מיטן פּרישטשעוואַטן פּנים! דער טאַטע זײַנער, דער קאַסאָקע שנײַדער, דאַרפט איר וויסן, גייט אַרום סײַ ווי סײַ און פּויקט איבערן שטאָט, אַז דעם נגידס טעכטערל האַלט באַ גטן זיך. איר פאַרשטייט אַ נידעריקייט פון אַ פאַלגע? נעבעכײַ־בי וואָלט ער כאַטש ניט געפּויקט! איז וויבאַלד מע רעדט שוין דערפון אין שטאָט, הײַנט וואָס האָב איך דאָ אָנצוּווערן? ווי זאָגט מען: דאָס שאַרבן וועט שוין שאַרבנדיקער ניט ווערן. כל־זמן עס איז נאָך געווען בסוד, איז גאַרניט, אַ קניפּ אין באַק — די פּאַרב זאָל שטיין. אָבער איצט, אַז אַלע ריידן שוין וועגן גט, איז שוין פון מיר אַליין, דאַכט מיר, אַ גראָבקייט, וואָס איך האַלט זיך. עס איז שוין קיין אַנדער ברירה נישט פאַראַן, אַחוץ גט. האַ? וואָס זאָגט איר? נישט אַזוי?

— איך מיין, זאָג איך, אויך אַזוי. וויבאַלד אַלע וויסן שוין און אַלע ריידן שוין וועגן גט, איז דאָס פון אײַך שוין גראָבלעך, און איר האָט שוין טאַקע קיין אַנדער ברירה ניט, אַחוץ גט.

— האַלט איר, הייסט דאָס — מאַכט ער צו מיר און רוקט זיך צו מיטן בענקל כמעט אַף מיר — האַלט איר, הייסט דאָס, אַז איך באַדאַרף איר דורכויס געבן גט? באַקלערט נאָר די זאַך אַקוראַט. למשל, איר זײַט אַ רב, און איך קום צו אײַך מיט מײַן ווײַב זיך גטן, און איר טוט מיך אַ פרעג: „זאָג מיר, יונגערמאַן, פאַרוואָס גטסטו זיך מיט דײַן ווײַב?״ וואָס קאָן איך אײַך דערויף ענטפערן, זי קוקט אַפן דאָקטער, און דער דאָקטער קוקט אַף איר. נו? האָט דאָס אַ טעם? פרעג איך אײַך! זאָל איך

זיי גיין פארשטעלן די אויגן? און וואס פאר א פנים וועל איך דעמאלט האבן פאר דער וועלט? אדרבה, זאגט שוין איר אליין! גענומען און אפגעגט א ווייבל א יפת־תואר, א בת־יחידה, א נגידס א קינד, איבער הונ־דערט יאר אינגאנצן אירס, מיינס הייסט דאס... וואס? וואס וועט זאגן די וועלט? משוגע! הא? וואס? אפשר נים אזוי? איא, פריש און געזונט און משוגע?

— איך זאג אויך אזוי: פריש און געזונט און משוגע.

דא האט מיין פארשוין זיך צוגערוקט צו מיר שוין אזוי נאענט, אז אונדזערע ביידנס פיס זיינען אויסגעקומען אינאיינעם, ווי צונויפגע־פלאכטן, און אפן ארט פונעם וועלאסיפעדל, וואס ער האט דאס געפטרט, האט ער צוגערוקט צו זיך דאס טינטערל מיינס. ער האט א זיפץ געטאן און ווידער גענדרשהט:

— אייך איז גרינג צו זאגן אף יענעם: פריש און געזונט און משוגע! איך וואלט א בעלן געווען וויסן, וואס וואלט א י ר געטאן, למשל, ווען עס טרעפט זיך מיט א יי ך אזא מעשה? דאס הייסט, ווען א י ר האט א שווער א גראבן יונג, א שוויגער מיט א טערקישן שאל, וואס זי האלט אין איין ווארטשען, און א ווייב, וואס זאל זיין געזונט און שטארק און זאל זיך כסדר דאקטערן, און די שטאט זאל אף א יי ך טייטן מיט די פינגער: „אט גייט ער, דער יונגערמאן פון דער ציג!" מיר דאכט, אז איר וואלט אין מיטן האלבע נאכט זיך אויפגעכאפט, אפגעגט און אנטלאפן, ווי דער שווארצער פעפער וואקסט. וואס, אפשר נישט אזוי?

— איך מיין, זאג איך, אויך אזוי, אז איך וואלט אין מיטן האלבע נאכט זיך אויפגעכאפט, אפגעגט און אנטלאפן, ווי דער שווארצער פעפער וואקסט.

— אוודאי איז אייך גרינג צו זאגן — מאכט ער — אויפגעכאפט, אפגעגט און אנטלאפן, ווי דער שווארצער פעפער וואקסט! גלאט גע־רעדט „אנטלאפן"! וואס אנטלאפן? ווער אנטלאפן? וואהין אנטלאפן? אין דער ערד אריין?... און דאס, וואס זי איז א בת־יחידה... איין־און־איינציקע... איבער הונדערט יאר אינגאנצן אירס, מיינס הייסט דאס?... דאס איז גארניט?.. און גלאט, וואס האב איך צו איר? וו א ס ה א ב א י ך צ ו א י ר ?... ניין, זאגט מיר: וואס האב איך צו איר?...

— איך מיין, זאָג איך, אויך אזוי: וואָס האָט איר צו איר?

— סטייטש, זאָגט ער, נו, און דער דאָקטער? דעם דאָקטער האָט איר פֿאַרגעסן?! כל־זמן איך זע דעם דאָזיקן מלאך־המות פֿאַר די אויגן, קאָן איך זי נישט זען, קאָן איך אַף איר פּנים נישט קוקן!

— וויבאַלד אַזוי, זאָג איך, מוזט איר זיך גטן.

— וואָס־זשע, זאָגט ער, וועט זײַן דער תּכלית? וואָס קאָן אַזאַ יונג־נערמאַן, ווי איך, טאָן באַ הײַנטיקע ביטערע צײַטן? אדרבה, זאָגט איר! זײַט אַ ייִד אַ חכם!

— דאַרף מען זיך, זאָג איך, ניט גטן!

— ניט גטן? נו, און דער דאָקטער? כל־זמן...

— דאַרף מען זיך גטן! — זאָג איך און וויל מאַכן אַן עק

— גטן? וואָס־זשע איז פֿאַר אַ תּכלית? סטייטש...

— איז ניט גטן!

— נו, און דער דאָקטער?... „

איך ווייס ניט, וואָס מיט מיר איז אַזעלכעס געשען. עס האָט מיר אַ זעץ געטאָן דאָס גאַנצע בלוט אין קאָפּ אַרײַן, ס'איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. איך האָב אָנגעכאַפּט מײַן פֿאַרשוין פֿאַרן גאַרגל, אים צוגעקוועטשט צו דער וואַנט און נישט מיט מײַן קול געשריען:

— גטן זי זאָלסטו, ממזר! גטן זי! גטן זי! גטן זי ! ! !

. . . .

. . . .

אַף אונדזער ביידנס געשריי האָט זיך צונויפֿגעלאָפֿן מײַן גאַנץ הויזגעזינט. וואָס איז? וואָס איז דאָ געשען? — גאָרניט! גאָרניט! דערזען מײַן טויט פּנים אין שפּיגל, האָב איך זיך אַליין ניט דערקענט. און באַ מײַן פֿאַרשוין האָב איך נאָכדעם עטלעכע מאָל געמוזט בעטן מחילה, אים געקוועטשט די האַנט, אָנגעזאָגט טויזנט מאָל, ער זאָל פֿאַרגעסן וואָס צווישן אונדז איז פֿאָרגעקומען... „עס מאַכט זיך אַמאָל, האָב איך אים געזאָגט, אַז אַ מענטש גייט־אַרויס פֿון די כּלים". מײַן יונגערמאַן איז געווען אַביסל מבולבל, ווי צעמישט, מודה געווען, אַז אַ מענטש איז ניט באַ זיך אין די הענט, עס מאַכט זיך, אַז אַ מענטש גייט־אַרויס פֿון די

כלים.. און מיט דעם זעלבן „בואי־בשלום", וואָס ער איז אַרײַנגעקומען צו מיר, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון מיר: דאָס זעלבע בויגן זיך, די זעלבע עטלעכע טריט צוריק, די זעלבע רעווערענסן, דאָס זעלבע רײַבן מיט די הענט.

—האָט קיין פּאַראיבל נישט, טאָמער האָב איך בײַ אײַך צוגע־נומען צײַט, און אַ דאַנק פאַר דער עצה... אַ גרויסן דאַנק אײַך... און זײַט געזונט!

— ניטאָ פאַר וואָס... פאָרט געזונט.

געשריבן אין יאָר 1904

באַם דאָקטער

— איך וויל אײַך בעטן, הער דאָקטער, איין זאַך: איר זאָלט מיך אויסהערן. דאָס הייסט, נישט דאָס שלאָפקייט מײַנס זאָלט איר אויסהערן. — פונעם שלאָפקייט וועלן מיר שמועסן שפּעטער. איך וועל אײַך שוין אַליין אויפקלערן, אין וואָס עס באַשטייט מײַן שלאָפקייט. ווילן וויל איך, איר זאָלט אויסהערן מיך אַליין, וואָרעם ניט אַ יעדער דאָקטער האָט ליב אויסהערן דעם חולה. ניט אַ יעדער דאָקטער לאָזט זיך ריידן. דאָקטוירים האָבן אַ טבע: זיי לאָזן זיך נישט ריידן. זיי ווייסן נאָר טאַפּן דעם דופק, קוקן אַפן צייגער, פאַרשרײַבן אַ רעצעפּט און נעמען פאַרן וויזיט. אַף אײַך האָב איך געהערט זאָגן, אַז איר זײַט נ י ט פון די דאָקטוירים. איר זײַט נאָך, זאָגט מען, אַ יונגער דאָקטער, און זײַט נאָך ניט אַזוי להוט, פאַרברענט נאָכן קערבל, ווי אַנדערע דאָקטוירים. בין איך דערפאַר, הייסט דאָס, טאַקע געקומען צו אײַך, זיך מיט אײַך אָן עצה האַלטן מכח מײַן מאָגן. איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ מענטש מיט אַ מאָגן. על־פּי חכמת הדאָקטאָריע קומט אַפילו אויס, אַז י ע ד ע ר מענטש מוז האָבן אַ מאָגן. נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן? אַז דער מאָגן איז אַ מאָגן; אָבער אַז דער מאָגן איז קיין מאָגן ניט, הײַנט צו וואָס טויג דאָס לעבן? ווערט איר דאָך מיר ענטפערן מסתמא מיטן פּסוק: בעל־כרחך אתה חי? ווייס איך עס אָן אײַך. פאַר דעם „בעל־כרחך" האָב איך נאָך אין חדר געכאַפּט שמיץ. איך שמועס פון דעם, וואָס אַ מענטש כל־זמן ער לעבט, ווילט זיך אים ניט שטאַרבן. כאָטש דעם אמת דאַרף איך אײַך זאָגן, אַז איך אַליין האָב פאַרן טויט כלל קיין מורא נישט. וואָרעם, ערשטנס, האָב איך שוין אַריבערגעשפּאַנט ששים, והשנית, בין איך אַזאַ מענטש, וואָס קאַטאָרי לעבן און שטאַרבן איז בײַ מיר גלאַט אַלץ איין יום־טוב. דאָס הייסט, לעבן איז אוודאי גלײַכער ווי שטאַרבן, וואָרעם ווער וויל דאָס שטאַרבן? ובפרט אַ ייִד? ובפרט אַ טאַטע פון עלף קינדער, זאָלן גע־

זוגט זײַן, מיט א ווײַב, כאָטש דאָס דריטע ווײַב, נאָר דאָך א ווײַב. בקיצור, אליין בין איך א קאָמעניצער, דאָס הייסט, ניט פון קאָמעניץ גופא, נאָר פון א שטעטל ניט ווײַט פון קאָמעניץ. און בין, אז אָך און ווי איז מיר, א ייִד א מילנער, איך האַלט א מיל. האַלט איך, דאָס הייסט, די מיל האַלט מיך, וואָרעם, ווי זאָגט איר, אז מע קריכט אַרײַן, ליגט מען. א ברירה האָט מען? ס'איז א ראָד, פאַרשטייט איר מיך, און סע דרייט זיך! באַרעכנט זיך אליין, אז פאַר ווייץ באַדאַרף מען צאָלן מיט מזומנים, און מעל מוז מען צעטיילן אַף קרעדיט, א וועקסל אַהין, א וועקסל אַהער, און צו טאָן האָט מען מיט גראָבע נפשות, און מיט ווײַבער. איר האָט עפּעס ליב ווײַבער? למאַי עס איז ניט געראָטן בא זיי די חלה? וואָס בין איך שולדיק? אפשר, זאָג איך, איז בא אײַך ווייניק הייץ? אָדער אפשר איז בא אײַך געווען שלעכטע הייוון? אפשר איז בא אײַך געווען, זאָג איך, נאַס האָלץ? פאַלט מען נאָך אַף אײַך און מע מאַכט אײַך מיט דער בלאָטע און מען איז אײַך מבטיח, אז דאָס אַנדערע מאָל וועט אײַך פלִיִען די חלה אין קאָפּ אַרײַן... איר האָט עפּעס ליב, אז סע פליט אײַך א חלה אין קאָפּ אַרײַן? דאָס זײַנען די קונהטעס די לאַחדימ־ניצעס. נאָר איר מיינט אוודאי, די קונים די הורטאָוואָניקעס זײַנען בעסער? אויך ניט בעסער! לכתחילה, אז דער קונה קומט אין מיל אַרײַן און וויל זיך מאַכן א קרעדיט, איז ער ווייך ווי א פּוטער, מיט טויזנט חניפהלעך און קאָמפּלימענטן, כאָטש נעם לייג אים צו צו א מכה; און נאָכדעם, אז עס קומט צו צאָלן, הייבט זיך אָן א צעטל פון טענות: דער טראַנספּאָרט איז אים שפּעט אָנגעקומען, די זעק האָבן זיך צעריסן, די מעל איז געווען ביטער, טוכלע, צוגעלעגערט הייסט עס. צרות מיט שלעק —אכצן חסרונות מיט זיבן און צוואַנציק תירוצים! „און געלט?״ „געלט, זאָגט ער, שיקט־אַרײַן א חשבון!״ א האַלבער סילוק, הייסט דאָס. שיקט מען אים מאָנען, זאָגט ער: „מאָרגן״. מאָרגן — „איבערמאָרגן״. א נעכטיקער טאָג! הייבט מען אים אָן סטראַשען מיט א פּראָטעסט און מע גיט אַף אים אײַן. נו, און אז מע גיט שוין אײַן, מיינט איר, איז וואָס? האָט מען א „ליסט״, און אז מע קומט מיטן „ליסט״ איבערשרײַבן, איז במילא אַלצדינג אַף דעם ווײַבס נאָמען, און גיי רוף אים קנאַקניסל! נו, פרעג איך אײַך: בא אַזעלכע געשעפטן, ווי זאָל מען ניט האָבן קיין מאָגן? ניט אומזיסט זאָגט צו מיר מײַנע, כאָטש זי איז בא מיר ניט דאָס ערשטע, זי איז דאָס דריטע, און דאָס דריטע ווײַב איז דאָך, ווי זאָגט

איר, די זון אין שבט, נאָר דאָך אוועקמאַכן קאָן מען זי ניט, פּאָרט אַ ווײַב: „וואַרף־אַוועק, זאָגט זי צו מיר, נח, וואַרף־אַוועק דאָס מעל־געשעפט. לאָז זיך עס אָנצינדן מיט דער מיל אינאיינעם, וועל איך וויסן, אַז דו לעבסט אַף דער וועלט!״ „ע־העדהע, זאָג איך, די מיל זאָל וועלן ברענען! זי איז גוט געסטרעכירט״... „ניט דאָס, זאָגט זי, מיין איך, נח. איך מיין, זאָגט זי, וואָס דו לויפסט אַרום, ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב, ניט קיין ווײַב, ניט קיין קינד. וואָס? וואָס פּליסטו?״... פּרעגט מיך בחרם, איך ווייס אַליין ניט, וואָס איך פּלי. וואָס זאָל איך טאָן, אַז ס׳איז באַ מיר אַזאַ טבע, צו אַלדי רוחות?... איך האָב ליב דרייען!... טאָמער מיינט איר, מע האָט עפּעס פונעם דרייען? צרות האָט מען! וואָס פאַר אַ געשעפט איר זאָלט מיר ניט געבן, נעם איך דאָס אָן; ניטאָ פאַר מיר קיין שלעכטער בראַנפן: זעק — איז זעק, האָלץ — איז האָלץ, „טאָרנעס״ — איז „טאָרנעס״. איז קערט אוודאי מיינען, אַז אַחוץ דער מיל האָב איך שוין מער קיין געשעפטן נישט? האָט איר מחילה אַ גרויסן טעות. ווי איר קוקט מיך אָן, האַנדל איך מיט וואַלד, מיט איינעם אַ שותּף, וואָס מיר האַקן אים, און שטעל־צו פּראָוויאַנט אין דער טורמע, און האָב אַ חלק אין דער טאַקסע, און דערלייג דווקא אַלע יאָר צו איר געלט, איר וואָלט זיך עס ווינטשן פאַרדינען אַלע חודש, איך בין אײַך קיין שונא ניט. אַי, צו וואָס דאַרף איך זי? קהל אַף צו־להכעיס! איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ גרויסער בעל־נצחון: באַ מיר, צוליב נצחון, איז כדאַי די גאַנצע שטאָט זאָל גיין צו גרונט און אַליין באַגראָבן ווערן — אַבי אויספירן מײַנס! איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ מענטש דווקא אַזוי זיך נישט קיין שלעכטער בטבע, נאָר אַ גרויסער „קאַפּריז״, אַ שפּילשליוועך, הייסט עס. מיך, אַז מע רירט מיך אָן אין כבוד, איז חיות ניט זיכער! און דערצו בין איך נאָך אַ שטיקל עקשן אויך. איך בין אַ בעלן געווען אַמאָל, אין די גוטע יאָרן, פאַר אײַן „אתה־הראית־לע״ באַ אונדז אין בית־המדרש גיין ביזן בלוט אַרײַן; דאָס בית־המדרש האָט מען פאַרמשפּט — און איך האָב טאַקע אויסגעפירט מײַנס. וואָס זאָל איך טאָן? ס׳איז באַ מיר אַזאַ בלוט! ס׳איז באַ מיר נערוון, זאָגן זיי, די דאָקטוירים, און ס׳האָט, זאָגן זיי, אַ שייכות צום מאָגן. כאָטש אפילו על־פּי שכל קומט דאָס אויס ווילד. וואָרעם וואָס געהער זיך אָן נערוון מיט אַ מאָגן? אַביסל אַ סמי־כות הפּרשה! ווו זײַנען די נערוון און ווו איז דער מאָגן? נערוון זײַנען דאָך, צום מיינסטן, על־פּי חכמת הדאָקטאָריע, דאַכט זיך, דאָרט, ווו

די געהירן? און דער מאגן איז דאך גאר ווייס איך ווו — פאלג מיך א גאנג!.. שאט, אט באלד ענדיק איך, וואס כאפט איר זיך אזוי? זיצט נאך א מינוט. איך וויל דאך אייך אויסדערציילן אקוראט, איר זאלט מיך אויסהערן און זאגן מיר, פון וואנען האט זיך גענומען צו מיר אט דער דאזיקער אומגליק, איך מיין דעם מאגן מיין איך. אפשר איז דאס פון דעם, וואס איך בין נע־ונד, בין קיינמאל נישטא אין דער היים, און אפילו דעמאלט, ווען איך בין אין דער היים, בין איך אויך ניט אין דער היים. איך שווער אייך בהן שלי — ס'איז א געלעכטער צו הערן און א חרפה צו זאגן — איך ווייס נישט, וויפל קינדער איך האב און ווי אזוי מען רופט זיי. ס'איז נישט גוט, הערט איר, אן א בעל־הבית און אן א טאטן! איר זאלט אנקוקן בא מיר א שטוב, קיין עין־הרע, מיט א פע־ראדעק! א שיף אן א רודער! טאג ווי נאכט א טארעראם, א הארמידער, זאל גאט שומר ומציל זיין! א ווערטעלע אויסצוריידן, קיין עין־הרע, עלף קינדער פון דריי ווייבער! בשעת דער טרינקט טיי, עסט יענער אנבייסן, און בשעת איך דאוון, גלוסט זיך יענעם שלאפן. דער קנייפט א בולקע, און דער וויל הערינג, דעם גלוסט זיך מילכיקס, און דער שרייט אין איין קול: פלייש! און אז מע וואשט זיך עסן, איז ערשט דעמאלט נישטא קיין מעסער, מיט וואס א שטיקל ברויט אפצושניידן, און צווישן קליינ־ווארג איז א טומל, א גיהנם, מיט הריגות, כאטש נעם לויף אין דער וועלט אריין! און איבער וואס? אלץ איבער דעם, הערט איר, וואס איך האב קיינמאל קיין צייט ניט, און זי, מיינע הייסט דאס, איז, קיין עין־הרע, זייער א גוטע, דאס הייסט, ניט אזא גוטע, ווי א ווייכע, קאן זיך נישט באגיין מיט קיין קינדער. מיט קינדער דארף מען קאנען זיך באגיין. קריכן זיי איר אפן קאפ דאס הייסט, זי שילט זיי אפילו, קנייפט זיי, רייסט זיי אוים שטיקער פלייש, נאר וואס קומט ארויס? פארט א מאמע. א מאמע איז ניט קיין טאטע. א טאטע לייגט־אנידער און שמייסט־אפ א קינד. איך ווייס, אז מיין טאטע האט מיך געשמיסן. און אפשר האט אייער טאטע אויך געשמיסן? וואס־זשע מיינט איר? איז אז וויל צו אייך! איך ווייס ניט, צי ס'וואלט פאר אייך געווען בעסער, מע זאל אייך ניט געוועזן שמייסן... וואס כאפט איר זיך? איך ענדיק באלד. איך דערצייל עס אייך ניט אומזיסט; דאס איז צוליב דעם, איר זאלט פאר־שטיין מיין ארט לעבן, וואס איך לעב. אפשר מיינט איר, אז איך ווייס, וויפל איך פארמאג? מעגלעך, אז איך בין א ייד א נגיד, און א גרויסער

נגיד, און מעגלעך אַז — צווישן אונדז וועט עס דאָך מסתמא בלײַבן? — אַז איך בין אפשר דערונטער... איך ווייס? אַז טאָג ווי נאַכט איז נאָר געלאָטעט; ווי זאָגט איר, די טאַפּלע ארויסגענומען, יענע טאַפּלע אַרײַנגעשטעלט — ס'איז עפּעס אַ תירוץ? צי מע קאָן, צי מע קאָן ניט — נדן אַ קינד דאַרף מען געבן? ובפרט נאָך, אַז גאָט העלפט טעכטער, און דערוואַקסענע דערצו! אַנו, פּרוּווט האָבן דרײַ טעכטער דערוואַקסענע, קיין עין־הרע, אַלע אין איין טאָג צו דער חופּה פירן, וועלן מיר זען, צי וועט איר קאָנען אײַנזיצן אין דער היים אפילו אַ טאָג! הײַנט פאַרשטייט איר שוין, וואָס איז דאָס דרייען, וואָס מע דרייט, מיטן פּליִען, וואָס מען פליט, כאַפּט מען אַ פאַרקילונג אין וואַגאָן, אַ בייזע וועטשערע אַף דער אכסניא, וואָס מע קרענקט זי נאָכדעם אויס. הײַנט די ריחות, וואָס מע שמעקט זיך אָן, מיט דער שיינער לופט — מעג מען שוין האָבן אַ מאָגן? אַ שטיקל גליק איז נאָר, וואָס איך בין בטבע ניט קיין קראַנקער מענטש, גוט פאַרפונדעוועט פון דער יוגנט. קוקט נישט אַף מײַן סנאָסט, וואָס איך בין אַזוי דאַר און טרוקן. דאָס האָבן מיך די געשעפטן אַזוי אויסגעטריקנט. און אגב איז בײַ אונדז טאַקע אַזאַ גדלע, אַזאַ ווּקס; מיר האַלטן זיך אַלע הויך און דין. איך האָב געהאַט עטלעכע ברידער, זײַנען זיי אַלע געווען אַזוי ווי איך, מיר צו לענגערע יאָר. פונדעסטוועגן בין איך, הערט איר, תמיד געווען אַ געזונטער מענטש, נישט געוווּסט פון קיין מאָגן און פון קיין דאָקטער און פון קיין שוואַרץ־יאָר, הלוואי ווײַטער. נאָר פון אַ צײַט, אַז מע האָט מיך אָנגעהויבן שטאָפּן מיט רפואות, פּילן, פּראָשקעס און קרײַטער, און איטלעכער באַזונדער קומט מיט זײַן המצאה: דער הייסט, איך זאָל האַלטן דיעט, דאָס הייסט, „נעדאָיעד״, איך זאָל עסן וואָס ווינציקער; און דער הייסט, איך זאָל גאָר ניט עסן, איך זאָל פאַסטן הייסט דאָס. זײַט איר שוין פאַרטיק? קומט צו גיין אַ נײַער חכם אַ דאָקטער און זאָגט מיר אָן, איך זאָל דווקא עסן, און אַ סך! אַפּנים, ער אַליין האַלט פון דער אכילה. אַלע דאָקטוירים האָבן אַזאַ טבע, אַז דאָס, וואָס זיי האָבן ניט פײַנט, דאָס הייסן זיי אויך דעם חולה. אַ חידוש איז מיר נאָר, וואָס זיי הייסן נישט שלינגען קיין קערבלעך... משוגע צו ווערן פון זיי! איינער אַ דאָקטער האָט מיר געהייסן גיין אַ סך, גלאַט גיין אין דער וועלט אַרײַן, שפּאַנען הייסט דאָס; איז געקומען אַן אַנדערער דאָקטער און הייסט מיר ליגן — און גיי טרעף, ווער פון זיי איז מער בהמה... וואָס דאַרפט איר אַ סך? איינער האָט מיך

געהאָדעוועט מיט ליאַפּעס, כמעט אַ יאָר כסדר מיט גאָלע ליאַפּעס! איך קום צום אַנדערן, זאָגט ער: „ליאַפּעס? חס־ושלום! ליאַפּעס איז פאַר איַיך אַ סם־המות!" און ער גייט און פאַרשרײַבט מיר אַ פּראָשעק, אַ געלן פּראָשעק. מסתמא ווייסט איר, וואָס דאָס איז פאַר אַ מין פּראָשעק? איך קום צו גיין מיטן געלן פּראָשעק צו אַ דריטן דאָקטער, כאַפּט ער ניט דעם געלן פּראָשעק און צערײַסט ניט דעם רעצעפּט און פאַרשרײַבט מיר ניט קיין קרײַטער? אָבער וואָס פאַר אַ קרײַטער, מיינט איר, איידער איך האָב מיך אײַנגעוווינט, הערט איר, צו די דאָזיקע קרײַטער, מעגט איר מיר גלייבן, אַז די גרינע גאַל האָט זיך מיר איבערגעקערט! ס'זאָל אים אָנגיין, דעם דאָקטער, כאָטש האַלב, וואָס איך פלעג אים אָנווינטשעווען, בשעת איך פלעג זיי דאַרפן אײַננעמען אַלע פאַרן עסן. איך פלעג מיך זען בשעת מעשה מיטן מלאך־המות! נאָר וואָס טרינקט נישט אַ מענטש צוליב געזונט?... צום סוף לאָזט זיך אויס, איך קום צו יענעם דאָקטער, צום ערשטן הייסט דאָס, וואָס האָט מיך געהאָדעוועט מיט ליאַפּעס, און דערצייל אים די געשיכטע מיט די ביטערע קרײַטער, וואָס פאַראומערן מיר דאָס לעבן, — ווערט ער מלא רציחה און רופט זיך אָן צו מיר מיט אַמין כעס, גלײַך ווי איך האָב אים דאָ געקוילעט די קאַפּאָטע: „איך האָב דאָך איַיך פאַרשריבן, זאָגט ער, ליאַפּעס, הײַנט וואָס לויפט איר אַרום, ווי אַ דולער, פון איין דאָקטער צום אַנדערן?" זאָג איך: „שאַט, שאַט! איר זײַט דאָך נישט איינער אַפן יריד! קיין קאָנטראַקט האָט מען אײַך נישט אונטערגעשריבן, און לעבן דאַרף יענער אויך, יענער האָט אויך אַ ווײַב און קינדער!"... האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ פײַער, זאָלט איר זען, גלײַך ווי איך האָב אים דאָ געזאָגט מי יודע וואָס! בקיצור, ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל גיין צו יענעם דאָקטער. זאָג איך: „קיין עצות באַ־דאַרף איך נישט; אַז איך וועל וועלן, קאָן איך אַליין גיין". און נעם און לייג אים אַוועק אַ קאַרב. מיינט איר אפשר, אַז ער האָט דאָס מיר אַ שמיץ געטאָן אין פּנים? אָבער גאָר לאָ! קערבלעך האָבן זיי ליב. אַי, האָבן זיי ליב קערבלעך, הערט איר! אַ סך מער ווי מיר, פּראָסטע מענטשלעך. זיי זאָלן זיך אַוועקזעצן, אַשטייגער, אויסהערן דעם חולה, ווי סע געהער צו זײַן — דאָס איז באַ זיי נישטאָ. זיי לאָזן זיך נישט ריידן אַ וואָרט אָן איבעריקס. אָט בין איך אַנומלטן געווען באַ איינעם אַ דאָקטער, טאַקע אײַערער אַ באַקאַנטער, איך וויל אים נישט אָנרופן באַם נאָמען. איך בין נאָר אַרײַנגעקומען, נישט אויסגערעדט נאָך קיין

צוויי ווערטער — אהא, ער הייסט מיר שוין אויסטאָן זיך, איך בעט אײַ־בער אײַער כבוד, און איך זאָל מיך אַנידערלייגן אויף דער קושעטקע. וואָס איז? באַשר ער וויל מיך אויסהערן. ווילסט מיך אויסהערן? זייער גוט! הער מיך אויס! וואָס־זשע לאָזטו זיך ניט ריידן? וואָס טויג מיר דאָס טאַפּן, וואָס דו טאַפּסט מיך, מיטן קלאַפּן, וואָס דו קלאַפּסט מיך? ניין, האָט ער אָבער קיין צײַט ניט! עס וואַרטן, זאָגט ער, דאָרט הינטער דער טיר נאָך מענטשן, איטלעכער מיט זײַן „אַטשערעד". ס'איז הײַנט געוואָרן בײַ אײַך אַ מאָדע — „אַטשערעד", ווי, להבדיל, אַפּן באַן, אָדער אויף דער פּאָטשט בײַ די מאַרקעס... וואָס? איר האָט אויך קיין צײַט ניט? בײַ אײַך איז שוין אפשר אויך אַן „אַטשערעד"? איר זײַט דאָך נאָך אַ יונגער דאָקטער! ווי קומט איר צו „אַטשערעדן"? אַז איר וועט זיך אָט אַזוי פירן, הערט איר, וועט איר האָבן עגמת־נפש, ניט קיין פּראַקטיקע!... און אין כעס באַדאַרפט איר אויך נישט זײַן. איך האָב נישט געמיינט, חלילה, אומזיסט. איך בין נישט אַזאַ ייִד, וואָס איך זאָל, חס ושלום, פאַרלאַנגען אומזיסט. און כאָטש איר האָט מיך נישט געוואָלט אויסהערן ביזן סוף, פונדעסטוועגן, איינס צום אַנדערן געהער זיך נישט אָן, פאַרן וויזיט באַדאַרף מען אײַך באַצאָלן... וואָס? איר ווילט נישט נעמען?... ווײַל איך אײַך מיט געוואַלד נישט נייטן... געווים האָט איר פון וואַנען צו לעבן... מסתמא לעבט איר פון קופּאָנעס... עס וואַקסט בײַ אײַך... נו, מהכתיתי, לאָז אײַך גאָט העלפן, ס'זאָל בײַ אײַך וואַקסן און וואַקסן... אַדיע! האָט קיין פאַראיבל נישט, טאָמער האָב איך בײַ אײַך צוגענומען צײַט.... דערויף זײַט איר דאָך אַ דאָקטער...

געשריבן אין יאָר 1904

יוסף

דערציילונג פון אַ דזשענטלמאַן

— איר מעגט אײַך לאַכן פון מיר, איר קאָנט אײַך מאַכן פון מיר אַ פעליעטאָן, אַפילו אַ בוך, אויב איר ווילט, — איך האָב פאַר אײַך קיין מורא ניט, זאָג איך אײַך פריִער, וואָרעם איך בין, ווי איר קוקט מיך אָן, ניט פון די שרעקעדיקע. איך שרעק מיך נישט איבער פאַר קיין שרײַבער, איך ווער נישט בטל פאַר קיין דאָקטער, פאַל נישט אַראָפ באַ זיך פאַר קיין אַדוואָקאַט און הייב נישט אָן נתפעל צו ווערן, אַז מע זאָגט מיר, יענער שטודירט אַף אינזשינער. איך האָב אויך אַמאָל געשטודירט, איך בין אַליין אויך געווען אַמאָל אַ גימנאַזיסט. אמת, איך האָב די גימנאַזיע ניט געענדיקט, איבער אַ מעשה מיט אַ מיידל. עס האָט זיך אין מיר פאַרליבט אַ מיידל (אַ שיינער יונג בין איך געווען פון תמיד!). זי האָט געזאָגט, דאָס מיידל הייסט עס, אַז טאָמער נעם איך זי ניט, נעמט זי אײַן סם. און איך האָב זי אַזוי געוואָלט נעמען, ווי א י ר האָט זי געוואָלט נעמען. זי איז באַ מיר געווען נישט קיין בת־יחידה, פאַרשטייט איר מיך... ס'איז אָבער פאַרגאַנגען באַ אונדז צו ווײַט, האָט זיך אַרײַנגעמישט אַ ברודער אירער, אַ פּראָוויזאָר פון אַן אַפּטייק, און האָט געזאָגט, אַז טאָמער סמט זיך אָוועק די שוועסטער זײַנע, גיסט ער מיך אָפּ — ער ווייסט שוין מיט וואָס... און איך האָב זי געמוזט נעמען, זיך אָפּגעמוטשעט מיט איר אַ יאָר דרײַ. זי האָט פאַרלאַנגט פון מיר נאָר צוויי זאַכן: איך זאָל זײַן אין דער היים, און נישט קוקן אַף פרעמדע... איר האָט עפּעס ליב אַזאַ געשעפט? וואָס זאָל איך טאָן, אַז גאָט האָט מיך פאַרט באַשאַפן מיט אַזאַ פּנים, אַז אַלע מיידלעך מיט אַלע ווײַבלעך זײַנען נאָך מיר די כפּרה? איר מיינט וואָס?... חלילה!... גאָרנישט, מע האָט מיך ליב — און אַ סוף. וווּ איך קום, וווּ איך פאָר, באַ־

פאַלט מען מיך, ווי די בינען, שדכנים עסן מיר אָפּ דעם קאָפּ. באשר וואָס? אַזוי ווי איך בין אַ יונגערמאַן אַ הײַנטיקער, און אַ שיינער יונג, אַ געזונטער, מיט אַ שטיקל נאָמען, און אַ היפּשער פאַרדינער, און אַ קערבל איז באַ מיר בלאָטע, אי טאָמו פאַדאָבנע, לכן ווילן זיי מיך אָפּגילטן! לאָז איך זיך מסתמא נישט: „טשעפּעט זיך אָפּ, זאָג איך, איך האָב מיך שוין איינמאָל אָפּגעבריט!“... טענהן זיי מיט מיר: „וואָס וועט אײַך אַרן, אַז איר וועט אָנקוקן נ אָ ך אַ מיידל?“... נו, ווער זאָגט זיך אָפּ פון אַזאַ זאַך? קוק איך דערווײַל אָן מ יי ד ל ע ך , און מיידלעך קוקן אָן מ י ך , שלאָגן זיך איינס פאַר דאָס אַנדערע, הענגען זיך, ווי איר זעט מיך לעבן, הענגען זיך אַף מיר! אַלע ווילן מיך, אָבער אַ ל ע ! וואָס־זשע קומט מיר אַרויס, וואָס זיי ווילן מ י ך , אַז איך וויל ז יי ניט? אַז די, וואָס איך וויל — ווייס קיינער ניט, נאָר איך אַליין!... און דאָס איז מײַן קרענק, און דאָס וויל איך אײַך טאַקע דערציילן, און אין איינוועגס טאַקע בעטן אײַך, אַז צווישן אונדז זאָל דאָס בלײַבן. נישט מחמת מיר — איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז פאַר „באַשרײַבן“ האָב איך קיין מורא ניט. נאָר גלאַט, צו וואָס דאַרף מען עס?... אָט דאָס האָט איר אײַך, הייסט עס, אַ הקדמה. אַצינד וועל איך אײַך דערציילן די מעשה אַליין.

דאָס פאַרשטייט איר שוין אַליין מסתמא, אַז איך וועל אײַך נ י ט זאָגן, ו ו ע ר זי איז, און ו ו אָ ס זי איז, און פ ו ן ו ו אַ נ ע ן זי איז. אַ נקבה איז זי, אַ מיידל, און דווקא אַ שיין מיידל, און דווקא אַן אָרעמס, אַ יתומה נעבעך; זיצט מיט דער מוטער, אַ יונגע אַלמנה, אויך אַ שיינע; האַלט אַ יידישע רעסטאָראַציע, כשר. און איך, דאַרפט איר וויסן, כאָטש איך בין, ווי איר זעט מיך, אַ יונגערמאַן אַ הײַנטיקער, און אַ שיינער פאַרדינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאַדאָבנע, — פונדעסטוועגן עס איך דווקא כשר. נישט מחמת איך בין אַזאַ צדיק און האָב חלילה מורא פאַר דעם וואָס קוויטשעט, נאָר, פּשוט, איך היט מיר אָפּ דעם מאָגן, — איז איינס; און צווייטנס, זײַנען די יידישע עסנס טאַקע מער באַטעמט אויך... אַלזאָ, האַלט זי אַ רעסטאָראַציע, די אַלמנה הייסט עס, און קאָכט אַליין און באַקט אַליין; און זי, די טאָכטער הייסט עס, דערלאַנגט אַליין צום טיש. נאָר ו ו י אַ ז ו י קאָכט מען דאָרטן! ו ו י אַ ז ו י דערלאַנגט מען דאָרטן! עס זינגט, זאָג איך אײַך, סע פינקלט און סע שעמערירט! דאָרט צו עסן איז אַ פאַרגעניגן. נישט אַזוי דאָס עסן

אַליין, ווי דאָס אָנקוקן די מוטער מיט דער טאָכטער — איינע שענער פאַר דער אַנדערער. איר זאָלט אָנקוקן אַ ווײַבל! שטייט באַם אויוון, קאָכט און באַקט, און זעט אויס אַזוי פריש, אַזוי זויבער! אַ פּנים — געפּאַלענער שניי! הענט — גאָלד און זילבער! אויגן — פײַער־פלאַם; איך בין אײַך מבטיח, אַז מע קאָן זיך נאָך אין איר אויך פאַרליבן!... הײַנט שטעלט אײַך פאָר אירם אַ טעכטערל... איך ווייס ניט, צי זײַט איר קלאָר אין די ענינים; איך שמועס פון „הלכות מיידל", שמועס איך.. אַ פּנימל — בלוט און מילך, בעקלעך צוויי — נאָר פּאַמפּעשקעלעך, אויגן — קאַרשן צוויי, האָר — זײַד, ציין — פּערל, אַ האַלדז — אַלבאַסטער, אַ הענטל — אַף אויסצוקושן יעדער גליד, דאָס אייבערשטע ליפּל קוקט־אַרויף, ווי בײַ אַ קליין קינד — האָט איר געזען אַמאָל? איך זאָג אײַך: אַלץ, אַלץ איז געטאָקט, געשניצט, טאַקע עפּעס נאָר אַ מין מאָדעל אַף אויסצושטעלן, ווי איינער רעדט: „נאַט, קוקט און ווערט צעפּיקעט!"... דערצו פאַרמאָגט זי איר אייגנס אַ געלעכטערל מיט חן־גריבלעך אין די בעקלעך, וואָס דאָס אַליין איז שוין ווערט דאָס גאַנצע געלט, וואָרעם אַז זי לאַכט, לאַכט אַלצדינג: איר לאַכט, און דער טיש לאַכט, און די בענקלעך לאַכן, און די ווענט לאַכן — דאָס גאַנצע לעבן לאַכט! אָט אַזאַ מין געלעכטערל איז דאָס. נו, אַדרבה, גייט קוקט אַזעלכעס אָן און האָט דאָס פײַנט!...

הכלל, וואָס זאָל איך אײַך לאַנג ציִען, איך האָב כמעט פונעם ער־שטן מיטאָג אָן געפילט, אַז איך בין אַ געקאָכטער; פּשוט אָפּגעקאָכט — און שוין! כאָטש בײַ אַ מיר אַ מיידל, באַדאַרפט איר שוין אַליין פאַר־שטיין, איז עפּעס ניט אַזאַ אַי־אַי־אַי... און יענע מעשיות: „ליבע", „ראָ־מאַן" — פון דעם האָב איך קיינמאָל ניט געהאַלטן. גאָרנישט, אַזוי — מהכתיתי, פאַר וואָס ניט?... נאָר גיין שיסן זיך צוליב דעם — פע! דאָס פּאַסט פאַר אַ גימנאַזיסטל פון זעקסטן קלאַס, נישט, ווי זאָגט איר, פאַר קיין מאַנצפּאַרשוין...

דערפילט, אַז איך בין אַ געקאָכטער, האָב איך גענעבן אַ נעם די מוטער אַף אַ זײַט, נישט, ווי עס רופט זיך אָן, „געבעטן אַ האַנט"... ניין! איך בין נישט פון די כאַפּענדיקע.... נאָר גאָרניט, ווי זאָגט איר, אַ טאַפּ אין וואָגן שאַדט ניט... און האָב גענעבן מיט איר אַ רייד אַרײַן: „וואָס און ווען, אַהין־אַהער, ווו האַלט איר מיט דער טאָכטער?"... זאָגט זי: „ווו זאָל איך מיט איר האַלטן?" זאָג איך: „איך שמועס פון תכלית,

שמועס איך"... „אוודאי, זאָגט זי, דאַרף מען זיך זאָרגן פאַר איר תכלית? זי איז שוין, זאָגט זי, אַ פאַרזאָרגטע"... ווי זי האָט אויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער, האָט דאָס מיך געגעבן עפּעס ווי אַ שטאָך אין האַרצן אַרײַן: „וואָס הייסט, זאָג איך, זי איז אַ פאַרזאָרגטע?" „איר זעט דאָך, מאַכט זי צו מיר, וואָס פאַר אַ זאָרגעדיקע נשמה דאָס איז!"... און אַקוראַט צו די דאָזיקע ווערטער קומט־אָן מסתמא זי אַליין, די טאָכטער הייסט עס, און אַז זי קומט־אָן, ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקעלעך.

— מאַמע, נישט געווען נאָך יוסף? — זאָגט זי צו דער מוטער. און דעם נאָמען „יוסף" טוט זי אַ רייד־אויס עפּעס מיט אַ מאָדנעם מין גע־זאַנג. מיט אַזאַ מין געזאַנג רעדט־אויס נאָר אַ כּלה דעם נאָמען פון איר חתן... אַזוי מיין איך, דאָס הייסט, איך בין איבערצײַגט, אַז ס'איז אַזוי. און נישט נאָר יענס מאָל, וואָס איך דערצייל אײַך; אַלע מאָל, ווען זי האָט געגעבן אַ רייד־אַרויס דעם נאָמען „יוסף", איז דאָס אויסגעקו־מען בײַ איר עפּעס ווי מיט אַ מין געזאַנג: „יו־סף". איר פאַרשטייט? דאָס איז ניט גלאַט „יוסף", דאָס איז „יו־סף"!...

קורץ, אומעטום און אַלע מאָל האָב איך נאָר געהערט „יוסף" און „יוסף". האָט מען זיך געזעצט עסן, איז דאָס ערשטע וואָרט געווען: „ווו איז יוסף?"... „יוסף וועט הײַנט ניט זײַן"... „יוסף האָט געזאָגט"... „יוסף האָט געשריבן"... „יוסף איז געקומען"... „יוסף האָט גענומען"... „יוסף האָט געגעבן"... יוסף־יוסף, יוסף־יוסף! איך וואָלט שוין וועלן אָנ־קוקן אָט דעם „יוספן", זען וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט!...

פאַרשטייט זיך פון זיך זעלבער, אַז איך האָב אָט דעם „יוספן" פײַנט געקראָגן, ווי אַ שפּין, כאָטש וואָס קער ער זיך אָן מיט מיר? ווייס איך! עפּעס אַ יינגל דאָרטן, אוודאי אַ „חברה־מאַן" פון די „חברה־לײַט", אָדער פון די „יענקעלעך", ווי זי פלעגט זיי אָנרופן מיט איר געלעכטערל. „די יענקעלעך" — דער נאָמען איז פאַר זיי, זאָג איך אײַך, ווי אָנגע־מאָסטן. דאָס זײַנען טאַקע נישט מער ווי י ע נ ק ע ל ע ך , עפּעס מאָדנע קליינע מענטשעלעך, צום מיינסטן פון דעם סאָרט מענטשעלעך, וואָס טראָגן לאַנגע האָר און שוואַרצע העמדלעך — אַקוראַט דאָס, וואָס איך האָב פײַנט... האָט קיין פאַראיבל נישט. איר אַליין, דאַכט מיר, טראָגט אויך לאַנגע האָר מיט אַ שוואַרץ העמדל, און אויב איר מיינט, אַז ס'איז שיין, האָט איר מחילה אַ טעות. איך זאָל האָבן די ברכות, וואָס אַ „סמאָקינג" מיט אַ ווײַסן זשילעט איז שענער... איך, אַז איך

דערזע אַ שוואַרץ העמדל, שטעלט זיך מיר פֿאָר, איך בעט איבער אײַער כּבֿוד, אויסגעריבענע הויזן... איר מיינט אפֿשר, איך האָב זיי עס ניט געזאָגט? געזאָגט! איך בין אַ מענטש אָן אַפּנטלעכער, בײַ מיר איז נישטאָ קיין חנפֿהנען און קיין אונטערלעקן זיך. האָט איר עפּעס אויף מיר צו זאָגן — קאָנט איר מיר זאָגן גלײַך אין די אויגן. איך האָב נאָר פֿײַנט, אַז מע זאָגט מיר, אַז איך בין אַ „בורזשוי". איך, פֿאַרן וואָרט „בורזשוי", קאָן געבן אַ פֿאָר־אַרײַן אין באַק־אַרײַן!... וואָס פֿאַר אַ בורזשוי בין איך? איך בין אַ מענטש גלײַך מיט אַלע. איך פֿאַרשטיי אַלצדינג און ווייס אַלצדינג, וואָרעם איך לייען אַלע ביכלעך, מיט אַלע הײַנטיקע נײַע גאַזעטן לייען איך גלײַך מיט אַלעמען, — הײַנט וואָס בין איך פֿאַר אַ בורזשוי? דערפֿאַר, וואָס איך טראָג אַ „סמאָקינג" מיט אַ ווײַסן זשילעט, און איר — אַ שוואַרץ העמדל? איך מיין ניט אײַך, איך מיין אָט אַ יענע „יענקעלעך", מיט אַ יענעם יוספֿן, וואָס איך דערצייל אײַך... איך האָב מיט זיי געהאַט עטלעכע מאָל בײַם טיש אַזעלכע מיני געשפּרעכן, וואָס פֿון זיי האָב איך גאַנץ גוט אַרויסגעזען, אַז זיי האָבן מיך אַזוי ליב, פּונקט ווי איך זיי. אַ האַרץ, ווי זאָגט איר, פֿילט אַ האַרץ. נאָר גאָרנישט, גיין אַרויסזאָגן זיי, וואָס איך טראָג בײַ זיך אינעווייניק — בין איך אויך ניט מחויבֿ; און אַגבֿ האָב איך מיך טאַקע צו זיי אַביסל צוגעלאָנטשעט, געוואָלט אײַנקויפֿן זיך אין חבֿרה, נישט אַזוי צוליב זיי, ווי צוליב דעם „יוספֿן", און נישט אַזוי צוליב דעם „יוספֿן", ווי צוליב איר! מיך האָט פֿאַרדראָסן, פֿאַרשטייט איר מיך, וואָס זי לאָזט אים נישט אַרויס פֿונעם מויל, און איך האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט: איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, שטיינער פֿונעם הימל זאָלן פֿאַלן, די וועלט זאָל זיך קערן — איך מוז מיך באַקענען מיט דעם דאָזיקן פֿאַרשוין! און איך האָב אויסגעפֿירט מײַנס. בײַ מיר, אַז איך וויל עפּעס דערגיין אַ זאַך, איז גאָר נישטאָ קיין תּירוץ. פֿון געלט שמועסט מען ניט. איך בין דאָך אַ יונגערמאַן, ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַ סוחר, און אַ שיינער פֿאַרדינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמער פֿאַראָבנע...

פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך זעלבער, אַז אײַנקויפֿן זיך אין חבֿרה איז מיר געווען נישט אַזוי גרינג, ווי איר מיינט. איך בין מיר געגאַנגען פּאַוואָלינקע, טריט בײַ טריט. תּחילת האָב איך אָנגעהויבן טאָן אַ וואָרף־אַרײַן אַ וואָרט אַזוי מן הצד מיט אַ זיפֿץ, אַ קרעכץ אויף צרות הכּלל, געבן

אָנצוהערעניש, אַז אַף אַ זעלכע זאַכן שפּילט באַ מיר געלט קיין ראָלע, אַז מע באַדאַרף אַרויסוואַרפן אַ קערבל, מוז מען אַרויסוואַרפן. איר פאַרשטייט, וואָס הייסט „אַרויסוואַרפן" אַ קערבל? איינער „נעמט־אַרויס" אַ קערבל, דער אַנדערער „וואַרפט־אַרויס" אַ קערבל. ס'איז אַ חילוק! „אַרויסגעוואָרפן" ווערט אָנגערופן: געגעבן אַ כאַפּ־אַרויס דאָס בײַטעלע און אַ נעם־אַרויס די מטבע: איזוואָלטיע, — נאַט אײַך, הייסט עס — נישט געציילט! אָט אַזוי האָב איך ליב; נישט אַלע מאָל, פאַרשטייט זיך, נאָר דעמאָלט, ווען מע דאַרף. דעמאָלט ווען מע דאַרף געבן אַ וואָרף־אַרויס אַ פינפאונצוואַנציקער, צי אַ פופציקער, צי אַפילו אַ הונדערטער, טאָר די האַנט ניט ציטערן. למשל, איר זיצט מיט אַ קאָמפּאַניע און צאָלט פאַר אַ מיטאָג אָדער פאַר אַ וועטשערע, און מע דערלאַנגט אײַך אַ חשבון, באַדאַרפט איר נאָר געבן אַ כאַפּ אַ קוק אַף דער אונטערשטער שורה און ריידן בעת מעשה פון עפּעס אַנדערש; און אַז מע ברענגט אײַך אויסגאָב, באַדאַרפט איר ניט ציילן, ווי אַ מאַרק־ייִדענע פאַר ציבעלעס, נאָר געבן אַ נעם און אַ לייגאַרײַן אין קעשענע — און שוין! דאָס לעבן איז, פאַרשטייט איר מיך, אַ חדר, וואָס מע דאַרף אים דורכגיין, דורכמאַכן; לעבן דאַרף מען קאָנען! איך מעג זאָגן אַף זיך, אַז איך קאָן לעבן, וואָרעם איך וויים ווו אַרײַן און ווו אויס, ווו מע דאַרף און ווו מע דאַרף נישט. איר קאָנט זײַן זיכער, אַז איך וועל נישט איבערזאַלצן קיינמאָל, און אַף מיר וועט איר נישט דערקענען קיינמאָל, צי בין איך מילכיק, צי בין איך פליישיק? איר זאָלט מיך געוועז זען דעמאָלט צווישן די „יענקעלעך", וואָלט איר געווים מיינען, אַז איך בין אַ „יענקעלע" גלײַך מיט אַלע „יענקעלעך". דאָס הייסט, קיין לאַנגע האָר האָב איך מיר נישט פאַרלאָזט, און קיין העמדל האָב איך נישט אָנגעטאָן; איך בין געגאַנגען דעם זעלבן סמאָקינג מיטן זעלבן ווײַסן זשילעט, וואָס איצט. נאָר וואָס דען? איך האָב מיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס זיי אינטערעסירט, און האָב גערעדט פון דעם, וואָס זיי ריידן: „פּראָלעטאַריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רעאַגירן"... וכדומה אַזעלכע ווערטער האָבן זיך געגעבן אַלע מאָל אַ שאָט באַ מיר פונעם אַרבל — און מערקווירדיק! וואָס מער איך האָב מיך צו זיי געלאָנטשעט, אַזוי מער האָבן זיי זיך פון מיר דערווײַטערט. בעת איך פלעג אָנהייבן שיטן מיט יענע ווערטער: „פּראָלעטאַריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רעאַגירן"... האָב איך באַמערקט, אַז די „יענקעלעך" ווערן שטיל, קוקן עפּעס משונה איינס אַף דאָס אַנדערע, רייניקן זיך בעת מעשה

די ציין... און נאָך מער! געלט האָבן זיי בא מיר דווקא גענומען אַלע מאָל. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק דאַרפט איר וויסן, איז בא זיי געווען קאָנ־צערטן, און אַלע מאָל בין איך געווען דער ערשטער אפן פּײַער: — „דער דזשענטעלמאַן" וועט מסתמא הײַנט אויך נעמען א בילעט ערשטע ריי פּאַר א דרײַערל?

„דער דזשענטלמאַן" — קיין אַנדער נאָמען האָב איך בא זיי נישט געהאַט — האָט געמוזט נעמען אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק א בילעט פּאַר א דרײַערל. א ברירה האָט ער געהאַט? דערפאַר אָבער, אז דער „דזשענ־טלמאַן" פלעגט ארײַנקומען בעת די „יענקעלעך" האָבן געהאַלטן אין מיטן א שמועס, פלעגט ווערן שטיל, שאַ, גלײַך ווי מע האָט גאָרנישט גערעדט קיינמאָל! שטומע מענטשן!... פאַרשטייט זיך פון זיך זעלבער, אז דעם „דזשענטלמאַן" האָט דאָס געברענט און געבראָטן. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט מאַכן? איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אז ווײַבאַלד איך וויל עפּעס דערגיין, איז בא מיר נישט פאַראַן קיין טײַער. אזוי לאַנג, אזוי ברייט, איך האָב מיך ארײַנגעלאָנטשעט צו חברה, כאָטש אַף אזוי פיל, אז מע האָט מיר דערלויבט צו זײַן בא זיי אַף א „דיסקוסיע" — דאָרט, האָט מען מיר געזאָגט, וועט „יוסף" האַלטן א רעדע... קאָנט איר פאַרשטיין מײַן שמחה, אז איך האָב דערלעבט אזא זאַך? איך וועל זוכה זײַן זען אָט דעם „יוספן" און וועל אים הערן ריידן!...

וו ו וועט זײַן די דיסקוסיע און וו ע ן וועט זי זײַן — דאָס האָט מען מכות געקאָנט בא זיי וויסן. איך האָב זיי גאָרניט געוואָלט פרעגן אפילו: איך האָב געוווּסט, אז מע וועט מסתמא קומען און מע וועט מיר זאָגן. בא די „יענקעלעך", דאַרפט איר וויסן, גייט אַלצדינג צו בסוד. אַף זייער לשון ווערט עס אָנגערופן „קאָנספּיראַציע" — איך גע־דענק דאָס דאָזיקע וואָרט אַף אויסווייניק. איך האָב עס פאַרשריבן בא זיך אין ביכל. איך, אז איך דערהער א שיין וואָרט, טו איך עס באַלד א נעם און א שרײַב־ארײַן צו זיך אין ביכל. אויב עס וועט צוניץ־קומען, אָדער ניין — ווייס איך ניט; נאָר שאָדן אוודאי ניט.

הכלל, איינמאָל אין א שיינעם זומערטאָג, שבת איז דאָס געווען, טוען א קום־ארײַן צו מיר צוויי „יענקעלעך", מיט שוואַרצע העמדלעך, גע־ווײַנטלעך, און טוען מיך א רוף־ארויס: „קומט"! „וווּהין?" „וואָס גייטס אײַך אָן? קומט מיט אונדז!"... העלפט נישט, מוז מען גיין... און מיר האָבן זיך געטאָן א לאָז העט־ווײַט הינטער דער שטאָט ארויס, און טאַקע

אין וואַלד אַרײַן, און בשעתן גײן באַגעגענען מיר אַלע מאָל אַן אַנדער „יענקעלע" זיצן אונטער אַ בוים, קוקט בלומרשט קיין פּצון־זײַט און טוט אַ מורקע־אַרויס: „רעכטס!" אָדער: „לינקס"!... זאָגן, אַז איך האָב מורא געהאַט — איז אַ נאַרישקייט; וואָס האָט מען מורא צו האָבן פֿאַר אַ ייִדן? נאָר גלאַט, ס'איז מיר עפּעס ניט אָנגעשטאַנען די מעשה, וואָס איך, אַ יונגערמאַן אַ סוחר, מיט אַ שטיקל נאָמען, און אַ שיינער פֿאַרדינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאָדאָבנע, זאָל מיך לאָזן פֿירן פֿון ייִנגלעך, „יענקעלעך"! איר פֿאַרשטייט?...

וואָס טויג אײַך, מיר זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען און געגאַנגען, ווי זאָגט איר, וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מיר האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ גרויסן הויכן באַרג. און ערשט אַז מיר האָבן אַרויפֿגעקלעטערט אויף דעם דאָזיקן באַרג, געגעבן זיך אַ לאָז באַרג־אַראָפּ, האָב איך דערזען פֿאַר זיך אַ שוואַרצע מחנה קעפּ. דאָס זײַנען געזעסן אויף דער ערד חבֿרה „יענקעלעך", בחורימלעך אין שוואַרצע העמדלעך, מיידלעך אין בלוזקעס, און גלאַט יונגעלײַט. אָבער אַ גוזמא! איך האָב מורא, אויב ניט אַ דרײַ טויזנט שטיק, און אפֿשר נאָך מער, און שטיל — כאָטש אַ פֿליג פֿליט דורך! שטיל, אויף די שפּיץ פֿינגער, זײַנען מיר צוגעגאַנגען צו דער מחנה קעפּ, זיך געגעבן אַ זעץ־אַנידער אויף דער ערד, און איך האָב גענומען אײַנקוקן זיך, ווּ איז דאָ ערגעץ דער „יוסף"? און איך האָב דערזען... שטעלט אײַך פֿאָר וועמען? איך האָב דערזען אַ באַקאַנטן פּאַרשוין, טאַקע איינעם פֿון די „יענקעלעך", וואָס האָבן אײַנאײַנעם מיט מיר געגעסן בײַ דער אַלמנה אין דער רעסטאָראַציע!... אָט האָסטו דיר!

דער ערשטער געדאַנק מײַנער איז געווען: „סך־הכּל?... אָט דאָס איז גאָר?... אָט דאָס איז ער, אָט דער „יוסף"?... און איך האָב געמיינט, אַז ער איז אַ מי יודע וואָס! מיט הערנער!"... איך וועל אײַך זאָגן דעם רעכטן אמת, עס האָט מיר כמעט הנאה געטאָן — גיין, טאַקע שטאַרק הנאה געטאָן וואָס ס'האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט... איך האָב געמאַכט אַ פֿאַרגלײַכונג צווישן אים מיט מיר — נישט מחמת איך האַלט מיך פֿאַר אַזאַ גרויסן פּאַרשוין, וואָס ס'זאָל ניט זײַן שוין קיין שענערס פֿאַר מיר. איך בין ניט גענאַרט; איך ווייס, אַז ס'איז פֿאַראַן שענערע פֿון מיר אויך. נאָר וועדליק ער... איר פֿאַרשטייט? איך וועל אײַך אים אויסמאָלן אַקוראַט, ווי אַזוי איך האָב אים דערזען די ערשטע מינוט: צוגעשפּאַרט

צו אַ בוים איז געשטאַנען אַ קליינס, אַ בלייכס, אַן אויסגעדאַרטס, אַן אויסגעטריקנטס, מיט אַ שמאָל האַרץ, מיט ווײַסע בלאַסע אײַנגעפאַלענע בעקלעך, עטוואָס רויטלעך און פאַרברעמט, מיט נאָך גאָר קליינע בלאָנדע הערלעך; נאָר אַ שטערן אַ הויכער, אַ ווײַסער, אַ ברייטער, און אויגן אַ פּאָר גרויסע, ווי בײַ אַ קאַץ, נאָר ברענענדיקע, און אַ מויל — און סע רעדט! שטראָף מיך גאָט, אויב איך הייב עס אָן צו פאַרשטיין נאָך עד היום, פון וואַנען האָט זיך עס גענומען אַזאַ כּח בײַ דעם דאָזיקן נפש אױף צו ריידן אַזוי הויך און אַזוי גיך און אַזוי פיל און אַזוי לאַנג און מיט אַזאַ היץ און מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ פײַער! איך קאָן אײַך זאָגן, אַז דאָס איז געווען ניט גלאַט גערעדט, ווי מענטשן ריידן. דאָס איז געווען אָדער אַ שוואַרץ־יאָר, אָדער אַ מאַשינע אַזעלכע, וואָס מע האָט זי אָנ־געדרייט, אָדער פון אויבן איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט געשאָטן מיט ווערטער, געגאָסן מיט פײַער, אָדער דאָס האָט נאָר דער בוים גע־רעדט... עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַלע מאָל, אַז אָט־אָט הייבט זיך אויף אָט דער קליינער נפש מיט די אײַנגעפאַלענע רויטלעכע בעקלעך און מיט די גרויסע אויגן און טוט אַ פלי־אַוועק אינאיינעם מיט די ווערטער אַהינצו, ערגעץ אַרויף... ניין! זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, איך האָב שוין געהערט אויף מײַן לעבן די גרעסטע און די שענסטע אַדוואָקאַטן — אַזאַ מין ריידן האָב איך קיינמאָל נישט געהערט און וועל שוין, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט הערן אויך...

וויפל דאָס ריידן זײַנס האָט געדויערט — ווייס איך ניט; איך האָב נישט געקוקט אַפן זייגער. איך האָב געקוקט אויף אים און האָב געקוקט אויף דער מחנה קעפּ, וואָס זײַנען געזעסן אויף דער ערד און האָבן געשלונגען איטלעכס וואָרט, ווי די הונגעריקע און ווי די דאָרשטיקע... נאָר ווער עס האָט נישט געזען בעת מעשה זיי, דער האָט נישט געזען קיין שיינס אויף זײַן לעבן! צווישן דער מחנה קעפּ האָב איך דערזען זי זיצן אויף דער ערד, די פיס אונטער זיך, די הענט צונויפגעלייגט אַפן האַרצן. דאָס פּנים לײַכט, די בעקלעך פלאַמען, דאָס אייבערשטע ליפּל קוקט אַרויף, און די שיינע קאַרשן־אויגן שמייכלען, און גלײַך צו אים, גלײַך צו אים!... למאַי זאָל איך לייקענען? איך האָב אין דער מינוט מקנא געווען אים, נישט אַזוי אויף דעם כּח פון זײַן ריידן, נישט אַזוי אויף דעם כּבֿוד מיטן פּאַטשן בראַוואָ, וואָס מע האָט אים געפּאַטשט נאָכדעם, אַז ער האָט אויפגעהערט צו ריידן, — נישט אויף די זאַכן האָב איך אים אַזוי מקנא געווען, ווי אויף

דעם קוקן, וואָס זי האָט אױף אים געקוקט! פֿאַר אײן קוק אַזעלכן, פֿאַר אירן, וואָלט איך אַוועקגעגעבן — איך ווײס אַלײן ניט וואָס! דער דאָזיקער קוק האָט גערעדט ווערטער. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך הער איר קול, ווי זי זאָגט, מיט יענעם באַקאַנטן געזאַנג: „יו־סף!" איך האָב אײַך דאָך געזאָגט שוין, אַז בײַ מיר איז אַ מײדל נישט קײן אײ־אײ־אײ! איך האָב שוין געזען מײדלעך, וואָרעם איך בין אַ יונגערמאַן, קאָן מען זאָגן, נישט קײן מיאוסער, אַ הײַנטיקער, און אַ שײנער פֿאַרדינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאָדאָבנע... נאָר אַזוי קוקן האָט אױף מיר נישט געקוקט מײַן ווײַב אַפֿילו אין די גוטע יאָרן, בעת זי איז אויסגעגאַנגען נאָך מײַנע טריט... איך בין אַ בעלן געווען מיט אַ כּיוון צוגײן צו איר נאָענט, זיך אַוועקזעצן כּמעט נעבן איר, זיך דרײען איר פֿאַר די אויגן, ווי אַ פֿליג, זשומען אין אויער אַרײַן, ווי אַ קאָמאַר, — ווער? וואָס? אַ נעכטיקער טאָג! אירע אויגן האָבן זיך, ווי צוויי פּיאַווקעס, אײַנגעזויגן אין זײַנע אויגן, און זײַנע אויגן — אין אירע אויגן, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די צוויי, ער און זי, זעען קײנעם נישט פֿאַר זיך, נאָר אײנס דאָס אַנדערע: ער זי און זי אים, און ווײַטער דאַרפֿן זײ קײנעם ניט! חבוט־הקבר, זאָג איך אײַך, איז אַ גאָרניט אַקעגן דעם, וואָס איך האָב בעת מעשה געפֿילט. אַ גיהנום האָט געקאָכט בײַ מיר אין האַרצן, איך ווײס ניט אױף ועמען: אױף „איר", צי אױף „אים", צי אױף זײ בײדן, צי גאָר אױף זיך אַלײן?... איך בין יענעם אָפּדערנאַכט געקומען אַהײם מיט אַ מוראדיקן קאַפּוויטיק און האָב מיך געלײגט שלאָפֿן מיט דער דעה, אַז ווײַל איך וועל לעבן זאָל מײַן פֿוס דאָרט ניט זײַן, בײַ דער אַלמנה הײסט עס. איך דאַרף זײ אַלע אױף זיבנהונדערט כּפּרות! וואָס דאַרף איך זײ? וואָס, ניט אַזוי?... און אַז איך בין אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי, האָב איך קוים דערלעבט די מינוט, די רגע, ס'זאָל שוין ווערן זײגער צוויי, די צײַט פֿון מיטאָג, און בין מסתמא גלײַך אַוועק אַהין, און האָב דווקא געטראָפֿן בײַם טיש די גאַנצע חבֿרה „יענקעלעך" וואָס תּמיד, און ער איז אויך געווען בתוכם... איך ווײס ניט, ווי אַזוי איר; איך, אַז איך זע אַן אַרטיסט, אָדער אַ מיניסטער, אָדער אַזוי אַ באַרימטן מענטשן, וואָס אַפֿילו מיר אַלע ווײסן גאַנץ גוט, אַז ער איז אַ מענטש גלײַך מיט אַלע מענטשן, עסט גלײַך מיט אַלעמען און טרינקט גלײַך מיט אַלעמען, נאָר קוים זאָגט מען מיר, אַז דאָס איז אַן אַרטיסט, אָדער אַ מיניסטער, אָדער אַזוי אַ באַרימטער מענטש, דאַכט זיך מיר שוין אויס, אַז ער איז

נישט גלײַך מיט אַלעמען, אַז עפּעס ליגט אין אים אַזעלכעס, וואָס מע קאָן עס, ווי זאָגט איר, נישט אָנטאַפּן... אַזוי איז געווען מיט מיר, אַז איך האָב דערזען א י ם נאָך דער דרשה; דאַכט זיך, דער אײגענער „יענ־קעלע‟, וואָס תמיד, נאָר פּאָרט נישט דער. עפּעס ליגט אין אים אַזעל־כעס. עפּעס שטייט אָנגעצייכנט באַ אים אַפֿן פּנים; וואָס — ווייס איך אַליין נישט, נאָר איך וואָלט פֿאַר דעם „עפּעס‟ אַוועקגעגעבן מי יודע וויפֿל! נישט מחמת איך באַדאַרף עס האָבן; אַף וואָס באַדאַרף איך עס? אַף נײַן־און־נײַנציק כּפּרות! איך האָב עס נאָר געוואָלט צוליב א י ר, וואָרעם ז י איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון א י ם אַף קיין מינוט, און אַפֿילו דעמאָלט, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו מיר און גערעדט מיט מיר, האָט זי אויך אין זינען געהאַט א י ם, נית מיך. איך בין, דאַרפֿט איר וויסן, אַ מבין אַף די זאַכן. מיך קאָסט עס גענוג רבי־געלט... עס האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַר מיר אַ נײַער גיהנום: פֿריִער, אײדער איך האָב גע־ווּסט ווער דער יוסף איז, האָט זיך מיר געמאָלט אין מײַן כּח־הדמיון אַ הויכער, אַ שיינער, אַ געזונטער, אַ מאַנצפּאַרשוין, און איך האָב אים נישט געקאָנט לײַדן, מקנא געווען און פֿײַנט געהאַט, ווי איר קאָנט זיך נאָר פֿאָרשטעלן. איצט, אַז איך בין שוין געוואָר געוואָרן, ווער דער מאַנצפּאַרשוין איז, אַז דאָס איז גאָר אַ „יענקעלע‟ גלײַך מיט אַלע „יענקעלעך‟, האָט מיך פֿאַרדראָסן... איך ווייס נישט אַף וועמען: צי אַף א י ר, וואָס זי פֿאַרגעטערט אים אַזוי (און אַז זי פֿאַרגעטערט אים — דאָס זעט דאָך אַ בלינדער אויך!), צי אַף א י ם, וואָס גאָט האָט אים געגעבן אַזאַ כּח־הדבור, צי אַף זיך אַליין האָט מיך פֿאַרדראָסן, למאַי האָב א י ך נית אַזאַ כּח?... נישט מחמת איך דאַרף עס אַזוי נייטיק האָבן. צו וואָס דאַרף איך עס? און נישט מחמת איך בין חלילה אָן אַ צונג. מיינט נית! איך, אַז איך וויל ריידן — קאָן איך! איך האָב שוין אַמאָל גערעדט אַף אַ „זאַסעדאַניע‟, און דווקא אין „קופּעטשעסקע קלוב‟, זאָגט דער עולם, אַז איך רייד נישט שלעכט, גאָר נית שלעכט!... דער פֿאַרדראָס, וואָס מיך האָט פֿאַרדראָסן, קאָן איך אײַך מיט ווערטער נית אַרויסגעבן; דאָס דאַרף מען פֿאַרשטיין — ניין, דאָס דאַרף מען פֿילן, מע באַדאַרף זײַן אַף מײַן אָרט, קומען אַלע טאָג אין דער רעסטאָראַציע, אָנ־קוקן ז י מיטן ווײַסן פֿאַרטעכל, וואָס סע שעמערירט, איר שיין ליכטיק פּנים, וואָס סע שײַנט און וואָס סע זינגט, הערן איר זיס קול, וואָס קוויקט, איר געלעכטערל, וואָס צעגייט זיך אין יעדן אבר, און בשעת

מעשה זען אים און פילן, אַז דאָס איז אינגאַנצן צוליב אים, און נאָר צוליב אים אַליין, און ווײַטער קיינעם ניט! ניין, מע דאַרף אים צו־נעמען פונעם וועג, מע דאַרף, ער זאָל אַוועק, מע דאַרף זײַנער פּטור ווערן. נאָר ווי אַזוי? איך וועל דאָך נישט גיין סמען אים, אָדער שיסן; איך בין דאָך נישט קיין רוצח, איך בין דאָך אַ ייִד... אַרויסרופן אים אויף אַ דועל?

— פּע! אין אַ „ראָמאַן” רופט מען אַרויס אויף אַ דועל, אי דאָס — גלייב איך ניט, ס'זאָל זײַן אמת; ס'איז נאָר גלאַט אַזוי, אויף צו באַשרײַבן, קומט אויס שענער... אַזוי האַלט איך... איך בין געפאַלן אויף אַ שיינער המצאה: איך וועל מיך דורכשמועסן מיט אים אַליין, ווי זאָגט איר: „אָפּגעבן דעם שליסל דעם גנב אין האַנט אַרײַן”... איאָ, אַ פּלאַן? און נישט לאַנג גע־טראַכט, — איך האָב פײַנט לאַנג טראַכטן — טו איך מיך אַ רוף־אָן צו אים איינמאָל נאָכן עסן:

— איר ווייסט? איך האָב צו אײַך אַ נייטיקן עסק. איך האָב מיט אײַך וואָס צו ריידן.

און ער? ער זאָל דאָס אפילו אַ ריר טאָן מיט אַן אבר. גאָרנישט! נאָר אַנידערגעשטעלט אויף מיר זײַנע פּראָסטע גרויע אויגן, ווי איינער רעדט:

— הנני, איך בין אָנגעברייט.

— ניין, — מאַך איך צו אים — ניין, ניט דאָ. איך וויל, ס'זאָל זײַן, ווי מע זאָגט, אונטער פיר אויגן.

— קומט! — מאַכט ער צו מיר און פירט מיך אַרויס אין דרויסן אַרויס און שטעלט זיך אַוועק אַקעגן מיר און וואַרט, ווי איינער רעדט:

— נו? פאַר וואָס דברט מען ניט?

— נישט אָט דאָ. — מאַך איך צו אים. — ווען טרעפט מען אײַך אין דער היים?

— איך קאָן זײַן בײַ אײַך... — מאַכט ער צו מיר און פאַרכאַפּט זיך אָבער באַלד. — און אויב איר ווילט... זײַט איר בײַ מיר מאָרגן פון... (און ער טוט אַ נעם־אַרויס דעם זייגער). פון האַלב צען ביז האַלב עלף אין דער פרי... נאַט אײַך מײַן אַדרעס.

אַזוי מאַכט ער צו מיר און קוועטשט מיר, און קוועטשט מיר די האַנט, און קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי איינער רעדט: „קאָנספּיראַציע?”

קאָנספּיראַציע, האָט קיין יסורים נישט! — מאַך איך צו אים, און מיר צעגייען זיך, ווי זאָגט איר, איטלעכער אין זײַן רו אַרײַן.

אוודאי בין איך יענע נאכט ניט געשלאָפן. איך בין, פאַרשטייט איר מיך, געלעגן אין איינע אַנגסטן און נאָר געטראַכט: וואָס וועל איך אים זאָגן, אשטייגער? פון וואַנען זאָל איך אָנהייבן? און וואָס וועל איך טאָן, טאָמער טוט ער מיר אַ זאָג:

— הער דזשענטלמאַן, וואָס האָט איר אײַך צו מישן אין פרעמדע עסקים? וואָס פאַר אַ מחותן זײַט איר, הער דזשענטלמאַן, מיט אַ מיידל, וואָס איינער פון די „יענקעלעך" רעכנט זי פאַר אַ כלה שוין פון ווייס איך ווען?...

וואָס ענטפערט מען אים דערויף? אָדער וואָס טו איך, אַז ער נעמט מיך, אשטייגער, פאַרן קאַרק און טוט מיך אַ שמיים־אַראָפּ פון אַלע טרעפּ? דאָס הייסט, קיין מורא האָב איך ניט. וואָס האָב איך פאַר אים מורא? איך בין דאָך געקומען צו אים מכח אַן עסק. ממה־נפשך: יאָ — יאָ, ניין — ניין. ווארפן זיך איז ניטאָ פאַר וואָס!...

אָט אַזוי בין איך געלעגן אין מחשבות די גאַנצע נאַכט, און אַף מאָרגן האַלב צען דעם זייגער האָב איך שוין געקלעטערט צו אים ערגעץ אין אַלדי שוואַרצע יאָר אַף אַ בוידעם, אפשר דריטהאַלבן הונדערט טרעפּ, און האָב אים אַקוראַט געטראָפן אין דער היים מיט נאָך אַ פּאָר „יענ־קעלעך", וואָס אַז זיי האָבן מיך דערזען, האָבן זיי זיך עפּעס מאָדנע איבערגעקוקט איינס מיטן אַנדערן, ווי איינער רעדט: „וואָס האָט דאָ צו טאָן דער דזשענטלמאַן?"... נאָר מײַן פויגל האָט זיי געגעבן אַ ווונק, זיי זאָלן נעמען דעם וועג, און מײַנע „יענקעלעך" האָבן זיך דווקא געשטויסן וואָס מע מיינט, געטאָן זיך אַ נעם צו די היטלעך — און נעלם געוואָרן.

געבליבן מיט אים אַליין, ווי זאָגט איר, אונטער פיר אויגן, נעם איך און טו אים אַ לייג־אַוועק אַ דרשה: אַזוי און אַזוי, אַז איך בין אַליין, כאָטש איך בין אַ געשעפטסמאַן, אַ מענטש מיט אַ שטיקל נאָמען, און אַ שיינער פאַרדינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פאַדאָבנע, פונ־דעסטעוועגן ווייס איך אַלצדינג וואָס אַף דער וועלט טוט זיך, וואָרעם איך בין, דאַרפט איר וויסן, אַ ה ײַ נ ט י ק ע ר , איך לייען אַלצדינג, אַלע נײַע גאַזעטן און זשורנאַלן, — און איך נעם און טו אַ שיט־אויס אַלע מאָדנע ווערטער: „פּראָלעטאַריאַט"... „בעבעל"... „מאַרקס"... „רעאַגירן"... „קאָנספּירייישן"... וכדומה. אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר דווקא פּראָסט און ווייך און אָן שום הויכע ווערטער:

— מיט וואָס־זשע קאָן איך אײַך דינען?

— אַ מיט אַ קליינינקייט — זאָג איך: — מיט אַן עצה.

— איך?... אײַך?... אַן עצה?...

אַזוי מאַכט ער צו מיר און טוט אַ שטעל־אַוועק אויף מיר די פּראָסטע גרויע אויגן, ווי איינער רעדט: „ווי קום איך, אַזאַ שנעק ווי איך בין, געבן עצות אַזאַ דזשענטלמאַן?"... איר פאַרשטייט? ס'איז אים אַליין געווען פּריקרע, ווי זאָגט איר, איבער דער טבע. און מיר איז דאָך אוודאי געווען פּריקרע. נאָר וואָס זאָל איך טאָן? איך האָב דאָך שוין אָנגעהויבן, באַדאַרף מען דערפירן, ווי זאָגט איר, צו אַ ברעג. און איך נעם און טו אים אַ זאָג־אויס, וואָס מיך קוועטשט, מיט אַ דערציייל־אויס, וואָס בײַ מיר אויפן האַרצן טוט זיך פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב זי דערזען ביז צו הײַנטיקן טאָג, ממש איך לעב נישט, דאָס הייסט, זי לאָזט מיך נישט לעבן!... „איך בין דאָס גאָר נישט געוויינט געוואָרן, זאָג איך, אַז איבער אַ מיידל — זי מעג זיך זײַן אַפילו די בת־מלכה אַליין — זאָל איך אַזוי „רעאַגירן", וואָרעם סך־הכל בין איך דאָך גאָר אַ יונגערמאַן, כאָטש אַ הײַנטיקער, דאָך אַ סוחר מיט אַ שטיקל נאָמען, און אַ שיינער פאַרדינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאַדאָבנע"...

אויסגעהערט, מאַכט ער צו מיר ווידער אַ מאָל פּראָסט און ווייך און אַן שום הויכע ווערטער:

— אויב איר פרעגט בײַ מיר אַן עצה, וואָלט איך אײַך זאָגן, איר זאָלט ריידן מיט איר אַליין...

— נו, און איר? — זאָג איך.

— איך וויל ניט — מאַכט ער צו מיר און פאַרכאַפּט זיך באַלד — איך קאָן ניט, איך האָב קיין צײַט ניט פאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע זאַכן.

— ניין! — מאַך איך צו אים, — ניט דאָס מיין איך. איך פאַרלאַנג נישט פון אײַך, אַז איר זאָלט מיט איר ריידן. ווי קאָן איך דאָס פאַרלאַנגען? איך פרעג אײַך נאָר, וואָס וועט איר זאָגן דערויף?...

— וואָס קאָן איך, זאָגט ער, דערויף זאָגן? אויב איר געפעלט צו אײַך איז אַזוי, ווי אײַער געפיל צו איר...

אַזוי מאַכט ער צו מיר פּראָסט און ווייך און אָן שום הויכע ווערטער און גייט און טוט אַ נעם־אַרויס דעם זייגער, ווי איינער רעדט: „אונדזער שמועס איז שוין באַלד ווי געענדיקט"... די קונץ פון קוקן אויפן זייגער, דאַרפט איר וויסן, פאַרשטיי איך גאַנץ גוט. איך, אַז איך וויל יענעם פּטור ווערן, בין איך מיך אויך אַזוי נוהג. דער חסרון איז, וואָס ניט

יעדער שטויסט זיך, וואָס מע מיינט. איך, זעט איר, האָב מיך דווקא יאָ אָנגעשטויסן, און האָב מיך געגעבן אַ הייב־אויף, געבעטן אים, אַז די מעשה זאָל בלײַבן צווישן אונדז, „קאָנספּיראַציע" הייסט עס, און בין אוועק אַהיים. וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? דאָס וואָרט „פּריילעך" איז אַ הונט! „גליקלעך"? — נאָך אַלץ נישט דאָס! אָפּן זיבעציקסטן הימל!!! ווען איך האָב ניט באַגעגנט, האָט זיך מיר, הערט איר, געגלוסט נאָך ארומכאַפּן קושן. אַלע און אַלעם האָבן באַקומען אין מײַנע אויגן גאָר אַ באַזונדער חן. פֿון יוספֿן אַליין שמועסט מען ניט: איך האָב אים יענעם טאָג ליב געקריגן, ממש ווי אַן אייגענעם ברודער. איך זאָל מיך ניט שע־מען, וואָלט איך מיך אומגעקערט אים אַ קוש טאָן, און איך זאָל ניט מורא האָבן אַז ער וועט זיך געפֿינען באַליידיקט, וואָלט איך אים אונטערגע־טראָגן אַ מתנה: אַ גאָלדענעם זייגער מיט אַ שיין קייטל מיט אַ היפּשן ברעלאָק.

פֿאַר גרויס שמחה בין איך גאָר אוועק אין קלוב. איך, דאַרפֿט איר וויסן, טו מיך אַ כאַפּ־ארײַן אַמאָל אין קלוב אַרײַן, ווי זאָגט איר, „צווישן טאָג און נאַכט", נישט מחמת איך האָב ליב דאָס שפּיל. איך אַליין שפּיל נישט; נאָר איך האָב ליב זען, ווי יענער שפּילט, און אַמאָל, זעלטן־זעלטן, געבן אַ „שמיר" אונטער אַף יענעמס קאָרט, — איז איינס פֿון די צוויי: אָדער מע נעמט־אויס, אָדער מע ווערט באַגראָבן. דאָס מאָל איז מיר דווקא געראָטן; ס'איז מיר אַוועקגעגאַנגען דאָס קערטל, זאָג איך אײַך, ווי קיינמאָל נישט; איך האָב אָנגעשלאָגן אַ שיין קערבל און האָב געגעבן אַ רוף־צונויף די חברה „באַסיאַקעס" (אַזוי הייסן בײַ אונדז אין קלוב די דאָזיקע, וואָס בלײַבן אָן קליינגעלט) און האָב געגעבן אַ שטעל־אוועק אַ וועטשערע, און דווקא מיט שאַמפּאַניער־ווײַן, „רעדערער", און אַז איך בין געקומען אַהיים — געווען שוין גרויסער טאָג, — האָב איך געטראָפֿן בײַ זיך אָפּן טיש אַ דעפּעש, אַז מע רופֿט מיך אַרויס עקסטרע צוליב זייער אַ נייטיקן געשעפֿט. און דאָס ווייסט איר דאָך מסתמא, אַז „נאַש־בראַט", וויבאַלד ער באַקומט אַ דעפּעש מכּוח געשעפֿט, איז אַ סוף, פֿאַרפֿאַלן, ווי זאָגט איר, די קו מיטן שטריקל, אַ כּפּרה אַלצדינג. מע הייבט זיך אויף און מע פֿאָרט.

אוועקגעפֿאָרן בין איך, אייגנטלעך, אַף צוויי טאָג, און געזוימט האָב איך מיך, געוויינטלעך, דרײַ וואָכן, און אַז איך בין געקומען צוריק, האָב איך דאָך באַלד געגעבן אַ לויף־אוועק אין דער רעסטאָראַציע עסן,

און האָב געטראָפֿן דאָרטן אַן איבערקערעניש: פֿון די „יענקעלעך" איז ניט געבליבן קיין האָר אַפֿילו, און די, וואָס זײַנען געבליבן, זײַנען אויך געווען נישט דאָס, וואָס תמיד: עפּעס זײַנען זיי מיר געווען ווי צעדרייט, משונה צערודערט און צעפּלאָכטן. זיי האָבן אָפּגעכאַפּט דאָס עסן, ווי זאָגט איר, על רגל אחת, און צעקראָכן זיך מיט אָראָפּגעלאָזטע קעפּ, ווי די הינט נאָך אַ רעגן, דער אַהער און דער אַהין...

נאָר מער פֿון אַלץ האָט מיך געוווּנדערט: וווּ איז יוסף? פֿאַר וואָס זעט מען נישט יוספֿן? איך קוק מיך צו צו די „יענקעלעך" — עפּעס איז מען מיר מאָדנע האָפּערדיק, עפּעס שטיקט מען זיך: שו־שו! שו־שו!... ס'איז בײַ זיי נישט נאָר קאָנספּירייש — ס'איז שוין, ווי זאָגט איר, „קאָנספּירייש שבקאָנספּירייש"!... איך טו מיך אַ קוק־אײַן אין איר — זי איז מיר אויך משונה שווײַגנדיק, פֿאַרטראַכט און שטאַרק „קאָנספּירישנדיק"... די שיינע בעקלעך פֿלאַמען נישט, די קאַרשן־אויגן שמייכלען ניט. וווּ זײַנען אַהינגעקומען די חן־גריבלעך, וואָס בעטן זיך: נאַ, קוש מיך!? עפּעס הערט מען נישט מער איר געלעכטערל, יענץ געלעכטערל, וואָס אַז זי הייבט אָן צו לאַכן, לאַכט מיט איר אַלצדינג — איר, און דער טיש, און די בענקלעך, און די ווענט, און דאָס גאַנצע לעבן!...

דאָס פֿאַרשטייט איר דאָך מסתמא אַליין, אַז שטאַרק בענקען האָב איך נאָך דעם יוספֿן נ י ש ט געבענקט... איך האָב מיר נאָר געבראָכן דעם קאָפּ: וווּ האָט ער געקאָנט נעלם ווערן? צי אויף אַ קורצע צײַט, צי אויף שטענדיק? צי שרײַבט ער בריוולעך, צי ניין? פֿרעגן בײַ די „יענקעלעך" — ענטפֿערן זיי דען? זיי קוקן אײַך אין די אויגן אַרײַן, קאַלופּען בשעת־מעשה די ציין און שווײַגן, ווי איינער רעדט: „יונגערמאַן, אַז איר וועט וועלן אַלצדינג וויסן, וועט איר גיך אַלט ווערן"...

ערשט מיטאָמאָל, אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, איך קום צו גיין איינ־מאָל אין דער רעסטאָראַציע עסן, טרעף איך די „יענקעלעך" זיצן אַלע אַרום טיש, איינער לייענט פֿון אַ בלאַט, און דער גאַנצער איבעריקער עולם האָרכט. אַפּנים, אַז דאָס מוז זײַן פֿון יוספֿן. פֿון וואַנען וויים איך עס? פֿון איר. זי, מיטן ווײַסן פֿאַרטעכל און מיט די קאַרשן־אויגן, שטייט בײַ דער זײַט, צונויפֿגעלייגט די הענט אויפֿן האַרצן, דאָס פּנים לײַכט, די בעקלעך פֿלאַמען, דאָס אייבערשטע ליפּל קוקט אַרויף — פּונקט ווי דער־מאָלט אין וואַלד... דער חילוק איז נאָר געווען, וואָס דעמאָלט האָבן די שיינע קאַרשן־אויגן געקוקט אויף יוספֿן, און איצט האָבן זיי געבלאַנדזשעט

ערגעץ אין דער לופטן, געזוכט, אפּנים, אַלץ אים, אַלץ יוספן!.. וואָס טויג אײַך, איך האָב קוים דערלעבט, זיי זאָלן אוועקלייגן דאָס בלאַט, האָב איך עס געגעבן אַן עפּן־אויף און אַ קוק־אַרײַן אינעווייניק — און עס איז מיר מיטאַמאָל פֿאַרענטפֿערט געוואָרן אַלע קשיות: מײַן יוסף האָט געהאַלטן אין דער אַרבעט!... איך האָב אָבער געוווּסט, אַז ער וועט נישט גוט אָפּשנײַדן; אַז ניט הײַנט, מאָרגן — אַרײַן אין קרויט מ ו ז ער... דעם שפּיץ האָט מען, געווייינטלעך, נאָך נישט געקאָנט וויסן, נאָר פֿאַר־שטאַנען האָט מען, אַז אַ קניפּ אין בעקעלע, ווי זאָגט איר, וועט מען אים נישט געבן, קיין האָניק וועט ער נישט לעקן און קיין בשמים וועט ער ניט שמעקן...

וואָס בא מיר איז געווען דעמאָלט אױפֿן האַרצן — קאָן איך אײַך ניט איבערגעבן; זאָגן, אַז ס'זאָל מיך שטאַרק אַרן, קאָן איך נישט, וואָרעם ער איז מיר דאָך פֿאָרט געשטאַנען פֿאַפּעריק, ווי זאָגט איר, אַ ביין אין האַלדז... און ווידער, איך זאָל זאָגן, אַז עס האָט מיך געפֿרייט, איז דאָס אויך נישט אינגאַנצן אמת. ווי זאָגט איר, מע טאָר דאָך אַזעלכעם נישט ווינטשן דעם ערגסטן שונא אפֿילו. אדרבה, איך האָב אים געווונטשן מיטן גאַנצן האַרצן, מעגט איר מיר זיכער גלייבן, אַז גאָט זאָל אים אַ נס טאָן און מע זאָל אים... אינגאַנצן, הייסט עס, אָפּריייניקן? — דאָס קאָן דאָך ניט זײַן; נאָר אַזוי עפּעס אַ גרינגע שטראָף... איר פֿאַרשטייט?...

ווי אין אַ טשאַד, זאָג איך אײַך, בין איך אַרומגעגאַנגען די עטלעכע טעג, זיך גאָר קיין אָרט נישט געקאָנט געפֿינען. און אַז איך בין געוואָר געוואָרן, אַז דער עסק האָט זיך שוין, ברוך השם, געענדיקט און אַז מאָרגן וועט אַרויסגעטראָגן דער פּסק, שווער איך אײַך בא מײַן לעבן, — ס'איז בא מיר טײַער — אַז איך בין יענע נאַכט נישט געשלאָפֿן, ניט אָנגעהויבן שלאָפֿן, זיך געקאַטשעט פֿון איין זײַט אױף דער אַנדערער, און געמוזט סוף־כּל־סוף אויפֿשטיין, און האָב מיך געפּרוּווט געבן אַ קוק־אַרײַן אין קלוב אַרײַן, נישט אַזוי צוליב דעם שפּיל, ווי איך האָב גע־רעכנט, טאָמער וועל איך קאָנען פֿאַרגעסן כאָטש אױף אַ מינוט... דאָס האַרץ איז מיר עפּעס געווען צו שווער, איך האָב געפֿילט, כמעט געוווּסט, אַז ע ר ה א ל ט ש מ אָ ל.

און כך הוה. איך קום אין דער געווייינטלעכער צײַט אין דער רעס־טאָראַציע, באַגעגן איך פֿון דאָרט אַרויסשפּרינגען צוויי „יענקעלעך‟, שטאַרק צעפּלאָכטן, פֿאַרטאַרעראַמט — סכּנת־נפֿשות! אַרײַנגעקומען

אינעווייניק, האָב איך געטראָפן אַ פּאָר פרעמדע מענטשן עסן. צום טיש דערלאַנגט שוין ניט זי, נאָר די מוטער, און די מוטער אַליין איז עפּעס אויך, ווי זאָגט איר, לאַ־עליכמדיק, איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז פאַר־וויינט... בין איך נישט פויל אַף דער פען און נעם און טו זי אַ רוף־אָפּ אַף אַ זײַט:

— וווּ איז ערגעץ אײַער טאָכטער?

— באַ זיך, — מאַכט זי צו מיר און טוט מיר אַ ווײַז מיט די אויגן אַהין, אַף אַ קליין אַלקירל, וואָס זעט־אויס ווי אַ שטײַגל מיט אַ טירל.

דאָס שפּיל, וואָס איך האָב געשפּילט מיט דער מוטער, איז געווען, דאַרפט איר ווּיסן, אַ מאָדנע שפּיל. ריידן עפנטלעך מכח אַכצן און דרײַצן האָב איך מיט איר קיינמאָל נישט גערעדט; נאָר פאַרשטאַנען האָב איך, אַז זי וויל דעם שידוך: אַ יונגערמאַן אַ הײַנטיקער, מיט אַ שטיקל נאָמען, און אַ שיינער פאַרדינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאָדאָבנע — פאַר וואָס זאָל זי נישט ווען? אדרבה, איך האָב איר אַ פּאָר מאָל גע־געבן אָנצוהערעניש, אַז איך אינטערעסיר מיך מיט איר טאָכטער זייער געשמאַק! אַ סימן — איך קאָן ניט לײַדן, וואָס זי דערלאַנגט אַליין צום טיש... טרעפט־זשע, וואָס ענטפערט זי מיר דערויף?

— איר קאָנט ניט לײַדן, וואָס זי דערלאַנגט? דערלאַנגט מען אַליין!...

אַזוי טוט זי צו מיר אַ זאָג, די מוטער הייסט עס, און דערלאַנגט זיך אַ שמיד־אַרויף מיטן נאַקעטן עלנבויגן איבערן פּנים, און גיי טו איר עפּעס!

ווי־זשע האַלט איך? — באַם קליינעם אַלקירל. ווי אַזוי און מיט וואָס פאַר אַן אופן איך האָב געטאָן אַ גיי־אַרײַן אין דעם קליינעם אַלקירל אַרײַן? וואָס זײַנען געווען די ערשטע ווערטער, וואָס איך האָב איר גע־געבן אַ זאָג? — פרעגט מיך בחרם, אויב איך הייב אָן געדענקען אפילו! איך געדענק נאָר, אַז איך האָב זי געטראָפן אינעם זעלביקן ווײַסן פאַר־טעכל, וואָס תמיד, זיצן באַם פענצטער, צונויפגעלייגט די הענט אַפן האַרצן, דאָס פּנים בלאַס, די בעקלעך ווײַס, קיין טראָפּן בלוט ניטאָ, דאָס אייבערשטע ליפּל קוקט אַרויף, און די שיינע קאַרשן־אויגן, איבערגעצויגן ווי מיט אַ רויכל, קוקן ערגעץ ווײַט־ווײַט, פאַרטראַכט, און נישט קיין איינציקע טרער, נישט קיין סימן פון קיין טרער, נאָר אַ שטילער, שטומער

טרויער, זעט מען, ליגט אויסגעגאָסן אַפֿן קוים־קוים אָנגעקנייטשטן ווײַסן שטערן. איך שווער אײַך בײַ מײַן לעבן, הערט איר, — ס׳איז בײַ מיר טײַער — זי איז אין דער דאָזיקער מינוט געווען אַזוי שיין, אַזוי געטלעך, אַז איך בין גרייט געווען זיך געבן אַ טו אַ וואַלגער פֿאַר אירע פֿיס און אויסקושן איר די טריט!... דערזען מיך, האָט זי זיך דווקא נישט איבערגעשראָקן, דווקא נישט געגעבן זיך קיין כאַפּ־אויף און דווקא נישט געפּרעגט מיך, וואָס איך דאַרף. איך האָב אַליין גענומען און געשטעלט־אַוועק אַ בענקל און אַוועקגעזעצט זיך אַקעגן איר און גענומען ריידן, אָן אָן אויפהער, אָן אַ ברעג. אַ קוואַל פֿון ווערטער האָט זיך בײַ מיר געגעבן אַן עפֿן־אויף, און איך האָב גערעדט און גערעדט. וואָס איך האָב גערעדט — זאָג איך דאָך אײַך, אַז איך ווייס ניט. דער פּשט, אַפּנים, איז געווען אַזוי: איך האָב איר געוואָלט אויסריידן דאָס האַרץ, טרייסטן זי, איר געבן צו פֿאַרשטיין, אַז זי טאָר ניט „רעאַגירן" אַזוי שטאַרק... אַף אונדזער לשון הייסט עס: זי זאָל זיך נישט נעמען אַזוי צום האַרצן, ווערעם זי איז נאָך צו יונג, און צו פֿריש, און צו שיין... איך האָב איר געדרונגען, אַז איר גליק קאָן מען נאָך ניט וויסן... אָט, למשל, בין איך אַ יונגערמאַן אַ סוחר, אַ הײַנטיקער, מיט אַ שטיקל נאָמען, און אַ שיינער פֿאַרדינער, און אַ קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאַדאָבנע... אַ סימן: לאָז זי מיר נאָר זאָגן איין וואָרט, אַז זי איז גרייט צו פֿאַרגעסן אַלצדינג, וואָס ס׳איז געווען ביז אַהער, גלײַך ווי עס וואָלט גאָרניט געווען, גאָר־נישט קיין שום־יוסף, מיט קיין שום „יענקעלעך", מיט קיין שום „קאָנספּי־ראַציע" אַף דער וועלט!...

הערט איר? איך ווייס אַליין ניט, פֿון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ כח־הדבור! און טאָמער מיינט איר, אַז זי האָט מיר עפּעס געענטפֿערט דערויף? אָסור! געזעסן און געקוקט און געקוקט און געקוקט... וואָס האָט געקאָנט באַטײַטן דער דאָזיקער קוק? דער דאָזיקער קוק האָט געקאָנט באַטײַטן: „איר מיינט עס מיט אַן אמת? עס גלייבט זיך מיר עפּעס ניט!"... אָדער: „איך וועל מיך איבערלייגן"... אָדער: „לאָזט מיך צורו"... אָדער גאָר: „יוסף"... איר פֿאַרשטייט? ניט „יוסף", נאָר: „יו־סף"!...

וואָס פֿאַר אַ פּנים איך האָב נאָכדעם געהאַט בײַ זיך אַליין אין די אויגן — מעגן שוין מײַנע שונאים האָבן אַזאַ יאָר!... איך האָב עטלעכע טעג דורכאַנאַנד מיך געשעמט ווײַזן זיך פֿאַר די אויגן... און אגב איז

מיר אפן הארצן געווען אזוי וויסט, גלייך ווי איך וואלט מיך פילן דא פאר א שטיקל חייב אינעם אומגליק, וואס זיי איז געשען... וויפל איך האב מיך נישט געמוטשעט, איך זאל אים ארויסשלאגן פון די געדאנקען, פארגעסן אים, אט דעם יוספן — אוממעגלעך!... איר דארפט וויסן, אז איך פון חלומות האלט ניט, פאר מתים האב איך קיין מורא ניט, און אין כשוף גלייב איך ניט, נאר איך שווער אייך בנאמנות, ס'איז נישט אוועקגעגאנגען די נאכט, ער זאל ניט קומען מיר צו חלום, יוסף הייסט עס, מיך ניט אויפוועקן און באווייזן מיט דער האנט אפן האלדז, אז ס'איז בא אים, ניט אין מיין מאס, ארום און ארום האלדז א בלויער צייכן... ווי מיינט איר, א חלום האט עפעס א ממשות? איך וויים א פאקט, וואס האט זיך געטראפן אמאל מיט מיינעם א פעטער... נאר נא־רישקייטן! איך האלט נישט פון חלומות!... איך בין גלאט אזוי געווען צעדרייט, פארלארן דעם אפעטיט צום עסן, אויפגעהערט שלאפן... פאר פחד מיינט איר? ניין! נאר א באקאנטער מענטש, געזעסן מיט אים וויפל מאל בא איין טיש — איר פארשטייט? האב איך מיך מיישב געווען, ווי זאגט איר, וואס ס'וועט זיין וועט זיין — כ'האב מיך אנגענומען מיט הארץ און האב געטאן א גיי־אוועק אהין, גלייך צו זיי אין דער רעסטא־ראציע ארײַן.

איך קום צו גיין אין דער רעסטאראציע — ווער מיר רעסטאראציע? וואס מיר רעסטאראציע? עס הייבט זיך גאר ניט אן — אויסגעטריקנט דאס ארט אפילו! ווו איז אהינגעקומען די רעסטאראציע? „ארויסגע־פארן שוין פון עטלעכע טעג!" „וואס הייסט ארויסגעפארן?" „ארויסגע־פארן הייסט ארויסגעפארן"... איך טו א קלונג־אן אין הויף ארײַן, א לויף־ארײַן צום בעל־הבית: „ווו איז אהינגעקומען די רעסטאראציע? ווו־הין איז זי אריבערגעפארן?" א נעכטיקער טאג — קיינער וויים ניט, קיינער קאן מיר נישט זאגן, וווהין! הייב איך דאך אן מסתמא צו פייַערן, ווי זאגט איר, ארײַן אין דער אמביציע. און איך, אז איך טו א קום־ארײַן אין דער אמביציע, איז סכנת־נפשות! איך בין ארומגעלאפן, שווער איך אייַך, ווי א משוגענער, אויסגעווען ווו די וועלט האט אן עק!... און די „יענקעלעך"? ווי אף צו־להכעיס, איר זאלט זאגן, כאטש איין „יענקעלע" אף א רפואה!... בין איך אוועק אין פאליציי חוקר ודורש זײַן, מאכן א „ספראווקע" הייסט עס... געקומען אין פאליציי, טוט מען מיך א נעם־אויף: „טשטא נאדא?" זאג איך: „דאס און דאס, אזוי און אזוי, ווו איז

אהינגעקומען די רעסטאראַציע?"... פרעגט מען מיך: „וואָסער רעסטאָראַציע?" זאָג איך: „די און די". פרעגט מען מיך: „אַף וואָס דאַרף איך זי?"... איר פאַרשטייט — זאָל איך זיי גיין דערציילן, אַף וואָס איך דאַרף זי?... שווייַג איך דאָך. פרעגן זיי מיך נאָכאמאָל און נאָכאמאָל, איך זאָל זיי זאָגן, אַף וואָס איך דאַרף זי?... וואָס טויג אייַך, איך האָב מיר געקויפט, ווי זאָגט איר, מפטיר... נו־נו, איך האָב עס געהאַט א לויפעניש! דער רוח האָט מיך געטראָגן!... כאָטש, אַז מע וויל צוריק, וואָס, אייגנטלעך, האָב איך געהאַט מורא צו האָבן, אַז סך־הכל בין איך דאָך גאָר א יונגערמאַן א סוחר, מיט א שטיקל נאָמען, און א שיינער פאַרדינער, און א קערבל איז בלאָטע, אי טאָמו פּאָדאָבנע?... איך אין אזעלכע עסקים מיש מיך נישט! ווי זאָגט איר: „ניע יעווּשי טשעסנאָקו — אַז מען עסט ניט קיין קנאָבל, הייסט עס..." נאָר וואָס דען? איך האָב עס פייַנט! איר פאַרשטייט? איך האָב עס פייַנט — און שוין!... איך האָב מיר פאַרשאָלטן, זאָג איך אייַך, דאָס געבויין. נאַ דיר א רעסטאָראַציע! נאַ דיר א מיידל! נאַ דיר א יוסף!... איך וואָלט שוין אליין געוואָלט זי פאַרגעסן, און א סוף. איז אָבער, ווי אויף צו־להכעיס, קריכט זי מיר ניט ארויס פון קאָפּ! נאָך עד היום שטייט זי מיר פאַר די אויגן מיטן ווייַסן פאַרטעכל, וואָס שעמערירט, מיט די שיינע קאַרשן־אויגן, וואָס קוקן, מיטן קליינעם ליפּל, וואָס קוקט ארויף, מיט די חן־גריבלעך, וואָס בעטן זיך: נאַ, קוש מיך, און מיטן געלעכטערל, וואָס צעגייט זיך אין איטלעכס אבר... און אָפּטמאָל מאַכט זיך באַנאַכט, אַז איך האַלט אין רעכטן שלאָף, הער איך איר קול: „יו־סף! יו־סף"... כאַפּ איך מיך אויף אין א קאַלטן שוויים. וואָרעם קוים דערמאָן איך מיך אָן איר, אַזוי קומט מיר באַלד אויף די נעדאַנקען ער...

זעט איר? איך וואַרט ניט, ביז איר וועט זיך געבן א טו־א נעם צום זייגער; איך ווייס אליין, אַז אַלצדינג אַף דער וועלט מוז האָבן א סוף... האָט נאָר קיין פּאַראיבל ניט, וואָס איך האָב באַ אייַך צוגענומען א ביסל צופיל צייַט, און גיט מיר אייַער האַנט, אַז אַלצדינג, וואָס כ'האָב אייַך דאָ דערציילט, וועט דאָס בלייַבן צווישן אונדז ביידן, ווי זאָגט איר: קאָנספּירייישן...

אדיע!

געשריבן אין יאָר 1905

כאַבנע

געווען איז דאָס אין אדעס. זײַנען מיר געזעסן אין אַ מסיבה אַ גאַנצע חברה ליטעראַטן, שרײַבערס הייסט דאָס, וואָס שרײַבן, און לעזער וואָס לייענען, און גלאַט יונגעלײַט, און סטודענטן אַ פּאָר, און אַ מיידל איז געווען, וואָס איז געקומען שטודירן, אַ גאַנץ היפּשע מיידל, אַ געזונטע, מיט רויטע באַקן, און גלאַט ייִדן מן הצד, דאָס הייסט, אַזעלכע, וואָס זײַנען צו אונדזער חברה ניט שײַך, נאָר זיי זעען ייִדן ריידן, הערט מען זיך אײַן, רוקט מען זיך צו אַלע מאָל נענטער, אַזוי לאַנג, ביז עס ווערט איין קאָמפּאַניע און מע פאַרבײַט זיך מיט די גלעזער אַפן טיש און מיט די פּיס אונטערן טיש — חברים כל ישראל... געווען איז, אייגנטלעך, ניט שבת, נאָר אַ וואָכעדיקער טאָג, און גערעדט האָבן מיר, אייגנטלעך, ניט פון שבת, נאָר פון גאָר אַנדערע זאַכן; אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָבן מיר גערעדט און געשפּאַרט זיך איבער ציוניזם, טעריטאָריאַליזם, אחד־העמיזם, קלויזנעריזם, און גאָר ניט אין זינען געהאַט בשעת מעשה ניט קיין געלט, ניט קיין שבת, ניט קיין שטעטל, וואָס הייסט כאַבנע, אַפילו נישט מזכיר געווען און אַפילו אַף דער מחשבה נישט געקומען. פּלוצעם, איך ווייס נישט, ווי אַזוי און ווי אַרום, עס הייבט זיך אויף אַ יונגערמאַן אַ געלער מיט ווײַסע ברעמען, איינער פון די יונגעלײַט וואָס „מן הצד", און טוט אַ מאַך מיט דער האַנט און הייבט־אָן בזה־הלשון:

— שאַ, וואָס טויג אײַך דאָס? אַלאַ־מאַי, אָט וועל איך אײַך דערציילן אַ שענערע מעשה, וואָס מיט מיר האָט זיך געטראָפן אין כאַבנע! כאַבנע איז אַ שטעטל, אַ שטעטל אַזעלכעס פאַראַן, וואָס הייסט כאַבנע. האָט דאָס שטעטל כאַבנע אַלצדינג, וואָס אַ שטעטל באַדאַרף צו האָבן: אַ פּאָסט, מיט אַ ראַבינער, מיט אַ טײַך, מיט אַ רב, מיט אַ טעלעגראַף, מיט אַ בית־עולם, מיט אַ פּריסטאַוו, מיט אַ תלמוד־תורה, מיט חסידים, מיט

בתי־מדרשים צוויי, מיט קבצנים זייער א סך און מיט נגידים זייער ווינציק, ווי געוויינטלעך אונדזערע קליינע שטעטלעך. האָט מיך דער גוטער יאָר פאַרטראָגן אין דעם שטעטל איינמאָל אַף אַ שבת. איר מעגט דאָס האָרכן, עס איז אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע, זי קאָן אײַך צוניץ קומען. דאָס ווייסט איר דאָך מן הסתם גאַנץ גוט, אַז אין אַ קליינשטעטל, אַז איר קומט צו פאָרן אַף שבת, מוזט איר ווערן קליינשטעטלדיק, עס וועט אײַך גאָרניט העלפן. פון פאָרן ווײַטער — דאָס פאַרגעסט. כאַבנע איז ניט אַדעס. זינט כאַבנע איז כאַבנע, האָט דאָרט נאָך קיינמאָל קיין ייִד ניט מחלל שבת געווען. און אַז איר בלײַבט אַף שבת אַ כאַבנער, מוזט איר קודם כל גיין אין מרחץ ארײַן. וואָס דען וועט איר טאָן? איר וועט זיך אַוועקזעצן שרײַבן ספרים? און, להבדיל, אין שול אַרײַן — שמועסט מען דאָך ניט. איך האָב געוואָלט זען, אַדרבה, איר זאָלט קומען צו פאָרן קיין כאַבנע אַף שבת און ניט גיין אין שול אַרײַן. איר מיינט, מע וועט אײַך, חלילה, עפּעס טאָן שלעכטס? הס מלהזכיר! מע וועט אײַך גאָרנישט טאָן; מע וועט אײַך נאָר אַ נ ק ו ק ן ; גאַנץ כאַבנע וועט זיך קומען צונויף אַ נ ק ו ק ן דעם ייִדן, וואָס איז געקומען קיין כאַבנע אַף שבת און וויל ניט גיין אין שול אַרײַן. און וואָס פאַר אַ פּנים וועט איר האָבן באַם בעל־הבית? וואָס פאַר אַ טעם וועט האָבן דאָס עסן, וואָס מע וועט אײַך געבן באַזונדער? און ווער ווייס, צי מע וועט אײַך גאָר געבן עסן באַזונדער? וואָס זײַט איר, אַ פּריץ, וואָס איר זאָלט עסן באַזונדער, ניט מיטן בעל־הבית באַ איין טיש, ניט מאַכן הויך קיין קידוש, ניט זינגען מיט אַלעמען קיין זמירות? זעט איר, ווען איר זאָלט זײַן, להבדיל, אַ פּריץ, דעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. דעמאָלט קריגט איר אַלצדינג צו זיך אין חדר אַרײַן: עסן, און טרינקען, און אַ פּאַפּיראָס, און אַפילו אַ סאַמאָוואַר, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן, אום שבת. פון וואַנען נעמט זיך עס, ווילט איר וויסן? ע, דאָס זאָלט איר ניט פרעגן. וואָרעם אַז איר וועט אָנהייבן פרעגן קשיות למאַי — למאַי דאָס, למאַי יענץ, וועט זײַן אַ מעשה אָן אַן עק. בקיצור, זײַט איר געקומען קיין כאַבנע, מוזט איר זײַן אַ כאַבנער.

האָט זיך אָבער געטראָפן מיט מיר אַ מעשה: איך בין געפאָרן צו אַ פּריץ ניט ווײַט פון כאַבנע און האָב געפירט מיט זיך געלט, שיינע עטלעכע טויזנטער; עס האָט מיר צעשפּאַרט די בוזעם־קעשענעס. דער, וואָס האָט ניט געוווּסט, האָט, דאַכט מיר, אויך באַדאַרפט זען, אַז איך פיר מיט

זיך געלט, ווארעם א מענטש, אז ער פירט געלט, האט ער גאר אן אנ־דער פּנים: ער גייט גאר אנדערש, ער שטייט אנדערש, ער רעדט אנדערש. געלט, פארשטייט איר מיך, האט אין זיך א כח — עס איז געלט!... הכלל, וואס טוט מען מיטן געלט? ערשטנס — שבת. כאבנע איז ניט אדעס. ווי אזוי וועל איך מיך ארומטראגן שבת מיט געלט? והשנית, מוז איך אייך דעם אמת זאגן, אז איך האב טאקע אביסל מורא געהאט צו נעכטיקן אף דער אכסניה מיט, קיין עין־הרע, אזא מטבע. ניט, חלילה, איך האב מורא געהאט פארן בעל־אכסניה. דער בעל־אכסניה איז געווען א ייִד א פרו־מער דווקא, און א כשרער, מיט זייער א שיינער קאפּאטע, מיט א גארטל. אויך ניט פאר קיין גזלנים האב איך מורא געהאט: כאבנע האט ניט, חלילה, קיין שם פון א שטאט פון גזלנים אדער כאפּערס. מע האט ניט געהערט נאך אף דער וועלט, אז אין כאבנע זאלן פארקומען רציחות אדער גזילות. אי, טאמער איז דארט געווען אמאל א שטיקל פּאגראם, איז דאך עס נאר בשעת פּאגראם, און ווו איז היינט ניט פאראן קיין פּאגרא־מען?... איך זאג אייך בהן שלי, איר קאנט גיין אין כאבנע אין מיטן האלבע נאכט איינער אליין — אף מײַן אחריות, עס וועט אייך גארניט געשען. אם כן, וואס־זשע האב איך געהאט מורא צו האבן? איך האב מורא געהאט, פארשטייט איר מיך, נאר פאר איין זאך: קיין עין־הרע, אזא סומע געלט, פרעמד געלט, ניט מײַנס... טאמער, חלילה, א קשיא וואס עס מאכט זיך?... איך דריי מיך אהער, איך דריי מיך אהין — עס איז שלעכט. וואס טוט מען? איך מאך א שמועס מיט מײַן בעל־אכסניה: ווער זײַנען דא אין כאבנע פון די פארנעמסטע לײַט, פון די נגידים? ענט־פערט ער דאך מיר מסתמא: „צוליב וועלכן צוועק? אפשר מכוח א גע־שעפט?" זאל איך אים גיין דערציילן, וואס מיך קוועטשט! אמת, ער איז טאקע א שיינער ייִד מיט א שיינער קאפּאטע און מיט א גארטל, און כאבנע איז טאקע נישט קיין שטאט פון גזלנים אדער כאפּערס; עס איז דאך אבער געלט, קיין עין־הרע, אזא סומע געלט, פרעמד געלט, ניט מײַנס... בקיצור, איך פרעג אים דאס, פרעגט ער מיך יענץ, איך זאג אים „נגיד", זאגט ער מיר „געשעפט"; אהין־אהער, איך האב בא אים ארויס־געצויגן דאס, וואס איך באדארף צו האבן: אז כאבנע איז א שטעטל פון לויטער קבצנים, דאס הייסט, עס איז פאראן אין כאבנע נגידים אויך, נאר זייער ווינציק. פאראן סך־הכל איינער אזעלכער, וואס מע קאן אף אים זאגן, אז ער איז א שטיקל נגיד, און אפשר טאקע א גאנ־

צער נגיד, און נישט נאָר אַ נגיד, נאָר אַ גביר קאָן מען זאָגן, אַ גביר עצום. זײַן געלט, הייסט עס, האָט קיינער נישט געציילט, נאָר געלט האָט ער, און אפשר טאַקע אַ סך געלט. הײַנט האָט ער הײַזער אייגענע, מיט קלייטן אַ גאַנצן מאַרק, מיט אַ שטיקל וועלדל, טאַקע אַ וואַלד קאָן מען זאָגן, צוויי וועלדער. און דערצו איז ער נאָך נישקשה פון אַ מענטשל אויך, דאָס הייסט, ניט קיין שלעכטער בטבע, מע קאָן זאָגן אַ גוטער, מיט אַ גוט הארץ און מיט אַ ברייטער האַנט; האָט ליב זיך אויסשטעלן, פאַר־שטייט איר מיך, מיט אַ נדבה, מיט אַ גמילות־חסד, מיט אַ טובהלע; ער זאָגט ניט אָפּ קיינעם — וועה עס זאָל ניט קומען צו אים; געוויינטלעך, צוליב כבוד, האָט ליב כבוד, אַ נגיד האָט ליב כבוד; כאָטש אַזוי בײַ זיך איז ער כלומרשט אַן עניו, אַ פּראָסטער בײַ זיך, האָט פײַנט כבוד; און מע קאָן זאָגן אויף אים, אַז ער איז אַ גאַנץ ערלעכער, דאָס הייסט, ניט קיין גרויסער צדיק, נאָר ער וועט ניט טאָן וואָס מע טאָר נישט בפרהסיה, אַזוי אַז אַלע זאָלן זען; אפשר בײַ זיך דאָרט, הייסט עס, אַז קיינער זעט ניט, ווייס מען ניט; ווער אַזוי דאָס מחויב ערב זײַן פאַר יע־נעם? נאָר אין לשון אָרנטלעכקייט איז דאָך נישט שײַך, קיין דאַנק קומט אים נישט, וואָרעם אויב אַזאַ מענטש זאָל שוין ניט זײַן אָרנטלעך, טאָ ווער־זשע דען?...

הכלל, איך האָב פון די רייד געקאָנט אַרויסזען, אַז דעם דאָזיקן פאַר־שוין מעג איך מײַן פּותיקא געטרויען. און איך האָב מיך אָוועקגעלאָזט צו אים באַצײַטנס, ערב שבת פאַרן מרחץ, געטראָפן אים אין דער היים איבער אַ ספר. זייער אַ פײַנער מענטש, זיצט שיין, נגידיש, גרויסאַרטיק, און רויִק, ווי געוויינטלעך אַ גביר אין אַ קליינשטעטל. אַרײַנגעקומען, גיב איך אים אָפּ שלום, דערצייל אים די גאַנצע מעשה, אַזוי און אַזוי: איך פאָר דאָ צו אַזאַ און אַזאַ פּריץ, פיר מיט זיך געלט, מוז דאָ בלײַבן שבת האַלטן, האָב איך מורא, אַ קשיא אויף אַ מעשה, כאָבנע איז טאַקע אַ שטאָט ניט פון קיין גזלנים און ניט פון קיין כאַפּערס, און מײַן בעל־אכסניה איז טאַקע אַ שיינער ייִד מיט אַ שיינער קאַפּאָטע און מיט אַ גאַרטל, נאָר וואָס דען? קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פרעמד געלט, נישט מײַנס! . . . ענטפערט ער מיר מיט אַ שמייכל: „וואָס זשע ווילט איר, יונגערמאַן?" זאָג איך אים, אַז איך האָב אים געוואָלט בעטן, אפשר איז מעגלעך, ער זאָל בײַ מיר דאָס ביסל געלט צונעמען און באַהאַלטן דאָס ביז איבער שבת בײַ זיך אין שאַפע; ער האָט אַן

אײַזערנע שאפע, װעל איך קאָנען זײַן רויק. דאָס הײסט, איך בין חלילה קײנעם ניט חושד, כאָבנע איז אַ שטאָט, זאָג איך, ניט פון קײן גזלנים און ניט פון קײן כאַפּערס; קײן עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פרעמדס, ניט מײַנס... הערט ער מיך אויס און מאַכט צו מיר מיט אַ שמײכל: „יונ־גערמאַן, איר קענט מיך ניט, און װײסט מיך ניט, װי אַזוי פאַרטרויט איר מיר דאָס אַזאַ סומע געלט?" זאָג איך צו אים: „אַ גוטער נאָמען לאָזט זיך הערן, און מסתמא װעט איר מיר דאָך, זאָג איך, אַרויסגעבן עפּעס אַ קװיטל; עס איז דאָך געלט, אַזאַ סומע געלט, זאָג איך, פרעמדס, ניט מײַנס"... טוט ער אַ שמײכל און רופט זיך אָן צו מיר, אַז קײן קװיטל האָט ער אַף זײַן לעבן ניט געגעבן קײנעם... זאָג איך אים: „לאָז זײַן אָן אַ קװיטל". זאָגט ער: ער װיל ניט. זאָג איך: „װאָס־זשע טוט מען?" זאָגט ער: „װי איר פאַרשטײט". זאָג איך: „אפשר עדות?" זאָגט ער: „מהכתיתי". זאָג איך: „װעמען זאָל איך ברענגען?" זאָגט ער: „װעמען איר װילט". זאָג איך: „געפינט זיך ניט בײַ אײַך אין שטאָט עפּעס אַ פּאָר פײַנע מענטשן?" זאָגט ער: „בײַ אונדז זײַנען אַלע פײַנע מענטשן". זאָג איך: „װיבאַלד אַזוי, טו איך אַ שפּרונג און ברענג מיט זיך אַ פּאָר בעלי־בתים". זאָגט ער: „שפּרינגט און ברענגט װעמען איר װילט"... און איך זע, אַז עס פאַרדריסט אים די מעשה. פאַרענטפער איך מיך פאַר אים, אַז איך װאָלט עס געװיס ניט געטאָן; לאָמיך עס, זאָג איך, פאַרמאָגן, װאָס איך װאָלט אים געטרויט; נאָר אַזוי װי, זאָג איך, דאָס געלט איז ניט מײַן געלט, עס איז פריִער גאָטס און נאָכדעם פרעמדס, מוז איך דאָך זײַן פאָרזיכטיק. האָ? װי זאָגט איר? דאַרף איך זײַן פאָרזיכטיק?... הערט ער מיך אויס מיט אַ שמײכעלע און שװײַגט. פאַרשטײ איך, אַז שטאַרק צו־פרידן איז ער ניט. נאָר איך האָב דאָך שוין געזאָגט, אַז איך לויף אַװעק ברענגען אַ פּאָר בעלי־בתים, מוז מען לויפן ברענגען אַ פּאָר בעלי־בתים. און איך לאָז מיך אַװעק צוריק אַף דער אכסניה און איך נעם זיך װוי־דער צו מײַן בעל־הבית, בײַ אים אויסטאָפּן, װער זײַנען דאָ אין כאָבנע פון די שענסטע בעלי־בתים? איז אָבער אוממעגלעך בײַ אים אַרויסצוציִען אַ װאָרט; ער װיל נאָר װיסן איין זאַך: צוליב װאָס באַדאַרף איך דאָס װיסן? אויב, זאָגט ער, צוליב אַ שידוך, איז אָן אַנדער זאַך, און אויב צוליב קרעדיט, איז שוין װידער עפּעס אַנדערש, און אויב אַפילו, זאָגט ער, נלאַט אַזוי, באַדאַרף ער, זאָגט ער, אויך װיסן, װאָס ליגט דאָ פּאַר אַ טעם...

אהין־אהער, ער האָט זיך מיר אויסגעקוועטשט, אַז פֿײַן זײַנען, איי־גנטלעך, אַלע כּאַבנער בעלי־בתּים. דאָס הייסט, אַז מע וויל, זאָגט ער, צוריק, מעג זיי דאָס צוקומען, וואָס זיי גייט־אָפּ צו פֿײַנקייט, וואָרעם וואָס איז שײַך פֿײַן? פֿײַן קאָן מען, זאָגט ער, אָנרופֿן איטלעכן באַזונדער, און אַז מע וויל, זאָגט ער, איז קיין פֿײַן גאָר נישט פֿאַראַן אין ערגעץ. עס ווענדט זיך, זאָגט ער, אין דעם, וואָס פֿאַר אַ פֿײַנקייט מע זוכט בײַ יע־נעם: צי געלט, צי יחוס, צי תּורה, צי דרך־ארץ, צי אפשר אַלע זאַכן אינאיינעם? נאָר אַזוי ווי אַלץ אינאיינעם, זאָגט ער, איז ניטאָ בײַ קיי־נעם, לכן זײַנען, זאָגט ער, אין כּאַבנע אַלע פֿײַן; נאָר אויב איך וויל, זאָגט ער, עס זאָל זײַן פֿײַן שבפֿײַן, זײַנען פֿאַראַן, זאָגט ער, נאָר צוויי פֿײַנע מענטשן אין כּאַבנע: רב לייזער און רב יאָסיע. אָף זיי קאָן מען. זאָגט ער, זאָגן: פֿײַן, וואָס פֿײַן הייסט!... „ווער, זאָג איך, איז, למשל, דער רב לייזער און ווער איז דער רב יאָסיע?“ זאָגט ער מיר: „וואָס איז די נפֿקא־מינה? און אַז איך וועל אײַך שוין זאָגן, וועט איר דען וויסן?“ זאָג איך: „וואָס איז שײַך? יעדער מענטש האָט דאָך זײַן כאַראַקטער“. זאָגט ער: „איר זײַט אַ מאָדנער ייִד — אַלצדינג דאַרפֿט איר וויסן! רב לייזער איז אַ ייִד, וואָס מע רופֿט אים לייזער, און רב יאָסיע איז אַ ייִד, וואָס מע רופֿט אים יאָסיע, נו, אַצינד איז אײַך שוין גרינגער?“...

בקיצור, איך בין אַריבערגעגאַנגען צו דעם רב לייזערן, וואָס מע רופֿט אים לייזער, און צו דעם רב יאָסיען, וואָס מע רופֿט אים יאָסיע, און האָב מיך באַקענט מיט זיי, גאַנץ שיינע ייִדן מיט שיינע בערד, זיך צע־רעדט מיט זיי פֿון דעם און פֿון יענעם, גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט אַרײַן; אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז מען איז אַרויף אָף דעם, וואָס איך באַדאַרף, און האָב זיי גאַנץ פּשוט דערציילט די גאַנצע מעשה, אַזוי און אַזוי, אַז פֿאָרן פֿאָר איך צו אַ פֿריץ, פֿיר מיט זיך געלט, האָב איך מורא, טאָמער אַ קשיא, כּאַבנע איז טאַקע אַ שטאָט ניט חלילה פֿון גזלנים אָדער כאַפּערס, נאָר עס איז דאָך עפּעס געלט, קיין עין־הרע, אַזאַ סומע, פֿרעמדס, ניט מײַנס... לכן בעט איך זיי, אויב זיי ווילן פֿאַרדינען אַ מצווה, זאָלן זיי זיך מטריח זײַן מיט מיר אָף איין מינוט צום גביר פֿון כּאַבנע, נישט מער ווי זײַן דערבײַ, בשעת איך גיב אים איבער דאָס געלט, ער זאָל דאָס באַ־האַלטן בײַ זיך איבער שבת. אויסגעהערט האָבן זיי מיך, אָט דער רב לייזער, וואָס מע רופֿט אים לייזער, און דער רב יאָסיע, וואָס מע רופֿט אים יאָסיע, מיט קאָפּ, זיך געגלעט בשעת־מעשה די בערד, איבערגע־

פרעגט בא מיר נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל: פון וואַנען און וווּהין און וואָס און ווען, און האָבן זיך נישט נעלאָזט לאַנג בעטן, און מיר זײַנען אַלע דרײַ זיך דורכגעגאַנגען צום גביר פון כאַבנע, געבעטן, ער זאָל קיין פאַראיבל נישט האָבן, כאַבנע איז טאַקע אַ שטאָט ניט חלילה פון גזלנים אָדער כאַפּערס... און איך האָב גאַנץ פײַן אויפגעבונדן די קעשענעס, אַרויסגענומען און איבערגעציילט דאָס ביסל אָרעמקייט, רעכט אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר און איבערגעגעבן דאָס דעם גביר פון כאַבנע גלײַך אין די הענט אַרײַן, ער זאָל דאָס באַהאַלטן בא זיך אין דער אײַזערנער שאַפע ביז איבער שבת, געבעטן נאָך אַ מאָל, ער זאָל קיין פאַראיבל נישט האָבן, וואָס איך בין אים מטריח, כאַבנע איז טאַקע אַ שטאָט ניט חלילה פון גזלנים אָדער כאַפּערס, עס איז דאָך אָבער געלט, קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, פרעמדס, ניט מײַנס... און דער גביר פון כאַבנע האָט גאַנץ פײַן איבערגענומען בא מיר דאָס פּעקל פון האַנט צו האַנט, ווי מע נעמט איבער, למשל, אַ קינד אַף אַ ברית־מילה פון דער קוואַטערן צום קוואַטער, און מײַנע צוויי ייִדן בשעת־מעשה האָבן געהאָלפן קוקן, זיך נעגלעט די בערד און באַלעקט זיך, ווי אַ קאַץ, בשעת זי קוקט אַף פּוטער... און איך האָב מיך אָפּגעזעגנט, נאָכאַמאָל געבעטן, מע זאָל קיין פאַראיבל ניט האָבן פאַר דער טרחה, כאַבנע איז טאַקע אַ שטאָט ניט חלילה פון גזלנים אָדער כאַפּערס, און אַ גוטן שבת, און אַ סוף.

אויסגעליידיקט די בוזעם־קעשענע, איז מיר אַראָפּ צען פּוד משא, און איך בין מיר מיט אַ פרײַען קאָפּ געגאַנגען אין שול אַרײַן, געהערט זייער אַ שיינעם חזן, וואָס ציקלט זיך אַפילו אַ ביסל צופיל און מאַכט משונה־מאָדנע קונצן מיטן האַלדז, טערעלייקעט דעם „לכה־דודי", ווי אַ סאָלאָוויי, לאָזט־אויס דעם „מזמור־שיר־ליום־השבת", ווי אַ זינגער, להבדיל, אין טעאַטער, און זאָגט דעם „כגונא" עכט ייִדיש, מיט אַזויפיל „מאָראַל", מיט אַזאַ מין מתיקות, אַז עס גלוסט זיך הערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל — איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט אַזאַ חזן, ווי אין כאַבנע, איך האָב שוין לאַנג ניט געהערט אַזאַ קידוש מיט אַזעלכע זמירות, ווי אין כאַבנע, איך האָב שוין לאַנג ניט געגעסן אַזעלכע געפּעפּערטע פיש מיט אַזעלכע געשמאַקע לאָקשן מיט אַזאַ צימעס־פלייש, ווי אין כאַבנע, איך בין שוין לאַנג ניט אַזוי געשלאָפן געשמאַק, ווי איך בין געשלאָפן יענע נאַכט שבת, און אויך דעם גאַנצן טאָג שבת בין איך געשלאָפן, ווי אַ קיסר! אויסגעשלאָפן זיך אַף אַלע זײַטן, בין איך מיר גאַנץ פײַן

אויפגעשטאנען, ארויסגעגאנגען אביסל אפן שפאציר, אנקוקן כאבנע, כאבנער יידן מיט כאבנער ווייבער, כאבנער בחורים מיט כאבנער מיידלעך, וואס גייען אנגעטאן און אויסגעפוצט נאך „דער לעצטער מאדע"; נאכ־דעם האב איך מיר גאנץ פיין אפגעגעבן דעם קאלטן שלש־סעודות און גאנץ פיין אפגעזונגען די שיינע זמירות, אוועק אין שול אריין דאוונען מעריב, געקומען, אפגעמאכט גאנץ פיין הבדלה, זיך צערעכנט גאנץ פיין מיט דער בעל־הביתטע אף דער אכסניה, אפגעריסן, געוויינטלעך, פונעם חשבון א פאר גילדן, און זיך געלאזט גאנץ פיין צום גביר פון כאבנע נאך די עטלעכע גראשנס.

געקומען צום גביר פון כאבנע, האב איך אים געטראפן אין זייער א שיינעם זיידענעם כאלאט מיט זיידענע קאטעסן, גייט ארום גאנץ פיין איי־בערן זאל, דרייט מיט די קאטעסן פון איין פינגער אפן אנדערן, באמקעט און זינגט מיט זייער א שיינער שטימע:

אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!
במהרה, במהרה, במהרה בימינו!...

„מילא, יענער זינגט, טראכט איך מיר, לאז ער זינגען; ער וועט אויפהערן צו זינגען, וועל איך אים דעמאלט זאגן". מיין גביר אבער הערט ניט אויף צו זינגען, צו באמקען און צו דרייען מיט די קאטעסן פון איין פינגער אפן אנדערן. איך הייב אן צו זיצן אף הייסע קוילן, כאפ זיך אויף אלע מאל און וויל צוגיין צו אים און זאגן מכח יענער מעשה, איז אבער אוממעגלעך: ער זינגט און באמקעט און דרייט מיט די קאטעסן פון איין פינגער אפן אנדערן, און דאס קול גייט אלע מאל העכער און העכער:

אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!
אי־אי־אי!
אי־אי־אי!
במהרה, במהרה, במהרה בימינו!...
אליהו הנביא!
אליהו התשבי!
אליהו הגלעדי!

„וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט יענע נאַכט און הײַנטיקע נאַכט און אַ גאַנצע וואָך! — אַזוי טראַכט איך מיר — דער מענטש האָט זיך אַביסל פאַרליבט אין אליהון, ס'איז אים גאָר ניט אָפּצורײַסן!"... בקיצור, ער האָט געזונגען און געבאָמקעט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אויפגעהערט צו זינגען און צו באָמקען. „אַ גוטע וואָך — מאַכט ער צו מיר — אַ גוטע וואָך, זיצט". און מיר זעצן זיך אַוועק גאַנץ פֿײַן ביידע בײַם טיש, און ער איז מיך מכבד מיט אַ גאַנץ פֿײַנעם פּאַפּיראָס, שאַפֿט, מע זאָל אַרײַנטראָגן צוויי גלאָז טיי, מיר אַ גלאָז און אים אַ גלאָז, און טוט מיך אַ פֿרעג: „יונגערמאַן, וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס?" — „וואָס זאָל איך, זאָג איך, זאָגן? איך פֿאָר הײַנט אַוועק, זאָג איך, טאַקע באַלד, הייסט עס, האָב איך אײַך געוואָלט, זאָג איך, בעטן די עטלעכע גראָשנס". — „וואָס פֿאַר גראָשנס"? — „די עטלעכע קערבלעך", זאָג איך. — „וואָ־סערע קערבלעך?" — „דאָס געלט, זאָג איך, דאָס געלט מײַנס". — „וואָ־סער געלט?" — „וואָס הייסט, זאָג איך, וואָסער געלט? איר ווייסט ניט, וואָס איך מיין? איך מיין, זאָג איך, דאָס געלט, וואָס כ'האָב אײַך געגעבן באַהאַלטן ביז איבער שבת". — „איר, זאָגט ער, האָט מיר געגעבן געלט?"... און בשעת־מעשה מאַכט ער אַזאַ פּנים, גלײַך ווי איך וואָלט אים געזאָגט, למשל, אַז זײַן נאָז איז ניט זײַנע, נאָר מײַנע...

איר קאָנט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי מיר איז געוואָרן בשעת מעשה אויף דער נשמה: אַ קשיא אויף אַ מעשה? כאַבנע איז טאַקע אַ שטאָט, חלילה, ניט פֿון קיין גזלנים, ניט פֿון קיין כאַפּערס... נאָר צוריק האָב איך מיך מיישב געווען: אפֿשר טרײַבט ער קאַטאָוועס? הייב איך אָן צו לאַכן: „כאַ־כאַ, איר זײַט אַ רעכטער לץ, זאָג איך, איר קאָנט גוט די מלאכה!" מאַכט ער צו מיר אָבער ערנסט: „וואָסער מלאכה?" — „איר טרײַבט, זאָג איך, מיט מיר קאַטאָוועס". מאַכט ער צו מיר שוין צו ערנסט: „יונגערמאַן, איך בין ניט אײַער גלײַכן און טרײַב מיט אײַך קיין קאַ־טאָוועס! זאָגט, וואָס ווילט איר?"...

דאָ האָב איך שוין דערפֿילט, אַז דאָס פּנים ציטערט מיר, די אויגן פֿינקלען, די קנעכלעך הייבן זיך אָן צו טרייסלען, אָט פֿאַל איך אום. נאָר איך גיב מיך ניט אַרויס. איך נעם עס אָן אַלץ פֿאַר אַ שפּאַס און טו אים אַ זאָג: „נו, גענוג. אײַך שוין צו לצעווען, כלעבן, גיט מיר אָפּ מײַן געלט, לאָמיך פֿאָרן". מײַן גביר פֿון כאַבנע זיצט אַקעגן מיר, קוקט מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן, און איר זאָלט זאָגן, ער זאָל דאָס אַפֿילו אַ ריר

טאָן מיט אַ ברעם, אַ פינטל טאָן מיט אַן אויג. גאָרניט, גלײַך ווי איך וואָלט עפּעס געערדט פונעם וועג, חלילה, פונעם זינען. „יונגערמאַן, מאַכט ער צו מיר גאַנץ געלאַסן, איר זײַט זיך טועה, איר האָט געטראָפן ניט אַהין, ווו איר דאַרפט". טוט עס מיך שוין מסתמא אַ טראָג־אויף און איך רוף מיך אָן צו אים: „אויב איר טרײַבט ניט קיין קאַטאָוועס, זאָג איך, פאַרשטיי איך אײַך ניט, וואָס דאָס איז פאַר אַ שפּיל? איך האָב אײַך געגעבן, זאָג איך, באַהאַלטן געלט, קיין עין־הרע, אַזאַ סומע געלט, דאָס געלט איז ניט מײַנס, ס'איז פרעמד געלט"... און איך פיל, אַז די צונג פּלאָנטעט זיך, אין האַלדז שטיקט, אינעם לינקן אויער פּײַפּט, עס גייט מיר אָפּ, ווי מע זאָגט, אַ מינוט צום חלשן. „איך ווייס ניט, מאַכט ער צו מיר, וואָס איר רעדט". — „האָט איר, זאָג איך, בײַ מיר קיין געלט נ י ט גענומען?" — „א י ך , זאָגט ער, בײַ א ײַ ך ? ווײַזט, זאָגט ער, איר האָט עפּעס אַף פּאַפּיר?"... דאָ איז מיר געוואָרן שלעכט; אַצינד פאַרשטיי איך שוין, פאַר וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער חתמעט ניט קיין קוויטלעך!... „סטײַטש, זאָג איך, נו, און די עדות, וואָס זײַנען דערבײַ געווען?" מאַכט ער צו מיר: „עדות? וואָסערע עדות?" — „ניט געווען, זאָג איך, דערבײַ רב לייזער און רב יאָסיע?" — „וואָסער לייזער, וואָסער יאָסיע?" — „סטײַטש, זאָג איך, גאָט איז מיט אײַך, אָט, זאָג איך, טו איך אַ שפּרונג און ברענג זיי צו פירן!" — „שפּרינגט, מאַכט ער צו מיר, ווּהין איר ווילט, אַבי לאָזט מיך צו־רו; איר זײַט מיר, זאָגט ער, ניט בײַ אַלע געדאַנקען, יונגערמאַן!"...

און לויפנדיק אַזוי צו מײַנע עדות, פליט מיר דורך בשעת־מעשה אַ מחשבה: אפשר בין איך טאַקע ניט בײַ אַלע געדאַנקען? אפשר איז דאָס גאָר אַ דמיון? אַ חלום? אפשר בין איך גאָר ניט אין כאַבנע? איך לויף, און די געדאַנקען לויפן, דער קאָפּ ווערט מיר שיִער נישט צעשפּאָלטן אַף שטיקלעך. דער רוח האָט מיך געטראָגן קיין כאַבנע אַף שבת! וויי און ווינד, וואָס וועל איך טאָן, אַ קלאָג, פאַרפינצטערט בין איך געוואָרן?!...

אַהין־אַהער, איך קום צו רב לייזערן, איך קום צו רב יאָסיע, דערצייל זיי דעם אומגליק, וואָס מיר האָט געשען: „קומט, זאָג איך, ייִדן בני רחמנים, קומט גיכער, האָט רחמנות, ס'איז אַ סומע געלט, זאָג איך, פרעמדס, ניט מײַנס, ראַטעוועט מיך!"... און מיר קומען צו לויפן אַלע דרײַ צום גביר פון כאַבנע, גייט ער אונדז אַקעגן מיט אַ מאָדנע שמייכל און מאַכט צו מײַנע צוויי שיינע ייִדן בזה הלשון: „וואָס זאָגט איר אַף דעם

שלאָק? דער יונגערמאַן האָט זיך איַינגערעדט אַ לונג־און־לעבער אַף דער נאָז; ער זאָגט, אַז ער האָט מיר כמו ווי געגעבן געלט אַ גרויסע סומע אַף צו באַהאַלטן, און וויַיזט אָן אַף איַיך,* אַז איר זיַיט דערביי געוועזן. וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ מין אָנשיקעניש?"... מיַינעביידע עדות, די שייַ־נע יידן מיט די שיינע בערד, שטייען און קוקן אַפן גביר, אַף מיר און איינס אַפּס אַנדערע. „וואָס שוויַיגט איר? — מאַכט צו זיי דער גביר. — האָט איר געהערט אַזאַ מין בלבול?" — „גאָט ברוך־הוא זאָל שומר ומציל זיַין!" — מאַכן מיַינע צוויי עדות, די שיינע יידן מיט די שיינע בערד, און קוקן זיך איבער איינס מיט דאָס אַנדערע. „ער זאָגט, מאַכט וויַיטער צו זיי דער גביר, אַז ס'איז געווען מי יודע וואָס פאַר אַ סומע געלט, תרפ"ט אַלפים, און אַז איר האָט אַליין געזען, ווי ער האָט דאָס מיר איבערגעגעבן, איך זאָל דאָס באַהאַלטן בא זיך ביז איבער שבת. ווי געפעלט דאָס איַיך? איך האָב מורא, צי דער יונגערמאַן איז, חלילה, ניט געררירט?"... — „ניט אַנדערש, אַז... ער איז, חלילה, גערירט"... רופן זיך אָפּ מיַינע ביידע עדות, קוקן אַפן גביר און איינס אַפּס אַנדערע און גלעטן זיך די שיינע בערד. איך וויל עפּעס זאָגן, שריַיען — קאָן איך ניט! עס האָט זיך מיר צוגעקלעפּט די צונג צום גומען, געשטעלט זיך עפּעס פאַר־פּעריק אין האַלדז, ווי אַ ביין, פינצטער געוואָרן אין די אויגן... שטיל האָבן זיך מיַינע צוויי שיינע יידן, רב לייזער און רב יאָסיע, אַרויסגערוקט פון שטוב, עפּעס מאָדנע געקוקט אַפן גביר און איינס אַפּס אַנדערע. זייערע פּנימער זיַינען געווען בלאַס, ווי די לבנה, נאָר זיי האָבן געשיַינט, און די אויגן האָבן בא זיי געלויכטן, ווי בא מענטשן, וואָס גאָט ברוך־הוא האָט זיי צוגעשיקט אַף אַ פולער וואָך ניט קיין שלעכט געשעפטל...

. . . .

הערט איר? גאָט וויס, וואָס מיט מיר וואָלט געווען, ווען דער כאַבנער גביר זאָל ניט געווען צוגיין צו מיר, אַרויפלייגן מיר די האַנט אַף די פּלייצעס, עפענען די שאַפע און אַ זאָג טאָן צו מיר: „יונגערמאַן, עסט איַיך ניט אָפּ דאָס האַרץ. דאָ האָט איר איַיער געלט. איך האָב איַיך ניט מער נאָר געוואָלט וויַיזן, וו אָ ס איז כאַבנע און וו ע ר זיַינען אירע שיינע יידן"...

פון דעמאָלט־אָן פאָר איך ניט קיין כאַבנע, און אַז איך פאָר קיין כאַבנע, פיר איך ניט מיט קיין געלט, און אַז איך פיר געלט, האַלט איך

נים שבת, און אז איך האָלט שבת... ווייס איך שוין, וואָס איך האָב צו טאָן...

און דער געלער יונגערמאַן מיט די ווײַסע ברעמען, אַז ער האָט געענדיקט צו דערציילן די מעשה, האָט ער זיך אָפּגערוקט מיטן בענקל אַ ביסל אַף אַ זײַט און האָט גענומען אַרײַנקוקן אונדז איטלעכן באַזונדער אין די אויגן אַרײַן, צו זען, וואָס פאַר אַ רושם זײַן מעשה האָט אַף אונדז געמאַכט. מיר אַלע זײַנען געבליבן, ווי פאַרשטומט. עס איז איבערגעריסן געוואָרן אונדזער שמועס, אָפּגעהאַקט געוואָרן, ווי מיט אַ האַקמעסער. נאָר איינער פון אונדז (איך געדענק ניט ווער; דאַכט מיר, אַז איך) האָט זיך אײַנגעשטעלט און האָט אַ פרעג געטאָן באַם געלן יונגנמאַן מיט די ווײַסע ברעמען:

— אַקעגן וואָס, הייסט דאָס, האָט איר אונדז דערציילט די דאָזיקע מעשה?

— אַקעגן וואָס? — מאַכט ער ווי פאַרוווּנדערט, — וואָס הייסט, אַקעגן וואָס? אַקעגן גאָרניט. ס'איז גלאַט אַזוי זיך אַ מעשה, אין דער וועלט אַרײַן. איך האָב מיך גראָד איצט דערמאָנט, האָב איך אײַך דערציילט.

גענשריבן אין יאָר 1905

ס'אַ ליגן!

דיאַלאָג אין גאַליציע

— איר פאָרט, דאַכט מיר, קיין קאָלאָמעאַ?

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז קיין קאָלאָמעאַ?

— איך האָב געהערט, איר האָט גערעדט מיטן קאָנדוקטאָר. איר זײַט טאַקע אַ קאָלאָמעאַר, צי איר פאָרט נאָר קיין קאָלאָמעאַ?

— טאַקע אַ קאָלאָמעאַר. וואָס איז דען?

— גאָרנים. גלאַט אַזוי, איך פרעג. עפּעס אַ היפּשע שטאָט קאָלאָמעאַ?

— וואָס איז שײַך אַ היפּשע שטאָט? אַ שטאָט, ווי אַלע שטעט אין גאַליציע. אַ פײַן שטעטל, זייער אַ פײַן שטעטל!...

— איך מיין, צי ס'איז פאַראַן בײַ אײַך עפּעס פײַנע מענטשן, נגידים?

— פאַראַן אַלערליי: פאַראַן נגידים, פאַראַן קבצנים. געוויינטלעך, מער קבצנים ווי נגידים.

— דאָס אייגענע, וואָס בײַ אונדז. אױף איין נגיד — קיין עין־הרע, טויזנט קבצנים. בײַ אײַך אין קאָלאָמעאַ דאַרף זײַן אַ נגיד פינקעלשטיין?

— פאַראַן אַ נגיד פינקעלשטיין. וואָס איז? איר קענט אים?

— קענען קען איך אים ניט, נאָר איך האָב געהערט. הייסט ער ניט רב שעיה?

— רב שעיה. וואָס איז דען?

— גאָרנישט. גלאַט אַזוי, איך פרעג. ער איז טאַקע אַזאַ גביר, ווי מע זאָגט, אָט דער רב שעיה?

— איך ווייס? זײַן געלט האָב איך נישט געציילט. וואָס פרעגט איר זיך אַזוי נאָך? איר דאַרפט דאָס וויסן אַקעגן קרעדיט?

— ניין, גלאט אזוי. ער האט, זאגט מען, א טאכטער.

— ער האט דריי טעכטער. אפשר מכח א שידוך? וויפל, האט מען אייך געזאגט, גיט ער נדן דער טאכטער?

— דא האנדלט זיך ניט וועגן נדן, פארשטייט איר מיך. מע שמועסט פון דער שטוב שמועסט מען: וואס פאר א שטוב איז בא דעם רב שעיה פינקעלשטיין? וואס פאר א הויז הייסט דאס?

— וואס זאל זיין פארא הויז? א הויז, ווי אלע הייזער. א יידישע שטוב, א פיינע שטוב, א חסידישע, זייער א פיינע שטוב! מע זאגט אפילו, אז מכח יידישקייט איז בא אים די לעצטע ציים... נאר ס'א ליגן!

— וואס איז א ליגן?

— וואס מע זאל ניט זאגן, איז א ליגן. קאלאמעא איז, דארפט איר וויסן, א שטאט פון סאמע ליגנערס.

— איז טאקע מהאי טעמא כדאי צו וויסן, וואס זאגט מען, למשל, אף זיין שטוב?

— מע זאגט, אז ס'איז שוין נישט דאס, וואס אמאל. למשל, אמאל פלעגט מען דארטן פסח האלטן שמורה... ער אליין פלעגט גאר פארן צוויי מאל אין יאר צום רבין. און היינט... היינט איז שוין ניט דאס...

— אט דאס איז גאר?

— וואס דען האט איר געוואלט? מע זאל שוין אראפווארפן בארד און פאות און עסן חזיר בפרהסיה?

— איר זאגט „מע זאגט”, האב איך געמיינט, מי יודע וואס מע זאגט! דער עיקר איז דאך, אויב דער מענטש אליין איז א מענטש. דאס הייסט, איך מיין, צי איז ער, אט דער רב שעיה פינקעלשטיין, מיין איך, עפעס א פיינער, א לייטישער מענטש? אט דאס מיין איך.

— וואס איז שייך א לייטישער מענטש? א מענטש ווי אלע מענטשן. א פיינער מענטש. למאי זאל איך זאגן? א גאנץ פיינער מענטש! מע שמועסט אפילו בא אונדז, אז ער איז א ביסל... נאר ס'א ליגן!

— וואס איז א ליגן?

— אלצדינג, וואס מע זאגט אף אים, איז א ליגן; קאלאמעא איז אזא שטאט, וואס מע האט ליב ריידן איינס אף דאס אנדערע; וויל איך ניט נאכזאגן, ווארעם דאס הייסט שוין לשון־הרע.

— וויבאלד אז איר ווייסט, אז ס'א ליגן, איז דאך שוין אוים לשון־הרע.

— מע זאָגט, אַז ער איז... אַ ביסל... אַ דרייער.

— אַ דרייער? יעדער ייִד איז אַ דרייער. אַ ייִד דרייט. איר זײַט דען נישט קיין דרייער?

— אַ דרייער צו אַ דרייער איז נישט גלײַך. אױף אים זאָגט מען, פֿאַרשטייט איר מיך... נאָר ס'אַ ליגן!

— וואָס־זשע, אייגנטלעך, זאָגט מען אױף אים?

— איך זאָג דאָך אײַך, אַז ס'אַ ליגן!

— ווייל איך ווייס דעם ליגן, וואָס מע זאָגט.

— מע זאָגט, אַז ער האָט שוין דרײַ מאָל געשטעלט זיך. נאָר ס'אַ ליגן! איך ווייס גאָר פֿון איין מאָל.

— אָט דאָס איז גאָר? ווו האָט איר געזען, אַ סוחר זאָל זיך ניט שטעלן? אַ סוחר האַנדלט אַזוי לאַנג, ביז ער פֿאַרהאַנדלט זיך. אַ סוחר, אַז ער שטאַרבט־אַוועק נישט געשטעלטערהייט, איז אַ סימן, אַז ער איז געשטאָרבן פֿאַר דער צײַט. וואָס? ניט אַזוי?

— אַלץ הייסט בײַ אײַך געשטעלט? אױף אים זאָגט מען, אַז ער האָט זיך מיאוס אָוועקגעשטעלט, אַראָפּגעלאָזט די ממתקים און אַרויסגע־שטעלט דער וועלט אַ פֿײַג. איר פֿאַרשטייט?

— נישט קיין נאַרישער מענטש, אַפּנים. נו, און אויסער דעם גאָרניט?

— וואָס נאָך האָט איר געוואָלט? ער זאָל קוילען מענטשן? באַגיין קרימינאַל? מע דערציילט אפילו בײַ אונדז אױף אים יאָ עפּעס זייער ניט קיין שיינע מעשה... נאָר ס'אַ ליגן!

— דהיינו, וואָס פֿאַר אַ מעשה?

— אַ מעשה מיט אַ פּריץ... אַ נעכטיקער טאָג!

— וואָס פֿאַר אַ מעשה מיט אַ פּריץ?...

— עפּעס אַ פּריץ דאָרטן... קוויטלעך... ווייס איך וואָס קאָלאָמעאַ קאָן אויסטראַכטן? ס'אַ ליגן! איך ווייס, אַז ס'אַ ליגן!

— אַז איר ווייסט, אַז ס'אַ ליגן, וועט דאָך עס אים נישט שאַטן.

— ער האָט, זאָגט מען, געהאַנדלט מיט אַ פּריץ, זייער אַ רײַכן פּריץ, געווען באַם פּריץ אַ חשוב, אַ גרויסער חשוב. דערווײַל איז דער פּריץ געשטאָרבן, האָט ער צוגעשטעלט אױף אים אַ פּאָר קוויטלעך; איז געוואָרן אַ גוואַלד אין שטאָט: פֿון וואַנען האָט זיך גענומען צו אים קוויטלעך,

אז דער פּריץ האָט זינט ער לעבט ניט אונטערגעשריבן קיין פּאַפּיר?... קאָ־לאָמעע, דאַרפט איר וויסן, איז אַ שטאָט, וואָס גיט אַכטונג...

— נו?

— נו־נו! האָט ער געהאַט אַף זיך אַ פּעקל...

— אָט דאָס איז גאָר? יעדער ייִד האָט אַ פּעקל. איר האָט אַמאָל געזען אַ ייִדן אָן אַ פּעקל?

— דער האָט אָבער אַף זיך געהאַט, זאָגט מען, דרײַ פּעקלעך.

— דרײַ פּעקלעך? דהיינו, וואָס נאָך פאַר פּעקלעך האָט ער, זאָגט מען, געהאַט אַף זיך?

— מיט אַ מיל האָט ער, זאָגט מען, געהאַט צו טאָן... נאָר דאָס איז שוין געווים אַ ליגן!

— איז זי אָפּגעברענט געוואָרן מן הסתם, האָט מען געזאָגט אַף אים, אַז דאָס האָט ער אַליין געמאַכט „בורא מאורי האש", מחמת די מיל איז שוין געווען אַן אַלטע, האָט ער זי גוט סעקורירט, בכדי ער זאָל קאָנען שטעלן נאָכדעם אַ נײַע?

— פון וואַנען ווייסט איר, אַז ס'איז אַזוי געווען די מעשה?

— ווייסן ווייס איך ניט, נאָר איך בין מיר משער, אַז אַזוי האָט געמוזט זײַן די מעשה.

—אַזוי, הייסט דאָס, שמועסט מען בא אונדז אין קאָלאָמעע, נאָר ס'אַ ליגן. איך קאָן אײַך גיין שווערן, אַז ס'אַ ליגן!

— עס אַרט מיך ניִשט, ס'זאָל זײַן אַן אמת. וואָס נאָך האָט ער געהאַט, זאָגט איר, פאַר אַ פּעקל אַף זיך?

— איך זאָג? די שטאָט זאָגט. נאָר דאָס איז שוין גלאַט אַ פּריטשע־פּע, אַ בלבול, אַ ריינער בלבול.

— אַ בלבול? פאַלשע מינץ?

— נאָך ערגער.

— וואָס קאָן שוין זײַן ערגער?

— אַ בזיון צו דערציילן וואָס קאָלאָמעע קאָן אויסטראַכטן! פּוסטע מענטשן... ליידיקגייערס... און אפשר איז דאָס געווען אַן אָנגעשטעלטע זאַך, מע זאָל קאָנען צאַפּן געלט? איר ווייסט ניט? אַ קליין שטעטל, און אַ נגיד האָט שונאים...

— ער האָט געהאַט צו טאָן אוודאי מיט אַ דינסט?...

— פון וואַנען ווייסט איר? מע האָט אײַך שוין דערציילט?

— דערציילט האָט מען מיר ניט, נאָר איך שטוים מיך שוין אָן. עס האָט אים געקאָסט מסתמא אַ שיינע פּאָר קרייצערס, אָט דער דאָזיקער בלבול?

— לאָמיר זיך ווינטשן דאָס ביידע פאַרדינען אַלע וואָך, איך בין אײַך נישט קיין שונא, וואָס אים האָט דאָס געקאָסט, כאָטש ער איז דרײַ־נען גאָט די נשמה שולדיק. אַ קליין שטעטל... אַ ייִד אַ נגיד.. עס גייט אים גוט... מע פאַרגינט אים ניט... פּשוט, מע פאַרגינט אים ניט!...

— מעגלעך. האָט ער עפּעס פֿײַנע קינדער, לײַטישע? דרײַ טעכטער, האָט איר, דאַכט זיך, געזאָגט?

— דרײַ: צוויי אויסגעגעבענע און איינע אַ מיידל. פֿײַנע קינדער, זייער פֿײַנע קינדער... אַף די עלטערע זאָגט מען אַפילו, אַז... נאָר ס'אַ ליגן!

— דהיינו, וואָס זאָגט מען אַף זיי?

— איך זאָג דאָך אײַך, אַז ס'אַ ליגן.

— איך ווייס, אַז ס'איז אַ ליגן. איך וויל אָבער וויסן דעם ליגן.

— אַז איר וועט וועלן אויסהערן אַלע ליגנס, וואָס גייען בײַ אונדז אין קאַלאָמעאַ, וועט אײַך ניט קלעקן קיין דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט... אַף דער עלטערער זאָגט מען, אַז זי גייט מיט די אייגענע האָר. קאָן איך אײַך עדות זאָגן, אַז ס'איז ליגן, וואָרעם זי איז נאָר ניט אַזוי געבילדעט, אַז זי זאָל טראָגן אייגענע האָר. און אַף דער צווייטער טאָכטער האָט מען גלאַט אויסגעטראַכט, אַז נאָך מיידלווײַז... נאָר וואָס קאַלאָמעאַ קאָן אויס־טראַכטן! ס'אַ ליגן!

— כדאי צו הערן, וואָס מע קאָן בײַ אײַך אין קאַלאָמעאַ אויס־טראַכטן?

— איך זאָג דאָך אײַך, אַז קאַלאָמעאַ איז אַ שטאָט פון סאַמע ליגנערס, און פון באַריידערס, און פון לאַנגע צינגער. איר ווייסט נישט? אין אַ קליין שטעטל, אַז אַ מיידל שפּאַצירט איינע אַליין באַנאַכט איבער דער גאַס אין דער פינצטער מיט אַ יונגנמאַן, ווערט שוין אַ טאַרעראַם: וואָס האָט אַ מיידל אַרומצוגיין אין קאַלאָמעאַ באַנאַכט איינע אַליין מיט אַ פּאַרשוין? פֿאָנוויזער?

— אָט דאָס איז גאָר?

— וואָס נאָך האָט איר געוואָלט? זי זאָל מיט אים אַנטלויפן אין מיטן יום־כפור קיין טשערנאָוויץ, אַזוי ווי, מע זאָגט, די קלענערע האָט אָפּגעטאָן אַ שפּיצל?

— וואָס פאַר אַ שפּיצל האָט דען אָפּגעטאָן די קלענערע?

— נישט כדאי, כלעבן, גאָר נאָכדערציילן אַלע שטותעריַיען, וואָס גייען אַרום באַ אונדז אין קאַלאָמעא. איך האָב פֿיַינט נאָכדערציילן אַ ליגן!...

— איר האָט שוין דערציילט אַזוי פיל ליגנס, דערציילט שוין דעם ליגן אויך.

— איך דערצייל נישט מ ײַ נ ע ליגנס, רב ייִד, איך דערצייל יענעמס!... און איך פאַרשטיי גלאַט ניט, וואָס פרעגט איר זיך אַזוי שטאַרק נאָך אָט איטלעכן באַזונדער, ווי אַ פּראָקוראָר? איר זעט, דאַכט מיר, אַ ייִד, וואָס האָט ליב נאָר אויסטאַפּן, אויספאָרשן, אַרויסציִען באַ יענעם דאָס דם־התמצית פון די ביינער, און אַליין האָט איר מורא אַרויסלאָזן אַ וואָרט... האָט קיין פאַראיבל ניט, וואָס איך זאָג אייַך דעם ריינעם אמת, איר זעט, שיַינט מיר, אַ רוסישער ייִד, און די רוסישע האָבן אין זיך אַ מיאוסע טבע: זיי האָבן ליב אַריַינקריכן יענעם מיט די שטיוול אין האַרצן אַריַין... די רוסישע זיַינען, ווייַזט אויס, נישט קיין קליינע באַריידערס... איבעריקנס, איז שוין באַלד קאַלאָמעא... צייַט זיך נעמען צו די זאַכן... ז־ײַ־ײַ־ט ־ זשע מוחל!

געשריבן אין יאָר 1906

דריי אלמנות

אַ ספור פון אַן אַלטן בחור אַ בעל־כעסן

א.

אַלמנה נומער איינס

— איר האָט אַ טעות, פריץ מײַנער. נישט אַלע אַלטע מוידן זײַנען אומגליקלעך, נישט אַלע אַלטע בחורים זײַנען עגאָיִסטן. אײַך דאַכט זיך אוים, זיצנדיק אָט דאָ אין קאַבינעט מיט אַ ציגאַר אין מויל און מיט אַ ביכל אין האַנט, אַז איר ווייסט שוין אַלצדינג, אַז איר האָט שוין אַרײַנגעדרונגען טיף אין דער נשמה אַרײַן, און עס איז אײַך שוין פאַרענטפערט אַלע קשיות. און ווער שמועסט, אַז גאָט האָט אײַך געהאָלפן, איר האָט נאָך געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט „פסיכאָלאָגיע" — פּס! ווער איז צו אײַך גלײַך? אַ קלייניקייט פּסי־כאָ־לאָ־גיע!... ווייסט איר, וואָס איז די טײַטש פּסיכאָלאָגיע? פּסיכאָלאָגיע איז פּעטרישקע. עס זעט אוים שיין, האָט אַ גוטן ריח, און אַז מע שיט דאָס אַרויף אַף אַ געקעכטס, איז דאָס געשמאַק. גייט־זשע אָבער קײַט פּעטרישקע! איר ווילט נישט? הײַנט וואָס דערציילט איר מיר פּסיכאָלאָגיע? אַז איר ווילט וויסן די אמתע פּסיכאָלאָגיע, זעצט מען זיך אוועק און מע הערט אוים מיט קאָפּ, וואָס מע דערציילט אײַך, און ערשט נאָכדעם וועט איר אַ ברירה האָבן אַרויסצוזאָגן אײַער מיינונג, פון וואַנען עס נעמט זיך אומגליק און ווו ליגט עגאָיִזם. אָט בין איך אַן אַלטער בחור, און אַן אַלטער בחור וועל איך שוין שטאַרבן. פאַר וואָס? אַ! זעט איר, ווײַבאַלד איר פרעגט פאַר וואָס און ווילט מיך אויסהערן, איז דאָס די אמתע פּסיכאָלאָגיע! דער עיקר איז, איר זאָלט מיך נישט איבערשלאָגן מיט קיין קשיות, ווי אַזוי און

וואָס און ווען — איך האָב פֿײַנט, אַז מע שלאָגט מיך איבער אין מיטן. אַ ביסל, ווייסט איר דאָך, בין איך אַ קאַפּריזנער פֿון תּמיד אָן, און די לעצטע צײַט האָט זיך מיר נאָך צוגעוואָרפֿן נערוון אויך... נישט חלילה משוגע, שרעקט אײַך נישט! משוגע — דאָס פּאַסט פֿאַר אײַך; איר האָט אַ ווײַב. איך טאָר נישט. איך דאַרף זײַן קלאָר. איך דאַרף זײַן געזונט. דאָס וועט איר אַליין אויך צוגעבן. מיט איינעם וואָרט, קיין קשיות זאָלט איר מיך נישט פֿרעגן. אַז איך וועל אײַך האָבן דערציילט די גאַנצע מעשׂה און אײַך וועט עפּעס זײַן קשה, נישט גלאַטיק, דעמאָלט וועט איר צו מיר האָבן טענות. נו? שווײַגן? אַלזאָ, זעצט איר זיך נאָר אַוועק אָט דאָ אויף מײַן אָרט, און איך וועל מיך באַזעצן מחילה אין אײַער ווינקעלע. איך האָב אויך ליב, אַז ס'איז ווייך און באַקוועם, און אַגב איז פֿאַר אײַך בעסער אָט דאָ, איר וועט נישט אײַנשלאָפֿן...

אַלזאָ, איך גיי גלײַך צו דער מעשׂה. איך האָב פֿײַנט הקדמות, אײַבעריקע רייד. געהייסן האָט זי פֿאַניע, און גערופֿן האָט מען זי „די יונגע אַלמנה". פֿאַר וואָס? הייבט זיך אָן אַ מעשׂה, פֿאַר וואָס! וואָס פֿאַרשטייט איר נישט? מסתּמא, אַז מע האָט זי גערופֿן „די יונגע אַלמנה", איז דערפֿאַר, וואָס זי איז געווען אַ יונגע און אַן אַלמנה. מאָלט אײַך, איך בין געווען יינגער פֿון איר. אויף וויפֿל יינגער? וואָס מאַכט דאָס אײַך אויס? איך זאָג אײַך יינגער, איז יינגער. מיט איינעם וואָרט, עס האָבן זיך געפֿונען מענטשן, וואָס האָבן אַ צונג, און האָבן געזאָגט, באַשר איך בין אַ בחור און זי אַ יונגע אַלמנה, איר פֿאַרשטייט?... אַנדערע האָבן מיר זאָגאָר אָפּגעגעבן מזל־טובֿ, געווונטשן, ס'זאָל זײַן מיט גליק. איר מעגט מיר גלייבן, און טאָמער ווילט איר מיר נישט גלייבן, בין איך אויך נישט בדלות. איך דאַרף מיך פֿאַר אײַך נישט אויסשטעלן. איך בין איר געווען אַזאַ פֿאָר, אַזוי ווי איר זײַט מיר אַ פּאָר. גאָרנישט, גוטע פֿרײַנט, מע האָט זיך ליב געהאַט. און וואָס איז דאָס חידוש? כ'בין נאָך געווען באַקאַנט מיט איר מאַן. נישט נאָר באַקאַנט, נאָר באַפֿרײַנט. דאָס הייסט, איך זאָג אײַך נישט, אַז מיר זײַנען געווען פֿרײַנט. איך זאָג, אַז מיר זײַנען געווען באַפֿרײַנט. ס'איז גאָר צוויי זאַכן: מען קאָן זײַן באַפֿרײַנט און נישט זײַן קיין פֿרײַנט, און, פֿאַרקערט, מע קאָן זײַן די נאָענטסטע פֿרײַנט און נישט זײַן באַפֿרײַנט. אַזוי מיין איך. אײַער מיינונג פֿרעג איך נישט! אַלזאָ, זײַנען מיר מיט איר מאַן געווען גוט באַפֿרײַנט, געשפּילט אַ פּרעפֿעראַנס, אַמאָל אַ שאָך. מע זאָגט, אַז איך בין אַ באַרימטער שאַכמאַטיסט. איך

שטעל מיך ניט אויס פֿאַר אײַך! עס קאָן זײַן, אַז ס'איז דאָ גרעסערע שפּילער פֿון מיר. איך זאָג אײַך נאָר, וואָס יענער זאָגט... איז ער געווען, דער מאַן אירער, אַ יונגערמאַן אַ געראַטענער, אַ מושלם, און דערצו טאַקע אַ קענער אויך, אַ שיינער קענער. און דווקא אַן אויטאָדידאַקט, פֿון זיך אַליין הייסט עס, אָן גימנאַזיעס, אָן אוניווערזיטעטן, אָן דיפּלאָמען. נאָט אײַך אַ האַרטן דרײַער פֿאַר אַלע דיפּלאָמען. וואָס? איר ווילט ניט? ווי איר ווילט אײַך. איך האָב פֿײַנט איבערשפּאַרן יענעם! און אַן עושר איז ער אויך געווען, אַ גרויסער עושר. כאָטש איך ווייס ניט, וועלכעס הייסט בײַ אײַך אַן עושר? בײַ אונדז, אַ ייִד, אַז ער האָט זיך זײַן שטוב מיט זײַן בעל־הבתישקייט, מיט זײַן פֿאַעטאָנדל אַף אַרויסצופֿאָרן אין שטאָט, און נאָך גוטע געשעפֿטן דערצו, הייסט ער אַן עושר. מיר טראַסקען ניט! מיר קנאַקן ניט! מיר פֿליִען ניט אין הימל אַרײַן! מיר גייען פּאַוואָליע. אַלזאָ, האָט ער געהאַט געשעפֿטן און האָט גוט געלעבט. עס איז געווען אַ חיות אַהין אַרײַנצוגיין! ווען איר זאָלט ניט קומען, זײַט איר אַ ווילקאָמענער גאַסט. נישט ווי בײַ אַנדערע, וואָס דעם ערשטן מאָל, אַז איר קומט, ווייס מען ניט, וווּ מע זאָל אײַך אַוועקזעצן. דאָס אַנדערע מאָל — שוין אַביסל קעלטער. דאָס דריטע מאָל נעמט מען אײַך אויף אַזוי קאַלט, אַז איר כאַפּט אַ פּאַרקילונג... איר האָט נישט וואָס צו שמייכלען: איך מיין דערמיט, חלילה, נישט קיין באַקאַנטע... זײַט איר אַרײַנגעקומען אַהין, האָט מען אײַך נישט אַוועקגעלאָזט אָן עסן און טרינקען, און באַגאַנגען האָט מען זיך מיט אײַך, ווי מיט אַן אייגענעם. וואָס דאַרפֿט איר אַ סך? איר זאָלט מיר הונדערט מאָל מוחל זײַן — אַ קנעפּל, אַז עס האָט זיך אָפּגעריסן בײַ דער זשילעט, האָט דאָס געמוזט ווערן צוגענייט אין דער מינוט! איר לאַכט? בײַ אײַך איז דאָס אַ געלעכטער. אַ קנעפּל? וואָס איז אַ קנעפּל? אַ קנעפּל, ליבער פֿרײַנט, בײַ אַ נאַש־בראַט, בײַ אַ בחור, איז אַ גרויסע זאַך! אַ גאַנצע וועלט! איבער אַ קנעפּל האָט זיך אַמאָל געטראָפֿן אַ מיאוסע מעשה: אַ בחור איז געקומען אָנקוקן אַ מיידל, האָט מען אים אָנגעוויזן מיט אַ געלעכטער, אַז עס פֿעלט אים אַ קנעפּל, איז ער אַוועק אַהיים און האָט זיך געהאַנגען... נאָר איך שטעל מיך ניט אָפּ דערויף: איך האָב פֿײַנט מישן אייננס אינעם אַנדערן... און געלעבט האָבן זיי צווישן זיך, מאַן און ווײַב, טאַקע נאָר ווי די טײַבעלעך. אָפּגעגעבן זיך איינס דאָס אַנדערע כבוד אַ סך מער, ווי אַ סך הײַנטיקע גאַר־גאָר פֿון די געהויבענע. איך מיין דאָ, חלילה, נישט אָנצוגרײַפֿן קיינעם. און

טאָמער מיינט איר אַנדערש, אַרט מיך אויך נישט. איך גיי מיר צו מײַן דערציילונג.

ויהי היום, טרעפט זיך אַ מעשה, אַז פיניע, פאַיעס מאַן, אַזוי האָט מען אים גערופן, קומט צו פאָרן אַהיים, לייגט זיך אַוועק אַף פינף טעג, און אַפן זעקסטן — ניטאָ פיניע! בע! מע! וואָס? ווי אַזוי? פרעגט נישט! אַ קאַרבונאָק האָט ער געהאַט אַפן האַלדז, האָט מען אים באַדאַרפט שנײַדן און מע האָט אים נישט געשניטן. פאַר וואָס? פאַר שבת! ס'איז דאָך פאַראַן עפּעס דאָקטוירים אַף דער וועלט! צוויי דאָקטוירים האָב איך אים געבראַכט צו פירן, האָבן זיי זיך גענומען אַמפּערן צווישן זיך: דער האָט געזאָגט שנײַדן, דער האָט געזאָגט ניט שנײַדן! דערווײַל איז דער חולה אויסגעגאַנגען. וואָס זאָלט איר קלערן? איר מעגט אײַך איבערנעמען מיט אײַערע דאָקטוירים! איך זאָל אײַך אויסרעכענען אַ צעטל, וויפל די לײַט האָבן איבערגעפּעקלט מענטשן אַף יענער וועלט, וואָלט איר זיך געריסן בײַ די האָר! מײַנע אַן אייגענע שוועסטער האָבן זיי געסמט! וואָס מיינט איר געסמט? גענומען און אײַנגעגעבן איר סם? איך בין דאָך ניט קיין משוגענער, איך זאָל אײַך דערציילן אַזעלכע בבא־מעשיות! געסמט הייסט — נישט געגעבן דאָס, וואָס מע דאַרף. זיי זאָלן איר געוועזן געבן כינין צו דער צײַט, וואָלט זי אפשר געלעבט... האָט קיין יסורים נישט, איך ווייס ווו איך האַלט. אַלזאָ, האָבן מיר געפּטרט מײַן פרײַנט פיניע. מילא, וואָס זאָל איך אײַך באַשרײַבן דעם בראָך, וואָס דאָס איז געווען פאַר מיר? אַ ברודער, אַ טאַטע באַדאַרף אַזוי נישט באַנג טאָן! אַ ווערטעלע פיניע? אַ שטיק לעבן האָט מען בײַ מיר אַוועקגענומען! הײַנט דאָס רחמנות! דאָס אומגליק! דער צער פון דער אַלמנה! מיט אַ ברעקל קינד אַף די הענט, אַ ראָזעטשקע, אַ גאָלד! דאָס איינציקע שטיקל טרייסט אונדזערס! ווען ניט דאָס קינד, ווייס איך ניט, צי מיר וואָלטן דאָס איבערגעטראָגן, נישט זי, נישט איך! איך בין נישט קיין ייִדענע און נישט קיין מאַמע, איך זאָל מיך אַוועקזעצן לויבן אין טאָג אַרײַן אַ קינד. נאָר אַז איך זאָג אײַך, אַז דאָס קינד איז געווען אַ זעלטן קינד, מעגט איר מיר שוין גלייבן אַף נאמנות! דאָס איז געווען אַ בילד, אַן אויסמיש פון צוויי בילד־שיינע מענטשן. איך ווייס ניט, ווער פון די צוויי איז געווען שענער: צי ער, צי זי? פיניע איז געווען שיין, פאַיע איז געווען רייצנד. אויגן האָט דאָס קינד גערירשנט פונעם פאָטער; פיניע האָט געהאַט בלויע אויגן. ליב געהאַט האָבן מיר דאָס קינד ביידע, נאָר איך ווייס ניט, ווער

האָט דאָס ליב געהאַט מער: זי, צי איך? איר וועט זאָגן, ווי איז דאָס מעגלעך — זי איז אַ מוטער, איך בין אַ פרעמדער? עס קער זיך גאָר נישט אָן. איר דאַרפט אַרײַנקוקן אַ ביסל טיפער: מײַן צוגעבונדן־זײַן צו דער שטוב, דאָס רחמנות צו דער אַלמנה און דאָס הארץ צום אומשולדיק יתומהלע, די גערעכטיקייט פונעם קינד און דאָס, וואָס אַליין בין איך עלנט ווי אַ בוים — דאָס אַלץ, אַז איר וועט נעמען צוזאַמען, וועט זײַן אָט דאָס, וואָס איר רופט אָן פּסיכאָלאָגיע. נישט קיין פּעטרישקע, נאָר די ריינע, די אמתע פּסיכאָלאָגיע. און אפשר וועט איר זאָגן, דערפאַר, ווײַל איך האָב ליב געהאַט די מאַמע? איך לייקן נישט אָפּ, איך האָב זי זייער ליב געהאַט. ווייסט איר, ווי אַזוי ליב געהאַט? טאַקע אויסגעגאַנגען נאָך אירע טריט און טאַקע אַ מיתה משונה אײַנגענומען! נאָר זי זאָל וויסן — דאָס לאָ! גאַנצע נעכט נישט שלאָפן, ליגן און טראַכטן, ווי אַזוי זאָגט מען איר? אויפשטיין אין דער פרי, שוין פאַרטיק אָט צו גיין זאָגן איר: „זײַט וויסן, פּאַניע, אַזוי און אַזוי; און ווײַטער — ווי איר פאַרשטייט". געקומען צו גיין — נישטאָ קיין ווערטער! איר וועט זאָגן, איך בין אַ טרוס? זאָגט, וואָס ארט מיך, אַז איר וועט זאָגן? איר זאָלט אָבער נעמען אַביסל טיפער באַטראַכטן די לאַגע: פּיניע איז געווען מײַנער אַן אמתער פרײַנט, איך האָב אים ליב געהאַט מער ווי אַ ברודער. אַי, די קשיא: פּאַניע? איר האָט דאָך נאַר־וואָס געזאָגט, אַז איר גייט אויס נאָך איר? איז דער תירוץ: אדרבה, אָט ווײַל איך האָב זי ליב, ווײַל איך גיי־אויס נאָך איר, ווײַל איך בין נאָך איר די כפּרה, קאָן איך נישט! נאָר איך האָב מורא, אַז איר וועט מיך נישט פאַרשטיין. איך זאָל אײַך זאָגן פּסיכאָלאָגיע, וואָלט איר פאַרשטאַנען, אַז מע דערציילט אײַך פונעם הארצן, דאָס וואָס איז אָן קונצן, קומט דאָס אויס ווילד. נאָר וואָס קימערט דאָס מיך? דענקט אײַך, ווי איר ווילט! איך טו מיר מײַנס, איך דערצייל ווײַטער. דאָס קינד איז געוואַקסן. עס רעדט זיך אַזוי „געוואַקסן". אַ קינד וואַקסט, אַ בוים וואַקסט, און אַ רעטעך וואַקסט אויך. ס'איז אַ חילוק פון וואַקסן ביז וואַקסן. איידער מע דערלעבט צו זען אַ קינד זיצן, שטיין, גיין, לויפן, ריידן! און אַז עס זיצט שוין, עס שטייט שוין, עס גייט שוין, עס לויפט שוין, עס רעדט שוין, זײַט איר שוין פאַרטיק? עס וואָלט געפּאַסט פאַר מיר, איך זאָל מיך אָוועקזעצן אויסרעכענען אײַך, ווי אַ ייִדענע: פּאָקע־לעך, מאָזעלעך, צײנדעלעך און אַזוי ווײַטער. איך בין נישט קיין ייִדענע

און איך וועל אײַך מיט נאַרישקייטן ניט פאַרנעמען, קיין חכמות פונעם קינד וועל איך אײַך ניט גיין דערציילן. ס'איז געוואַקסן און ס'איז אויסגעוואַקסן און אויפגעבליט — „ווי א צערטלעכע רויז", וואָלט איך געזאָגט, ווען איך זאָל מיך וועלן אויסדריקן אינעם לשון פון אײַנערע ראָמאַניסטן, וואָס האָבן אַזאַ ידיעה אין דעם אויפבליען פון א רויז, ווי א טערק אין רבנן־קדיש. גרויסע בריות אַף צו זיצן מיט די פיס צום פײַער און באַשרײַבן די נאַטור, מיטן גרינעם וואַלד, מיטן רוישנדיקן ים, מיט די זאַמדיקע בערג, מיטן פּאַראַיאַריקן שניי, מיט די אָפּגעשלאָגענע הושענות, מיט די נעכטיקע טעג — אָנקוקן קאָן איך זיי ניט, אַז די באַשרײַבעכצן זייערע, וואָס שלאָגן צו דער גאַל! איך לייען זיי גאָר ניט! אַז איך נעם א בוך און דערזע, אַז די זון האָט געשײַנט, די לבנה האָט געשפּאַצירט, די לופט איז געווען דופּטיק, די פייגעלעך האָבן געפּישטשעט, טו איך א שלײַדער דאָס בוך אין דער ערד אַרײַן! איר לאַכט? איר זאָגט, איך בין א משוגענער? בין איך א משוגענער! וואָס קאָן זײַן מער?...

אַלזאָ, איז זי אויסגעוואַקסן, אָט די ראָזע, און דערצויגן געוואָרן מסתמא ווי עס געהער צו זײַן, ווי עס פּאַסט אין אַזאַ אינטעליגענט הויז. אַביסל האָט די מוטער אַליין אַכטונג געגעבן אַף איר בילדונג, אַביסל האָב איך געגעבן השגחה, און נישט קיין ביסל, נאָר א סך, מע קאָן זאָגן, כמעט די גאַנצע צײַט האָב איך מיך אַוועקגעגעבן צום קינד, דאָס קינד זאָל האָבן דעם בעסטן לערער, דאָס קינד זאָל ניט פאַרשפּעטיקן אין גימנאַזיע, דאָס קינד זאָל שפּילן פּיאַנאָ דאָס קינד זאָל גיין טאַנצן — אומעטום בין געווען איך, איך אַליין. ווער דען? די געשעפטן אויך! אַז ניט, וואָלט מען איר צעטראָגן די ביינער! מע האָט זי אַזוי אויך גענוג צענומען, אונדזערע ייִדעלעך!... איך ווייס, איר זײַט ברוגז, אַז מע זאָגט „אונדזערע ייִדעלעך". ווי קאָן מען אַנדערש זאָגן, אַז ס'איז פאַרט אַזאַ פּאָלק? איר מעגט מיך אָנרופן „אַנטיסעמיט", און ווי איר ווילט. איך גיי מיר מיט מײַן גאַנג: אַזוי לאַנג קרענקען די אַנטיסעמיטן, ווי לאַנג זיי הייבן ניט אָן צו וויסן, וואָס א ייִד איז!... אַף א ייִדן פרעגט מ י ך ! . . . איך אַליין האָב מיט זיי געהאַנדלט ווינציק. איר ווייסט דאָך. איך האָב מיר מײַנע הײַזער מיט מײַנע קלייטן, וואָס טראָגן מיר אַרײַן א גרויסע אײַנקונפט, און א סוף. האָב איך אויך פונדעסטוועגן צו זינגען און צו זאָגן אַלע יאָר, אַז עס קומט צו מאַכן קאָנטראַקטן, רעמאָנטירן די הײַזער, צוגויפּ־

געמען דירה־געלט, מאָלט אײַך, די גויים זײַנען אויך ניט בעסער. אזא יאָר אף זיי! אָבער פון א ייִדן האָט מען געקאָנט דערוואַרטן, ער זאָל שטיין כאָטש אַביסעלע העכער; פאַרט, ווי זאָגט איר, אתה בחרתנו!... איר מיינט, אַז איר מיט אײַער „אתה בחרתנו", וואָס איר זינגט אים אײַן, טוט איר אים א גרויסע טובה? עס הייבט זיך גאָר נישט אָן! וואָס? איר קאָנט דאָס נישט לײַדן? איך לאָז מיך מיט אײַך נישט אַרײַן אין קיין דיסקוסיעס. איר זאָגט אזוי, לאָז זײַן אזוי. יעדער מעג זיך האָבן זײַן מיינונג. יענעמס מיינונג קימערט מיך נישט. איך ווייס מיר מײַנס.

אַלזאָ, ווּ האַלטן מיר? בא „אונדזערע ייִדעלעך". וויבאַלד מײַן פיניע איז געשטאָרבן און פּאַיע איז געבליבן אַן אַלמנה, האָבן זיך מסתמא גע־געבן א לאָז צו איר שיינע מענטשן, בעלי־טובות, עצה־געבערס, און מע האָט אָנגעהויבן בא איר צענעמען דאָס חדר. געוואָלט אויסמאַכן אַ־אויער, ווי עס געהער צו זײַן. האָב איך זיך אונטערגעכאַפּט באַצײַטנס: „קינדערלעך — אַזאָס!" און איך האָב גענומען אַקאָרשט אַלע געשעפטן צו זיך אין די הענט אַרײַן. זי האָט אפילו געוואָלט, איך זאָל צושטיין ווי א שותף, האָב איך געזאָגט: לאָ! איך וועל מײַנע הײַזער ניט פאַר־קויפן און דעם קאָפּ זיך ניט פאַרדרייען. זאָגט זי: ס'איז ניט נייטיק די הײַזער צו פאַרקויפן; איך קאָן אזוי זײַן א שותף. נו, וואָס, מיינט איר, האָב איך דערויף געענטפערט? איך האָב געענטפערט, אַז דאָס אַנדערע מאָל זאָל מען מיר אַזעלכעס ניט פאָרלייגן, וואָרעם איך ווער פאַר אַזעל־כע זאַכן ברוגז. ער, עליו השלום, זאָג איך, האָט ניט פאַרדינט, אַז איך זאָל אײַך הייסן באַצאָלן פאַר מײַן טרחה, זאָג איך, און פאַר מײַן צײַט. זאָג איך, דאַרף איך קיין געלט נישט נעמען. איך האָב געגוג, זאָג איך, צײַט, זאָג איך, וואָס איך שלאָג מיך, זאָג איך, קאָפּ אין וואַנט . . . אזוי זאָג איך צו איר, צו דער אַלמנה, און זי שווײַגט. אַראָפּגעלאָזט די אויגן — און שאַ! אויב איר זײַט א מבין אף א טשאַד, באַדאַרפט איר פאַרשטיין, וואָס איך האָב מיט די ווערטער גע־מיינט... אי, פאַרוואָס האָב איך איר ניט געזאָגט גלײַך? איר זאָלט קיינ־מאָל נישט פרעגן, פאַר וואָס! מסתמא איז ניט אויסגעקומען. איך קאָן אײַך נאָר פאַרזיכערן, אַז ס'איז געווען אזוי גרינג, ווי צו פאַררייכערן אַט דעם פּאַפּיראָס. איין וואָרט ווען איך זאָג איר — איז דאָס א שידוך. נאָר אַז איך האָב גענומען אפן קאָפּ: „סטײַטש, פיניע!... אַזעלכע גוטע

פרײַנט, ווי מיר זײַנען געווען!"... איך ווייס, וואָס איר ווילט זאָגן. איר ווילט זאָגן, אַז מסתמא האָט דאָס צווישן אונדז נישט אַזוי מסוכן גע־ברענט ס'זאָל זײַן אײַ־אײַ־אײַ. האָט איר אַ גרויסן טעות. אַז איך בין גע־ווען נאָך איר די כּפּרה — האָב איך אײַך שוין געזאָגט, און אַז זי נאָך מיר — דאַרף איך אײַך נישט דערציילן קיין מעשׂיות, וואָרעם איר וועט מיינען, אַז... נאָר וואָס גייט מיך אָן, וואָס איר וועט מיינען? איר הייסט בעסער דערווײַל געבן טיי, וואָרעם ס'איז מיר שוין טרוקן אין האַלדז.

אַלזאָ, ליבער פֿריץ מײַנער, באַ וואָס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, גע־דענקט איר? באַ די געשעפֿטן. נו, געשעפֿטן! איך וועל זיי האָבן צו גע־דענקען ווײַל איך וועל לעבן. עקספּלאָאַטירט אַליין איז ווינציק; אַרומגע־שטעקט מיט פֿעדערן! פֿרייט זיך ניט! נישט מיך — זי! מיך שטעקט מען ניט אַרום מיט פֿעדערן. ווייסט איר, פֿאַר וואָס? ווײַל איך לאָז מיך ניט. נאָר וואָס העלפֿט דאָ יאָ לאָזן זיך, ניט לאָזן זיך, אַז מע האָט צו טאָן מיט שווינדלערס, זשוליקעס, באַנדיטן, וואָס וועלן אײַך פֿאַרדרייען דעם גרעסטן? זיי האָבן זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, מע זאָל באַ אונדז צונעמען דאָס ביסל מינץ. מאָלט אײַך, נישט אַזוי איך נעמט מען צו באַ מיר געלט. זיי האָבן זיך, מאָלט אײַך, גענוג אָנגעמוטשעט, זיי האָבן באַ מיר, אַ רוח אין זייער זיידנס טאַטן, געשפּיגן מיט בלוט, ביז זיי האָבן אויסגעמאַנטאַטשעט, אויסגעפּאָמפּעט באַ אונדז — איר ווילט וויסן וויפֿל זיי האָבן געקאָנט! אַ גליק, וואָס איך האָב מיך באַצײַ־טנס אַרומגעקוקט און האָב געזאָגט צו מײַן אַלמנה: גענוג! עד כּאן אומרים בשבת הגדול! אָפּגעשניטן, ווי ווײַט איך האָב געקאָנט, און ערשט באָס אָפּשנײַדן, האָט מען איר אָפּגעשניטן דעם קאָפּ, אָבער אַזוי ווי עס געהער צו זײַן. אײַ, ווי אַזוי האָב איך דערלאָזט, וועט איר פֿרעגן? איך וואָלט אַ בעלן זײַן זען, ווי אַזוי וואָלט זיך אַזאַ חכם, ווי איר, אויסגעדרייט פֿון אַזעלכע באַנדיטן! און אפשר וואָלט איר עס געמאַכט בעסער. עס קאָן זײַן. איך וועל מיך נישט שפּאַרן. דאָס איינציקע, וואָס מען קאָן אויף מיר זאָגן — איך בין נישט קיין סוחר. אומגליקלעך בין איך! אַבי ניט קיין באַנדיט! איר מיינט, אַז דאָס האָט מיך שוין גאָרנישט געקאָסט? נאָר איך דאַרף מיך פֿאַר אײַך נישט אויספּײַנען. איך וויל אײַך נאָר דער־ציילן, ווי אַזוי עס האָט זיך באַ מיר געקייטלט, ווי אַזוי אַלץ האָט גע־טריבן דערצו, אַז די אַלמנה זאָל נישט פֿאַרבלײַבן קיין אַלמנה,

און איך זאָל נישט פאַרבלײַבן קיין אַלטער בחור. איין וואָרט, נישט מער ווי איין איינציק וואָרט, וואָלט איך באַדאַרפט זאָגן — און איך האָב עס נישט געזאָגט! פאַר וואָס איך האָב עס נישט געזאָגט? הערסטו! אָט דאָ שטייען די אָקסן אונטערן באַרג! און אָט דאָ הייבט זיך אָן די אמתע פּסיכאָלאָגיע! אַ נײַע סדרה גייט אַצינד פאַר מיר. אַ סדרה, וואָס זי הייסט „ראָזע"!... איר הערט נאָר צו מיט קאָפּ און פאַרלירט נים קיין וואָרט, וואָרעם דאָס איז נים קיין אויסגעטראַכטער ראָמאַן, פאַרשטייט איר מיך. דאָס איז אַ געשיכטע אַ לעבעדיקע, אַ צאַפּלדיקע, אַרויסגעריסן גלײַך פונעם האַרצן!...

איך ווייס נים, עס ליגט עפּעס אַ כח אין יעדער מוטער, אַז זי זעט, איר קינד איז אַרויסגעוואַקסן פון די קורצע קליידלעך, אַזוי גלוסט זיך איר שוין זען איר טעכטערל פאַרקנסט. אַ שטיק געזונט קומט איר צו, אַז זי דערזעט יונגעלײַט דרייען זיך אַרום איר טאָכטער. יעדער בחור איז בײַ איר אַ חתן. אַי, טאָמער איז דער בחור אַ גאַרנישט מיט אַ נישט, מיט אַ שאַרלאַטאַן, מיט אַ קאָרטנשפּילער, מיט אַ־דער־שוואַרצער־יאָר־ווייס־וואָס? דאָס גייט איר נישט אָן! מאָלט אײַך, קיין פּוסטע בחורים מיט קיין שאַרלאַטאַנעס זײַנען צו אונדז נישט געגאַנגען, וואָרעם, ערשטנס, איז ראָזע געווען נישט פון די, וואָס קענען זיך מיט יעדן טענצער וואָס קאָן זיך שיין דרייען, אויסבויגן די האַנט, ווי אַ בייגל, שאַרן מיטן פיסל און מאַכן אַ בואי־בשלום, אַ רעוועראַנסל פון אַן אמתן אָפיציר. דאָס האָט איר אײַך גומער איינס. און צווייטנס, וווּ בין איך? איך וועל דער־לאָזן, אַז אַ פּײַפּער פון די פּײַפּערס זאָל זיך אָנרירן, זאָל צוגיין דרײַ טריט צו ראָזען?! איך וואָלט אים, דאַכט מיר, פריִער אַלע ביינער איי־בערגעבראָכן! אַש וואָלט איך פון אים געמאַכט! איך בין אַמאָל געווען מיט איר אויף אַ באַל, אויף אַ ייִדישן באַל, אין קלוב, צווישן לויטער אַריס־טאָקראַטן, אָט די, וואָס איר רופט אָן בורזשואַזיע... איז צוגעגאַנגען צו אונדז איינער אַ „פײַנער יונג", אויסגעבויגן דעם עלנבויגן האָט דאָס ווי אַ „קרענדל", אײַנגעבויגן דאָס קעפּעניו אַביסל אויף אַ זײַט, און אַ שאַר געטאָן מיטן פיסעניו, און אַ שמייכל פון סאַמע האָניק האָט זיך צעגאָסן בײַ אים אויפן פּנימל, און מיט אַ קוויטשעניו פון אַ מיידלש קולכל האָט ער אַ זאָג געטאָן... דער רוח ווייס, וואָס ער האָט אַ זאָג געטאָן. צום טאַנצן האָט ער זי אײַנגעלאַדן. נו־נו, האָט ער געכאַפּט פון מיר אַ טאַנץ! ער וועט מיך האָבן צו געדענקען! מיר האָבן זיך עס נאָכדעם אָנגעלאַכט פונעם

שלים־מזלדיקן קאַוואַליער! פון דעמאָלט אָן האָבן שוין אַלע קאַוואַליערן געוווּסט, אַז מע וויל זיך באַקענען מיט ראָזען, דאַרף מען פריִער אָנקומען צו מיר, דורכגיין אַ שטיק עקזאַמען, און ערשט נאָכדעם נעמען דעם וועג. זיי האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן „צערבער", אַ הונט, הייסט עס, וואָס ליגט באַם איינגאַנג פון גן־עדן. בין איך בדלות! ווייסט איר, ווער ס'איז דערפאַר געווען ברוגז? די מוטער! „איך טרייב, זאָגט זי, מענטשן פון שטוב". „וואָסערע מענטשן, זאָג איך, ס'איז הינט, זאָג איך, ניט קיין מענטשן!" איין מאָל, צוויי מאָל און דריי מאָל, ביז ס'איז געקומען צו אַ קאַטאַסטראָפע. וואָס מיינט איר — מיר האָבן זיך צעקריגט? אַ חכם זייט איר טאַקע, נאָר היינטיקס מאָל האָט איר דווקא נישט געטראָפן! איידער טרעפן, הערט בעסער, וואָס מע דערציילט אייך.

אַלזאָ, איך קום איינמאָל צו גיין צו מיין אַלמנה, טרעף איך אַ גאַסט, עפּעס אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק אָדער דרייסיק. פאַראַן אַזעלכע יונגעלייט, וואָס איר וועט בשום אופן ניט טרעפן, וויפל זיי זיינען אַלט. דער יונגערמאַן, למאַי זאָל איך לייקענען, איז געווען אַ חנוודיקער יונגערמאַן, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל אַ מענטש מיט סימפּאַטיע, מיט אַ גוט פּנים, מיט גוטע אויגן — איר קאָנט צו אים נישט האָבן גאָרניט. געפעלן איז מיר דער בחור פונעם ערשטן קוק — ווייסט איר פאַר וואָס? דערפאַר, ווייל איך האָב פיינט זיסע מענטשעלעך מיט צוקערדיקע פּנימלעך, מיט האָניקדיקע שמייכעלעך. אָנקוקן קאָן איך נישט אָט די נמאסדיקע נפשות, וואָס קוקן אייך פריינטלעך אין די ציין אַריין און באַמקען אייך נאָך איטלעכס וואָרט, וואָס איר זאָגט, און זיינען מיט אייך מסכים, אַז אין תמוז שיט אַ שניי, און טאָמער ווילט איר האָבן, אַז פיש וואַקסן אַף אַ ווייַנשלבוים, האָט איר אויך באַ זיי געפּועלט... איך, אַז איך באַגעגן מיך מיט אַזאַ מין נפש, ווילט זיך מיר זייער אויסשמירן אים מיט האָניק, און לאָזן די בינען האָבן הנאה... ווי אַזוי האָט געהייסן דער יונגערמאַן, ווילט איר וויסן? למאַי נפקא־מינה? לאָמיר זאָגן, אַז ער האָט געהייסן שאַפּיראָ. אָן עק! זייט איר שוין צופרידן? און געווען איז דאָס מענטשל אַ בוכהאַלטער אין אַ בראָנפן־פאַבריק, און נישט נאָר אַ בוכהאַלטער, נאָר אַ גאַנצער בעל־הבית, און אַז איר ווילט, האָט ער אין געשעפט געהאַט מער דעה פונעם בעל־הבית, און אַ בעל־הבית, וואָס האָט ניט קיין צוטרויען צו זיינע מענטשן, איז ניט ווערט צו זיין אַ בעל־הבית... איר מעגט אייך האָבן וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג — איך פרעג אייך ניט!

אלזאָ, איך בעט אײַך, מע שטעלט מיר פֿאָר אַ יונגנמאַן, וואָס הייסט שאַפּיראָ, און איז אַ בוכהאַלטער, און אַ בעל־הבית, און אַן ערלעך מענטשל, און אין שאָך שפּילט ער אויסגעצייכנט, דאָס הייסט, ער שפּילט ניט ערגער פֿון מיר, איר מעגט אײַך קלערן, אַז בעסער, איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז איך שטעל מיך פֿאָר אײַך ניט אַרויס פֿאַר קיין שאָכ־שפּילער — הײַנט גייט זײַט אַ נביא, אַז דאָ פֿאַרקייטלט זיך אַ ראָמאַן, און נאָך וואָס פֿאַר אַ ראָמאַן! אַ געפֿערלעכער ראָמאַן! איך זאָל זײַן אַזאַ פֿערד און נישט אַרויסגעזען דאָס באַלד פֿונעם ערשטן אָפּצוג? שטעלט אײַך פֿאָר, אַז איך אַליין מיט מײַנע הענט האָב אונטערגעלייגט האָלץ אַפֿן פֿײַער, געלויבט דעם יונגנמאַן אין טאָג אַרײַן, געמאַכט פֿון אים אַ גאַנצן צימעס! פֿאַרברענט זאָל ווערן דער שאָך און אָנצינדן זאָלן זיך אַלע שאָכשפּילער פֿון דער גאַנצער וועלט! איך האָב געשפּילט מיט אים אין שאָך, און ער האָט געהאַט אַן אַנדער זאַך אין דער מחשבה. איך האָב בײַ אים גענומען אַ „קעניגן", און ער האָט בײַ מיר אַוועקגענומען ראָזען! איך האָב אים געגעבן אַ „מאַט" אין צען גענג, און ער האָט מיר געגעבן אַ „מאַט" אין דרײַ גענג, וואָרעם צום פֿערטן גאַנג, דאָס הייסט, אַז ער איז געקומען צום פֿערטן מאָל, האָט מיך מײַן אַלמנה אָפּגערופֿן אָף אַ זײַט און מיט אַ מאָדנע פֿײַערל אין די אויגן האָט זי מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה טובה, אַז עס האָט זיך אָנגענומען, און ס'איז אַ שידוך, און ראָזעטשקע איז אַ כּלה פֿאַר אָט דעם שאַפּיראָ, און זי איז אַפֿן זיבעטן הימל, און מזל־טוב אײַך און מיר און אונדז ביידן!...

וואָס מיט מיר איז געוואָרן, אַז איך האָב דערהערט די דאָזיקע שיינע בשורה, וויל איך אײַך ניט דערציילן. איר וועט זאָגן, אַז איך בין אַ גזלן, אַ מטורף, אַ משוגענער. זי, די אַלמנה הייסט עס, האָט אויך געזאָגט דאָס אייגענע. פֿריִער האָט זי געלאַכט, נאָכדעם האָט זי זיך צעשריען אָף מיר, און געענדיקט האָט זיך די געשיכטע מיט טרערן, מיט היסטעריקע, מיט אַלע גוטע זאַכן — אַן אמתער קאָנפֿליקט! עס האָט, פֿאַרשטייט איר מיך, אויסגעזעצט דער בלאָטער און ס'איז פֿאָרגעקומען צווישן אונדז אַ האַר־טער געשפּרעך, מיר האָבן זיך ניט געשאָנעוועט איינס דאָס אַנדערע, און מיר האָבן אין איין האַלבע שעה אַרויסגעזאָגט ביידע אַזויפֿיל אמת, וויפֿל מיר האָבן נישט אַרויסגערעדט אין אַלע צוואַנציק יאָר פֿון אונדזער באַ־קאַנטשאַפֿט! איך האָב איר גאַנץ אָפֿן דערקלערט, אַז זי איז מײַן מלאך־המות, אַז זי האָט מיך געקוילעט אָן אַ מעסער, אַז זי האָט צוגענומען

באַ מיר מײַן אײנציקע טרייסט, אַרויסגעריסן מײַן נשמה, ראָזען, און אוועקגעגעבן אַן אַנדערן. דערויף האָט זי מיר געענטפערט, אַז אויב עמעצער פון אונדז ביידן איז אַ מלאך־המות — בין איך דאָס, ניט קיין אַנדערער, און אַז אויב עמעצער פון אונדז ביידן האָט אַרויסגעריסן באַ יענעם די נשמה — האָב איך דאָס געטאָן מיט איר נשמה, און נישט מיט אַמאָל, נאָר פּאַוואָלינקע, אין פאַרלויף פון מער אַלס אַכצן יאָר!... וואָס ראָס האָט באַטײַט — דאַרף איך אײַך נישט דערקלערן; דאָס פאַרשטייט אַפילו אַ נאַר אויך. און וואָס איך האָב איר דערויף געזאָגט, בין איך אײַך נישט מחויב צו דערציילן. איך קאָן אײַך נאָר זאָגן, אַז איך האָב מיך באַגאַנגען מיט איר נישט ווי אַ דזשענטלמען, דאָס הייסט, איר קאָנט דאָס אָנרופן גראָב, זייער גראָב! איך האָב געכאַפּט דאָס היטל און האָב געגעבן אַ האַק מיט דער טיר און אַרויסגעלאָפן, ווי אַן אמתער משוגענער, און האָב מיר געגעבן דאָס וואָרט, אַז מײַן פוס זאָל איר שוועל ניט אַריבערטרעטן ווײַל איך וועל לעבן!... נו, ווי מיינט איר? איר זײַט דאָך עפּעס אַ שטיקל חקרן. וואָס זאָגט עפּעס דערויף אײַער פּסיכאָלאָגיע? וואָס האָב איך באַדאַרפט ווײַטער טאָן? לויפן טרינקען זיך? צי קויפן אַ רעוואָלווער? אָדער הענגען זיך ערגעץ אַף אַ באַרנבוים? אַז איך האָב זיך נישט געטרונקען, נישט געשאָסן און נישט געהאַנגען — דאָס זעט איר, ברוך השם, אַרויס אַליין. און וואָס איז געוועזן ווײַטער — דאָס קאָן איך באַשטיין אָפּלייגן אַף אַן אַנדערש מאָל. דער גוטער יאָר וועט אײַך ניט נעמען, אַז איר וועט מיר אַביסל אָפּוואַרטן. מע דאַרף גיין צו מײַנע אַלמנות. זיי וואַרטן אַף מיר מיטן עסן.

ע ד   כ א ן   אַ ל מ נ ה   נ ו מ ע ר   א י י נ ס .

ב.

אַלמנה נומער צוויי

— פאַר וואָס איך האָב אײַך געלאָזט אַזוי לאַנג וואַרטן? — דערפאַר, וואָס איך האָב געוואָלט. איך, אַז איך דערצייל עפּעס אַ זאַך, דערצייל איך דעמאָלט, ווען מיר ווילט זיך, נישט ווען א י ר ווילט... און אַז איר ווילט — דאָס זעט מען; אַף אַ געשיכטע, און אַ שיינע דערצו,

איז יעדער א בעלן. ווערעם וואס ארט דאס מיך, למשל, אז איך זיץ מיר נאכן עסן אף מיין שטול אין מיין צימער מיט א ציגאר אין מיין מויל, און איר רייסט זיך איין דאס געזונט, דערציילנדיק? אי, דעם דערציילער קאסט עס אפשר בלוט — וואס גייט עס אייך אן? אבי מע דערציילט אייך א שיינע מעשה! איך מיין נישט דווקא אייך, שרעקט אייך ניט! איר הערט נאר מיט קאפ וואס מע דערציילט אייך. און כאטש דאס, וואס איך דער־צייל אייך איצט, איז א גאנץ באזונדערע זאך, וואס קער זיך מיט מיין פריערדיקער מעשה גישט אן גארנישט, פונדעסטוועגן וואלט איך וועלן איר זאלט געדענקען, וואס איך האב אייך דעמאלט דערציילט, ווייל א שטיקל שייכעס האט דאס דאך, און נישט קיין שטיקל, נאר א שטיק! און טאמער האט איר עפעס פארגעסן, וועל איך אייך דערמאנען. איך וועל אייך אין דריי ווערטער איבערחזרן די פריערדיקע געשיכטע און וועל אייך געבן א קיצור־המעשה אף איין פוס:

איך האב געהאט א חבר פיניע, האט ער געהאט א פרוי פאיע, האבן זיי געהאט א קינד ראזע. מיין חבר איז געשטארבן, און פאיע איז געבליבן א יונגע אלמנה. איך בין געווען בא איר א בן־בית, א פריינט, א סעקרעטאר און א ברודער, און בין געווען נאך איר די כפרה. נאר זאגן איר האב איך נישט געהאט קיין מוט. און אזוי זיינען אוועק אלע בעסטע יארן. די טאכטער איז אויסגעוואקסן, די רויז האט אויפ־געבליט, און איך האב מיך פארלארן, אינגאנצן פארלארן! האט דער גוטער יאר אנגעטראגן א בחורל, א בוכהאלטער שאפירא, וואס שפילט ניט שלעכט אין שאך, און די ראזע האט זיך אין אים פארקאכט. האב איך אויסגעלאזט מיין גאנץ ביטער הארץ צו דער מוטער, זיך צעקריגט, געגעבן א זעץ מיט דער טיר און געשווארן, אז מיין פוס זאל דארט ניט זיין ווייל איך וועל לעבן! — נו, זייט איר צופרידן?

אצינד פארשטייט איך, אז איר זייט נייגעריק צו וויסן נאר איין זאך: אויב איך האב געהאלטן ווארט, אדער ניט? נו, איר זייט דאך עפעס, ווי אזוי רופט איר דאס, א פסיכאלאג? אדרבה, זאגט איר, צי האב איך באדארפט האלטן ווארט, צי ניין? איא, איר שווייגט? ווייסט איר, פאר וואס? ווייל איר ווייסט נישט!... אט וואס ס'איז געווען:

די גאנצע נאכט האב איך ארומגעשפאנט איבער דער שטאט, ווי א גוטער משוגענער, אויסגעמאסטן א מאל דריי אלע גאסן אין דער לענג

און אין דער ברייט, געקומען אהיים שוין מיטן טאָג גלייך, איבערגעקוקט אַלע מיינע פּאַפּירן, אַ סך צעריסן, איך האָב פּיינט אַלטע פּאַפּירן, איינ־געפּאַקט די זאַכן, אוועקגעשריבן בריוו צו אַ פּאָר באַקאַנטע, קיין פריינט, קיין קרובים, ברוך השם, האָב איך ניט, עלנט ווי אַ בוים, איבערגעלאָזט אַ פאַראָרדענונג איבער מיינע הייזער און קליידן, און איך האָב אַט דאָס אַלץ אָפּגעטאָן, האָב איך מיך אוועקגעזעצט אויף מיין בעטל, דעם קאָפּ אין די הענט, און געטראַכט און געטראַכט, און געטראַכט און געטראַכט — ביז ס'איז געוואָרן טאָג. האָב איך מיך גאַנץ שיין איינגעוואַשן, אָנגעטאָן זיך, און בין אַוועק צו מיין אַלמנה, אָנגעקלונגען אין דער טיר, אַריינגעג־קומען, געהייסן געבן קאַפע, ביז מיין אַלמנה וועט אויפשטיין. מיין אַל־מנה איז אויפגעשטאַנען, מיך דערזען, איז זי אַ ווײַלע געבליבן שטיין, די אויגן זיינען בא איר געוועזן ווי אונטערגעשוואָלן, דאָס פּנים בלאַס. אָפּנים, זי איז אויך ניט געשלאָפן די נאַכט?... דאָס ערשטע, וואָס איך האָב איר געזאָגט, איז געוועזן די דאָזיקע דריי געציילטע ווערטער:

— וואָס טוט ראָזע?

אין די ווערטער קומט אָן מסתמא ראָזע אַליין. שיין ווי דער טאָג, ליכטיק ווי די זון און גוט און גאָט אַליין. דערזען מיך, איז זי געוואָרן אַביסל רויטלעך, נאָכדעם איז זי צוגעגאַנגען צו מיר, מיך אַ גלעט געטאָן מיטן הענטל איבערן קאָפּ, פּונעם שטערן אַרויף, ווי מע גלעט אַ קליין קינד, אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן אַריין און האָט זיך צעלאַכט. ווי אַזוי, מיינט איר, צעלאַכט? חלילה נישט אויף צו באַליידיקן אייך, נאָר צו פאַרגיפטן אייך אַזוי, אַז איר זאָלט אויך אָנהייבן לאַכן, און אַלע זאָלן לאַכן, און די וועלט זאָלן לאַכן! יאָ, מיין ליבער פריץ־לעבן, אַט אַזאַ מין כח האָט זי אין זיך, אַט די ראָזע, נאָך עד היום! איך וועל פאַר איר געלעכטער נאָך איצט אַוועקגעבן אַלץ, וואָס איך האָב. דער חסרון איז, וואָס איצט לאַכט זי שוין מער נישט; זי איז נעבעך אויף צרות, אַז אָך און וויי איז מיר, עס לאַכט זיך ניט! נאָר איך האָב פּיינט, אַז מע כאַפּט איינס פאַר דאָס אַנדערע. איך האָב ליב, אַז מע הייבט אָן אַ זאַך, זאָל מען גיין כסדר. אַלזאָ, איך גיי כסדר.

דעם טעם פון חתונה מאַכן אַ טאָכטער ווייסט איר? ניין? איר ווייסט נישט? זאָלט איר טאַקע נישט וויסן! איך האָב דעם טעם פאַרזוכט, און גוט פאַרזוכט, כאָטש אפילו אַ פרעמדע טאָכטער, נאָר פאַרזוכט האָב איך דאָס. איך וועל דאָס געדענקען לאַנג־לאַנג. וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, איך בעט

אײַך, אז מײַן אלמנה, פּאַיע הייסט עס, איז אזא מענטש, וואָס איז געוווינט געוואָרן, מע זאָל איר אַרײַנטראָגן אין שטוב אַרײַן פֿונעם גרייטן? און ווער איז שולדיק אין דעם, ווען ניט איך אליין? איך אליין האָב זיי אויסגעלערנט, סײַ די מאמע, סײַ די טאָכטער, אז טאָמער דאַרף מען עפּעס אין שטוב, זאָל געזאָגט ווערן מיר — און עס זאָל זיך איבערקערן די וועלט, מוז דאָס צוגעשטעלט ווערן, און נישט שפּעטער ווי אין צוויי שעה! מע דאַרף געלט — איז צו מיר. דעם דאָקטער — צו מיר. א קעכן באַשטעלן — צו מיר. א לערער אויף טאַנצן — צו מיר. א מלבוש, א שוך, א שנײַדער, א קצב, א פֿעדער, א הושענה, א קליאַמקע — צו מיר, צו מיר און צו מיר! איר מיינט, איך האָב זיי ניט געזאָגט: „וואָס וועט פֿון אײַך ווערן? א האַנטשירקע, א שמאַטע וועט פֿון אײַך ווערן"! אזוי טענה איך צו זיי, און זיי לאַכן. אלצדינג איז באַ זיי א געלעכטער! דאָס גאַנצע לעבן איז א געלעכטער. פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן אויף דער וועלט. נישט קיין סך, נאָר ס'איז פֿאַראַן. און וועמען דאַרף עס טרעפֿן? — מיך! ווער דאַרף זיך ניאַנטשען מיט פֿרעמדע קינדער? — איך! ווער דאַרף אויסגעריסן ווערן פֿאַר פֿרעמדע צרות? — איך! ווער דאַרף טאַנצן אויף פֿרעמדע חתונות? — איך! ווער דאַרף וויינען אויף פֿרעמדע קבֿרים? — איך! איר וועט פֿרעגן: ווער הייסט מיר? וועל איך אײַך דערויף ענטפֿערן אָט וואָס: ווער הייסט אײַך לויפֿן אין פֿײַער אַרײַן ראַטעווען א פֿרעמד קינד? ווער הייסט אײַך שפּרינגען אין וואַסער אַרײַן, אז יענער טרינקט זיך? ווער הייסט אײַך קרימען זיך, אז יענעם טוט וויי? איר וועט מיר זאָגן, אז איר לויפֿט ניט און שפּרינגט ניט און קרימט זיך ניט? זײַט איר א חיה! איך בין נישט קיין חיה; איך בין א מענטש. איך שטעל מיך ניט אַרויס פֿאַר אַן אידעאַליסט; איך בין א פּשוטער, א געוויינלעכער מענטש, און נאָך אַן אַלטער בחור דערצו, כאָטש אײַער פּסיכאָלאָגיע זאָגט, אז אַן אַלטער בחור איז אַן עגאָיִסט. און אפֿשר איז דאָס גופֿא אויך א מין עגאָיִזם? וואָס? איר האָט פֿײַנט, זאָגט איר, חקירה? פֿילאָזאָפֿיע? איך האָב עס אויך פֿײַנט!

אלזאָ, דאַרף מען חתונה מאַכן מײַן אלמנהס טעכטערל, ראָזען, און מע דאַרף זיך פֿאַרשטעלן פֿאַר א מחותן. איר האָט אַן אַנדער ברירה? און איר דאַרפֿט פֿאַרשטיין, לויט איר קענט מיך שוין אַביסל מיט מײַן קאַפּריז, ווי איך האָב דאָס ליב! דאָס וואָרט „מחותן" שלאָגט מיר צו דער גאָל! רופֿט מיך „מענטש", רופֿט מיך „לאָקיי", רופֿט מיך „משרת",

רופט מיך „קנאקניסל" — אבי ניט „מחותן"! זי אָבער, מײַן אַלמנה הייסט עס, איז דווקא צופרידן פונעם נײַעם נאָמען, וואָס מע האָט זי גע־קרוינט: „מחותנתטע". אַז מע זאָגט איר „מחותנתטע", ווערט זי ברייטער ווי לענגער. „אָט באַלד ווערט איר אַ שוויגער!" — אַזוי זאָג איך צו איר. קוועלט זי, ווי אַ באָקסער: „הלוואַי, זאָגט זי, ווי דערלעב איך דאָס שוין!"... אַ שיינע שוויגער! איר זאָלט זי געוועזן זען צו דער חתונה, אונטער דער טאָכטערס חופּה: אַ בילד! אַ פּאַרשוין! אַ יונגט! איר וואָלט אײן לעבן נישט זאָגן, אַז ס'איז אַ טאָכטער מיט אַ מוטער, נאָר אַ שוועסטער מיט אַ שוועסטער! איך האָב מיך, הערט איר, פאַרקוקט אַף איר, שטייענדיק מיט די קינדער אונטער דער חופּה, און האָב צו מיר אַליין געזאָגט:

— שוטה וואָס דו ביסט! עלנטער שטיין וואָס דו ביסט! אַצינד איז פאַר דיר אַ מאָמענט... איין וואָרט ווען דו זאָגסט, איין קוק ווען דו טוסט, ווערסטו אויס עלנטער שטיין... בויסט דיר דײַן הויז... פלאַנצעסט דיר דײַן ווײַנגאָרטן... טרעטעסט אַרײַן אין דײַן גן־עדן... לעבסט דיר דײַן רויִקן לעבן, צווישן אייגענע, ליבע און געטרײַע... שלאָג דיר אַרויס פון קאָפּ ראָזען... ראָזע איז ניט פאַר דיר... ראָזע פּאַסט צו דיר, ווי אַ קינד... זײַ ניט געגאַרט... קוק אַף דער מוטער! זאָג איר דאָס וואָרט, דו ווילדע חיה וואָס דו ביסט!... איר זאָלסטו זאָגן, ניט קיינעם! וואָס ציסטו די נשמה? זעסטו דען ניט, ווי זי קוקט אַף דיר, מיט וועלכע אויגן?...

אָט אַזוי זאָג איך צו מיר אַליין און באַגעגן זיך מיט פּאַיעס אויגן, און עס רײַסט מיר אויס אַ שטיק הארץ — פאַר רחמנות צו איר... איר הערט? רחמנות! שוין נישט מער, ווי רחמנות... פריִער, געדענק איך, איז געוועזן אַן אַנדער געפיל בײַ מיר... איצט איז פאַרבליבן בלויז רחמנות... און וויבאַלד רחמנות, איז אַף מיר אפשר אויך אַ רחמנות? און אפשר נאָך אַ גרעסערער? און ווער איז איר שולדיק? לְמאַי האָט זי געשוויגן ביז אַהער? וואָס שווײַגט זי איצט? ווו שטייט דאָס געשריבן, אַז איך איר מעג זאָגן, און זי מיר ניט?... בושה, וועט איר זאָגן? מנהג העולם? די וועלט פירט זיך אַזוי? איך לאַך פון אײַער וועלט! בײַ מיר איז ניטאָ קיין אונטערשייד: „ער" זאָל זאָגן פריִער, „זי" זאָל זאָגן פריִער. מענטשן זײַנען מענטשן! אַז זי שווײַגט, שווײַג איך אויך! איר ווילט דאָס אָנרופן עקשנות? אַמביציע? משוּגעת? רופט דאָס וואָס איר ווילט! איך האָב דאָך אײַך געזאָגט שוין, אַז מיר איז דאָס אַלץ איינס...

נישט מער, איך רייד מיר אויס פאר אײַך דאָס האַרץ און מיט אײַך צו־זאַמען וויל איך אַנאַליזירן, אויסגעפינען, ווו איז דאָ דער וואָרעם? אפשר איז דאָס דערפאַר, וואָס מיר זײַנען מיט פּאַיען קיינמאָל נישט געווען פאַר זיך אַליין קיין צוויי מינוט? שטענדיק איז געווען אין מיטן אַ נפש, וואָס האָט פאַרנומען אינגאַנצן אונדזער צײַט, אונדזערע געדאַנקען, אונדזערע געפילן, אונדזערע צרות און פאַרגעניגנס — אַלץ האָט געהערט צו יענעם, ניט צו אונדז. פאַר זיך אַליין אַ מינוט אַ פרײַע — דאָס, פּע! דער רוח זאָל דאָס וויסן! מיר ביידע זײַנען ווי באַשאַפן געוואָרן ספּעציעל נאָר פון יענעמס וועגן! פריִער איז געווען פּיניע. נאָכדעם האָט גע־האָלפן אַ ראָזעטשקע. איצט האָט אונדז דער אייבערשטער צוגעשיקט אַ נייעם נחת: אַן איידעמל אַף קעסט! מאָלט אײַך, עס איז שוין געווען דאָס רעכטע איידעמל! אַזעלכע איידעמס מעגן זיך ווינטשן אַלע ייִדן. איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט פון די מענטשן, וואָס ווערן אַזוי גיך נתפּעל און וואָס האָבן אַ טבע יענעם אַפּלויבן אין טאָג אַרײַן. איך וועל אײַך נישט דערציילן קיין פּוסטע דבורים, פּזמונות, איבערטריבענע קאָמ־פּלימענטן וכדומה, איך וועל אײַך נאָר זאָגן, אַז דאָס וואָרט „ענגל" איז אַ באַליידיקונג פאַר דעם דאָזיקן מענטשל. געגנוג פאַר אײַך? אויב ס'איז דאָ אַ הימל, אויב מלאָכים שוועבן דאָרט אַרום, און אויב די מלאָכים זײַנען ניט ערגער פון אָט דעם שאַפּיראָ, זאָג איך אײַך, אַז ס'איז כדאי צו שטאַרבן און בעסער זײַן מיט זיי, אַלס מיט אַלע איבעריקע צוויי־פיסיקע חיות, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אונטער גאָטס הימל און פאַרפּאַסקודיען די ערד. איר וועט זאָגן, איך בין אַ מיזאַנטראָפּ, אַ מענטשנפײַנט? איר זאָלט האָבן פון מענטשן דאָס, וואָס מ י ר האָבן געהאַט, אײַך זאָלן מענטשן טאָן דאָס, וואָס מע האָט א ו נ ד ז געטאָן, וואָלט איר געווען ניט אַ מיזאַנטראָפּ, נאָר אַ גזלן. איר וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ מעסער אין מיטן גאַס און איר וואָלט געקוילעט מענטשן, אַזוי ווי שאָף!... וואָס איז באַ אײַך פאַר אַ מאָדע לאָזן אַ מענטשן ריידן שטונדן־לאַנג און נישט פרעגן, צי וויל יענער אַ גלאָז וואַסער? הייסט געבן טיי!

אַלזאָ, ווו האַלטן מיר? באַ אונדזער נחת, באַ אונדזער איידעמל שאַפּיראָ.

עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז ער איז געווען דער גאַנצער פירער פון אַ גודאַלניע, אַ בראָנפן־פאַבריק, און ניט נאָר דער גאַנצער פירער, נאָר דער גאַנצער בעל־הבית איבערן גאַנצן געשעפט.

אַלץ איז געווען בא אים אין די הענט, אַף זײַן נאָמען. דאָס צוטרויען, וואָס זיי האָבן געהאַט צו אים, איז אין לשער, און ליב געהאַט האָבן זיי אים, ווי אַ קינד. איר קאָנט פאַרשטײן, אַז אַף דער חתונה זײַנען זײַנע בעלי־בתים, צוויי שותפים, גנבים (זיי זאָלן מיר מוחל זײַן, זיי זײַנען שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט אין אמעריקע), געווען די מחותנים, געשענקט דעם חתן אַ קאַסטן מיט זילבער און האָבן זיך אויסגעשטעלט ברייט און מילד, ווי די אמתע פילאַנטראָפּן. און איך האָב טאַקע ליב אַ פילאַנ־טראָפּ, און נאָך אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ, אַז ער קומט מיר אַף אַ שמחה און שטעלט זיך אַרויס מיט זײַן פילאַנטראָפּיע, אַז אַלע זאָלן זען און זאָלן וויסן, אַז ער איז אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ, וואָס ווייסט, ווי צו שעצן אַ „מענטשן"!... אי, דער „מענטש" האָט אים אפשר געמאַכט אַ פאַרמעגן? און ווען נישט דער „מענטש", וואָלט ער אפשר איצטער ניט געווען קיין בעל־הבית און קיין פילאַנטראָפּ?... אײַער שמייכלען, וואָס איר שמייכלט, איז אומזיסט! מײַן ליבער פריץ, איך שטעל מיך ניט אַרויס פאַר קיין סאָציאַליסט. נאָר אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ האָב איך פײַנט! וואָס קומט מיר דערפאַר? והראיה? אַט וועט איר הערן, וואָס אַ בעל־הבית אַ פילאַנטראָפּ קאָן. דאַכט זיך מיר, אַז גאָט העלפט, מע האָט אַ געשעפט, וואָס טראָגט־אַרײַן שיינע עטלעכע טויזנטער אַ יאָר, און אַ מענטשן האָט מען אַזעלכן, וואָס מע קאָן זיך אַף אים פאַרלאָזן, קאָן מען שלאָפן רויִק אין דער היים, און אפילו אַוועקפאָרן קיין אויסלאַנד און לעבן אַ גוטן טאָג? איז דאָך אָבער „אונדזערע ייִדעלעך". איך ווייס, אַז איר האָט פײַנט, נאָר איך זאָג נאָך אַ מאָל „אונדזערע ייִדעלעך". ס'איז זיי קאַרג די וועלט! אַ ייִד האָט ליב געשעפטן, פּלינען, דרייען, קנאַקן, טראַסקן — מע זאָל זען! מע זאָל הערן! וואָס טויג אײַך, מײַן שאַפּיראָס בעלי־בתים האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַזאַ גאָלדן געשעפט אין אַזעלכע זיכערע הענט. זיי זײַנען אַרײַן אין וועלדער און אין פעלדער, אין „טאָרגעס" און אין טאַקסעס, אין ווייץ און אין קלײַען, און אין הײַזער האָט זיך זיי פאַרגלוסט אַרײַנקריכן, ס'איז גע־וואָרן אַ היץ אַף הײַזער, הײַזער האָבן געברענט און זיי האָבן געברענט, ביז זיי זײַנען פאַרברענט געוואָרן, אַרײַנגעשלעפּט אונדזער שאַפּיראָן מיט וועקסלעך, פאַרכאַפּט וויפל ס'איז געווען מזומנים און אַוועק קיין אמע־ריקע, און ס'איז אַ סברה, אַז זיי זײַנען דאָרטן, ווי מע זאָגט אַף דעם

אמעריקאנער לשון, „אָלל־רײַט", און אים, שאַפּיראָן הייסט עס, האָבן זיי געלאָזט זיצן ביזן האַלדז אין חובות, פֿאַרבאָדן און פֿאַרחתמעט מיט וועקסלען פֿון אויבן ביז אַראָפּ. ס'איז געווען אַ גרויסער סקאַנדאַל, און ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז מע האָט גאָרנישט געוואָלט קוקן, צי איז ער אַ „מענטש", צי איז ער אַ בעל־הבית — ער מוז צאָלן די וועקסלען, און אַזוי ווי ער האָט ניט מיט וואָס, איז ער באַנקראָט, און אַזוי ווי ער קאָן ניט באַווײַזן, אַז דער באַנקראָט האָט זיך צו זיי גענומען פֿון אַן אומגליק, ווערט דאָס אָנגערופֿן בא אונדז, ווי איר ווייסט, און אפֿשר ווייסט איר ניט, „זלאָסטנע באַנקראָט", דאָס הייסט: אַן אָנזעצער אַ פֿערד, און אַ פֿערד אַן אָנזעצער זעצט מען אײַן אין טורמע, וואָרעם אַ פֿערד האָט די וועלט פֿײַנט! איר קאָנט אײַך זײַן צען מאָל אַן אָנזעצער, צען מאָל איבערחזרן דעם פּסוק, און אַבי איר מאַכט דאָס אָפּ קײַלעכיק, מיטן „כבקרת", ווי עס געהער צו זײַן, שטעלט איר אַרויס דער וועלט מחילה אַ פֿײַג, און קויפֿט אַ הויז מיט אַ „מפֿטיר", און איר ווערט אַ שיינער מענטש, און איר טוט די גרעסטע שידוכים, און איר זאָגט עדות אין שטאָט, און איר טרעט אָפּ קעפּ, און איר שטופּט אײַך צו די גרויסע, צו די למדי־ואו גדולים, וואָס פֿירן די גאַנצע שטאָט בא דער נאָז, און עס דאַכט זיך אײַך, אַז איר זײַט אַ גרויסער, און איר שפּריצט, און איר בלאָזט זיך, ווי אַן אינדיק, און איר דערקענט ניט קיין מענטשן, און איר רעדט זיך אײַן, אַז דער רוח כאַפּט אײַך אָקערשט ניט אַוועק!... האָט קיין פֿאַראיבל ניט, איר פֿאַרשטייט דאָך, אַז ניט אײַך מיין איך, די וואַנט מיין איך... וואָס נוצט אײַך? מײַן בחור, מײַן שאַפּיראָ, האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם בזיון, און אַגב האָט אים ווײַ געטאָן דאָס האַרץ אָפּ אָרעמע אַלמנות און יתומים (זײַנע בעלי־בתים האָבן ניט געשאָנעוועט קיינעם, זיי האָבן גענומען ווו זיי האָבן געקאָנט) — ער האָט זיך געסמט!...

איך דענק, אַז עס איז אײַך ניט וויכטיק, ווי אַזוי און מיט וואָס ער האָט זיך געסמט, און ווו האָט ער גענומען סם? און וואָס עפּעס סם? און וואָס האָט ער געשריבן פֿאַר אַ בריוו צו מיר? און וואָס האָט ער מיר געזאָגט? און ווי אַזוי האָט ער זיך געזעגנט מיט ראָזען? און מיט דער מוטער, און מיט מיר? — דאָס אַלץ איז ניט מער ווי סענטימענטן, וואָס די ראָמאַניסטן באַנוצן זיך מיט זיי, אום אויסצוקוועטשן באַם נאַרישן

לעזער אַ טרער. איך וויל אײַך נאָר זאָגן אין דרײַ ווערטער: נישט זיך האָט דער מענטש געסמט — ער האָט גענומען און אָוועקגעסמט אונדז אַלעמען! דער בראָך איז געווען אַזוי גרויס, דער שמערץ איז געווען אַזוי טיף, דער ווייטיק איז געווען אַזוי גרוילעך, אַז בײַ אונדז אַלע דרײַ האָט זיך ניט געפונען קיין איינציקע טרער! מיר זײַנען פאַרגליווערט, פאַרשטיינערט, פאַרשטאַרבן געוואָרן, געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, און וואָלטן געוועז די גליקלעכסטע פון די גליקלעכסטע, ווען איינער קומט און האַקט אונדז אַראָפּ אַלעמען די קעפּ מיט איין מעסער!... הערט איר, איר מעגט אײַך זאָגן וואָס איר ווילט — אָנקוקן קאָן איך ניט אָט די אַלע, וואָס קומען אײַך טרייסטן חלילה בײַ אַן אומגליק. זייערע צוגעגרייטע בלומרשט־טרויעריקע פּנימער, וואָס אויף יעדן שטייט אויפגעשריבן: „אַ דאַנק גאָט, וואָס ניט איך"... זייערע הילצערנע רייד, וואָס קלעפּן זיך ניט, זייערע פאַלשע שבחים, זייער אַוועקגיין אומגעזעגנט מיט אַ מורקע אונטער דער נאָז... וואָס דאַרפט איר מער? אַפילו אָט דער איוב, וואָס ס'איז אַ מנהג, אַז יעדער גראָבער יונג זאָל אין אים אַרײַנקוקן, ווי אַ האָן אין „בני אָדם", איז מיר נמאס! וואָס? אַפּיקורסות, זאָגט איר? דאָס הייסט בײַ אײַך אַפּיקורסות? נו, און נעמען אונטערשטעלן אַ פּיסל אַן אומשולדיקן מענטשן, הייסן אים חתמענען וועקסלען און אַליין אַוועק מיט געלט קיין אַמעריקע, און דעם „מענטשן" לאָזן, ער זאָל נעמען און אַוועקסמען אי זיך אַליין, אי נאָך דרײַ אומשולדיקע נפשות — דאָס וועט בײַ אײַך הייסן ווי אַזוי? וואָס פאַר אַ נאָמען וועט איר דעם געבן? נישט אַפּיקורסות? איאָ, ניין? און פון גאָט אַליין וועט איר זאָגן, אַז ס'איז ניט קיין אומרעכט? וואָרעם ווי טאָר מען ריידן אויף גאָט? טוט אַלע זשע אַ קוק וואָס זאָגט דערויף איוב? אָט דער זעלבער הייליקער איוב, וואָס ס'איז אַ מנהג, איר זאָלט אין אים אַרײַנקוקן, ווי אַ האָן אין „בני אָדם"? איאָ, איר שווײַגט? איך שווײַג אויך, וואָרעם איר קאָנט ריידן צעזעצטערהייט, וועט אײַך קיינער ניט ענטפערן! איר וועט איבערקײַען נאָך אַמאָל די שוין לאַנג איבערגעקײַטע ווערטער: „ה' נתן וה' לקח" — און דערבײַ וועט איר בלײַבן... וואָס זאָגט איר? פילאָזאָפירן הייסט קײַען שטרוי? איך זאָג אויך דאָס אייגענע.

אַלזאָ, איך קער מיך אום צוריק צו מײַן אַלמנה... וואָס זאָג איך אַלמנה? צו מײַנע צוויי אַלמנות! ראָזע אויך אַן אַלמנה! כאַ־כאַ־כאַ! עס איז אַזוי טרויעריק, עס איז אַזאַ באַליידיקונג פון דער נאַטור, אַז נאָר

לאכן דארף מען. ראָזע אַן אַלמנה! איר זאָלט זי געוועז זען: אַ קינד פון פופצן יאָר קאָן ניט אויסזען יינגער. ראָזע אַן אַלמנה! אַן אַלמנה אַליין איז נאָך גאָרניט! ראָזע — אַ מאַמע! אַ מוטער פון אַ קינד! אין אַ חדשים דריַי נאָך שאַפּיראָס טויט האָט זיך גֶעלאָזט הערן אַ קול פון אַ באַשעפּע־ניש, און די שטוב איז געוואָרן פול מיט דעם באַשעפּענישל. פייגעלע האָבן זיי דעם אַ נאָמען געגעבן — און אין שטוב האָט געוועלטיקט נאָר איין פייגעלע, און אַלץ איז געווען נאָר צוליב דער איינער פייגעלע, און ווי איר זײַט געשטאַנען, און ווי איר זײַט געזעסן, און וואָס איר האָט ניט געטאָן, האָט איר געקאָנט הערן נאָר פייגעלע און פייגעלע און ווידער פייגעלע! אויב מע זאָל וועלן זיַין אַ מאַמין און גלייבן אין „השגחה פּרטית", ווי איר רופט דאָס אָן, וואָלט איך געזאָגט אַף דער פייגעלע, אַז דאָס האָט גאָט באַלוינט אונדז פאַר אונדזערע גרויסע ליַידן און האָט אונדז געשיקט אַ טרייסט. איר ווייסט אָבער, אַז איך בין אַ קנאַפּער מאַ־מין און איך בין שטאַרק מסופק אין אײַך אויך... וואָס? איר ווילט מיר איַינריידן, אַז איר גלייבט יאָ? — געזונטערהייט! איך האָב צו איַיך גאָרניט נים; אַבי איר אַליין זאָלט זיַין איבערציַיגט, אַז איר זײַט ניט קיין צבועק, קיין היפּאָקריט. הערט איר, ייִדן, האָב איך פיַינט היפּאָק־ריטן, טאַקע נאָר ווי אַ ייִד האָט פיַינט חזיר! זײַט איַיך פרום, ווי צען טויזנט רוחות, אַבי מיט אַן אמת! טאָמער־זשע זײַט איר גלאַט אַ גנב, אַ פאַרמאַסקירטער „וצדקתך", זײַט איר ניט פון מיַינע ליַיט, און איך דאַרף איַיך אַף תשעה־ניַינציק כפּרות. אָט אַזאַ מענטשל בין איך מיר!

הכּלל, וואָסער אַ סדרה גייט היַינט? — פייגעלע! פון דער ערשטער מינוט, וואָס די פייגעלע האָט זיך באַוויזן אַף דער וועלט, האָט אַלץ ווי אויפגעלעבט, אַלע און אַלץ האָבן געשמייכלט און געפרייט זיך. אַלע פּני־מער האָבן געשיַינט. אַלעמענס אויגן האָבן אָנגעהויבן צו ליַיכטן און גלאַנצן. איינאיינעם מיט דעם קינד זיַינען מיר אַלע אפּסניַי געבוירן גע־וואָרן. איך וועל איַיך זאָגן אַ שיינס: ראָזע, וואָס סע האָט זיך נישט באַ־וויזן אַף איר פּנים קיין שמייכל שוין אַזאַ צײַט, האָט פּלוצים אָנגעהויבן ווידער צו לאַכן מיט איר פריַערדיקן מאָדנע געלעכטער, וואָס פאַרגיפ־טעט איַיך און צווינגט איַיך, אַז איר זאָלט אויך לאַכן, כאָטש עס ווילט זיך איַיך גאָר וויינען. אָט אַזאַ מין כח האָט באַוויזן די קליינע פייגעלע, אַז זי האָט אויפגעעפנט אירע קליינע אויגעלעך און האָט גענומען דאָס ערשטע מאָל מיט אַ פונק פון פאַרשטאַנד באַטראַכטן אונדז אַלע דריַי.

און ווער שמועסט, אַז אַף פייגעלעם ליפּעלעך האָט זיך באַוויזן דאָס ערשטע שמייכעלע, זײַנען בײדע אַלמנות שיִער נישט משוגע געוואָרן פאַר ענטוזיאַזם און התפעלות. זיי האָבן מיך באַגעגנט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז איך האָב מיך פאַר זיי דערשראָקן:

— גוואַלד, ווו זײַט איר געוועזן פריִער מיט איין מינוט?

אַזוי זײַנען אָנגעפאַלן אַף מיר בײדע אַלמנות.

— וואָס איז דען? וואָס האָט זיך געטראָפן? — פרעג איך אַ דער־שראָקענער און באַקום פון זיי אַן ענטפער:

— סטײַטש, פייגעלע האָט אָט־ערשט מיט אַנדערהאַלבן מינוט פריִער אַ לאַך געטאָן! דעם ערשטן לאַך!

— אָט דאָס איז גאָר? — זאָג איך גאַנץ קאַלט, און אינעווייניק דאָס האַרץ פרייט זיך, געוויינלעך, ניט אַזוי אַף דעם, וואָס פייגעלע האָט אַ לאַך געטאָן, ווי אַף דעם, וואָס מײַנע צוויי אַלמנות זײַנען אַזוי ששון־ושמחהדיק. נו, הײַנט קאָנט איר שוין פאַרשטיין, וואָס עס האָט זיך אָפּ־געטאָן באַם ערשטן צײנדל! די ערשטע האָט דערפילט, נאַטירלעך, די יינגערע אַלמנה, די מוטער. האָט זי צוגערופן די עלטערע אַלמנה, פּאַיען הייסט עס, און בײדע אַלמנות האָבן גענומען פּרובירן מיט אַ גלאָז, און אַז זיי האָבן דערהערט, אַז עס קלינגט אַ צײנדל, האָבן זיי געמאַכט אַזאַ גוואַלד, אַז איך בין אַרײַן פון צווייטן צימער ניט טויט, ניט לעבעדיק.

— וואָס איז דאָ?

— אַ צײנדל!

— עס ווײַזט זיך אײַך אויס! — זאָג איך צו זיי בכיון, עס זאָל זיי אַביסל רייצן. און בײדע אַלמנות נעמען מײַן פינגער און טאַפּן־אָן באַ פייגעלען אין הייסן מײַלכל עפּעס אַ שאַרף שפּיציקל, וואָס קאָן זײַן, ס'איז אַ צײנדל.

— נו? — פרעגן זיי מיך בײדע און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָפּ־געבן אַ גרוס פונעם צײנדל. איך מאַך זיך תמעוואַטע. איך האָב ליב זיי צו רייצן. פרעג איך זיי איבער:

— וואָס נו?

— אָבער איאַ, אַ צײנדל?

— אַ צײנדל, וואָס דען זאָל דאָס זײַן?

און דאָס פאַרשטייט איר דאָך, אַז וויבאַלד אַ צײנדל, איז דאָך פּיי־געלע אַ חכמה, וואָס מע קריגט ניט די צווייטע אין דער גאַנצער וועלט!

און וויבאַלד אַז פֿייגעלע איז אַזאַ חכמה, קומט דאָך איר, מע זאָל זי אַזוי לאַנג קושן, ביז דאָס קינד הייבט אָן צו וויינען, און איך רײַס עס אַרויס בײַ זיי פֿון די הענט און שטיל דאָס אײַן, וואָרעם בײַ קיינעם שווײַגט נישט אַזוי דאָס קינד, ווי בײַ מיר, און מע קאָן זאָגן, אַז קיינעמס האָר האָט פֿייגעלע נים אַזוי ליב, ווי מײַנע האָר, און קיינעמס נאָז ווערט נים אַזוי געריסן פֿון אירע ברעקלעך פֿינגערלעך, ווי מײַן נאָז, און פֿילן אַף זיך די דאָזיקע ברעקלעך פֿינגערלעך איז אַ גן־עדן! עס גלוסט זיך אויסקושן טויזנט מאָל איטלעכס גליד פֿון די דאָזיקע קליינטשינקע, גלאַטינקע, ווייסינקע און ווייכינקע פֿינגערלעך! איר קוקט אַף מיר און איר טראַכט זיך: „אָט דער מענטש האָט אַ ווײַבערשע נשמה; אַניט — וואָלט ער אַזוי נים ליב געהאַט קיין קינדער"... אָבער איאָ, איך האָב געטראָפֿן, וואָס איר טראַכט? ס'איז אַזוי די מעשה: וואָס פֿאַר אַ נשמה איך האָב — ווייס איך נים, נאָר אַז איך האָב ליב קינדער — דאָס איז אַ פֿאַקט! וועמען דען זאָל מען ליב האָבן, אַז נישט קיין קליינע קינדער? אײַערע גרויסע, ווילט איר, זאָל איך ליב האָבן? אָט די גלאַטע מאָרדעס מיט די געפּאַקטע בײַכלעך, וואָס זייער גאַנץ לעבן איז אַ געשמאַקער מיטאָג מיט אַ גוטן ציגאַר מיט אַ פּרעפֿעראַנסל? צי אָט יענע שיינע מענטשן, ווילט איר, זאָל איך ליב האָבן, די וואָס קהלן זיך און לעבן פֿון דער קהלשער שיסל און שרײַען און ליאַרעמען און פּויקן איבער דער גאַנצער וועלט, אַז זייער גאַנצער מיין איז טובת הכלל?... אָדער איר זײַט אַ בעלן, איך זאָל ליב האָבן אָט די יונגע צוציקעס, וואָס ווילן מתקן זײַן די וועלט, רופֿן מיך „בורזשוק" און ווילן מיך צווינגען, איך זאָל פֿאַרקויפֿן מײַנע הײַזער און צעטיילן זיך מיט זיי לשם עקספּראָפּריאַציע? אָדער איר וועט מיר אפשר הייסן, איך זאָל ליב האָבן די גראָבע ווײַבער, די פּרות־הבשן, וואָס זייער איינציקער אידעאַל איז פֿרעסן, קליידער, בריליאַנטן, טעאַטער און געפֿעלן פֿרעמדע מאַנצבילן? צי גאָר די אונטערגעשאָרענע אַלטע מוידן, וואָס אַמאָל, אין מײַנע יונגע יאָרן, האָבן זיי געהייסן „ניהיליסטקעס", הײַנט הייסן זיי „עס־עסאָווקעס", „עס־עראָווקעס", „קאַדעטניצעס" וכדומה אַזעלכע שיינע נעמען?... איר זאָגט, ווײַל איך בין אַן אַלטער בחור, בין איך אַ בעל־כעסן און אַ מיזאַנטראָפּ און מיר געפֿעלט נים קיינער? זאָגט אײַך — וואָס אַרט מיך, וואָס איר זאָגט? איך טו מיר מײַנס: איך דערצייל. ווו זשע האַלט איך? בײַם קינד, בײַ פֿייגעלען, ווי מיר האָבן דאָס ליב געהאַט. דאָס גאַנצע לעבן האָבן מיר אָוועקגע-

שענקט דעם קינד, מיר אַלע דרײַ, דערפֿאַר, ווײַל דאָס קינד האָט אונדז פֿאַרזיסט די ביטערקייט פֿונעם לעבן, צוגעגעבן אונדז אַלעמען פֿרישע ענערגיע צו טראָגן דעם שווערן יאָך פֿון דער נאַרישער פֿאַרדאַרבענער וועלט. און פֿאַר מיר עקסטרע איז אין דעם קינד געווען אַ גאַנצער סוד. איר וועט דעם סוד לײַכט פֿאַרשטיין, אויב איר וועט זיך דערמאָנען, וואָס איז געווען פֿאַר מיר ראָזע. וואָס מער דאָס קינד האָט געוואַקסן, אַלץ מער האָט געבליט די האָפֿענונג באַ מיר אין האַרצן, אַז מײַן עלנט זאָל ענדלעך פֿאַרשווינדן און איך זאָל אַמאָל אויך וויסן פֿון אַ לעבן אױף דער וועלט... און ניט נאָר איך אַליין האָב זיך אַרומגעטראָגן מיט דער מחשבה — די זעלבע האָפֿענונג האָט געלעבט אויך באַ פֿאַיען אין האַרצן, און כאָטש מיר האָבן דערפֿון ניט גערעדט קיינמאָל, נאָר פֿאַר אונדז אַלע דרײַ איז דאָס געווען קלאָר, ווי דער טאָג, אַז עס וועט מוזן אַמאָל אַזוי זײַן... איר וועט אפֿשר פֿרעגן: ווי אַזוי קאָנען זיך דאָס מענטשן פֿאַרשטיין אומגערעדט? איז אַ סימן, אַז איר קענט פּסיכאָלאָגיע, נאָר ניט קיין מענטשן... למשל, אָט וועל איך אײַך מאָלן אַ בילד, וועט איר זען, ווי אַזוי מענטשן שמועסן זיך אוים כמעט אָן ווערטער, פֿאַרשטייען זיך אָפּן ווונק. אָט האָט איר אײַך אַ בילד:

אַ זומער־נאַכט. דער הימל איז פֿאַרשמיסן מיט ווײַסע מילך־פּאַסן. איך האָב געוואָלט זאָגן: די שטערן בלישטשען, פֿינקלען, שעמערירן. האָב איך מיך דערמאָנט, אַז אַזוי שטייט ערגעץ געשריבן אין אַ ביכל, וויל איך ניט איבערקײַען יענעמס ווערטער. איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז איך האָב פֿײַנט זייערע באַשרײַבענישן פֿון דער נאַטור, וואָס זײַנען אַזוי ענ־לעך אָף דער נאַטור, ווי איך בין ענלעך אָף אַ טערקישן פּאַשאַ. הכלל, ס'איז געווען אַ זומער־נאַכט, איינע פֿון די זעלטענע וואַרעמע, לויטערע, פּרעכטיקע נעכט, וואָס דער טריקנסטער מענטש אין דער וועלט ווערט פֿול מיט פּאָעזיע און עס בענקט זיך אים ערגעץ אַהין, ווײַט, ער ווייס אַליין ניט וווהין. עס כאַפּט אים אַרום פֿון אַלע זײַטן אַ מאָדנער שטראָם פֿון רוח־הקודש, און ער זינקט אין אַ הייליקע שטילע רויִקייט, און ער פֿאַרקוקט זיך אין דער טיפֿער בלויער יאַרמעלקע, וואָס מיר רופֿן דאָס הימל, און ער פֿילט, אַז דער הימל סודעט זיך עפּעס מיט דער ערד, פֿירן אַ שטילן שמועס צווישן זיך, אַ שמועס פֿון אייביקייט, פֿון אומענדלעכ־קייט און פֿון דעם, וואָס מענטשן רופֿן גאָטהײַט...

נו? וואָס וועט איר זאָגן אָף מײַן באַשרײַבן די נאַטור? ניט נע־

פעלן? בין איך אויסגעשטעלט! האָט צײַט, איר זײַט נאָך נישט פאַרטיק. איך האָב אײַך פאַרגעסן דערציילן פון די זשוקעס — מאָדנע, שווערע, ברוין־פאַרביקע זשוקעס, וואָס טראָגן זיך אין דער פינצטער, צעלאָזט די פליגל, זשומען און הודען און טוען זיך אַלע מאָל אַ זעץ אָן וואַנט אָדער אָן פענצטער, און טוען אַ פאַל אַנידער אױף דער ערד מיט האַלב־צעלאָזטע פּאַלעס און ווערן אַנשוויגן. איר זאָלט גאָר נישט האָבן קיין יסורים — זיי וועלן אַביסל אַרומפּויזן אױף דער ערד, זיך אויפהייבן, צעלאָזן די פּאַלעס און וועלן זיך ווידער דרייען אַרום דער שײַן פון דעם ליכט מיט אַ זשומען און מיט אַ הודען, און ווידער געבן זיך אַ זעץ אין פענצטער אַרײַן און אַ פאַל אַנידער אױף דער ערד... מיר זיצן אױפן גאַניק, וואָס גייט אין גאָרטן אַרײַן, אַלע פיר: איך און פאַיע, און ראָזע, און פייגעלע. פיי־געלע איז שוין אַ גרויסע; פיר יאָר ווערט איר ראש־חודש אלול, און ריידן רעדט זי ווי אַן אַלטער. זי רעדט און פרעגט קשיות. טויזנטער קשיות! פאַר וואָס איז הימל — הימל, און ערד — ערד? ווען איז טאָג און ווען איז נאַכט? פאַר וואָס איז באַנאַכט נאַכט און באַטאָג טאָג? פאַר וואָס רופט די מאמע די באָבעניו „מאמע", און די באָבעניו רופט די מאמע ניט „מאמע", נאָר „ראָזע"? פאַר וואָס בין איך איר אַ דיאַדיאַ — אַ דיאַדיאַ און ניט קיין פּאַפּאַ?... פאַר וואָס קוקט דער דיאַדיאַ אױף דער באָבעניו, און די באָבעניו קוקט אױף דער מאמע, און פאַר וואָס איז די מאמע אַזוי רויט גע־וואָרן?... איר פאַרשטייט דאָך שוין, אַז דאָס רופט אַרויס בײַ אונדז אַלע דרײַ אַ געלעכטער. פרעגט פייגעלע, וואָס לאַכט מען, ווערט דער געלעכ־טער נאָך גרעסער, און ענדיקן ענדיקט ער זיך מיט דעם, וואָס מיר קוקן זיך איבער אַלע דרײַ, און אַלע דרײַ פאַרשטייען מיר זיך גאַנץ גוט, וואָס דער קוק באַטײַט. מע דאַרף שוין נישט קיין ווערטער. ווערטער זײַנען איי־בעריק. ווערטער זײַנען באַשאַפן געוואָרן נאָר פאַר פּלאַפּלערס, ווײַבער און אַדוואָקאַטן. אָדער, ווי ביסמאַרק האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט: ווערטער זײַנען אונדז געגעבן געוואָרן אום צו פאַרמאַסקירן אונדזערע געדאַנקען. אַט באַגייען זיך דאָך חיות און עופות און אַלע איבעריקע באַשעפענישן אָן ווערטער! אַט וואַקסט דער בוים, אַט בליט די בלום, אַט שפּראָצט אַ גרעזל, האַלט זיך צו צו דער ערד, קושט זיך מיטן שטראַל פון דער זון — וווּ איז זייער שפּראַך? אויגן, מײַן ליבער פריץ, אויגן בײַ אַ מענטשן זײַנען אַ גרויסע זאַך! וואָס אַ מענטשנס אויגן קאָנען אײַך אַמאָל זאָגן אין איין מינוט, וועט אײַך דאָס מויל נישט אויסריידן אין קיין טאָג!

אונדזער איבערקוקן זיך אין יענער נאכט מיט מײַנע צוויי אַלמנות איז געווען אַ בלעטל, אַ קאַפּיטל פון אונדזער אַלעמענס לעבנס־געשיכטע, אַ גאַנצע פּאָעמע, אויב איר ווילט, אַ ליד, אַ טרויעריק ליד פון דרײַ פאַר־לאָרענע לעבנס, פון דרײַ פאַרקריפּלטע נשמות, וואָס פאַרשיידענע פאַר־פלאָנטענישן האָבן ניט דערלאָזט, זיי זאָלן טרינקען פון דעם קוואַל, וואָס הייסט גליק, זיי זאָלן געניסן פון דעם פאַנטאַזן, וואָס הייסט ליבע... איך האָב מיך ארויסגעכאַפּט פאַר אײַך מיט דעם וואָרט „ליבע" אומגערן. גלייבט מיר, אַז עס עקלט מיך! ווייסט איר, פאַרוואָס? דערפאַר, ווײַל אײַ־ערע שרײַבערס באַנוצן שוין צו אָפט דאָס דאָזיקע הייליקע וואָרט און מאַכן פון דעם שוין צו אַ וואָכעדיקן מאכל. דאָס וואָרט „ליבע", אַז מע רעדט דאָס אַרויס אַף דער שפּראַך פון אײַערע שרײַבערס, איז אַ חלול־השם. דאָס וואָרט „ליבע" דאַרף אַרויסגעגאָסן ווערן, ווי עס גיסט זיך אוים אַ תפלה צו גאָט, אָדער עס דאַרף זיך אויסגיסן אין אַ ליד אָן ווער־טער, אין אַ געזאַנג פון עכטער פּאָעזיע, עס מעג זיך זײַן אָן ריימען: לויפן, קויפן, כאַפּן־טאַפּן, יאָגן־שלאָגן, גראָזן־בלאָזן, וכדומה אַזעלכע גראַמען פון אײַערע פּאָעטן, וואָס אַז איך לייען זיי אַמאָל, מאַלט זיך מיר אוים, אַז איך שלינג אַרבעס און פאַרבײַס מיט פּאַפּיר... דער משל מעג אײַך ניט געפעלן, נאָר דרייען מיט דער נאָז באַדאַרפט איר ניט. איך ענדיק אײַך שוין די געשיכטע מיט מײַן אַלמנה נומער צוויי און איך מאַך דאָס בקיצור, וואָרעם איך האָב פײַנט, אַז מע געגעצט... זאָגט נאָר, איר האָט אַמאָל פאַרזוכט דעם טעם, עס זאָל אײַך רײַסן אַ צאָן, וואָס איר מוזט אים אַרויסציִען, נאָר איר לייגט דאָס אָפּ אַף מאָרגן, פון מאָרגן אַף איבערמאָרגן, ביז איר נעמט אײַך אָן מיט האַרץ און גייט צום דאָק־טער; איר קומט־צו צו דער טיר, איר לייענט איבער אַף זײַן בלעטל: „דענטיסט אַזעלכער און אַזעלכער, נעמט־צו פון 8 ביז 1 און פון 1 ביז 8"... כאַפּט איר אַקוק אַפן זייגער און אַ זאָג צו זיך אַליין:

— פון 8 ביז 1 און פון 1 ביז 8? הײַנט וואָס האָב איך קיין צײַט נישט?...

און איר קערט זיך אום צוריק אַהיים און איר רײַסט זיך אַף די ציין... אָט דאָס אייגענע איז געווען מיט מיר און מיט ראָזען. אַרויסגעגאַנ־גען בין איך פון דער היים אַלע אינדערפרי מיט אַ באַשטימטן געדאַנק, אַז הײַנט מוז דאָס געשען גאָר אָן אַ שום תירוץ! פריִער וועל איך איבער־ריידן מיט מײַן אַלמנה נומער איינס, מיט דער מוטער הייסט עס, אַזוי און

אזוי... וועט זי ווערן רויטלעך, אראָפּלאָזן די אויגן און אַ זאָג טאָן: „בײַ מיר האָט איר געפּועלט, רעדט איבער מיט ראָזען"... וועל איך אַוועקגיין פון דער אַלמנה נומער איינס צו דער אַלמנה נומער צוויי און וועל איר זאָגן: „הער נאָר אויס, ראָזע, ס'איז אַזוי און אַזוי..." און איך כאַפּ דאָס היטל און קום צו גיין צו מײַנע צוויי אַלמנות, לויפט מיר אַקעגן פּייגעלע, וואַרפט זיך מיר אויף די הענט, כאַפּט מיך אַרום בײַם האַלדז, קושט מיך אין די ברילן און בעט זיך בײַ מיר, אַז „הײַנטיקן טאָג, נאָר הײַנטיקן טאָג, זאָל איך זאָגן דער מאַמעניו און דער באָבעניו, מיך וועט מען פאָלגן, זי זאָל זײַן פרײַ, ניט לערנען, ניט שפּילן, ניט טאַנצן, נאָר גיין מיטן דיאַדיאַ אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, מע האָט געבראַכט, זאָגט מען, צו פירן אַזעלכע מאַלפּעס, אַזעלכע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצן פאַר געלעכטער!"... נו, אַדרבה, זײַט אַ בריה און נעמט ניט דאָס קינד, און גייט ניט מיט דעם אין זאָאָלאָגישן גאָרטן אָנקוקן די נײַע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצן פאַר געלעכטער?...

— וואָס וועט זײַן פונעם קינד? — וואָרטשעט די אַלמנה נומער איינס.

— ער מאַכט אַ תל פונעם קינד! — האַלט זי אונטער די אַלמנה נומער צוויי. און דער דיאַדיאַ הערט זיי, די ביידע אַלמנות, ווי דעם פּאַראַפּאַריקן שניי, נעמט דאָס קינד און גייט מיט דעם אין גאָרטן זיך באַקענען מיט די נײַע מאַלפּעס, וואָס מע קאָן פּלאַצן פאַר געלעכטער — און אָט אַזוי, ווי איך דערצייל אײַך, אַלע מאָל אַ נײַער תירוץ. עס גייט־אַוועק אַ טאָג און אַ טאָג, אַ וואָך און אַ וואָך, אַ יאָר און אַ יאָר, דאָס קינד וואַקסט, הייבט אָן פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן, וואָס מע קאָן פון זיי ניט ריידן, און עס בלײַבט בײַ אונדז אַלע דרײַ דער הסכם, אַלץ אָן ווערטער, אַז לאָז דאָס קינד אונטערוואַקסן שוין. אַז פּייגעלע זאָל אויסוואַקסן, ווערן אַ מענטש און אויסקלײַבן זיך איר באַשערטן, דעמאָלט ווערן אונדז אויפגעבונדן די הענט, דעמאָלט רעפאָרמירן מיר אונדזער לעבן, פירן־אויף אַ נײַע שטוב. און מע בויט פּלאַנען, יעדער בײַ זיך אין האַרצן, ווי אַזוי מע וועט לעבן אַלע צוזאַמען: דאָס יונגע פּאָר — פּייגעלע מיט איר באַשערטן, דאָס אַלטע פּאָר — איך מיט ראָזען, און די אַלמנה די באָבע (פּאַיע) וועט געוועלטיקן איבער אונדז אַלעמען — דאָס וועט זײַן אַ לעבן! די גאַנצע זאַך איז נאָר: ווי דערלעבט מען שוין? ווי דערלעבט מען שוין, אַז פּייגעלע זאָל אויסוואַקסן, ווערן אַ מענטש און

אויסקלײַבן זיך איר באַשערטן? נאָר אז מע לעבט, דערלעבט מען זיך. אַזוי, דאַכט זיך, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט? איך האָב פֿײַנט שאַבלאָנע שפּריכווערטער. איר האָט זיי ליב? זייער שיין. איך פאַרגין אײַך. אַלזאָ, אַז מע לעבט, דערלעבט מען זיך! פייגעלע איז אויסגעוואַקסן, געוואָרן אַ מענטש און האָט אויסגעקליבן זיך איר באַשערטן — און אָט דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן! אָט דאָ ערשט הייבט זיך אָן די רעכטע פּסיכאָלאָ־גיע, ווי איר רופֿט דאָס אָן! איר ווייסט? דאָס, וואָס איר קוקט אָפּן זייגער, איז איבעריק. איך וועל אײַך סײַ ווי סײַ הײַנט מער נישט דערציילן. איך דאַרף גיין; מײַנע אַלמנות וועלן נישט וויסן וואָס איבערצוטראַכטן. איך קאָן באַשטיין, אַז אויב איר האָט חשק אויסצוהערן די געשיכטע פֿון מײַן „אַלמנה נומער דרײַ", זאָלט איר זיך מטריח זײַן צו מיר אַהיים. אַניט — ווי איר ווילט אײַך! פאַר די פֿאָלעס וועל איך אײַך ניט שלעפּן. איר וועט אַליין קומען... אַדיע!

עד כאן אלמנה נומער צוויי.

ג.

אַלמנה נומער דרײַ

— גוט, וואָס איר זײַט געקומען צו מיר אין אַזאַ שעה, וואָס איך בין גראָד אין דער היים. דאָס הייסט, אין דער היים בין איך שטענדיק, נאָר פֿאַר מיר, ניט פֿאַר יענעם. יעדער מענטש האָט זיך זײַנע געוווינ־הייטן. למשל, איך בין געוווינט, אַז איך עס, זאָל מיר זיצן אַקעגן די קאַץ. אָן דער קאַץ וועל איך נישט עסן. קיץ־קיץ־קיץ! וואָס זאָגט איר אויף דער קאַץ? קלוג — אַ חכמה! זי וועט אײַך אַליין ניט נעמען — עס מעג ליגן גאָלד! איר זײַט אַ מבין אויף איר פעל? וואָס? איר האָט פֿײַנט אַ קאַץ? אַן אײַנבילדונג פֿונעם חדר! מע וויים די מעשיות! איר דאַרפֿט זיך ניט פֿאַרענטפֿערן! ווי אַזוי טרינקט איר טיי? מיט מילך? צי אַזוי? איך טרינק מיט מילך... אַ קאַטאַ! טפּרוס! אין דער ערד אַרײַן!... קיין זאַך האָט זי אַזוי ניט ליב, ווי מילך. פּוטער וועט שטיין, וועט זי ניט משעפּען, און דערזעט זי מילך, מוז זי טאָן אַ לעק...

איר ווייסט דאָך, אַז איך האַלט ניט פֿון הקדמות, נאָר דאָ מוז איך

אייך זאָגן אַ הקדמה: איך האָב פֿײַנט, אַז מע שמייכלט. לאָכן קאָנט איר וויפֿל איר ווילט, נאָר ניט שמייכלען. געדענקט איר־זשע אַלצדינג, וואָס איך האָב אייך דערציילט? טאָמער האָט איר פֿאַרגעסן — זאָגט, שעמט זיך ניט; גרעסערע פֿון אונדז, מאַכט זיך, פֿאַרגעסן אויך אַמאָל. איך וועל אייך מוזן, האָב איך מורא, איבערחזרן אין קורצן נאָכאַמאָל און געבן אייך אַן אויסצוג, אַ קיצור המעשה:

איך האָב געהאַט אַ חבר פּיניע האָט ער געהאַט אַ פֿרוי פֿאַיע, האָבן זיי געהאַט אַ קינד ראָזע. איז מײַן חבר פּיניע געשטאָרבן, און פֿאַיע איז געבליבן אַן אַלמנה. און איך בין בּאַ איר געווען אַ בן־בית. און זי איז מיר געווען צום האַרצן, און איך איר אויך. נאָר ריידן האָבן מיר דערפֿון ניט גערעדט. געהאַלטן אין זיך. און אַזוי זײַנען אַוועק די בעסטע יאָרן. דערווײַל איז איר טעכטערל, ראָזע, אויסגעוואַקסן, און איך בין געווען נאָך איר די כּפּרה. האָט זיך אונטערגעכאַפּט אַ בחורל שאַפּיראָ, אַ גוטער בוכהאַלטער און אַ שיינער שאַכשפּילער, און די ראָזע האָט זיך אין אים פֿאַרברענט. האָב איך זיך צעקריגט מיט דער מוטער און בין אַוועק מיט דעם געדאַנק, אַז ווײַל איך וועל לעבן זאָל מײַן פֿוס דאָרט ניט זײַן! און איך האָב דאָס וואָרט נ י ש ט אויסגעהאַלטן און בין באַלד אַפֿן צווייטן טאָג געקומען און בין געוואָרן דער זעלבער היימישער, וואָס פֿריִער, און האָב מיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ מחותן און האָב געפּראַוועט אַ חתונה צווישן דער ראָזע מיט דעם שאַפּיראָ, וואָס איז געווען דער גאַנ־צער בעל־הבית איבער זײַנע פּרינציפּאַלנס געשעפֿטן, געחתמעט פֿאַר זיי וועקסלען, און זיי האָבן זיך פֿאַרדרייט און זײַנען אַוועק קיין אַמעריקע און אים האָבן זיי געלאָזט מיט די חובֿות. האָט ער זיך גענומען דאָס לעבן — און ראָזע איז געבליבן אַן אַלמנה. האָט איר, אַלזאָ, צוויי אַל־מנות. און פּונקט אַזוי ווי איר מוטער פֿאַיע, די אַלמנה נומער איינס, איז געבליבן נאָך מײַן חבר פּיניעס טויט מיט אַ קליין קינד ראָזעטשקע, אַזוי איז איר טאָכטער ראָזע, די אַלמנה נומער צוויי, געבליבן נאָך שאַפּיראָס טויט מיט אַ קליין קינד פֿייגעלע, וועלכע איז געבאָרן געוואָרן אין דרײַ חדשים אַרום נאָך שאַפּיראָס טויט, — און מיר אַלע דרײַ האָבן די פֿייגעלע ליב געהאַט דאָס חיות מיטן לעבן, און מיר אַלע דרײַ, איך און פֿאַיע און ראָזע, האָבן זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צום דאָזיקן קינד, ניט צײַט געהאַט צו קלערן וועגן זיך און וועגן מײַן ראָמאַן מיט דער אַלמנה נומער צוויי, מיט ראָזען, וועלכער האָט זיך דערווײַל פֿאַרצויגן ביז פֿייגעלע וועט

אונטערוואקסן און ווערן א מענטש. און אז פייגעלע איז אונטערגעוואקסן און געווארן א מענטש... איך וועל אײַך בעטן, אז איך דערצייל אײַך עפּעס, זאָלט איר נישט קוקן אין קיין בוך אַרײַן, ס'איז א מיאוסע טבע, און בעסער האָרכן וואָס מע דערציילט אײַך, ווארעם דאָ פאנגט זיך אָן א נײַע געשיכטע.

וואָס איר ווילט, קאָנט איר אַף מיר זאָגן, נאָר קיין פאנאטיקער, קיין עקשן בין איך קיינמאָל ניט געווען. איך בין תמיד געגאנגען גלײַך מיט דער צײַט. איך בין קיינמאָל נישט אָפּגעשטאנען, צוריקגעצויגן, ווי אַנדערע, וואָס באַקלאָגן זיך אַפן נײַעם דור מיט זייערע נײַע אידעען.

אָנקוקן קאָן איך ניט אָט די אַלטע חכמים מיט זייער אייביקער פּרע־טענזיע: סטײַטש, למאי זאָל דאָס איי וועלן לערנען א הון? ווער איז עלטער — דאָס איי, צי די הון?... בהמות וואָס איר זײַנט! אדרבה, ווײַל דאָס איי איז יינגער, איז דאָס ביליכער! איז דאָס פּעיקער! איז דאָס קליגער! אוודאי דארפן מיר, דער עלטערער דור, זיך גוט צוהערן, וואָס זיי, די יינגערע גענעראציאָן, האָבן אונדז צו זאָגן, ווארעם זיי זײַנען יונג, זיי זײַנען פריש, זיי לערנען, זיי פאָרשן, זיי זוכן, זיי געפינען, זיי טוען־אויף. וואָס דען? אזוי ווי איר, פארשימלטע חכמים, וואָס איר האָט זיך אנידערגעזעצט אַף די אַלטע ספרים און ביכער און ווילט זיך ניט רירן פונעם אָרט?... אין כעס בין איך נאָר אַף זיי, אַף די יונגע, אַף די נײַע, וואָס זיי לייקענען אונדז אָפּ שוין גאָר אינגאנצן, זײַנען אונדז מבטל, מאכן אונדז צו קליינגעלט, זאָגן אַף אונדז, אז מיר זײַנען ניט נאָר בהמות אָדער פערד — מיר זײַנען קיין פערד אויך ניט, מיר זײַנען גאָרניט! מיר עקזיסטירן ניט! מיר זײַנען נישטאָ! נישטאָ, און א סוף!... שטעלט אײַך פאָר, עס קומען־ארײַן צו אונדז, צו מײַנע צוויי אַלמנות מיין איך, און ניט צו מײַנע אַלמנות, נאָר צו אונדזער פייגעלע, צום אייד־ניקל, דרײַ יונגע צוציקעס; צי סטודענטלעך, צי ניט קיין סטודענטלעך — דער שוואַרץ־יאָר ווייס דעם טאטן זייערן! שווארצע העמדלעך טראָגן זיי, שערן זיי זיך ניט, ווער זיי זײַנען — זאָגן זיי ניט, שארפע צינגלעך האָבן זיי, און קארל מארקס איז זייער גאָט — ניט משה רבינו, נאָר גאָט, גאָט אַליין! מילא, גאָט — לאָז זײַן גאָט, דאָס לעבן וועל איך מיר דערפאר נישט נעמען! ובפרט, אז איך אַליין בין אויך ניט ווײַט פונעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, איך אַליין ווייס אויך, וואָס קאפּיטאַל באַדײַט, וואָס איז פּראָלעטאריאַט, עקאָנאָמישער קאמף, וכדומה אזעלכע זאכן,

און אויב איר ווילט וויסן, בין איך אַליין אויך... פֿרייט זיך ניט, נישט קיין בונדיסט, חלילה, נאָר קיין הינקענדיקער שנײַדער אוודאי נישט!

אַלזאָ, קומען זיי אַרײַן צו אונדז אַלע טאָג, אָט די דרײַ פֿאַרשווינדלער, וואָס איך זאָג אײַך; איינער הייסט פּינקעל, דער אַנדערער באָמשטיין, דער דריטער גרוזעוויטש. און גיין גייט מען צו אונדז, ווי צו זיך אַהיים, וואָרעם מײַנע צוויי אַלמנות, די באָבע און די מאַמע, האָבן אַ טבע, אַז עס קומט־אַרײַן צו זיי אַ מענטש, ווייסן זיי ניט, ווו אים אוועקצוזעצן, וואָלטן אים אוועקגעגעבן די נשמה, ובפֿרט נאָך אַזעלכע דרײַ אַנטיקן, וואָס איינער פֿון זיי איז געווים אַ קאַנדידאַט פֿאַר פֿייגעלען. דאָס הייסט, קאַנדידאַטן זײַנען זיי אַלע דרײַ, נאָר קיין דרײַ חתנים קאָן זי דאָך ניט האָבן, עס מוז דאָך זײַן איינער — הײַנט גיי טרעף, ווער דער איינער איז, אַז רײדן רעדט מען נישט דערפֿון, חיות נישט זיכער! און פֿרעגן פֿרעגט מען אויך נישט — בײַ וועמען וועט מען פֿרעגן? בײַ דער מוטער? וואָס איז בײַ זיי די מוטער? אַ יונגע פֿרוי מיט אַ שיין פּנים, און אַ סוף! בײַ דער באָבע? וואָס איז פֿאַר זיי די באָבע? די באָבע איז פֿאַר זיי נישט מער, ווי אַווירטן, וואָס דאַרף זען, עס זאָל זײַן עסן און טרינקען, אַז זיי קומען צו גיין, און נישט נאָר עסן און טרינקען, נאָר פֿרעסן און זויפֿן... נו, און פֿון מיר שמועסט מען נישט, וואָרעם וואָס בין איך בײַ זיי? נאָך אַ שטול בײַם טיש, און ווײַטער גאָרנישט. זיי זאָלן דאָס אויסריידן צו מיר אַ וואָרט! סײַדן דאָס זאַלץ־מעסטל בײַם טיש, די צוקער־פּושקע, אַ שוועבעלע אַמאָל, אי דאָס — אָן אַ ביטע, אָן אַ „פּאָזשאַלויסטאַ", נאָר אַ מאַך מיט דער האַנט איבערן זשילעט, ווי מע רעדט מיט אַ שטומען, אָדער אַ טראָג־אונטער צו אײַך די ליפּן בשעת איר פֿאַררייכערט אַ ציגאַר — און ווײַטער נישט אַ וואָרט! אַמאָל מאַכט זיך, זיי קומען און טרעפֿן מיך אַליין, זעצט מען זיך אוועק אַלע דרײַ און מע שמועסט, אָדער מע צעלייגט זיך מיט די פֿיס אַף די סאָפֿעס און מע שפּײַט. זיי זאָלן דאָס אויסריידן צו מיר אַ וואָרט, כאָטש אַזוי, פֿון אייגדלקייט וועגן. גאָרניט! גלײַך ווי איך בין ניטאָ! נו, און דאָס דאַרפֿט איר וויסן, אַז איך צו זיי וועל אוודאי נישט אָנהייבן צו ריידן פֿריִער, איך וועל מיך ניט אונטערלייגן, ווי אַנדערע, מיט צוואַנציק טויזנט חנופֿהלעך און זיסע ריידעלעך און צוקערדיקע שמייכעלעך. עס איז נאָך ניט געבוירן געוואָרן יענער מענטש אַף דער וועלט, פֿאַר וועלכן איך זאָל אָנבויגן מײַן קאָפּ, נישט מחמת איך בין אַ גדלן... און לאָמיר זאָגן — יאָ

א גדלן, רופט דאָס אָן, ווי אַזוי איר ווילט, אײַער מיינונג קאָנט איר האַלטן באַ זיך! נאָר איך האָב פֿײַנט, אַז מע רעדט פֿון זיך. איך דערצייל אײַך פֿון די דרײַ קלאָפּערס, וואָס פֿאַר מינים חיות דאָס זײַנען. אַז איך האָב מיך איינמאָל ארויסגעכאַפּט און אַ פֿרעג געטאָן באַ זיי, ווער פֿון זיי אַלע דרײַ שפּילט אין שאָך, — האָט איר באַדאַרפֿט אָנקוקן פּנימער! האָט איר באַדאַרפֿט הערן אַ געלעכטער! דאַכט זיך מיר, וואָס קאָן דאָ זײַן פֿאַר אַן אומגליק, אַז מען איז טאַקע אַ סאָציאַליסט, און מע שפּילט פֿונדעסטוועגן אַ שאָך אויך? קאַרל מאַרקס, נישקשה, וועט קיין פֿאַראיבל ניט האָבן! שמועסט אָבער מיט זיי — ניין! זיי אַליין אַרט מיך ניט. זיי האָב איך אין דער ערד! ברענען ברענט מיך אַף איר, אַף אונדזער פֿייגעלען, למאי לאַכט זי מיט זיי? פֿאַר וואָס זאָל באַ איר זײַן אַלצדינג, וואָס זיי זאָגן, קודש־קדשים, הייליק, גלײַך ווי גאָט אַליין האָט דאָס געזאָגט אַפֿן באַרג סיני? וואָס איז דאָס געוואָרן פֿאַר אַ מין עבודה זרה באַ די הײַנטיקע יונגעלײַט, אַ מין פֿאַנאַטיזם, אַ מין נײַע חסידות — קאַרל מאַרקס איז דער רבי און מיר זײַנען זײַנע חסידים? און אויסער קאַרל מאַרקס איז אַן עק, אַ סוף, אויס וועלט? ווו איז קאַנט, ווו איז שפּינאָזא, ווו איז שאָפּענהויער, ווו זײַנען שעקספּיר, היינע, געטע, שילער, ספּענסער און נאָך הונדערטער גרויסע מענטשן, וואָס האָבן אויך אַמאָל, כלעבן, געזאָגט אַ קלוג וואָרט? נישט אַזוי קלוג, ווי קאַרל מאַרקס, אָבער קיין גאָר גרויסע נאַרישקייטן האָבן זיי דאָך אויך נישט געזאָגט! איך בין, דאַרף איך אײַך זאָגן, פֿון די, וואָס לאָזן זיך נישט שפּײַען אין דער קאַשע און האָבן פֿײַנט, אַז יענער פֿאַררײַסט די נאָז, און דערפֿאַר האָב איך ליב צו טאָן אַמאָל יענעם אַף צו־להכעיס. דו זאָגסט אַזוי, זאָג איך אַזוי. דו זאָגסט גאָר אַזוי, זאָג איך דווקא אַזוי — און טו מיר עפּעס! איך האָב דערהערט איינמאָל פֿון זיי אַ שמועס, אַז גראַף טאָלסטאָי איז גאָרנישט. איך בין ניט פֿון גראַף טאָלסטאָיס חסידים, איך זאָל אים פֿאַרגעטערן מיט זײַן פֿילאָזאָפֿיע און מיט זײַן נײַער תורה פֿון יעזוס קריסטוס, וואָס ער מאַכט פֿון אים דאָס, וואָס ער איז קיינמאָל ניט געווען; נאָר אַלס קינסטלער שטייט באַ מיר טאָלסטאָי ניט נידעריקער פֿון שעקספּיר. אי, טאָמער זײַט איר מיט מיר ניט מסכים, עס איך מיר ניט אָפּ דאָס האַרץ. איר ווייסט דאָך שוין מײַן טבע... ברענג איך דאָך צו טראָגן אַף צו־להכעיס טאָלסטאָיס אַ בוך און גיב דאָס פֿייגעלען, זי זאָל האָבן וואָס צו לייענען. האָט איר באַדאַרפֿט זען, מיט וואָס פֿאַר אַ גרימאַסע מײַן פֿייגעלע האָט גע־

געבן א שטויס־אַוועק דעם גראַף טאָלסטאָי! וואָס איז? נים פינקעל, ניט באָמשטיין, ניט גרוזעוויטש האַלטן פון סטאָלסטאָי.

בין איך שוין מסתמא ארויס פון די כלים (אַז מע דאַרף, קאָן איך זיין א שייגעץ אויך!) און האָב זיי געמאַכט אַלע דריי מיט דער בלאָטע גלייך! איך האָב זיי געזאָגט, אַז קאַרל מאַרקס איז א טעאָריע, און א טע־אָריע בייט זיך: היינט אַזא טעאָריע, מאָרגן אַזא טעאָריע; און גראַף טאָלסטאָי איז א גרויסער קינסטלער — און קונסט בלייבט אייביק.

נו־נו! האָט איר באַדאַרפט זען, ווי מענטשן האָבן זיך עס אָביסל צעפלאַקערט! דעם סאָדעגורער צדיק ווען איר זאָלט זאַטשעפּען, וואָלטן זיינע חסידים ניט באַדאַרפט אַזוי פייערן אויף אייך!...

וואָס טויג אייך, ווען עס מישן זיך ניט אריין מיינע צוויי אַלמנות, וואָלט געקאָנט ארויס צווישן אונדז א מיאוסער סקאַנדאַל! איך האָב אָבער ארויסגעזען נאָכדעם, אַז איך בין געווען א נאַר, וואָרעם סוף־כל־סוף האָב איך דאָך געמוזט זיי איבערבעטן. ווייסט איר, פאַרוואָס? ווייל פיינעלע האָט אַזוי געוואָלט! און אַז פיינעלע וויל אַזוי, דאַרף זיין אַזוי, און לאָז זי מיר זאָגן היינטיקן טאָג, למשל, אַז זי וויל, איך זאָל די שטוב איבערטראָגן אויף אַן אַנדער אָרט, איז עפּעס א תירוץ?

נישט נאָר באַצויבערט האָט מיך אָט דאָס מיידל, נאָר גאַנץ איינפאַך פאַרקנעכטעט, מיין אייגענעם ווילן האָט זי געטויט און האָט געמאַכט מיך פאַר א שקלאַף, פאַר אַן אויטאָמאַט... נישט נאָר מיך — אונדז אַלעמען האָט זי פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט דעם שיינעם שידוך, וואָס זי האָט גע־טאָן — גרוזעוויטש איז געווען איר באַשערטער, א בעמיקער פון דריטן קורס, א בחורל — קיין מעשה נישט, דאָס הייסט, ניט קיין אַי־אַי־אַי — גאָרנישט! פאַראַן א סך ערגערע! ער איז געווען, ערשטנס, „א טאַטנס א קינד". דאָס איז א גרויסע זאַך. איר מעגט אייך זאָגן וואָס איר ווילט, דאָס שפּילט א ראָלע. כאָטש אייך נישט, איך זאָג נישט קיין יחוס. איך זאָג נאָר, אַז דער שורש האָט אויך א שטיקל ווערט; זייט איר פון א גראָבן שורש, מעגט איר זיין געבילדעט, ווי גאָט אַליין, בלייבט איר אַלץ א גראָבער יונג. פון די איבעריקע מעלות זיינע רייד איך נישט. די חברה, מוז מען זאָגן דעם אמת, כל זמן זיי האַלטן זיך אין דער מראה, זיינען זיי ערלעך און פיין און נאָבל; קוים אָבער כאַפּן זיי זיך ארויס אויף דער וועלט פאַר זיך און ווערן „געוועזענע" — זאָל אייך גאָט היטן. טויזנט מאָל ערגער פון א געוויינלעכן בשר־ודם. וואָרעם א געוויינלעכער בשר־ודם, אַז ער וועט

אײַך אָפּדרײען דעם קאָפּ, וועט ער זיך באַהאַלטן, און אַ „געוועזענער", אַז ער וועט אײַך באַשווינדלען, וועט ער אײַך אויפווײַזן על־פּי חקירה, אַז אַ שווינדלער זײַט איר, ניט ער.. נאָר למאַי זאָלן מיר פאַרלירן צײַט אָף פּוסטע פילאָזאָפיע? אונדזער פייגעלע איז געוואָרן מאַדאַם גרוזעוויטש צו זיבעצן יאָר, און איך וועל אײַך ניט דולן מיט קיין לאַנגע ספּורים, וואָס פאַר אַ חתונה דאָס איז געווען, וועך האָט די חתונה געפּראַוועט, וועמען האָט דאָס געקאָסט געלט, און וואָס פאַר אַ גדולה עס איז געווען באַ די אַלמנות אין שטוב. די מוטער ראָזע האָט דערלעבט פירן צו דער חופּה איר טרייסט, די באָבע פּאַיע האָט דערלעבט אַ נחת — חתונה געמאַכט אַן אייניקל. און איך, טפּש? וואָס איז מיט מיר געווען די שמחה אַזוי גרויס? די מיזינקע אויסגעגעבן?... מאָלט אײַך, די שמחה האָט לאַנג געדויערט — פון אסתר־תענית ביז פּורים! מע האָט אונדזער גרוזעוויטשן אָפן דריטן טאָג נאָך דער חופּה געבעטן אין חדר אַרײַן גאָר פאַר אַ קלייניקייט: מע האָט געפונען אַ גאַנצן אוצר פון באָמבעס און פון דינאַמיט, און אַזוי ווי דער בחור איז געווען אַ כעמיקער, און אַ באַרימטער כעמיקער דערצו, איז געפאַלן אָף אים דער חשד, און אגב האָט מען געפונען אַ פּאָר בריוולעך פון אים, און וואָס טויג אײַך גרויס, מע האָט אים צוגענומען און אַוועקגעפירט...

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר אַ שטיקל אַרבעט, אַ לויפעניש, אַ דרייעניש, אַ שמירעניש, אַ דולעניש — נעכטיקע טעג! כאַפּט מען זיך אַרײַן, און נאָך פאַר אַזאַ מיאוסער מעשה — איז זײַט געזונט און שרײַבט בריוולעך! הײַנט צוזען דעם צער פון דעם יונגן צווײַגעלע, משטיינס געזאָגט, פון זיבעצן יאָר! און די יסורים פון דער מוטער ראָזע! און פון דער באָבע פּאַיע! אַ גאָטס שטראָף, אַן אויסגאָס האָט זיך גענומען אָף דער שטוב! הײַנט דאַרפט איר וויסן, אַז די געשעפטן זײַנען אויך נישט פויגלדיק, אין קעשענע האָט אָנגעהויבן טאָגן, איך האָב אָנגעהויבן פּלוטעווען, מאַכן שווינדל, פאַרזעצט מײַנע הײַזער, אונטערגעשמאָלצן די קאַסע; אויסגעגאַנגען דאָס געלט אויך, האָב איך פאַרקויפט אַ פּאָר קלייטלעך פון מײַנע מאַיאָנטקעס... איך דערצייל אײַך נישט קיין חריפות פון זיך און שטעל מיך פאַר אײַך ניט אויס! איך וויל אײַך נאָר איבערגעבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון מײַנע אַלמנות, זיי זאָלן זיך דאָס אינטערעסירן אָף אָט אַזוי פיל, פון וואַנען מע לעבט, פון וואָס מע לעבט און מיט וואָס וועט מען לעבן ווײַטער? גאָרנישט, ס'איז ניט זייער עסק! איך דאַרף זאָרגן פאַר אַלץ. איך

דאַרף טראָגן אַלץ אַפן קאָפּ. איך דאַרף קריכן אין דער ערד אַרײַן! ווער הייסט מיר? איך ווייס, ווער עס הייסט מיר? עס הייסט זיך אַליין! איך וואָלט וועלן זען אײַך אַף מײַן אָרט אין אַזאַ מין לאַגע צווישן מענטשן, וואָס איר ווייסט ניט, ווער פון זיי איז מער בריליאַנט! איר קאָנט אַף זיי קיינמאָל נישט האָבן קיין פּאַראיבל, קיינמאָל ניט טראָגן קיין שנאה, קיין פּאַרדראָס; און טאָמער מאַכט זיך אַמאָל יאָ עפּעס, פּאַרקלויבט זיך אַ רוח אין האַרצן און איר גייט אַוועק אַהיים אַן אָנגעשטויסענער, — איז גענוג, איר זאָלט קומען צו גיין און באַגעגענען זיך מיט זייער בליק, הערן פון זיי דאָס ערשטע וואָרט, — גייט אַלץ אַוועק מיטן ווינט און מיטן רויך, און איר פּאַרגעסט אין איין אויגנבליק, צי איר האָט ווען עפּעס געהאַט קעגן זיי, און איר זײַט גרייט פּאַר זיי צו קריכן אין דער ערד אַרײַן. אַט אַזעלכע מינים באַשעפענישן זײַנען דאָס. נו, גייט טוט עפּעס! און ווער שמועסט, אַט די פּייגעלע? דאָס איז גאָר אַן אָנשיקעניש פון זײַן ליבן נאָמען! עס איז גענוג, זי זאָל געבן איין קוק אַף אײַך מיט אירע שיינע, טיפע קירצזיבכטיקע אויגן — זאָלט איר שוין אײַננעמען אַ מיתה משונה! האָט קיין פּאַראיבל ניט, איך זאָג עס נישט אײַך, איך זאָג עס מיר אַליין, וואָרעם זי האָט מיך נאָר משוגע געמאַכט מיט איר חתונה האָבן פּאַר אָט דעם גרוזעוויטשן, מישאַ האָט ער געהייסן, — און ס'איז געוואָרן פול די שטוב מיט מישאַ! קיינער דאַרף ניט עסן, קיינער דאַרף ניט שלאָפן, קיינער דאַרף ניט לעבן. וואָס איז? מישאַ! מע האָט צוגענומען מישאַן; מע האָט אײַנגעזעצט מי־שאַן! מע וועט משפּטן מישאַן! מע דאַרף ראַטעווען מישאַן! קאַלטע פּרי־פּאַרקעס — מע לאָזט ניט צו! נישט מיך, נישט זי, נישט קיינעם! איך האָב געזען, אַז דאָ שמעקט מט „המצא מנוחה", אַז די גרינגסטע שטראָף, אויב ער וועט זײַן אַ מוצלח, קאָן אים אַרײַנפּליִען אין די אייביקע קאַטאָרגע, אַז ניט, איז הענגען!... איך זע, אײַך איז ניט גוט דאָ צו זיצן, זעצט זיך אַוועק אָט דאָ, צום פּענצטער; און אפשר האָב איך מיך אײַך אַביסל צונעגעסן, איז אָן אַן אומגליק. איך טראָג איבער מער פון אײַך. אײַך איז גאָרנישט; איר וועט זיך אויסהערן די מעשה (איך ענדיק זי אײַך שוין) און וועט זיך גיין אַהיים, און באַ מיר איז דאָס אַ באַמבע אַף אייביק!

ווו־זשע האַלטן מיר? באַ הענגען... וואָרשײַנלעך, האָט איר ניט איין מאָל געלעזן אַף די בלעטער, אַז הײַנט האָט מען געהאַנגען דאָרט און דאָרט צוויי מענטשן, נעכטן האָט מען געהאַנגען דאָרט און דאָרט דרײַ מענטשן (הענגען מענטשן און קוילען הינער איז הײַנט גע־

וואָרן אַלץ איין נײַעס). און איר בשעת־מעשה וואָס טוט? אָדער איר זיצט און וויגט זיך און רייכערט זיך אַ געשמאַקן האַוואַנער ציגאַר, אָדער איר טרינקט גאָר בעת־מעשה אַ גוטע גלאָז קאַווע מיט פרישע זעמעלעך מיט פּוטער. אַי, דאָרטן הענגט אַ מענטש, עס וואָרפט זיך און עס צאַפּלט זיך אין די לעצטע סעקונדן פון זײַן אַגאָניע אײַערער אַ באַקאַנטער. אַן אייגענער, אַ היימישער, וואָס איר האָט אים נישט לאַנג געזען פול מיט לעבן, אַזוי ווי איר אַצינד? אַי, דאָרטן ליגט נאָך אַ וואַרעמער גוף, וואָס תּלינים האָבן מיט גוואַלד אַרויסגעריסן פון אים די נשמה? אַי, דאָרטן מוטשעט זיך אַ מענטש, ער וואָלט וועלן וואָס גיכער שטאַרבן, נאָר עס שטאַרבט זיך ניט, וואָרעם דער תּלין האָט ניט גוט אויפגעצויגן דעם שטריק, אָדער ער האָט זיך גאָר אָפּגעריסן און אַראָפּגעפאַלן צווישן טויט און לעבן, און ער בעט זיך נעבעך בײַ די הינריכטער מיט אַ קוק פון זײַנע האַלב־אָפּגעשטאָרבענע אויגן, מע זאָל אים טאָן זײַן רעכט וואָס גיכער?... וואָס? איר קאָנט ניט לײַדן, אַז מע רעדט דערפון? איר זײַט אַ מפונק? איך בין אַזאַ מפונק, ווי איר. און שטעלט אײַך פאָר, אַז איך בין אַליין געקראָכן אומעטום, געוווּסט די מינוט, די רגע, וואָס מע וועט אים הינריכטן, און געלייענט נאָכדעם אין די צײַטונגען די באַשרײַבונג, ווי אַזוי איינער פון די דרײַ (געהאַנגען האָט מען זיי אַלע דרײַ) האָט זיך לאַנג געראַנגלט מיטן טויט, מחמת ער איז געווען אַ שווערער (דאָס איז געווען באַמשטיין), האָט מען אים צוויי מאָל געמוזט הענגען... אַזוי האָט מען געשריבן נאָכדעם אין די צײַטונגען, און מיר האָבן עס געלייענט, דאָס הייסט, ניט מיר אַלע, געלייענט האָבן דאָס נאָר איך און ראָזע: פון דער באָבע מיטן אייניקל האָבן מיר די בלעטער באַהאַלטן — און אַזוי האָט זיך די שטוב באַרײַכט מיט נאָך אַ יונגער אלמנה, אַלמנה נומער דרײַ!... און אַ טרויער האָט זיך געלייגט אַף דער שטוב, אַ שטילער, אַ טויטער טרויער, אַזאַ טרויער, וואָס עס עקזיסטירט ניט פאַר אים ניט קיין פאַרב, ניט קיין ווערטער; אַזאַ טרויער, וואָס באַשרײַבן אים טאָר מען ניט, וואָרעם באַשרײַבן אים הייסט פּראָפאַנירן; אַזאַ טרויער, וואָס ווען אַ שרײַבער פון אײַערע שרײַבערס רירט זיך צו צו דעם, וואָלט איך אים איבערגעבראָכן די פינגער!... אַזאַ טרויער, וואָס מע דאַרף ניט. מע קאָן ניט און מע טאָר ניט פון אים ריידן... אַלץ לעבט נאָר אין דער פאַרגאַנגענהייט, אין די ערינערונגען. דרײַ אַלמנות — דרײַ לעבנס. נישט קיין גאַנצע לעבנס, נאָר האַלבע לעבנס, און נישט קיין האַלבע אויך, נאָר שטיקלעך לעבנס, אָנפאַנגען פון לעבן. איטלעכס פון די

דרײַ לעבנס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי גוט, אַזוי פּאָעטיש, אַ שײַן געטאָן אַף אַ מינוט — און פֿאַרשוווּנדן!... פון מיר רייד איך נישט. איך בין נישטאָ. דאָס הייסט, גיין גיי איך אַהין אַלע טאָג, זיץ־אויס מיט זיי גאַנצע נעכט, ריידן פון אַמאָליקע גליקלעכע טעג, דערמאָנען זאַכן מיט מעשיות מיט געשיכטעס פון מײַן טײַערן פרײַנט פּיניע פון דעם גוטן ערלעכן שאַ־פּירא, פונעם העלד מישאַ גרוזעוויטש, וואָס די צײַטונגען האָבן נאָכדעם אַף אים געשריבן, אַז אין זײַן פּאַך, בעמיע, איז ער געווען אַ זשעניע... און אַוועקגיין גיי איך אַוועק פון דאָרט אַלע מאָל מיט אַ צעווייטיקט האַרץ, מיט אַ פֿאַרדראָס און איך פרעג מיך אַליין: פֿאַרוואָס האָב איך פֿאַרשפּילט מײַן לעבן אַזוי נאַריש? ווו הייבט זיך אָן מײַן ערשטער פעלער און ווען וועט זײַן דער לעצטער? אַז ליב האָב איך זיי אַלע דרײַ, און טײַער זײַנען זיי מיר אַלע דרײַ, און יעדע פון די דרײַ האָט געקאָנט זײַן מײַנע, און אפשר נאָך איצט אויך... און איטלעכער פון די דרײַ בין איך אי ליב, אי איבעריק, אי נייטיק, אי אָנגעוואָרפן. און לאָם איך איין טאָג נישט קר־מען, טוט זיך חושך, און לאָם איך זיצן אַן איבעריקע האַלבע שעה, זײַנען זיי מיך משלח, פשוט הייסן מיר נעמען דעם וועג. טוען נישט פון דאַנען אַהין, זיי זאָלן מיך נישט פרעגן. לאָם איך זיי עפּעס פֿאַרהאַלטן, זאָגן זיי, אַז איך האָב ליב אומעטום זיך אַרײַנמישן, — ווער איך אין כעס און לויף אַוועק און פֿאַרשלים מיך מיט דער קאַץ און זאָג אָן דער דינסט, אַז טאָמער וועט מען צו מיר קלינגען, זאָל זי זאָגן, אַז איך בין נישטאָ, אַז איך בין אַוועקגעפאָרן, און נעם מיך צו מײַן טאָגבוך. איז פיר אַ טאָג־בוך שוין זעקס־און־דרײַסיק יאָר, אַן אינטערעסאַנט בוך; איר קאָנט שוין זיכער זײַן! פאַר מיר אַליין פיר איך דאָס בוך, נישט פאַר קיינעם. אַזוי לאַנג קרענקט די ליטעראַטור אײַערע, ווי לאַנג זי איז ווערט צו האָבן אַזאַ טאָגבוך! אײַך, קאָן זײַן, וועל איך דאָס אַמאָל ווײַזן, קיין אַנ־דערן — פאַר קיין געלט נישט... און וואָס טויג אײַך, עס גייט נישט אַוועק קיין האַלבע שעה, קלאַפּט מען מיר אָן אין טיר. „ווער איז עס?" — „דאָס מיידל פון די אַלמנות איז געקומען אײַך רופן צום מיטאָג. וואָס זאָל מען איר זאָגן?" — „זאָגט, אַז איך קום באַלד צו גיין".

נו? וואָס וועט איר עפּעס איצטער זאָגן, מײַן ליבער פרײַנד? וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַער פּסיכאָלאָגיע?... איר כאַפּט זיך גיין? קומט, איך גיי אויך מיט אײַך. איך דאַרף זײַן בײַ מײַנע דרײַ אַלמנות. איין מאָמענט נאָר, איך וועל אָנזאָגן, מע זאָל דאָ געבן דער קאַץ עסן, יואָרעם

איך קאָן מיך דאָרט פּאַרזיצן ביז טאָג אויך אַמאָל. מיר שפּילן אין „יעראַלאַש", אַמאָל אין פּרעפעראַנס. אין געלט שפּילן מיר. און איר זאָלט זען, ווי יעדער וויל געווינען! און אַז מע מאַכט אַ שלעכטן גאַנג, לייגט מען נישט קיין כבוד, ניט זיי אויף מיר, נישט איך אויף זיי. בײַ מיר, אַז עמעצער מאַכט אַ שלעכטן גאַנג אין קאָרטן, בין איך קאַפּאַבל יענעם דורס זײַן, צערײַסן! וואָס באַטײַט, למשל, אײַער שמייכל? איך וויים, גלייבט מיר, וואָס איר טראַכט אַצינד. איך קען אײַך דורך און דורך, און לאַך פון אײַער באָבע! איר טראַכט אַצינד אויף מיר: „אַן אַלטער בחור, אַ בעל־כעסן"...

עד כאן אלע דרײַ אלמנות.

געשריבן אין יאָר 1907

פון דער ריוויערא

— וואָס איז אַזעלכעס „ריוויערא״ — זאָלט איר מיך ניט פרעגן. אַזוי ווי איך האָב פון דעם קיינמאָל ניט געוווּסט, אַזוי זאָלט איר דערפון ניט וויסן. און הלוואי וואָלט איך אויך דערפון ניט געוווּסט. קורץ, איר ווילט וויסן, וואָס הייסט „ריוויערא״? וועל איך אײַך זאָגן אין דרײַ ווערטער: „זשיד, דאַוואַי הראָשי״! ריוויערא — דאָס איז אַזאַ מין ערטל אין איטאַליע, וואָס דאָקטוירים האָבן אויסגעטראַכט צו פּרעסן געלט באַם עולם. דער הימל איז דאָרטן שטענדיק לויטער. דער אייגענער הימל, וואָס באַ אונדז. די זון אויך די אייגענע. נאָר דער ים דעקוטשעט — סכנות! ער וואַרפט זיך, ער רוישט, דולט אַ ספּאָדיק — און איר האַלט אין איין צאָלן געלט. פאַר וואָס געלט? פאַר גאָרנישט. גאָלע גאָרנישט. אָט דערפאַר אָ, וואָס דו ביסט אַ בהמה און האָסט זיך געלאָזט אײַנרעדן „ריוויערא״ — צאָלט געלט. און איר צאָלט. וואָרעם, אדרבה, זײַט אַ בריה און צאָלט ניט! איר מיינט, מע קריגט זיך מיט אײַך? זיך־לעריי? בזיונות? חלילה! דווקא מיט גוטן. קושנדיק נעמט מען צו באַ אײַך די נשמה. איין מעלה האָט זי יאָ, די דאָזיקע „ריוויערא״ — דעם אמת קאָן מען ניט אָפּלייקענען — ס'איז דאָרט וואַרעם. און אַז ס'איז וואַרעם, זאָגט מען, הוסט זיך ווייניקער. און וואַרעם איז דאָרט שטענדיק, אַ גאַנץ קײַלעכיק יאָר. סײַ זומער, סײַ ווינטער. איר מיינט, וואָס איז דער שכל? אַ פּראָסטער שכל: די זון וואַרעמט, איז וואַרעם. בכן, איז וואָס? אַז מע הייצט גוט אויס, איז באַ אונדז אויך ניט קאַלט. זאָגן זיי אָבער — „לופט״. אמת, די לופט איז ניט קיין שלעכטע לופט. סע שמעקט ניט שלעכט. ווי מיט בשמים. ניט די לופט שמעקט, די מאַראַנצן שמעקן. עס וואַקסן דאָרט מאַראַנצן. ווייס איך ניט, צי מע דאַרף פאָרן צוליב דעם אַזש אַהין. לופט איז, דאַכט זיך, פאַראַן אומעטום. און מאַראַנצן קאָן מען קויפן באַ אונדז אויך. זאָגן אָבער די דאָקטוירים, אַז לופט צו לופט

איז ניט גלײַך. די לופט, זאָגן זיי, וואָס שמעקט מיט בשמים, הײלט. אזוי זאָגן זיי, די דאָקטוירים הייסט עס. נאָר מאַלע וואָס דאָקטוירים זאָגן! למאי זיי זאָגן, אז דער ים, וואָס אַף דער „ריוויערא", ציט ארויס אַלע שלאָפקייטן? איך וועל אײַך ניט זאָגן, אפשר ציט ער בא עמעצן ארויס שלאָפקייטן. בא מיר ווייס איך, אז ער האָט ארויסגעצויגן ווי איך האָב געהאַט ערגעץ א גראָשן, אָט דער דאָזיקער ים! און ניט אזוי דער ים, ווי די דאָקטוירים. מיר האָט גאָט צוגעשיקט אַף דער „ריוויערא" א דאָקטער, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — נו־נו! דאָס הייסט, אזוי איז ער אפילו א גאַנץ ליבלעכער מענטש, דווקא א ייִד, און נאָך וואָסער א ייִד! רעדט ייִדיש, ווי איך מיט אײַך, און אזוי זיס, אזוי קלוג־לדיק, שטרודלדיק, צימעסדיק — גאָר א מחיה. נאָר געלט קאָן עס צאַפּן, אוי צאַפּט דאָס! מאָלט אײַך, וואָס בא מיר וועט מען שוין אָנצאַפּן! גע־טראָפן דעם אָרט! איך האָב מיך מיישב געווען, הערט איר, און האָב מיך געלאָזט פירן ביז דער לעצטער מינוט. איך האָב באַלד ארויסגעזען, מיט וועמען איך האָב צו טאָן. נאָר איך האָב מיך געמאַכט ניט־ווייסנדיק. ווילסט צאַפּן — צאַפּ. תחילת הערט ער מיך אויס, פרעגט מיך אויס, טאַפּט מיך אויס מיט העמערלעך און מיט קלעפּערלעך, מיט טרײַבלעך און מיט רערלעך, און הייסט מיר קומען מאָרגן. פרעג איך אים: „האָט קיין פאַראיבל ניט, הער דאָקטער, איך ווייס ניט די היגע מנהגים; וואָס קומט אײַך פאַרן וויזיט?" קוקט ער אַף מיר דורך די ברילן, האַלט די הענט אין די קעשענעס און מאַכט צו מיר: „דאָס וועט זײַן שפּעטער". טראַכט איך מיר: „געפּועלט. ווילסט שפּעטער, איז שפּעטער"... איך קום צו גיין מאָרגן — ווידער א מאָל דאָס אייגענע: אויסגעהערט, אויסגעפרעגט, אויסגעטאַפּט און אויסגעקלאַפּט — הייסט ער מיר קומען איבערמאָרגן, וועט ער מיר ארײַנשפּריצן. פרעג איך אים: „האָט קיין פאַראיבל ניט, הער דאָקטער, וואָס קומט אײַך?" זאָגט ער: „שפּעטער". שפּעטער, איז שפּעטער. קום איך צו גיין איבערמאָרגן, שפּריצט ער מיר ארײַן און הייסט מיר קומען מאָרגן, וועט ער מיר מאַכן מאַסאַזש. קום איך צו גיין מאָרגן, ער זאָל מיר מאַכן מאַסאַזש, מאַכט ער מיר מאַסאַזש. דאָס הייסט, ער רײַבט מיר אײַן דאָס נעכטיקע ארײַנשפּריצעכטס, אזוי דאַרף מען פאַרשטיין, און הייסט מיר קומען מאָרגן, וועט ער מיר ווידער א מאָל ארײַנשפּריצן. פרעג איך אים: „וואָס קומט אײַך?" זאָגט ער: „שפּע־טער". שפּעטער, איז שפּעטער. אַלע מאָל די אייגענע חכמה, א טאָג איבער

אַ טאָג: איין טאָג אַרײַנגעשפּריצט, דעם אַנדערן טאָג אײַנגעריבן דאָס אַרײַנשפּריצעכטס. איז מיר באַלד נישט געפֿעלן דער שווינדל. ממה־נפֿשך, ווילסטו מיך שמײַסן מיט צוויי ריטער — שמײַס. צו וואָס דאַרפֿסטו נאָך ציִען? ווי שטייט דאָס, אַז אויף אַרײַנשפּריצן דאַרף מען אַ באַזונדערן טאָג און אויף אײַנרײַבן דאָס אַרײַנשפּריצעכטס ווידער אַ באַזונדערן טאָג? דאַכט זיך מיר, אַז ס׳איז גלײַכער ביידע זאַכן אין־איינעם. דער שׂכל איז דאָך מתחייב: אָט האָב איך דיר אַרײַנגעשפּריצט, אָט האָב איך דיר עס אײַנגעריבן. אַלא וואָס דען? צערעמאָניע? דאַרפֿן מיר לערנען דעם פּשט, אַז דו ווילסט צאַפּן? צאַפּ! אַי, אפֿשר צאַפּט זיך גאָר נישט? טאָמער איז נישטאָ פֿון וואַנען? דו קענסט מיך? דו ווייסט מיך? ביסט געווען בײַ מיר אין קעשענע? האָסט געציילט מײַן געלט?...

כך הווה. ס׳איז אַוועקגעגאַנגען אַ חודש, שיקט ער מיר אַרײַן דורך דער פּאָסט אַ רעכענונג. איז מיר פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. פֿאַר יעדן אַרײַנשפּריצעכטס הייסט ער זיך באַצאָלן צען פֿראַנקן — דאָרט צאָפּט מען געלט אויף די פֿראַנקן — און פֿאַר יעדן אײַנרײַבן דאָס אַרײַנשפּריצעכטס — פֿינף פֿראַנקן. נישקשה פֿון אַ רעכענונג! פֿון אַזאַ מין קוראַציע קאָן מען טאַקע גיין אין גאַלד! האָב איך מיך מיישב געווען — וואָס טוט מען? זיך דינגען מיט אים? דאָס וועל איך צײַט האָבן שפּעטער. אַז מאָנען מאָנט ער נית, דער חכם, הײַנט צו וואָס זאָל איך מיך באַפּן? גיי איך צו אים, ווי איך בין געגאַנגען, אַ טאָג איבער אַ טאָג, און ער שפּריצט. איך גיי, און ער שפּריצט. און אָט אַזוי איז אַוועק דער ווינטער. אָקערשט ווי מע זעט נית, איז פּורים. צײַט קלערן מכח פֿאָרן אַהיים. ובפֿרט, אַז איך געזונט, דאַנק גאָט, פֿיל איך מיך אויך נישקשהדיק, גאַנץ נישקשהדיק. מע קאָן זאָגן — למאי זאָל איך לייקענען? — הלוואי ווײַטער נית ע ר ג ע ר; בעסער האָט קיין שיִער נישט. דאַרף מען, הייסט עס, אַפּנים, זיך אָפּגעזעגענען מיטן קלוגן דאָקטער און פֿאָרן אַהיים! קום איך צוגיין צום דאָקטער: „אַזוי און אַזוי, הער דאָקטער, איך פֿאָר אַהיים". זאָגט ער: „געזונטערהייט". זאָג איך: „נו? און מכח דער רעכענונג? מע דאַרף דאָך צעצאָלן זיך מיט אײַך אויך, צי נײַן?"... קוקט ער אויף מיר דורך די ברילן, האַלט די הענט אין די קעשענעס און מאַכט צו מיר: „נו?" ווי איינער רעדט: און וועמען איז דען די מניעה? רוף איך מיך אָן צו אים: „האָט קיין פֿאַראיבל נית, הער דאָקטער. איידער מיר וועלן זיך מיט אײַך צערעכענען, וואָלט איך אײַך דערציילן פֿריִער אַ

מעשה, אויב איר האָט צײַט"... מאַכט ער צו מיר: „קיין צײַט האָב איך ניט, נאָר אויב נישט קיין לאַנגע, דערציילט". זעץ איך מיך אַוועק און דערציי̈ל אים די מעשה:

„ווי איר זעט מיך, זאָג איך, בין איך אַ ייִד, דאַנק גאָט, אַזוי זיך. און קינדער, דאַנק גאָט, האָב איך אויך, פינף זאָלן געזונט זײַן. פינף זין. זײַנען פיר פון זיי דווקא ווי̈לע קינדער, געראָטענע, נאָר איינער, ניט פאַר אײַך געדאַכט, — אַ דער רוח ווייס וואָס. נישט געוואָלט לערנען — אַ נישט אַ לעק. אַ שלעכט קינד. געהרגעט, געממיתט, געוואָלט אַרויסשלאָגן דעם עקשן — איז ניט מיט גוטן, ניט מיט בייזן. אַ שלעכט קינד. וואָס טוט מען? זאָגט צו מיר מײַנע: „מאַך אים פאַר אַ בעל־מלאכה". „אַ בעל־מלאכה? משוגע מײַנע שונאים!" „וואָס זשע! אַז דו וועסט אים דערהרגענען, וועט זײַן בעסער?" אַהין־אַהער, איך זע — זי איז גערעכט. גיי איך און גיב אים אָפּ צו אַ בעל־מלאכה, צום בעסטן שנײַדער, און באַדינג מיך מיט אים אויף דרײַ יאָר פאַר דרײַ הונדערטער: „נאָט אײַך אים, דעם תכשיט, און מאַכט מיר אים פאַר אַ בעל־מלאכה"... און כ'האָב מיך צעשריבן, מיטן דאָזיקן שנײַדער, בפירוש, אַז אין אַ משך פון דרײַ יאָר דאַרף ער אים מאַכן פאַר אַ פאַרטיקן בעל־מלאכה, און איך דאַרף אים אײַנצאָלן דערפאַר דרײַ הונדערטער. אַוועקגעגאַנגען דאָס ערשטע יאָר — מײַן שנײַדער איז געקומען, אָפּגענומען דעם ערשטן הונדערטער, זיך צעשריבן. פֿײַן. אַוועקגעגאַנגען דאָס אַנדערע יאָר — מײַן שנײַדער איז געקומען, אָפּגענומען דעם אַנדערן הונדערטער, זיך צעשריבן. פֿײַן. אַוועקגעגאַנגען דאָס דריטע יאָר — מײַן שנײַדער איז ניטאָ. איך וואַרט אַ וואָך. איך וואַרט צוויי — ניטאָ. וואָס איז די מעשה? גיי איך אַוועק צו מײַן שנײַדער: „רב חיים, פאַר וואָס זײַט איר נישט געקומען, זאָג איך, נאָכן דריטן הונדערטער?" מאַכט ער צו מיר: „עס קומט מיר ניט". „וואָס איז דער שכל?" „דער שכל, זאָגט ער, איז אַ פּראָסטער שכל. אונדזער שנײַדערײַ, זאָגט ער, באַשטייט פון דרײַ פּונקטן: אַ שנײַדער, זאָגט ער, דאַרף קענען ערשטנס, די מלאכה. צווייטנס, דאַרף ער, זאָגט ער, קענען אַרונטערנעמען אַמאָל אַ שטיקל יתור, אַז עס בלײַבט איבער. ווילט איר דאָס, זאָגט ער, אָנרופן גנבה, רופט דאָס אָן, ווי איר ווילט. און, דריטנס, זאָגט ער, דאַרף אַ שנײַדער קענען אויסטרינקען, נעמען, הייסט עס, אַמאָל אונטער אַ יום־טוב, אַ ביסל בראָנפן. איז אויף צוויי פּונקטן אײַער זון, זאָגט ער, אַ פאַר־

טיקער בעל־מלאכה. דאָס הייסט, ער איז נישקשהדיק פון אַ גנב, און מיט אַביסל בראָנפן וועט ער זיך, זאָגט ער, אויסגלײַכן מיט אַלע שכורים. נאָר אַ בעל־מלאכה — דאָס, זאָגט ער, וועט ער ניט זײַן ווײַל ער וועט לעבן. הײַנט פאַר וואָס קומט מיר אַ הונדערטער?"...

אויסגעהערט די מעשה, מאַכט צו מיר דער דאָקטער: „אַקעגן וואָס זשע, הייסט עס, איז דאָס געקומען צו רייד?" „אַקעגן דעם, זאָג איך, וואָס אײַער מלאכה, זאָג איך, דאָקטאָריע הייסט עס, באַשטייט, ווי יעדע מלאכה, פון דרײַ פונקטן: מע דאַרף זײַן, ערשטנס, אַ גוטער דאָקטער. צווייטנס, דאַרף מען זײַן אַ מענטש מיט יושר. און, דריטנס, זאָג איך, דאַרף אַ דאָקטער קאָנען מאַכן געלט. וועלכער פונקט פון די ערשטע צוויי פונקטן עס וועגט בײַ אײַך אַריבער — דאָס, זאָג איך, ווייס איך ניט. נאָר וואָס פאַר אַ דאָקטער איר זײַט, זאָג איך, אַף חשבונות מאַכן — אַף מיר אַזאַ יאָר. און איצטער, זאָג איך, אײַער סחורה, מײַן געלט — לאָמיר זיך דינגען"...

פאַרשטייט זיך, אַזוי פיל מכות אונדזערע שונאים, וויפל איך האָב אָפּגעריסן בײַ אים מער פון צוויי דריטל. נאָר, גלייבט מיר, ס'איז דאָס אויך ניט ווערט, וואָרעם איך זאָל גלאַט זיצן אינדערהיים און גאָרנישט טאָן, און ס'זאָל מיר זײַן באַשערט, וואָלט איך סײַ ווי סײַ געזונט געוואָרן — הײַנט וואָס איז מיר די „ריוויערא"?

געשריבן אין יאָר 1909

ניטל פורישקיעוויטש

א מעשה, ווי אזוי א יידענע אן אלמנה, וואס הייסט גיטל און האנדלט מיט וויסאצקיס טיי, האט נאך דריי יאר שווערע ארבעט אין דער דריטער דומע סוף־כל־סוף ארויסגעראטעוועט איר בן־יחיד פון דינסט, אוועקגעגעבן א גאנצע פריסוטססטוויע פאד־סוד, און דעריבער באקומען אין שטאט דעם נאמען פורישקעוויטש. דערציילט אין איין אטעם טאקע פון איר אליין.

— זעט נאר, ווי מע האט זיך עס צונויפגעקליבן, ווי אף א בייז וואונדער! צעגייט אייך, יידן, ווי זאלץ אין וואסער. מע וועט נישט באווייזן קיין קאמעדיעס און מע וועט נישט דערציילן קיין בבא־מעשיות, אפן הימל א יאריד. מע האט מיר געזאגט, אז דא איז פאראן עפעס איינער א שלום־ליכעם, וואס שרייבט. אט דאס זייט איר אליין טאקע אט דער שלום־ליכעם, וואס שרייבט? שרייבט־זשע טאקע, די האנט זאל אייך גאר נישט ווײ טאן שרייבנדיק. די גאנצע שטאט זאלט איר באשרייבן, פון אויבן ביז אראפ. נישקשה, זיי האבן עס כשר פארדינט. און דערהויפט — די נגידים, די מיוחסים פון גאט, וואס האבן זיך איינגערעדט, אז די גאנצע וועלט איז באשאפן געווארן פון זייערטוועגן. מיר דארפן הארעווען און פארשווארצט ווערן, און זיי וועלן זיך אויסקויפן פאר געלט פון אלע צרות און פון אלע גזירות, און נאך מאכן חוזק פון א יידענע אן אלמנה, וואס לעבט פון וויסאצקיס טיי. איך שטעל־צו וויסאצקיס טיי שטעל איך צו אין אלע בעל־הבתישע הייזער אף אויסצאלן, און דערפון ציי איך מיר מיין שטיקל ברויט מיט מיין קינד, איין שטיקל בן־יחיד, וואס מע האט דאס געוואלט בא מיר אוועקנעמען פאר פרעמדע זינד. איר מעגט דאס הארכן, וואס עס קאן זיך פארלויפן אף דער וועלט. מיר דאכט, אז זינט די וועלט איז א וועלט, האט זיך נאך נישט געטראפן, אז מע זאל צונעמען איין־און־איינציקן בן־יחיד, א קארמאק אף די עלטערע יארן, בא א מאמע אן אלמנה. וואס פריער גאט און דערנאך וויסאצקי

קאָן זי זיך באַרימען, אַז זי לעבט אויף דער וועלט. אַלץ הייסט געלעבט. גוט געשטאָרבן הייסט אויך געלעבט. וואָרעם וואָס האָט מען פונעם פונט טיי, משטיינס געזאָגט, בײַ הײַנטיקע קאָנקורענציעס, אַז ווי ערגעץ אַ ייִד אַן אָרעמאַן, טראָגט ער אַרום איבער די הײַזער טיי צו פאַרקויפן. דאַרף מען זיך שמײַסן. אַז יענער וואַרפט־אַראָפּ צען, וואַרף איך אַראָפּ פופצן, און אַז יענער וואַרפט פופצן, וואַרף איך צוואַנציק. ביז וואַנעט איז דער שיִער צו וואַרפן? איך בין דאָך נישט וויסאָצקי! ביטער ווי דער טויט, וואָס זאָלט איר קלערן? דער גאַנצער אַרויסקוק מײַנער איז מײַן קאַרמאַק אויף דער עלטער, מײַן משה. איך פאַרמאָג איין שטיקל בן־יחיד, פון מײַן מאַן אַ ירושה, משטיינס געזאָגט. אפילו זייער אַ וווּל קינד, איך קאָן מיך נישט באַקלאָגן. אַ געזונטער, אַ שיינער, אַ גלאַטער, מיט אַלע מעלות, נאָר לערנען האָט ער נישט געוואָלט.ווי אַזוי, מיינט איר, נישט געוואָלט? כאָטש האַק אים, כאָטש בראָק אים. וואָס וועט זײַן, זאָג איך, דער תּכלית, משה, אַז לערנען נישט, שרײַבן נישט, דאַוונען אויך ניט, — קומט דיר אויס צו זײַן נאָר אַ הינטשלעגער! ענטפערט די וואַנט? בין איך געגאַנגען און האָב אים אַוועקגעגעבן פאַר אַ בעל־מלאכה, צו אַ שנײַדער, און אָפּגערעדט מיטן שנײַדער בפירוש, אַז ער זאָל אים לערנען שנײַדערײַ. איז אַזוי ווי איר קוקט־אָן אַ נאָדל־פאָדעם, אַזוי האָט ער אָנגעקוקט בײַ אים אַ נאָדל־פאָדעם. טאָג ווי נאַכט אַרומגעטראָגן זיך מיטן קינד, אָדער געהאָלפן דער שנײַדערן שיילן קאַרטאָפּלעס, אָדער אַרויסגעטראָגן די פּאָמוניצע. אָנוואַרעמען דאָס פרעסל — דאָס איז שוין געווען אַ זכיה. בין איך געגאַנגען און האָב אים אָפּגענומען פונעם שנײַדער און אַוועקגעגעבן צו אַ שוסטער. האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ רוצח, אַ גזלן, וואָס טאָמער עפּעס נישט אַזוי, קאָן ער אײַך וואַרפן אַ האַמער אין קאָפּ און צעשלאָגן דעם מוח. בין איך געגאַנגען און האָב אים צוגענומען פונעם שוסטער און אָפּגעגעבן אים צו אַן אײַנבינדער אַ שלים־מזל, וואָס זיצט אָן פּרנסה, קוקט נישט אָן קיין שטיקל אַרבעט אין די אויגן. האָב איך אים אָפּגענומען פונעם אײַנבינדער דעם שלים־מזל און אָפּגעגעבן אים צו אַ זייגערמאַכער, נאָך אַ גרעסערן שלים־מזל, וואָס נישט ער פאַרריכט זייגערס, נאָר ער מאַכט זיי קאַליע. אַזוי זאָגן אַלע אין שטאָט. וואָס־זשע דאַרף איך, אַז ער זאָל מיר מאַכן מײַן זון פאַר אַ קאַליקע? האָב איך אים אָפּגענומען פונעם זייגערמאַכער און האָב אים אָפּגעגעבן צו אַ שמוקלער, ער זאָל אים לערנען דרייען, שמוקלערײַ הייסט

עס, און איך האָב מיך מיט אים צעשריבן, מיטן שמוקלער הייסט עס, אַף צוויי יאָר, דאָס הייסט, צוויי יאָר דאַרף ער אים דרייען אומזיסט, און אפֿן דריטן יאָר, אַז ער וועט שוין קאָנען גוט דרייען, וועט ער שוין עפּעס פֿאַרדינען אויך. און נאָט האָט מיר געהאָלפֿן, איך האָב אָנגעטראָפֿן אַף אַ רעכטן בעל־מלאכה, וואָס האָט אפֿילו ליב דעם טרונק, דערפֿאַר האָט ער אָבער אויסגעלערנט מײַן זון דרייען אין אַ סך ווינציקער, ווי איך רייד מיט אײַך. די אַרבעט האָט אים פֿאָליובעט, און מײַן משה איז אין איין האַלב יאָר געוואָרן אַ פֿאָלנע שמוקלער. נאָר וואָס קומט מיר אַרויס, אַז ער דאַרף אים דרייען אומזיסט צוויי יאָר דורכאַנאַנד? צעשריבן זיך — איז פֿאַרפֿאַלן. גאָט האָט מיר געהאָלפֿן, די צוויי יאָר זײַנען אויך איבערגעלאָפֿן. מאָלט אײַך, עס רעדט זיך אַזוי: איבערגעלאָפֿן! אַז איך האָב איבערגעלעבט די צײַט, בין איך גלאַט אַן אײַזערנע; און אַז איך בין שוין איבערגעקומען, זײַט איר שוין פֿאַרטיק? דאַרף מען ערשט גיין קריגן אים ערגעץ אַ שטעלע, אָדער זוכן אַרבעט, שמוקלערײַ — וווּ זשע האָט איר אַרבעט? אַ שכור האָט פֿאַרלוירן, אַ ניכטערער האָט נעפֿונען? און דאָ בין איך איין מענטש אַליין, מיטן פֿונט טיי איבער די הײַזער, און די קאָנקורענציע איז גרויס, און אַן אָנזעץ האָב איך אויך געהאַט. אַ ייִד אַ בעל־הבית האָט אָנגענומען בײַ מיר דרײַ מיט אַ האַלב פֿונט טיי אַף אויסצאָלן און האָט אין איין נאַכט עוקר געווען, אַוועק, זאָגט מען, קיין אַמעריקע — אַ כּלירע וואָלט איך זיך אַף אים גיכער געריכט! איך האָב דעמאָלט געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט איז אַף מיר געפֿאַלן. אַ קלייניקייט — דרײַ מיט אַ האַלב פֿונט טיי אַף צוויי רובל מיט צוואַנציק? און מע מוז עס האַלטן אין זיך, וואָרעם טאָמער ווערט געוואָר וויסאָצקי, אַז איך האָב אַן אײַנפֿאַל, קאָן עס מיר זײַן אַ סגולה צו קרעדיט. וואָס־זשע טוט גאָט? זאָגט ער: „גיטל, דו ווײַנסט? וואַרט־אויס, דו וועסט ערשט ווײַנען. אָט גייט אַף דיר אַ פּריזיוו"... וואָס פּריזיוו? ווער פּריזיוו? איין שטיקל בן־יחיד בײַ אַ מאַמע אַן אַלמנה, וואָס פֿריִער גאָט און דערנאָך וויסאָצקי — וווּ איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט? וווּ איז גאָט? וווּ איז סאָוועסט? נאָר גיי שרײַ חי וקיים! אַז ס'איז באַשערט צרות, באַדאַרף מײַן משה שטיין אַקוראַט אין איין יאָר מיט אונדזער נגידס דרײַ אייניקלעך, פֿון דרײַ טעכטער, דרײַ מכּות זאָל זיך זיי זעצן יעדן באַזונדער אַף אַזאַ אָן אָרט — זיי זאָלן נישט קאָנען נישט שטיין, ניט גיין, ניט ליגן, ניט זיצן. מע האָט מיר אָבער געזאָגט: „גיטל, זעט נאָר, אײַער

משה זאָל ניט זײַן אַ קרבן פֿאַר אונדזער נגידס אייניקלעך". כאַ־כאַ, וואָס הייסט? מײַנער איז אַ בן־יחיד, איין־און־איינציקער קאָרמאַק באַ אַן אָרעמער אַלמנה, וואָס פֿריִער גאָט און דערנאָך וויסאָצקי, און יענער איז אַ נגיד, אַ גביר, אַן אדיר, אַ מיליאָנטשיק — סײַדן ס'איז חלילה נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט! נאָר דער כח פֿון געלט — מע האָט גענומען אַרײַנפֿירן איינציקווײַז דעם נגידס אייניקלעך, פֿריִער איינעם — „נע גאָדים". דערנאָך דעם אַנדערן — „נע גאָדים". איז מיר געוואָרן גוט, וואָס זאָלט איר קלערן? וואָרעם טאָמער חלילה זאָגט מען דעם דריטן אויך „נע גאָדים" — איז דעמאָלט אַז אָך און ווי צו מײַן משהן! און, ווי אויף צו־להכעיס, איז, צו מײַנע גרויסע צרות, מײַן משה, קיין עין־הרע, דווקא אַ יונג מיט ביינער, אָן אַ ברעקל־חסרון. מע קאָן זאָגן, אַ גבר. דאָס הייסט, דעם נגידס אייניקלעך זײַנען אויך נישט קראַנק צו גיין דינען, נאָר זיי בראַקעוועט דער דאָקטער. דערזעט ער אַ נגידס אַ קינד — איז „נע גאָדים", און טו אים עפּעס! וועל איך שווײַגן? בין איך אַוועק באַצײַטנס צום פּרינצעדאַטעל און זאָג צו אים אַזוי: „אַדוני פּריץ, דעם נגידס צוויי שטיקלעך סחורה האָט מען שוין אַרויסגעבראַקעוועט; טאָמער חלילה בראַקעוועט מען ווײַטער, קאָן עס דערגיין צו מײַן משהן, און מײַן משה איז באַ מיר, זאָג איך, איין־און־איינציקער קאָרמאַק אויף דער על־טער"... ווערט ער מלא רציחה און הייסט, מע זאָל מיך אַרויסוואַרפֿן פֿון דער פּריסוטסטוויע. און כך הווה. איידער מע האָט נאָך אַרײַנגעפֿירט דאָס דריטע שטיקל סחורה פֿונעם נגיד, האָט דער דאָקטער שוין געזאָגט „נע גאָדים", און מע האָט שוין אַרײַנגעפֿירט מײַן משהן, און מע האָט אים שוין אָפּגעגעבן, און ער האָט שוין אָפּגעשוואָרן, און מע האָט אים שוין געזאָגט נאַ־ליעוואָ־נאַ־פּראַוואָ, אַ שלאַק האָט מיך געטראָפֿן, אין כאַרקאָווער גובערניע, און אַ גוטן טאָג מיט דער קאַפּאָטע — וועל איך שווײַגן? בין איך אַוועק צום פּרינצעדאַטעל און האָב אים אָפּגעשפּילט אַ פּרימאָרגן: נגידישע קינדער וועסטו בראַקעווען, און איין שטיקל בן־יחיד פֿון אַ מאַמע אַן אַלמנה, וואָס פֿריִער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי — ווּ איז סאָוועסט? ווּ איז גאָט? הייסט ער דאָך מסתמא, מע זאָל אַרויסוואַרפֿן די זשידאָווקע. איז אָבער די זשידאָווקע נישט פֿויל אויף דער פֿען און פֿאָרט־אַוועק אין דער גובערניע אַרײַן גלײַך צום גובערנאַטאָר, און אַ פֿאַל צו די פֿיס: אַדוני פּריץ, אַזוי און אַזוי: דרײַ אייניקלעך דעם נגידס האָט מען פֿאַרבראַקעוועט, און מײַן משהן, איין שטיקל בן־יחיד באַ אַן

אָרעמער אַלמנה, וואָס פריִער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, אַף די עלטערע יאָרן אַ קאָרמאַק — ווּ איז גאָט? ווּ איז סאָוועסט? הערט ער מיך אויס, דער גובערנאַטער, און זאָגט מיר, איך זאָל עס אים דערלאַנגען אַף פּאַפּיר. זאָג איך: אַדוני פּריץ! וואָס דאַרפסטו פּאַפּירן? אָט הערסטו פון מיר קלאָרע דבורים; נעם, שיק, דערפרעג זיך, ווּעסטו זען, אַז אַלץ, וואָס איך זאָג דיר, איז תּורת אמת. זאָגט ער צו מיר נאָך אַ מאָל: „אַף פּאַפּיר, אַף פּאַפּיר". זאָג איך אים: פּריצוניו! איך בין נישט קיין ייִדענע פון פּאַ-פּירן און מיט מסירות פאַרנעם איך זיך נישט; איך דערצייל דיר נאָר, וואָס מיר טוט וויי. נגידים בראַקעווען מען, און אָרעמע בני־יחידים נעמט מען צו — ווּ איז גאָט? ווּ איז סאָוועסט? זאָגט ער: „גוואַלד, וואָס וויל פון מיר די ייִדענע?" זאָג איך: זי וויל, מע זאָל דערגיין דעם אמת און איר אומקערן דעם קאָרמאַק, ווײַטער גאָרנישט. הימל און ערד האָבן גע-שוואָרן, אַז דער אמת מוז אַרויף, ווי בוימל אַפן וואַסער. ווערט ער שוין אין כּעס, דער גובערנאַטער, און הייסט אַרויסוואַרפן די זשידאָווקע. פּוילט זיך נישט די זשידאָווקע און פאַרקויפט־אויס וואָס זי האָט, און לאָזט זיך אַוועק זוכן דעם אמת גלײַך קיין פּיטערבאַרג. אין פּיטערבאַרג איז פאַראַן אַ מיניסטער וואָיענניך דיעל מיט אַ מיניסטער ווּנוטרעניך דיעל מיט אַ סינאָד. און אַז מע וועט דאַרפן צום קייסער, וועל איך נישט טרעפן? מיטן אמת קאָן איך קומען אַפילו פאַר גאָט. און כּך הווה. געקו-מען קיין פּיטערבאַרג, האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה מיט אַ פּראַוואָ-זשיטעלסטווע, מיט אַ טרײַבעניש. זאָג איך, אַז פאַר אַרויסטרײַבן האָב איך קיין מורא נישט; מורא האָב איך נאָר פאַר גאָט, זאָג איך, און פאַרן קייסער, און ווײַטער פאַר קיינעם נישט, וואָרעם איך גיי, זאָג איך, פאַרן אמת. און דערווײַל עסן דאַרף מען אויך, מע קאָן די נשמה נישט אויסשפּײַען. וואָס טוט מען? צו קיין נדבות בין איך נישט געוווינט גע-וואָרן. בין איך געפאַלן אַף אַן עצה. פּיטערבאַרג איז דאָך נישט קיין דאָרף, פאַראַן, ברוך־השם, ייִדן אומעטום, און וויסאָצקיס טיי קען מען אין פּיטערבאַרג אויך, אפשר נאָך מער ווי אומעטום. אַלע טשינאָווני-קעס טרינקען וויסאָצקיס טיי. און אַזוי ווי איך האָב צו טאָן מיט פּריִ-סוטסטווּעס און מיט טשינאָווניקעס, האָב איך אָנגעהויבן זיי אַרײַנטראָגן וויסאָצקיס טיי אין שטוב אַרײַן, געבן אַף אויסצאָלן — און פריִער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, איך האָב מיר פאַרדינט נישט נאָר מײַן ביטער אויס-קומעניש, איך האָב שוין געהאַט צו שיקן מײַן משהן אין פאָלק אַרײַן

אויך, אמאָל אַ קערבל, אמאָל צוויי. איין זאַך איז נאָר געווען ביטער: פּראַוואָזשיטעלסטווע! ווען איך האָב אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע אין פּייטערבאָרג, וואָלט איך גאָר געווען אַ קייסעריניע. נאָר אַזוי ווי איך האָב געהאַט צרות, נישט קיין פּראַוואָזשיטעלסטווע, איז טאַקע געווען ביטער, ווי דער טויט. עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, מע זאָל מיך אַרויסשיקן פון פּייטערבאָרג, טאַקע פּאָ עטאַפּו, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. האָט מיר דער אייבערשטער צוגעשיקט איינע אַ מאַדאַם, וואָס שרייבט אויף די בלעטער, זאָל איר גאָט געבן לאַנגע יאָר, רבונו של עולם. עפּעס טאַקע נאָר אַ מלאך, נישט קיין מענטש. אחוץ וואָס זי האָט מיך אויסגעלייזט פון אַלע צרות, האָט זי מיך נאָך באַקענט מיט פּאַרגאַמענטן. מסתמא האָט איר געהערט פון אים? אין דער דומע איז ער געווען פון די, וואָס ריידן. אַ מענטש אָן אַ גאַל, און אַ פּאַרשוין — ער זאָל נאָר האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן. וואָס דער האָט זיך אוועקגעלייגט פאַר מיר! מיר געגעבן אַ בריוו און נאָך אַ בריוו, אַלע צו אַזעלכע מענטשן, וואָס מע דאַרף האָבן אַ זכיה איידער מע טרעט נאָר צו צו זיי. האָבן זיי מיך אויסגעהערט און אָפּגעשיקט איינער צום אַנדערן, דער אַנדערער צום דריטן, אַלע מאָל העכער און העכער, ביז אין דער דומע אַריין. און איך האָב אָנגעהויבן גיין אין דער דומע אַריין כמעט אַלע טאָג, און אמאָל — צוויי מאָל אַ טאָג, אויסגעהערט אַלצדינג, וואָס מע רעדט אין דער דומע. און ריידן ריידן דאָרטן אַלע, נאָר שענער פון אַלע — אָט דער פּערגאַמענט. ער, אַז ער פלעגט זיך אוועקשטעלן ריידן, זאָג איך אייך, אַז אַ וואַנט קאָן עס נעמען, אַ שטיין קאָן צעגאַנגען ווערן. אַ קליינעקייט פּאַרגאַמענט! דערפאַר האָט ער געהאַט שונאים אין דער דומע, וואָס זאָל איך אייך זאָגן? און שטיגורערעס! און שרייערס! ווי די הינט — אַזוי פלעגן זיי אים באַפאַלן און מאַכן אַזעלכע סקאַנדאַלן, אַז איך פלעג קוים איינזיצן פון אויבן (מיין אָרט איז געווען אין דער דומע תמיד פון אויבן). אַז איך דערמאָן מיך אָן דעם פּאַרגאַמענטן, שטעלן זיך מיר טרערן אין די אויגן. וואָס ווייסט איר, וואָס פאַר אַ דימענט, וואָס פאַר אַ בארליאַנט דאָס איז געווען! אַז מע שמועסט אַ מלאך — איז דאָך נישט שייך צו זאָגן. אַלע געשעפטן און אַלע געסט פלעגט ער אוועקוואַרפן און מיך אויסהערן און אויספרעגן, וואָס שרייבט מיר מיין משה. וואָס זאָל ער מיר שרייבן? מיין משה שרייבט מיר, אַז עס גייט אים, דאַנק גאָט, אין דער סלאָזשבע נאָר ניט שלעכט. נאַטשאַלסטווע איז פון אים זייער צופרידן, נאָר ער האָט

צרות פון דעם פידפעבל. דער גוי טוט אים צום טויט, ער זאָל אים לײַען געלט. שווערט אים משה, אַז ער האָט נישט. גלייבט ער אים נישט. ער זאָגט, אַז אַלע ייִדן האָבן געלט, האָבן זאָל ער קדחת מיט פּרעהס מכות. נאָט אײַך אַ פידפעבל! לאַכט ער, פאַרגאַמענט הייסט עס. ער פּלעגט ליב האָבן צו לאַכן און טרײַבן קאַטאָוועס. איך קום איינמאָל צו גיין צו אים, בעט ער מיך זיצן און פרעגט מיך, ווי זײַן שטייגער איז, ווי גייט עס מיר אין פּיטערבאַרג? זאָג איך אים: „אַף אַלע משומדים געזאָגט גע־וואָרן". צעלאַכט ער זיך און פאַלט שיִער נישט אַראָפּ פונעם בענקל: „איך ווייסט, זאָגט ער, אַפּנים, נאָך נישט, אַז איך אַליין בין אויך אַ משומד?" „אַזעלכע משומדים, ווי איר, זאָג איך, מעגן זײַן אַ סך. און וויפל ס'איז דאָ, זאָג איך, משומדים אַף דער וועלט, מעגן זיי שוין אַלע, זאָג איך, זײַן די כפּרה פאַר אײַער מינדסטן נאָגל!" לאַכט ער נאָך מער. גייט ריכט זיך, אַז אַזאַ מענטש וועט נעמען און וועט געבן אַ שטאַרב־אַוועק! און אַזוי פּלוצעם! וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, מײַן ליבער פרײַנט? מע טאָר עס נישט אַרויסריידן, נאָר מיר דאַכט, אַז ווען מײַן מאַן עליו השלום איז געלעגן אַף דער ערד, האָב איך אַזוי פיל טרערן נישט פאַרגאָסן, ווי יענעם טאָג, וואָס מע האָט מיר געזאָגט, אַז פאַרגאַמענט איז געשטאָרב. אַן אייגענער טאַטע דאַרף אַזוי נישט באַנג טאָן. איך קאָן אײַך זאָגן, אַז זינט דער פאַרגאַמענט איז אַוועקגעשטאָרבן, איז מיר נמאס ומאוס געוואָרן אָט דאָס פּיטערבאַרג מיט דער דומע מיט דער גאַנצער וועלט. ווען פאַרגאַמענט זאָל זײַן, וואָלט גאָר אַנדערש געווען. נוסעלאָוויטש און פרידמאַן זײַנען אויך זייער ווילע מענטשן, למאַי זאָל איך זאָגן? נאָר ויסעלאָוויטש און פרידמאַן זײַנען נישט פאַרגאַמענט. איך קום צו גיין צו נוסעלאָוויטשן אָדער צו פרידמאַנען מיט אַ געוויין, זאָגן זיי מיר, אַז זיי קאָנען מיר גאָרנישט העלפן, זיי קאָנען נישט גיין קעגן זאַקאָן. זאָג איך: ווו איז דאָ אַזאַ זאַקאָן, אַז אַ נגיד, אַ גביר, אַן אדיר, אַ מיליאָנטשיק — זאָל מען זײַנע דרײַ ממזרים אַרויסבראַקעווען איינס נאָך דאָס אַנדערע, און פאַר זיי זאָל דינען איין־און־איינציקער בן־יחיד, אַ קאָרמאַק פון אַן אָרעמער אַלמנה, וואָס פריִער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי? אדרבה, זאָג איך, ווײַזט מיר, זאָג איך, אָט דעם זאַקאָן! אַ דומע, זאָג איך, מיט קיין עין־הרע אַזוי פיל מענטשן, און אַלע, זאָג איך, ריידן, און אַלע שרײַען, זאָג איך, און אַלע זידלען זיך, — פאַרוואָס, זאָג איך, זאָל זיך נישט געפינען כאָטש איינער, זאָג איך, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר אַן

אָרעמער אַלמנה, זאָג איך, וואָס פֿריִער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי? איאָ, איר שטומט? מע באַדאַרף זאָג איך, האָבן צו אײַך אַ פּורישקעוויטש, אַז אייגענעם, אַ יִידישן פּורישקעוויטש, וואָלט ער געלערנט, זאָג איך, מיט זיי בלק! שוין באַלד דרײַ יאָר, זאָג איך, אַז איך בין אין פּיטערבאָרג און דריי מיך אַרום דער דומע, האָט דען עמעצער, זאָג איך, געפּרוווט אַפילו אַ מויל עפֿענען וועגן אַזאַ רציחה, מע זאָל צונעמען בײַ אַן אָרעמער מאַמע, וואָס פֿריִער גאָט, דערנאָך וויסאָצקי, איר איין־און־איינציק שטיקל אָנשפּאַרעניש, איר קאָרמאַק אױף דער עלטער? סך־הכל האָט זיך געטראָפֿן נאָר איין מאָל דורך דער גאַנצער צײַט, וואָס איינער, עפּעס אַ בעסאַראַבער פּריץ, איז אַרוים מיט אַ רעדעניש וועגן וואָיענסקי פּאָווינאָסט. דערהערט „וואָיענסקי פּאָווינאָסט”, האָב איך מיך שוין דערפֿרייט. אָ, האָב איך מיר געקלערט, דאַנקען גאָט! קוים מיט צרות אַרויף אױפֿן אמת. שוין לאַנג צײַט געווען. וואָס זשע? אַז זיי ריידן אַזעלכע פּוסטע זאַכן, וואָס סע שלאָגט צו דער גאַל! דאָס האָט אוודאי אָנגעאַרבעט, טראַכט איך מיר, מײַן גוואַלדעווען מיט מײַן דערשלאָגן זיך צו די מיניסטאָרן, מיניסטער וואָיעניך דיעל און מיניסטער וונוטרעניך דיעל, צום סוף, וואָס לאָזט זיך אויס? אַ נעכטיקער טאָג! הערט אַן אײַנפֿאַל: „מע באַדאַרף, זאָגט ער, אײַנפֿירן אױף יִידן אַ באַזונדער וואָיענסקי פּאָווינאָסט, דורך געלט”. איר הערט? „יִידן, זאָגט ער, זאָלן זיך מעגן אויסקויפֿן פֿאַר געלט. ווילסט נישט דינען, גיב געלט”... הייסט דאָך עס, וויבאַלד אַזוי, אַ ישועה ווידער אַ מאָל פֿאַר די נגידים, אַ כּלירע זאָל אױף זיי קומען? און דינען וועלן, הייסט דאָס, טאַקע ווידער אַ מאָל קבצנים, און בני־יחידים דערצו? ווו איז גאָט? ווו איז סאָוועסט? כּך הווה. דער אייבערשטער האָט געטאָן אַ נס, עס איז געוואָרן אין דער דומע אַזאַ טומל מיט אַזאַ געפּילדער, אַז מע האָט נעקאָנט מיינען, מענטשן זײַנען נאָר משוגע געוואָרן. מער פֿון אַלע האָט געאַרבעט, געוויינטלעך, פּורישקעוויטש. אָט דער רשע מרושע, ימח שמו זאָל ער ווערן, האָט געוואָלט אויפֿווײַזן מיט ראיות און מיט עדות, אַז יִידן דינען נישט. לחלוטין נישט. נישטאָ איין ייִד, זאָגט ער, אין דער סלוזשבע. דאָס האָב איך שוין נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. עס האָט מיך נעגעבן אַ בראָט באַם האַרצן און אַ טראָג־אויף: סטײַטש, מײַן איין־און־איינציקער קאָרמאַק דינט שוין העכער דרײַ יאָר און האָט שוין נאָר אַ טאַנראַדע, קומט צו גיין אַ האָן אַ פּורישקעוויטש און זאָגט פֿאַר דער גאַנצער וועלט און פֿאַר אַלע מיניסטאָרן אַזעלכע ווערטער! זאָל איך

שוויַיגן? רוף איך מיך אָן פון אויבן, פון דער גאַלעריי הייסט עס, און דווקא הויך אַף דער גאַנצער דומע:

— א משה? ! — — — — — — — — — — — — — — — — — —

. . . .

וואָס איז געווען, ווילט איר וויסן? גאָרנישט. מע האָט מיך משלח געווען מיט כבוד פון דער דומע אַרויס און נאָך אָפּגעפירט אין טשאַסט און געוואָלט אַרויסשיקן מיטן עטאַפּ, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. האָב איך זיי געזאָגט, זאָג איך, אַז פאַר אַרויסשיקן האָב איך קיין מורא ניט. איך האָב מורא נאָר פאַר גאָט און פאַרן קייסער, וויַיטער פאַר קיינעם נישט. וואָרעם איך גיי פאַרן אמת. איך האָב א חלק אין דער דומע, האָב איך זיי געזאָגט, גליַיך מיט איַיך. איר, זאָג איך, רעדט וועגן וואָ־יענסקי פאָווינאָסט נאָר מיט דער צונג, זאָג איך, און מיַין זון, זאָג איך, דינט טאַקע דעם קייסער, כאָטש ער איז א בן־יחיד. הכלל, זיי האָבן זיך פון מיר נישט געגאַרט. זייער גליק, וואָס איך בין נישט פאַרבליבן איבער פּסח אין פּיטערבאָרג, בעת עס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער דומע דאָס קאָכעניש מיטן בלוט, אַז ייִדן נוצן בלוט אַף פּסח. איך וואָלט זיי באַוויזן, ווער סע פאַרגיסט בלוט: מיר, צי זיי? איז אָבער, אַף זייער טרפהנער הצלחה, בין איך אַף פּסח אַוועקגעפאָרן אַהיים, וואָרעם מע האָט מיר גע־געבן צו וויסן פונעם מיניסטער וואָיעניך דיעל, אַז מיַין משהן האָט מען פון פאָלק אומגעקערט אַהיים, און עס איז א סברה, אַז דער פּרינצע־דאַטעל מיטן דאָקטער מיט דער גאַנצער פּריסוטסטווע וועלן האָבן א ווייסטן סוף. זיי זיַינען אַלע פּאָד־סוד. וואָרעם ס'איז געווען א רעוויזיע און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז באַ זיי געווען א פאַבריקע פון וויַיסע בילעטן; ייִדן און קריסטן — ווער עס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן און א קערבל אין קעשענע — דער איז „נע גאָדים", און אָרעמע לײַט נעבעך, בני־יחידים, איין־און־איינציקע, האָבן באַדאַרפט גיין דינען. איצט איז שוין אָן עק, אויס מיוחסים! עס האָבן זיך אויסגעלאָזט באַ אונדז די פריִערדיקע גליקן מיטן הפקרות. אַלע וועלן שוין באַ אונדז זיַין גליַיך. נו, פרעג איך איַיך, איר זיַיט דאָך א מענטש, וואָס איר שריַיבט, — אדרבה, זאָגט שוין איר אַליין, קומט מיר נישט, מע זאָל פון מיר לאַכן, חוזק מאַכן, אַז ווו צוויי זאָל איך זיַין א דריטער? מילא, איר ווילט לאַכן, לאַכט צעזעצטערהייט; פאַר וואָס קומט מיר נאָך דער נאָ־

מען פֿאָרישקעוויטש, זײַן זאָל ער פֿאַר מיר די כּפּרה? „גיטל פֿורישקע־וויטש" רופֿן זיי מיך — זיי זאָלן כאָטש זאָגן „להבדיל"! אַ שטאָט פֿון סאַמע לצים, פּוסטע קעפּ, ליידיקגייערס. נו, האָבן זיי נישט פֿאַרדינט, מע זאָל זיי באַשרײַבן פֿון קליין ביז גרויס און פֿון קאָפּ ביז פֿיס? באַשרײַבט זיי טאַקע, פֿאַני שלום־לייכעם. באַשרײַבט זיי אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל פֿון זיי וויסן. באַשרײַבט זיי אַזוי, אַז ס'זאָל נישט בלײַבן פֿון זיי איינער נישט קיין באַשריבענער!

דאָקטוירים

ד י אַ ל אָ ג

— ווייסט איר ניט, פעטער, ווו זיצט דאָ ערגעץ דער דאָקטער פײַנפינקעלקרויט?

— האָ? ווי אַזוי האָט איר אים אָנגערופן? פײַנפיינ...

— פײַנפינקעלקרויט.

— פײַנפינקעלקרויט? אַזוי־זשע רעדט. פײַנפינקעלקרויט... עפּעס אַ קענטלעכער נאָמען... וואָס־זשע, איר דאַרפט טאַקע דווקא צו־נ־אים, נעפּרעמענעז צי ס'איז נישקשה אַן אַנדער דאָקטער אויך? פאַראַן בײַ אונדז, קיין עין־הרע, גענוג די דאָזיקע סחורה. אָט דאָ אַקעגן זיצט אויך אַ דאָקטער, צוויי דאָקטוירים; איינער אַן אמתער דאָקטער, און דער אַנדערער אַ ציין־דאָקטער. און טאַקע בײַם די דריטע שטוב, אָט דאָרט, זיצט אויך אַ דאָקטער, אַ גאַנץ פײַנער דאָקטער, אפילו נאָך גאָר אַ יונגיטשקער דאָקטער, נישט לאַנג פון דער פאַבריקע, נאָר נישקשה, ער האָט שוין אַ היפּשע פּראַקטיקע. עס האָבן בײַ אונדז אַלע דאָקטוירים שיין פּראַקטיקע, וואָרעם דער עולם, פאַרשטייט איר מיך, קיין עין־הרע, קרענקט... ווי אַזוי, האָט איר געזאָגט, רופט מען אים, דעם דאָקטער אײַערן? פינפיינפינ...

— פײַנפינקעלקרויט. איך דאַרף צו אים האָבן נישט מכח זיך...

— נאָר צוליב אײַער ווײַב? טאָ גייט גלײַך אַהין — זעט איר? דאָרט זיצט אַ ווײַבערשער דאָקטער. דאָס הייסט, אַ דאָקטער אַן אַקושאָר. מע זאָגט, אַ בריה אַ דאָקטער, און נאָר אויף די חולאתן... אַז מע שמועסט אַ ספּעציאַליסט, איז דאָך ניט שײַך! ס'איז שוין הײַנט אַזוי אײַנגעפירט אומעטום, אַז אויף יעדער ספּעציאַלנאָסט איז אַ באַזונדער דאָקטער: אויף בײַכער אַ דאָקטער, אויף לונג־און־לעבערס אַ דאָקטער, אויף אויגן אַ דאָקטער, אויף נערוון אַ דאָקטער, אויף קינדער אַ דאָקטער... הײַנט דאָס היילן,

וואָס מע היילט אַצינד, איז אויך נישט דאָס, וואָס אַמאָל. אַמאָל האָט מען געוווּסט רפואות, רעצעפּטן, פּילן, פּראָשקעס, ביטערע קרײַטער; הײַנט איז געוואָרן אַ מאָדע מאַשינעס מיט רײַבעניש, מיט מאַסאַזש, מיט בעדער, פּשוטע בעדער — די דאָקטוירים אַליין זײַנען הײַנט געוואָרן בע־דערס, און ס'איז גאָר אַ סברה, אַז הײַנט איז עס דאָס בעסטע געשעפט... אַף וואָס פֿאַר אַ ספּעציאַליסט איז ער, דער דאָקטער, וואָס איר פֿרעגט זיך נאָך אַף אים? וואָס איז ער? אַ ייִד?

— אַ ייִד. וואָס דען? אַ גוי? איר הערט דאָך נאָכן נאָמען... פֿײַנפֿינ־קעלקרויט...

— פֿײַנפֿינקעלקרויט, האָט איר געזאָגט? נו־יאָ, פֿאַרשטייט זיך, אַ ייִד. ווײַבאַלד אַז פֿײַנפֿינקעלקרויט, איז אַ ייִד. באַ אונדז זײַנען אַלע צום מיינסטן ייִדישע דאָקטוירים. כאָטש אַפּילו אַ ייִד, אײַנגנטלעך, האָט ליב אַ גוייִשן דאָקטער; אַ ייִד האָט ליב אַ גוייִשן אַדוואָקאַט, אַ גוייִשע קלייט און אַ גוייִשן לערער... אַ ייִד איז די כּפּרה נאָך אַ גוי... איז ווי אַזוי, האָט איר געזאָגט, רופֿט מען אים, דעם דאָקטער אײַערן? פֿײַפֿער?

— ניט פֿײַפֿער, נאָר פֿײַנפֿינקעלקרויט... איך דאַרף צו אים האָבן מכּח עפּעס אַנדערש...

— אַהאַ! מכּחן פּריזיוו מסתּמא? אַן עצה האַלטן? איך פֿאַרשטיי שוין!... וואָס? ניין?... צי אפֿשר גאָר מכּח אַ שידוך? איאָ, איך האָב גע־טראָפֿן? הערסטו! וואָס דען? אַז ניט היילן זיך, און ניט קיין ווײַב, און ניט קיין פּריזיוו, איז מסתּמא אַ שידוך.. אויב אַזוי, דאַרפֿט איר אײַער... ווי אַזוי הייסט ער דאָרט... אַף טישטשע כּפּרות. איך וועל אײַך אָנווײַזן אַ סך אַ בעסערן דאָקטער. עס ווענדט זיך, באַ וואָס יענער האַלט? וויפֿל גיט מען?... וואָרעם, געוויינטלעך, וואָס מער פּראַקטיקע, אַלץ מער נדן. און אַפּילו גאָר אָן פּראַקטיקע, וועט איר אויך דאַרפֿן באַצאָלן, וואָרעם הײַנטיקע צײַטן אַ ליאָדע סטודענטל, אַבי ער איז נאָר אין אוניווערזי־טעט, וועט איר אים שוין ווינציקער ווי פֿאַר פֿינף־זעקס טויזנט קאַרבן נישט קויפֿן. הײַנט בפֿרט אַ פּאַרטיקער דאָקטער, ער מעג זײַן אַ שמאַטע שבשמאַטע! איר זאָגט מיר אַקוראַט, וואָס מיינט יענער?

— ניין, ווייס איך וואָס — ניט דאָס!... איר האָט גאָר אינגאַנצן אַ טעות...

— למאַי זאָלט איר וועלן איבערשפּאַרן? איר הערט וואָס א י ך זאָג אײַך. אויב יענער קאָן גוט באַצאָלן, איז דאָס פֿאַר אים אָנגעמאָסטן.

דאָס איז שוין איין מאָל אַ דאָקטער. אַ פּראָפעסאָר! ער איז אױף אַלצדינגג: אױף בײַכער, און אױף נערוון, און אױף ציין, און אױף קינדער, און אױף אָפּעראַציעס, און װײַבער האַלטן פון אים גאָר אַן עולם ומלואו, װאָרעם ער איז טאַקע זייער אַ פײַנער יונגאַטש, פאַרשטייט איר מיך, אַ הויכער, אַ „מושטשינע"; און דערצו איז ער נאָך אַ ציוניסט אויך, און אַ פּיסק האָט ער — אש־להבה! אַז מע שמועסט אַ צאַצקע אַ דאָקטער, איז דאָך נישט שײַך!

— ניין! איך זאָג דאָך אײַך, אַז איך דאַרף גאָר...

— האַ? אַזוי זשע רעדט! װאָס־זשע דערציילט איר מעשיות? איר זעט אָן דאָרט אַ װײַס מויערל?

— נו? איז דאָרט זיצט פײַנפינקעלקרויט?

— דאָרט זיצט ניט פײַנפינקעלקרויט, דאָרט זיצט מאיר טאָלאָטשינאָוס. אַ ייִד אַ גביר. געװען אַמאָל אַ קבצן הגדול הגבור והנורא; אַצינד, חוץ זײַן שאָדן, אױף אונדז ביידן געזאָגט געוואָרן. האָט ער אַ טעכטערל, איז זי מיאוס װי דער טויט. נאָר אַז גאָט העלפט, ס'איז דאָ מיט װאָס, פאַרשמירט מען דאָס פּנים מיט אַ צען־פופצן טויזנט קאַרבן און מע פאַרגינט זיך איר אָראָפּבערענגען אַ חתן אַ דאָקטער אַזש פון סאַמע קיעװ. דאָס הייסט, געענדיקט האָט ער אין קיעװ, אַליין איז ער גאָר אַן אומאַנער פון אומאַן...

— אַקעגן װאָס דערציילט איר עס מיר?

— אַקעגן דעם, װאָס איר פרעגט זיך נאָך אױף...

אָפּן דאָקטער פײַנפינקעלקרויט? דאָס פרעג איך ניט, װײַל איך דאַרף אַ שידוך טאָן מיט אַ דאָקטער, נאָר װײַל דער דאָקטער פײַנפינקעלקרויט איז...

— האָט איר דאָך באַלד געקאָנט זאָגן! און איך האָב געמיינט, אַז דאָ האַנדלט זיך װעגן אַ שידוך! הערט־זשע אויס, אַז ס'איז יאָ אַזוי, ניט אַהער דאָס אויער... האָב איך אַ ספּעציאַליסט — נאַר־װאָס פון דער נאָדל אַרויס... ניט לאַנג געעפנט אַ קאַבינעט... ער האָט געכאַפּט עטלעכע טויזנט קאַרבן ירושה, האָט ער זיך מיישב געװען און האָט דאָס גאַנצע געלט אַרײַנגעבראַכט אין אַ מאַשין, אַליין געפאָרן קיין אויסלאַנד נאָך דער מאַשין. קיין פּראַקטיקע דערװײַל האָט ער נאָך נישט, נאָר איך זאָל שוין האָבן אַזאַ דאגה מיט װוּ נעמט מען אױף שבת, װי האָב איך אַ דאגה מיט זײַן פּראַקטיקע! זאָרגט זיך ניט, ער װעט האָבן די בעסטע פּראַק־

טיקע, אַט וועט איר זען, וואָרעם די דאָקטוירים, וואָס אַף ד י ד אָ־ז י ק ע שלאָפקייטן, האָבן אַלע די שענסטע פּראַקטיקע! ספּעציאַליסטן!... זע־נאָר! וואָס כאַפּט איר זיך אַזוי? וואָס אַנטלויפט איר? שטייט אַ ווײַלע! איך האָב אײַך נאָך ניט געקאָנטשעט. איך האָב נאָך אַ פּאָר דאָקטוירים...

— אָבער, אין גאָטעס ווילן! לאָזט מיך צו־רו מיט אײַערע דאָקטוירים! וואָס האָט איר זיך אָנגעקלעפּט? איך דאַרף נישט קיין דאָקטער, איך דאַרף ניט קיין פּריזיוו, איך דאַרף ניט קיין שידוך, איך דאַרף נישט קיין ספּעציאַליסט — איך בין ניט מער ווי אַ פּריקאַזטשיק. איך דאַרף האָבן צום דאָקטער פֿײַנפֿינקעלקרויט נאָר מכּח עפּעס אַנדערש: סע קומט אונדז פֿון אים פֿאַרן גאַנצן ווינטער פֿאַר האָלץ...

— פֿאַר האָלץ?!... אַלע בייזע וויסטע חלומות! געזען אַ ביסל! דער־טאַפּט אַ ווילד־פֿרעמדן ייִדן און דרייט אים אַ ספּאָדיק: פֿײַנפֿינקעלקרויט! אפשר האָט יענער קיין צײַט ניט? אפשר לויפֿט גאָר יענער זוכן, וווּ פֿאַר־דינט מען אַ קערבל — ס׳איז ערב שבת? איך האָב אָבער באַלד דערקענט, הערט איר, אַז איר דאַרפֿט זײַן אַ ייִד פֿון האָלץ, גאָט זאָל מיך אַזוי באַ־גליקן אַף דער עלטער! אַט די הילצערנע ייִדן — טפֿו!...

גשריבן אין יאָר 1912

מיסטער גרין האָט אַ דזשאָב

דערציילט פון אים אַליין און איבערגעגעבן מיט זײַן לשון

— האָו דו יו דו, מיסטער שלום-עליכם! איך ווייס ניט, אויב איר קענט מיך?.. איך קער מיך אָן מיט אײַך שטיקלעך אייגענע, שני-שבשלישים.. דאָס הייסט, ניט מיט אײַך, נאָר מיט אײַער טביה דעם מיל-כיקן און מיט זײַן קרוב מנחם-מענדל פון יעהופּעץ... אהאָ! איאָ, ס'איז אײַך אינטערעסאַנט? איר האָט זיך אַזש אָפּגעשטעלט? — שטייט-זשע טאַקע אַ ווײַלעטשקע אָט דאָ מיט מיר אױפן סיידוואָק, וועלן מיר אביסל שמועסן פון דעם אַמעריטשקע, וואָס פאַר אַ גאָלדענע מדינה דאָס איז. און ניט אַזוי פון אַמעריקע, ווי פון אירע ביזנעס, ווי מע ווערט אויסגע-ריסן אין עושר און אין כבוד, ביז גאָט שיקט צו דעם רעכטן דזשאָב, און אַז גאָט העלפּט, אַז מע שלאָגט זיך אַרויף אױף דעם רעכטן דזשאָב, איז דאָ אַ האָפענונג, מע זאָל מיט דער צײַט זיך אַרויפאַרבעטן, ווערן גוט-אָפּ, אויסוואַקסן אַ דזשייקאָב שיף, אַ נייטען שטראוס, אָדער כאָטש אַ העררי פישעל — מיט איינעם וואָרט: זײַן אָללרײַט... איך קאָן אױף זיך נאָך לעת-עתה ניט זאָגן, אַז איך בין אָללרײַט, נאָר אַ דזשאָב, גע-לויבט דער אייבערשטער, האָב איך שוין, און דער גאַנצער אַנטיק פונעם דאָזיקן דזשאָב איז, וואָס איך בין עס אַליין דערגאַנגען, אַליין מיט מײַן אייגענעם שכל... נאָר איך זע, אַז איר ווילט וויסן, איר גייט אויס — ווער איז דער פּאַרשוין, וואָס רעדט צו אײַך? אַז איך וועל אײַך זאָגן, אַז דאָס רעדט מיסטער גרין, וועט איר זיך טראַכטן: גרין? געל? בלוי? — ס'איז אַזוי גוט ווי גאָרנישט... דאָ הייס איך גרין, דאָרט האָב איך געהייסן גרינבערג. פון וואַנען? פון אַדעס? — פון אַדעס... פון יעהופּעץ? — פון יעהופּעץ... פון כתרילעווקע, פון טעפּליק, שפּאָלע, אומאַן, באַרדי-טשעוו — בקיצור, פון י ע נ ע מקומות... אַנן געהאַנדלט האָט מען,

ווי אַלע ייִדן האַנדלען. גערדרייט, געמעקלערט, ביז ס'איז געקומען דאָס גוטע שטיקל צײַט און מען איז אַרויסגעטריבן געוואָרן און מען איז מגולגל געוואָרן אַהערצוצו, אין קאָלומבוסעס מדינה. און מע האָט אַזוי לאַנג געגעסן, ביז מע האָט אויפגעגעסן פון זיך דאָס לעצטע שטיקל העמד, האָט מען אָנגעהויבן פאַרשוואַרצט ווערן גאָר אַף אַן אַנדער אופן און מע האָט געטאָן כל עבודת-פרך — ס'איז נישט געגאַנגען! ביז ס'איז געקומען ראש-חודש אלול. און אַז ס'איז געקומען ראש-חודש אלול, האָב איך דערזען אין די פּיפּערס, ווי מע אַדווערטייזט חזנים, שולן, מנינים. אין די סטאָרס, האָב איך דערזען, שטעלט מען אַרויס סידורים, מחזורים, שופרות, טליתים, און דער עולם, האָב איך דערזען, הייבט-אָן צו שמייכלען זיך צום רבונו-של-עולם, חנפהנען גאָט צוליב ביזנעס — האָב איך מיך מיישב געווען און זאָג צו זיך אַליין: „מיסטער גרין! ביז וואַנען וועסטו זײַן אַ גרינער? טו אויך אַ לעק פונעם ראש-חודש אלול אָן פון די עשרת ימי-תשובה!"... נאָר ס'איז גרינג צו זאָגן טאָן אַ לעק, אַז סע לעקט זיך... צו וואָס קאָן איך מיך נעמען? זיך שטעלן פאַר אַ חזן? — בין איך קיינמאָל ניט געווען קיין שוסטער... פאַר אַ שוחט? — מײַן טאַטע איז קיינמאָל ניט געווען קיין בעל-עגלה... קיין רעווערענד וועל איך דאָ אוודאי ניט זײַן, וואָרעם איך קען עברי און פאַרשטיי פּירוש-המלות... סײַדן אַ בוטשער אַף סטריקטלי כשר? — האָב איך אין דער היים נישט געהאַנדלט מיט גנבהשע פערד... פּאַרטיפּעט, ווי אײַער טביה זאָגט, אין די דאָזיקע מחשבות און געדאַנקען, בין איך אַרײַן אין אַ מקום קדוש... ראש-חודש אלול, דער עולם דאַוונט, מע זאָגט „לדוד אורי"... מע האָט אָפּגעדאַוונט, רופט זיך אָן אײנער: „און ווער וועט אונדז געבן אַ בלאָז?" רוף איך מיך אָן: „אַ בלאָז? לאָזט מיך"... וועט איר פרעגן, ווי קומט צו מיר אַ בלאָז? איז די מעשה אַזוי. קיין בעל-תוקע בין איך אין דער היים טאָקע נישט געווען. מײַן טאַטע אויך ניט. מײַן טאַטנס טאַטע אויך ניט. נאָר ייִנגלעך שקצים, אַז ס'איז געקומען ראש-חודש אלול און מע האָט דערטאַפּט אַ שופר, האָט מען מעשה ספּאָרט געבלאָזן און געבלאָזן אַזוי לאַנג, ביז דער שמש האָט אונדז אָפּגעגאָסן מיט וואַסער און אַרויס-געטריבן פון שול. — בקיצור, איך קען די מלאכה, און ווי זאָגט איר: אַז מע שמועסט, אַז ער יכולט, איז דאָך נישט שײַך... וואָס טויג אײַך, איך האָב גענעבן אַ נעם דעם שופר אין האַנט און האָב זיי געגעבן אַ בלאָז „תקיעה-שברים-תרועה", און אויסגעלאָזט האָב איך זיי מיט אַ

„תקיעה גדולה" בלא גוזמא פון דאנען ביז ברוקלין־ברידזש! דערהערט אזא בלאָז, רופן זיי זיך אָן צו מיר: „פון וואנען איז א יונגערמאַן?" זאָג איך: „וואָס איז די נפקא־מינה?" זאָגן זיי: „טאָמער וואָלט איר זיך באשטעלט בא אונדז פאר א בלאזער אף ימים־נוראים? אונדזער בעל־תוקע איז געשטאָרבן". „איך זאָל קאָנען, זאָג איך, מאכן דערפון א לעבן, איז מהכתיתי"... „מאכן א לעבן פון בלאָזן אליין, זאָגן זיי, איז שווער־לעך. סײַדן איר זאָלט דערצו נאָך עפּעס טאָן"... „דהיינו, זאָג איך, וואָס נאָך זאָל איך טאָן? זײַן דערצו א דרייווער? א גאבעטשמען, אָדער א סטריט־קלינער?" זאָלן זיי: „וויבאלד איר זײַט א בלאָזער, א בעל־תוקע הייסט עס, קאָן מען פון אײַך אזעלכע גראָבע ארבעט ניט פארלאנגען. דאָס איינציקע, זאָגן זיי, וואָס מיר קאָנען אײַך געבן, איז נאָר א טשענס, איר זאָלט קאָנען, זאָגן זיי, בלאָזן נאָך אין א שול"... איז דאָס מיר אריַין אין נאָז ארײַן און איך טראכט מיר: אז איך האָב א טשענס צו בלאָזן נאָך אין א שול, קאָן איך דאָך האָבן א טשענס צו בלאָזן נאָך אין צוויי שולן. און פאר וואָס ניט אין דרײַ שולן?... און איך בין אוועק דאונטאון פון איין שול אין דער אנדערער, פון איין מנין אינעם אנדערן, אומעטום געמאכט פראָבעס, באוויזן מײַן קונסט אין תקיעה־שברים־תרועה, געהאט דעם גרעסטן סוקסעס, וואָרעם איך, אז איך בלאָז, לויפט מען זיך צונויף פון אלע שולן. מיך האָבן געהערט בלאָזן דושאָדזשעס, קאָנגרעסמענס, אסעמבלימענס, און אלע האָבן געזאָגט: וואָנדערפול! איר קאָנט פארשטיין, אז דעם ערשטן יאָר האָב איך געהאט נאָר איין שול מיט צוויי מנינים. דאָס צווייטע יאָר — דרײַ שולן מיט פינף מנינים. הײַנטיקס יאָר שנײַדט זיך מיר, אז דער אייבערשטער וועט וועלן, ביז א דאָזען מנינים, און איך וועל קאָנען מאכן א שיינע פאר טאָלער. אי, ווי אזוי קאָן איין מענטש אטענדען צו אזויפיל ביזנעס? — דאָס זאָלט איר נישט פרעגן; ס'איז אמעריקע, און אין דעם לאנד העלפט מען זיך שוין אויס. אין איין אָרט איז בא מיר די תקיעות פריִער, אינעם אנדערן אָרט א ביסל שפּעטער, אינעם דריטן נאָך שפּעטער. איך טרײַ מײַן בעסט, אז דאָס פובליקום זאָל זײַן סאטיספייט, ביקאָז אז טאָמער לאָז איך דורך די צײַט, פארליר איך דאָך מײַן דזשאב מיט מײַן רעפּוטיישאָן. איר וואונדערט זיך, מיסטער שלום־עליכם, וואָס איך יוז מער איינגעלשע ווערטער ווי יידישע? — דאָס איז איבער די קינדער. זיי זײַנען שוין בא מיר אמתע אמעריקאנער און ווילן שוין ניט ריידן קיין וואָרט יידיש! איר זאָלט אָנ־

קוקן מײַנע באָיעס, וועט איר אין לעבן נישט זאָגן, אַז דאָס זײַנען ייִדישע קינדער. און מיך אַליין, אַז איר וועט באַגעגענען נאָך ימים נוראים, וועט איר מיך אויך ניט דערקענען. באַ מיר, אַז עס קומט אַ קורצע צײַט פאַר ראש־חודש אלול, וואַרף איך אַראָפּ מײַן סוט, פאַרלאָז מיר אַ באָרד, באַקום אַ „היימיש" אויסזען, און ווי נאָר עס גייען אַוועק די ימים נוראים, נעם איך אַ שייוו, טו אָן מײַן העמד און ווער מיר צוריק אַ דזשענ־טעלמען — וואָס טוט מען נישט אין אַמעריקע צוליב ביזנעס?... איך זע אין אײַך, מיסטער, איר האָט חשק מיך צו באַשרײַבן אין פּייפּער, איר האָט שוין אַרויסגענומען דאָס ביכעלע אַפילו, — נעווערמיין, געזונטערהייט! איכל אײַך נאָך זאָגן אַ דאַנק. וואָרעם פאַר מיר וועט דאָס זײַן אַן אַדווער־טייזמענט... פאַרקערט, איכל אײַך נאָך בעטן, איר זאָלט אַרויסשטעלן מײַן אַדרעס: מיסטער גרין, טשערדי סטריט, ניו יאָרק סיטי, פּליעז... איך האָף, מירן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען אַפּטאָון. דערווײַל זײַט מיר גוד באַי!

גערשריבן אין יאָר 1915

אַ מעשה מיט אַ גרינהאָרן

מיסטער באַראַבאַן, ביזנעס־בראָקער, דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אָנגע־לערנט אַ גרינהאָרן, וואָס האָט געהייראַט צוליב ביזנעס. איבערדערציילט מיט זײַן לשון.

— איר זאָגט: אַמעריקע איז אַ לאַנד פון ביזנעס — נעווערמיינד. עס דאַרף אַזוי צו זײַן. נאָר אַפּטעראָל גיין הייראַטן און פאַרקויפן זיך צוליב ביזנעס — דאָס איז שוין, עקסקיוז מי, אַ חזירײַ. איך פרעדיק ניט קיין מאָראַל, נאָר איך זאָג אײַך, ס'אַ פעקט, אַז נײַן און נײַנציק פּראָצענט גרינהאָרנס הייראַטן באַ אונדז צוליב ביזנעס — פאַרדריסט דאָס מיך, און אַז איך דערטאַפּ אַזאַ גרינהאָרן, וועט ער שוין פון מיר טרוקן נישט אַרויס. ליוו איט טו מי, וועל איך אײַך דערציילן אַ שיינס!

זיץ איך מיר איינמאָל אין מײַן אָפיס און מייל די פּאָסט, קומט אַרײַן צו מיר אַ גרינהאָרן, נאָך גאָר אַ באָי. און מיט אים אַ ווײַבעלע — וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? — בלוט און מילך. שיין ווי דער טאָג און פריש ווי אַן עפּעלע, נאָר־וואָס פונעם בוים. אַרײַנגעקומען, רופט ער זיך אָן צו מיר: „האַו דו יו דו! זײַט איר דאָס מיסטער באַראַבאַן דער ביז־נעס־בראָקער?" „סיזאַן! וואָס'ט איך זאָגן גוטס?" עפנט ער מיר אויף זײַן האַרץ און דערציילט מיר אַ גאַנצע געשיכטע, סאָ ענד סאָ, אַזוי ווי ער איז אַ באָי ערשט צען יאָר אין לאַנד, אַ ני־פּענטס־מייקער באַ טרייד, און אין אים האָט זיך פאַרליבט אָט דאָס ווײַבעלע, געווען אַ מיידל אַן אַרבעטאָ־רן, וואָס פאַרמאָגט טויזנט דאָלער אין קעש, האָט ער מיט איר חתונה געהאַט און זוכט אַ ביזנעס, זיי זאָלן קאָנען מאַכן אַ לעבן און פאַרשפּאָרן אַרבעטן אין שאַפּ, וואָרעם ער האָט, ניט פאַר אײַך געדאַכט, אַ רעמאַ־טיז, באַ אים בלײַבט עס, און אַזוי ווײַטער. קוק איך אָפּ ווײַבעלע און זאָג צו אים: „און וואָס פאַר אַ ביזנעס וואָלט איר געגאַנגען?" ענטפערט ער

מיר: „ער וואָלט געעפנט אַ סטיישיאָנערי”. און ער גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז אין אַ סטיישיאָנערי וואָלט „זי” אים אויך געקאָנט קומען צו הילף. איר פאַרשטייט אַ גרינהאָרן? ניט גענוג ער האָט דערטאַפּט אַ פּרי, און אתרוג אַף צו מאַכן שהחיינו, און ניט גענוג זי ברענגט אים טויזנט דאָ־לער אין קעש, איז ער נאָך אַ בעלן, זי זאָל אים אַרבעטן און ער וועט זיך זיצן מיט זײַנע חברים, שפּילן אין פּינאַקעל און אַזוי ווײַטער — איך קען מײַנע לײַט! טראַכט איך מיר: אַ מכּה וועסטו בײַ מיר האָבן אַ סטיישי־אָנערי! איך קאָן באַשטיין, דו זאָלסט בײַ מיר ליגן, ווי אַ הונט, אין אַ לאָנדרי. וועסט בײַ מיר ווערן אַ לאָנדרימען! וואָס איז מיר עפּעס אײַנ־געפאַלן אַ לאָנדרי? ווײַל איך האָב גראָד געהאַט אַף דער האַנט אַ לאָנדרי צו פאַרקויפן. און איך רוף מיך אָן צו מײַן גרינהאָרן: „צו וואָס טויג דיר, זאָג איך, זיך באַדערן מיט אַ סטיישיאָנערי־סטאָר אַכצן שטונדן אין מעת־לעת, אַרויסקוקן, טאָמער וועט דורכלויפן אַ סקול־בוי און כאַפּן קענדי פאַר אַ פּעני און אַזוי ווײַטער? אַמער, ליוו איט טו מי — איכל דיר געבן אַ שענערע ביזנעס, אַ לאָנדרי אין די בראָנקס, וועסטו אַרבעטן רעג־געלע שטונדן און לעבן, ווי אַ קייסער! און איך נעם אַ פּענסיל און טו אים אַ רעכן אויס, אַז נאָך אַלע עקספּענסעס — רענט און שווירטאַיי־רענער און פעמילי־אײַרענער און דעליווערי־בוי און לאָנדרי־ביל און אַזוי ווײַטער, בלײַבט אים איבער ריינע עטלעכע און דרײַסיק דאָלער אַ וואָך — דאַרף מען בעסער? „וואָס וועט דאָס קאָסטן?” זאָג איך: „טוי־זנט דאָלער איז דאָס אַ באַרגיין, נאָר ליוו איט טו מי — איכל עס אײַך מאַכן פאַר אַכט הונדערט. אירט, זאָג איך, דאַרפן נאָר אָפּצאָלן די פּאָר דאָלער, פאַרבינדן די אויגן, נעמען די שליסל — און איר זײַט אָללרײַט. דערווײַל, זאָג איך, גייט געזונט און קומט צו מיר אין דרײַ טעג אַרום, ווײַל איצט האָב איך קיין צײַט ניט — און גוד־בײַ”.

און אַליין בין איך אוועק צו מײַן לאָנדרימען און גיב אים אָפּ מזל־טוב: גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ העכט, אַ גרינהאָרן, און אַז ער האָט איצט אַ טשענס, אויב ער איז אַ מענטש, פּטור צו ווערן פון דער לאָנדרי אין גלײַכן געלט, זאָל ער וויסן וואָס ער האָט צו טאָן, און אַזוי ווײַטער... האָט דער גנב פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין, און זאָגט צו מיר: „ברענגט אים נאָר, דעם העכט, וועט שוין זײַן אָללרײַט”... אין דרײַ טעג אַרום — מײַן גרינהאָרן איז דאָ, געבראַכט אַ דעפּאָזיט, אַוועקגעשטעלט זיך מיטן ווײַבעלע אַף אַ וואָך טרייען, ווי דער שטייגער איז, און מײַן לאָנדרימען

האָט שוין מסתמא געזען, אַז די וואָך פון טרייען זאָל זיין אַלרייט, און נאָך מיט אַ שמיצל אויף יענער זייט אַלרייט — און מע האָט געסעטעלט די ביזנעס. דער גרינהאָרן האָט אָפּגעציילט די פּאָר דאָלער, דער לאַנדרי־מען האָט אים איבערגעגעבן די ביכער מיט די שליסל, איך האָב אָפּגע־נומען מיין רח״ש דווקא פון ביידע צדדים, און אַזוי ווייטער — מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער ווייסט וואָס ער האָט צו טאָן — און, ווי זאָגט איר, פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ. איאָ? אַזוי זאָגט א י ר . בא מיר הייבט די קאָמעדיע זיך ערשט אָן. וואָרעם אַז ס'איז אַלצדינג שוין געווען פאַר־טיק אַרום און אַרום, האָט זיך ערשט צעברענט אין מיר אַ פייער אויף דעם גרינהאָרן, פאַר וואָס קומט אים, דעם ממזר, אַז אָפּגעשיילט אייעלע גלייך אין מויל אַריין, אַזאַ ווייבעלע, טויזנט דאָלער אין קעש און אַ פאַר־טיקע ביזנעס אָן קאָמפּוויטיק? מע דאַרף בא אים די לאַנדרי אָפּהאַנדלען פאַר האַלב געלט און אַוועקגעבן זי צוריק צום פריערדיקן לאַנדרימען. ווי אַזוי? דערויף בין איך דאָך מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער, בא מיר איז נישטאָ אַ זאַך, וואָס איך זאָל ניט קאָנען דורכפירן! בין איך אַוועק אַקוראַט אַקעגן דער לאַנדרי אויפן קאָרנער פון דער צווייטער סטריט און האָב אָפּגעדונגען באַם איידזשענט אַ רומקע, אַריינגעפידלט אים אַ צען־דאָלער־ביל אָן אויפגאָב און האָב אויסגעהאַנגען אַ סיין אויף דער ווינדע:

„אָט דאָ עפנט זיך אַ לאַנדריי".

אַוודאי גייט ניט אַוועק קיין טאָג צייט — מיין גרינהאָרן איז דאָ מיט אַ צעיושעטן קאָפּ: סטייטש! ער איז אַ נעקווילעטער; „וואָס איז די טראָבל?" דערציילט ער מיר פונעם אומגליק, עפּעס אַ שוואַרץ יאָר האָט אָפּגעדונגען אַקוראַט אַנטקעגן אים אַ סטאָר און עפנט אַ לאַנדרי! „וואָס־זשע ווילסטו, גרינהאָרן?" וויל ער, איך זאָל אים געפינען אַ קונה אויף דער לאַנדרי, וועט ער מיך באַדאַנקען אויפן שענסטן אָרט און וועט אייביק גאָט בעטן פאַר מיר, און אַזוי ווייטער. באַרויק איך אים און זאָג אים, אַז ניט אַזוי גרינג גע־פינט מען אַ קונה. נאָר ער זאָל זיך פאַרלאָזן אויף מיר, איבל טרייען מיין בעסט. דערווייל זאָל ער גיין אַהיים און קומען אין דריי טעג אַרום, מחמת איך בין פאַרוואָרפן מיט ביזנעס, און אַזוי ווייטער — און גוד באַי!

און אַליין האָב איך געשיקט רופן מיין אַלטן לאַנדרימען און דערציילט אים סאָ ענד סאָ: אַצינד האָסטו אַ טשענס אַוועקצוקניהן צוריק באַם גרינהאָרן דיין לאַנדרי פאַר האַלב געלט. זאָגט ער: „ווי אַזוי וועט איר עס מאַכן?" זאָג איך: „וואָס גייטס אייך אָן? ליוו איט טו מי — דערויף

בין איך דאָך עפּעס מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער". זאָגט ער: „אָלל־ רײַט". זאָג איך: „ווען איך האָבן דערפֿאַר מײַן קאָמישען?" זאָגט ער: „אָללרײַט". זאָג איך: „איך מוז האָבן דערפֿאַר א הונדערטער". זאָגט ער: „אָללרײַט". און אַזוי ווײַטער. דערווײַל זײַנען איבערגעלאָפֿן די דרײַ טעג — מײַן גרינהאָרן איז דאָ מיטן ווײַבעלע. דאָס ווײַבעלע האָט זיך אַביסל אויסגעבלייכט, נאָר זי איז נאָך אַלץ שיין, ווי די זון. „וואָס הערט זיך?" „וואָס זאָל זיך הערן, זאָג איך, איר דאַרפֿט, זאָג איך, דאַנקען גאָט, איך האָב קוים־קוים געפֿונען אַ בעלן אַף אײַער לאָנדרי. נאָר וואָס דען? אירט מוזן, זאָג איך, פֿאַרלירן געלט". „וויפֿל?" „פֿרעגט ניט, זאָג איך, וויפֿל איר פֿאַרלירט, פֿרעגט וויפֿל איר געווינט. וואָרעם וויפֿל, זאָג איך, איר זאָלט ניט נעמען, איז דאָס ווי געפֿונען. איר שפּילט זיך, זאָג איך, מיט אַמערי־ קאַנער קאָנקורענטן? זיי קאָנען אײַך, זאָג איך, אַרײַנטרײַבן אין אַזעלכע עקספּענסעס, אַז איר זאָלט דאַרפֿן, זאָג איך, אויפֿכאַפּן זיך אין מיטן באַנאַכט און אַנטלויפֿן אין איין העמד!"... וואָס טויג אײַך, איך האָב אַף זיי אָנגעוואָרפֿן אַזאַ שרעק, אַז זיי האָבן אָפּגענומען האַלב וויפֿל זיי האָבן אַרײַנגעלייגט און האָבן נאָך אָפּגעצאָלט מיר רח"ש אויך, וואָרעם איך בין דאָך ניט מחויב זיך באַדערן אומזיסט, און — אוים לאָנדרי!... נאָר האָט צײַט, איר זײַט נאָך ניט פֿאַרטיק. אויב איר האַלט קאָפּ, דאַרפֿט איר גע־ דענקען, אַז איך האָב געהאַט אַרײַנגעצימבלט צען דאָלער אַן אויפֿגאַב דעם איידזשענט פֿאַר אַ סטאָר און אויסגעהאַנגען אַ סיין אַף אַ לאָנדרי. פֿרעגט זיך אַ קשיא: למאי זאָל איך לאָזן צען דאָלער גלאַט אַפֿן ווינט, מיר ניט, דיר ניט? בײַ מיסטער באַראַבאַן ביזנעס־בראָקער איז דען גנבהש געלט, צי וואָס? איז איין מאָל אַוועק. צווייטנס, ברענט מיך נאָך אַלץ אַף דעם גרינהאָרן און עס פֿאַרקעט מיך: דער ממזר האָט נאָך עטלעכע הונדערט דאָלער אין פּאַקעט און אַ ווײַבעלע בײַ דער זײַט — גין־גאָלד! פֿאַרוואָס קומט דאָס אים? מיסטער באַראַבאַן, דער גרעסטער ביזנעס־בראָקער פֿון דער איסט־סייד, באַדאַרף האָבן אַ ווײַב, עקסקיוז מי, אַ פּאַרזעעניש און נאָך אַ קסאַנטיפּע דערצו, און דער גרינהאָרן — דאַרף אים גאָט צושיקן אַזאַ צאַצקע, יו נאָו, אַ מזוזהלע — אויסקרענקען זאָל ער עס! פֿויל איך זיך ניט און שרײַב אים אַוועק אַ פּאָסטעלקאַרד, ער זאָל קומען צו מיר אַף אַן אַפּאָינטמענט אין דער און דער שעה, איך האָב צו אים אַ ביזנעס. לאָזט ער זיך ניט בעטן און קומט צו גיין אין דער אָפּגעשטעלטער צײַט, און דווקא מיט איר, מיטן ווײַבעלע. באַזעץ איך זיי, מײַנע ליבע געסט, און

דערציייל זיי אַ מעשה, סאַ ענד סאָ: „איר קענט ניט די אַמעריקאַנער בלאָפערס! איר זאָלט וויסן, וואָס פאַר אַ טריק דער גנב, דער אַלטער לאָנדרימען, האָט אײַך אָפּגעטאָן — אַזש די האָר שטעלן זיך קאַפּויר!"... „דהיינו?" „דהיינו, זאָג איך, דאָס האָט ער, זאָג איך, אָפּגעדונגען די סטאָר אַקעגן אײַך און האָט אויסגעהאַנגען אַ סיין אַף אַ לאָנדרי, בכדי, זאָג איך, איר זאָלט זיך דערשרעקן און אים אָפּטרעטן פאַר האַלב געלט צוריק זײַן לאָנדרי". דערהערט אַזאַ מעשה, האָט זיך דאָס פּאָר־פאָלק גענומען איבערקוקן, געוואָרן אָנגעצונדן, און איבערהויפּט דאָס ווײַבעלע. די אויגן האָבן איר געברענט, ווי צוויי קויל פײַער. „ס'איז אַ יושר, זאָג איך, איר זאָלט זיך מיט אים אָפּרעכענען, מיטן גנב, ער זאָל אײַך האָבן צו געדענקען!" „מיט וואָס קאָנען מיר זיך מיט אים רעכענען?" „ליוו איט טו מי, זאָג איך, איכ'ל אים שוין צו־רעכט מאַכן, דעם פויגל, אַז ער וועט באַ מיר, זאָג איך, קיין תחית־המתים ניט אויפשטיין, און אײַך, זאָג איך, וועט דערפון אַרויסקומען אַ טובה; אירט, זאָג איך, האָבן אַ ביזנעס נאָך בעסער, ווי פריִער!" קוקן זיי אַף מיר, ווי די טײַבעלעך, ווי איינער רעדט: פון אײַער מויל און גאָטס אויערן, און לאַנג לעבן זאָלט איר, און אַזוי ווײַטער! און איך נעם און לייג זיי פאָר אַ פּלאַן: דאַרפן זיי קויפן פרעמדע ביזנעס און צאָלן יענעם פאַר דער פירמע אין טאָג אַרײַן? אַמער, גיי איך שוין צום אייגענעם לענדלאָרד און דינג זיי אָפּ די סטאָרקע, וואָס דער גנב האָט געוואָלט דינגען, און איך פיקס זיי אײַן פאַר אַזעלכע דרײַ־פיר הונדערט דאָלער אַ לאָנדרי אַקוראַט אַקעגן זײַן לאָנדרי און שטעל זיך אַוועק מיט אים קאָנקורירן, וויפל ער נעמט, נעם איך ביליקער, און איך מאַך אים אין דרײַ וואָכן צײַט צו מופּן — זאָל מײַן נאָמען ניט הייסן באַראַבאַן! וואָס טויג אײַך, איך האָב זיי אַזוי צעשרויפט, אַז דער גרינהאָרן איז מיר שיר ניט אַרויפגעפאַלן קושן, און דאָס שיינע ווײַבעלע זײַנס האָט זיך צערויטלט און איז געוואָרן נאָך שענער, ווי געווען. און דעם זעלבן טאָג נאָך האָב איך גערענט פון זייערטוועגן די סטאָרקע, און ס'איז גיך פאַרטיק געוואָרן באַ מיר אַ נײַע לאָנדרי מיט אַ סיין און מיט טישן און מיט האַק און פּאַק, און מײַן פאָר פאָלק האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט, און ס'איז אַוועק צווישן זיי און צווישן אַלטן לאָנדרימען אַ פלאַמפּײַערדיקע קאָנקורענציע. מע האָט זיך געשמיסן מיט די פּרײַזן, ווי ווײַט מע האָט געקאָנט. האָט יענער געשטעלט פיר און צוואַנציק סענט אַ דאָזען פּלעט, האָבן זיי געשטעלט אַכצן, און נאָך צוגעגעבן אַ „ספּרעד" אומזיסט. האָט

יענער ארונטערגעלאָזט אַף אַכט סענט העמדער, האָבן זיי אראָפּגעשמיסן אַף אַ פּעני און אַ האַלב קאַללערס, האָט יענער שוין געמוזט אראָפּשמײַסן אַף אַ פּעני, און אַזוי ווײַטער. דער שפּיץ איז — מע האָט זיך אַזוי לאַנג געשמיסן, ביז דער גרינהאָרן האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון די פּאָר דאָלער און געבליבן אָן אַ פּעני, נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן רענט. האָט ער צוגעמאַכט די לאָנדרי, אַרוים בשן ועין, ווי שטייט אין פּסוק: בשקאַפּע יבוא, בשקאַפּע יצא און איצט רוט ער זיך בײַ מיר אָפּ אין לודלאָוו־סטריט־דזשייל — דאָס האָב איך אויסגעזוכט פאַר זײַן ווײַבעלע אַ לאָיער, וואָס מאָנט בײַ אים פון אירטווענן דרײַ זאכן: 1) איר געלט, די טויזנט דאָלער נדן; 2) אַ גט; און 3) ביז זי וועט אַמאָל באַקומען פון אים דעם גט, זאָל ער זי סופּאָרטען לויט די געזעצן פון לאַנד — אַ רוח אין זײַן טאַטנס טאַטן אַרײַן, דעם גרינהאָרן!...

די פאַרענגלישטע ווערטער אין די לעצטע צוויי מאָנאָלאָגן

אַדווערטייזמענט — רעקלאַמע. אַטענדען צו ביזנעס — טאָן געשעפטן. איידזשענט — אַגענט. איך טריי מיין בעסט — איך טו אַלץ וואָס מעגלעך. איסט־סייד — מזרח ניו־יאָרק (דאָס ייִדישע געטאָ). אײַנפּיקסן — אײַנריכטן. אָלל־רײַט — זייער וויל. אַפּאָינטמענט — אַ באַגעגעניש. אַפּטאַון — דער הויכער טייל פון ניו־יאָרק. אַפּטעראָל — נאָך אַלעמען.

באָדערן — דולן אַ קאָפּ. באָיעס — ייִנגלעך. באַרגיין — אַ מציאה. בוטשער — קצב. ביזנעס — געשעפט. ביזנעס־בראָקער — מעקלער. ביקאָז — וואָרעם. בלאַ־פערס — ליגנערס. ברוקלין־ברידזש — די בריק, וואָס פאַראייניקט ברוקלין מיט ניו־יאָרק. בראָנקס — אַ געגנט אין ניו יאָרק.

גאָבעטשמען — מיסט־מאַן. גוד באַי — אַ גוטן טאָג. גוט־אָפּ — פאַרמעג־לעך. געסעטעלט די ביזנעס — אָפּגעמאַכט דאָס געשעפט. גרינהאָרן — אַ פרעמ־דער, אַ ניט־געניטער אין אַמעריקאַנער לעבן.

דאַונטאַון — דער נידעריקער טייל פון ניו יאָרק. דאָזען — אַ טוץ. דזשאָב — באַשעפטיקונג. דזשאַדזשעס — ריכטער. דעליווערי־באַי — שיק־ייִנגל. דעפּאָ־זיט — אַדערויף. דרייווער — פערד־שמײַסער.

האָו־דו־יו־דו — וואָס מאַכט איר? העט — הוט.

וואָט איז די טראָבל — וואָס איז געשען? וואָנדערפול — וווּנדערבאַר. ווינדע — פענצטער.

טרייד — אַרבעט. טרייען — פּרווון. טריק — אַ שפּיצל. טשענס — אַ שאַנס, אַ מעגלעכקייט.

יו נאָו — פאַרשטייט איר מיך. יוז — באַנוצן.

לאָנדרי — וועשערײַ. לאָנדרי־ביל — וועשערײַ־הוצאות. לאָנדרימען — וועשער. לודלאָו־סטריט־דזשייל — אַ געפענגעניש אין ניו־יאָרק אויף לודלאָו־גאָס. ליוו איט טו מי — לאָזט דאָס איבער צו מיר.

מופן — זיך איבערקלײַבן. מייל די פּאָסט — שיק אַרויס בריוו.

ני-פענטס־מייקער — הויזן שניידער. נעווערמיין — עס מאַכט נישט אוים. נעם איך אַ שייוו — גאָל־אָפּ די באָרד.

סאַ ענד סאָ — אַזוי און אַזוי. סאַטיספּייט — צופרידן. סוט — רעקל. סופּאָרטען — אויסהאַלטן. סטאָר — קלייט. סטיישיאָנערי — אַ קלייט פון שרייב געציינג. סטריט — גאַס. סטריט־קלינער — גאַסנקערער. סטריקטלי — שטרענג. סידאַן — זיצט. סיין — שילד. סיידוואָק — טראָטואַר. ספּאָרט — ווילער יונג. ספּרעד — ליילעך. סקוהל־באָי — חדר־יינגל.

עקסקיוז מי — האָט קיין פּאַראיבל נישט. עקספּענסעס — הוצאות.

פּאָסטעלקאַרד — פּאָסט-קאַרטע. פּאַקעט — קעשענע. פּינאָקעל — אַזאַ קאָרטנשפּיל. פּייפּערס — גאַזעטן. פּליעז — זייט אַזוי גוט. פּלעט — ווייס־גרעט. פּאַמיליאַיירענער — פּאַמיליענוועש־פּרעסער. פּעני — אַ גראָשן. פּענסיל — בלייפּען. פּעקט — פּאַקט.

קאָללערס — קאָלנערס. קאָמישען — מעקלעריי־געלט. קאָנגרעסמענס, אַסעמבלימענס — פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן. קאָרנער פון סטריט — גאַס־ווינקל. קענדי — צוקערקעס. קעש — מזומן.

רומקע — חדרל. רעגעלע — געוויינלעכע. רעווערענד — רב. רענט — דירה-געלט. רענטען — דינגען אַ דירה. רעפּוטיישאַן — רעפּוטאַציע.

שאָפּ — פּאַבריק. שוירטאַיירענער — העמדער-פּרעסער.

פון צוויי וועלטן

דראַמאַטישע שריפטן

אינהאַלט:

שווער צו זײַן אַ ייִד — — — — — — — — — — — — — — 185
טביה דער מילכיקער — — — — — — — — — — — — 299

שווער צו זיין אַ ייד

אַ קאָמעדיע אין פיר אַקטן מיט אַ פאָרשפּיל און מיט אַ עפּילאָג

פּערזאָנען:

דוויד שפּירא. אַ בכבודיקער ייִד, אַ בעל־הבית, מיט אַ שיינער שוואַרצער עטוואָס גרוילעכער, הערצל־באָרד. קרוב צו פופציק. געווען אַמאָל אַן עושר, איצט אַ מעקלער אַף דער בערזע. גייט זויבער געקליידט. האַלט זיך שטאָלץ. רעדט מיט אַזאַ טאָן וואָס אַלע דאַרפן אים הערן. אַ הייסער טעמפּעראַמענט.

שרה שפּירא. זײַן ווײַב, ייִנגער מיט אַ פּאָר יאָר פון אים. אַ פּראָסטע, נאָר נישט קיין נאַרעשע ייִדענע. געווען אַמאָל אַ גאַנץ שיינע.

בעטי. זייער טאָכטער. אַ גימנאַזיסטן פון לעצטן קלאַס. אַ שיינהייט. אַ ביסל אַ קאַפּריזנע. נײַנצן יאָר אַלט.

סיאָמקע. זייער זונדל. אַ רירעוודיק בר־מצווה־ייִנגל. אַ גימנאַזיסטל פון דריטן קלאַס.

שניאורסאָן. געענדיקט גימנאַזיע. אַ יאָר צוויי און צוואַנציק. אַ בחור פון אַן עכט־ייִדישן טיפּ. שוואַרצע, עטוואָס געגרײַזלטע האָר. אַ ביסל אַן אויסגע־בויגענע סעמיטישע נאָז. ברענענדיקע אויגן.

איוואַנאָוו. זײַן חבר. אַ קריסט, גלײַך מיט שניאורסאָנען געענדיקט גימנאַזיע. אַ טיפּ פון אַן עכטן רוס. רויטע באַקן, ליכטיקע גלײַכע האָר, קאַצאַפּיש אונטער־געשוירן.

גרינסבערג. אַ סטודענט. אַן אויסגעפּוצטער. אַ ביסל אַן אַסימילירטער.

פּראָטקין. אַ סטודענט. אַ ציוניסט.

הורוויטש. אַ געוועזענער עקסטערן, איצט אַ לערער. פאַרשריבן אַלס זייגער־מאַכער. רעדט מיט דער ליטווישער אויסשפּראַך.

רב לוי הײלפּערין אַ מאָדערנער רב, אַן אָרטאָדאָקס. זויבער גע־קליידט. אַ ריינער שוואַרצער סורדוט. אַ זײַדן יאַרמעלקעלע אַפן קאָפּ. אַ שיין בערדל. נישט קיין לאַנגע פּאות.

קאַלוואַרסקי. ראַבינער. אַן אַלטער מאַן מיט צוויי אָרדנס אַף דער ברוסט.

גוראַריה. אַ הויכער, אַ טרוקענער.

שערעשעוויצקי. אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער, מיט אַן אָרדן.

בערנשטיין.

מאַנאַסעוויטש.

ביידע געגאָלטע.

קעצעלע. אַ קליין ייִדל. שטאַרק באַוואַקסן. אַ ביסל אַ יאַדישליוועד. רעדט גיך און צוויי מאָל אַ וואָרט. אַנגעטאָן אַ קורץ ווייטיקל, אַן אָפּגעבאַרעט קאַפּעלישל. דרייט זיך בײַ דער בערזע.

אַ כאָליאַסטרע מיידלעך. בעטים חברטעס. גימנאַזיסטקעס. אַלע אין גרינע קליידלעך, שוואַרצע פאַרטעכלעך, ווײַסע קעלנערלעך מיט מאַנדזשעטלעך. לאַכן כי־כי־כי און מאַכן קניקסנס.

אַ קאָמפּאַניע גימנאַזיסטן. אַלע — רוסישע טיפּן. אַלע אין אוניפאָרמס מיט ווײַסע קנעפּלעך.

דער שמש בײַ רב לוי הײַלפּעריז.

דער עלטסטער פון די זשאַנדאַרמען.

פּאָליציסטן, זשאַנדאַרמען, נאַדזיראַטעלעס, אַ דוואָרניק מיט אַ בלעכל, פּאַסאַזשירן און טרעגערס אַף דער באַן, אַן אָבערקאָנדוקטאָר, קעלנערס אין רעסטאָראַן.

אָרט: דער פאָרשפּיל קומט־פאָר אין אַ רוסישער שטאָט. אַלע פיר אַקטן מיטן עפּילאָג שפּילן זיך אָפּ אין אַ גרויסער שטאָט פון דער ייִדישער „טשערטאַ“ אין רוסלאַנד, וווּ ניט אַלע ייִדן מעגן וווינען. צײַט: 1913-1914.

באַמערקונגען פונעם פאַרפאַסער

מע בעט זייער העפלעך די אַרטיסטן, זיי זאָלן זײַן ווי ווײַט מעגלעך נאַטירלעך גרימירט, ניט אנקלעפּן קיין בערד, אין די באַוועגונגען נישט איבערטרײַבן, ניט קרימען זיך אַף צו מאַכן לאַכנדיק דעם עולם, ניט צוליגן קיין אייגענע ווערטער, און בכלל זיך גוט צוהערן צו די רעמאַרקעס און גוט אײַנשטודירן די שפּראַך פון דעם אָריגינאַל.

אין די ערטער, וווּ ס'איז אנגעצייכנט, אַז מע רעדט אַף יִידיש, באַדאַרפן די שוישפּילער דאָס אַרויסבאַווײַזן מיט אַ באַזונדערער באַטאָנונג. און מיט אַ באַזונדערער באַוועגונג צו דער פּערזאָן, צו וועלכער מע רעדט, אַזוי, אַז מע זאָל עס אַרויסזען און פילן.

דאָס רעקוויזיט באַם אויסשטאַטן די סצענע איז פרײַ.

דער עפּילאָג קאָן געשפּילט ווערן און ניט געשפּילט ווערן — עס הענגט אָפּ פונעם פרײַען ווילן פון דער רעזשי.

פאַרשפּיל

אַ באַזונדער קאַבינעט אין אַ גרויסאַרטיקן קאַפּע־רעסטאָראַן. שיין מעבּ־לירט. הויכע שפּיגלען. בײַ די זײַטן ווייכע סאָפעס, סאַמעטענע פֿאָטעלן. אויף די ווענט בילדער, דיוואַנעס. בײַ דער זײַט אַ פּאַרטעפּיאַן. אין מיטן קאַבינעט אַ גרויסער, מיט ווײַסן געדעקטער, טיש. אויפֿן טיש — פֿון כל טוב. אַ סך פֿלעשלעך מיט אַלערליי משקאות. צווישן זיי אַ סך ליידיקע. כל־ערליי פֿאַרבײַסנס, נאָר אַלץ אין דער גרעסטער אומאָרדענונג. שטאַרק אַנגערויכערט און אַנגעוואָרפֿן. — ס'איז אַ קערמעשל פֿון אַ שטיק עטלעכע און צוואַנציק יונגעלײַט, נאָר־וואָס געענדיקט אַכט קלאַסן גימנאַזיע, וואָס דאַרפֿן איצט אַרײַן אין אוניווערזיטעט. פֿאַרן צעשיידן זיך פֿאַרברענגט מען אַ גוטע שעה און מע טוט אַ לעב־אונטער. שוין באַם ערשטן אָנהייב, אַז דער פֿאַרהאַנג הייבט זיך אויף נאָר האַלב און מע זעט נאָך כמעט גאָרנישט, הערט זיך שוין דאָס געוויסע סטודענטן־ליד מיטן געוויסן ניגון:

„גאַאודעמוס איגיטור
יוווענעס דום סוממוס,
פּאָסט אוקונדאַס יוווענטוטעם
נאָס האַבעבּיט הומוס...“

נאָך די צוויי סטראָפֿן הייבט זיך אויף דער איבעריקער טייל פֿאַרהאַנג, און דער באַל שטעלט זיך פֿאַר אין פֿולן גלאַנץ. דער עולם איז שוין רעכט בגילופֿין. דאָס זײַנען לויטער גימנאַזיסטן, יינגערע און עלטערע, אַלע אין זייער אוניפֿאָרם, מיט ווײַסע קנעפּלעך, אין פֿאַרשיידענע פּאָזעס: ווער סע קלאַפּט אויפֿן פּאַרטעפּיאַן, און ווער עס זיצט אין מיטן קאַבינעט אויף דער ערד, און ווער עס ליגט אויסגע־צויגן אויף דער סאָפֿע, און ווער — גאָר אויפֿן טיש. ווער עס רויכערט, און ווער עס האַלט אַ כוס אין דער האַנט. פֿריילעך זײַנען אַלע. מיטן פּנים צום עולם שטייט וואַניאַ איוואַנאָוו, דיריזשירט מיט אַ לעפֿעלע דעם כאָר, וואָס ענדיקט דאָס ליד מיט די ווערטער:

„גאַאודעמוס איגיטור
יוווענעס דום סוממוס,

דער דיריזשאָר איוואַנאָוו דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין טיש און רופֿט־אויס הויך אויף רוסיש).

איוואַנאָוו. עי! טשאַעק! שאַמ־פּאַנ־סקאַ־וואַ, טשאָרט וואָזמי!...
(אַ פּאָר חברה־לײַט כאַפּן אים בײַ דער האַנט).

א פּאָר סטודענטן. וואַניאַ! ביסט משוגע געוואָרן? שאַמפּאַנסקע?! ווייסט, וואָס דאָס קאָסט אָט א דאָ?

איוואַנאָוו. ניע וואַשע דיעלאָ! אַף מײַן רעכענונג, טשאָרט וואָזמי! איך צאָל! טשאַעק! שאַמ־פּאַנ־סקאַ־וואָ!! (עס לויפן אַרײַן צוויי קעלנערס מיט ווײַסע פאַרטעכלעך, ברענגען שאַמפּאַניער־ווײַן, אין אײַז געוויקלט, שטעלן־אַוועק, פּילן־אָן די בעכערס, גייען־אָפּ).

איוואַנאָוו. נאָספּאָדאַ! צו די בעכערס, טשאָרט וואָזמי! (אַלע טוען זיך אַ נעם צו די בעכערס). וואָס זײַנען מיר געווען נעכטן? נעכטן זײַנען מיר געווען יינגלעך, קינדער, שנעקעס, גימנאַזיאָרן! אַ ליאַדע לערערל האָט געהאַט רעכט אונדז אָננעמען פאַרן קאָלנער און אַרײַנוואַרפן אין קאַרצער. אָבער איצט? אָבער מאָרגן? טשאָרט וואָזמי! מאָרגן זײַנען מיר מענטשן! סטודענטן! אויס גימנאַזיאָרן! נידער מיט דער גימנאַזיע! לעבן זאָל די אוניווערזיטעט! הוררראַ ! ! !

אַלע. הוררראַ ! ! ! (מע טרינקט, מע קושט זיך, מע האַלדזט זיך, מע רעדט, מע לאַכט, מע איז פריילעך. צווישן דער פריילעכער קאָמפּאַניע איז צו באַמערקן איינעם אַ גימנאַזיסט פון יידישן טיפּ, אויך אין אוניפאָרם און אויך מיט ווײַסע קנעפּ. דאָס איז הערשל שניאורסאָן. כאָטש ער האַלט־אונטער די קאָמפּאַניע, טרינקט כלומרשט גלײַך מיט אַלע, נאָר ער זאָל זײַן פריילעך גלײַך מיט אַלע — דאָס זעט מען נישט. דאָס באַמערקט אָבער קיינער נישט, אויסער איינעם — דער, וואָס האָט געקאָמאַנדעוועט מיטן כאָר, וואָס מע רופט אים וואַניאַ איוואַנאָוו. אין דער צײַט, ווען אַלע הוליען, גייט־צו צו אים וואַניאַ, לייגט־אַרויף די האַנט אים אַף דער פּלייצע).

איוואַנאָוו. (צו שניאורסאָנען). וואָס איז מיט דיר. הערשקאַ?

שניאורסאָן (ווי אויפגעוואַכט, לעבעדיק). וואָס זאָל זײַן? גאָרנישט.

איוואַנאָוו. וואָס האָלסטו אויפגעהאַנגען די נאָז אַף דער קווינטע? (נעמט אים פאַר אַ האַנט, זעצט זיך אַוועק מיט אים אַף אַ זײַט).

שניאורסאָן. ווער? איך? עס ווײַזט זיך דיר אויס.

איוואַנאָוו. עס ווײַזט זיך מיר ניט אויס. איך זע, איך קוק־נאָך די גאַנצע צײַט נאָך דיר. מיך וועסטו ניט נאַרן, הערשקאַ. איך קען דיך.

שניאורסאָן. איז טאַקע גוט, וואָס דו קענסט מיך... פון דעסטוועגן וואָלט נישט געשאַט, זאָלסט מיך קענען אַ ביסל נענטער.

איוואַנאָוו. וואָס־זשע וואָלט געווען?

שניאורסאָן. וואָלסטו מיר ניט געפרעגט קיין קשיות. דו וואָלסט דעמאָלט אַליין געוווּסט, אַז איך בין נישט גלײַך צו אײַך. (פּויזע). איך קאָן מיך ניט פרייען, אַזוי ווי איר פרייט זיך.

איוואַנאָוו. פאַר וואָס?

שניאורסאָן: פאַר דעם! דערפאַר, ווײַל איר, אַז איר פּרייט זיך, פּרייט איר זיך מיט אײַער גאַנצן וועזן, מיט אַלע אײַערע איברים און חושים...

איוואַנאָוו (שפּאָטיש) און דו?

שניאורסאָן און איך? איך טאָר ניט. פאַר מײַנע אויגן שטייט שטענדיק די אויפשריפט: „מעמענטאָ מאָרי"...

איוואַנאָוו טשאָרט וואָזמי! וואָס פאַר אַן אויפשריפט? וואָס פאַר אַ „מעמענטאָ מאָרי"?

שניאורסאָן: האָסט פאַרגעסן, אַז איך... אַז איך בין אַ ייִד?

איוואַנאָוו: אָט האָסטו דיר! און אַז אַ ייִד — איז וואָס?

שניאורסאָן: איז גאָרניט... (קוקט אַף איוואַנאָוון אָן ווערטער).

איוואַנאָוו: איך פאַרשטיי ניט, הערשקאָ, עפּעס רעדסטו מיר הײַנט מאָדנע רייד... (באַזונדער פרײַנטלעך). מיר דאַכט, אַז אַף אונדז, דײַנע חברים, האָסטו זיך ניט צו באַקלאָגן... מיר, דײַנע חברים...

שניאורסאָן: (אַ ביסל אויפגערעגט). חברים! חברים! ביסט אַ נאַר! ווער רעדט פון חברים? דו מיינסט, אַפּנים, אַז די גאַנצע וועלט איז אָט אַ דאָ אָ? מיר און אונדזערע חברים? דו פאַרגעסט, אַז אַף יענער זײַט גימנאַזיע איז אויך דאָ אַ וועלט, און אַ גרויסע וועלט. אויסער אונדז זײַנען פאַראַן נאָך מענטשן. נאָר פון יענער גרויסער וועלט ווייסט איר, אַפּנים, זייער ווינציק. כמעט גאָרנישט ניט. יענער גיהנם איז אײַך אומבאַקאַנט. (פּויזע). אין מײַן פעל ווען דו ביסט אָפּ ניט לאַנג, כאָטש איין יאָר, וואָלסטו דעמאָלט געוווסט, וואָלסטו דעמאָלט געפילט, וואָס הייסט נאָרמאַ, פּראָצענטן, מיניסטערישע צירקולאַרן און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן...

איוואַנאָוו: (מיט אַ באַוועגונג). וואָס הערסטו צירקולאַרן, פּראָצענטן? מיט אַזאַ אַן אַטעסטאַט, ווי דו האָסט! מיט אַ גאָלדענער מעדאַל!

שניאורסאָן: אַ גאָלדענע מעדאַל? (אַ מאַך מיט דער האַנט). מע האָט שוין געזען אַזעלכע זאַכן. קאַרג „מעדאַליסטן" זײַנען פאַרבליבן נאָך פון פאַר־אַ־יאָרן?... און פון פאַר־צוויי־יאָרן? „מעדאַליסטן", כאַ־כאַ, אַ טײַערע מציאה! עך! נאָר וואָס איז צו רײדן? (שטייט־אויף). וואָס איז מיט דיר צו ריידן, אַז דו ווייסט ניט, דו פאַרשטייסט ניט, דו קאָנסט עס נישט פאַרשטיין!... (זעצט זיך אַוועק צוריק).

איוואַנאָוו (קרימט אים איבער). „דו ווייסט ניט, דו פאַר־שטייסט ניט. דו קאָנסט עס ניט פאַרשטיין!"... פאַר וואָס קאָן איך עס ניט פאַרשטיין טשאָרט וואָזמי? איך בין נאָך אַזוי קלוג, ווי דו!

שניאורסאָן: נאַר אײנער! מע דאַרף ניט זײַן קלוג — מע

דאַרף נאָר זײַן אַ ייִד דערצו. הײַנט פאַרשטייסטו שוין? זאָלסט זײַן אַ ייִד כאָטש איין יאָר...

אי וואַנאָוו: וואָס־זשע וואָלט געווען?

שניאורסאָן: וואָלסטו עס נישט אויסגעהאַלטן. קיין איין יאָר אפילו.

איוואַנאָוו: אַזוי מיינסטו?

שניאורסאָן: איך בין איבערצײַגט!

איוואַנאָוו: נו, האָסטו אַ טעות! קענסטו מיך נישט. ווייסטו נישט, ווער וואַניאַ איוואַנאָוו איז! (פּויזע), שאַ! ווייסטו, וואָס פאַר אַ געדאַנק מיר איז אײַנגעפאַלן איצט אין קאָפּ? (טוט זיך אַ פּאַטש אין די קני, רוקט זיך צו צו שניאורסאָנען). הער אויס, הערשקאָ, טאָמער וואָלטן מיר זיך געביטן?

שניאורסאָן: (קוקט אים אָן). וואָס הייסט „געביטן”?

איוואַנאָוו: אָט איך לייג דיר פאָר אַ קאָמבינאַציע. דו זאָגסט, איך וואָלט קיין איין יאָר אַפילו ניט געקאָנט זײַן אין דײַן פעל? טאָ לאָמיר זיך בײַטן!

שניאורסאָן: (פאַרשטייט אים נאָך אַלץ נישט). וואָס הייסט — לאָמיר זיך בײַטן?

איוואַנאָוו: גאָר פּראָסט. מיר וועלן זיך בײַטן. דו זאָגסט, איך זאָל איין יאָר כאָטש פּרוּוון זײַן אין דײַן פעל, פּרוּוון זײַן אַ ייִד? — גוט! מיר וועלן זיך בײַטן... אַף איין יאָר. דו וועסט זײַן איוואַנאָוו, איך וועל זײַן שניאורסאָן.

שניאורסאָן (שטייט־אויף). דו האָסט, אַפּנים, ניט פון וועמען חוזק צו מאַכן? זוך אַ גרעסערן נאַר פון זיך...

איוואַנאָוו (שטייט אויך אויף). איך מאַך נישט חוזק. איך מיין עס גאַנץ ערנסט, טשאָרט וואָזמי! איך בין אַ בעלן צו זײַן אַף דײַן אָרט. איך וויל פּרובירן אַף זיך אַליין, ווי אַזוי איז, אַז מע איז אַ ייִד? ווי אַזוי פילט זיך אַ ייִד? איצט האָבן מיר אַ געלעגנהייט. מיר דאַרפן ביידע אַרײַן אין אוניווערזיטעט. מיר פאָרן ביידע אין אַ נײַ אָרט, אַ פרעמדע שטאָט, וווּ קיינער קען אונדז נישט. וועלכער רוח איז דאָס מחויב צו וויסן, ווער פון אונדז איז איוואַנאָוו און ווער — שניאורסאָן? צי וועמען גייט עס אָן, אַז איך, איוואַנאָוו, בין שניאורסאָן, און דו, שניאורסאָן, ביסט איוואַנאָוו, כאַ־כאַ־כאַ? וואָס זאָגסטו דערויף, הערשקאָ, האַ?

שניאורסאָן: וואָס זאָג איך דערויף? איך קאָן זאָגן נאָר דאָס, אַז דו פּלאַפּלסט נאַרישקייטן, ווײַל דו ביסט...

איוואַנאָוו: שכור! — מיינסטו אפשר?

שניאורסאָן: חס וחלילה! ווער זאָגט, אַז דו ביסט שכור? איך זאָג נאָר, אַז דו ביסט אַ ביסל בגילופין, אונטערן גלעזל...

איוואַנאָוו (ענערגיש). איך? אונטערן גלעזל? דו לײַגסט! נאָך

קיינמאָל אַף מײַן לעבן בין איך, טשאַרט וואָזמי, אַזוי ניכטער נישט נעווען, ווי הײַנט! איך זאָג עס גאַנץ ערנסט, הערשקאַ, פֿרײַנט מײַנער, בא מײַן ערנוואָרט! אָט האָסטו דיר מײַן האַנט! (ציט אים אויס אַ האַנט). איך וויל פֿאַרזוכן דעם טעם: ווי אַזוי איז עס, אַז מע איז אַ ייִד?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : וועסט פֿילן אַ רעכטן טעם! וועסט פֿאַרזאָגן אַ צענטן!

א י ו ו אַ נ אָ ו : נאַרישקייטן! (טוט זיך אַ זעץ אין האַרצן). קענסטו מיך נישט! ווייסטו נישט, ווער וואַניאַ איוואַנאָוו איז, טשאַרט וואָזמי! פֿאָלג מיך, לאָמיר זיך בײַטן! (וויל אַרומנעמען שניאורסאָנען). אַף איין יאָר נאָר לאָמיר זיך בײַטן...

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (שטופּט אים אָפּ פֿון דער גרינג). רייד ניט קיין נאַרישקייטן! סע שלאָגט צו דער גאַל! וואָס הייסט בײַטן? ווי בײַט מען זיך דאָס?

א י ו ו אַ נ אָ ו : גאָר פּראָסט: מע נעמט און מע בײַט זיך. איך וועל זײַן שניאורסאָן, דו וועסט זײַן איוואַנאָוו. דו וועסט מיר געבן דײַן אַטעסטאַט מיט די פֿינפֿן, איך וועל דיר געבן מײַן אַטעסטאַט מיט די דרײַען, טשאַרט וואָזמי, און בים פּאַסיעמו! איז דאָס געמאַכט? (ציט־אויס שניאורסאָנען אַ האַנט).

ש נ י א ו ר ס אָ ן : דו רעדסט ווי אַ קינד, וואַניאַ, כּלעבן. וואָס רעדסטו? דאָקומענטן — עפּעס אַ שפּילעכל? הײַנט אונדזערע עלטערן?

א י ו ו אַ נ אָ ו : דאָקומענטן? נאַרישקייטן! איין יאָר אײַנגאַנצן נאַפּליעוואַט! און די עלטערן — וואָס גייט עס זיי אָן? ווער דאַרף עס וויסן? מיר וועלן דאָך זײַן ביידע אין איין שטאָט, אין איין אוניווערזיטעט, וועלן זיי אונדז שרײַבן בריוו, דײַן פֿאָטער צו מיר, מײַן פֿאָטער צו דיר — און מיט זייערע בריוו וועלן מיר זיך אָפּבײַטן. האָסטו עס פֿאַרשטאַנען, קאָפּ? (כאַפּט שניאורסאָנען פֿאַר אַ האַנט, שלעפּט אים צום טיש. שניאורסאָן לאָזט זיך ניט).

ש נ י א ו ר ס אָ ן : לאָז געמאַך! וואַניאַ, לאָז צורו! די חברים דאַרפֿסטו נאָך...

א י ו ו אַ נ אָ ו : זאָרג ניט, זיי וועלן אונדז ניט אַרויסגעבן. אָט אַ דאָ וועט דאָס בלײַבן. (הערט ניט שניאורסאָנען, שלעפּט אים צו צום צענטער. טוט אַ זעץ מיט דער האַנט איבערן טיש). סילאַנס! שטיל זאָל זײַן! (דער עולם טוט אַ שטיי־אויף). חברים, שטיל זאָל זײַן! (טוט נאָך אַ מאָל אַ זעץ מיט דער האַנט אָן טיש). איך דאַרף אײַך עפּעס זאָגן זייער אַ וויכטיקע זאַך! (שפּרינגט־אַרויף אַף אַ שטול). הערט נאָר צו מיט קאָפּ! איר זאָלט וויסן זײַן, אַז איך בין שוין מער ניט איך. איך בין שוין ער! (ווײַזט אַף שניאורסאָנען, וואָס שטייט נאָך אַ פֿאַרגאַפּטער

און ווישט זיך דעם שווייס פונעם שטערן). און ער איז שוין נישט מער ער, נאָר איך! ער איז איך, איך בין ער... וואָס קוקט איר זיך איבער און וואָס שמייכלט איר דאָרט אין די הויפנס? איך בין נישט שכור, טשאָרט וואָזמי! איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין נישט שכור — איך קאָן טרינקען. אָט באַלד וועט איר האָרכן, וועט אײַך זײַן קלאָר אַלצדינג. חברים! זײַט וויסן, אַז איך און אונדזער חבר שניאורסאָן האָבן זיך גע־ביטן, אַף אַ יאָר האָבן מיר זיך געביטן. מיר האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט, מיר האָבן געהאַלטן אַ וועט. קורץ — ס'איז נישט אײַער זאַך. איר דאַרפט נאָר הערן און זען און שווײַגן. איך באַשווער אײַך מיט אונדזער הייליקן בונד פון חברשאַפט, אַז דעם זאָל אָפּדאַרן די צונג, ווער ס'וועט אַרויסלאָזן אין דרויסן אַ פּיפּס וועגן דער גאַנצער געשיכטע אין פאַרלויף פונעם דאָזיקן יאָר!... חברים! איך פאָדער פון אײַך אינעם נאָמען פון אונדזער סאָלידאַריטעט, איר זאָלט מיר געבן אײַער ערנ־וואָרט און שווערן, אַז דאָ, אין דעם קאַבינעט, ווערט די זאַך באַגראָבן אַף אייביק, און קיין פויגל וועט ניט וויסן. זאָגט איר מיר צו?

קולות: מיר זאָגן דיר צו! מיר זאָגן דיר צו!

קולות: כאָטש מיר ווייסן ניט וואָס, מיר ווייסן ניט ווען!

איוואַנאָוו: אָט באַלד וועט איר וויסן. איר דאַרפט מיר נאָר צוזאָגן, אַז ס'וועט ניט אַרויסגעטראָגן ווערן פון דאַנען אַ וואָרט. איר דאַרפט מיר צושווערן, אַז צווישן אונדז וועט דאָס בלײַבן. אַלזאָ, שווערט איר מיר צו? (הייבט אויף צוויי פינגער). זאָגט: „מיר שווערן!"

אַלע: (הייבן אויף צוויי פינגער, זינגען מיט אַ ניגון). מיר הייבן די הענט און מיר שווערן!

איוואַנאָוו: (איבערגעבראָכט). סילאַנס! וואָס פאַר אַ געזאַנג, טשאָרט וואָזמי?! דאָ האַנדלט זיך וועגן אַן ערנסטע זאַך, און זיי האָבן זיך צעזונגען גאָר! אַלזאָ, איך פאָדער פון אײַך, איר זאָלט זײַן ערנסט און זאָגן: „מיר שווערן".

אַלע: (ערנסט) מיר שווערן. מיר שווערן!

איוואַנאָוו: אָט אַזוי האָב איך אײַך ליב. אַצינד, חברים, אַז איר האָט מיר אָפּגעשוואָרן, וועל איך אײַך שוין דערציילן, אום וואָס דאָ האַנדלט זיך. אונדזער חבר, הערשקאָ שניאורסאָן, ווי אײַך איז באַ־וווּסט, געהערט צו יענעם פאָלק, וואָס איז פאַרהאַסט און פאַרפאָלגט אַף דער גאַנצער וועלט, צו יענעם אויסדערוויילטן פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט, — מיט איינעם וואָרט: ער איז אַ ייִד, און אַ ייִד איז זייער שווער צו זײַן. כמעט אוממעגלעך. אַזוי זאָגט ער, הערשקאָ הייסט עס. און איך זאָג, אַז ס'איז ניט אַזוי גוואַלדיק. דער שד איז נאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי מע מאָלט אים... זאָגט מײַן חבר, אַז דערפאַר מיין איך עס, ווײַל איך בין קיינמאָל קיין ייִד נישט געווען. לאָז איך פּרוּוון, זאָגט ער, זיך געפינען אין זײַן פעל כאָטש איין יאָר, וועל איך, זאָגט

ער, דעמאָלט פילן. גוט. איז געבליבן, איך זאָל אַרײַן אין זײַן פעל כאַטש אַף איין יאָר. ווי אַזוי־זשע מאַכט מען דאָס? האָבן מיר זיך געביטן אַף אַ יאָר...

שניאורסאָן: נאָך ניט געביטן, נאָר ער וויל, מיר זאָלן זיך בײַטן.

איוואַנאָוו: געביטן, געביטן! הערט אים ניט! פון דער מינוט אָן איז ער שוין ניט מער שניאורסאָן, נאָר איוואַנאָוו, און איך בין אויס איוואַנאָוו, נאָר שניאורסאָן. (ער שפּרינגט־אַראָפּ פון שטול, ציט־אַראָפּ פון זיך זײַן מונדיר, גיט־איבער שניאורסאָנען, שלעפּט־אַראָפּ כמעט מיט גוואַלד פון שניאורסאָנען זײַן מונדיר, אוןביידע טוען זיך איבער פאַר אַלעמען אין די אויגן. וואַניאַ איוואַנאָוו מאַכט אַ יידיש פּנים, סטאַרעוועט זיך, ער זאָל זײַן ענלעך צו שניאורסאָנען. דער עולם נעמט אויף די סצענע מיט גרויס ענטוזיאַזם).

אַלע: (אַפּלאָדירן). בראַוואָ! בראַוואָ!

איוואַנאָוו: (שפּרינגט־אַרויף ווידער אַ מאָל אַף אַ שטול). חברים! אַצינד, אַז די זאַך איז שוין געמאַכט, דערלויב איך מיך פאָרצושטעלן פאַר אײַך. איך בין שוין ניט מער דער קריסט, דער דוואָריאַנין, איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, נאָר (נעמט־אַרויס פון שניאורסאָנס זײַטקעשענע זײַנע דאָקומענטן, דעם פּאַס מיטן אַטעסטאַט, קוקט־אַרײַן) — דער שקלאָווער מיעשטשאַנין, טשאָרט וואָזמי, הערש מאָוושאָוו שניאורסאָן, דער זון פונעם פאַרהאַסטן און פאַרפאָלגטן, נאָר פון גאָט אויסדערוויילטן פאָלק ישראל. און דער (ווײַזט אַף זײַן חבר שניאורסאָן) — איז שוין נישט מער דער שקלאָווער מיעשטשאַנין הערש מאָוושאָוו שניאורסאָן, נאָר... אַנו, הערשקאָ, נעם־אַרויס אַקאָרשט פון קעשענע דײַנע נײַע דאָקומענטן! (יענער נעמט־אַרויס). אַן אמתער דוואָריאַנין און אַ זון פון אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוויעטניק, טשאָרט וואָזמי, איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו! איך לייג־פאָר צוליב דער דאָזיקער מעטאַמאָרפאָזע אָנפילן די כוסות און אויסטרינקען. הוררראַ!

אַלע: (פילן אָן די כוסות). הוררראַ! (מע גראַטולירט און מע קושט זיך מיט די געביטענע חברים און מע טרינקט).

שניאורסאָן: (טרעט־אַרויס מיטן כוס אין דער האַנט). חברים! אונדזער חבר וואַניאַ איוואַנאָוו, אָדער, ווי ער הייסט שוין איצטערטאָ, הערשקאָ שניאורסאָן, איז באַגאַנגען, ווי איר זעט, אַ שפּאַס, אין אויסגעלאָזט האָט זיך עס, ווי עס ווײַזט אויס, מיט אַן ערנסט. די זאַך איז אָפּגעטאָן — פאַרפאַלן. מיר האָבן זיך, הייסט עס, געביטן מיט די יוצרות. זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה. ווער פון אונדז ביידע האָט געמאַכט אַ בעסער געשעפט — דאָס ווייס איך, און אויך איר, אויב איר האָט אַ קלעפּקע אין קאָפּ, באַדאַרפט אויך פאַרשטיין. און טאָמער פאַרשטייט איר נישט — בין איך ניט שולדיק... איין זאַך נאָר מוז איך זאָגן

פֿאַרוים: אַזוי ווי מיר קאָנען נישט וויסן, וואָס מיט אונדזביידן קאָן פּאַסירן אַף דעם נײַעם וועג, וואָס מיר ביידע לאָזן זיך גיין, על־כּן וואָלט איך וועלן אויסנעמען אַ תּנאַי, אַז טאָמער וועט עמעצן פֿון אונדז צוויי אין פֿאַרלויף פֿון דעם יאָר אויסקומען שוין זעער שמאָל, דאָס הייסט...

א י וו א נ אָ וו : (שטופּט איס אָפּ). קיין שום תּנאָים! קיין שום קאָמפּראָמיסן! וואָס ס׳זאָל ניט זײַן — קאָן זיך זײַן! אָפּגעמאַכט — איז פֿאַרפֿאַלן!

א ל ע : פֿאַרפֿאַלן! פֿאַרפֿאַלן!

א י וו א נ אָ וו : ביט פּאָסיעמו!

א ל ע : ביט פּאָסיעמו!

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (פֿונעם אָרט). געדענק זשע, וואַניאַ, מײַן איך הערשקאָ, זאָלסט קיין חרטה נישט האָבן!

א י וו א נ אָ וו : חרטה? די איוואַנאָווס... פֿאַרדאָן! מײַן איך די שניאורסאָנס האָבן קיינמאָל קיין חרטה נים! איך קום אַרויס פֿון אַ פֿאָלק, טשאָרט וואָזמי, וואָס איז שוין דורכגעגאַנגען דורך פֿײַער און דורך וואַסער און דורך מעשענע רערן! מײַנע עלטער־עלטער־זיידעס, וואָס האָבן געקענטן לײַם באַ פּרעהן, אויפֿגעשטעלט די אייביקע פּיראַמידן, אויפֿגעבויט די באַרימטע שטעט סדום און עמורה... פֿאַרדאָן! איך מײַן פּיתום און רעמסס, זײַנען געגנוג אויסגעשטאַנען ביז זיי האָבן זיך באַזעצט אינעם געבענטשטן לאַנד מצרים... פֿאַרדאָן! מײַן איך כּנען. און אַז מיר האָבן זיך באַזעצט אינעם געבענטשטן לאַנד כּנען, איז געקומען בלשאַצר... פֿאַרדאָן! איך מײַן נבוכדנאַצר, און האָט פֿאַרברענט אונדזער הייליקן טעמפּל און אָפּגעפֿירט אונדזערע זין און טעכטער אין אײַזערנע קייטן צו זיך אינעם באַרבאַרישן באַבילאָן, און נאָכדעם אין שפּאַניען... חברים! איך מאַך, טשאָרט וואָזמי, אַ היפּשן שפּרונג און לאָז־דירך בלעטען, המנען מיט אחשורושן מיט נאָך אַזעלכע פֿײַנע מענטשלעך, ווײַל עס טאָגט שוין, ווי איר זעט, אין דרויסן — אַלזאָ, אינעם פֿינצטערן קאַטוי־לישן שפּאַניען, ווו עס האָט געוואַרט אַף אונדז די אינקוויזיציע. (מיט היץ). קאָנט איר זיך פֿאָרשטעלן, חברים, וואָס פֿאַר לײַדן מײַנע עלטערן זײַנען אויסגעשטאַנען אין דער אינקוויזיציע? אַפֿן אויטאָדאַפֿע האָבן זיי זיך געלאָזט ברענען, טשאָרט וואָזמי, אַפֿן עשאַפֿאָט האָבן זיי זיך געלאָזט קוילען, שנײַדן, האַקן, בראָקן, פֿערטלען...

א ל ע : (מיט גרויס ענטוזיאַזם און אַפּלויז). בראַוואָ, הערשקאָ, בראַוואָ!

ק ו ל ו ת : גאָר ניט צו דערקענען, אַז דאָס איז אַ קריסט!

ק ו ל ו ת : אַ ייִד! אַן אמתער ייִד! כאַ־כאַ־כאַ!

א יי נ ע ר פֿ ו ן ד ע ם ע ו ל ם : אַ געבוירענער זשיד. נאָר פּייסיקעס פֿעלן אים!

נ אָ ך א יי נ ע ר : און אַ לײַבסערדאַק!

נ אָ ך א יי נ ע ר : אוי־ווײ־מיר! טאַטעלע־מאַמעלע! ציצעלע־האַמעלע! כאַ־כאַ־כאַ!

א י וו אַ נ אָ וו : סילאַנס! אַז איך רייד, דאַרף זײַן שטיל, טשאָרט וואָזמי!

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (צו איוואַנאָוון). האָב צײַט — דאָס האָסטו ערשט אָן אַדערויף. שפּעטער וועט נאָך זײַן בעסער...

א י וו אַ נ אָ וו : ווער עס וועט וואַגן אַפּצולאַכן פון אַ ייִדן, דער וועט האָבן צו טאָן מיט מיר! (באַווײַזט אַ קולאַק). איך וועל נישט פאַרשווײַגן קיינעם! איך וועל ניט דערלאָזן, טשאָרט וואָזמי, מע זאָל חוזק מאַכן פון מיר דערפאַר, וואָס איך שטאַם־אָפּ פון אַ פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַ זאַקאָן, מיט אַ צאַר דאַוויד, מיט אַ פּסאַלטיר, טשאָרט וואָזמי! איך בעט נאָך אַ מאָל אָנצופילן די כוסות און טרינקען פאַרן דאָזיקן פאָלק, פאַרן אויסדערווײלטן פאָלק ישראל, וואָס איך בין איצט איינער פון זײַנע קינדער. לעבן זאָל דאָס אַלטע אויסדערווײלטע פאָלק! הורררראַ!

א ל ע : הורררא!

ק ו ל ו ת : בראַוואָ! בראַוואָ!

ק ו ל ו ת : גאַספּאָדאַ! וואָס שווײַגט איר?

ק ו ל ו ת : לאָמיר אים נעמען! לאָמיר אים וויגן! קאַטשען! קאַטשען!

ק ו ל ו ת : בײדן קאַטשען! בײדן! (דער עולם צעטײלט זיך אויף צוויי. איין טייל כאַפּט־אונטער שניאורסאָנען, דעם איבערגעטאָנענעם איוואַנאָוון, דער אַנדערער טייל כאַפּט־אונטער דעם איבערגעטאָנענעם שניאָרסאָנען אויף די הענט, און מיט קולות: „בראַוואָ, הערשקאָ! בראַוואָ, וואַניאַ!" טראָגט מען זיי אַרום טיש, איבערן קאַבינעט, אַ צוויי־דרײַ מאָל. — דער פאָרהאַנג פאַלט).

ערשטער אקט

(באַ דוויד שפּיראָן. — אַ גרויס עס־צימער. בעל־הבתיש מעבלירט. נישט רײַך, נאָר זויבער און מיט גוסט. ווײַסע גאַרדינעז, גרינע וואַזאַנעס, אַן אַלטער פּאַר־טעפּיאַן, אַ פּאָר יידישע בילדער אַף די ווענט. — פיר טירן: צוויי רעכטס, פירן צו די זײַטיקע צימערן; איינע אין הינטערגרונט, פירט צו די טרעפּ אַראָפּ; איינע לינקס, אין ווינקל, פירט צו דער קיך. לינקס אַ פענצטער. באַם פענצטער, נאָענט צו דער ראַמפּע, שטייט אַ קאַנאַפּע. אַף דער קאַנאַפּע, אַנגעשפּאַרט אַף דער האַנט, זיצט ב ע ט י, שטאַרק פאַרטיפט אין אַ בוך. אַנגעטאָן גייט זי אין אַ גרין שילערן־קלייד מיט אַ שוואַרץ פאַרטעכל. אַ ווײַסער שפּיצן־קראַגן מיט ווײַסע שפּיצן־מאַנזשעטן. די האָר פאַרקעמט, מיט אַ שיינעם לאַנגן צאָפּ פאַרוואָרפן אַהינטער. מיט אַ ביכל אין האַנט, איבערן שטוב אַהין און צוריק, שפּאַנט־אַרום ס י אָ מ ק ע, אַנגעטאָן אין אַ גרויסער גימנאַזיאַל־טוזשורקע מיט קליינע ווײַסע קנעפּלער. ער לערנט אויף אויסנווייניק מיט אַ ניגון, שאָקלט זיך צום טאַקט:

„קאָק גיניע זביכאָיעטסאַ וויעשטשיי אָליעג
אַטאַמסטיט גיעכאַזומניס כאַזאַכאַם...“

און נאָך אַמאָל דאָס אייגענע:

„קאָק גיניע זביכאָיעטסאַ וויעשטשיי אָליעג...“

פון דרויסן דערהערט זיך אַ ווײַטער קלונג. סיאָמקע הערט ניט אויף אַרויסצו־שפּאַנען און לערנען אויף אַ קול. בעטי רירט זיך ניט. — עס קומט אַרײַן פון קיך ש ר ה ש פּ י ר אָ מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל).

ש ר ה ש פּ י ר אָ: (צו דער טאָכטער). בעטי!

ב ע ט י: (ענטפערט ניט).

ש ר ה ש פּ י ר אָ: (נאָך אַ מאָל). בעטי ! !

ב ע ט י: (נעמט נישט צו די אויגן פון בוך). מהו?

ש ר ה ש פּ י ר אָ: זע נאָר, ווי זי האָט זיך אַ ביסל פאַרטיפט! גאָרנישט אָפּצורײַסן!

ב ע ט י: (הייבט־אויף די אויגן). וואָס ווילסטו, מאַמע?

ש ר ה ש פּ י ר אָ: נאַ דיר גאָר וואָס איך וויל, האָסטו געהערט אַביסל? עמעצער קלינגט דאָך. (עס הערט זיך אַ צווייטער קלונג). עס קער אוודאי זײַן אַ בעלן אויפן צימער.

בעטי: (נישט צוגענומען די אויגן פון בוך). א סך בעלנים, ווינציק מחותנים. זינט מע האָט אויפגעהאַנגען דאָס צעטל, אַז סע גיט זיך אָפּ אַ צימער, הערט דאָס גלעקל נישט אויף צו קלינגען; נאָר עמעצן זאָל געפעלן — דאָס נישט.

שרה שפּיראָ: מזל־טוב! פון וואַנען ווייסטו? אפשר וועט דעם יאָ געפעלן?

בעטי: (נישט צוגענומען די אויגן פון בוך). וואָס קאָן אים דאָ געפעלן? אַ קעמערל אָן מעבל, אָן געזונט, אָן לײַב און לעבן.

שרה שפּיראָ: וואָס האָסטו געוואָלט? שפּיגלען? סאַמעטענע דיוואַנעס? האָסטו געהערט אַ ביסל? ווערליק דאָס געלט, איז גענוג מעבל. גיי נאָר, טאָכטער, אַראָפּ אונטן, עפן. איך קאָן מיך אָט אַזוי אַף די טרעפּ ניט ווײַזן... אָן אויסגעשמאָדערטע... טאָמער באַגעגנט מיך עמעצער...

בעטי: (נישט צוגענומען די אויגן פון בוך). וואָס עפּעס איך? לאָז גיין סיאָמקע.

שרה שפּיראָ: זע נאָר, ווי מע דינגט זיך דאָ, משטיינס געזאָגט! דאָס קינד לערנט דעם אוראָק, דאַרף מען אים שטערן, האָסטו געהערט אַביסל?

בעטי: (נישט צוגענומען די אויגן פון בוך). אָן אַן אומגליק. ס'וועט אים גאָרניט שאַדן צו די אוראָקן, אַז ער וועט גיין עפענען די טיר.

שרה שפּיראָ: (שוין אויפגערעגט). קינדער מיוחסים — טפו זאָל דאָס ניט ווערן! (צו סיאָמקען). גיי נאָר, סיאָמעניו, עפן־אויף די טיר אונטן. מע קלינגט.

סיאָמקע: (הערט ניט אויף חזרן אַף אויסנווייניק, קוקט אַף דער מוטער). „קאַק ניניע זביכאַיעטסאַ וויעשטשיי אָליעג..."

שרה שפּיראָ: זע נאָר, מע רעדט צו אים, גלײַך ווי אין דער וואַנט אַרײַן. גיי עפן די טיר — זאָגט מען דיר. מע קלינגט. האָסטו געהערט אַ ביסל? (עס הערט זיך אַ דריטער קלונג).

סיאָמקע: (ווי אויפגעוואַכט פון שלאָף). מע קלינגט? איך האָב גאָרניט געהערט, מע זאָל קלינגען, איך. אָטאָ גיי איך. (לויפט צו דער טיר אַראָפּ אַף די טרעפּ און כאַפּט בעת־מעשה אַ טענצל).

שרה שפּיראָ: (גרייט צום טיש, שטעלט דאָס טייגעשיר, רעדט צו זיך אַליין). בראָש זײַנען זיי דאָ אַלע פאַרטאַרעראַמט. ער איז שטענדיק אַף דער בערזע, דרייט געשעפטלעך. די איז אַ גימנאַזיסטקע, לייענט ביכער. דער איז אַ גימנאַזיסט, חזרט די אוראָקן. און דו אַליין דאַרפסט זיך טויטשן טאָג ווי נאַכט, טאָ דאָס, טאָ יענץ, טאָ הין, טאָ הער, טאָ דעם, טאָ יענעם...

בעטי: (נישט צוגענומען די אויגן פון בוך). מיט וועמען רעדסטו דאָרט, מאַמעטשקע? מיט זיך אַליין?

שרה שפּיראָ. מיט וועמען דען זאָל איך ריידן, האָסטו געהערט אַ ביסל? אַז איר אַלע זײַט פאַרטראַסקעט, און איך איינע דריי

מיך אַרום, ווי אַ מחותנתטע באַ דער מיזינקע אַף דער חתונה, און דאַרף אַרבעטן, קיין עין־הרע, אַף אַזאַ שטוב, אָן אַ הילף, אָן אַ האַנט־איבער־נעמער...

ב ע ט י : ווער הייסט דיר מאַמעטשקע, ניט צונעמען קיין דינסט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (שטעלט זיך אַוועק, טענהט אין איין אָטעם, שיט ווי פון אַ פאַס, ווערנד די טאָכטער קוקט אַלץ אין בוך). דינסטן זאָל איך נעמען? פון וואַנען וועל איך זיי צאָלן? די שיינע פּרנסות פון דער בערזע, משטיינס געזאָגט, אַף וואָס דער טאַטע איז איבערגעקומען, אַז ער דאַרף זײַן אַ מעקלער גלײַך מיט קעצעלען און מיט נאָך אַזעלכע שלים־מזלען, און נאָך באַ הײַנטיקע הוצאות: דירה־געלט צאָל, פּראַוואָזשיטעל־סטווע צאָל, פּראָוואָאוטשעניע צאָל, טאָג ווי נאַכט נאָר פּראַוועס און פּראַוועס און פּראַוועס... (עס קומט צוריק סיאָמקע. נאָך אים — אַ יונגער פאַרשוין, עלעגאַנט געקליידט. אין איין האַנט האַלט ער אַ קליין טשעמאָ־דאַנטשיקל, אין דער אַנדערער — אַ פּלעד. ווי נאָר ער קומט אַרײַן און טוט אויס דאָס היטל, דערקענט מען אין אים, אַז דאָס איז דער קריסט א י וו אַ נ אָ וו, דער, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַרן ייִדן שניאורסאָן).

א י וו אַ נ אָ וו : (פאַרנייגט זיך פאַר דער מאַדאַם שפּירא און פאַר בעטין, רעדט רוסיש). טוט סטאַיאָטסיאַ קאָמנאַטאַ? *

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (צו בעטין, אַף ייִדיש). מזל־טוב! שוין גוייִם אויך אָנגעהויבן גיין דינגען דירות אַף דער ייִדישער גאַס? (צו איוואַ־נאָוו, אַף רוסיש). טוט, טוט * *.

א י וו אַ נ אָ וו : מעבלירט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : מעבלירט.

א י וו אַ נ אָ וו : קאָן מען זען דאָס צימער?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (קאַטשעט־אָפּ די אַרבל. צו איוואַנאָוון). פאַר־וואָס ניט? (צו בעטין, אַף ייִדיש). ער זאָל שוין אַזוי זײַן מיט דער נאָז, ווי ער וועט דינגען דאָס צימער. (צו איוואַנאָוו, אַף רוסיש). פּאָזשאַלאָי־טיע! (ווײַזט אים, ווו ער זאָל אָפּלייגן דאָס טשעמאָדאַנטשיקל מיטן פּלעד, פירט אים אָפּ רעכטס, דורך דער זײַטיקער טיר. עס דויערט אַ מינוט. בעטי זיצט איבער איר בוך. סיאָמקע הערט ניט אויף צו חזרן זײַן אוראָק. עס קומען־אָן צוריק שרה מיטן פאַרשוין. שרה דערלאַנגט אים אַ שטול. רעדט אַף רוסיש).

ש ר ה ש פּ י ר אָ : זיצט, פאַר וואָס זיצט איר ניט?

א י וו אַ נ אָ וו : (וויל ניט זיצן, דאַנקט, קוקט אַף בעטין). אַלזאָ, וואָס וועט קאָסטן דאָס צימער?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (ענטפערט אים ניט, ווענדט זיך צו דער טאָכ־

---

* דאַ גיט זיך אָפּ אַ צימער?

** דאַ, דאַ.

טער, רעדט מיט איר אַף יִדיש, נאָר וואָרפט־אַרײַן לשון־קודש־ווערטער, טאָמער פאַרשטייט ער). בעטי! דער חדר איז דעם אָדון דווקא געפעלן. ער פרעגט, מה יקר. וויפל דברט מען אים?

בעטי: (צו דער מוטער אַף יִדיש, באַגעגנט זיך מיט איוואַנאָווס אויגן, ווערט רויטלעך). וויפל דו ווילסט. וואָס פרעגסטו בא מיר?

שרה שפּירא: איך ווייס ניט, וויפל איך זאָל אים דברן? פופצן ראָך? — איז ווינציקלעך. צוואַנציק? — אפשר צו פיל? נאָך די בגדים ווײַזט אפילו אויס, אַז ער האָט יאָ מעות; נאָר נאָכן טשעמאָדאַנטשיקל — זעט ער אויס אַ גוי אַ שלים־מזל. (אין דער גאַנצער צײַט, וואָס שרה רעדט צו דער טאָכטער, לאָזט איוואַנאָוו קיין אויג ניט אַראָפּ פון בעטין. עס זעט אויס, אַז/די איז אים שטאַרק געפעלן).

בעטי: (זשענירט פון דעם, וואָס איוואַנאָוו קוקט אַף איר אַזוי געשמאַק, צו דער מוטער, אויך אַף יִדיש). אָבער זאָג אים שוין, מאַמע, וויפל דו פאַרשטייסט — אַז עס דאַרף דאָך עס האָבן!

שרה שפּירא: (צו איוואַנאָוו, אַף רוסיש). דאָס צימער וועט אײַך קאָסטן אַלערלעצט אַ פינפאונצוואַנציקער אַ חודש.

איוואַנאָוו: פינף און צוואַנציק? אויסגעצייכנט.

שרה שפּירא: (צו דער טאָכטער, אַף יִדיש). איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ כף־האער, געמיינט, ער וועט זיך דינגען — צום סוף איז ער צופרידן... (צו איוואַנאָוו, אַף רוסיש). נאָר וואָס דען? איך דאַרף אײַך זאָגן פריִער, אַז בא אונדז איז אַ מנהג, פאַר אַ האַלבן חודש דאַרף מען באַצאָלן פאָרויס.

איוואַנאָוו: (ניט לאַנג געטראַכט). אפילו פאַר אַ גאַנצן. (נעמט אַרויס אַ פינפאונצוואַנציקער און טוט אים אַ וואָרף־אַרויס מיט צוויי פינגער מיט אַזאַ לײַכטקייט, ווי מע וואַרפט־אַוועק אַן אויסגעלאָשן שוועבעלע).

שרה שפּירא: (צו דער טאָכטער, אַף יִדיש). וואָס זאָגסטו, בעטי? עפּעס צו אַ גיכער פאַרשוין. מי יודע, ווער איז ער, דער שלים־מזל!

בעטי: (צו דער מוטער, אַף יִדיש). טאָמער וואָלט געוועזן גענוג צו שלימזלען? און וואָס גייט עס דיך אָן, ווער איז ער? אַבי אַ קוואַרטיראַנט.

שרה שפּירא: (צו דער טאָכטער). וואָס הייסט, וואָס גייט עס מיך אָן, האָסטו געהערט אַ ביסל? אַבי־וועמען וועל איך דאָך ניט אַרײַנלאָזן, און נאָך אַ גוי דערצו! איז איין מאָל אַוועק. הײַנט דאַרף מען אים אַ פרעג טאָן וועגן אַ געשריפטס, מכח שוואַרץ אַף ווײַס.

בעטי: פאַר וואָס־זשע פרעגסטו אים ניט?

שרה שפּירא: (צו דער טאָכטער). וועל איך אים טאַקע פרעגן. (צו איוואַנאָוו, אַף רוסיש). איזווינײַטיע... האָט קיין פּאַראיבל ניט...

באַ אונדז איז דאָ שטרענג... זייער שטרענג... מע דאַרף יאָווען דער פּאָליציי פּאַפּירן... דאָקומענטן... אַ פּאַס... אַ פּאַספּאָרט האָט איר?

א י וו אַ נ אָ וו : אַ? אַ פּאַספּאָרט? (טוט זיך אַ נעם צו דער זײַטקעשענע און ציט־אַרויס אַ פּאַס, גיט אים איבער שרהן מיט דער זעלבער לײַכטקייט, ווי דעם פּינפּאונצוואַנציקער).

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (נעמט דעם פּאַס, גיט אים איבער דער טאָכטער). אַנו, טו נאָר אַ קוק, טאָכטער, אין זײַן געשריפטס, וואָס שטייט דאָרטן?

ב ע ט י : (נעמט דעם פּאַס, לייענט מיט אַ האַלבער שטימע, ווי פאַר זיך). „פּרעדיאַוויטעל סיעווא, שקלאָווסקי מיעשטשאַנין, הערש מאָוושאָוו שניאורסאָן... גדיע יעווריעיאַם זשיט דאָזוואָליענאַ...״ (קוקט אַף איוואַנאָוון, אַף דער מוטער. די מוטער — אַף איר. איוואַנאָוו — אַף זיי ביידן. אַ שטומע סצענע דויערט אַ מינוט).

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (דאָס פּנים אויפגעשײַנט. אַ זעץ מיט די הענט איבערן קליידל, צו איוואַנאָוון, אַף ייִדיש). זײַט איר, הייסט עס, אַ אונדזעריקער? וואָס־זשע האָבן מיר ביז אַהער געדאַרפט זיך מוטשען אומזיסט און ריידן אַף גויעש? מיר האָבן דאָך געקאָנט גאַנץ שיין ריידן אַף אונדזער אייגן לשון, האָסטו געהערט אַ ביסל? האָט כאָטש קיין פאַראיבל ניט. טאָמער האָב איך מיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט...

א י וו אַ נ אָ וו : (צו בעטין, שמייכלט). איך פאַרשטיי ניט.. וואָס זאָגט אײַער מוטער?

ב ע ט י : (צו דער מוטער, אַף ייִדיש). ער זאָגט, אַז ער ווייסט ניט, וואָס דו רעדסט. ער פאַרשטייט ניט קיין וואָרט ייִדיש.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (צו דער טאָכטער). אַ ביסל אַ משל! אַ ייִד, וואָס מע רופט אים שניאורסאָן, פאַרשטייט ניט קיין ייִדיש?

ב ע ט י : (צו דער מוטער). נו, זעסטו דאָך. קאַרג ייִדן פאַראַן אַצינד, וואָס פאַרשטייען ניט קיין ייִדיש?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אָבער אַ מיעשטשאַנין פון שקלאָוו? אין גאַטעם ווילן!

א י וו אַ נ אָ וו : (פאַרשטאַנען. ווענדט זיך צו בעטין). אײַער מוטער וווּנדערט זיך, וואָס איך פאַרשטיי ניט גוט קיין ייִדיש? איך בין, פאַרשטייט איר מיך, אויסגעוואַקסן ניט אין שקלאָוו באַ מײַנע עלטערן, נאָר אין אַ רוסישער שטאָט... באַ מײַן באַבושקאַ... און געווען מער צווישן קריסטן... האָב איך פאַרגעסן ייִדיש ריידן...

ב ע ט י : (צו דער מוטער). דו האָסט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (צו דער טאָכטער). פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען. וואָס קומט אָבער אַרויס פונעם פאַרשטאַנען, אַז ווײַבאַלד ער איז אַ אונדזעריקער, איז ער דאָך גלאַט אַף צרות. ווי קאָן ער באַ אונדז דינגען דאָס צימער, אַז ער האָט מסתמא אַ פּײַג, ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסטווע?

ב ע ט י : (אַלס דאָלמאַטש, צו איוואַנאָוון). מײַן מאַמע זאָגט, אַז

ווײַבאַלד אַזוי, ווי קאָנט איר דאָ זײַן, אַז איר האָט ניט קיין פּראַוואָזשי־טעלסטוואָ?

אי וואַנאָוו: פּראַוואָזשיטעלסטוואָ? וואָס הייסט עס פּראַוואָזשיטעלסטוואָ?

בעטי: כאַ־כאַ־כאַ!

שרה שפּיראָ: (צו דער טאָכטער). נו? בין איך גערעכט געווען, אַז איך האָב געזאָגט, ער איז אַ שלים־מזל? ער זעט מיר אויס גאָר אַ חושים צו זײַן! (איוואַנאָוו קוקט פֿון דער מוטער אַף דער טאָכטער און פֿון דער טאָכטער אַף דער מוטער, פֿאַרשטייט ניט, וואָס דאָ קומט־פֿאָר. בעטי קומט אים צו הילף).

בעטי: (צו איוואַנאָוון). די מאַמע וווּנדערט זיך, וואָס איר ווייסט אַפֿילו ניט, וואָס פּראַוואָזשיטעלסוואָ באַטײַט. באַדאַרף מען אײַך געבן צו פֿאַרשטיין. פּראַוואָזשיטעלסטוואָ הייסט, אַז איר, ווײַל איר זײַט אַ ייִד, האָט איר ניט קיין רעכט צו וווינען אין דער דאָזיקער שטאָט, וואָרעם זי רעכנט זיך שוין אויסער דער „טשערטאַ”...

אי וואַנאָוו: פּאַזוואָלטי! ווי אַזוי־זשע קאָן איך דאָ לערנען אין אוניווערזיטעט און ניט וווינען דאָ?

בעטי: איר לערנט דאָ אין אוניווערזיטעט? איר זײַט דען אַ סטודענט?

אי וואַנאָוו: כמעט אַ סטודענט. איך האָב אָנגעגעבן מײַנע פּאַפּירן, און הײַנט ווער איך צוגענומען.

בעטי: (צו דער מוטער). דו הערסט? ער איז אַ סטודענט אין דער היגער אוניווערזיטעט. (צו איוואַנאָוון) און איר זײַט זיכער, אַז מע וועט אײַך צונעמען?

אי וואַנאָוו: מער ווי זיכער. איך האָב אַ גאָלדענע מעדאַל.

בעטי: (צו דער מוטער). ער איז אַ מעדאַליסט. אַ גאָלדענע מעדאַל.

שרה שפּיראָ: אַ מענדאַל? אַ גאָלדענע מענדאַל? (אַ פּלעסק מיט די הענט. צו דער טאָכטער). נו? ווער איז גערעכט? איר לאַכט דאָך פֿון מיר שטענדיק, דו און דער טאַטע, לְמאַי איך וויל, אַז סיאָמקע זאָל האָבן אַ מענדאַל. (צום קוואַרטיראַנט). זיצט. פֿאַר וואָס זיצט איר ניט? (רוקט אים צו אַ שטול. ער זעצט זיך). איך זאָג אַלע מאָל, אַז אַ ייִד דאַרף האָבן אַ מענדאַל. (צו סיאָמקען, וואָס הערט ניט אויף צו חזרן שטי־לערהייט). קום נאָר אַהער, זונעניו. זעסטו? (ווײַזט אים אַף איוואַנאָוון). אָט האָבן זיי געענדיקט מיט אַ מענדאַל, מיט אַ גאָלדענער מענדאַל, וועלן זיי, אם ירצה השם, געווים אַרײַן. הײַנט זעסטו שוין, ווי אַזוי מע דאַרף זיך לערנען? אַף וואָס מע דאַרף האָבן פּינפֿן?

בעטי: (צו איוואַנאָוון). די מאַמע זאָגט אים מוסר, אַז מע דאַרף זיך גוט לערנען, בכדי מע זאָל קריגן אַ מעדאַל. ס'איז מײַנס אַ ברודערל...

אַ גימנאַזיסטל... (צום ברודער). סיאָמע, קום אַהער, גיב די האַנט. (סיאָמקע גייט־צו, פאַרנייגט זיך, גיט די האַנט).

א י וו אַ נ אָ וו : (צו בעטין). אין וויפלטן קלאַס איז ער דאָס?

ב ע ט י : אין דריטן קלאַס דערווייל.

א י וו אַ נ אָ וו : אַזאַ גרויסער ערשט אין דריטן קלאַס?

ב ע ט י : פאַר וואָס פרעגט איר בעסער ניט, וויפל יאָר איז ער געגאַנגען צום עקזאַמען, איידער מע האָט אים צוגעלאָזט? און וויפל טרערן האָט מיין מאַמע פאַרגאָסן?

א י וו אַ נ אָ וו : פאַר וואָס האָט מען אים ניט צוגעלאָזט?

ב ע ט י : (צעלאַכט זיך). :אַ־כאַ־כאַ! אַ ייִד — און פרעגט אַזעלכע קשיות!

א י וו אַ נ אָ וו : (זעט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן). יאָ־נו, איך מיין ניט דאָס. איך מיין עפּעס אַנדערש. אין דריטן קלאַס איז ער — און מע שמועסט שוין וועגן אַ מעדאַל?

ב ע ט י : געוויס. אַניט, וועט ער דאָך ניט אַריין אין אוניווערזיטעט.

א י וו אַ נ אָ וו : (צופרידן, וואָס ער קאָן אַביסל אויסשמועסן זיך מיט בעטין). ווו־זשע איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז אַייער ברודערל מוז אַריין דווקא אין אוניווערזיטעט?

ב ע ט י : ווו איז דאָס געזאָגט געוואָרן, אַז א י ר מוזט אַריין אין אוניווערזיטעט?

א י וו אַ נ אָ וו : (שפּיגלט זיך אין בעטיס פּנים). איר האָט מיך געכאַפּט אויפן וואָרט.

ב ע ט י : איך האָב אייך נישט געכאַפּט. איר האָט זיך אַליין געכאַפּט. די קשיות, וואָס איר פרעגט, פּאַסן זיך בעסער פאַר אַ גוי, ניט פאַר קיין ייִדן.

ש ר ה ש פּ י ר אָ :(נישט איבעריק צופרידן, וואָס איר טאָכטער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין אַ צו־לאַנגן שמועס מיט אַן אומבאַקאַנטן פּאַרשוין, מישט זי זיך אַריין, בכדי איבערצורייסן זיי, און אַ ביסל ווילט זיך איר טאַקע באַרימען מיט איר זונדל, — ווענדט זי זיך צו איוואַנאָוון). ער וועט מיט גאָטס הילף געוויס קריגן אַ מעדאַל, אַזוי ווי איר. ער לערנט אויף סאַמע פינפן.

א י וו אַ נ אָ וו : מאַלאָדיעץ!

ב ע ט י : און קריגט פאַר יעדן פינף אַ פיטאַקל בא דער מאַמע.

א י וו אַ נ אָ וו : געקויפטע פינפן?

ס י אָ מ ק ע : (וואָס איז געשטאַנען ביז אַהער און אײַנגעהערט זיך אינעם שמועס, מישט זיך אויך אַריין). נישט געקויפטע, נאָר פאַרדינטע.

א י וו אַ נ אָ וו : בראַוואָ! (נעמט בא אים דאָס ביכל. לייענט) „פּיעסן אַ וויעשטשעם אָליעגיע". אַנו? (גיט סיאָמקען, ער זאָל לייענען).

ס י אָ מ ק ע : (גיט־אָפּ צוריק דאָס ביכל. גײַציק). איך קען עס אַף אויסווייניק. (שנײַצט־אויס די נאָז, שטעלט זיך אַוועק, קלינגט הויך, מיט אַ נײַעם אייגענעם ניגון, שאָקלט זיך צום טאַקט):

„קאַק ניניע זביכאַיעטסאַ וויעשטשיי אָליעג
אָטאָמסטיט ניעכאַזומנים כאַזאַכאַם,
איך סיאָלאַ אי ניווי זאַ בויניי נאַביעג
אָבכיאָס אָן מעטשאַם אי פּאָזשאַכאַם...“

(בעטי און איוואַנאָוו קוקן זיך איבער און שמייכלען).

א י וו אַ נ אָ וו : (צו סיאָמקען). בראַוואָ! אויסגעצייכנט! נאָר צו וואָס זינגענדיק? צו וואָס שאָקלען זיך?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (אומרויִק צו דער טאָכטער). וואָס זאָגט ער? ס׳איז נישט גוט? נישט געפעלן אים, ווי ער לייענט?

ב ע ט י : (צו דער מוטער). ער זאָגט ניט, אַז ס׳איז נישט גוט. ער זאָגט נאָר, למאַי ער זינגט מיט אַ ניגון און למאַי ער שאָקלט זיך.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אפשר וואָלט געווען אַ סברה, אַז ער זאָל מיט אים צולערנען, רעפּעטיטיווען?

ב ע ט י : (צו דער מוטער). רעפּעטירן, ניט רעפּעטיטיווען.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : לאָז זײַן אַזוי. אַנו, טו אים נאָר אַ פרעג, וואָס וועט ער וועלן דערפאַר? זאָג אים, אַז ס׳וועט אים קאָסטן ביליקער דאָס צימער, אויב ער וועט אים רעפּעטיטעווען.

ב ע ט י : (צו דער מוטער). רעפּעטירן, ניט רעפּעטיטעווען. (צו איוואַנאָוו). די מאַמע זאָגט, אַז ס׳וועט אײַך קאָסטן אַ סך ביליקער דאָס צימער...

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (פאַרריכט). נישט קיין סך, נאָר עטוואָס ביליקער...

ב ע ט י : אויב איר וועט לערנען מיט מײַן ברודערל...

א י וו אַ נ אָ וו : מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. עס דאַרף ניט קאָסטן ביליקער. איך קאָן מיט אים לערנען אַזוי. איך נייטיק זיך ניט.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (שײַנענדיק). לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ פײַנער מענטש דאָס איז! איך האָב עס אַרויסגעזען באַלד, פונעם ערשטן קוק! (צו איוואַנאָוו, פרײַנטלעך). מע שיקט אײַך צו פון דער היים? (זעצט זיך אַוועק אַנטקעגן קוואַרטיראַנט, לייגט־צונויף די הענט אויפן האַרצן).

א י וו אַ נ אָ וו : וואָס שיקט מען מיר צו פון דער היים?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : געלט מיין איך.

א י וו אַ נ אָ וו : יאָ. מע שיקט מיר צו פון דער היים.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אײַער טאַטע מסתמא? אָדער אײַער מאַמע?

א י וו אַ נ אָ וו : (קוקט אַף בעטין). יאָ... ניין... דאָס הייסט, איך קריג געלט צוגעשיקט פון מײַן באַבושקאַ...

שרה שפירא: אזוי גאָר? זײַט איר, הייסט עס, אַפּנים, אַ יתום?

איוואַנאָוו: אַ יתום.

שרה שפירא: אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען?

איוואַנאָוו: אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען.

שרה שפירא: שוין לאַנג?

איוואַנאָוו: שוין לאַנג.

שרה שפירא: פון קלייינוויַיז אויף?

איוואַנאָוו: פון קלייינוויַיז אויף.

שרה שפירא: און קיין זיידע איז נישטאָ?

איוואַנאָוו: קיין זיידע נישטאָ.

בעטי: (קאָן נישט לײַדן. צו דער מוטער). מאַמע! וואָס איז דאָס פאַר אַ עקזאַמען?

שרה שפירא: ס'איז גאָרניט קיין עקזאַמען. איך וויל וויסן. (צום קוואַרטיראַנט). איז זי, הייסט עס, אַן אלמנה?

איוואַנאָוו: ווער?

שרה שפירא: אײַער באַבושקאַ.

איוואַנאָוו: פאַרשטייט זיך, אַן אלמנה.

שרה שפירא: שוין לאַנג?

איוואַנאָוו: שוין לאַנג.

שרה שפירא: און האָט ניט חתונה?

איוואַנאָוו: ניין.

שרה שפירא: און זי איז רײַך?

בעטי: (ווידער אַמאָל צו דער מוטער). וואָס פאַר אַ דאָפּראָס, מאַמע?

שרה שפירא: ס'איז גאָרניט קיין דאָפּראָס. איך פרעג גלאַט אַזוי. (צום קוואַרטיראַנט). און זי איז רײַך?

איוואַנאָוו: ווער?

שרה שפירא: אײַער באַבושקאַ.

איוואַנאָוו: רײַך.

שרה שפירא: זייער רײַך?

איוואַנאָוו: זייער רײַך.

שרה שפירא: דהיינו, וויפל שאַצט מען זי?

איוואַנאָוו: (קווייַקלט זיך). הם... באַ די צוויי הונדערט טויזנט!

שרה שפירא: צוויי הונדערט טויזנט? (צו דער טאָכטער). בעטי, דו הערסט? צוויי הונדערט טויזנט!

בעטי: וואָס פאַר אַ פּנים האָט דאָס, מאַמע?

שרה שפירא: וואָס אַרט עס דיך? (צום קוואַרטיראַנט). זאָגט־זשע מיר, איך בעט אײַך, און מער קיין אייניקלעך האָט זי ניט?

א י וו א נ אָ וו : ווער?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אײַער באַבושקאַ.

א י וו א נ אָ וו : ניין, זי האָט ניט מער.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : זײַט איר, הייסט עס, איינער?

א י וו א נ אָ וו : איינער.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : איין־און־איינציקער?

א י וו א נ אָ וו : איין־און־איינציקער.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : קומט דאָך אויס, אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זײַט איר דער...

ב ע ט י : (לאָזט איר נישט ווײַטער גיין. צום קוואַרטיראַנט). איר ווילט דאָך אוודאי זיך אָפּרוען, אָדער איבערטאָן זיך?

א י וו א נ אָ וו : (שטייט־אויף, נעמט זיך צו די זאַכן). יאָ. איך דאַרף זיך איבערטאָן און גיין אין אוניווערזיטעט געוווּיר ווערן...

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (צו דער טאָכטער). דאַרף מען זיי אַרײַנטראָגן די זאַכן אין צימער אַרײַן, און געבן זיי וואַסער, און אַ האַנטעך, און ציכלעך אויפּציִען אַף די קישעלעך. בעטי, זײַ זיך מטריח. איך וועל דערווײַל אַ קוק טאָן צום סאַמאָוואַר, דער טאַטע דאַרף באַלד קומען. (צו סיאָמקען). סיאָמעניו, העלף זיי טראָגן. (בעטי גייט מיט איוואַנאָוון אין זײַן צימער. סיאָמקע כאַפּט און טראָגט זיי נאָך פון הינטן דאָס טשעמאָדאַנטשיקל מיטן פּלעד, הערט נישט אויף גייענדיק צו חזרן דעם אוראָק שטילערהייט: „קאַק ניניע זביכאַיעטסאַ וויעשטיי אָליעג..." שרה פּאַרקאַטשעט די אַרבל. גייט־אָפּ אין קיך אַרײַן און קומט גיך צוריק מיטן סאַמאָוואַר און מיטן טייגעשיר. באַלד נאָך איר קומט־אָן פֿונעם זײַטיקן צימער בעטי).

ש ר ה ש פּ י ר אָ : נו? וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

ב ע ט י : וואָס האָסטו געזאָגט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אַז ס'איז אַ יונגערמאַן אַ גאָלד.

ב ע ט י : דו האָסט געזאָגט אַ גאָלד?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : וואָס דען האָב איך געזאָגט?

ב ע ט י : אַ שלים־מזל האָסטו דאָך געזאָגט, מאַמעטשקע!

ש ר ה ש פּ י ר אָ : איך האָב געזאָגט אַ שלים־מזל? איך?

ב ע ט י : ווער דען האָט געזאָגט אַ שלים־מזל? איך? (אומגעריכט, אָן אַ קלונג, קומט־אָן דוויד שפּיראָ, אַ פּאַרשוויצטער, אָנגעטאָן אין אייבערשטן ראָק און אין קאַפּעליוש, מיטן שטעקעלע אין האַנט, בלײַבט שטיין אַף דער טיר אַ מינוט, הערט זיך צו צו זייער שמועס).

ד ווי ד ש פּ י ר אָ : (קרימט זיי איבער). געזאָגט־געזאָגט־געזאָגט! איך האָב געזאָגט... דו האָסט געזאָגט... נאָך אַף די טרעפּ לאָזט איר זיך הערן... גאָט איז מיט אײַך! (טוט זיך אויס). מיט וועמענס ירושה קאָנט איר זיך ניט אײַנטיילן? (גייט צום טיש). די מאַמע מיט דער טאָכטער! ווען וועט איר אויפהערן צו קריגן זיך?

בעטי: ווער קריגט זיך דען?

שרה שפּירא: אַנדערע קושן זיך, מיר קריגן זיך — איז נאָך ניט גלײַך.

דוד שפּירא: (אין גוטן מוט). „אַנדערע קושן זיך, מיר קריגן זיך — איז נאָך ניט גלײַך!"... הכלל, וואָס איז דאָ באַ אײַך געווען פּאַר אַ שפּאַרעניש: „איך האָב געזאָגט — דו האָסט געזאָגט"? (זעצט זיך צום טיש).

בעטי: (וויל אים איבערגעבן). פּאַרשטייסט, פּאַפּאָטשקאַ...

שרה שפּירא: (דערלאָזט נישט). ווייס איך וואָס? צו וואָס איבערגעבן? טאַקע כדאי!... הער בעסער, דוויד, איך דאַרף דיר דערציילן אַ שיינס...

דוד שפּירא: אַ שיינס? איך האָב אויך געבראַכט צו טראָגן אַ שיינס.

בעטי: אוי, פּאַפּאָטשקאַ, דערצייל, דערצייל!

דוד שפּירא: (צו דער טאָכטער). ניין, לאָז זי פריִער. זי איז בילכער. (צום ווײַב). נו?...

שרה שפּירא: (גיסט־אָן טיי דעם מאַן). גאָט האָט אונדז צוגעשיקט אַ גליק. וואָס זאָג איך אַ גליק? צוויי גליקן מיט אַ מאָל.

דוד שפּירא: צוויי גליקן מיט אַ מאָל? קיין עין־הרע ניט! וואָס פאַר גליקן? די קו האָט זיך געקעלבט און די קאַץ האָט זיך געקעצלט?

בעטי: (פאַרלייגט אַ פינגער). ערשטנס, אַ קוואַרטיראַנט.

שרה שפּירא: און נאָך וואָס פאַר אַ קוואַרטיראַנט! אַלץ הייסט אַ קוואַרטיראַנט!

בעטי: (פאַרלייגט נאָך אַ פינגער). און, צווייטנס, אַ לערער פאַר אונדזער סיאָמקען...

שרה שפּירא: און נאָך וואָס פאַר אַ לערער! אַלץ הייסט אַ לערער! אַן אומזיסטיקער! ער נעמט ניט אַ גראָשן!

דוד שפּירא: פאַר וואָס עפּעס?

בעטי: ער איז אַ רײַכער...

שרה שפּירא: אַלץ הייסט רײַך! אַן עושר. אַן אדיר! אַ מיליאָנטשיק!

בעטי: ניט ער, די באַבושקאַ זײַנע...

דוד שפּירא: (כאַפּט זיך באַ די אויערן). טראַ־טראַ־טראַ־טאַ־טאַ! ביידע מיט אַ מאָל! לאָז איינע ריידן. איך פאַרמאָג מער ניט ווי איין פּאָר אויערן, גאָט איז מיט אײַך!

שרה שפּירא: (צו דער טאָכטער). נו, דערצייל דו, אַז דו קאָנסט בעסער. (טרעט־אָפּ) אַ גימנאַזיסטקע פון זיבעטן קלאַס — ביסטו בילכער. (טרעט־אָפּ).

בעטי: (צו דער מוטער, מיט ביידע הענט צו איר). מאַמעטשקע, דו קאָנסט בעסער. דערצייל שוין דו, דערצייל.

שרה שפּירא: (גייט־צו). אַ שכן האָט אונדז גאָט צוגעשיקט — (בייגט זיך אָן צום מאַן, רעדט שטיל) אַ קוואַרטיראַנט, אַ מאָדנע קוואַרטיראַנט! ערשטנס, שטעל דיר פאָר, אַז היימן הייסט ער מאַירסאָן...

בעטי: ניט מאַירסאָן, נאָר שניאורסאָן.

שרה שפּירא: (אַ קוק בייז אָף דער טאָכטער). מיין איך שניאורסאָן. און פאַרשטייט ניט, זאָלסט זאָגן, אַ וואָרט יידיש! ער ווייסט ניט אפילו, וואָס הייסט פּראַוואָזשיטעלסטווע...

דוויד שפּירא: (טרינקט). אַ געשמדטער?

שרה שפּירא: חס ושלום! אַ ייד!

בעטי: ער איז אַ סטודענט.

שרה שפּירא: (שטיל, צום מאַן אָפּן אויער). מיט אַ מענדאַל! אַ גאָלדענע מענדאַל!... צאָלט מיר אַ פינפאונצוואַנציקער פאַרן צימער...

דוויד שפּירא: (אַ קוק אָפּן ווייב). אַ פינפאונצוואַנציקער פאַרן צימער? משוגע? צי חסר־דעה?

שרה שפּירא: האָב צייט, ביסט נאָך ניט פאַרטיק. (שטיל). ער האָט זיך, אחוץ דעם, נאָך אונטערגענומען צו לערנען מיט אונדזער סיאָמקען אומזיסט, אָן אַ גראָשן געלט.

דוויד שפּירא: (הויך). ווייזט אויס, אַ רעכטער לץ, אַ פרייער, אָדער אַ פעכפוינגל, ווי מע רופט עס בא אונדז אָף דער בערזע.

שרה שפּירא: (שטרענג). ששש... ער קאָן נאָך דערהערן, האָסטו געזען אַ ביסל?

בעטי: (צעלאַכט זיך). ווי אַזוי וועט ער עס דערהערן, למשל? סיידן ער זאָל שטיין הינטער דער טיר — פאַרשטייט ער דאָך ניט אַ וואָרט יידיש!

שרה שפּירא: (הויך). טפו! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז ער פאַרשטייט ניט אונדזער לשון. הכלל, איך זאָג דיר, דוויד, אַ מאָדנעם שכן האָט אונדז גאָט צוגעשיקט! זאָלסט זאָגן, אַ מענטש זאָל זיך עס פרוּוון דינגען! מע זאָגט דיר פינף און צוואַנציק — זאָג כאָטש צוויי און צוואַנציק... אַז מע שמועסט — אָן אַדיר! אַ מיליאָנטשיק!

בעטי: (צום פאָטער). די מאַמע האָט, ווייזט אויס, חרטה, פאַר וואָס זי האָט אים ניט געזאָגט מער.

דוויד שפּירא: (צום ווייב, שפּאָטיש). טאַקע. למאי האָסטו אים ניט געזאָגט צוויי מאָל פינף און צוואַנציק? אַזאַ צימער! אַ דירה־מלוכה!

שרה שפּירא: (גנעפּינט זיך באַליידיקט). אָט דאָס איז דאָך די מעשה מיט אייך — באַלד עפּעס, מאַכט איר חוזק. דער טאַטע מיט דער טאָכטער!...

דוויד שפּירא: ווער מאַכט דען חוזק, שוטה וואָס דו ביסט? גלאַט אַזוי, מע רעדט — רעדט זיך. הקיצור המעשה, גאָט האָט אייך דאָ

צוגעשיקט א העכט פון העכטנלאַנד! איך וואָלט אים א בעלן געווען אָנ־קוקן, וואָס פאַר א חיה דאָס איז... וואָס שטודירט ער? דאָקטאָריע?

שרה שפּירא: לאָם איך אזוי וויסן בייז מיט אײַך אינ־איינעם!

בעטי: ער דאַרף ערשט הײַנט אַרײַן אין אוניווערזיטעט.

דוד שפּירא: (אויסגעצויגן). אזוי? ער דאַרף ערשט הײַנט אַרײַן אין אוניווערזיטעט? כאַ־כאַ־כאַ! אויב אזוי... (כאַפּט זיך אויף). וווּ איז ער ערגעץ? וועל איך אים דערציילן דעם פּסוק! איך וועל אים אָנ־זאָגן א בשורה, איר פאַרשטייט צי ניין, אַז ער מעג זיך שוין געזעגענען מיט זײַן אַרײַן אין אוניווערזיטעט לעולם ועד!

שרה שפּירא און בעטי: (איבעראַשט). פאַר וואָס עפּעס?

דוד שפּירא: (שפּאַנט־אַרום). פאַר וואָס? פאַר שבת! דערויף זײַנען מיר דאָך עפּעס ייִדן אויף דער וועלט. אתה בחרתנו מכל העמים... איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז כ'האָב געבראַכט א שיינס. ס'איז אַרוים א שפּאָגל־נײַער צירקוליאַר, אזוי זאָגט מען בא אונדז אויף דער בער־זע, לכבוד אונדז ייִדן, הייסט עס. (בלײַבט שטיין). אָבער א צירקוליאַר אשר לא צירקוליארו אבותינו! אזא מין צירקוליאַר, וואָס נאָר איין מאָל אין טויזנט יאָר קאָן מען אזעלכעס אַרויסלאָזן, כאַ־כאַ־כאַ! (קוקט זיך אַרום). וווּ איז ער ערגעץ?

שרה שפּירא: ווער?

דוד שפּירא: דער קליינער וועווריק, סיאָמע דײַנער?

שרה שפּירא: וואָס עפּעס מײַנער? פאַר וואָס ניט דײַנער?

דוד שפּירא: לאָז זײַן מײַנער.

שרה שפּירא: וואָס דאַרפסטו אים? (אומרויִק).

דוד שפּירא: גאָרניט. איך האָב אים געוואָלט אָנזאָגן א בשורה, אַז ער דאַרף זיך שוין אזוי ניט מוטשען, טאָג ווי נאַכט חזרן די אוראָקן, לערנען אויף סאַמע פינפן, בכדי צו באַקומען א מעדאַל. אוים מע־דאַלן — אַן עק!

שרה שפּירא: (פריילעך). אזוי? מע דאַרף שוין ניט? מע וועט שוין צונעמען אזוי? דאַנקען און לויבן!...

דוד שפּירא: (צו דער טאָכטער). שוין? זי האָט שוין קיין צײַט ניט! (צום ווײַב). וואָס „דאַנקען און לויבן?" וואָס?

שרה שפּירא: דו זאָגסט דאָך, אַז מע וועט שוין ניט דאַר־פן מער, מע וועט שוין צונעמען אזוי...

דוד שפּירא: יאָ־נו, אוודאי וועט מען שוין צונעמען אזוי. נאָר ניט אין אוניווערזיטעט. פאַר סאָלדאַטן וועט מען צונעמען.

שרה שפּירא: (ברעכט די הענט). א דונער האָט מיך גע־טראָפן!

בעטי: (נעמט זיך אָן דער מוטערס קריוודע. צום פֿאָטער). פּאַפּאָטשקאַ! למאַי זאָלסטו שרעקן די מאַמע?

דוויד שפּיראָ: (צו דער טאָכטער). למאַי האָט זי מיר אָפּגעגעסן דעם קאָפּ: גימנאַזיע און גימנאַזיע און גימנאַזיע? זיך איַינגעשפּאַרט איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל, אַז סיאָמקע זאָל דווקא אַרײַן אין גימנאַזיע, און אַז סיאָמקע זאָל דווקא שטודירן, און דווקא אַף סאַמע פֿינפֿן?

שרה שפּיראָ: איך האָב דיר אָפּגעגעסן דעם קאָפּ, אַז דאָס קינד זאָל אַרײַן אין גימנאַזיע?

דוויד שפּיראָ: ווער דען האָט געאַרבעט, אַז דאָס קינד זאָל אַרײַן אין גימנאַזיע?

שרה שפּיראָ: (אַ פּלעסק מיט די הענט. צו דער טאָכטער). נו? בעטי! זאָג שוין דו! זײַ שוין דו אַן עדות!

בעטי: ששש... לאָז זײַן געַנוג! אָט גייט אונדזער נײַער שכן... (עס קומט אַרײַן פֿון זײַן צימער איוואַנאָוו, אַן איבערגעטאָענער, גרייט אַוועקצוגיין. דערזעט שפּיראָן, פֿאַרנייגט ער זיך. בעטי שטעלט זיי פֿאָר). דאָס איז מײַן פּאַפּאַ. דאָס איז אונדזער קוואַרטיראַנט, הער שניאורסאָן.

דוויד שפּיראָ: (ציט אים אויס אַ האַנט, הייבט־אָן צו אים גלײַך אַף ייִדיש). שלום עליכם אײַך, פֿון וואַנעט איז אַ ייִד? פֿון וואָסערע שניאורסאָנס?

שרה שפּיראָ: (אַפֿן אויער צום מאַן). ער פֿאַרשטייט דאָך ניט קיין וואָרט ייִדיש. (הויך). רייד צו זיי אַף רוסיש.

דוויד שפּיראָ: (צום ווײַב, אַף ייִדיש). רוסיש איז רוסיש. איך שרעק מיך ניט איבער פֿאַר אַזעלכע זאַכן! (צו איוואַנאָוו, אַף רוסיש). סאַדיטיעס. זיצט, פּאַני שניאורסאָן. פֿאַר וואָס זיצט איר ניט?

שרה שפּיראָ: (טראָגט אים אונטער אַ שטול). זיצט, פֿאַר וואָס זיצט איר ניט?

דוויד שפּיראָ: (צו איוואַנאָוו). פֿון אַ גלעזל טיי וועט איר זיך ניט אָפּזאָגן? (צום ווײַב). שרה, גיס אָן טיי. (שרה גיסט זייביידן אָן טיי). איך האָב געהערט זאָגן, אַז איר זײַט אַ סטודענט, דאָס הייסט, איר וואָלט אַ בעלן געווען זײַן אַ סטודענט...

איוואַנאָוו: שוין כמעט אַ סטודענט... איך האָב אײַנגעגעבן די פּאַפּירן. איך האָב אַ מעדאַל.

שרה שפּיראָ: אַ גאָלדענע מענדאַל.

דוויד שפּיראָ: איך האָב געהערט. אַ מעדאַל, און נאָך אַ גאָלדענעם דערצו, איז זייער אַ ווילע זאַך. גאָלד בלײַבט תמיד גאָלד... נאָר אויב ס'וועט אײַך העלפֿן באַם אַרײַנטרעטן אין אוניווערזיטעט — דאָס, זעט איר, איז שוין אַ גרויסער ספק.

איוואַנאָוו: (נייגעריק). פֿאַר וואָס עפּעס אַזוי?

דוויד שפּיראָ: ווײַל אַ מעדאַל איז שוין הײַנט אויס יחוס. איצט גייט שוין אַ נײַע סדרה: גורל!...

א י וו א נ א וו : וואָס הייסט דאָס?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : גורל. זשערעב. מע וועט ציִען אַ זשערעב. מזל זכה בגודל, כאַ־כאַ־כאַ! איר פאַרשטייט, צי ניין? איר האָט געענדיקט גימנאַזיע, איך האָב געענדיקט גימנאַזיע. איר האָט אַ גאָלדענע מעדאַל, איך האָב אַ פײַג. הייסט מען אונדז ציִען אַ גורל. צי איך אַרויס דעם מזל־זכה־בגורל — און מע נעמט מיך צו, און אײַך נישט. הייסט מען אײַך גיין אַהיים. האָט איר עס צעקײַעט, צי נאָך נישט?

א י וו א נ אָ וו : (נאָך ניט פאַרשטאַנען, נאָר ער מאַכט זיך ווי ער פאַרשטייט). אַזוי גאָר? וואָס זשע איז די מעשה?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : די מעשה איז אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע. איר ווייסט דאָך, אַז דאָרטן אויבן, אין די הויכע פענצטער, זיצט מען יומם ולילה און מע זאָרגט זיך רק פון אונדזערטוועגן, און מע קלערט, און מע טראַכט־צו אַלע מאָל עפּעס אַ נײַס, ווי אַזוי ייִדן צו פאַרצוקערן, פאַרזיסערן אונדז דאָס לעבן. נו, האָט מען געפונען, אַז ס׳איז ניט על־פּי יושר און על־פּי מענטשלעכקייט, אַז אין אוניווערזיטעט זאָלן אַרײַנטרעטן נאָר מעדאַליסטן. אַ רחמנות נעבעך אַף די איבעריקע, איר פאַרשטייט צי ניין, וואָס האָבן ניט קיין מעדאַלן. זייערע נשמות זײַנען אויך ניט פון קלאָטשע. לכן איז געבליבן, אַז אַלע דאַרפן זײַן גלײַך. ניטאָ קיין מיוחסים. יאָ מעדאַליסטן, ניט מעדאַליסטן — באַם אַרײַנטרעטן אין אוניווערזיטעט זאָל מען צווישן דעם פּראָצענט ייִדן, וואָס דאַרפן אַרײַן, וואַרפן אַ גורל. עלעהיי, לאָז זיך אײַך דאַכטן, צום פּריזיוו. ס׳איז אַ זשערעב, אַ לאָטעריי, איר פאַרשטייט צי ניין? וועמען ס׳איז באַשערט — דער גייט.

א י וו א נ אָ וו : קאָנען דאָך אַרײַן אין אוניווערזיטעט די סאַמע ערגסטע, און די בעסטע זאָלן בלײַבן אין דרויסן?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : אַט־אַט־אַט! הערסטו! אַט דאָס מיינט דאָך טאַקע דער פּסוק! קוים געפאַלן אַפן שכל! מע האָט זיך אַרומגעקוקט, איר פאַרשטייט צי ניין, אַז ס׳האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די לעצטע יאָרן אין די אוניווערזיטעטן אַלע בעסטע, דער סאַמע צימעס. נו, און הוילע צימעס איז אַ חסרון... ס׳קאָן אַמאָל שאַטן צום מאָגן... הכלל, יונגערמאַן, ס׳טוט מיר זייער לייד, נאָר איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז איר זײַט מיט אײַער גאָלדענער מעדאַל נאָך גאָר אין דרויסן... סײַדן איר זײַט אַ בר־מזל און איר וועט אַרויסציִען אַ גוטן זשערעב?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (ברעכט די הענט). ווײ איז מיר!...

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : (קוקט אַף איר בייז. צו איוואַנאָוון). הקיצור, לאָמיר שוין ריידן פון עפּעס פרייליכערס. פון וואַנען זײַט איר און פון וועלכע שניאורסאָנס קומט איר אַרויס? טאַקע פון די אמתע, פון די ליובאַוויטשער שניאורסאָנס?

א י וו א נ אָ וו : (פאַרדרייטלט זיך, לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון בעטין. נאָך אַ קורצער פּויזע, צו דוויד שפּיראָן). נו, געווים פון די ליובאַ־

וויטשער... נאָר פון וואַנען ווייס מען דאָס, אַט דאָס, וואָס איר דערציילט? אפשר איז דאָס...

ד וו י ד ש פּ י ר אָ: (כאַפּט־אונטער). אפשר איז דאָס נאָר אַ סלוך — ווילט איר זאָגן? קאָנט איר שוין זײַן זיכער. דאָס זאָגט אײַך שפּירא, ניט אַבי־ווער, נאָר דוויד שפּירא — איר קענט מיך נאָך נישט. — נאָר אַז איר וועט אײַך צעפרעגן, וועט איר וויסן. איך בין פון די אמתע ש פּ י ר אָ ס, פון די סלאַוויטער, אויב איר האָט נעהערט. ניט געהערט? עס טוט מיר לייד!... איז איין מאָל אַוועק. והשנית, פון וואַנען איך ווייס עס? פון דער בערזע ווייס איך עס. איך בין אַליין, איר פאַרשטייט צי ניין, אַ בירזשעוויק, אַ מעקלער בין איך, פון דער בערזע, און באַ אונדז אַף דער בערזע ווייסט מען אַלצדינג. לאָז אַרויס עפּעס אַ נײַער זאַקאָן, אַ צירקוליאַר — איז קודם כל ווער ווערט געוואָר פריִער? די בערזע. נאָך מער. אַף דער בערזע ווייס מען אָפּטמאָל אַזעלכע זאַכן, וואָס זײַנען נאָך גאָרנישט געבוירן געוואָרן אפילו, וואָס דאַרפן ערשט אַמאָל זײַן. הקיצור, איר גייט דאָך מסתמא אין אוניווערזיטעט אַרײַן, וועט איר שוין האָרכן, מע וועט אײַך שוין זאָגן. איצט דאַרפן מיר באַטראַכטן אַקאָרשט, וואָס וועט זײַן (נעמט זיך באַ דער באָרד און רעדט מיט אַ ניגון): טאָמער איז דאָס טאַקע אַן אמת, וואָס איך האָב אײַך דערציילט, — בלײַבט איר דאָך מיט אײַער גאָלדענער מעדאַל, ווי דער דראַזשנער רב אַפּן יאַריד, בשעת מע האָט אַוועקגעגנבעט באַם גוי דעם וואָגן! מילא, מעדאַל יאַק מעדאַל. וואָס וועט אָבער דעמאָלט זײַן מיט אײַער פּראַוואָזשיטעל־סטווע?

א י וו אַ נ אָ וו: צו וואָס פּראַוואָזשיטעלסטווא?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ: וואָס הייסט צו וואָס? פון היימלעכקייט וועגן. אַ קשיא, וואָס סע מאַכט זיך? טאָמער, חלילה, אַן אַבלאַווע?

א י וו אַ נ אָ וו: (פאַרשטייט נישט). וועלכע אַבלאַווע?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ: (צעלאַכט זיך ביטער). כאַ־כאַ־כאַ! (שטייט אויף, ווענדט זיך צו זײַניקע). וואָס זאָגט איר דערויף? ער ווייס אפילו ניט פון אַן אַבלאַווע צו זאָגן!

ב ע ט י: (נעמט זיך אָן דעם קוואַרטיראַנטס קריוודע. צום פאָטער). פון וואַנען זאָל וויסן אַ פרעמדער מענטש, וואָס איז נאָר־וואָס געקומען צו פאָרן פון אַ רוסישער שטאָט, פון די ווײַטע גובערניעס?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ: גוט. אָבער אַ ייִד איז ער דאָך! און אַ שני־אורסאָן דערצו! וואָס הייסט, ער האָט ניט געהערט פון קיין אַבלאַוועס, וואָס מע מאַכט דאָ אַף אונדז?

א י וו אַ נ אָ וו: (העכסט צופרידן, וואָס בעטי האָט זיך אָנגענומען זײַן קריוודע. צו שפּיראָן). אײַער טאָכטער האָט רעכט, און איר זײַט אויך גערעכט. אַ ייִד דאַרף אַלצדינג וויסן, וואָס סע געהער זיך אָן מיט... מיט זײַן פאָלק. בין איך אָבער, ווי איך האָב זיי שוין געזאָגט (ווײַזט־אָן אַף שרהן און בעטין), אויסגעוואַקסן און אויפגעצויגן מער צווישן קריסטן,

אין אַ רוסישער שטאָט... נאָר געהערט האָב איך, און געלייענט וויפל מאָל, אַז באַ אײַך אָט דאָ, ווו ייִדן ווינען, איז פאַראַן פּאָגראָמען...

דוויד שפּיראָ: וואָסערע פּלאָמען? נאַ דיר נאָר פּאָגראָמען! ווער רעדט דען פון פּאָגראָמען?

איוואַנאָוו: אָט זאָגט איר דאָך אַבלאַוועס...

דוויד שפּיראָ: (שיסט־אויס אַ געלעכטער. שרה און בעטי און אויך סיאָמקע, וואָס וואַקסט־אויס פון זײַטיקן חדר, כאַפּן זיך באַ די זײַטן און העלפן לאַכן). כאַ־כאַ־כאַ! מע רעדט פון אַבלאַוועס, זאָגט ער גאָר פּאָגראָמען!

שרה שפּיראָ: (דערזעט סיאָמקען לאַכן). דו ביסט אויך דאָ אין קאָן, קלײנער וועווריק? די אוראָקן גיי לערנען! (סיאָמקע גייט־אָפּ צוריק אָן חשק).

איוואַנאָוו: (פאַרשעמט). אויב אַזוי... אַנטשולדיקט... איך האָב אײַך נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען. פון וועלכע אַבלאַוועס רעדט איר דען?

דוויד שפּיראָ: פון וועלכע אַבלאַוועס זאָל איך ריידן? פֿון אונדזערע אייגענע, פון די ייִדישע אַבלאַוועס רייד איך, וואָס מע מאַכט דאָ אַף אונדז אַלע נאַכט. וואָס קוקט איר מיך אָן, ווי אַ נעבטיקער?

איוואַנאָוו: מע מאַכט דאָ אַף אײַך אַבלאַוועס? פאַר וואָס?

דוויד שפּיראָ: (צעלאַכט זיך ביטערלעך). כאַ־כאַ־כאַ! ער פרעגט גאָר, פאַר וואָס? (צום ווײַב און צו דער טאָכטער). וואָס זאָגט איר צו דעם ייִדן?

איוואַנאָוו: ניין.. איך מיין... איר זאָגט אַבלאַיועס. אַבלאַוועס מאַכט מען באַ אונדז אויך, נאָר אַף חיות.

דוויד שפּיראָ: און מיר זײַנען דאָ ערגער פון חיות. למשל, קעץ אָדער הינט קאָנען זיך דאָ אַרומדרייען פראַנק און פרײַ, וויפל זיי ווילן, און קיינער שטערט זיי ניט; און אונדז, ייִדן, לאָזט מען דאָ נישט זײַן. מיר טאָרן ניט. באַהאַלטן מיר זיך, איר פאַרשטייט צי ניין, אין די לעכער, אַזוי ווי מײַז, כאַפּן זיך אַרײַן בגנבה. קומט מען באַנאַכט אונדז זוכן, אונדז כאַפּן און אַוועקשיקן מיטן עטאַפּ פּאַ מיעסטו פּריפּיסקי — ווערט דאָס אָנגערופן אַבלאַוועס. האָט איר שוין צעקײַעט, צי נאָך ניט? (קוקט אַף איוואַנאָוון, זיפצט). ע, יונגערמאַן, יונגערמאַן! איר זענט דאָך עפּעס נאָך גאָר־גאָר אַ נעוויקל, כלעבן! און אַ גליקלעכער מענטש! וואַרט־אויס אַ ביסעלע. אויב איר בלײַבט אַ היגער און וועט ווערט זײַן באַ גאָט, וועט איר נאָך זוכה זײַן, אם ירצה השם, איבערצולעבן ניט איין אַבלאַווע.

שרה שפּיראָ: (צום מאַן, אַף ייִדיש). בײַס דיר אָפּ די צונג! צו וואָס זאָלסטו לייגן יענעם שטיינער אַפן הארצן, האָסטי געהער־ט אַ ביסל?! גלאַט, אַ מענטש האָט אַ צונג און פּלאַפּלט!

בעטי: (צו דער מוטער, אַף ייִדיש). וואָס האָסטו מורא, יענער וועט זיך איבערשרעקן און אַנטלויפן?

דוד שפּירא: (צו דער טאָכטער, אַף ייִדיש). גוטע יאָרן, אַז זי (ווײַזט אַפן ווײַב) לערנט מיך שׂכל, ווי אַזוי צו ריידן מיט אַ מענטשן!

בעטי: (צום קוואַרטיראַנט, אַף רוסיש). מײַן מאַמע, פאַרשטייט איר, האָט מורא, אַז מע וועט אײַך דערציילן, ווי אַזוי מע מאַכט אַף אונדז אַבלאַוועס, וועט איר זיך אויפהייבן און אַנטלויפן, און זי וועט בלײַבן אָן אַ קוואַרטיראַנט, כאַ־כאַ!

איוואַנאָוו: (לאַכט). אָ, ניין! (צו שׂרהן). זײַט רויִק, מאַטושקאַ, איך בין ניט פון די איבערגעשראָקענע. איך האָב פאַר אַזעלכע זאַכן קיין מורא נישט. (שטייט־אויף אַוועקצוגיין).

דוד שפּירא: (צום ווײַב, טריומפירנד). זעסטו? אַבי דו מישט זיך אומעטום אַרײַן! (שטייט אויך אויף, צום קוואַרטיראַנט, אַף רוסיש). הכּלל, איר גייט, הייסט עס, אין אוניווערזיטעט געזוויר ווערן? גייט־גייט. מע וועט אײַך שוין דאָרטן דערציילן. איר וועט, אם ירצה השם, קומען, ווי באַ אונדז אין פּסוק שטייט: בגפּו יבוא, בגפּו יצא. נאָר איר ווייסט דאָך נעבעך ניט, וואָס דאָס באַטײַט — אַזוי ווי איר ווייסט ניט, אַזוי זאָל דאָס אײַך נישט שאַטן. נאָר איידער איר גייט, וואָלט איך אײַך עפּעס געוואָלט זאָגן, איך מיין טאַכע פון אײַער טובה וועגן.

איוואַנאָוו: צום בײַשפּיל?

דוד שפּירא: ווײַבאַלד ס'איז אמת די מעשׂה מיטן זכה־בגורל, בלײַבט איר דאָך דערווײַל אָן אַ קנעלונג, אָן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע מיין איך. און אָן אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע זײַט איר אַ טויטער מענטש.

שׂרה שפּירא: (צום מאַן, אַף ייִדיש). ווידער אַ מאָל געשראָקן?

דוד שפּירא: (צום ווײַב, אַף ייִדיש). ווידער אַ מאָל מישטו זיך אַרײַן אין פרעמדע געשעפטן? (צום קוואַרטיראַנט, אַף רוסיש). איר קאָנט דאָך דאָ ניט זײַן בשום אופן ואופן! איר קאָנט דאָ אפילו אַ נאַכט ניט איבערנעכטיקן!

איוואַנאָוו: איין נאַכט אויך ניט? ניעאו־זשעלי?

דוד שפּירא: (צו דער טאָכטער, אַף רוסיש). וואָס זאָגסטו דערויף? ער מיינט, איך טרײַב קאַטאָוועס... (אַף ייִדיש). אַ רעכטער לץ!

בעטי: (צום קוואַרטיראַנט). מיר האָבן דאָך אײַך געזאָגט באַלד, אַז דאָ איז זייער שטרענג...

איוואַנאָוו: יאָ־נו, איך ווייס — פּראַוואָזשיטעלסטווא. וואָס־זשע טוט מען דערצו?

דוד שפּירא: (אויפגעלעבט). וואָס טוט מען דערצו? אָט אַזוי זשע רעדט! אָט אַזוי האָב איך אײַך ליב! אַז אַ מענטש פרעגט, וואָס טוט מען — באַדאַרף מען זיך באַטראַכטן, געפינען אַן עצה. (טראַכט אַ ווײַלע, האַלט אַ שפּיץ באָרד אין מויל, טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן). שאַ! ס'איז דאָ אַן עצה!

א י וו א נ אָ וו : צום ביישפּיל? איינגעבן דעם מיניסטער? אַ וועק־שיקן אַ דעפּעש?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : (שלאָגט איִם איבער). ששש... באַפּט ניט! אַ ייד בלייבט אַ ייד! אַ ייד האָט אייך קיינמאָל קיין צייט ניט! (גלעט זיך די באָרד). מיר וועלן די זאַך באַטראַכטן פּאַוואָלינקע, ניט געכאַפּט, און אַרום און אַרום, איר פאַרשטייט צי ניין, פון אַלע זייטן. הערט־זשע נאָר צו מיט קאָפּ, וואָס מע רעדט צו אייך. אַן אַטעסטאַט האָט איר?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : דוויד! וואָס רעדסטו? מיט אַ מענדאַל!

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : (צום ווייב). לאָז צורו! זי איז דאָ מיט איר מעדאַל איז זי דאָ! (צום קוואַרטיראַנט). און אַ פּאַס אויך? און די איבע־ריקע פּאַפּירן זיינען בא אייך מסתמא אויך אין דער אָרדענונג?

א י וו א נ אָ וו : אין בעסטער אָרדענונג!

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : איז גוט. אויב אַזוי, איז גוט. איצט לאָמיר זיך קאָרשט ניט נאַרן (מיט אַ ניגון): ווו שטייט עס געשריבן, אַז... ווי אַזוי רופט מען אייך בא אייער הייליקן נאָמען?

א י וו א נ אָ וו : (קוקט אַ ווײַלע אַרויף, צו דער סטעלע). שניאור־סאָן רופט מען מיך.

ב ע ט י : (צום קוואַרטיראַנט). דער פּאַפּאַ מיינט אייער פאָרנאָמען און אייער פאָטערס נאָמען.

א י וו א נ אָ וו : אַ? הערש מאָושאָוויטש, שקלאָווסקי מיעש־טשאַנין...

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : (מיטן זעלבן ניגון און גלעטנדיק די באָרד). ווו שטייט עס געשריבן, זאָג איך, אַז הערשקאָ מאָשקאָוויטש שניאורסאָן, דער שקלאָווער מיעשטשאַנין, באַדאַרף אַרייַנצוטרעטן דווקא אין אוניווער־זיטעט און שטודירן דווקא דאָקטאָריע? האַ? טאָמער וואָלט געווען אַזאַ פּלאַן? איר וועט אייך טאַקע טאָן אייערס. דאָס הייסט, איר וועט אייך קודם־כל גיין ציִען אַ זשערעב, דערנאָך איינגעבן, כלאָפּאָטשען און אַזוי ווייטער. נאָר דערווייַל, ביז עפּעס וואָס, איר פאַרשטייט צי ניין, וועט איר פאַרשרייבן זיך בא אַ ציין־דאָקטער פאַר אַ דאַנטיסט. לאָז זיין אַ האַלבער דאָקטער. אַבי, איר פאַרשטייט צי ניין, איר זאָלט זיך באַוואָרענען דער־ווייַל מיט אַ פּראַוואָזשיטעלסטווע. וואָרעם וויבאַלד איר פאַרשרייבט אייך פאַר אַ דאַנטיסט, אַזוי האָט איר שוין רעכט דאָ צו וווינען. איר פאַרשטייט, צי ניין? דערנאָך וועט איר אייך קאָנען טאָן וואָס איר ווילט. האָט איר עם צעקייט?

א י וו א נ אָ וו : (אַ צעטומלטער, קלערט אַ ווײַלע). צו וואָס אַ דאַנטיסט, אַז איך בין גאָרנישט געקומען אַהער שטודירן מעדיציין?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : ס'איז דיר אַן אַקציע מיט דעם יידן! ווער רעדט דאָ פון שטודירן? מיר ריידן דאָך דערווייַלע נאָר פון פּראַוואָזשי־טעלסטווע! שטודירן — דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך, און פּראַוואָזשיטעל־

סטווע איז ווידער אַ באַזונדערע זאַך. איינס צום אַנדערן געהער זיך גאָר־ניט אָן. האָט איר עס פאַרשטאַנען?

א י וו אַ נ אָ וו : (נאָך מער צעטומלט). ווייסט איר וואָס? (קומט זיך אַרום). נישטאָ בײַ אײַך אַ טעלעפאָן?

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : אונטן איז דאָ אַ טעלעפאָן, וואָס מע קאָן ריידן. צו וואָס דאַרפט איר אַ טעלעפאָן?

א י וו אַ נ אָ וו : איך וואָלט אָנגעקלונגען צו מײַנעם אַ חבר. ער איז אַ מענטש מיט אַ באַשקאַ (באַווײַזט זיך אויפן קאָפּ), וועט ער געפינען אַ וועג.

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : ווער איז דאָס אַזעלכער אײַער חבר, וואָס ער האָט אַזאַ באַשקאַ ווי איר זאָגט?

א י וו אַ נ אָ וו : ער איז טאַקע פון יענער רוסישער שטאָט, וווּ איך האָב געענדיקט גימנאַזיע... אַ רוס איז ער... איוואַנאָוו הייסט ער...

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : אַ רוס, וואָס הייסט איוואַנאָוו און האָט אַ קאָפּ, אָדער אַ באַשקאַ, ווי איר זאָגט, וואָס זאָל קאָנען געבן עצות? ווער איז ער? פון וואָסערע איוואַנאָווס?

א י וו אַ נ אָ וו : זײַן פאָטער איז טאַקע אַ דאָרטיקער, אַ דעיסטווי־טעלני סטאַטסקי סאָוועטניק.

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : הייסט דאָך עס אַ גענעראַל! (באַקומט מיט אַ מאָל אַפּעטײַן). ווילט איר אים אָנקלינגען, הייסט עס, זיך אָנפרעגן בײַ אים דורכן טעלעפאָן? צי איר ווילט, ער זאָל קומען אַהער?

א י וו אַ נ אָ וו : זאָל ער קומען אַהער.

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : זאָגט־זשע אים, ער זאָל קומען טאַקע באַלד, כּל זמן איך בין נאָך דאָ. (רופט־אַרײַן סיאָמקען). סיאָמעו! גיי נאָר, זוניו, מיט זיי אַראָפּ אונטן צום טעלעפאָן אויף אַ מינוט. (סיאָמקע מיט איוואַנאָוו גייען־אַראָפּ אונטן).

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (צום מאַן). נו, דוויד? וואָס האָב איך דיר געזאָגט? איאָ, אַ מאָדנער פּאַרשוין?

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : (וויל איר ניט צוליב טאָן). אַ גאַנץ גע־ווײַנלעכער פּאַרשוין... (זעצט זיך צוריק צום טיי טרינקען). נאָר איין זאַך: אַ שניאורסאָן, פון די ליובאַוויטשער שניאורסאָנס, — און נישט אַ וואָרט יִדיש! (זיפצט). הײַנטיקע דערציִונגען, הײַנטיקע לערנעכטסן, גימנאַזיעס...

ב ע ט י : (קוקנדיק אין בוך אַרײַן). ניט די גימנאַזיע איז דאָ שול־דיק נאָר די שטאָט. אַ רוסישע שטאָט... צווישן קריסטן...

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : נו־יאָ, אַ רוסישע שטאָט, צווישן קריסטן... אָבער אַ שניאורסאָן! איר שפּילט זיך מיט די שניאורסאָנס? זײַן עלטער־זיידע רב שניאור־זלמן פון לאַדי זאָל אויפשטיין פון קבר און אַ קוק טאָן אויף זײַן אייניקל!... (פּויזע). נאָר אויך די אייגענע מעשה! למאי מײַן עלטער־זיידע, רב שמואל־אבא שפּירא, פון די סלאַוויטער, זאָל אויפשטיין פון קבר און אַ קוק טאָן... (עס קומט צוריק סיאָמקע מיט איוואַנאָוון. —

דוויד שפּירא, נישט געענדיקט זײַנע ווערטער, ווענדט זיך צו איוואַנאָוון). נו?

איוואַנאָוו: ער קומט באַלד צו פאָרן?

סיאָמקע: מיט אַן אַוטאָמאָביל!

דוויד שפּירא: צו וואָס אַוטאָמאָבילן? זיצט, פאַר וואָס זיצט איר ניט?

שרה שפּירא: (טראָגט אים אונטער אַ שטול). זיצט, פאַר וואָס זיצט איר ניט? (איוואַנאָוו זעצט זיך אַוועק, וואַרפט מיט אויגן אַף בעטין, וועלכע רײַסט זיך ניט אָפּ פון איר בוך).

דוויד שפּירא: (צו איוואַנאָוון). מיר ריידן דאָ פון אײַער זיידן, דאָס הייסט, פון אײַער עלטער־עלטער־זיידן, דעם לאַדיער רב, זכרונו לברכה. ער זאָל אויפשטיין, זאָג איך, און געבן אַ קוק, זאָג איך, אַף זײַן אייניקל וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט און ווי ער זעט אויס... האָט קיין פאַראיבל ניט, וואָס איך רייד מיט אײַך אַזוי אָפנטלעך. איך האָב פײַנט ריידן פאַרשטעלט. איך בין אַ שפּירא, פון די אמתע שפּיראָס, איר פאַרשטייט צי ניין, פון די סלאַוויטער, — האָב איך ליב זאָגן דאָס, וואָס איך טראַכט, יענעם אין די אויגן. איך קוק אַף אײַך און קלער מיר: רבונו של עולם! שניאורסאָן, רב שניאור־זלמנס אַן אייניקל, — און פאַרשטייט ניט אַ וואָרט ייִדיש! מילא, דאָס בין איך אײַך שוין מוחל... אויסגעוואַקסן צווישן קריסטן, אין אַ רוסישער שטאָט — וואָס זאָל מען טאָן? אָבער דאָס אויסזען? איך בעט איבער אײַער כבוד, דאָס פּנים? דער טיפּ, איר פאַרשטייט צי ניין? פון וואַנען נעמט זיך צו די שניאורסאָנס אַזאַ עכט־רוסישער טיפּ? (שרה שפּירא, בעטי און סיאָמקע — אַלע קוקן אַף איוואַנאָוון).

איוואַנאָוו: (פאַרשעמט זיך, כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל, וואָס אַקעגן אַף דער וואַנט, פאַרוואַרפט די בלאָנדע רוסיש־אונטערגעשאָרענע האָר אַרויף). ניעאָו־זשעלי? דאָס איז דערפאַר, ווײַל איך האָב ווײַסע האָר...

דוויד שפּירא: ווײַסע האָר בין איך אײַך מוחל. פאַראַן בײַ אונדז, צווישן די שפּיראָס, אויך מיט ווײַסע האָר...

שרה שפּירא: (צום מאַן). ווער, למשל, איז בײַ אײַך אַ שפּירא מיט ווײַסע האָר?

דוויד שפּירא: (צום ווײַב). מײַן געשוועסטערקינד פיניע שפּירא.

שרה שפּירא: ס'אַ משל! דײַן געשוועסטערקינד פיניע שפּירא איז ניט קיין ווײַסער — ער איז אַ געלער.

דוויד שפּירא: (אויפגעטראָגן). מײַן פיניע איז אַ געלער?

שרה שפּירא: וואָס דען — אַ גרינער איז ער?

דוויד שפּירא: (צו דער טאָכטער). בעטי! דו הערסט?

ב ע ט י : (רייסט זיך אָפּ פון ביכל). איך הער... (קוקט אין פענצ־טער). אָט איז צוגעפאָרן אַן אווטאָמאָביל.

א י וו אַ נ אָ וו : (כאַפּט זיך אויף). דאָס דאַרף זיין מיין חבר שניאורסאָן... (סיאָמקע וואַרט ניט ביז מע וועט אים שיקן עפענען, לויפט אַליין אַראָפּ).

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : וואָסער שניאורסאָן? איר ווילט זאָגן איוואַנאָוו.

א י וו אַ נ אָ וו : (צעלאַכט זיך). טפו! מיין איך איוואַנאָוו...

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : ס'איז דערפאַר, ווייל מיר האָבן דאָ גערעדט אַלץ „שניאורסאָן" און „שניאורסאָן". ס'איז אַלע מאָל אַזוי. דער נאָמען, וואָס מע רעדט פון אים, בלייבט אונדז אין זכרון... (עס קומט אַריין סיאָמקע מיט שניאורסאָנען, וואָס באַדאַרף שוין גילטן אַלס איוואַנאָוו. ער גייט אָנגעטאָן אין אַ נייער סטודענטישער אוניפאָרם מיט גאָלדענע קנעפּ, האַלט אין האַנט אַ סטודענטיש היטל מיט אַ בלויען ראַנד, פאַרנייגט זיך פאַר די בעלי־בתים).

א י וו אַ נ אָ וו : (שטעלט אים פאָר). מיין חבר איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו. (שניאורסאָן גיט אַלעמען די האַנט).

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : אַ דרייענדיקער נאָמען — דאָס קאָן בא אונדז, ייִדן, נישט געמאָלט זיין. און אַז דער זון זאָל הייסן מיטן טאַטן איין נאָמען — דאָס אוודאי ניט. סיידן, באַהיט גאָט, דער טאַטע שטאַרבט איידער דער זון ווערט געבוירן, גיט מען דעם זון אַ נאָמען נאָכן טאַטן. (צום גאַסט). זיצט, פאַר וואָס זיצט איר ניט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (טראָגט אים אונטער אַ שטול). זיצט, פאַר וואָס זיצט איר ניט? (שניאורסאָן זעצט זיך אַוועק).

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : (רוקט זיך צו צום גאַסט). די היסטאָריע פון דער געשיכטע איז, ווי זאָגט ער, אַזאַ מעשה: אייער חבר, הער שניאורסאָן, האָט דאָ געדונגען בא אונדז אַ צימער. אַלצדינג פיין און שיין אַרום און אַרום. נאָר איין זאַך פעלט אים.

ש נ י א ו ר ס אָ ן : פּראַוואָזשיטעלסטוואָ.

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : (צום ווייב און צו דער טאָכטער). זעט איר? אַ קריסט, און אַ נייער מענטש — און ווייס שוין פון פּראַוואָזשיטעל־סטווע.

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (פאַרכאַפּט זיך). איך בין שוין דאָ באַלד אַ וואָך, האָב איך זיך אָנגעהערט צווישן מיינע ייִדישע חברים.

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : נו־יאָ. ער וועט אויך (ווייזט אַף איוואַנאָוון) געווויר ווערן מיט דער צייט. דערווייל איז ער, זאָל ער מיר מוחל זיין, נאָך גאָר אַ נעוויקל. ער ווייס אפילו ניט פון דעם נייעם צירקוליאַר, וואָס איז אַרויס...

ש נ י א ו ר ס אָ ן : וועגן זשערעבעס פאַר די ייִדישע סטודענטן?

דער דאָזיקער צירקוליאַר איז ערשט הײַנט נאָר־וואָס אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט.

דוויד שפּיראָ: (צו איוואַנאָוון). זעט איר? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? (צו שניאורסאָנען). איר זאָגט: אָט־ערשט, און בײַ אונדז אַף דער בערזע — איך בין אַ בערזיאַנער — ווייס מען שוין פון אין דער פרי אָן, און אפשר — נאָך פון נעכטן באַנאַכט... הקיצור, ס׳איז אַ שלעכטע מעשה, ס׳איז אַ גורל, און ווײַבאַלד אַ גורל...

שניאורסאָן: איז אַ סך גרינגער צו געווינען דאָס גרויסע געווינס...

דוויד שפּיראָ: (טריומפירנד). מײַנע ווערטער! (צום ווײַב און צו דער טאָכטער). וואָס זאָגט איר דערויף? און דווקא אַ קריסט! (צו איוואַנאָוון). איר וואָלט זיך געמעגט בײַטן מיט אײַער חבר. דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז איר וואָלט געמעגט זײַן זיי, און זיי וואָלטן געמעגט זײַן איר... (ביידע חברים קוקן זיך איבער, שמייכלען. — דוויד שפּיראָ צו שניאורסאָנען). האָב איך געגעבן אײַער חבר אַן עצה אַזוי (מיט אַ ניגון): דער זשערעב איז זיך אַ זשערעב. די פּאַפּירן זײַנען פּאַפּירן. און דערווײַל, ביז עפּעס וואָס, באַדאַרף מען זיך באַצײַטנס באַוואָרענען, אַף יעדן פאַל, איר פאַרשטייט צי ניין, מיט אַ דאַנטיסט.

שניאורסאָן: אים צושרײַבן, הייסט עס, צו אַ דאַנטיסט צוליב פּראַוואָזשיטעלסטוואָ?

דוויד שפּיראָ: (קוועלט). איר כאַפּט אַלצדינג מיטן קוק, ווי אַן אמתער ייִד!... האָט קיין פּאַראַיבל ניט, איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט...

שניאורסאָן: (אַ בויג דעם קאָפּ, שמייכלט). עס מאַכט נישט אויס...

דוויד שפּיראָ: און אײַער חבר איז פּונקט פאַרקערט. (קוקט אַף איוואַנאָוון). ער פרעגט אַזעלכע זאַכן, גלײַך ווי ער וואָלט גאָר קיין ייִד ניט געווען. און צום סוף איז ער דווקא יאָ אַ ייִד, און נאָך וואָסער אַ ייִד! אַ שניאורסאָן, פון די אמתע שניאורסאָנס!... איר ווייסט ניט, ווער די שניאורסאָנס זײַנען. פון וואַנען זאָלט איר וויסן? מע באַדאַרף עס אײַך קלאָר מאַכן, וועט איר פאַרשטיין...

איוואַנאָוו: דאָס איז ניט אינטערעסאַנט פאַר מײַן חבר...

שניאורסאָן: אומגעקערט — זייער אינטערעסאַנט! (צו שפּיראָן). דערציילט, דערציילט!

דוויד שפּיראָ: זייער זיידע (ווײַזט אַף איוואַנאָוון), דאָס הייסט, זייער עלטער־עלטער־זיידע, דער לאַדיער רב, האָט געהייסן רב שניאור־זלמן...

שרה שפּיראָ: (אַף ייִדיש, צום מאַן). וואָס ווייסט אַן ערל פון אַ לאַדיער רב און פון אַ רב שניאור־זלמן?

דוויד שפּיראָ: (ווערט אויפגעטראָגן אַפּן ווײַב. צו איר אויך

אַף ייִדיש). אפשר וואָלט איך געגאַנגען לערנען זיך בא דיר, ווי אזוי מיט ווּעמען מע באַדאַרף צו ריידן?

בעטי: (וויל פאַרגלעטן דעם איינדרוק, וואָס פאָטער און מוטער שמועסן זיך דורך אַף ייִדיש פאַר אַ קריסט אין די אויגן). אונדזער קווארטיראַנט איז גערעכט, פּאַפּאַ, — ס'איז נישט אינטערעסאַנט. (איוואַנאָוו וואַרפט אַף בעטין אַ בליק פון דאַנקבאַרקייט און אַנטציקונג. זייער אויגן באַגעגענען זיך. שניאורסאָן כאַפּט־איבער זייער ביידנס בליק. בעטי ווערט רויט, קוקט צוריק אין בוך אַריין).

דוויד שפּירא: איך שמועס עס טאַקע אַלץ אַקעגן אונדזער קווארטיראַנט. איך זאָג, אַז דאָס בעסטע פּראַוואָזשיטעלסטווע איז פון אַ דאַנטיסט. און אזוי ווי דאַנטיסטן זיינען דאָ אַלערליי, און נישט אַ יעדער דאַנטיסט האָט פּראַוו צו צושרייבן צו זיך דאַנטיסטן, באַדאַרף מען זיך פריִער פון אַלצדינג זען מיטן דאַנטיסט אַליין. איך האָב איינעם אַ באַקאַנטן דאַנטיסט, וואָס פאַר קיין אַנדערן וועט ער עס נישט מאַכן פאַר קיין דריי הונדערט קאַרבן. נאָר בא מיר וועט דאָס אָפּגיין פאַר אַן הונדערטער. (צו איוואַנאָוו). ער באַדאַרף נישט וויסן, הער שניאורסאָן, צי איר פאַרמאָגט ניט. דאַנטיסטן, וואָאַבשטשע, זיינען בלוטצאַפּערס. איר פאַרלאָזט זיך אַף מיר. בא מיר צאַפּט מען נישט. איך הייס דוויד שפּירא. איר ליינט אייך איבער מיט אייער חבר (ווייזט אַף שניאורסאָנען), מיט איוואַן איוואַנאָוויטשן הייסט דאָס, און לאָמיר טאַקע באַלד און טאַקע שוין געבן אַ גיי אריבער צו מיין דאַנטיסט און אָפּמאַכן דאָס איינס־צוויי־דריי... (שניאורסאָן שטייט־אויף, אַנטשולדיקט זיך און טוט אַ רוף מיט זיך דעם חבר איוואַנאָוו, ער זאָל אויפשטיין פון טיש).

שרה שפּירא: (צום מאַן). צו וועלכן דאַנטיסט ווילסטו מיט זיי גיין?

דוויד שפּירא. צו וועלכן דאַנטיסט? צו העגריך לאַפּעטוטניק.

שרה שפּירא: צו אָט דעם קאַליקע? ער רייסט ארויס, זאָגט מען, געזונטע ציין און שטעלט אַריין קראַנקע...

דוויד שפּירא: וואָס מאַכט דאָס אויס? צו פּראַוואָזשיטעלסטווע שאַט עס נישט.

בעטי: (צום פאָטער). און דאָס, וואָס ער איז אַ זשוליק מיט קאַסאַקע אויגעלעך?

דוויד שפּירא: איז אויך ניט קיין חסרון. וועלכער לייטישער דאַנטיסט וועט דאָס וועלן האָבן צו טאָן מיט פּאָליציי און מיט פּראָוועס?... (אין דער צייט, וואָס בעטי רעדט, לאָזט איוואַנאָוו פון איר קיין אויג ניט אַראָפּ. שניאורסאָן באַמערקט דאָס, רופט אָפּ דעם חבר אַף אַ זייט, נענטער צו דער ראַמפּע, פאַררייכערן צו פּאַפּיראָסן).

שניאורסאָן: (צום חבר, פאַרזיכטיק). נו? ווי פילסטו זיך באַם ערשטן ארויספאָר? שווער צו זיין אַ ייִד?

איוואַנאָוו: פּוסטיאַקי! וואָס זאָגסטו בעסער אָפּ מײַן קוואַר־טיר? איך מיין, ווי געפעלט דיר אָט דאָס מיידל?

שניאורסאָן: נישקשה, אַ פײַן מיידל.

איוואַנאָוו: (אַנטציקט). אַ פײַן מיידל — זאָגסטו? אַ קראַ־סאַוויצע!

שניאורסאָן: זע נאָר, וואַניאַ, זאָלסט ניט אַרויסבאַווײַזן דאָ... זאָלסט זיך ניט פאַרגעסן, ווער דו ביסט און ווער זי איז. דו ביסט אַ קריסט, און זי איז אַ ייִדיש מיידל... (באַטאָנט די ווערטער). אַ ייִדישע טאָכטער...

איוואַנאָוו: (לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון בעטין פון דער־ווײַטן). גיי שוין גיי, הערשקאַ, פאַר וועמען האַלטו מיך? איך זאָג נאָר גלאַט אַזוי: קוק דיך צו צום מיידל. זי שײַנט, ווי די זון! געפעלט דיר אויגן? ברעמען? איר קוק?... אַ קראַסאַוויצע!

שניאורסאָן: אַ קראַסאַוויצע, אַ קראַסאַוויצע. האָסט פאָל־קאָם רעכט. נאָר צופיל אײַנקוקן זיך אין איר — וואָלט איך דיר ניט ראַטן. איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל (מיט אַ באַטאָנונג): ס׳איז אַ ייִדישע טאָכטער!... און בכלל וואָלט איך דיך בעטן, זאָלסט זײַן געהיט מיט אַ וואָרט אָט דאָ. זאָלסט בעסער אָפּשווײַגן דאָרט, וווּ דו פאַרשטייסט ניט, בכדי ס׳זאָל זיך זיי ניט וואַרפן אין די אויגן, וואָס דו ביסט שוין צו פיל גוי... צו וואָס, למשל, האָט דיר געטויגט אויסטראַכטן אַ ליגן, אַז דו ביסט פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס?...

איוואַנאָוו: טשודאַק! ניט איך — דאָס האָט אָט דער ייִד, אָט דער שפּיראָ, מיך אײַנגערעדט, אַז איך בין פון יענע שניאורסאָנס... ער איז, וואָאָבטשע, אַ מאָדנער ייִד, כאַ־כאַ! נאָר די טאָכטער זײַנע! די טאָכטער!... (לאָזט קיין אויג ניט אַראָפּ פון בעטין פון דערווײַטן).

שניאורסאָן: ווידער די טאָכטער? הער שוין אויף צו קוקן אַהין אַזוי שטאַרק!... (וואַרפט אַוועק דעם פּאַפּיראָס, טוט זיך אַ דריי־אויס צוריק, גייט־צו צום טיש, איוואַנאָוו גייט אים נאָך. שניאורסאָן צו שפּי־ראָן). אויסגעצייכנט, הער שפּיראָ. מיר האָבן זיך מיט מײַן חבר איבער־געלייגט, און ס׳איז געבליבן, אַז איר זאָלט אײַך באַמען מיט אים צום דאַנ־טיסט, און איך וועל מיר גיין אַהיים. (נעמט זיך געזעגענען. איוואַנאָוו געזעגנט זיך אויך מיט שרה שפּיראָ און מיט בעטין, דריקט איר די האַנט זייער וואַרעם. שניאורסאָן באַמערקט דאָס).

דוד שפּיראָ: נו, וואָס דען? אַז איך זאָג, ווייס איך וואָס איך זאָג. וואָס מיך קאָסט שוין אָפּ אָט דאָס פּראַוואָזשיטעלסטווע, זינט איך בין אַ היגער, וואָלט זיך עס אַן אַנדערער געמעגט ווינטשן! זעט איר אָט די דאָזיקע גרויע האָר? (ווײַזט שניאורסאָנען דעם קאָפּ און די באָרד). דאָס איז אַלץ צו פאַרדאַנקען, איר זאָלט מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, איוואַן איוואַנאָוויטש, אײַער פּאָליציע מיט אײַערע אוטשאַסטקעס

מיט אײַערע פּראָװעס... (נעמט זיך אָנטאָן. אַלע דרײַ לאָזן זיך צו דער טיר — שניאורסאָן און איװאַנאָװ אַף צו פריִער, דוויד שפּיראָ פון הינטן).

שרה שפּיראָ: (צום מאַן). דוויד! האָסט נאָך אפילו דײַן טיי ניט אויסגעטרונקען! האָסט נאָך גאָרניט געגעסן!

דוויד שפּיראָ: (שוין פון דער טיר). וואָס מיר טיי? וועט מיר עסן? בא מיר איז א ייִדן א טובה טאָן פריִער פון אַלע טרינקעכצן מיט אַלע עסעכצן! האָסט פאַרגעסן, אַפּנים, אַז איך הייס דוויד שפּיראָ, פון די אמתע שפּיראָס, איר פאַרשטייט צי ניין (שוין פון יענער זײַט טיר), פון די סלאָוויטער!...

דער פאָרהאַנג פאַלט.

ענדע פונעם ערשטן אקט.

צווייטער אַקט

(דאָס זעלבע גרויסע צימער בײַ שפּיראָן אין הויז, נאָר אַנדערש צוגעקליבן, אַראַנזשירט פֿאַר אַן אָוונט, אַף אויפֿצונעמען געסט. אַפֿן טיש בלומען, טײַ־געשיר, וואַזעס מיט פֿרוכטן, ניסלעך און אַלערלײַ אײַנגעמאַכטס אַף צו פֿאַרבײַסן. דער זאַל איז גוט באַלויכטן. — שרה שפּיראָ איז אָנגעטאָן שבתדיק, מיט איר גאַנץ ביסל צירונג, וואָס זי פֿאַרמאָגט, פֿאַרנומען מיט גרייטן צום טיש און אָוועקשטעלן די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן. סיאָמקע העלפֿט איר אויסשטעלן די טעלער, די גלעזלעך מיט די קעלישקעס. נאָר ווי אַזוי ער שטעלט, געפֿעלט דאָס ניט דער מוטער, און זי שטעלט דאָס איבער).

שרה שפּיראָ: ניִשט אַזוי. אָט אַזוי דאַרף שטיין. קיין עין־הרע, אַ בחורל פֿון דריטן קלאַס, און הייבסט נישט אָן צו פֿאַרשטיין פֿון דאַנען אַהין. ס'איז נישט דײַן מלאכה. גיי שוין בעסער צו דײַן אַרבעט — לערנען, מאַכן די אורא֫קן!

סיאָמקע: האָסט דאָך מיך אַליין גערופֿן, מאַמע, איך זאָל דיר העלפֿן.

שרה שפּיראָ. העלפֿן? אַז דו קאָנסט אָבער ניט!

סיאָמקע: פֿאַר וואָס קאָן איך ניט?

שרה שפּיראָ: דערפֿאַר וואָס דו קאָנסט ניט, האָסטו געהערט אַ ביסל! (באַווײַזט אים). אָט דאָס גלאָז באַדאַרף שטיין אָט דאָרט, און דאָס שעלעכל באַדאַרף שטיין אָט דאָ, און דער הויכער ווײַן־קעלישעק — אָט דאָרט, און דאָס קליינע בראָנפֿן־קעלישעקל — אָט־אַ־דאָ־דאָ. ווייסטו שוין?

סיאָמקע: נו, האָב איך דאָך געוואָלט אַזוי. (וויל אַוועקשטעלן אַזוי, ווי די מאַמע וויל, וואַרפֿט־אוס אַ ווײַן־קעלישעק און צעברעכט אים).

שרה שפּיראָ: שוין? מזל־טוב! אין אַ גוטער שעה! אַנו, וויפֿל קעלישקעס האָסטו שוין צעבראָכן?

סיאָמקע: (בלײַבט שטיין). וויפֿל קעלישקעס? סך־הכל איינעם אַ קעלישעק.

שרה שפּיראָ: סך־הכל? דאַנקען און לויבן יאָסקע דעם טויבן. אַ גליק, וואָס ניט אַלע.

ס י אָ מ ק ע : וואָס בין איך שולדיק, אַז ס׳איז אַזעלכע קעלישקעס? מע טוט זיי אַ ריר, ברעכן זיי זיך.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אַ ריר פון אַ בלײַען פּייגעלע! (נעמט צונויף די שטיקלעך גלאָז). זײַן זאָל עס שוין אַ כּפּרה פאַר דיר און פאַר אונדז אַלע און פאַר כּל ישׂראל... (פּויזע). טאָמער וואָלסטו בעסער געגאַנגען טאַקע מאַכן די אוראָקן, איידער מאַכן היזקות? גיי שוין, גיי צו די אוראָקן!

ס י אָ מ ק ע : (באַטריבט). אוראָקן? טאָג ווי נאַכט אוראָקן און אוראָקן! איין מאָל אין יאָר איז בײַ בעטין אימענינעס, איז אויך אוראָקן! (גייט־אָפּ אָן חשק. — פון דער זעלבער טיר קומט־אָן ב ע ט י , האַלבאויסגעטאָן, די האָר צעלאָזט, מיט אַ שאַלעכל אַף די נאַקעטע אַקסלען).

ב ע ט י : (בלײַבט שטיין אַף דער שוועל, קוקט זיך אַרום, שײַנט). ניטאָ נאָך קיינער, מאַמע?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (ניט איבעררײַסנדיק איר אַרבעט). אַזוי פרי?

ב ע ט י : און דער טאַטע ווו איז? און דער קוואַרטיראַנט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : ווו זאָלן זיי זײַן? אין אוטשאַסטאָק! האָסט פאַרגעסן, אַז מע האָט דעם קוואַרטיראַנט אַרויסגערופן אַף זיבן פאַרנאַכט אין אוטשאַסטאָק?

ב ע ט י : וואָס־זשע איז אַזוי לאַנג? (קוקט צו זיך אַף דער האַנט, אַף וועלכער סיאיז צו זען אַ גאָלדן בראַסלעטל, מיט אַ זייגערל אײַנגעפאַסט). שוין באַלד אַכט. (גנבהט זיך אונטער נאָענט צו דער מוטער, טראָגט איר צו גלײַך צו דער נאָז איר האַנט מיטן בראַסלעטל, ווײַזט איר אַפן זייגערל). וואָס זאָגסטו, מאַמע, אַף דעם?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (וואַרפט אַ קוק אַפן בראַסלעטל און אַף דער טאָכטער). אַ בראַנזעליעט?

ב ע ט י : אַ בראַסלעט, ניט קיין בראַנזעליעט!

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אַ גאָלדענער?

ב ע ט י : אַ גאָלדענער.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : מיט באַרליאַנטן?

ב ע ט י : מיט בריליאַנטן.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אמתע?

ב ע ט י : אמתע.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (אַ פּלעסק מיט די הענט). בע־טי!

ב ע ט י : וואָס׳טו זיך דערשראָקן, מאַמע?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : ס׳איז פון אים? פונעם קוואַרטיראַנט?

ב ע ט י : נו־יאָ, צו די אימענינעס, וואָס איז דען?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : „וואָס איז דען" — פרעגט זי! (פּויזע). נישט באַדאַרפט צו נעמען...

ב ע ט י : (זשענירט). פאַר וואָס?

ש ר ה ש פּ י ר אָ: פאַר שבת... ניט אַזוי פירט זיך עס בּאַ לײַטן...

ב ע ט י: בּאַ לײַטן! ווער זײַנען דאָס די „לײַטן"?

ש ר ה ש פּ י ר אָ: „לײַטן" — מיינט מען עס די גאַנצע וועלט, אַלע אָנשטענדיקע מענטשן... אָנשטענדיקע מענטשן זײַנען זיך נ י ט אַזוי נוהג.

ב ע ט י: ווי אַזוי דען זײַנען זיך נוהג די אָנשטענדיקע מענטשן?

ש ר ה ש פּ י ר אָ: בּאַ אָנשטענדיקע מענטשן איז פריִערט אַ וואָרט, דערנאָכבעט אַ קנס־מאָל, דערנאָך שרײַבט מען תנאים, ברעכט מען טעלער...

ב ע ט י: (וויל ניט הערן ווײַטער). מאַמע! איך האָב דיר געזאָגט וויפל מאָל, אַז ווענן דעם זאָלסטו מיט מיר גאָרניט ריידן — עס האַלט נאָך גאָרניט דערבײַ. לאָז מיך צורו! לאָמיך פריִער ענדיקן די זימנאַזיע.

ש ר ה ש פּ י ר אָ: די גימנאַזיע וועסטו, אם ירצה השם, ענדיקן אינגיכן, הלוואַי זאָלן מיר שוין אַזוי גיך אויפגעריכט ווערן אַלע ייִדן... און אויב ער וויל דיך, דו ביסט אים געפעלן, בּאַדאַרף ער פריִערט געבן צו וויסן אונדז, און מתנות — דאָס איז שוין נאָכדעם...

ב ע ט י: (פאַרזאָרגט, נעמט נישט אַראָפּ קיין אויג פונעם בראָס־לעטל). קומט־אויס נאָך דײַן שכל, אַז איך בּאַדאַרף עס אים אָפּגעבן צו־ריק?...

ש ר ה ש פּ י ר אָ: חלילה! ווער זאָגט דען צוריק? אַ מתנה גיט מען ניט צוריק — דאָס איז אַ פּאַטש אין פּנים, האָסטו געהערט אַביסל?... (עס הערט זיך אַ קלונג פון אונטן, בּעטי הילט זיך אײַן איינעם שאַלעכל און לויפט־אָפּ צו זיך. שרה רופט הויך). סיאָמע! סיאָמקע? (פון דער זײַ־טיקער טיר בּאַווײַזט זיך סיאָמקע). גיי נאָר, מע קלינגט שוין. (סיאָמקע לאָזט זיך אַראָפּ עפענען און קומט בּאַלד צוריק אַ פּאַרטאָפּעטער פון די טרעפּ אַרויף).

ס י אָ מ ק ע: אונדזער קוואַרטיראַנטס חבר, איוואַן איוואַנאָ־וויטש.

ש ר ה ש פּ י ר אָ: אַ? דער גויעץ? אַ וויל גויעצל אָט דער אי־וואַן איוואַנאָוויטש, זײַן זאָל ער די כּפּרה פאַר דײַן מינדסטן נאָגל!

ס י אָ מ ק ע: פאַר וואָס שילסטו אים, מאַמע? פאַר וואָס קומט עס אים?

ש ר ה ש פּ י ר אָ: ניט דײַן עסק, קליינער וועוריק! דו שטעלסט זיך אויך אַוועקעט אויסטענהן מיט דער מאַמע? גיי, צו די אוראָקן גיי!

ס י אָ מ ק ע: ווידער אַ מאָל אוראָקן און אָבער אַ מאָל אוראָקן! (גייט־אָפּ וואָרטשענדיק. עס קומט־אַרײַן ש נ י א ו ר ס אָ ן, דער וואָס גילט אונטערן נאָמען איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו).

ש נ י א ו ר ס אָ ן: (אָנגעטאָן אין סטודענטישער אוניפאָרם, פּײַנטשיק). אײַך קומט מזל־טוב, מאַדאַם. (קוקט זיך אַרום). ווו איז זי, די

אימעניניצא אליין? און דער בעל־הבית ווו איז? און אײַער קוואַרטיראַנט, מײַן חבר?

שרה שפּירא: (בעט אים זיצן, זעצט זיך אַליין אויך אַוועק אַף דער קאַנאַפּע, וואָס אין דער אַוואַנסצענע). די אימעניניצע איז נאָך ניט פאַרטיק מיט איר טואַלעט. איר ווייסט ניט? אַ באַרישני, ביז זי טוט זיך אָן... און מײַן מאַן מיטן קוואַרטיראַנט — די זײַנען אין אוטשאַסטאָק. טאַקע צוליב אײַער חברס פּראַוואָזשיטעלסטווע.

שניאורסאָן: ווידער אין אוטשאַסטאָק? ווידער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ?

שרה שפּירא: וואָס זשע? איר מיינט, ס'איז גרינג צו זײַן אַ ייִד? גוט איז אײַך, אַז איר זײַט ניט קיין ייִד, ווייסט איר ניט פון קיין פּראָוועס...

שניאורסאָן: ער האָט דאָך שוין געהאַט אַלע פּראָוועס, אײַער קוואַרטיראַנט?

שרה שפּירא: אַלע פּראָוועס? ניט מער זאָלן זיי עס פאַרמאָגן, איך מיין טאַקע די גוייִם מיין איך... (פאַרכאַפּט זיך). אחוץ אײַך. אײַך רעכענען מיר נישט פאַר קיין גוי...

שניאורסאָן: (לאַכט). פאַר וואָס עפּעס?

שרה שפּירא: דערפאַר, ווײַל אַף אײַך זיצט אַ ייִדישער קאָפּ. און אַ פּנים, דאַרף איך אײַך זאָגן, איז בײַ אײַך אויכעט אַ ייִדיש.

שניאורסאָן: (כאַפּט אַ קוק אין שפּיגל). טאַקע באמת?

שרה שפּירא: וואָס־זשע, איך וועל אײַך אויסטראַכטן אַ ליגן? פרעגט וועמען איר ווילט... (פאַרכאַפּט זיך). נאָר אפשר האָב איך אײַך דערמיט באַליידיקט? בעט איך אײַך, איר זאָלט מיר הונדערט מאָל מוחל זײַן...

שניאורסאָן: באַליידיקט? חלילה! אדרבה, פאַרקערט!

שרה שפּירא: זאָל איך האָבן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ חכם איר זײַט! איך האָב שוין ניט איין מאָל געטראַכט, הלוואַי וואָלטן געוועזן אַ סך אַזעלכע גוייִם, ווי איר...

שניאורסאָן: וואָס־זשע וואָלט געוועזן?

שרה שפּירא: וואָלט אפשר געקומען משיח... (רוקט זיך צו נענטער צום גאַסט און רעדט מיט אַ האַלבן טאָן נידעריקער). יאָ, וואָס האָב איך אײַך געוואָלט בעטן, איוואַן איוואַנאָוויטש? (קוקט זיך אַרום). איצט איז דאָ נישטאָ קיינער, קאָן איך מיט אײַךריידן אויג אַף אויג. איך האָב מיך שוין עטלעכע מאָל געקליבן מיט אײַך צו ריידן... (קווייקלט זיך). האָט קיין פאַראיבל ניט, איך וואָלט עס אפשר ניט באַדאַרפט, נאָר אַ מאַמע, אַ מאַמעס האַרץ... (אַנטשליסט זיך), איך האָב אײַך געוואָלט בעטן, איר זאָלט מיר זאָגן, ווי אַן אייגענער, ווי אַן אמתער גוטער פרײַנט: ווער איז ער און וואָס איז ער?

שניאורסאָן: ווער, אייגנטלעך?

שרה שפּיראָ: ווער!... איר ווייסט שוין, וועמען איך מיין. אײַער חבר מיין איך.

שניאורסאָן: וועלכן חבר?

שרה שפּיראָ: וועלכן חבר!... שניאורסאָנען מיין איך!

שניאורסאָן: אַ? שניאורסאָנען מיינט איר? אַקעגן וואָס פרעגט איר דאָס, אייגנטלעך? (כאַפּט זיך צו צו דער קעשענע, נעמט־אַרויס דעם פּאָרטאַבאַק, וויל פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס און געפינט ניט, באַהאַלט צוריק).

שרה שפּיראָ: אַקעגן וואָס איך פרעג? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט, אַז ווער עס פרעגט, דער בלאָנדזשעט ניט...

שניאורסאָן: וואָס־זשע פרעגט איר עפּעס גראָד בײַ מיר?

שרה שפּיראָ: בײַ וועמען דען זאָל איך פרעגן? איר זײַט דאָך עפּעס מיט אים, ווי אַנדערע צוויי, און ער האַלט דאָך פון אײַך עפּעס גאָר ווי אַן אייגענער ברודער, טוט ניט אָן אײַך פון דאַנעט אַהין...

שניאורסאָן: סע קאָן זײַן.. וואָס־זשע, אייגנטלעך, ווילט איר וויסן פון מיר?

שרה שפּיראָ: וויל איך וויסן פון אײַך, וואָס פאַר אַ מענטש ער איז?...

שניאורסאָן: זייער אַ ווױלער מענטש.

שרה שפּיראָ: דאָס איז גאָר?

שניאורסאָן: וואָס נאָך האָט איר געוואָלט?

שרה שפּיראָ: אַז ער איז אַ ווױלער מענטש — דאָס ווייס איך אָן אײַך.

שניאורסאָן: וואָס־זשע ווילט איר פון מיר?

שרה שפּיראָ: וויל איך פון אײַך, אַז איר זאָלט מיר זאָגן, צי ס'איז טאַקע אמת, אַזוי ווי ער דערציילט, אַז ער האָט אַ באַבושקאַ, אַ רײַכע, אַ מיליאָנשטשיצע פון צוויי הונדערט טויזנט?...

שניאורסאָן: (שלאָגט איר איבער). אַ מאָדנע ייִדענע איר זענט! איר אַליין האָט נאָר־וואָס געזאָגט, אַז איך בין מיט אים די בעסטע, די נאָענטסטע פרײַנט, גייט איר בײַ מיר זיך נאָכפרעגן אויף אים און קאָנטראָלירן, וואָס ער זאָגט אײַך און וואָס ער דערציילט אײַך!

שרה שפּיראָ: איר מיינט, חלילה, איך גלייב אים ניט, אָדער וואָס? איך גלייב אים אַלצדינג. ער איז אַ בחור — אויף מיר אַזאַ יאָר! אַ פײַנער בחור, און אַ לײַטישער בחור, אַן אָפענע האַנט, און אַ גוט האַרץ, און אַן איידעלמאַן ביז גאָר. נאָר וואָס דען? עפּעס פעלט אים... איך ווייס ניט וואָס... אַן עבירה, וואָס איר זײַט אַ קריסט, וועט איר מיך ניט פאַרשטיין...

שניאורסאָן: נישקשה, איר מעגט ריידן — איך פאַרשטיי אַלצדינג. (כאַפּט זיך ווידער צו דער קעשענע, נעמט־אַרויס דעם פּאָרטאַבאַק, זעט, ער איז אַ ליידיקער, אָן פּאַפּיראָסן, באַהאַלט ער אים צוריק).

שרה שפּירא: איר פֿאַרשטייט אַלצדינג, נאָר דאָס וועט איר ניט פֿאַרשטיין. איר זײַט פֿאָרט נישט קיין ייִד! איר זאָלט זײַן אַ ייִד — עהע־הע!...

שניאורסאָן: (דערפֿרייט). וואָס־זשע וואָלט געווען?

שרה שפּירא: וואָלט איר גאָר אַנדערש פֿאַרשטאַנען. און אַזוי איז אַרויסגעוואָרפֿן אונדזער גאַנצער שמועס.

שניאורסאָן: עס טוט מיר לייד. נאָר אַקעגן וואָס, אײַער גנטלעך, איז אָט דער גאַנצער שמועס?

שרה שפּירא: אַקעגן וואָס? אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט, מע קען ניט אַ מענטשן, ביז מע עסט ניט אויף מיט אים אַ פּוד זאַלץ. איך מיין עס טאַקע אײַער חבר, אונדזער קוואַרטיראַנט שניאורסאָן. איר זײַט דאָך מיט אים באַקענט שוין אַזוי לאַנג, מע קאָן זאָגן, פֿון קינדווײַז אָן, — ווי האַלט איר פֿון אים? איך מיין, וואָס פֿאַר אַ מיינונג זײַט איר פֿון אים? איר מעגט זײַן זיכער, אַז אַלצדינג, וואָס איר זאָלט ניט זאָגן, — איז צווישן אונדז וועט דאָס בלײַבן. מיר זײַנען ניט אַזעלכע מענטשן, חלילה...

שניאורסאָן: (נעמט ווידער אַ מאָל אַרויס דעם פּאַרטאַבאַק, געפֿינט נישט קיין פּאַפּיראָס, באַהאַלט עס צוריק). הערט, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, מאַדאַם. איר אַליין זאָגט דאָך אַף מיר, אַז איך האָב אַ ייִדישן קאָפּ אַף זיך...

שרה שפּירא: איך זאָג? אַלע זאָגן עס. און אַ ייִדיש פּנים אויך...

שניאורסאָן: זייער שיין. ווײַבאַלד אַזוי, פֿאַרשטייט איר דאָך אַליין, אַז איך פֿאַרשטיי אײַך דורך און דורך. איך פֿאַרשטיי אַ זאַך מיטן קוק... מיר דאַרף מען קיין פֿינגער אין מויל ניט לייגן...

שרה שפּירא: געוויס אַזוי! איר'ט אים אָפּבײַסן...

שניאורסאָן: אַלזאָ, הערט זשע מיך אויס, מײַן ליבע מאַדאַם. איר האָט געפֿועלט בײַ מיר. איך וועל אײַך זאָגן אַלצדינג, וואָס איר ווילט. נאָר...

שרה שפּירא: נאָר וואָס?

שניאורסאָן: נאָר מיט איין תּנאי.

שרה שפּירא: דהיינו, מיט וואָס פֿאַר אַ תּנאי?

שניאורסאָן: איר וועט מיר פֿריִער ענטפֿערן אַף דעם, וואָס איך וועל אײַך פֿרעגן.

שרה שפּירא: אַך! מיטן גרעסטן כּבֿוד! איך וועל אײַך זאָגן אַלצדינג, ווי אַן אייגענעם טאַטן... וואָס־זשע, אַשטייגער, האָט איר געוואָלט פֿרעגן?

שניאורסאָן: איך האָב אײַך געוואָלט פֿרעגן... דאָס הייסט, איך האָב געוואָלט וויסן בײַ אײַך, צי ער האָט גערעדט מיט אײַער טאָכטער, צי מיט אײַך נאָר אַליין?

שרה שפּירא: (פּינטלט מיט די אויגן). ווער גערעדט?

שניאורסאָן: אַזוי? איצט פרעגט איר שוין „ווער?" איך רייד פונעם זעלביקן פּאַרשוין, וואָס איר... איך וויל וויסן, צי ער האָט מיט אײַך גערעדט?

שרה שפּירא: (פינטלט מיט די אויגן). וועגן וואָס גערעדט? האָט קיין פּאַראיבל ניט — איך פאַרשטיי ניט גוט רוסיש...

שניאורסאָן: (שוין אַ ביסל בייז). אַ? איר פאַרשטייט ניט גוט רוסיש? (וויל אויפשטיין).

שרה שפּירא: (האַלט אים אָפּ). האָט קיין פּאַראיבל ניט, איוואַן איוואַנאָוויטש, אפשר האָב איך אײַך באַליידיקט?

שניאורסאָן: באַליידיקט? זאָל גאָט היטן! איך האָב פּײַנט באַליידיקן זיך... איך מיין נאָר, אַז איר זײַט, דאַכט מיר, שוין צו אַ קלוּגעטשקע!...

שרה שפּירא: למאי זאָלט איר מיך חושד זײַן, איוואַן איוואַנאָוויטש? גלויבט מיר, זאָל עס מיר אָנגיין, וואָס איך ווינטש אײַך!... מײַן מאַן, אשטיינגער, זאָגט אויך אַף אײַך, אַז איר זײַט אַ גאָלד. און אפילו מײַן טאָכטער, וואָס האָט פּײַנט אַזוי גיך נאָכגעבן, — איר קענט דאָך זי, זי איז אַ שפּירא, פון די שפּיראָס — זאָגט זי אויך, אַז...

שניאורסאָן: (אויפגעלעבט). אַז וואָס?

שרה שפּירא: אַז... אָבער איר וועט דאָך עס קיינעם ניט איבערגעבן?

שניאורסאָן: פאַר וועמען האַלט איר מיך?

שרה שפּירא: מײַן טאָכטער זאָגט, אַז זי זאָל האָבן די ברכות, וואָס איר זײַנט מער ייִד, ווי אונדזער שכן שניאורסאָן.

שניאורסאָן: אָט דאָס איז גאָר?

שרה שפּירא: וואָס נאָך האָט איר געוואָלט?... (רוקט זיך צו נאָך אַ מאָל נאָענט צו אים, רעדט שטיל און זיס). הכלל, איז וואָס זאָגט איר וועגן אים?

שניאורסאָן: (מאַכט זיך תמעוואַטע). וועגן וועמען?

שרה שפּירא: וועגן וועמען!... וועגן שניאורסאָנען!

שניאורסאָן: וועגן שניאורסאָנען? גאָרניט. וואָס האָב איך אַף אים צו זאָגן? איך האָב אײַך נאָר אַ פרעג געגעבן אַ זאַך, וואָס איך וואָלט עס געדאַרפט וויסן, טאָקע פון אײַער אינטערעס וועגן, מאַכט איר זיך נאַיוו, גלײַך ווי איר פאַרשטייט ניט, — האָב איך מיט אײַך ניט וואָס צו ריידן... (שטייט־אויף, כאַפּט זיך ווידער אַ מאָל צו די פּאַפּיראָסן, לאָזט זיך גיין).

שרה שפּירא: (דערשראָקן). ווּהין איז, איוואַן איוואַנאָוויטש? אָט באַלד קומען זיי דאָך, אײַער חבר און מײַן מאַן און די איבעריקע געסט...

שניאורסאָן: אַף איין מינוט. איך האָב פאַרגעסן קויפן פּאַ־

פּיראָסן. איך קום באַלד צוריק. (גייט־אָפּ. פון צווייטן צימער שטעקט זיך אַרויס בעטיס קאָפּ; די האָר שוין צעגעקליבן).

בעטי: מאַמע! ווער איז דאָ געווען? מיט וועמען האָסטו דאָ געשמועסט?

שרה שפּירא: דער כּפּרהניק איז דאָ געווען. קום נאָר אַהער, בעטי!

בעטי: (גייט־צו). וואָסער כּפּרהניק?

שרה שפּירא: זי ווייסט שוין ניט וואָסער כּפּרהניק! אונדזער קוואַרטיראַנטס חבר.

בעטי: קאָנסטו דאָך זאָגן איוואַן איוואַנאָוויטש. ווי־זשע איז ער אַהינגעקומען?

שרה שפּירא: וועט זי מיך לערנען ריידן! ער קומט באַלד צוריק. זיץ, טאָכטער, איך דאַרף דיר עפּעס דערציילן אַ שיינס.

בעטי: אַבי אַ שיינס. (זעצן זיך אַוועק ביידע אויף דער קאַנאַפּע, וואָס נאָענט צו דער ראַמפּע).

שרה שפּירא: ווער ס'איז שיין — איך בין קלוג.

בעטי: אַקעגן וואָס איז דאָס געזאָגט געוואָרן?

שרה שפּירא: אַקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט: „אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד". לאָזט זיך אויס, אַז פונעם סוד ווייסט די גאַנצע וועלט, אַ חוץ מיר, טאַטע־מאַמע.

בעטי: וואָסער סוד?

שרה שפּירא: וועגן דיר מיט אונדזער קוואַרטיראַנט, אַז עס האַלט באַ...

בעטי: (צעבייזערט). אי, מאַמע! עס האַלט גאָרניט דערבײַ, האָב איך דאָך דיר געזאָגט שוין! איך קלער גאָר אַפילו ניט פון דעם, וואָס דו מיינסט און וואָס דיר ווילט זיך...

שרה שפּירא: פון וואַנען זשע ווייסן דאָס אַנדערע, זײַטיקע מענטשן?

בעטי: פון אײַך אַליין מסתּמא. איך מיין טאַקע פון דיר און פונעם טאַטן. איר זאָלט ווינציקער ריידן דערפון, וואָלט קיינער ניט גע־רעדט.

שרה שפּירא: מיר ריידן דען עפּעס? מיר שווײַגן! ריידן ריידן אַנדערע, זײַטיקע.

בעטי: ווער זײַנען די אַנדערע, די זײַטיקע?

שרה שפּירא: אָט, למשל, אָט דער גוי האָט אָפּגערעדט מיט מיר אַ האַלבע שעה...

בעטי: (אומרויִק). וואָס־זשע האָט ער גערעדט מיט דיר?

שרה שפּירא: ער האָט מיך געפרעגט, ווי אַזוי און וואָס און ווען, און ווי האַלט דאָס באַ אײַך מכּחן שידוך...

ב ע ט י : (אויסער זיך). טאַקע אַזוי, מיט די ווערטער האָט ער באַ דיר געפרעגט?

ט ר ה ש פּ י ר אָ : דווקא מיט די ווערטער ווילסטו?

ב ע ט י : ווי אַזוי־זשע פּאָרט האָט ער דיך געפרעגט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : וואָס איז באַ מיר — אַ קאָפּ פון אַ באַדי? איך בין טאַקע מחויב צו געדענקען איטלעכס וואָרט באַזונדער? און וואָס ביסטו עס פאַר אַ סליעדאָוואַטעל, וואָס איך דאַרף דיר אָפּגעבן דין־וחשבון? איך דערצייל דיר, אַז ער האָט מיך געפרעגט — האָט ער מיך געפרעגט. קיין ליגנערן בין איך, דאַכט זיך, ניט געווען קיינמאָל, און הײַנט אויך ניט...

ב ע ט י : (אײַנגעהאַלטן). גוט, מאַמע. איך זאָג דען, חלילה, עפּעס?... הכלל, לאָמיך הערן ווײַטער. וואָס־זשע האָסטו אים דערויף גע־ענטפערט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : ענטפערן וועל איך אים? אַזאַ נאַר בין איך טאַקע? איך האָב אָנגענומען אַ פולן מויל מיט וואַסער און האָב געכאַפּט אַ שווײַג.

ב ע ט י : גאָרנישט געענטפערט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אַזוי ווי די וואַנט!

ב ע ט י : אַ שאָד. האָסט אים באַדאַרפט זאָגן, ערשטנס, אַז ס'איז אַ נעכטיקער טאָג...

ש ר ה ש פּ י ר אָ : געווים האָב איך אים געזאָגט, אַז ס'איז אַ נעכטיקער טאָג.

ב ע ט י : און, צווייטנס, אַז זײַטיקע מענטשן האָבן דאָ ניט וואָס צו אינטערעסירן זיך...

ש ר ה ש פּ י ר אָ : נאָך שענער האָב איך אים געזאָגט. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער מעג טאַקע האָבן אַ ייִדישע נאָז, נאָר שטעקן זי אַהין, וווּ מע דאַרף ניט, איז ניט נייטיק...

ב ע ט י : זעסטו, מאַמע, דאָס איז שוין איבעריק. דאָס האָסטו אים נ י ט באַדאַרפט זאָגן.

ש ר ה ש פּ י ר אָ : חלילה! אַזוי טאַקע, מיינסטו, מיט די ווער־טער? אַזוי גראָב בין איך נאָך ניט! איך האָב אים נאָר געזאָגט, אַז אַלע געפינען, אַפילו דו אויך, אַז ער האָט אַ ייִדישע נאָז... (בעטי מאַכט אַ באַ־וועגונג). ניין! דאָס הייסט, נישט קיין ייִדישע נאָז האָב איך אים געזאָגט, נאָר אַ ייִדיש פּנים...

ב ע ט י : (אומגעדולדיק). צו וואָס, מאַמע, האָבן דיר געטויגט אָט די איבעריקע רייד? און וואָס איז דאָס גלאַט פאַר איבעריקע שמועסן? און וואָס ווילט איר פון מיר מיט אײַערע שידוכים?...

ש ר ה ש פּ י ר אָ : שאַ! שרײַ ניט אַזוי! מע ווערט פון דיר ניט גליקלעך, האָסטו געהערט אַ ביסל!

ב ע ט י : מאַמע! איך וויל זיך מיט דיר ניט צעקריגן הײַנט, אַף

מײַנע אימענינעס. נאָר איין זאַך װעל איך באַ דיר בעטן: דו זאָלסט זיך ניט אַרײַנמישן אין מײַנע געשעפטן.

שרה שפּירא: אין אירע געשעפטן!...

בעטי: גו־יאָ. יעדער האָט זיך זײַנע געשעפטן. דו זאָלסט שטײן פֿון דער װײַטן, צוקוקן — און שװײַגן!

שרה שפּירא: הערן און זען און שװײַגן?

בעטי: און שװײַגן! איך בין שױן ניט קײן קלײן מײדעלע. איך קאָן שױן מײַן שטעטל באַשטײן. איך בין שױן אַלט נײַנצן יאָר!

שרה שפּירא: אַזױ? אַזש נײַנצן יאָר? פּסםנו! אַ קלײניקײט? װאָס זאָגט איר אױף דעם פֿרעסטאַרעץ? נײַנצן יאָר! (עס דערהערט זיך אַ קלונג. בעטי אַנטלױפֿט צו זיך. שרה רופֿט סיאָמקין אױף אַ קול). סיאָמקע? סיאָמעניו, גײ נאָר, מע קלינגט! (סיאָמע קומט־אַרױס, לױפֿט עפֿענען און קומט אַרײַן מיטן פֿאָטער).

דװיד שפּירא: (טראָגט אין בײדע הענט פּעקלעך און סקאָרמוטשען, גיט דאָס איבער שרהן, טוט זיך אױס). נו, נאַדיר אַ לױ־פּעניש! באַשערט נעװען צרות — האָט נאָך צוגעשיקט אַ קװאַרטיראַנט מיט פּראָװאָזשיטעלסטװעס! טאָמער איז קאַרג אײגענע צרות, באַדאַרף מען נאָך האָבן פֿרעמדע!

שרה שפּירא: װו־זשע איז ער אַלײן?

דװיד שפּירא: װער?

שרה שפּירא: דער קװאַרטיראַנט.

דװיד שפּירא: שניאורסאָן? ער קומט באַלד. ער האָט זיך קױם אַרױסגעכאַפּט פֿון דאָרט, װי פֿון אַ באָד, און איז אַװעקגעפֿלױגן קױפֿן בלומען און אַ טאָרט לכבוד די הײַנטיקע אימענינעס. (קוקט זיך אַרום). װו איז זי ערגעץ, אונדזער אימעניניצע?

שרה שפּירא: זי טוט זיך אָן. (צו סיאָמקען). דו גײ נאָר צו דײַנע אוראָקן. האָסט דאָ ניט װאָס צו שטײן.

דװיד שפּירא: װאָס יאָגסטו אַרום דאָס קינד? די אוראָקן און די אוראָקן! הײַנט אױך אוראָקן? (סיאָמקע קוקט מיט דאַנקבאַרקײט אױפֿן פֿאָטער).

שרה שפּירא: איך װיל ניט, ער זאָל דאָ שטײן. איך באַדאַרף מיט דיר עפּעס רײדן.

דװיד שפּירא: אַ סוד? (צו סיאָמקען). נו, גײ, מײַן זון, װעסט נאָכדעם אַ ביסל שפּעטער אַרױסקומען, װעסטו פֿאַרזוכן פֿון אַט די אַלע גוטע זאַכן. (װײַזט אים אױף די פּעקלעך, װאָס אױפֿן טיש. — סיאָמקע אָפּ). נו, װאָס פֿאַר סודות, למשל?

שרה שפּירא: (רעדט שטיל, כמעט דעם מאַן אױפֿן אױער). איך קאָן דיר אָנזאָגן אַ בשורה, דװיד: עס האַלט שױן באַ זײ װײַט. גאָר װײַט.

דװיד שפּירא: (דװקא הױך). באַ װעמען באַ זײ?

שרה שפּיראָ: ששט!... כּלומרשט ווייס ער ניט. מע באַדאַרף אים צעקייען און אַרײַנלייגן אין מויל אַרײַן. בײַ די קינדער — בײַ אונדזער טאָכטער מיטן קוואַרטיראַנט.

דוויד שפּיראָ: אָט אַזוי אַז דו רעדסט, פֿאַרשטייט מען. וואָס־זשע הייסטו עס „ווײַט?" און וואָס עפּעס אַזאַ גדולה אױף דיר?

שרה שפּיראָ: פֿאַר וואָס ניט? האָסט אַ שענערן שידוך? אַ משפּחה, זאָגסטו דאָך אַליין, די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס. די ערשטע בײַ יידן.

דוויד שפּיראָ: ניט די ערשטע, נאָר די צווייטע. פֿריִער די שפּיראָס, דערנאָך די שניאורסאָנס. נו? און ווײַטער וואָס?

שרה שפּיראָ: און ווײַטער — דער יונגערמאַן אַליין.

דוויד שפּיראָ: איך האָב קעגן יונגנמאַן גאָרניט וואָס צו זאָגן, בלתי וואָס ער איז אַ ביסל... אַ ביסל... (זוכט מיט די פֿינגער). אַ ביסל אונטערגעשלאָגן מיט גוי.

שרה שפּיראָ: דערפֿאַר איז ער אָבער אַ דימענט פֿון אַ מענטשן און האָט אַ רײַכע באָבע אַ מיליאָנשטשיצע...

דוויד שפּיראָ: זעסטו, דאָס איז שוין בײַ מיר דאָס לעצטע שבלעצטע. ערשטנס, האָב איך די מיליאָנען אירע נישט געציילט, און זיי וואַרעמען מיך ווינציק־וואָס. און, צווייטנס, וואָס אַנבאַלאַנגט געלט — איז אונדזער בעטי נישט קיין אַבי־ווער. (מיט גדלות). זי איז שפּיראָס אַ טאָכטער, און קומט־אַרויס, דו פֿאַרשטייסט צי ניין, פֿון די אמתע...

שרה שפּיראָ: פֿון די אמתע, פֿון די סלאַוויטער שפּיראָס. מע ווייס שוין. מע האָט שוין געהערט! איז זי אָבער נאַקעט און באָרוועס, נאָט זאָל ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד, און האָט ניט אַ קאָפּיקע נדן — דאָס דאַרף מען ניט פֿאַרגעסן. און הײַנטיקע צײַטן, אַ מיידל אָן נדן, איז אַזוי ווי אַ... אַ...

דוויד שפּיראָ: נו, זאָג שוין, נו — ווי אַ חזן אָן אַן עמוד, ווי אַ מלמד אָן אַ קנעלונג, אָדער ווי אַ שטוב אָן אַ דאַך... נאָר זאָג מיר, איך בעט דיך, נשמה מײַנע, פֿון וואַנען ווייסטו דאָס, אַז עס האַלט בײַ זיי אַזוי ווײַט? בעטי האָט מיט דיר גערעדט? צי ער אַליין?

שרה שפּיראָ: מיט מיר דאַרף מען ריידן? און ווו זײַנען מײַנע אויגן? (רעדט נאָך שטילער). זאָלסט אָנקוקן, דוויד, אַ בראַנזעליעט האָט ער איר אונטערגעטראָגן, הײַנט צו די אימענינעס, מיט בריליאַנטן — אָט אַזעלכע בריליאַנטן! (ווײַזט מיט די הענט).

דוויד שפּיראָ: (דערשטוינט). אַ בראַסלעט? בריליאַנטן? (הויך). וואָס פֿאַר בראַסלעטן? וואָס פֿאַר בריליאַנטן?... פֿע! בײַ מיר גייט עס ניט! איך בין אַ שפּיראָ! (טוט זיך אַ וואָרף צום זײַטיקן צימער).

שרה שפּיראָ: (האַלט אים צו בײַם אַרבל). ששששאַ! מאַך ניט קיין געפּילדער! באַווײַז ניט אַרויס דעם כּהן! דאָס אייגענע קאָן מען

א ביסעלע שטילער אויך! צו וואָס איז דער כעס, האָסטו געהערט א ביסל?!

דוויד שפּירא: (אין כעס). וואָסער כעס? ווער איז אין כעס? איך האָב פֿײַנט מיט כעס! איך האָב ליב מיט גוטן! אָט גיי איך אַרײַן און זאָג איר צוויי ווערטער — איך האָב פֿײַנט לאַנגע דבורים! איך וועל איר זאָגן אַזוי: „הער זשע אויס, טאָכטער. מילא טאָרטן, בלומען — דאָס פֿאַרשטיי איך נאָך. אָבער בראַסלעטן? בריליאַנטן?... זאָלסט אַזוי גוט זײַן און מוחל זײַן אים אָפּגעבן דעם בראַסלעט צוריק — און שוין!"...

(לאָזט זיך גיין צו בעטין אין איר צימער).

שרה שפּירא: (גייט אים נאָך). נאָר מיט גוטן, דוויד. איך בעט דיך, ניט מיט בייזן. הײַנטיקע קינדער טאָר מען ניט אַנדערש...

דוויד שפּירא: (גייענדיק). זי לערנט מיך, ווי אַזוי צו ריידן! (אָפּ. — שרה בלײַבט שטיין פֿון דער זײַט טיר, לייגט־צו אַן אויער, הערט־אונטער, טאָמער וועט די כאַפּן אַ וואָרט. — אין דער צײַט דערהערט זיך אַ קלונג. סיאָמקע לויפֿט עפֿענען און קומט צוריק אַ פֿאַרסאַפּעטער).

סיאָמקע: איוואַן איוואַנאָוויטש!

שרה שפּירא: דער רוח האָט אים געבראַכט צו טראָגן — אַ כּיטרע גויעץ! (טרעט־אָפּ פֿון דער טיר, פֿרײַנטלעך צום אַרײַנגעקומענעם שניאורסאָן, וואָס גילט פֿאַר איוואַנאָוו). מײַן מאַן איז שוין דאָ. ער טוט זיך איבער.

שניאורסאָן: און מײַן חבר? (נעמט־אַרויס אַ פּאַפּיראָס).

שרה שפּירא: שניאורסאָן? ער קומט אויך באַלד צו גיין. (עס הערט זיך ווידער אַ קלונג). אָט דאָס דאַרף ער זײַן מסתמא. סיאָמעניו, זײַ זיך מטריח! (סיאָמקע לויפֿט עפֿענען און קומט צו לויפֿן).

סיאָמקע: אונדזער קוואַרטיראַנט שניאורסאָן! (עס קומט אַרײַן איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן, אָנגעלאָדן מיט בלומען אין איין האַנט און מיט אַ פּראַכטפֿולן טאָרט אין דער אַנדערער האַנט. דאָס פּנים שײַנט. מיט אַ צופֿרידן שמייכל גריסט ער זיך מיט זײַן חבר און שטעלט־אַוועק די בלומען מיטן טאָרט אויפֿן טיש. אין דעם קומט אָן דוויד שפּירא פֿון דער טאָכטערס צימער צוריק, באַגריסט זיך מיטן קוואַרטיראַנטס חבר שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, כאַפּט אַ קוק אויפֿן קוואַרטיראַנטס בוקעט מיטן טאָרט, קוקט זיך איבער מיטן ווײַב פֿילדײַטיק).

שרה שפּירא: (צום קוואַרטיראַנט, פֿרײַנטלעך, נעמט־צו דעם בוקעט מיטן טאָרט). וואָס האָט איר באַדאַרפֿט נאָך אַליין זיך מטריח זײַן?

דוויד שפּירא: (צום ווײַב). אַליין איז מער מצווה, דו פֿאַרשטייסט צי ניין... (צום קוואַרטיראַנט און צו זײַן חבר). זיצט, אַר וואָס זיצט איר ניסט?

שרה שפּיראָ: (טראָגט זיי אונטער שטולן). זיצט, פאַר וואָס זיצט איר נישט? (זיי באַדאַנקען, ווילן נישט זיצן, פאַררייכערן צו פּאַפּי־ראָסן. — שרה צום מאַן, אַף ייִדיש). נו,דוויד, וואָס איז מיטן אוטשאַס־טאָק? פּטור געוואָרן?

דוויד שפּיראָ: (צום ווײַב, אַף ייִדיש). וואָס דען? איך, אַז איך גיי! איך האָב זיי אַלעמען פאַרשטופּט דאָס מויל: דעם אַרײַנגערוקט אין יד אַרײַן אַ צענערל, דעם מטמא געוועזן מיט אַ פינפערל, דעם אַרײַנגעוואָרפן אַ דרײַערל, און אונדזער דוואָרניק אויך אַ חצי פויגל... (צום קוואַרטיראַנטס חבר, צום אמתן שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו). הערט איר, וואָס איך וועל אײַך זאָגן, איוואַן איוואַנאָוויטש? (זיפצט אָפּ). ס׳איז שווער צו זײַן אַ ייִד! שווער און ביטער, ווי דער טויט!

שניאורסאָן: (צו שפּיראָן, כלומרשט פאַרוווּנדערט). טאַקע? וואָס איז דען? (צום חבר). ווידער דאָס אַלטע לידל? ווידער אוטשאַסטאָק? ווידער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ? נאָך נישט צוגעגעסן זיך?

— איוואַנאָוו: פּוסטיאַקי! (צו שרהן). און ווו איז די אימעניצאַ?

שרה שפּיראָ: (צום קוואַרטיראַנט). זי קומט באַלד אַרויס.

דוויד שפּיראָ: (צום קוואַרטיראַנטס חבר). אַיאָ, דאָ איז עס באַ אים „פּוסטיאַקי״? אַיאָ, דאָ איז ער באַ זיך אַ גאַנצער תקיף? אַנו, פרעגט אים אַקאָרשט, וואָס האָט ער געזאָגט דאָרטן, בעת דער אַלטער סטאָלאָנאַטשאַלניק האָט אים אַ רוף געגעבן: „עי, הערשקאָ, קום נאָר אַהער!״?

איוואַנאָוו: (צום חבר). דו פאַרשטייסט? אַן אַלטער שכור, פאַרגינט ער זיך מיר זאָגן „דו״, — זאָל איך אים שווײַגן?

שניאורסאָן: (לאַכט. צום חבר). וואָס־זשע האָסטו אים דע־רויף געענטפערט?

איוואַנאָוו: איך האָב אים דערויף גאָרנישט געענטפערט. איך האָב אים נאָר אַ פרעג געגעבן: „פון ווען־אָן זײַנען מיר דאָס גע־וואָרן אַזוי נאָענט, וואָס מיר „דוצן״ זיך איינס דאָס אַנדערע?״...

שניאורסאָן: (לאַכט). נו, און ווײַטער וואָס?

איוואַנאָוו: ווײַטער זאָגט ער צו מיר: „מאָלטשאַט, זשידאָוור־סקאַיאַ מאָרדאַ!״ — שיִער נישט אַרויס אַ סקאַנדאַל...

שניאורסאָן: (ווערט צעגאַנגען פאַר געלעכטער). כאַ־כאַ־כאַ!

דוויד שפּיראָ: (צום ווײַב, וואָס איז פאַרנומען מיט אויפ־בינדן די פּעקלעך און אויסשטעלן אַלץ אַפן טיש). זע נאָר זע, ווי דער האָט זיך אַ ביסל צעלאַכט! (צו שניאורסאָנען). אײַך איז גוט צו לאַכן, אַז איר זײַט זיך אַ סטודענט, אין הייסט איוואַן איוואַנאָוויטש, און האָט אַ טאַטן אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק... איך וואָלט אַ בעלן גע־ווען אַף אַ טשיקאַוועסט זען, ווען איר זאָלט זיך געפינען, למשל, אין זײַן פעל (ווײַזט אַפן קוואַרטיראַנט) כאָטש נישט לאַנג, כאָטש איין יאָר...
(ביידע חברים קוקן זיך איבער און שיסן־אויס אַ געלעכטער. — אין דעם

קומט־אָן בעטי פון איר חדר, אָנגעטאָן שוין נישט ווי אַ שילערן, נאָר אין אַ לאַנג קלייד, מאָדערן פאַרקעמט. ביידע חברים לאָזן זיך צו איר, גראַטולירנדיק, דערזעט שניאורסאָן אַף בעטיס האַנט דאָס בראַסלעטל. בעטי באַמערקט עס, ווערט רויט, באַהאַלט איר האַנט. ביידע חברים קוקן זיך איבער).

ב ע ט י : וואָס איז דאָ באַ אײַך אַזוי פריילעך — איך האָב געהערט אײַער געלעכטער אַזש אַהין? פון וואָס רעדט זיך דאָ?

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : (צו דער טאָכטער). מיר ריידן דאָ פון דעם, ווי ס'איז שווער צו זײַן אַ ייִד. פאַרשטייט מיך נישט איוואַן איוואַנאָוויטש. זאָג איך זיי, זיי זאָלן פּרווון זײַן אַ ייִד כאָטש איין יאָר, וואָלטן זיי שוין געפילט דעם טעם. לאַכן זיי פון מײַן געדאַנק.

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (צו שפּיראָן). אַנטשולדיקט. נישט פון אײַער געדאַנק האָבן מיר געלאַכט, נאָר פון מײַן חבר, ווי ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיטן סטאָלאָנאַטשאַלניק. (צו בעטין). יענער האָט מכבד געווען מײַן חבר מיט אַ קאָמפּלימענט.

ב ע ט י : (צו שניאורסאָנען). אים אָנגערופן מיטן אמתן נאָמען?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : גלײַך ווי איר זײַט געווען דערבײַ. (ביידע חברים לאַכן).

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : (צו שניאורסאָנען). איר לאַכט, איאָ? באַ אײַך איז גאָרנישט, אַז איר הערט דאָס דאָזיקע שענדלעכע וואָרט, ווײַל איר זײַט אַ קריסט, פילט איר נישט. און באַ אונדז טריפט זיך בלוט! דאַכט זיך, וואָס אַזעלכעס שטעקט אינעם וואָרט „זשיד“? נאָר אַז אַ גוי זאָגט דאָס אַרויס, זאָגט ער עס מיט אַזוי פיל רשעות און מיט אַזוי פיל גיפט, אַז נישט ווילנדיק פילט איר זיך באַליידיקט... אוודאי איז ער געוואָרן אָנגעצונדן, אײַער חבר (ווײַזט אַף איוואַנאָוון, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן), אַז יענער האָט אים אַ זאָג געגעבן „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ“! מע קאָן ווערן נישט נאָר אָנגעצונדן — מע קאָן די אַפּאָפּלעקציע באַקומען! (קאָכט זיך). פאַר וואָס? פאַר ווען? ווען טשעפּעט ער? ווען מאַכט ער דאָ ענג? גלאַט מע נעמט אַ בחור, גאָט די נשמה שולדיק, און מע שלעפּט אים אַלע מאָל אין אוטשאַסטאָק, איר פאַרשטייט צי ניין, מע לאָזט אים נישט זיצן רויִק איין וואָך אַפילו. זיי זוכן אַלע מאָל אַ נײַע עבירה אַף זײַן פּראַוואָזשיטעלסטווע: דאָס געפעלט זיי נישט — דער דאַנטיסט איז נישט רעכט כשר; דאָס דאַכט זיך זיי אויס, אַז די דאָקומענטן זײַנען נישט, ווי עס געהער צו זײַן... אַ גאָטס רחמנות אַפן יונגנמאַן...

א י וו אַ נ אָ וו : (צו שפּיראָן). וואָס האָט איר אַף מיר אַזוי רחמנות?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : יאָ־נו, וואָס באַוויינט איר אים אַזוי?

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : דערפאַר, וואָס דאָס האַרץ טוט וויי. דערפאַר, וואָס איך בין אַ ייִד, און אַ ייִד איז נישט קיין גוי. אַ גוי האָט נישט אין זיך קיין קאַפּ רחמנות...

א י וו אַ נ אָ וו : (צו שפּיראָ). אַזוי מיינט איר — אַז נאָר אַ ייִד פאַרמאָגט דאָס געפיל פון רחמנות?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (צום מאַן, אויף ייִדיש). צו וואָס טויג דיר דברן פאַר אַן ערל אַזעלכע ווערטער? זעסט דאָך, אַז דער יהודי (ווײַזט מיט די אויגן אויף איוואַנאָוון) נעמט זיך אַזש אָן זײַן קריוודע...

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : (אויך אויף ייִדיש). סקאַנדאַל קומט — אָט איז זי אויך דאָ! (אויף רוסיש). איך זאָג נישט, אַז אַ קריסט פאַרמאָגט נישט דאָס געפיל פון רחמנות. איך זאָג נאָר, אַז אַ גוי אויף אַ ייִדן האָט אַזוי פיל רחמנות, ווי אויף אַ הונט, נאָך ווינציקער — אָט וואָס איך זאָג! (צו טניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו). זײַט זיך מודה, אַז איר האַנדלט קעגן אונדז, ייִדן, אַ סך ערגער, ווי, למשל, קעגן הינט, אָדער קעגן פערד. הינט זײַנען בײַ אײַך פּטור פון פּראַוואָזשיטעלסטווע, אויף פערד איז בײַ אײַך פאַראַן אַ חברה „צער בעלי־חיים“, און אונדז, ייִדן, איז בײַ אײַך אַ מצווה צו יאָגן און צו רודפן און צו שלאָגן און צו טרײַבן און צו מאַכן פּאָגראָמען...

ב ע ט י : (צום פאָטער). וואָס טענהסטו, פּאַפּאַ, צו איוואַן איוואַנאָוויטשן? איוואַן איוואַנאָוויטש איז נישט פון יענע קריסטן, וועלכע...

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : (צו דער טאָכטער, לאָזט איר נישט ענדיקן). איך ווייס, איך ווייס, אַז זיי זײַנען נישט פון יענע. הערסטו! דעריבער זאָג איך עס זיי! מיט אַן אַנדערן וואָלט איך דען אַרײַנגעלאָזט זיך אין אַזעלכע רייד? (צום קוואַרטיראַנטס חבר). איך וואָלט אַ בעלן געווען זען, איר זאָלט זײַן אַ ייִד, און ענדיקן גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענער מעדאַל, און נישט אַרײַן אין אוניווערזיטעט, און האָבן צו טאָן מיט דאַנטיסטן און מיט נאַדזיראַטעלעס און מיט סטאָלאָנאַטשאַלניקעס און מיט נאָך אַזעלכע שוואַרצע יאָר!

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (צו שפּיראָ). וואָס־זשע וואָלט געווען?

ד ו י ד ש פּ י ר אָ : וואָלט איר געפילט דעם טעם, וואָס הייסט אַ שטיפקינד, און וואָס הייסט זײַן אין גלות, נע־ונד, גרויס איטלעכן אין די אויגן... עד־עד־עד, איוואַן איוואַנאָוויטש! איר מעגט זיך טאַקע איבערנעמען מיט אײַערע לײַט, וואָס באַקלאָגן זיך אויף אונדז, ייִדן, און וואַרפן אונדז אויס אַלערליי חטאים, זאָגן אויף אונדז, אַז מיר זײַנען בלוט־צאַפּערס, אַז מיר זויגן אײַער בלוט. כאַ־כאַ! נישטאָ ווער ס'זאָל לאַכן! מיר זײַנען דאָס די בלוטצאַפּערס בײַ דער וועלט! (אַלע מאָל מיט מער היץ). מיר, וואָס פאַרנעמען דעם לעצטן אָרט, וואָס זײַנען נידעריקער פון נידעריק — איך ווייס? ציטערן פאַר אַ פליג, — זײַנען מיר דאָס אײַערע גזלנים! אײַערע בלוטפּרעסער!... ניין! די אמתע בלוטצאַפּערס, אויב איר ווילט וויסן, — דאָס זײַט איר, איר, קריסטן! יאָ. איך זאָג עס אײַך גאַנץ אָפנטלעך, אין די אויגן: איר — איך מיין נישט אײַך, איך מיין דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק — איר זײַט אַ בלוטדורשטיק פאָלק, איר פאַרשטייט צי ניין!...

א י וו אַ נ אָ וו : (צו שפּיראָ, מיט אײַנגעהאַלטענער אויפרעגונג).

מיר דאַכט, אַז דאָס איז שוין אַ ביסל צו שאַרף געזאָגט. פון וואַנען זײַט איר דאָס אַזוי קלאָר אין קריסטן? פון ווען־אָן קענט איר דאָס אַזוי דאָס רוסישע פאָלק?

ד ו י ד ש פּ י ר אָ: פון וואַנען איך בין אַזוי קלאָר — דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך. איך בין, דאַנקען גאָט, קלאָר אומעטום. נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דאָס דאַזיקע פרעגן באַ מיר האָבן באַדאַרפט זיי (ווײַזט אַף שניאַורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו), נישט איר. (איוואַנאָוו וויל עוטפערן. שניאַורסאָן טוט זיך מיט אים אַ קוק־איבער. איוואַנאָוו בלײַבט שטיל, פאַרדרייכערט נאָך אַ פּאַפּיראָס. דוויד שפּיראָ רעדט ווײַטער, ווענדט זיך צו שניאַורסאָנען). אָט נעמט, למשל, אָט דאָס אָ: איר באַשולדיקט אונדז, אַז מיר באַנוצן אײַער בלוט אין אונדזערע מצות, אַז עס קומט פּסח...

ש ר ה ש פּ י ר אָ: (אין דער לופט, האַלב ייִדיש, האַלב לשון־קודש). טאָמער ווייסטו, צו וואָס דאַרף מען דברן פון דעם אומגליק?

ד ו י ד ש פּ י ר אָ: (צום ווײַב, אַף ייִדיש). אפשר וועל איך גיין באַ דיר לערנען זיך, וואָס און ווי אַזוי צו ריידן?

ב ע ט י: (אַף רוסיש). פּאַפּאַ! די מאַמע האָט רעכט — דאָס איז נישט קיין טעמע צוליב מײַנע אימעניעס.

ד ו י ד ש פּ י ר אָ: (צו דער טאָכטער, אויך אַף רוסיש). וואָס איז שײַך יאָ אימענינעס, נישט אימענינעס? גיי האָרך, וואָס אין שטאָט טוט זיך מיטן נײַעם פּעקל, וואָס מיר, ייִדן, האָבן אַף זיך! עס קאָכט די גאַנצע בערזע מיטן קריסטלעכן קינד, וואָס מע האָט געפונען אַנומלטן אַ געהאַרגעטן און אַ צעשטאָכענעם דאָ, אַף דער ייִדישער גאַס!

ש ר ה ש פּ י ר אָ: (אַף ייִדיש). געהרגעט און צעשטאָכן זאָלן זיי דיר ווערן פון גאָט, רבונו של עולם! (אַף רוסיש). ס'איז גאָר נישט כדאַי אַקעגן נאַכט אַפילו צו דערמאָנען אַזאַ פּאַסקודסטווע... (דערזעט סיאָמקען, ווי ער שטייט, צוגעפּגעלייגט די הענטלעך, און הערט זיך אײַן מיט גרויס אינטערעס צום שמועס). דו קליינער ווערוריק, דו דאַרפסט אויך הערן, אַז מע רעדט פון אַזאַ מיאוסקייט? גיי בעסער צו דײַנע אור־ראָקן. דער אויפדערנאַכט איז נאָך געגנוג גרויס! (סיאָמקע גייט־אָפּ צו זיך אָן חשק).

ד ו י ד ש פּ י ר אָ: (באַרויִקט זיך נישט). עס קאָכט, עס קאָכט די שטאָט מיט דעם דאַזיקן מיאוסן עסק! די גאַנצע לופט איז אָנגעפּילט מיט שנאה, און סע שמעקט מיט פּאָגראָם...

א י ו ו א נ אָ ו ו: (צו שפּיראָן). אײַך חלומען זיך נאָר פּאָגראָמען...

ד ו י ד ש פּ י ר אָ: מיר חלומען זיך פּאָגראָמען דערפאַר, ווײַל איך האָב שוין איבערגעלעבט צוויי, איר פאַרשטייט צי ניין! און איך זאָל נישט קענען איוואַן איוואַנאָוויטש, ווי אַזוי זיי קוקן דערויף, וואָלט איך עס נישט גערעדט פאַר זיי אין די אויגן. ס'איז דאָך טאַקע נאָר אַ האַרצ־ווייטיק, אַז אין הײַנטיקער צײַט, אין דער צײַט פון חכמה און וויסנשאַפט, פון עלעקטריע, טעלעפאָן, גראַמאָפאָן, עראָפּלאַן, סינעמאַטאָגראַף און נאָך

אזעלכע זאכן, זאָלן מענטשן גלייבן אין אזעלכע ווילדע בבא־מעשיות, אַז ס׳איז פֿאַראַן בײַ אונדז, ווי זיי זאָגן, אַזאַ סעקטע, וואָס באַנוצט בלוט!...

אי וואַ נאָ וו: סעקטעס און סעקטאַנטן זײַנען פֿאַראַן אומעטום, בײַ אַלע פֿעלקער...

שניאורסאָן: (מיט היץ, צו איוואַנאָוו). נאָר נישט בײַ ייִדן! אויסגעשלאָסן!

בעטי: כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! (ווערט צעגאַנגען פֿון געלעכטער).

דוויד שפּיראָ: זי איז זייער גערעכט, וואָס זי לאַכט. אַז איר האָט זיך פֿאַרביטן מיט די טענות. ער, דער ייִד (ווײַזט אַף איוואַנאָוו), וויל האָבן, אַז בײַ אונדז זײַנען, ווי אומעטום, פֿאַראַן סעקטעס און סעקטאַנטן, און זיי, דער קריסט (ווײַזט אַף שניאורסאָנען), לייקענען־אָפּ, אַז בײַ ייִדן, הייסט עס, זײַנען קיין סעקטעס נישט פֿאַראַן. הײַנט ווי אַזוי זאָל מען נישט לאַכן? (ביידע חברים כאַפּן זיך, ווערן פֿאַרשעמט).

איוואַנאָוו: (וויל זיך פֿאַרענטפֿערן). איך האָב נישט געזאָגט, אַז בײַ אײַך... בײַ אונדז מיין איך, זײַנען פֿאַראַן סעקטאַנטן. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז מיר... מיין איך, אַז זיי, די קריסטן הייסט עס (ווײַזט אַפֿן חבר), מעגן גלייבן, אַז בײַ אײַך... בײַ אונדז מיין איך, זײַנען יאָ פֿאַראַן סעקטאַנטן...

דוויד שפּיראָ: (צו קיינעם נישט). זעט נאָר בעסער, ווי דער פּלאָנטעט (ווײַזט אַף איוואַנאָוון): „בײַ אײַך — בײַ אונדז, בײַ אונדז — בײַ אײַך”...

שניאורסאָן: (וויל צעטרײַבן און פֿאַרגלעטן, רעדט צו זײַן חבר). דער הער שפּיראָ האָט פֿאָלקאָם רעכט. דיר, אַלס ייִד, וואָלט געמעגט אָנשטיין וויסן, אַז די בבא־מעשה פֿון סעקטעס און סעקטאַנטן, וואָס נוצן מענטשנבלוט, איז אַן אַלטע מעשה פֿון פֿאַרצײַטן. דו, אַלס ייִד, וואָלסט געמעגט צו וויסן, אַז דעם זעלבן בלבול האָט מען אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן פֿריִער, באַשולדיקט אונדז, קריסטן, אַז מיר קוילן פֿרעמדע קינדער און באַנוצן זייער בלוט צו הייליקע צוועקן...

דוויד שפּיראָ: (שלאָגט אים איבער). ווייס איך! וואָס פֿאַר אַ ייִד איז ער? אויך מיר אַ ייִד! נישטאָ ווער ס׳זאָל לאַכן, כאַ־כאַ! שוין איין מאָל אַ ייִד! איר וועט מיר גלייבן, צי ניין? עס מאַכט זיך צײַטן, וואָס עס גלייבט זיך גאָרנישט, אַז ער איז אַ ייִד, און נאָך אַ שניאורסאָן דערצו! און ווייסט איר, וואָס נאָך איך וועל אײַך זאָגן, איוואַן איוואַנאָוויטש? האָט קיין פֿאַראיבל נישט, נאָר איך מוז אײַך זאָגן אָפֿנטלעך, אַז איר זײַט שוין מער ייִד פֿון אים. אַ סך מער — איך זאָל האָבן די ברכות! זאָגט אײַך וואָס איר ווילט, נאָר בײַ אײַך איז פֿאַראַן עפּעס אַזעלכעס, אַזוינס... (מאַכט מיט די פֿינגער). איר פֿאַרשטייט צי ניין, אַ ניצוץ פֿון אַ ייִדן... אַ נשמה, אַ ייִדישע נשמה...

שניאורסאָן: (לאַכט). אַזוי גאָר? אײַער װײַב געפינט, אַז אױף מיר זיצט אַ ייִדישער קאָפּ, און איר זאָגט, אַז איך האָב אַ ייִדישע נשמה. איר װעט שױן אָט באַלד אױסטראַכטן אױף מיר אַ בלבול, אַז איך בין גאָר אײנגאַנצן אַ ייִד... (אַלע צעלאַכן זיך. עס דערהערט זיך אַ קלונג).

שרה שפּירא: (צופרידן, װאָס מע האָט איבערגעשלאָגן דעם דאָזיקן שמועס). אָ, עס גײען געסט! סיאָמקע, װוּ ביסטו ערגעץ? (קוקט זיך אַרום). סיאָמקע!

דוד שפּירא: (צום װײַב). האָסט פאַרגעסן, אַז דו האָסט אים נאָר־װאָס דורכגעטריבן? (סיאָמקע דערהערט, אַז מע רופט אים, קומט צו לױפן).

סיאָמקע: װאָס איז?

שרה שפּירא: גײ, סיאָמעניו, מע קלינגט! (סיאָמקע לױפט אַראָפּ).

דוד שפּירא: (צום װײַב, אױף ייִדיש). װאָס איז ער באַ דיר, װאָלט איך געװאָלט װיסן — אַ לאַקײ, צי אַ שװײצאַר? (צו שניאור־סאָנען אױף רוסיש). אַ לאָװקע יונגאַטש אונדזער זונדל! און לערנען לערנט ער — לאָז אײַך שױן אײַער חבר זאָגן... (אין דעם קומט צו לױפן סיאָמקע מיט אַ גדולה).

סיאָמקע: (הױך). בעטים חברטערנס! — אַ גאַנצע כאַליאַסטרע! (דוױד שפּירא רײַסט איבער דעם שמועס. בעטי לױפט אַקעגן די אַרײַנגעקומענע חברטעס, אַ שטיק פינף־זעקס מײדלעך, שילערנס, אַלע אָנגעטאָן, װי גימנאַזיסטקעס, אין גרינע קלײדלעך, שװאַרצע פאַרטעכלעך און װײַסע שפּיצן־קראַגנס מיט מאַנזשעטלעך. בעטי צעקושט זיך מיט זײ, פירט זײ צו און שטעלט זײ פאָר פריִער פאַר די עלטערן).

בעטי: מײַנע חברטעס, מײַנע עלטערן. (דערנאָך צום קװאַרטיראַנט מיטן חבר). הער איװאַנאָװ, הער שניאורסאָן — זײַט באַקאַנט. (די מײדלעך גײען־צו אײנציקװײַז, מאַכן קניקסנס).

דוד שפּירא: זיצט, פאַר װאָס זיצט איר נישט? (טוט אַ װוּנק צום װײַב, זי זאָל זײ אױפנעמען).

שרה שפּירא: (טראָגט זײ אונטער שטולן). זיצט, פאַר װאָס זיצט איר נישט? (די מײדלעך מאַכן נאָך אַ מאָל צו קניקסנס, זעצן זיך אױס. אין דער זעלבער צײַט דערהערט זיך נאָך אַ קלונג. סיאָמקע לױפט עפענען און קומט אַרױף װידער מיט אַ שמחה).

סיאָמקע: נאָך דרײַ געסט: צװײ סטודענטן און אײנער אַזױ אַ מענטש! (אַלע לאַכן).

דוד שפּירא: װי יענער פּױלישער, װאָס האָט געזאָגט: „איך האָב געזען פאָרן צװײ ייִדן מיט אַ ליטװעק"... (צו דער טאָכטער). װער זאָל דאָס זײַן?

בעטי: דאָס זײַנען די סטודענטן גרינסבערג און פּראַטקין, װאָס איך האָב מיך מיט זײ באַקענט באַ מײַנער אַ חברטע אױף אימענינעס.

און דער דריטער, הורוויטש — דער איז אַ געוועזענער עקסטערן, היינט אַ לערער. (אין דער צייט, וואָס דאָ ווערט גערעדט, הערט זיך פון יענער זייט טיר אַ הוסטעריי און אַ קלאַפעריי פון קאַלאָשן, וואָס מע טוט־אויס אין פאָדערצימער. דערנאָך באַווייזן זיך דריי פאַרשוינען: צוויי אין נייע סטודענטישע איניפאָרמס; איינער פון זיי, ג ר י נ ס ב ע ר ג , איז טשאַקענדיק אויסגעפוצט, מיט גאָלד באַלייגטע אַרבל און קאָלנער, מיט אַ שפּאַגע, זעט־אויס, ווי אַן אָפּעציר. דער דריטער, ה ו ר ו ו י ט ש — אין אַ גרויען פּידזשאַק מיט אַ ברייטן שוואַרצן שניפּס אָפן האַלדז. — בעטי קומט זיי אַקעגן. אַלע דריי באַגריסן זי זייער פייערלעך. די צוויי סטודענטן טראָגן איר אונטער בלומען).

ג ר י נ ס ב ע ר ג : (אַ קלאַפּ אַ פוס אָן אַ פוס). אימעיו טשעסט פּאָזדראַוויט! *

פּ ר א ט ק י ן : פּאָזדראַווליאיו! * *

ה ו ר ו ו י ט ש : (אַף יידיש). מזל־טוב! און אַ גוט יום־טוב אייך!

ב ע ט י : (באַדאַנקט, שטעלט זיי פאָר פריער פאַר אירע עלטערן איינציקווייז). סטודענט גרינסבערג, סטודענט פּראַטקין, הער הורוויטש. דער (ווייזט אַף הורוויטשן) רעדט נישט קיין אַנדער שפּראַך, אַחוץ יידיש.

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : ער איז זייער גערעכט. מיר האָבן נישט מיט אונדזער לשון וואָס צו שעמען זיך. (בעטי פירט זיי צו דערווייל צו שניאורסאָנען מיט איוואַנאָוון, דערנאָך שטעלט זי זיי פאָר פאַר אירע חברטעס, וועלכע שטאַטן־אָפּ נאָך אַ מאָל צו קניקסנס. די שטימונג ווערט יום־טובדיק. דוויד שפּיראָ טוט אַ ווונק צום ווייב, זי זאָל אויפנעמען די געסט). זיצט, פאַר וואָס זיצט איר נישט?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (טראָגט זיי אונטער שטולן). זיצט, פאַר וואָס זיצט איר נישט? (די געסט באַדאַנקען).

ג ר י נ ס ב ע ר ג : פּאָקאָרנאַ בלאַגאָדאַריו! *

פּ ר א ט ק י ן : מערסי, מאַדאַם!

ה ו ר ו ו י ט ש : (יידיש). אַ שיינעם דאַנק אייך, מומעניו!

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : (רייבט אַ האַנט אָן אַ האַנט). זייער אָנגע־לייגטע געסט! איך האָב ליב יונגעלייט. מאָלאַדיאָזש! יונג בלוט! (צו הור־וויטשן). אייער נאָמען איז, דאַכט מיר, אויב איך האָב קיין טעות נישט, הורוויטש? פון וואָסערע הורוויטשעס זייט איר?

ה ו ר ו ו י ט ש : פון די אמתע הורוויטשעס, פון די פּינסקער הורוויטשעס.

---

* איך האָב דעם כבוד צו גראַטולירן.

** איך גראַטוליר.

* אַ דאַנק!

דוויד שפּיראָ: אַזוי? קען איך דאָך אײַך. אײַער זיידע איז געווען, אויב איך האָב קיין טעות נישט, אַ...

הורוויטש: אַ שמש אין שול, און מײַן טאַטע איז אַ מלמד. (עס ווערט אַ געלעכטער).

דוויד שפּיראָ: (פּילט זיך קאָנפוזעדיק, געפינט זיך אָבער באַלד). נו־יאָ. וואָס איז דער געלעכטער? אַ שמש איז גאָרנישט אַזאַ חרפּה. יגיע כּפּיך, זאָגט ער, כּי תאכל. יעדער האָט זיך זײַן טועכץ. און אַ מלמד איז אוודאי קיין בזיון נישט. (צו הורוויטשן). אַ סימן, אַז אײַער טאַטע קאָן לערנען.

הורוויטש: דווקא נישט. ער איז אַ דרדקי־מלמד, לערנט ייִדישע קינדער עברי.

דוויד שפּיראָ: נו־יאָ. דאָס איז אויך אַ זאַך — אויס־לערנען קינדער דאַוונען. (וויל צעטרײַבן דעם שמועס, ווענדט זיך צום ווײַב). אפשר וואָלסטו זיך מטריח געווען, מײַן ווײַב, אַף אַ טשיקאַוועסט אַ קוק טאָן דאָרט צום סאַמאָוואַר, אים אײַנרוימען אַ סוד אַפן אויער, ער זאָל פאַרזידן, — וועלן מיר מכבד זײַן די ליבע געסט, ראשית חכמה, מיט טיי, און דערנאָך וועלן מיר נעמען עפּעס אין מויל אַרײַן און טרינקען מיט זיי לחיים לכבוד אונדזער אימעניניצע, וואָרעם אַז גאָט האָט געהאָלפן אַזאַ יום־טוב, מיר האָבן דערלעבט, אונדזער טאָכטער איז אַלט געוואָרן, ברוך השם, אַזוי גרויס, ווי...

שרה שפּיראָ: (גרייט צו גיין אין קיך אַרײַן, שלאָגט איבער דעם מאַן). צו וואָס איבעריקע רייד? ווער פרעגט דיך, וויפל זי איז אַלט? ווער שלעפּט דיך בײַ דער צונג, האָסטו געהערט אַ ביסל?!

דוויד שפּיראָ: (צום ווײַב). וואָס האָסטו מורא, ס'וועט איר שאַטן צום שידוך? צי דו ציטערסט פאַר אַ גוט אויג?

שרה שפּיראָ: שאַטן נישט שאַטן — נאָר למאַי זאָל אַ מענטש האָבן אַ טבע ריידן אַזעלכע זאַכן, וואָס קיינער פרעגט אים נישט? (גייט־אָפּ, מיטגערופן סיאָמקין, ער זאָל איר העלפן אין דער קיך).

דוויד שפּיראָ: (צו אַלעמען). אָט האָסטו דיר! אַ ייִדענע בלײַבט אַ ייִדענע, זי מעג זײַן די גרעסטע חכמה אין דער וועלט! די ווײַ־בער — ס'זאָל אײַך צו קיין חרפּה נישט זײַן, באַרישנים, — האָבן אין זיך אַלע מאָל אויבערשפּיצלעך. בײַ מיר איז אַן אָפענער זעקס־און־זעכציק. איך בין אַ שפּיראָ, און די שפּיראָס ווייסן נישט פון קיין חכמות. איך גיי מיט דעם גאַנג, אַז מיטן אמת קאָן מען אויסגיין די גאַנצע וועלט... הערט־זשע אויס, רבותים, וואָס איך וועל אײַך זאָגן. (נעמט־אַרום די טאָכטער). איר קוקט־אָן אָט דאָס מיידל, אָט די באַרישני מײַן איך? בערטאַ דאַווידאָוונאַ שפּיראָ רופט מען זי. זאָלט איר וויסן זײַן אַלע, אַז הײַנטיקן טאָג איז איר געוואָרן למזל פּונקט נײַנצן יאָר! (צעקושט זיך מיט איר).

אַלע: נײַנצן יאָר? (יונגוואַרג הייבן זיך אויף פון די ערטער,

גייען־צו בעטין און גראַטולירן זי נאָך אַ מאָל, רופן־אויס יעדער באַזונדער). בײַנצן יאָר! (אין דעם קומט־אָן שרה מיטן סאַמאָוואַר. סיאָמקע טראָגט איר נאָך אַ גרויסע טאַץ מיט טייגעשיר).

שרה שפּיראָ: זאָגט כאָטש: „ביז הונדערט און צוואַנציק", האָסטו געהערט אַ ביסל?!

בעטי: הונדערט און צוואַנציק וועט זײַן, מאַמאַטשקאַ, אַ ביסל צו פּיל, האָב איך מורא... (צו די אויפגעשטאַנענע געסט). נו, גאָספּאָדאַ? צום טיש, צום טיי טרינקען!

דוויד שפּיראָ: (ברייט און גאַסטפרײַנטלעך). צום טיש, מײַנע ליבע געסט, צום טיש! זיצט, פאַר וואָס זיצט איר נישט?

שרה שפּיראָ: (שטעלט יעדן אַ שטול). זיצט, פאַר וואָס זיצט איר נישט? (אַלע זעצן זיך אויס, די מיידלעך אויך. סיאָמקע זעצט זיך אויך צום טיש).

דוויד שפּיראָ: (זעצט זיך אַליין אויך אַוועק גאַנץ אויבנאָן). אָט אַזוי האָב איך אײַך ליב! איצט נעמט און וואַרפט־אַרײַן צוקער, און טרינקט טיי, און עסט אײַנגעמאַכטס, אָט שטייט. (צום ווײַב). שרה! גיב אײַנגעמאַכטס! (צו די געסט). און דערציילט, וואָס הערט זיך עפּעס נײַס אַף דער גרויסער וועלט? איך מיין בא אײַך, איר פאַרשטייט צי ניין, אין אוניווערזיטעט. ווער איז אַרײַן? ווער איז אַרויס? ווער האָט זיך געשמדט? און ווער האַלט בא שמדן זיך? (מישט מיטן לעפעלע אין גלאָז, זיפצט). איך ווייס נישט, ווי אַזוי איר. איך, אַז איך רייד פון משומדים, און איבערהויפּט פון די, וואָס שמדן זיך צוליבן אוניווערזיטעט, קאָכט זיך אויף אין מיר דאָס גאַנצע בלוט און איך ווער מלא גזלן!

שרה שפּיראָ: (נאָכדעם ווי זי האָט אויסגעטיילט אַלעמען טיי און אײַנגעמאַכטס, זעצט זיך אַוועק אַ ביסל אָן אַ זײַט, צונויפגעלייגט די הענט אַפן האַרצן). וואָס דאַרפסטו זיך אָפּעסן דאָס האַרץ פאַר יעדער זאַך? לאָזן זיי זײַן, דוויד, פאַר דיר די כפּרה!

הורוויטש: (טרינקט טיי). אָ־מן!

גרינסבערג: (צו שפּיראָן). וואָס זײַט איר דאָס עפּעס, פאַני שפּיראָ, אַזוי אויפגעטראָגן אַף זיי? באַרעכנט אײַך נאָר פריִער אַקוראַט, גייט אַרײַן אין זייער לאַגע, און דערנאָך וועט איר זיי באַשולדיקן...

דוויד שפּיראָ: נעבעך! געפעלט אײַך דאָס רחמנות, וואָס מע ליגט דאָ אַף זיי? מענטשן שפּײַט מען אין פּנים אַרײַן, מע טראַכט־צו פון זייערטוועגן זשערעבעס, מיט צרות, מיט שלעק, מיט מכות־מצרים, — וואָלטן זיי, דאַכט מיר, באַדאַרפט אַ שפּײַ טאָן אַפן גאַנצן אוניווערזיטעט מיט אַלעם מיט אַנאַנדער? ניין! גייט מען אַוועק צום כאַם, און מע פאַלט אים צו די פיס, מע קושט אים אין הענטל אַרײַן און מע קויפט זיך אײַן צו אים אין יחוס!

הורוויטש: (צו שפּיראָן). בראַוואָ! איר האָט אַרויסגעריסן

דאָס, וואָס באַ מיר איז געלעגן אַף דער צונג. (נעמט זיך צום לעקעך מיטן שאָקאָלאַד).

דוויד שפּיראָ: וואָס דען? איך בין אַ שפּיראָ, איר פאַרשטייט צי ניין! די שפּיראָס האָבן אין זיך היים בלוט, וואָס גייט זיי בירושה פון די סלאָוויטער! (צו הורוויטשן). איר, פּאַני הורוויטש, ווייסט דאָך יאָ, ווער די סלאָוויטער זײַנען געווען! (מיט היץ). די, וואָס זײַנען געגאַנגען אַף קידוש־השם סקוואַז סטראָי, זיך געלאָזט קנוטעווען — און נישט פאַרלוירן זייער שטאָלץ פאַר די כאַמעס!...

איוואַנאָוו: (רויט פון אויפרעגונג). אַלצדינג פײַן. נאָר צו וואָס אַזעלכע שאַרפע ווערטער, ווי „כאַם"? קיין אַנדער נאָמען האָט איר שוין נישט פאַר... פאַר די קריסטן?

דוויד שפּיראָ: וואָס קאָנט איר דאָ אַזוי נישט לײַדן, אַז איך זאָג „כאַם"?

שרה שפּיראָ: (צום מאַן, אַף ייִדיש). שניאורסאָן איז דען נישט גערעכט? צו וואָס אַזעלכע דבורים, אַז סע זיצט אַן ערל? (ווײַזט מיט די אויגן אַף שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו).

גרינבערג: (צו דוויד שפּיראָן). גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז איר זײַט גערעכט, פּאַני שפּיראָ. וואָס־זשע זאָלן זיי אָבער טאָן, אָט די איבערגעבליבענע פון יענער זײַט טיר?

פּראַטקין: (צו גרינסבערגן). וואָס זאָלן זיי טאָן? ווי שטייט דאָס, אַז זיי דאַרפן דווקא זײַן דאָקטוירים? אָדער אַדוואָקאַטן? אָדער אינזשעניערן?

הורוויטש: (ווישט־אויס די ליפּן, שטעלט זיך אַוועק, רעדט שאַרף). שטיוול זאָלן זיי נייען! וואַסער זאָלן זיי טראָגן! פּריקאַזטשיקעס זאָלן זיי זײַן! אַבי נישט קיין משומדים! (זעצט זיך אַוועק, נעמט זיך צו די ניסלעך).

דוויד שפּיראָ: (צום קוואַרטיראַנט. ווײַזט אַף פּראַטקינען און אַף הורוויטשן). איר הערט ווערטער? לערנט זיך פון זיי, ווי צו זײַן אַ ייִד! אויך יונגעלײַט, און אויך סטודענטן, און שטעלן זיך נישט אײַן, אַזוי ווי איר, פאַר עשון...

איוואַנאָוו: (צו שפּיראָן). פאַר וועמען זאָגט איר?

דוויד שפּיראָ: פאַר עשון. איר ווייסט נישט, ווער עשו איז?... (צום עולם). איך האָב גאָר פאַרגעסן צו דערקלערן, אַז אונדזער ליבער שכן (ווײַזט אַף איוואַנאָוון) פאַרשטייט נעבעך נישט אַ וואָרט ייִדיש. „עשו" איז באַ אים תרגום־לשון... מיינט איר אפשר, אַז ער איז, חלילה, אַן אַבי־ווער? סך־הכל איז ער אַ שניאורסאָן, פון די אמתע שניאורסאָנס, איר פאַרשטייט צי ניין, פון די ליובאַוויטשער...

הורוויטש: (איבערראַשט). און פאַרשטייט נישט קיין ייִדיש? ווי קאָן עס זײַן?! (קנאַקט ניסלעך).

דוויד שפּיראָ: נו, זעט איר דאָך!

בעטי: (פּאַרעוטפּערט דעם קוואַרטיראַנט). אַ מענטש איז אויס־געוואַקסן אין אַ רוסישער שטאָט, צווישן קריסטן, — וואָס איז דער וווּנדער?

דוויד שפּיראַ: אַ תירוץ איז דאָס אפילו אַ שוואַכער! פונדעסטוועגן, הערט איר, פונעם אמת אַוועקגיין קאָן מען נישט. זײַן שבח דאַרף מען אים זאָגן אין די אויגן. איך בין זיכער פאַר אים, ווי פאַר זיך אַליין, אַז אויסבײַטן דאָס רענדל — דאָס פאַר קיין געלט נישט! אַ ייִדישע נשמה, איר פאַרשטייט צי ניין, איז אײַך גאַרנישט אַפּצושאַצן; אַט נעמט למשל, טאַקע אים אַליין, אונדזער ליבן קוואַרטיראַנט מיין איך, זאָל ער מיר הונדערט מאָל מוחל זײַן: וועלכס האַלט אים אָפּ, אַשטייגער, פון צו שמדן זיך? (ציילט אָף די פינגער). אַז קיין טאַטע־מאַמע האָט דאָס נישט. ייִדיש ריידן קאָן דאָס נישט. דאַוונען — נישט אַ לעק. נו, פרעגט זיך אַ קשיא: וועלכער גוטיאַר צווינגט אים, ער זאָל זיך האַלטן אָן זײַן ייִדיש־קייט, און נאָך אַזוי אויסגעריסן ווערן, ווי ער ווערט אויסגעריסן? (ציילט ווידער אָף די פינגער). אין אוניווערזיטעט נישט אַרײַן, כאָטש ער האָט אַ גאָלדענע מעדאַל. קיין פּראַוואָזשיטעלסטווע נישטאָ. אין אוטשאַס־טאָק ווערט ער געשלעפּט, ברוך השם, כמעט אַלע צוויי וואָכן, און האָט פון די גוים — עס מעג זיי אָנגיין כאָטש האַלב!

הורוויטש: (הויך). אָ־מן! (קוקט ניסלעך).

איוואַנאָוו: (אין דער צײַט, וואָס דוויד שפּיראַ רעדט, קוקט ער זיך איבער עטלעכע מאָל מיט זײַן חבר שניאורסאָן. ביידע שמייכלען. צום עולם). מאָלט אײַך, ס׳איז נישט אַזוי שרעקלעך, ווי דער הער שפּיראָ וועט אײַך דערציילן. נאָר לאָז שוין זײַן אפילו אַזוי — איז וואָס? דאָס אַליין, וואָס איך האָב עס נישט געטאָן, גיט מיר נאָך נישט קיין רעכט, איך זאָל וואַרפן אַ שטיין אין דעם, וואָס מוז דאָס טאָן...

גרינסבערג: (צו שניאורסאָנען). בראַוואָ, שניאורסאָן, בראַוואָ!

דוויד שפּיראַ: (צו גרינסבערגן, אויפגעבראַכט). וואָס בראַוואָ? ווער בראַוואָ? אָף אײַך, פּאַני גינצבורג, איז מיר גלאַט אַ חי־דוש, איר זאָלט זיך אָננעמען די דאָזיקע זײַט! איר זײַט דאָך עפּעס אַ גינצבורג, און קומט אַרויס אוודאי פון די אמתע גינצבורגס...

גרינסבערג: (צו דוויד שפּיראָן). וואָסער גינצבורג? מײַן נאָ־מען איז גאָר גרינסבערג, נישט גינצבורג... (צום איבעריקן עולם). אוודאי איז שניאורסאָן גערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז מיר טאָרן נישט וואַרפן קיין שטיין אין די, וואָס מוזן דאָס טאָן. און אַז זיי מוזן דאָס טאָן — דאָס איז דאָך, דאַכט מיר, קלאָר פאַר אַלעמען! גייט נאָר אַרײַן אין זייער לאַגע, אין דער לאַגע פון יונגע מענטשן, פאַר וועמען עס עפנט זיך אַ גרויסע, אַ פרײַע, אַ ליכטיקע וועלט, — זאָלן זיי זיך אָפּשטעלן צוליב אַ נאַריש־קייט?...

בעטי: (אָנגעצונדן). צוליב אַ נאַרישקייט זאָגט איר? מפקיר זײַן

דאָס אייגענע פֿאָלק צוליב אַ קאַריערע — הייסט באַ אײַך אַ נאַרישקייט? פֿאַרלייקענען אַלצדינג, וואָס אַ מענטשן איז נאָענט און טײַער: אַ טאַטע־מאַמע, אַ זײַן אָפּשטאַם, אַ זײַן אַלט פֿאָלק — הייסט באַ אײַך אַ נאַרישקייט? (מיט הייסער פֿאַראַכטונג). איך פֿאַרשטיי גלאַט נישט, ווי קאָן עס אַ מענטש, וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך כאָטש אַ טראָפּן ערנגעפֿיל, אַריבערלויפֿן באַ הײַנטיקע צײַטן פֿון די שוואַכע צו די שטאַרקע, פֿון די געיאָגטע צו די יעגערס, פֿון די געפּײַניקטע צו די פּײַניקער? אַ מענטש, וואָס טוט־אָפּ אַזאַ מיאוסע זאַך צוליב זײַנע אייגענע קליינינטשקע אינטערעסן, איז נישט מער ווי אַ טרוס, אַ רענעגאַט, אַ פֿאַררעטער!...

הורוויטש: (אַפּלאָדירט דער ערשטער). בראַוואָ!

אלע: (אַפּלאָדירן, אויסער דער פֿאַרשעמטער גרינסבערג און איוואַנאָוו; די מיידלעך אַפּלאָדירן אויך). בראַוואָ! בראַוואָ!

בעטי: (אַ צעהיצטע, אַ פֿאַרוויטלטע, פֿאַרנייגט זיך אין אַ שפּאַס). מערסי!

דויד שפּירא: (שטייט־אויף, קושט די טאָכטער אין שטערן, צום עולם, מיט גדלות). אָט אַזוי רעדט אַ מיידל, וואָס קומט אַרויס פֿון די אמתע שפּיראָס, פֿון די סלאַוויטער, איר פֿאַרשטייט צי ניין!...

שרה שפּירא: (ווערט שיר צעגאַנגען פֿאַר תענוג. רעדט שטיל). מיר פֿאַר איר קאָפּ!

איוואַנאָוו: (צו בעטין). בערטאַ דאַווידאָוונאַ, אַנטשולדיקט. און ווי איז, צום בײַשפּיל, אַז איינער בײַט־איבער זײַן גלויבן נישט צוליב אַזאַ אינטערעס, ווי אַרײַן אין אוניווערזיטעט, נאָר צוליב אַן אַנדער זאַך. וועלן מיר זאָגן, צום בײַשפּיל, אַ קריסט האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ ייִדיש מיידל... (טרעפֿט זיך נישט ווילנדיק מיט שניאורסאָנס אויגן, קערט זיך אָפּ פֿון אים). נו־יאָ. עס קאָן זיך דאָך טרעפֿן אַזעלכס...

הורוויטש: ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפֿן, ווי עס טרעפֿט זיך! (שיילט אַ מאַראַנץ).

איוואַנאָוו: אַלזאָ, איז ער פֿאַרליבט, זאָג איך, אינעם מיידל, און דאָס מיידל האָט זיך פֿאַרליבט אין אים און גייט־איבער אין זײַן גלויבן, — נו, ווי איז דעמאָלט?

בעטי: (שאַרף און גאָרנישט לאַנג געטראַכט). איז זי אַ פֿאַררעטערן!

אלע: (אויסער גרינסבערג). בראַוואָ! בראַוואָ!

דויד שפּירא: (שטייט ווידער אויף, טריומפֿירנד). וואָס זשע? מיט אַ שפּיראָ וויל ער זיך אויסטענהן, כאַ־כאַ!

שניאורסאָן: (הייבט זיך פּלוצעם אויף). אַנטשולדיקט, מײַנע הערן. איך, אַלס קריסט, האָב די גאַנצע צײַט זיך נישט אַרײַנגעמישט אין אײַער געשפּרעך, ווײַל דאָ איז גערעדט געוואָרן וועגן אַ זאַך, וואָס איז מיר, אייגנטלעך, פֿרעמד. איצט וויל איך מיר דערלויבן נאָר איין באַמערקונג. בערטאַ דאַווידאָוונאַ האַלט זיך פֿעסט, אַז אַ ייִדיש מיידל, וואָס

טוט אַף אַזאַ זאַך, ווײַל זי איז פאַרליבט אין אַ קריסט, איז אַ פאַררעטערן. ווייל איך צוגעבן, אַז אויסער דעם, איז דאָס גלאַט נישט נאַטירלעך און נישט פּראַקטיש אויך, וואָרעם... (קוקט אַפן חבר, אינטאָנירט די ווערטער). בלוט בלײַבט בלוט! דאָס, וואָס איז אײַנגעזויגן געוואָרן מיט דער מוטערס מילך, קאָן נישט אָפּגעווישט אָדער אויסגעוועבט ווערן! און זײַט זיכער, אַז באַ דער ערשטער געלעגנהײַט, באַ דעם ערשטן צעקריגן זיך, וועט איר דער שטאַרק־פאַרליבטער קריסט (קוקט אַפן חבר אינקוויזיטאָריש) דערמאָנען איר אָפּשטאַם...

הורוויטש: און וועט זיך נישט פוילן מכבד זײַן זי מיטן שיינעם נאָמען „זשידאָווקאַ". (עסט דעם מאַראַנץ).

איוואַנאָוו: (אויפגעבראַכט, אַלערליי קאָלירן). דאָס קאָן נאָר געמאָלט זײַן אָדער גאָר באַ אַ גרויסן מערזאַוועץ, אָדער גאָר באַ אַ גרויסן שכור!...

הורוויטש: וואָס באַם ניכטערן אַף דער לונג, איז באַם שכורן אַף דער צונג...

דוויד שפּיראָ: ס'איז דיר אַן אַנטיק מיט די צוויי! (ווײַזט אַפן קוואַרטיראַנט און אַף זײַן חבר). אַט האָט איר אַ גוי, אַ דרײַ־גאָרנדיקן איוואַן, איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו, איז ער פאַר יידן, ווי איר זעט, שטאָל און אײַזן; און דער ייד שניאורסאָן, פון די אמתע, פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס — אַקוראַט פאַרקערט! אַן אָפּגעטאָנענע זאַך! אַ כשוף!...

הורוויטש: (ווישט די הענט). משיחס צײַטן! (אַלע באַטראַכטן, קוקן זיך אײַן אין די צוויי חברים. ביידע, שניאורסאָן און איוואַנאָוו, פילן זיך שטאַרק מטושטש. — עס הערט זיך אַ שאַרפער קלונג. סיאָמקע כאַפּט זיך אויף, לאָזט זיך לויפן, פאַרטשעפּעט זיך באַ אַ שטול און פאַלט).

הורוויטש: אַט האָב איך אײַך געבראַכט. און אָט ליגט עס! (עס ווערט אַ געלעכטער).

שרה שפּיראָ: (אויפגעכאַפּט, אַ פלעסק מיט די הענט, צו סיאָמקען). אַ גוטן זעץ געטאָן? זייער רעכט! אַ מצווה! פלי נישט, ווי אַ משוגן קעלבל!(לאָזט זיך צו סיאָמקען).

דוויד שפּיראָ: (לאָזט זיך אויך צו סיאָמקען). חלילה נישט אויסגעלונקען אַ פוס? (צום ווײַב). וואָס יאָגסטו אַרום דאָס קינד אַ גאַנצן אויפדערנאַכט, טאָ הין, טאָ הער?

שרה שפּיראָ: ווער יאָגט אים? ער יאָגט זיך אַליין! דער־הערט ער אַ קלונג, לויפט ער הענדום־פּענדום! (הייבט־אויף סיאָמקען פון דער ערד). נישט אַ זעץ געטאָן זיך אין ערגעץ?

סיאָמקע: (אויפגעשטאַנען, פאַרשעמט). גאָרנישט, גאָרנישט.

הורוויטש: איך האָב געוווּסט פריער, אַז גאָרנישט.

שרה שפּירא: דאַנקען גאָט, וואָס גאָרנישט. (סיאָמקע לאָזט זיך צו דער טיר שוין נישט אַזוי ראַשיק, הינקט־צו אַ ביסל).

הורוויטש: (צו שׂרהן). אַ געראָטענער בחור׳ל באַ אײַך.

שרה שפּירא: מיר זאָל זײַן פאַר אים!

דוד שפּירא: (גייט צוריק אָף זײַן אָרט). נאָר־וואָס האָט זי געזאָגט: אַ מצווה, זייער רעכט" — און איצט איז שוין „מיר זאָל זײַן"! עך, ווײַבער, ווײַבער! נישט אומזיסט פאַרגלײַכן זיי אונדזערע חכמים צו „קאקי חיורא" — צו ווײַסע גענדז...

סיאָמקע: (אַרײַנגעקומען צוריק אַ פאַרסאַפּעטער, ווי אַלע מאָל. הינקט שוין נישט). נאָך אַ גאַסט — קעצעלע! (זעצט זיך אַוועק צוריק אָף זײַן אָרט).

דוד שפּירא: (פאַרקרימט זיך, קראַצט זיך אין קאָפּ, טטאַרק אומצופרידן). קעצעלע? ויבוא המן — מאַכט רש"י: דער רוח האָט אים געבראַכט צו טראָגן!...

שרה שפּירא: וואָס האָסטו צום ייִדן? וואָס ער איז אַ קבצן?

דוד שפּירא: אַ קבצן בין איך דיר מוחל. ער איז אַ שלים־מזל. (צו די געסט). איר האָט נאָך אָף אײַער לעבן אַזאַ שלים־מזל נישט געזען. און נישט גענוג ער איז אַ שלים־מזל, זעט ער אַלצדינג אַרום זיך נאָך מער שלים־מזלדיק, ווי סע איז! (עס קומט אַרײַן קעצעלע פון פאָדערצימער אַן אויסגעטאָענער. אָף אים איז אַ שבתדיקע קאַפּאָטע, אַ ווײַס העמד, נאָר דאָס פּנים אויסגעשמירט אין טינט און די הענט אײַנגעטונקען אין טינט. דוויד שפּיראָ ווענדט זיך צו אים גאַסטפרײַנטלעך). ברוך הבא אַ ייִד! אַן אָנגעלייגטער גאַסט! (שטעלט אים פאָר פאַר די געסט). דאָס איז הער קאַץ, אונדזערער אַ שכן און אַ בערזיאַנער, איר פאַרשטייט צי ניין, דרייט זיך באַ דער בערזע הייסט עס, און איז נישט שווה בשווה מיט דער פאַליציע... (קעצעלע פאַרנייגט זיך צום עולם, שמייכלט). געווען אַמאָל אונדזערער גאָר אַ נאָענטער שכן, געוווינט אָט דאָ טאַקע, אונטער אונדז, נישט הײַנט געדאַכט... איך זאָג: „נישט הײַנט געדאַכט", ווײַל אַלע מאָל פלעגט צוליב אים באַ אונדז זײַן אַבלאַוועס... (צו קעצעלען). זיצט, פאַני קאַץ, פאַר וואָס זיצט איר נישט?

שרה שפּירא: (טראָגט אים צו אַ שטול). זיצט, פאַר וואָס זיצט איר נישט?

קעצעלע: אַ דאַנק, איך קאָן באַשטיין. (זעצט זיך, באַטראַכט די געסט, וואָס ריידן דערווײַל צווישן זיך שטילערהייט).

דוד שפּירא: וואָס־זשע הערט זיך עפּעס, פאַני קאַץ? ווי גייט עס מיט אײַער פראַוואָזשיטעלסטווע? (ווײַזט אים אָפּן טיי, וואָס שׂרה האָט אים אונטערגעטראָגן). טרינקט אַ גלעזל טיי. פאַר וואָס טרינקט איר נישט?

שרה שפּירא: טרינקט, פאַר וואָס טרינקט איר נישט? (רוקט אים צו דעם צוקער).

קעצעלע: אַ דאַנק, כ'האָב שוין געטרונקען. (נעמט זיך צום טיי טרינקען מיט גרויס חשק, דרייט מיטן לעפעלע. צום בעל־הבית). וועגן מײַן פּראַוואָזשיטעלסטווע ווילט איר וויסן? איך האָב שוין אַ נײַע האָב איך, איך בין שוין הײַנט אַ טינטנמאַכער בין איך, איך מאַך טינט מאַך איך. (ווײַזט די הענט, וואָס זײַנען אײַנגעטונקען אין טינט. דער גאַנצער עולם באַטראַכט זײַנע אויסגעשמירטע הענט).

הורוויטש: נו, און איר פאַרקויפט טינט מסתמא, אַזוי ווי איך בין אַ זייגערמאַכער און לערן „רוס" מיט ייִדישע קינדער?

קעצעלע: וואָס דען? צוליב דער פּראַוואָזשיטעלסטווע רעכן איך זיך פאַר אַ טינטנמאַכער רעכן איך זיך, און צוליב דער פּאָליציע מוז איך שטענדיק זײַן אויסגעשמירט אין טינט מוז איך זײַן.

דוויד שפּירא: (צו שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַ־נאָוו). זעט איר? אײַער פּאָליציע! אײַערע פּראַוועס! איז דער אַ טינטנמאַ־כער און האַנדלט אַף דער בערזע, און יענער (ווײַזט אַף הורוויטשן) איז אַ זייגערמאַכער און רעפּעטירט קינדער אין גימנאַזיע! שווער צו זײַן אַ ייִד, האַ? (צו קעצעלען). נו, און וואָס הערט זיך עפּעס גלאַט אַזוי אין שטאָט?

קעצעלע: אין שטאָט וואָס הערט זיך? עס הערט זיך נישט גוט הערט זיך עס! ס'איז חושך אין שטאָט, חושך ואפלה!

דוויד שפּירא: דהיינו? נעמט אַ ביסל אײַנגעמאַכטס, פאַר וואָס נעמט איר נישט?

שרה שפּירא: אײַנגעמאַכטס פאַר וואָס נעמט איר נישט? (רוקט אים צו אײַנגעמאַכטס).

קעצעלע: אַ דאַנק, כ'האָב שוין גענומען. (נעמט זיך צום אײַנגעמאַכטס). „דהיינו" פרעגט איר? איך רייד פונעם אומגליק רייד איך, פונעם געקוילעטן שייגעצל, וואָס מע האָט געפונען. זיי ווילן אונדז מאַכן אַ פּאָגראָם ווילן זיי. (באַם וואָרט „פּאָגראָם" שטעלט יונגוואַרג אויף מויל און אויערן, הערן זיך אײַן). און אַ פּאָגראָם וועט שוין זיכער זײַן אַ פּאָגראָם.

הורוויטש: שוין לאַנג שטיל געווען!...

שרה שפּירא: (צו קעצעלען). בײַסט אײַך אָפּ די צונג! למאי זאָלט איר אויסלייגן?

קעצעלע: איך לייג נישט אויס. איך הער נאָר, וואָס מע רעדט הער איך. זיי ווילן, די דיעלאָ זאָל זײַן פּסח זאָל זי זײַן, בכדי מע זאָל קאָנען מאַכן דעם פּאָגראָם אַף פּסח אַקוראַט.

דוויד שפּירא: אַקוראַט פּסח? און איר ווייסט דאָס אַלצדינג?

קעצעלע: געווים ווייס איך! למאי איך ווייס, אַז זיי ווילן צו־ציִען צו דער דיעלאָ נאָך מענטשן ווילן זיי, עפּעס איינעם אַ שניאורסאָן?

שניאורסאָן: (וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו). איינעם אַ שניאורסאָן?

דוויד שפּיראָ: (צו קעצעלען). וואָס פאַר אַ שניאורסאָן, אייגנטלעך, וויל מען דאָס צוציען?

קעצעלע: די שניאורסאָנס קומען־אַרויס, פאַרשטייט איר מיך, פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס קומען זיי אַרויס.

דוויד שפּיראָ: פון וואַנען די שניאורסאָנס קומען־אַרויס — דאָס ווייסן מיר אָן אײַך. איך פרעג וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַהער, צו דער דיעלאָ, יענער שניאורסאָן?

קעצעלע: וואָס פאַר אַ שײַכות — ווייס איך נישט. נאָר איך ווייס, אַז מע וויל צוציִען אַ שניאורסאָן וויל מען. עס פעלט זיי, פאַרשטייט איר מיך, צום רומל אַ צדיק פעלט זיי, ווײַל דער צדיק, זאָגן זיי, נעמט צונויף דאָס בלוט פון אַלע געקוילעטע גוייִשע קינדער און צעטיילט דאָס די ייִדן פון דער גאַנצער וועלט אַף פּסח צעטיילט ער עס, און אַזוי ווי די שניאורסאָנס קומען־אַרויס פון די צדיקים, דעריבער זוכן זיי אַ שניאורסאָן זוכן זיי. האָט איר עס צעקײַט? (דאָס גאַנצע יונגוואַרג, און אַפילו סיאָמקע בתוכם, הערט זיך אײַן מיט גרויס שפּאַנונג אין קעצעלעס גע־שפּרעך. אַף זייערע געזיכטער זעט זיך אַרויס אַ געפיל פון עקל. שרה שפּיראָ שפּײַט־אויס אַף אַ זײַט. קיינער קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסריידן. נאָר איין איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן, כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ וואָרט).

איוואַנאָוו: (צו קעצעלען). וואָס־זשע גראַד שניאורסאָן? נישטאָ דען מער בײַ אײַך, איך מיין בײַ אונדז, קיין אַנדערע „צאַדיקעס"?

הורוויטש: (אַף איוואַנאָוון). אָט דער ייִד רעדט לשון־קודש, ווי אַן עכטער פּאָני: „צאַדיקעס"!

דוויד שפּיראָ: (צום עולם). אונדזער קוואַרטיראַנט וועט אײַך אַביסל אַרויסבאַווײַזן זײַן לומדות! פרעגט אים בחרם, וואָס איז דאָס אַזעלכס „צאַדיקעס"! (ווײַזט אַפן קוואַרטיראַנט, וועלכער איז געבליבן אַ ביסל פאַרשעמט). אָט האָט איר אײַך אַ שניאורסאָן! (דער גאַנצער עולם לאַכט. נאָר איין קעצעלע שטוינט, קוקט זיך אײַן אין איוואַנאָוון, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן, מיט אַלע אויגן).

קעצעלע: (צו שפּיראָן). אָט דער איז דען אַ שניאורסאָן אָט דער?

דוויד שפּיראָ: נו־יאָ, אַ שניאורסאָן. איר זײַט ערשט גע־וווּיר געוואָרן?

קעצעלע: טאַקע אַן אמתער שניאורסאָן?

דוויד שפּיראָ: פון די אמתע, פון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס.

קעצעלע: (זופּט־אויס דאָס לעצטע ביסל טיי און ווישט־אויס דאָס פאַרוואָקסענע פּנים). אויב אַזוי, בין איך אים נישט מקנא בין איך אים!

דוויד שפּירא: יאָ־נו! (באַווייזט אַפן קוואַרטיראַנט). וואָס זאָגט איר אַף דעם צדיק שניאורסאָן?

הורוויטש: פון די למד־וואו צדיקים, וואָס אַף זיי שטייט די וועלט! (דער עולם לאַכט, און דער קוואַרטיראַנט איוואַנאָוו אויך בתוכם).

שרה שפּירא: (שטייט־אויף). דוויד! טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג צדיקים מיט שניאורסאָנס, האָסטו געהערט אַ ביסל! דו וואָלסט זיך בעסער מטריח געווען אין קעלער אַריין אויסזוכן דעם וויין, וואָס דו האָסט צוגעגרייט צו דער טאָכטערס אימענינעס, און איך וועל דערווייל גרייטן צום טיש, — דער עולם קער שוין אוודאי וועלן עפּעס נעמען אין מויל אַריין!

דוויד שפּירא: (כאַפּט זיך אויף). אָך! באַ מיר האָסטו געפּועלט! קיין טאַנץ, זאָגט מען, גייט נישט פאַרן עסן. זייער פיין! דו גרייט צום טיש, און איך וועל זיך אַראָפּלאָזן אין קעלער אַריין נאָך דעם ביסל משקה — אָן דעם איז אַ שמחה קיין שמחה נישט. „ויין ישמח“ — שטייט באַ אונדז געשריבן. (צו קעצעלען). זייט־זשע מוחל, פּאַני קאַץ, מיט מיר אין קעלער אַריין, איך וועל אייך מכבד זיין מיטן לעמפּל, דאָס הייסט, איר וועט מיר צולייכטן, און איך וועל זוכן. עס דאַרף דאָרט זיין אַ פּאָר פלעשלעך וויין, פאַרבליבן נאָך פון פאַראיאָרן פּסח, צוליב די אי־מעניעס. אָבער וויין! שוין איין מאָל וויין! מן האָדום האָדום הזה... (גייט־אָפּ מיט קעצעלען דורך דער קיך־טיר אין קעלער אַריין. אַלע שטייען־אויף).

שרה שפּירא: (צו דער טאָכטער, רוימענדיק פונעם טיש). בעטיטשקע? טאָמער וואָלסטו אַריינרופן די געסט צו זיך אַף אַ ווײַלע, ביז איך וועל דאָ צונעמען פון טיש און צוגרייטן אַלץ, וואָס מע דאַרף? ס'איז מעגלעך?

בעטי: (צו דער מוטער). פאַר וואָס נישט מעגלעך? (צו די געסט, מיט שפּאַסעדיקער פײַערלעכקייט). איך האָב די ערע אײַנצולאַדן מײַנע הויכגעשעצטע געסט צו זיך, אין מײַנע אַפּאַרטאַמענטן! (מאַכט אַ באַוועגונג פון אַ פּרינצעסן. — פאָרלעכווײַז, ריידנדיק צווישן זיך, גייט יונגוואַרג אָפּ מיט בעטין דורך דער זײַטיקער טיר. סיאָמקע מאַכט פּאַר זיי אַ וואָרע, פאַרנייגט זיך פאַר יעדן פּאָרל הומאָריסטיש, דערנאָך גייט ער צו צו דער מוטער).

סיאָמקע: זאָל איך דיר אפשר העלפן, מאַמע?

שרה שפּירא: (אָפּגערוימט פונעם טיש, לייגט אַ ווײַס טיש־טעך, און אַפן טישטעך — צוריק דאָס געשיר). וועסטו, חלילה, נישט אָנטאָן קיין שאָדן? שטעל בעסער צונויף די שטולן אַרום טיש. (סיאָמקע נעמט זיך צו דער אַרבעט זייער פלייסיק). אָט אַזוי, האָב איך דיך ליב!

אַט אַזוי, ביסטו אַ ווייל ייִנגעלע! אַצינד קום מיט מיר, מײַן קינד, אין קיך אַרײַן. וועסט מיר העלפֿן דאָרט איבערווישן דאָס געפֿעס. האָסט דאָך ליב העלפֿן דער מאַמע — זי איז איין מענטש אַליין... (גייט־אָפּ אין קיך. סיאָמקע, מיט גרויס צופֿרידנקייט — נאָך איר; גייענדיק הינטער דער מוטערס פּלייצע, כאַפּט ער אַ טענצל, —אַ האַלבע מינוט בלײַבט די סצענע ליידיק. עס קומט־אַרויס פֿון איר צימער בעטי, נאָך איר — איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. בעטי זעצט זיך אַוועק־אָף דער קאַנאַפּע, וואָס נעבן דער ראַמפּע. איוואַנאָוו — נעבן איר).

איוואַנאָוו: בערטאַ דאַווידאָוונאַ! איר האָט מיר געוואָלט עפּעס זאָגן?

בעטי: (מינעט זיך, קווינקלט זיך, דערנאָך אַנטשליסט זי זיך). איך האָב צו אײַך אַ ביטע...

איוואַנאָוו: (דערפֿרייט). איר? צו מיר? אַ ביטע?...

בעטי: אַ גרויסע ביטע! נאָר גיט מיר אײַער האַנט, אַז איר וועט זיך נישט געפֿינען באַליידיקט.

איוואַנאָוו: (דערשראָקן). פֿון אײַך באַליידיקט? (גיט איר די האַנט). אַט האָט איר מײַן ערן־וואָרט!

בעטי: (קווענקלט זיך נאָך). איך האָב אײַך געוואָלט בעטן... אַז אַט דאָס אָ... (ווײַזט אים אָפּן בראַסלעטל). זאָלט איר בײַ מיר נעמען צוריק... (זי טוט אויס דאָס בראַסלעטל). איך וויל... איך דאַרף... איך מוז עס אײַך אָפּגעבן צוריק...

איוואַנאָוו: (העכסט איבערראַשט). פֿאַר וואָס צוריק? איר ווילט נישט מײַן פּרעזענט? אָדער איך האָב אײַך דערמיט באַליידיקט?...

בעטי: זאָל גאָט היטן! פֿאַרקערט! איך דאַנק אײַך זייער! און דער פּרעזענט אײַערער איז בײַ מיר זייער־זייער אָנגעלייגט!... איר ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט, אַז ס׳האָט מיך גערירט... אײַער פּרעזענט איז בײַ מיר טײַער...

איוואַנאָוו: נאָר וואָס דען?

בעטי: נאָר... ס׳איז מיר נישט אָנגענעם פֿאַר... פֿאַר... נו, פֿאַר מײַנע עלטערן.. (מיט אַ געבעט־פּנים). איך בעט אײַך, הער שניאורסאָן, איך בעט אײַך, נעמט עס צו, באַהאַלט עס אָף אָן אַנדערש מאָל... אפשר אָף שפּעטער... (גיט אים אין האַנט אַרײַן דאָס בראַסלעטל).

איוואַנאָוו: (נעמט עס מאַשינאַל, האַלט איר האַנט פֿעסט). אָף ווען — אָף שפּעטער?

בעטי: (וויל אַוועקנעמען איר האַנט). אָף נאָכדעם, נאָך אַלע עקזאַמענעס... איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז איצט ווייס איך נישט... (רײַסט זיך). לאָזט מיך, הער שניאורסאָן! איצט לאָזט מיך אָפּ! דאָרט זיצן מײַנע חברטעס... ס׳איז נישט שיין...

איוואַנאָוו: (לאָזט נישט אַרויס איר האַנט). ניין! בערטאַ דאַווידאָוונאַ, דאָס וועט זײַן צו־שפּעט פֿאַר מיר... צו־לאַנג צו וואַרטן!

איך קאָן נישט וואַרטן מער... איך האָב נאָך הײַנט געקליבן זיך... הײַנט איז אַ געלעגנהייט, אײַערע אימעניִנעס, האָב איך געוואָלט ריידן מיט אײַערע עלטערן...

ב ע ט י : (כאַפּט זיך אויף, איר האַנט איז נאָך אַלץ אין זײַנע הענט). זאָל אײַך גאָט היטן! הײַנט נישט! פאַר קיין פאַל נישט!... איר הערט? פאַר קיין פאַל נישט!

א י וו אַ נ אָ וו : (לאָזט נישט אָפּ איר האַנט). ווען דען? בערטאַ דאַווידאָוונאַ, ווען דען? זאָגט מיר, גיט מיר האָפענונג!...

ב ע ט י : איך ווייס נישט...איך ווייס אַליין נישט... איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז שפּעטער, נאָכן עקזאַמען, נאָך אַלע עקזאַמענעס... (רײַסט זיך). לאָזט מיך אָפּ — עס קאָן אָנקומען עמעצער...

א י וו אַ נ אָ וו : געדענקט־זשע — איך האָב אײַער וואָרט.

(דריקט איר די האַנט, לאָזט זי אָפּ. זי לויפט אַוועק, ווערט פאַרשוווּנדן. — איוואַנאָוו שטייט־אויף, ווישט זיך דעם שווייס, שפּאַנט אַ פּאָר מאָל הין און צוריק פאַרטראַכט, שטעלט זיך אָפּ. אין דעם קומט־אַן פון דער זעלבער טיר, ווו בעטי איז נאָר־וואָס פאַרשווונדן געוואָרן, שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, זעט, ווי דער חבר שטייט פאַרטראַכט, לייגט־אַרויף פון הינטן די האַנט אויף זײַן חברס פּלייצע. יענער קערט זיך אום האַלב צו אים מיטן פּנים).

ש נ י א ו ר ס אָ ן : וואָס איז מיט דיר, וואַניאַ? וואָס שטייסטו אַזוי פאַרטראַכט? שווער צו זײַן אַ ייִד?...

א י וו אַ נ אָ וו : פּוסטיאַקי!

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (פאַרקוקט אים אין די אויגן). האָסט נאָך נישט קיין חרטה?

א י וו אַ נ אָ וו : חרטה?...

ש נ י א ו ר ס אָ ן : איך מוז דיר מאַכן אַ באַמערקונג, וואַניאַ, אַז דו ביסט נאָך נישט פאָלקאָם שטאַרק אין דײַן ייִדישער ראָל... הײַנט, צום בײַשפּיל, האָסטו געשפּילט זייער שלעכט. האָסט זיך געהאַלטן, ווי אַ קאַליקע! עטלעכע מאָל שיִער־שיִער נישט אַרויסגעגעבן זיך. שלעכט גע־שפּילט, אָט־וואַראַ־טי־טעל־נאַ! (נעמט אַרויס אַ פּאַפּיראָס, גיט איוואַנאָוון אויך אַ פּאַפּיראָס). מיט איינעם וואָרט, ס'איז דיר הײַנט נישט געגאַנגען זײַ זיך מודה.

א י וו אַ נ אָ וו : (נעמט בײַ אים דעם פּאַפּיראָס). יאָ, טשאָרט וואָזמי! הײַנט איז מיר נישט געגאַנגען.

ש נ י א ו ר ס אָ ן : וואָס איז די מעשה? אפשר איבער דעם, וואָס בערטאַ דאַווידאָוונאַ איז הײַנט אַן אימעניניצאַ? (פאַרקוקט אים אין די אויגן).

א י וו אַ נ אָ וו : (קוקט אים אָן). וואָס געהער זיך אָן אהער בערטאַ דאַווידאָוונאַ?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : אָ! זי געהער זיך שטאַרק אָן אהער! דו מיינסט, אַפּנים, אַז איך ווייס נישט, וואָס דאָ קומט־פאָר?

איוואנאוו: (קוקט אים אָן שאַרף). וואָס ווייסטו? וואָס קומט־פאַר?

שניאורסאָן: איך ווייס שוין אַלצדינג!... זעץ דיך קאָרשט אַט דאָ. (זעצט זיך אַוועק אַף דער קאַנאַפּע. שניאורסאָן פאַררייכערט, גיט דעם חבר פאַררייכערן). הער, איך וויל דיך עפּעס פרעגן אַ זאַך. נאָר איך וועל דיך בעטן, זאָלסט מיר ענטפערן אויפריכטיק און זאָגן דעם גאַנצן אמת.

איוואנאָוו: וואָס פאַר פאַררעדעס? (ביידע זײַנען אומרויִק).

שניאורסאָן: זאָג מיר נאָר, וואַניאַ, ווי קומט צו בערטאַ דאַווידאָווגאַ אַט דאָס בראַסלעטל מיט בריליאַנטן? די שפּיראָס פאַרמאָגן קוים אַף דירה־געלט — נישט אַף בריליאַנטן.

איוואנאָוו: צו וואָס פרעגסטו דאָס? און וואָס גייט עס אָן דיך?

שניאורסאָן: עס גייט מיך אָן דערפאַר, ווײַל... ווײַל איך וועל נישט דערלאָזן, ס'זאָל גיין אַזוי ווײַט...

איוואנאָוו: (איבערראַשט). דו וועסט נישט דערלאָזן?

שניאורסאָן: (פעסט). יאָ, איך! איך קאָן עס נישט דער־לאָזן!... (שטיל, נאָר מיט פײַער). דערוויף האָבן מיר דען זיך געביטן מיט די נעמען, פאַרפירט דעם דאָזיקן נאַרישן מאַסקאַראַד, דאָס דאָזיקע יונגלשע שפּיל אין ייִד און קריסט, בכדי דו זאָלסט פאַרפירן אַ ייִדיש מיידל?...

איוואנאָוו: (שפּרינגט־אויף פון אָרט). זײַ פאַרזיכטיק, הערשקאָ!...

שניאורסאָן: (אויך אויפגעשטאַנען). און דו זײַ נאָר נישט משוגע, וואַניושקאָ!... (נעמט אים פאַר אַ האַנט). למאי זאָלן מיר זיך היצן?

איוואנאָוו: דאָס היצסטו זיך, נישט איך.

שניאורסאָן: לאָמיר בעסער שמועסן געלאַסן. (זעצן זיך צוריק). איך ווייס, אַז דו ביסט נישט פעיִק צו טאָן אַ געמיינהייט... זאָג מיר אַף דײַן ערן־וואָרט: דו מיינסט דאָס טאַקע ערנסט?

איוואנאָוו: ערנסטער קאָן שוין גאָרנישט זײַן!

שניאורסאָן: נו, און דאָס, וואָס זי איז אַ ייִדיש קינד, און דו ביסט, ווי שפּיראָ האָט זיך אויסגעדריקט, אַ דרײַגאָרנדיקער איוואַן?

איוואנאָוו: דאָס איז אַ טשעפּוכאַ!

שניאורסאָן: און דאָס, וואָס בערטאַ דאַווידאָווגאַ האָט דאָ ערשט מיט אַזאַ פײַער אַרויסגעזאָגט איר מיינונג וועגן שמד און וועגן רענעגאַטן — דאָס איז בײַ דיר אויך אַ טשעפּוכאַ? וואָס וועסטו זאָגן דערויף?

איוואנאָוו: אויב עס וועט נאָר גיין אין דעם, וועלן מיר זוכן אַן אַנדער אויסוועג...

ש נ י א ו ר ס אָ ן : אָן אַנדער אויסוועג? צום בײַשפּיל, וואָס פאַר אַן אויסוועג? אפשר מיינסטו שוין פאַרבלײַבן אַף שטענדיק אין דײַן איצטיקער ראָל און שפּילן די קאָמעדיע פון אַ ייִדן אַף ווײַטער? אַף שטענדיק?

א י וו אַ נ אָ וו : עס קאָן זייער זײַן...

ש נ י א ו ר ס אָ ן : איך שטעל מיר פאָר!... ווי אַזוי רעכנסטו דאָס צו טאָן, וואָלט איך אַ בעלן געווען צו וויסן?...

א י וו אַ נ אָ וו : דאָס געהער זיך שוין נישט אָן מיט דיר! פאַרלאָז זיך שוין אַף מיר.

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (ווערט שוין גאָר אויפגערעגט). אַף דיר זיך פאַרלאָזן? ניין! דאָס וועט נישט זײַן! זאָלסט נישט מיינען, וואַניאַ, אַז דאָס איז דיר אַ שפּילעכל! דאָ גייט אין דער ערע פון אַן אומשולדיק קינד, וואָס איז לײַכט צו פאַרפירן, איבעררעדן! איך זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז איך וועל נישט דערלאָזן. איך וועל צעשלאָגן אַלע דײַנע פּלענער! (ביידע ווערן זייער אויפגערעגט).

א י וו אַ נ אָ וו : דו מיינסט דאָס ערנסט?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : ערנסטער קאָן שוין גאָרנישט זײַן!

א י וו אַ נ אָ וו : וועסט אפשר מיך אַרויסגעבן פאַר ענדע מײַ, נאָך איידער דאָס יאָר איז איבערגעלאָפן?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : אַז ס'וועט נייטיק זײַן, וועל איך טאָן אַלצדינג...

א י וו אַ נ אָ וו : וועסט זײַן, הייסט עס, אַ פאַררעטער?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : רוף עס אָן, ווי דו ווילסט.

א י וו אַ נ אָ וו : (מיט גיפט). וויבאַלד אַזוי, ביסטו דאָך טאַקע אַ...

ש נ י א ו ר ס אָ ן : אַ וואָס?.. אַ וואָס בין איך? — נו, זאָג שוין, זאָג שוין אָפּ דעם גאַנצן פּסוק!...

א י וו אַ נ אָ וו : (כאַפּט זיך אויף אין העכסטער אויפרעגונג, שרײַט אַף אַ קול, דראָעט מיטן קולאַק). ברענג מיך נישט אַרויס, הערשקאָ!... (פאַרכאַפּט זיך, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, לאָזט זיך מיט ברייטע טריט צו דער זײַטיקער טיר, וואָס פירט צו זײַן צימער, און ווערט פאַרשוווּנדן. — פון דער טיר, וואָס פירט צו בעטין, באַווײַזט זיך ווידער אַמאָל בעטי, בלײַבט שטיין אַ ווײַלע, זעט, ווי דער קוואַרטיראַנט איז אָפּגעלאָפן צו זיך, לויפט זי צו צו שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו).

ב ע ט י : (דערשראָקן). וואָס איז דאָ? איוואַן איוואַנאָוויטש, וואָס איז דאָ געשען? דאָ איז געווען שניאורסאָן — וואָס איז ער אַנטלאָפן?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (נאָך אויפגערעגט). אײַער שניאורסאָן איז משוגע געוואָרן!

ב ע ט י : איר האָט אײַך דאָ צעקריגט?

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (פלייסט זיך שמייכלען). צעאַמפּערט זיך, נישט צעקריגט.

בעטי: (זעצט זיך אַוועק, זעצט אים אַוועק נעבן זיך). דערציילט מיר, איוואַן איוואַנאָוויטש, איך בעט אײַך, דערציילט מיר אַלצדינג, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? ער האָט אײַך מסתמא עפּעס געזאָגט?... דערציילט מיר — איך פאָדער עס פון אײַך. איר הערט? איך פאָדער עס!

שניאורסאָן: בערטאַ דאַווידאָוונאַ, איך קאָן נישט.

בעטי: (קאַפּריזנע). איך הייס!

שניאורסאָן: אַז ס'וועט קומען די נייטיקע צײַט, וועל איך עס אײַך אַליין זאָגן.

בעטי: (אומגעדולדיק). ניין. איר וועט מיר זאָגן באַלד. די מינוט. די רגע!

שניאורסאָן: בערטאַ דאַווידאָוונאַ, איך טאָר עס אײַך נישט זאָגן! איך בין געבינדן.. מיט אַ וואָרט...

בעטי: וואָס פאַר ווערטער? ווער געבונדן? איר רעדט מיט מיר פאַרשטעלט...

שניאורסאָן: אַז איר וועט מיר געבן אײַער האַנט, אַז איר וועט מיך אויסהערן רויִק, און אַז צווישן אונדז וועט דאָס בלײַבן, — וועל איך מיט אײַך ריידן אַנדערש...

בעטי: (ציט אים אויס ביידע הענט). אָט האָט איר מײַן האַנט!

שניאורסאָן: דאָס, וואָס איך האָב אײַך צו זאָגן, איז אַ הייליקער סוד, וואָס דאַרף נאָך נעמען אַ ביסל צײַט... אַ פּאָר חדשים... דעמאָלט וועט זיך עס דערקלערן אַליין פון זיך... דערווײַל קאָן איך אײַך זאָגן איינס — און דאָס איז מײַן פליכט, — וואָרעם איר זײַט מיר צו טײַער! איר זאָלט וויסן, אַז... (טאַקט־אַפּ יעדעס וואָרט באַזונדער). דאָס, וואָס מײַן חבר מיינט, קאָן עס נישט זײַן בשום אופן אין דער וועלט און עס וועט נישט זײַן קיינמאָל!... איר הערט? קיינ־מאָל נישט!...

בעטי: (נעמט צו די הענט. דערשראָקן). איך פאַרשטיי אײַך נישט, איוואַן איוואַנאָוויטש... וואָס הייסט עס?... איר רעדט האַלבע ווערטער...

שניאורסאָן: איך רייד האַלבע ווערטער. דאָס איז אמת. נאָר איך מיין, אַז איר פאַרשטייט מיך... און איך וויל, אַז איר זאָלט מיר גלייבן, איר זאָלט האָבן צו מיר צוטרוי, ווי צו אַן אייגענעם... ברודער. אינגאַנצן דאָס ארויסזאָגן קאָן איך נישט איצט. ס'איז נאָך נישט געקו־מען די צײַט... ענדע מײַ וועל איך עס אײַך קאָנען זאָגן...

בעטי: נאָך נישט געקומען די צײַט?... ענדע מײַ?... עפּעס רעדט איר אַ מאָדנע שפּראַך.. מיט רעטענישן רעדט איר... איר פאַרטומלט מיך... איך בין אַזוי אויך אומגליקלעך, פאַרשאַפט איר מיר נאָך שמערצן... אַלע! אַלע! אפילו איר אויך...

שניאורסאָן: עס טוט מיר וויי, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, וואָס

איך פֿאַרשאַף אײַך שמערצן. איך האָב מיט אײַך אַנדערש געוואָלט ריידן, פּראָסט און אָפֿנהאַרציק, אָן רעטעניש... (דאָס קול וויברירט, די אויגן ברענען). קאָן איך נאָך איצט נישט. איך בעט אײַך דערוויַיל, איר זאָלט מיר גלייבן! איך טאָר עס נישט, ווײַל איך בין געבונדן... ביז א צײַט... ביז ענדע מײַ... ענדע מײַ וועל איך אײַך קאָנען דערציילן אַלץ... אַלץ, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, אויפֿבינדן דעם פּלאָנטער, וואָס דאָ איז אַרויס... דעמאָלט וועל איך אײַך שוין קאָנען אויפֿדעקן אויך מײַן האַרץ און מײַנע געפֿילן צו אײַך, וואָס איך טראָג דערווײַל באַ זיך טיף פֿאַרבאָרגן, כאָטש איך מיין, אַז איר ווייסט זיי שוין פֿון לאַנג... איר דאַרפֿט עס וויסן... עס קאָן נישט זײַן, איר זאָלט עס נישט וויסן... (בעטי מינעט זיך, ווערט אַלערליי פֿאַרבן). וואָס איז מיט אײַך, בערטאַ דאַווידאָווונאַ?

בעטי: ווי... ווי קאָנט איר אַזעלכס ריידן? איר פֿאַרגעסט, אַז... אַז...

שניאורסאָן: איך ווייס גאַנץ גוט, וואָס איך רייד. איך האָב קיין זאַך נישט פֿאַרגעסן...

בעטי: איר האָט פֿאַרגעסן דעם אָפּגרונט, וואָס צווישן אונדז...

שניאורסאָן: איך האָב נישט פֿאַרגעסן, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, קיין זאַך. איך געדענק גאַנץ גוט, ווער איר זײַט, און איך ווייס, ווער איך בין, און דאָך זאָג איך אײַך, אַז איך בין זיכער אין אונדזער ביידנס גליק... ס'וועט נישט זײַן פֿאַר אונדז קיין שטערונג, קיינער פֿון אונדז וועט נישט דאַרפֿן ברענגען קיין קרבן, קיינער פֿון אונדז וועט נישט דאַרפֿן ברעכן זײַן געוויסן... (מיט פֿײַער). איר וועט זײַן מײַנע! קיינעמס נישט, נאָר מײַנע!...

בעטי: (אויפֿגעשטאַנען, כאַפּט זיך באַם קאָפּ). איך בין שוין גאָר צעמישט!.. איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס דאָ טוט זיך... וואָס טוט זיך דאָ? איר מאַכט מיך משוגע!... (עס קומט־אָן דוויד שפּיראָ פֿון קעלער מיט עטלעכע פֿלעשלעך ווײַן אין ביידע הענט).

דוויד שפּיראָ: (לעבעדיק). דוויד המלך האָט געוווּסט, וואָס ער זאָגט: ויין ישמח — ווײַן מאַכט פֿריילעך. וואָס איז דען אַ שמחה אָן ווײַן? (עפּנט־אויף בעת מעשה אַ פּאָר פֿלעשלעך מיט אַ קנאַק. ווישט זיך די הענט. קוקט זיך אַרום). ווּ איז ער, דער שלים־מזל, קעצעלע מײַן איך? פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דאָרטן אין קיך? (דערזעט נאָר די טאָכטער מיט שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו). נו, עולם, ווּ זײַט איר ערגעץ? (גייט־צו נענטער צו דער טאָכטער, וואָס איז נאָך נישט געקומען צו זיך). ווּ זײַנען זיי, אַלע דײַנע געסט? ווּ איז שניאורסאָן?

בעטי: (האַלב מיטן פּנים צום פֿאָטער, קוקט אַראָפּ). שניאורסאָן האָט זיך צעקריגט מיט איוואַן איוואַנאָוויטש.

שניאורסאָן: (טרעט־אַרויס). נישט צעקריגט, צעאָמפּערט זיך.

דוויד שפּיראָ: צעאַמפּערט זיך איז שענער? אַזעלכע גוטע פֿרײַנט? ווי קומט דאָס? ווו איז ער, אונדזער צעאַמפּערטער קוואַרטי־ראַנט?

בעטי: (ווי פֿריִער). ער איז ברוגז געוואָרן און איז אַוועק צו זיך.

דוויד שפּיראָ: ברוגז געוואָרן? איך האָב נישט ליב, אַז מע איז ברוגז! איך בין אַ שפּיראָ, און די שפּיראָס, איר פֿאַרשטייט צי נייִן, האָבן פֿײַנט, אַז מע שפּילט זיך אין ברוגזלעך! אָט גיי איך, וועל איך אים אַראָפּברענגען אין איין כהרף־עין און מאַכן שלום. איך האָב ליב, איר פֿאַרשטייט צי נייִן, אַז ס'איז שלום! איך הייס דוויד שפּיראָ!... (גייט־אָפּ אין דער זײַטיקער טיר צום קוואַרטיראַנט, צום אמתן איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. — אין דעם קומט אָן פֿון דער קיך קעצעלע, און באַלד פֿון בעטיס צימער קומען־אַרײַן פֿאַרלעכווײַז יונגוואַרג. פֿון דער זײַטיקער טיר קומען־אָן דוויד שפּיראָ מיטן קוואַרטיראַנט, דעם אמתן איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. דוויד שפּיראָ פֿירט אים צו צו שניאורסאָנען, וועלכער גילט אַלס איוואַנאָוו). אָט האָב איך אים גע־בראַכט, אונדזער ברוגזן דאַנטיסט. נו, גיט זיך די הענט, און שלום זאָל זײַן! אַזוי הייסט אײַך דוויד שפּיראָ, און אַ שפּיראָ אַז ער הייסט, דאַרף מען אים פֿאָלגן! (צו דער טאָכטער). בעטי! וואָס שטייסטו, ווי אַ מחותנתטע פֿון חתנס צד? קום נאָר אַהער! העלף מיר מאַכן אַ שלום צווישן יעקבן מיט עשון, וואָס האָבן זיך צעקריגט פֿאַר דער בכורה.. נעם־צונויף זייע־רע הענט אָט אַזוי אַ און לאָזן זיי זיך איבערבעטן!

בעטי: (נאָך צערודערט, שמייכלט איבער כח). וואָס זײַנען זיי, קליינע קינדער? (נעמט־צונויף זייערע ביידנס הענט. ביידע חברים קר־קן נישט איינס דאָס אַנדערע אין די אויגן, שמייכלען פֿאַרלעגן).

הורוויטש: (קוקט אָף די ביידע). זאָל מיך אַזוי וויסן אַ בייזע וועטשערע, אויב איך הייב אָן צו וויסן, ווער פֿון די צוויי (ווײַזט אָף ביידע חברים) איז דאָ דער יעקב, און ווער איז דער עשו? (עס ווערט אַ גע־לעכטער).

דוויד שפּיראָ: וואָס איז די נפקא־מינה? אַבי שלום. אָף שלום האַלט זיך אויף די וועלט. אַזוי שטייט געשריבן באַ אונדז אין די הייליקע ספרים... (הייבט־אויף די אויגן). אַלע זײַנען שוין דאָ? און ווו איז די בעל־הביתטע? (עס קומט־אָן שרה שפּיראָ פֿון קיך מיט אַ גרויסער וואַזע, איבערגעדעקט. נאָך איר גייט־נאָך סיאָמקע מיט אַ טעצל מעסער און גאָפּלען). מאַדאַם! דו ביסט אויך דאָ? ביסט געקומען צו דער רעכטער צײַט! נו, עולם, צום טיש, און לאָמיר אַקאָרשט נעמען צו ביסלעך משקה, אַזוי ווי גאָט האָט געבאָטן. (פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן, צעגיסט דעם ווײַן אין די גלעזלעך. אַלע שטעלן זיך אויס אַרום טיש). און לאָמיר טרינקען אַ כוס לכבוד די ליבע, טײַערע געסט, און לכבוד דער אימעניניצע אונד־זערער, וואָס איז הײַנט געוואָרן אַקוראַט נײַנצן יאָר. און אַז מיר האַלטן אין טרינקען (גיסט), וועלן מיר שוין טרינקען פֿאַר כל ישראל און צו־

ווינטשעווען, אז יעקב מיט עשון זאָלן זיך שוין קיינמאָל נישט קריגן און נישט אַמפּערן זיך... איך מיין נישט נאָר אָט די דאָזיקע (ווײַזט אָן אַף די צוויי חברים, וואָס שטייען באַם טיש און בעטי צווישן זיי) — איך מיין טאַקע די אמתע יעקבס, איר פאַרשטייט צי ניין, מיט די אמתע עשום זאָלן לעבן צווישן זיך בשלום ושלוה, — און ס'זאָל ווערן אוים פּראַוואָ־זשיטעלסטוועס, אוים דאַנטיסטן, אוים טינטנמאַכערס, אוים סטאָלאָנאַ־טשאַלניקעס, ווי אין פּסוק שטייט: וגר זאב עם כבש — אַ וואָלף מיט אַ שעפּעלע צוזאַמען... (הייבט־אויף זײַן כוס. אַלע נעמען זיך צו די גלעזלעך). לחיים, ייִדן, לחיים!... (מע באַגעגנט זיך מיט די גלעזלעך).

לאַנגזאַם פאַלט דער פאָרהאַנג.

ענדע פונעם צווייטן אַקט.

דריטער אַקט

(אַ קאַבינעט באַם רב, רב לוי הײלפּערין. צוויי שאַפעס מיט ספרים. איין שאַפקע אַ גלעזערנע, פון וואַנען עס זעען זיך אַרויס אַ זילבערן חנוכה־לעמפּל, אַ קידוש־בעכער, אַ הדס, אַ געפלאָכטענע הבדלה. אַפן וואַנט, צווישן אַנדערע ייִדישע בילדער, אויך דאָס באַקאַנטע בילד פון דאָקטאָר הערצל. אַפן טיש אָפענע ספרים, ביכער, צײַטונגען, ייִדישע און רוסישע. באַ דער וואַנט אַ שרײַב־טיש. — דער רב, רב לוי הײלפּערין, קרוב צו פופציק, אַ שיינער ייִד, אַ זויבערער, אין אַ שוואַרצן לאַנגן סורדוט, אין אַ ווײַס געפּרעסט העמד. אַ קליין בערדל, אונטערגעהאַקטע פּאות, אַ הויכער ווײַסער שטערן, אַ קליין זײַדן יאַרמעלקעלע אַפן קאָפּ, וואָס פאַרלירט זיך אין די שיינע שוואַרצע, ערטערוויַיז באַזילבערטע האָר. ער מאַכט דעם אײַנדרוק מער פון אַ מיושבדיקן אייראַפּעער, פון אַ בכבודיקן גביר אַ סוחר, און אַרום אים — אַ רעדל בכבודע ייִדן, אַנגעזעענע בעלי־בתים פון שטאָט: גוראַריה — אַ הויכער, אַ טרוקענער. שערעשעווסקי — אַ נידעריקער, אַ געפּאַקטער, מיט אַן אָרדן אַף דער ברוסט. בערנשטיין, מאַנאַסעוויטש — געגאָלטע בערד. ראַבינער קאַלוואַרסקי — אַן אַלטער מאַן מיט צוויי אָרדנס. אַלע אין פראַקן, ווײַסע שניפּסן, צילינדערס, זייערע פּנימער שײַנען. די אַלע, מיטן רב און מיטן ראַבינער אין דער שפּיץ, זײַנען נאָר־וואָס צוריקגעקומען פונעם גובערנאַטאָר, באַ וועמען זיי זײַנען געווען אַלס דעפּוטאַציע).

רב לוי הײלפּערין: (רעדט געלאַסן, געציילטע ווערטער). לאָמיר האָפן, ייִדן, אַז דעם גובערנאַטאָרס ווערטער וועלן מקוים ווערן, און עס וועט, אם ירצה השם, זײַן שטיל, און אַז מיר וועלן זיך, מיט גאָטס הילף, באַגיין הײַנטיקן פּסח אָן אַ פּאָגראָם.

ראַבינער קאַלוואַרסקי: (צום רב). איר זײַט נאָך אין ספק, אַז ס'וועט זײַן שטיל? אַז נאַטשאַלסטווא וויל נישט, קאָנט איר שוין זיכער זײַן. איך האָב איבערגעלעבט נישט איין פּאָגראָם, איז מיר שוין באַקענט די שטימונג נאָכן חוש הריח.

גוראַריה: ווײַבאַלד דער גובערנאַטאָר האָט געזאָגט מיט דעם לשון: „בודטיע ספּאָקאָיני!" — מעג מען שוין זײַן רויִק.

שערעשעוויצקי: זייער קאָרעקט! „פּריניאַטי מיערי" — האָט ער געזאָגט. זייער קאָרעקט! זייער קאָרעקט!

בערנשטיין: „אי ניע וואָזבוזשדאַיטיע דרוגיך" — האָט ער צונעלייגט.

מאַנאַסעוויטש: (מיט אַ דריבנע געלעכטערל). כע־כע, דער פּשט איז, הייסט עס, אַז מיר זאָלן נישט מאַכן אַף זיך אַליין קיין פּאָגראָם, כע־כע־כע!

ראַבינער קאַלוואַרסקי: זאָגט דאָס נישט. אַ גובערנאַ־טאָר דאַרף זײַן נייטראַל... איך בין שוין ראַבינער באַלד דרײַסיק יאָר. מיר האָבן שוין דאָ געהאַט אַלערליי גובערנאַטאָרן.

גוראַריה: איר דאַרפט זײַן צופרידן, וואָס מיר האָבן איצט אַזאַ גובערנאַטאָר. אַ דימענט פון אַ גוי!

שערעשעוויצקי: זייער קאָרעקט! זייער קאָרעקט! די האַנט געגעבן איטלעכן, געבעטן זיצן. „סאַדיטיעס, אַבראַם באָריסאָוויטש" — האָט ער געזאָגט צו מיר... זייער קאָרעקט! זייער קאָרעקט!

בערנשטיין: קומט אים דערפאַר אויך אַ דאַנק? שוין גענוג טרויעריק, מאָלט אײַך, דער פאַקט אַליין, אַז ייִדן דאַרפן גיין מיט אַ דע־פּוטאַציע צום גובערנאַטאָר, אַז ס'ע קומט אונטער אַ יום־טוב, און בעטן שטיצע פאַר זייערע ברידער...

מאַנאַסעוויטש: כע־כע! און ס'איז גענוג אַז־אַך־און־אַז־ווײ, אַז ייִדן פרייען זיך דערמיט, וואָס דער גובערנאַטאָר טרייסט זיי מיט אַזעל־כע ווערטער, ווי„בודטיע ספּאָקאָיני", „פּריניאַטי מיערי", כע־כע! מיר קאָנען, הייסט עס, שלאָפן רויִק — מע וועט אונדז נישט באַפאַלן, ווי אין מלחמה־צײַט, און מע וועט אונדז נישט אויסשעכטן מיט ווײַב און קינ־דער לכבוד דעם הייליקן יום־טוב, כע־כע־כע!

רב לוי הײַלפּערין: (זיפצט). וואָס זאָל מען טאָן, אַז מיר לעבן אין אַזאַ ביטערער צײַט? אין הײַנטיקער צײַט, אַז מע קאָן אונדז באַשולדיקן אין אַזאַ מיאוסער זאַך, ווי מיט הונדערטער יאָרן פריִער, איז נישטאָ וואָס צו ריידן, און מיר דאַרפן זאָגן: „גם זו לטובה!"...

גוראַריה: גם זו לטובה! גם זו לטובה!

שערעשעוויצקי: זייער קאָרעקט! זייער קאָרעקט! און ווי געפעלט אײַך דאָס, וואָס דער גובערנאַטאָר האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף די שניאורסאָנס? „אַבראַם באָריסאָוויטש, זאָגט ער צו מיר, טשטאָ ווי זנאַ־יעטע פּראָ שניאורסאָנאָוו?"...

בערנשטיין: נישט אַזוי, און נישט אײַך אַליין האָט ער גע־פרעגט. דאָס האָט ער בײַ אונדז אַלעמען געפרעגט: וואָס ווייסן מיר צו זאָגן וועגן איינעם אַ שניאורסאָן?

מאַנאַסעוויטש: כע־כע! אַ צדיק שניאורסאָן, האָט ער גע־זאָגט. אַ „צדיק" און אַ „חאַסידימעץ". מיט דעם לשון און מיט די ווער־טער, כע־כע!

ראבינער קאלוואַרסקי: „חאַסידימעץ“? — איך געדענק גאָרנישט, ער זאָל זאָגן אַזאַ וואָרט.

שערעשעוויצקי: געזאָגט, געזאָגט! זייער קאָרעקט! זייער קאָרעקט!

רב לוי הײלפּערין: וואָס זאָלט איר קלערן? גאָט האָט אָנגערוקט אַ כמאַרע אַף זיי, אַ מין פינצטערניש אין מיטן העלן טאָג, און האָט זיי מבלבל געווען זייערע מוחות, אַז זיי זאָלן גלייבן אין אַזעלכע ווילדע נאַרישקייטן. דאָס איז אַ שטראָף פאַר זיי אַליין, נישט פאַר אונדז, וואָרעם אַז ס׳וועט קומען די צײַט, ס׳וועט זיי ליכטיק ווערן אין די אויגן, וועלן זיי זיך שעמען דעמאָלט פאַר זיך אַליין... און דעריבער דאַרפן מיר זאָגן נאָך אַ מאָל: „גם זו לטובה!“... (דער עולם הייבט־אָן געזעגענען זיך). נו, האָט זשע מיר אַ גוטן יום־טוב, און זאָגט אָן אַלע ייִדן די גוטע בשורה, אַז פון אַ פּאָגראָם זײַנען מיר יעדנפאַלס געזיכערט.. איך, פון מײַן זײַט, וועל הייסן אויסרופן וועגן דעם הײַנט נאָך אין אַלע שולן.

ראבינער קאלוואַרסקי: און איך וועל עס דערמאָנען מאָרגן אין מײַן „ריעטש“... אַ גוטן יום־טוב.

רב לוי הײלפּערין: איך ווינטש אײַך אַלעמען אַ כשרן פּסח, אַ פריילעכן יום־טוב.

אַלע: אַ גוטן יום־טוב! אַ פריילעכן יום־טוב! אַ גליקלעכן יום־טוב! (דער רב באַגלייט זיי אַרויס ביז דער טיר. זיי גייען־אָפּ. נאָך זייער אַוועקגאַנג זעצט זיך רב לוי הײלפּערין אַוועק צום שרײַב־טיש און וואַרפט־אָן אַף דער גיך אַ צעטל, טוט אַ קלונג מיט אַ גלעקל, וואָס שטייט אַפן טינטער, און עס קומט־אַרײַן דער שמש, אָנגעטאָן ריין, אין אַ הויכן שוואַרצן קאַפּעלוש, בלײַבט שטיין מיט גרויס הכנעה בײַ דער טיר).

רב לוי הײלפּערין: הײַנט, באַלד נאָך מעריב, זאָל אויסגערופן ווערן אין אַלע שולן, בתי־מדרשים און מנינים די דאָזיקע ווערטער (לייענט פונעם אָנגעשריבענעם צעטל): „מען איז מכריז ומודיע אינעם נאָמען פונעם גובערנאַטאָר, אַז אַלע רייד וועגן אַ פּאָגראָם אַף ייִדן הײַנטיקן פּסח זײַנען אויסגעטראַכט. עס זײַנען אָנגענומען געוואָרן אַלע מיטלען, און מע בעט, אַז ייִדן זאָלן זיך האַלטן רויִק“... (גיט־איבער דעם שמש דאָס צעטל. דער שמש גייט־אָפּ. רב לוי הײלפּערין שטייט־אויף, גלײַכט זיך אויס, זיפצנדיק. עס עפנט זיך אויף אַ האַלבע טיר און עס באַווײַזט זיך ווידער דער שמש).

דער שמש: אַ קריסט איז געקומען — וויל זיך זען.

רב לוי הײלפּערין: זאָל עס אַרײַנקומען. (עס קומט אַרײַן איוואַנאָוו, דער, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. דער שמש מאַכט־צו נאָך אים די טיר, ווערט פאַרשוווּנדן).

איוואַנאָוו: (טוט־אויס דאָס היטל, בלײַבט שטיין אין פאַר־

לעגנהייט, באַטראַכט אַ ווײַלע דעם רב. קענטיק, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה. ענדלעך גייט ער צו, שטעלט זיך פאָר). איוואַנאָוו.

ר ב ל ו י ה יי ל פ ע ר י ן : (שטייט־אויף, ציט אים אויס די האַנט, נעמט אים פרײַנטלעך אויף. רעדט אַ שיין רוסיש.) זייער אָנגענעם! זיצט. (ווײַזט אים אַף אַ שטול. זעצט זיך אַליין אויך אַף אַ שטול אַקעגן אים). מיט וואָס קאָן איך דינען?... איר רייכערט? (שטעלט אים אונטער אַ פושקע פאַפּיראָסן).

א י וו א נ אָ וו : (באַדאַנקט). איך בין צו אײַך געקומען, ראַבבי, זיך בּאַראָטן, ווי מיט אַ פאַרשטייער פונעם יידישן פאָלק, פונעם יידישן גלויבן... צום אָנהייב האָב איך מיך געוואַקלט, כמעט ווי געשראָקן... כאָטש געהערט האָב איך פון אײַך אַ סך גוטס... דאָך — דעם ערשטן מאָל אַף מײַן לעבן בּאַ אַ יידישן ראַבבי... נאָר אַז איך האָב אײַך דערזען, — דערלויבט מיר צו זאָגן עס אײַך אין די אויגן, — האָט איר מיט אײַער אויסזען, מיטן ערשטן קוק, מיך אינגאַנצן אַוועקגעקויפט, און איך זע־ אַרויס, אַז מיט אײַך קאָן מען ריידן גאַנץ אָפנטלעך.

ר ב ל ו י ה יי ל פ ע ר י ן : (מיט אַ שמייכל). איך דאַנק אײַך זייער פאַר אַזאַ אָנגענעמער מיינונג וועגן מיר... איר קאָנט דאָ זאָגן אַלץ, וואָס איר האָט צו זאָגן.

א י וו א נ אָ וו : איך וועל זײַן קורץ, ווי ווײַט מעגלעך. איך בין אַ קריסט, און דורך אַ צופאַל געפין איך זיך צווישן יידן. איך האָב זיך באַקענט מיט אַ יידיש מיידל און האָב זיך פאַרליבט אין איר... און איך מיין, דאָס הייסט, איך ווייס, אַז זי מיך האָט אויך ליב, און ס'איז קיין אַנדער אָפּהאַלט נישט פאַראַן, אויסער איין זאַך: וואָס זי איז אַ יידישע, און איך בין אַ קריסט... זי זאָל אָננעמען קריסטנטום — דאָס קאָן נישט זײַן פאַר קײַן פאַל אין דער וועלט. אין דעם בין איך איבערצײַגט, וואָ־ רעם זי איז צו אַ הייסע פּאַטריאָטן פאַר איר פאָלק, און איך אָנערקען, אַז פון מײַן זײַט וואָלט דאָס געווען אַ פאַרברעכן, איך זאָל זי צווינגען דערצו. אירע עלטערן וואָלטן דאָס נישט איבערגעטראָגן. נו, איז גע־ בליבן בּאַ מיר, אַזוי ווי איך האָב זי זייער שטאַרק ליב, און קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ, — האָב איך מיך פעסט אַנטשלאָסן, — כאָטש מײַנע עלטערן וועלן זײַן קעגן דעם, שטאַרק קעגן דעם, — איך זאָל אַריבער־ גיין.. דאָס הייסט, איך זאָל אָננעמען יידישקייט... וואָס וועט איר זאָגן דערויף? (אָפּגעזאָגט, פילט זיך איוואַנאָוו, ווי ס'איז אים אַראָפּ אַ באַרג פון די פלייצעס).

ר ב ל ו י ה יי ל פ ע ר י ן : (געזעסן די גאַנצע צײַט אָנגע־ שפאַרט אַף דער לינקער האַנט און מיט זער רעכטער געבלעטערט אַן אָפע־ נעם ספר, האָט אָפּגעאָטעמט, פאַרמאַכט דעם ספר, אַוועקגעשטעלט די אויגן אַפן גאַסט מיט אַ ביטער שמייכל). איך פרעג אײַך נישט, ווער איר זײַט און וואָס איר זײַט. איך פרעג נישט, ווער איז דאָס מיידל, וואָס איר האָט אַזוי ליב. אַזעלכע זאַכן האַלט מען, געוויינלעך, בסוד... איך קאָן

אײַך אָבער, יונגערמאַן, לײדער, מיט קײן זאַך נישט העלפֿן און קײן שום עצה נישט געבן. איך קאָן אײַך נאָר זאָגן אײן זאַך: איך באַדויער אײַך פֿונעם גאַנצן האַרצן. איך האָב אָפּ אײַך רחמנות.

אײוואַנאָװ: (איבערראַשט). רחמנות?... (װישט זיך דעם שװײס).

רב לוי הײלפּערין: געבעך אַ רחמנות אָפּ אײַך. אַ גאַנץ רחמנות!

אײוואַנאָװ: איך פֿאַרשטײ אײַך נישט...

רב לוי הײלפּערין: אָט װעל איך עס אײַך דערקלערן. באַרעכנט אײַך נאָר גוט: זיבן מיליאָן אומגליקלעכע, רעכטלאָזיקע, פֿאַר־האַסטע, געיאָגטע און געפּלאָגטע שטיפֿקינדער פּלאָנטען זיך אַרום אינעם דאָזיקן גרויסן לאַנד, זײַנען אומעטום איבעריק און איטלעכן גרויס אין די אויגן. מע זיצט און מע ברעכט זיך די מוחות, מע קליגט זיך און מע טראַכט און מע קאָן גאָרנישט צוטראַכטן, װי אַרום זײערער פּטור צו װערן, — װילט איר, אַ גליקלעכער מענטש, אַ פֿרײַער, אַריבערגײן צו אָט די דאָזיקע זיבן מיליאָן אומגליקלעכע? איר װילט זײַן, אַפּנים, דער ערשטער פֿונעם אַכטן מיליאָן?... (פּויזע). איך זע, איר װוּנדערט זיך, װאָס איר הערט פֿון מיר, אַ רבֿ, אַזעלכע רייד? פֿאַר אײַך, פֿאַר אַ קריסט, איז עס טאַקע אַ װוּנדער. אײַערע גײַסטלעכע פֿאַרשטײער טוען נישט אַזוי, בעת עס קומט אַ פֿרעמדער צו זײ אָננעמען זײער גלויבן. אדרבה, בײַ זײ װערט עס גאָר פֿאַררעכנט פֿאַר אַ מצווה צוציִען אין זײער לאַגער װאָס מער פֿרעמדע... מיר, ייִדן, אָבער קאָנען זיך אַזאַ לוקסוס נישט דערלויבן. אונדזער װעלט איז ענג און פֿינצטער, דאָס לעבן פֿול פּײַן און נויט, — װי אַזױ־זשע האָבן מיר דאָס רעכט צורײדן די פֿרעמדע, די פֿרײַע און גליקלעכע מענטשן, זײ זאָלן אַריבערגײן צו אונדז?... נאָך פֿון אַמאָל אָן, פֿון גאָר די אַלטע צײַטן, האָט אונדזער תּורה אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן זײַן געהיט פֿון אָנצונעמען גרים. יעדער גר, יעדער פֿרעמדער הײסט עס, װאָס קומט צו גײן צו אונדז פֿון אַן אַנדער װעלט און װיל זיך אָנ־שליסן אָן אונדזער פֿאָלק, — דאַרפֿן מיר אים פֿריִער װאָרענען, עפֿענען די אויגן, ער זאָל זיך גוט אַרומקוקן, װוּהין ער גײט, ער זאָל זיך גוט באַ־טראַכטן, װאָס ער טוט, ער זאָל װיסן און געדענקען, אַז ס׳איז שװער צו זײַן אַ ייִד!...

אײוואַנאָװ: אַנטשולדיקט. די דאָזיקע װערטער: „ס׳איז שװער צו זײַן אַ ייִד" האָב איך געהערט שוין װיפֿל מאָל, און עס קאָן זײַן — איך גיב־צו, — אַז ס׳איז נישט גרינג צו זײַן אַ ייִד. האָב איך אָבער אײַך געזאָגט שוין דעם מאָטיװ, פֿאַר װאָס איך גײ דאָס טאָן. עס איז קײן אַנדער אויסװעג נישטאָ.

רב לוי הײלפּערין: צו אַ שװאַכער מאָטיװ אָפּ צו מאַכן אַזאַ ערנסטן שריט!

אײוואַנאָװ: אַנטשולדיקט, ראַבבי. ליבע איז, נאָך אײַער מײ־נונג, אַ שװאַכער מאָטיװ?

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : ליבע איז אַ הייליק געפיל, נאָר אַ שוואַכער מאָטיוו אַף צו מאַכן אַזאַ שריט. ברעכן אַ גלויבן קאָן מען נאָר באַ אַן אינעווייניקסטן קריזיס, ווען איך הער אויף צו גלייבן אין דעם און הייב־אָן צו גלייבן אין אַן אַנדערן, — אָבער נישט צוליב דערגרייכן אַ געוויסן ציל, עס מעג זײַן אַפילו ווי שיין. מיר, צום בײַשפּיל, באַדויערן אונדזערע משומדים אַלץ איינס, צי זיי האָבן זיך געטויפט צוליב פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ, צוליב אַ דיפּלאָם, צוליב פּרנסה, אָדער צוליב אַ מיידל... פאַרשטייט זיך, אַז אײַער מאָטיוו איז פײַנער, די פּסיכאָלאָגיע איז אַן אייד־עלערע; אָבער דער קאָמפּראָמיס בלײַבט אַ קאָמפּראָמיס. עס איז געמאַכט געוואָרן אַ שטיקל געשעפט מיט גאָט, אַ מין „ביזנעס", ווי די אַמעריקאַנער רופן עס אָן...

א י וו אַ נ אָ וו : עס האַנדלט זיך דאָ, אייגנטלעך, נישט וועגן גלויבן... דאָ רעדט זיך נישט וועגן גאָט...

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : איך ווייס. איך רייד אויך נישט פון גלויבן. אין גלויבן איז מען בכלל הײַנטיקע צײַטן שוואַכלעך. סײַ באַ אונדז, סײַ באַ אײַך... איך רייד פונעם פאָלק, פון דער אומה רייד איך. איר וועט דאָך נישט וועלן אײַנריידן זיך אַליין, אַז איר, אַלס געבוירענער קריסט און אויפגעצויגענער צווישן קריסטן, באַ הײַנטיקע ביטערע צײַטן פון ראַסנהאַס, ווען מענטשן זײַנען וועלף, — אַז איר האָט ליב אַ ייִדן, אַז באַ אײַך איז אַ ייִד און נישט אַ ייִד אַלס איינס...

א י וו אַ נ אָ וו : (ענטוזיאַסטיש). באַ מיר איז אַלץ איינס! איך ווייס, אַז איך האָב ליב אָט דאָס מיידל מיט מײַן גאַנצן וועזן — און איך וויל נישט וויסן פון קיין זאַך!...

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : (מיט אַ שמייכל). נו־יאָ, איך גלייב אײַך זייער גערן און איך פיל אײַך מיט מיט מײַן גאַנצן האַרצן... איך דאַרף אײַך אָבער זאָגן, יונגערמאַן, פאַראַן באַ אונדז אַ שפּריכוואָרט, אַפילו אַביסל אַ באַנאַלס, נאָר אַן אמתדיק וואָרט: „ווי קאָנסטו ליב האָבן דאָס ווײַב, אַז דו האָסט נישט ליב איר משפּחה?"... אונדזער משפּחה איז, לייד־ער, נאָך קיינמאָל אַזוי נישט פאַרהאַסט געווען פון אַלעמען, ווי אין דער לעצטער צײַט. נאַט זעט, באַ וואָס עס האַלט, אַף וואָס מיר זײַנען אַריבער! (נעמט אַ רוסיש בלאַט פון טיש און ווײַזט אים). זעט, וואָס מע שרײַבט וועגן אונדז! (ווײַזט אים אין בלאַט).

א י וו אַ נ אָ וו : (טוט אַ קוק, לייענט הויך). „בלוט פאַר בלוט!"... (לייגט־אַוועק דאָס בלאַט מיט פאַראַכטונג). דאָס האָב איך געלייענט נאָך נעכטן... נו, ווער ווייסט דאָס נישט, אַז די גאַנצע דיעלאָ פונעם ריטואַל־מאָרד איז אַ פאַנטאַזיע, אַ שווינדל, אַ גראָב שטיקל אַרבעט?

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : (מיט צופרידנקייט). דאָס זאָגט איר? עס איז זייער אָנגענעם צו הערן פון אַ קריסט אַזעלכע ווערטער. וואָס זאָגן אָבער אַנדערע קריסטן? אָט זײַנען מיר געווען נאָר־וואָס באַם גובערנאַטאָר אַ דעפּוטאַציע, איך און נאָך עטלעכע פאָרשטייער פון דער

היגער ייִדישער געמיינדע. נו, האָט מען געשמועסט אַלץ וועגן דעם רי־טואַל־מאָרד, אָדער וועגן דעם „שווינדל", ווי איר רופט עס אָן... באַ אײַך איז דאָס אַ שווינדל, און באַ זיי איז דאָס אַ גאַנצער עסק, אַ פּראָצעס. איר האָט באַדאַרפט הערן, מיט וואָס פאַר אַן ערנסט דער גובערנאַטאָר, אַ געבילדעטער אינטעליגענטער מאַן, האָט אונדז געשטעלט נאַיִווע פראַגן איינע נאָך דער אַנדערער און נאָכגעפרעגט זיך אַלץ אויף איינעם אַ שני־אורסאָן, צי קענען מיר אים נישט? אַ שניאורסאָן פעלט זיי צום פּראָצעס.

א י וו א נ אָ וו : (פאַראינטערעסירט). טאַקע ערנסט? צו וואָס באַ־דאַרפן זיי אַ שניאורסאָן?

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : בכדי ס'זאָל זײַן מער „ריטואַל". די שניאורסאָנס, פאַרשטייט איר מיך, קומען אַרויס פון...

א י וו א נ אָ וו : פון די ליבאַוויטשער „צאַדדיקעס"... זוכט מען, הייסט עס, דעם „צאַדדיק" שניאורסאָן?

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : (מיט אַ שמייכל). פון אײַערע ווער־טער קאָן מען אַרויסזען, אַז איר פאַרקערט מיט ייִדן און האָט זיך אָנגע־זאַפּט מיט ווערטער... אַלזאָ, זוכט מען אַ שניאורסאָן אויף צו באַשולדיקן אים אין ריטואַל־מאָרד. אַ שאָד! איר זײַט אַ קריסט, וועט איר דאָס גאָר־נישט קאָנען פאַרשטיין, ווי ווײַט לעכערלעך און שמערצלעך דאָס איז צו הערן, אַז מענטשן זוכן צו באַשולדיקן אין אַזאַ מיאוסן פאַרברעכן די אייניקלעך פון יענעם גרויסן לאַדיער רב, רב שניאור־זלמן, וואָס זיי, די זוכער, זײַנען, כּלעבן, נישט ווערט צו דערמאָנען דעם נאָמען זײַנעם...

א י וו א נ אָ וו : דאָס זײַט איר גערעכט. יעדער ערלעכער קריסט וועט אײַך נאָכגעבן, אַז איר האָט רעכט. נאָר, גאָספּאָדין ראַווין, איך בעט אײַך הונדערט מאָל פאַרצײַונג, וואָס איך דערלויב מיר צו באַמערקן אײַך איין זאַך: ווייבאַלד אַז איר זײַט אַזוי שטאָלץ אויף אײַערע גרויסע מענטשן, — ווי אַזוי גייט איר דאָס מיט דעפּוטאַציעס און דערנידעריקט זיך פאַר יענע, וועלכע באַשמוצן אַזוי מיאוס אײַערע גרויסע?

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : (האַלב פאַרמאַכט די אויגן, רעדט מיט אַ איראָניש שמייכל). און ווי אַזוי וואָלט איר געטאָן?

א י וו א נ אָ וו : איך זאָל זײַן אויף אײַער אָרט, וואָלט איך נישט געגאַנגען צום גובערנאַטאָר, ער זאָל מיר העלפן פון אַ ייִדישן פּאָגראָם...

רב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : (צעלאַכט זיך). ערשטנס, נישט פון אַ י יִ ד י ש ן פּאָגראָם, נאָר פון אַ ק ר י ס ט ל ע כ ן . ייִדן האָבן דערווײַל נאָך קיינמאָל קיין פּאָגראָם נישט געמאַכט...

א י וו א נ אָ וו : פּאַרדאָן. איך האָב מיך נישט גוט אויסגעדריקט. איך זאָג, אַז ווען איך זאָל זײַן אַ ייִד, וואָלט איך מיך געשעמט קניִען פאַר די, וואָס מאַכן אויף מיר פּאָגראָמען...

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : (אַ ביסל מיט פאַרדראָס). און ווען איך זאָל זײַן אַ קריסט, וואָלט איך מיך נאָך מער געשעמט, אַז ייִדן זאָלן קומען צו מיר מיך בעטן, איך זאָל זיי נישט באַפאַלן אין דעם פײַערלעכסטן

און אין דעם פרייִלעכסטן פון זייערע ימים־טובים, נישט מאַכן אַ תּל פון זייער האָב און גאָב און נישט באַרירן זייערע פרויען און קינדער... (אין אויפרעגונג אויפגעשטאַנען און געמאַכט אַ פּאָר טריט הין און צוריק).

א י ו ו אַ נ אָ ו ו : (נאָך אַן אומאַנגענעמער פּויזע). אַנטשולדיקט, געערטער ראַבבי, נישט דאָס האָב איך געמיינט... איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז ווען איך זאָל זײַן אַ ייִד, וואָלט איך געזוכט הילף בײַ זיך אַליין... איר זײַט אַ פֿאָלק פון זיבן מיליאָן, ווי איר זאָגט, און אַ פֿאָלק מיט אַזאַ פאַרגאַנגענהייט, מיט אַזאַ קולטור, — ווי דערלאָזט איר, מע זאָל אײַך אַזוי טרעטן מיט די פּיס? (מיט היץ). אָ! איך וואָלט זיי באַוויזן, אַז אַ מענטש קאָן אַליין באַשטיין פאַר זיך! איך האָב קיין מורא נישט פאַר פּאָגראָמען!

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : געוויס! ווײַל איר זײַט אַ קריסט. און אַז איר זאָלט זײַן אַ ייִד, אָן רעכט צו וווינען, אָן רעכט צו לערנען, אָן רעכט צו רירן זיך פון דאַנען אַהין, אָן רעכט צו שיצן זיך אַפילו, אַז יעדער פֿאַלט אָף אײַך אָן אין מיטן העלן טאָג אומבאַשטראָפט, און איר זאָלט, אַזוי ווי מיר, למשל, פּרוּוון אָפּליגן דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט פאַרשטעקט ערגעץ אָף אַ בוידעם, אָדער אין אַ פינצטערן קעלער, אָן ברויט און אָן וואַסער, און איר זאָלט הערן דאָס פאַרשטיקטע געוויין פון אומשולדיקע קינדערלעך, — אוי, בין איך זיכער, אַז איר וואָלט דעמאָלט געזונגען אַן אַנדער לידל!... (פּויזע). ניין, יונגערמאַן! ווערליק איך פאַרשטיי אײַך, איז נישט א י ר דאַרפט נעמען אָף זיך אַזאַ שווערע אַרבעט צו זײַן אַ ייִד. מיר, אַז מיר טראָגן אונדזער שווערן גלות אַזוי פיל הונדערטער יאָרן, — ווייסן מיר צוליב וואָס: צוליב אונדזער אַלטער תורה. צוליב דער תורה קאָנען מיר זיך לאָזן אי טרעטן מיט די פּיס, אי לאָזן זיך ברענען אָף פײַערן. אָבער איר? צוליב אַ מיידל?... ניין, נישט כדאַי! נישט כדאַי! טוט דאָס נישט!... (מאַכט אַ באַוועגונג אַף אויפשטיין).

א י ו ו אַ נ אָ ו ו : (שטייט־אויף). איר מאַכט מיר שווער דאָס האַרץ, געערטער ראַבבי, איר האַלט מיך אָפּ, איר שרעקט מיך.

ר ב ל ו י ה יי ל פּ ע ר י ן : איך שרעק אײַך נישט. איך זאָג אײַך נאָר דאָס, וואָס איך מיין. אַ ייִד ו ו ע ר ן קאָן מען נישט. אום אַ ייִד צו ווערן, באַדאַרף מען פריִער דורכמאַכן דעם גאַנצן ייִדישן גלות. מיט דער מאַמעס מילך באַדאַרף מען אײַנזייגן אין זיך דאָס קאָנען בײַשטיין דעם נסיון פון צו זײַן אַ ייִד... פֿאָלגט מיך, איר לייגט אײַך פריִער גוט איבער, וואָס פאַר אַן ערנסטן שריט איר גייט מאַכן, און פרעגט זיך אַליין, וואָס וועט זײַן מיט אײַך נאָכדעם, שפּעטער, אויב אײַער ליבשאַפט צום מיידל וועט אָפּגעקילט ווערן? צי וועט איר קיין חרטה נישט האָבן? און צי וועט איר קאָנען אויסהאַלטן אַלע רדיפות און יאָגענישן און אַלע גזירות רעות, וואָס האָגלען אָף אונדזערע קעפּ?...

א י ו ו אַ נ אָ ו ו : (מיט אַ זיפץ). אפשר זײַט איר גערעכט. איך דאַנק אײַך זייער פאַר אײַער אָפנהאַרציקייט. נאָר איך מוז אײַך זאָגן, נישט ווי פאַר אַ פרעמדן, נאָר ווי פאַר אַ פרײַנט, אַז בײַ מיר איז דאָס אַ באַשטימטע

זאָך... (ענערגיש). אַזוי מוז דאָס זײַן און אַנדערש קאָן עס נישט זײַן, ווײַל קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. איך האָב ליב דאָס מיידל — און זי מוז זײַן מײַנע! (גיט דעם רב די האַנט).

רב לוי הײַלפּערין: (דריקט אים די האַנט). נו, זאָל אײַך גאָט העלפֿן, ווי איר ווינטשט אײַך אַליין. איר האָט מיך געפֿרעגט, האָב איך אײַך געזאָגט דאָס, וואָס מײַן געוויסן און מײַן פֿאַרשטאַנד האָבן מיר דיקטירט. און ווײַטער — ווי איר פֿאַרשטייט. גייט געזונט און זײַט מצליח. (איוואַנאָוו פֿאַרנייגט זיך טיף, גייט־אָפּ. רב לוי הײַלפּערין מאַכט־צו די אָפֿענע ספֿרים, וואָס אויפֿן טיש, און טראָגט זיי איבער אײַנציקווײַז אין ספֿרים־שראַנק. — נאָך אַ קורצער פּויזע עפֿנט זיך אַ האַלבע טיר און עס באַווײַזט זיך ווידער אַ מאָל דער שמש).

דער שמש: אַ ייִד פֿרעגט זיך נאָך, צי קאָן ער זיך זען. שפּיראָ הייסט ער.

רב לוי הײַלפּערין: זאָל ער אַרײַנקומען. (עס קומט־אַרײַן דוויד שפּיראָ. דער רב גייט אים אַקעגן).

דוויד שפּיראָ: גוט מאָרגן, רבי! (פֿאַרנייגט זיך מיט גרויס דרך־ארץ).

רב לוי הײַלפּערין: (גיט אים די האַנט, פֿרײַנטלעך). וואָס וועט איר זאָגן גוטס? זיצט. (זעצט זיך אַוועק).

דוויד שפּיראָ: (קווינקלט זיך, בלײַבט שטיין). גוטס פֿרעגט איר, רבי? ווו האָט איר הײַנטיקע צײַטן גוטס? (זיפֿצט, זעצט זיך אַוועק). איך ווייס נישט, אויב איר קענט מיך... נאָר אַז איך וועל אײַך זאָגן, ווער איך בין, וועט איר שוין אַוודאי וויסן. מײַן נאָמען איז דוויד שפּיראָ. פֿון די אמתע שפּיראָס... (קוקט, וואָס פֿאַר אַ ווירקונג עס מאַכט אויפֿן רב, וואַרט אַ ווײַלע און רעדט ווײַטער). פֿון די סלאַוויטער שפּיראָס בין איך. (דער רב זיצט אומגערירט. דוויד שפּיראָ רעדט ווײַטער). איך בין געגאַנגען פֿאַרבײַ, בין איך אַרײַנגעקומען הערן, וואָס הערט זיך מכּח דער דעפּוטאַציע, וואָס איז געגאַנגען הײַנט צום גובערנאַטאָר, און צי ס'איז אמת, וואָס מע זאָגט בײַ אונדז אויף דער בערזע, — איך בין אַליין אַ בערזיאַנער, זאָגט מען אויף דער בערזע, אַז דער גובערנאַטאָר זאָל האָבן באַרויִקט די דעפּוטאַציע און זאָל האָבן געזאָגט, זאָגט מען, אַז מע קאָן זײַן זיכער, אַז קיין פּאָגראָם וועט הײַנטיקן פּסח נישט זײַן.

רב לוי הײַלפּערין: (מיט אַ גרינגן שמייכל). בײַ אײַך אויף דער בערזע ווייסט מען תמיד פֿריִער, וואָס סע טוט זיך. נאָך נישטאָ קיין שעה זינט מיר זײַנען אויפֿגענומען געוואָרן בײַם גובערנאַטאָר — און די בערזע ווייס שוין.

דוויד שפּיראָ: (פּילט זיך עטוואָס פֿרײַער). איר שפּילט זיך מיט דער בערזע? בײַ אונדז אויף דער בערזע האָט מען נאָך געוווּסט נעכטן, וואָס דער גובערנאַטאָר וועט אײַך הײַנט זאָגן... אָבער ס'איז אמת, אַז ער האָט אײַך באַרויִקט?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן : יאָ, ס'איז אמת, ער האָט אונדז באַרויִקט. איך האָב שוין אַפילו באַפוילן, מע זאָל וועגן דעם אויסרופן היינט אין אַלע שולן. צו גאָט אַ האָפענונג, אַז מיר וועלן האָבן אַ רויִקן יום־טוב.

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : דאַנקען גאָט. געלויבט השם יתברך! (פּויזע. קענטיק, אַז ער האָט עפּעס צו זאָגן. קוקט זיך אַף די הענט. אַנטשליסט זיך, טוט פריִער אַ הוסט־אָפּ אַף אַ זייט). האָט קיין פאַראיבל נישט, רבי, איך האָב אגב צו אייך טאַקע אַ שטיקל עסק אויך... דאָס הייסט, נישט קיין עסק, נאָר אַ מין... אַ מין שאלה אַזעלכע... דאָס הייסט, איך בין נישט געקומען פרעגן אַ שאלה, ווי אַ ייִדענע פרעגט, נאָר גלאַט אַזוי עפּעס אַ זאַך האָב איך אייך געוואָלט פרעגן, אַ מין עצה הייסט עס... די מעשה איז אַזוי. איך בין אַ היגער בעל־הבית, שפּיראָ הייס איך, דוויד שפּיראָ, פון די אמתע שפּיראָס, איר פאַרשטייט צי ניין, פון די סלאָוויטער... (פּויזע. קוקט, טאָמער וועט דאָס פּאָרט אַ נעם־טאָן דעם רב).

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן : (פרייִנטלעך). וואָס־זשע האָט איר געוואָלט פרעגן, אייגנטלעך?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : נישט פרעגן, נאָר גלאַט אַזוי, בדרך עצה זיך דורכריידן מיט אייך וועגן אַ זייטיקן ענין, אויב ס'איז דערלויבט... בין איך, הייסט עס, אַ היגער בעל־הבית, און עס קומען אַריין צו מיר פאַרשיידענע מענטשן, צום מיינסטן יונגעלייט, סטודענטן... איך האָב אַ באַקאַנטן קריסט, אַ סטודענט. בעט ער מיך, ער וויל זיצן מיט אונדז באַם סדר... האָב איך געוואָלט הערן פון אייך, רבי, אייער שיקול־הדעת, צי איז כדאַי, למשל, אַז אַ קריסט זאָל זיצן באַ ייִדן גלייך מיט אַלעמען באַם סדר, איר פאַרשטייט צי ניין, אַלס גאַסט?...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן : פאַר וואָס נישט? אדרבה! (מיט אַ שמייכל). זאָל ער זען, וואָס מיר טוען מיט זייער קריסטלעך בלוט אַף פּסח...

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : (אויפגעלעבט). מיינע ווערטער! כאַ־כאַ! פּונקט דאָס אייגענע טענה איך מיט מיין ווייַב: לאָזן זיי זען! לאָזן זיי וויסן! עס קאָן צונוץ קומען אַמאָל. דער גוי איז בטבע, איר פאַרשטייט צי ניין, אַ גאַנץ ווילער גוי... אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניקס אַ זון... כאָטש אַפילו זייער פּראָסט באַ זיך! אָבער טאַקע פּראָסט, וואָס פּראָסט הייסט! באַ אונדז איז ער אַ גאַנצער בן־בית און אינטערעסירט זיך מיט אַלצדינג, וואָס איז שייך צו ייִדישקייט. בעט ער זיך באַ מיר, אַזוי ווי היינט איז באַ אונדז פּסח, וויל ער זיין מיט אונדז אינאיינעם באַם סדר. ער וויל זען, זאָגט ער, ווי אַזוי עס קומט־פאָר באַ אונדז, זאָגט ער, די פּאַסקע? נו, ווי זאָגט מען אים אָפּ? ער קאָן דאָך מיינען טאַקע באמת מי יודע וואָס... טענהט אָבער מיין ווייַב איינס... צו וואָס טויג דיר אַ גוי, אַ איוואַנאָוו, צום סדר?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן: (מיט אינטערעס). ער הייסט איוואנאוו?

ד ו ו י ד ש פ י ר אָ: איוואַנאָוו אַליין איז ווינציק, הייסט ער נאָך איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו.

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן: (גלעזער, נאָך אַ קורצער פּויזע). האָט איר נישט אַ טאָכטער?

ד ו ו י ד ש פ י ר אָ: נאָך וואָס פאַר אַ טאָכטער! אַ בת־יחידה, און, דאַנקען גאָט, אַ געראָטענע, אַ חכמה און אַ יפת־תואר ויפת־מראה, ענדיקט היינטיקן נאָך־פּסח גימנאַזיע. (פּויזע. ווערט מיט אַ מאָל אומרויִק). וואָס פרעגט איר עפּעס, צי איך האָב אַ טאָכטער?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן: (ענטפערט נישט, נאָך אַ קורצער פּויזע). שוין לאַנג, אַז ער גייט־אַריין צו אייך?

ד ו ו י ד ש פ י ר אָ: ווער?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן: אָט דער קריסט איוואַנאָוו.

ד ו ו י ד ש פ י ר אָ: פון תחילת ווינטער אָן, אַלע טאָג כמעט. וואָס איז דען?... (פּויזע). ער איז בײַ אונדז, ווי איך האָב געזאָגט שוין, אַ גאַנצער בן־בית. ווּאָרום גלאַט אָן אַבי אַ וואָסער אַ גוי וואָלט איך נישט אַרײַנגעלאָזט. נאָר אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניקס אַ זון, איר פאַרשטייט צי ניין, און אַן אוהב־ישראל — ווי אַזוי מיינט איר? — פאַר אַ ייִדן איז ער אײַך די כפּרה, סכנת־נפשות! און איז באַקאַנט מיט אַלע אונדזערע ימים־טובים, דינים און מנהגים. מײַן ווײַב זאָגט בדרך ליצנות, אַז אָט דער גוי וועט שוין באַלד קאָנען פּסקענען שאלות...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן: (שלאָגט אים איבער). און ער קען זיך מיט אײַער טאָכטער?

ד ו ו י ד ש פ י ר אָ: ווער?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן: אָט דער קריסט איוואַנאָוו.

ד ו ו י ד ש פ י ר אָ: איך זאָג דאָך אײַך — אַ בן־בית... (ווערט ווידער אומרויִק). אַקעגן וואָס פרעגט איר עס דען?

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן: (שטייט־אויף, גייט אַ פּאָר טריט הין און צוריק פאַרטראַכט, די הענט פאַרלייגט אַהינטער, שטעלט זיך אָפּ, גייט צו צו שפּיראָן, וועלכער איז אויך גלײַך אויפגעשטאַנען און וואַרט אָף אַן ענטפער, רעדט צו אים גלאַסן). גיט אַכטונג אויף אײַער טאָכטער...

ד ו ו י ד ש פ י ר אָ: (איבעראַשט. כאַפּט־אַרויס אַ פאַטשיילע, ווישט זיך דעם שווייס, פּלאָנטעט מיט דער צונג). איך... איך פאַרשטיי נישט, רבי, וואָס... וואָס איר זאָגט... וואָס הייסט, איך זאָל אַכטונג געבן? וואָס געהער זיך אָן אַהער מײַן טאָכטער? וואָס... וואָס פאַר אַ מחותן איז ער מיט מײַן טאָכטער?...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן: (ווייך). באַרויִקט אײַך, זיצט. (שפּיראָ זעצט זיך אַוועק, שטייט אָבער באַלד אויף, ווײַל דער רב שטייט. זעצט זיך דער רב אַוועק, און נאָך אים שפּיראָ). איך וואָלט אײַך אַפילו

נישט באַדאַרפט זאָגן דאָס, וואָס מיר איז איבערגעגעבן געוואָרן בסוד... נאָר אַזוי ווי עס גייט דאָ, ווי איך זע, אין נפש, בין איך מיר מתיר אויסצוזאָגן אַ פרעמדן סוד, און מסתמא וועט איר וויסן, ווי אַזוי צו באַגיין זיך, ס'זאָל נישט אַרויסקומען, אַז דער סוד איז אַרויס פון דאַנען... אָט דער קריסט איוואַנאָוו איז נאָרוואָס געווען באַ מיר.

דוויד שפּיראָ: (העכסט איבעראַשט). איוואַן איוואַנאָוויטש? באַ אײַך? ווען איז ער געווען?

רב לוי הײלפּערין: נאָר־וואָס, מיט עטלעכע מינוט פאַר אײַך.

דוויד שפּיראָ: מיט עטלעכע מינוט פאַר מיר? וואָס האָט ער דאָ געטאָן?

רב לוי הײלפּערין: געקומען זיך אַן עצה האַלטן, וואָס טוט מען? אַזוי ווי אים איז געפעלן אײַער טאָכטער... ער איז פאַרליבט אין איר און וויל זיך צוליב איר מגייר זײַן...

דוויד שפּיראָ: (שפּרינגט־אויף, זעצט זיך אַוועק צוריק, כאַפּט־אַרויס די פּעטשיילע, ווישט זיך דעם שווייס. קאָן נישט אַרויסריידן קיין וואָרט).

רב לוי הײלפּערין: (באַרויִקט אים). איר באַדאַרפט זיך אַזוי נישט אויפרעגן. איר באַדאַרפט דאַנקען גאָט, וואָס חלילה נישט פאַרקערט... הײַנטיקע צײַטן... הײַנטיקע קינדער... אַדרבה... איר דאַרפט עס נאָר וויסן, בכדי איר זאָלט זען וואָס צו טאָן...

דוויד שפּיראָ: (קוים וואָס ער קאָן שוין ריידן). נו, געוויס, געוויס אַזוי... איך דאַנק אײַך, רבי, איך דאַנק אײַך זייער און זייער! (דריקט אים די האַנט). איר האָט מיר געעפנט די אויגן... דעם מוח געעפנט... אַ קלייניקייט?... אַזאַ מעשה!.. אַצינד איז שוין רעכט... אַצינד איז שוין פאַרענטפערט אַ סך קשיות... (שטייט־אויף, טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן). אײַ־אײַ־אײַ, דוויד שפּיראָ! דו מיינסט, ביסט אַ חכם? ביסט אַ נאַר! (אַלע מאָל העכער). ביסט אַ שוטה! אַ פּרא־אָדם ביסטו!... (זעצט זיך אַוועק צוריק). האָט קיין פאַראיבל נישט, רבי, איך בין אַזוי איבעראַשט, עס האָט מיר אַזוי דערהרגעט מײַן קאָפּ, אַז איך ווייס גאָרנישט, וואָס איך רייד!... איר זאָלט וויסן, וואָס דאָ קומט־פאָר! וואָס פאַר אַן אומגליק! ס'איז הימל עפן זיך! צרות מיט צרות! (רײַבט זיך דעם שטערן). ווי זאָגט איר: צער גדול בנים... (פּויזע). איין טאָכטער סך־הכל, און אַ געראָטענע, און שוין דאָ אַ חתן אויך, כמעט אַ חתן, מיט אַ רײַכער באָבע, מיט בראָסלעטן, וואָס איך בין נישט צופרידן, און מײַן ווײַב וויל דווקא יאָ דעם שידוך, פאַרקערט, ס'איז גאָר אַ קריסט, אַ איוואַנאָוו, דעם חתנס אַ חבר טאָקע — גאַנצע פּעק צו דערציילן, אָט אַזעלכע פּעק! (באַווײַזט מיט ביידע הענט). אַן עבירה, ס'איז ערב יום־טוב, איך נעם באַ אײַך צו צײַט... (שטייט־אויף, דער רב נאָך אים). און אַליין האָב איך אויך אַ סך צו טאָן, באַזאָרגן ווײַן אַף אַרבע כוסות, איר פאַרשטייט צי ניין, און נאָך

כדומה אזעלכע ארבעט א סך... האָט מיר אַ גוטן יום־טוב. איך דאַנק אײַך זייער, רבי, פאַר דעם, וואָס איר האָט מיר דאָ די אויגן געעפנט — איצט ווייס איך כאָטש, וווּ איך בין אין דער וועלט!... (געזעגנט זיך). אַ גוטן יום־טוב!

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן : (באַגלייט אים). אַ גוטן יום־טוב. געדענקט נאָר, וואָס איר האָט צו טאָן. נישט געאײַלט זיך, יעדע זאַך פריִער גוט באַטראַכטן, איבערוועגן...

ד ו י ד ש פ י ר אָ : געווים, געווים. אַ גוטן יום־טוב! (לאָזט זיך גיין און קערט זיך באַלד אום צוריק. דאָס פּנים איז מיט אַ מאָל באַ אים פאַרענדערט, ווי עלטער געוואָרן. דער שטערן געקנייטשט. כאַפּט זיך באַם קאָפּ). יאָ! וואָס־זשע הייסט עס? האָט קיין פאַראיבל נישט, רבי, איך נעם צו באַ אײַך נאָך אַ מינוט צײַט... איר זאָגט, איך זאָל ווייסן, וואָס איך האָב צו טאָן... וואָס, אייגנטלעך, איז דאָ צו טאָן? און וואָס, אַשטייגער, האָט איר אים אַן עצה געגעבן, ער זאָל טאָן? איך מיין דעם קריסט, איוואַנאָוון?...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן : איך האָב אים געזאָגט דאָס אייגענע, וואָס איך זאָג אײַך: אַז מע דאַרף זיך גוט באַטראַכטן...

ד ו י ד ש פ י ר אָ : (מיט אַ מאָל אויפגעקאָכט). וואָס הייסט „באַטראַכטן”? וואָס איז דאָ פאַראַן צו טראַכטן? און אַז ער וועט טראַכטן פון הײַנט ביז איבער אַ יאָר, וועט אים שפּיראָ אָוועקגעבן זײַן טאָכטער?! אָט גיי איך אַהיים און קער־איבער די שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פיס אַרויף! וואָס הייסט? ווי קאָן איך דערלאָזן אַזאַ זאַך, אַז מײַן קינד, דוויד שפּיראָס אַ טאָכטער... איר זאָגט, ער איז אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניקס אַ זון און ער וויל זיך צוליב איר מגייר זײַן? און אַז ער זאָל זיך זיבעצן מאָל מגייר זײַן? ניין, איך וועל דאָס נישט דערלאָזן! (וואָס ווײַטער, אַלץ מיט מער היץ). כּל זמן איך לעב, וועט דאָס נישט זײַן! איך וועל אים זאָגן! איך וועל אים דערציילן, ווער די שפּיראָס זײַנען! איך בין אַ שפּיראָ, איר פאַרשטייט צי ניין, אַ שפּיראָ!...

ר ב ל ו י ה י י ל פ ע ר י ן : פונדעסטוועגן זאָג איך אײַך נאָך אַ מאָל: נישט געאײַלט. מע באַדאַרף זיך פריִער גוט באַטראַכטן... ס'איז אַ שווערע הלכה... הײַנטיקע קינדער... אַ ראָמאַן... ווער ווייסט, וווּ עס האַלט באַ זיי?... מע באַדאַרף זיך גוט באַטראַכטן...

ד ו י ד ש פ י ר אָ : (מיט היץ). וואָס איז דאָ צו טראַכטן! ס'איז קלאָר, ווי דער טאָג! אַזוי ווי דער הימל קאָן נישט קומען צו דער ערד! מײַן טאָכטער קאָן נישט חתונה האָבן פאַר אַ גוי, יענער מעג זײַן מי יודע ווער און מעג זיך זיבן און זיבעציק מאָל מגייר זײַן! זי קומט אַרויס, איר פאַרשטייט צי ניין, פון די אמתע שפּיראָס, פון די סלאַוויטער... (מיט פאַרוווּרף, קוקט אָפּן רב שאַרף). איך האָב אײַך געזאָגט שוין עטלעכע מאָל, פון וואָסערע שפּיראָס איך בין, און איר — גאָרנישט... איך זע, אַז איר הערט זיך נישט צו צו מײַנע ווערטער!... די סלאַוויטער האָבן זיך געלאָזט

טרײַבן סקוואַז סטראַי, קנוטעווען האָבן זיי זיך געלאָזט! (נאָך מעט מער היץ). יאָרן־לאַנג אויסגעזעסן אין די טורמעס — און נישט פאַרלוירן זייער שטאָלץ פאַר עשו! זאָל איצטער אַט דעם עשום אַן אייניקל האָבן אַן השגה, אַז שפּיראָס טאָכטער זאָל פאַר אים חתונה האָבן, און איך, דוויד שפּירא, זאָל זיי פירן צו דער חופּה?! (שלאָגט זיך אין האַרצן). סײַדן איך וועל פריִער שטאַרבן! (כמעט מיט טרערן). און אַפילו אַז איך וועל שטאַרבן, וועלן נאָך מײַן טויט אויפשטיין פון די קברים די סלאַוויטער, די געקנוטעוועטע, און וועלן נישט דערלאָזן, אַז אַט אַ יענע גראָבע האַנט עשום, וואָס האָט אַמאָל אויפגעהויבן אַף זיי די רוט, וואָס האָט פון זיי שטיקער פלייש געריסן, זאָל זיך צורירן צו זייערם אַן אייניקל!...

רב לוי היילפּערין: (גערירט, טראַכט אַ ווײַלע). הערט־זשע אויס, מײַן ליבער שפּירא. זיצט, זיצט נאָך אַ ווײַלע. (זעצט אים אַוועק און זעצט זיך אַליין אויך). אין אײַערע ווערטער הערט זיך טאַקע אַ קול פון די אמתע סלאַוויטער — ווער ווייס דאָס נישט די סלאַוויטער? נאָר לאָמיר קאָרשט באַטראַכטן אַצינד די זאַך פּאַוואָלינקע אַרום און אַרום. מע טאָר נישט אײַלן זיך אַזוי, ווי איך האָב אײַך געזאָגט שוין, — ס'איז אַ שווערע הלכה!... מע דאַרף קודם זען, ווי אַזוי זאָל זײַן דערווײַלע מיט דעם קריסט, מיט דעם איוואַנאָוון, וואָס איר האָט אים אײַנגעלאַדן צום סדר?...

דוויד שפּירא: (נאָך אויפגעטראָגן). ווער האָט אים אײַנגעלאַדן? נישט איך האָב אים אײַנגעלאַדן — ער האָט זיך אַליין אײַנגעלאַדן, אײַנגעבעטן זיך! איצט זע איך שוין! איצט פאַרשטיי איך שוין!...

רב לוי היילפּערין: איר האָט דאָך אים אָבער צוגעזאָגט — איז פאַרפאַלן. מוז ער שוין צום סדר בײַ אײַך זײַן. טאָרט איר אים נישט אָפּזאָגן. אַזוי איז מײַן מיינונג, לכל הפּחות — מײַן ראַט.

דוויד שפּירא: (קאָכט זיך). סטײַטש, רבי, וואָס רעדט איר? האָט קיין פאַראיבל נישט. נאָר ווי קאָן איך, שפּירא, נאָך דעם, ווי דער גוי האָט אַזאַ השגה?... ס'איז דאָך הימלשרײַענד! ס'איז דאָך...

רב לוי היילפּערין: (שלאָגט אים איבער). יאָ, איר זײַט פאָלקאָם גערעכט. נאָר מע טאָר נישט זיך גראָב באַגיין מיט אַ מענטשן, ער מעג זײַן ווער ער איז: אַ ייִד, נישט אַ ייִד — אַ מענטש! און אַן איידעלער מענטש, קענטיק... מענטשלעכקייט, גאַסטפרײַנטלעכקייט איז אָן אַלעמען אַ גרויסע זאַך. ובפרט מיר, ייִדן, דאַרפן זײַן מער געהיט, ווי אַלע אַנדערע מענטשן. אַט טאַקע ווײַל מיר זײַנען בײַ זיי אין גלות און ווײַל זיי זאָגן אַף אונדז מי יודע וואָס, באַדאַרפן מיר זיי ווײַזן, אַז מיר זײַנען נישט ערגער, און אַמאָל אפשר נאָך בעסער פון זיי. איר זײַט דאָך אַ שפּירא, באַדאַרפט איר דאָס פאַרשטײן... (שטייט־אויף).

דוויד שפּירא: (אויך אויפגעשטאַנען. אַ ביסל ווייכער). געוויס פאַרשטיי איך, וואָס איר מיינט. ווער רעדט פון אַרויסטרײַבן? אַרויסטרײַבן וועל איך אים נישט. אַזוי גראָב בין איך אויך נישט. און אַז איך האָב אים צוגעזאָגט, איז צוגעזאָגט. שפּירא, אַז ער זאָגט אַ וואָרט,

איז פארפאלן. נאָר די פלענער זײַנע וואָס ער האָט געבויט (ווידער אויפ־געקאָכט), דאָס, וואָס דער גוי האָט דאָרט געגראָבן הינטער מײַנע פּלייצעס, וועל איך צעשלאָגן! דאָס, וואָס ער מיינט, וועט נישט זײַן! (מיט פײַער). קיינמאָל נישט און פאַר קיין פאַל נישט אין דער וועלט! דאָס קאָנט איר אײַך שוין פאַרלאָזן אַף מיר! דאָס זאָגט אײַך דוויד שפּיראָ, פון די אמתע שפּיראָס, איר פאַרשטייט צי ניין, פון די סלאַוויטער!... אַ גוטן יום־טוב און אַ גוטן תמיד. (געזעגנט זיך מיטן רב. דער רב באַגלייט אים צו דער טיר).

דער פאָרהאַנג פאַלט.

ענדע פונעם דריטן אַקט.

פערטער אַקט

(באַ שפּיראָז איז שוין אַלץ פּסחדיק גרייט צום סדר. אויבנאָן דאָס היסב-בעט — צוויי קישנס, מיט אַ ווײַס לײַלעך איבערגעדעקט. אויפן היסב־בעט ליגן צו־געגרייט אַ ווײַסער קיטל, אַ ווײַסער זײַדענער גאַרטל מיט אַ ווײַסער זײַדענער יאַרמעלקע, אַן אַלטע, שוין געלבלעך פון דער צײַט, מיט זילבער באַברעמט און מיט אַ זײַדענעם קאַטעם אַראָפּגעהאַנגען. אויפן טיש ליגן מצות, שטייען כוסות. פון צוויי גרויסע גראַפינעס פינקלט אַרויס דער ווײַן. באַם אויבנאָן שטייט די קערה. אויף דער קערה ליגן אין אַ געהעריקן סדר: אַ פליגעלע, אַ גערגעלע, אייער, אָפּגעשיילטע קאַרטאָפלעס, אָנגעריבענער כריין (מרור), צעשטויסענע ניס מיט עפּל (חרוסת) און אַ קליין גלעזל מיט זאַלצוואַסער. טעלעכע הגדות, גרויסע און קליינע. — אויף דער סצענע באַווײַזט זיך פון דער זײַטיקער טיר דוויד שפּיראָ, אַ האַלב־אָנגעטאָענער אין נײַע מלבושים, מיט אַן אויסגעפּרעסט אייבערשט העמד, מיט שלייקעס, און אַ קאָלנער. ער איז שטאַרק צעטראָגן).

ד וו י ד : (הויך). שרה! בעטי! סיאָמקע! וווּ זײַט איר אַלע? אויס־געשטאָרבן? (פון דער קיכטיר ווײַזט זיך שרה שפּיראָ, נאָך אין די וואָכע־דיקע מלבושים, מיט אַ נײַ הילצערן לעפל אין האַנט.)

ש ר ה ש פּ י ר אָ : וואָס איז דאָרטן? וואָס האָסטו זיך צעשריגן, ווי אויף אַ פּאָזשאַר?

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : ווער האָט דען געשריגן? גאָרנישט אָנגע־הויבן צו שרײַען! האָסט מיר צוגעגרייט אַ העמד — וווּ איז אַ קאָלנער?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : דאָרט וווּ דאָס העמד, דאָרט איז דער קאָלנער. זוך, וועסטו געפינען, האָסטו געהערט אַביסל!

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : וווּ האָב איך צײַט צו זוכן? אַ שעה אַז איך זוך... (גייט־אָפּ צוריק).

ש ר ה ש פּ י ר אָ : אַ שעה אַז ער זוכט! (גייט־אָפּ אין קיך. — אין אַ האַלבער מינוט אַרום קומט־אַרויס ווידער דוויד שפּיראָ, שוין מיט אַ קאָלנער, נאָר אָן אַ שניפּס. ער שפּיליעט דעם קאָלנער. דער קאָלנער וויל זיך נישט פאַרשפּיליען. דאָס מאַכט אים נאָך מער נערוועז).

ד וו י ד ש פּ י ר אָ : שרה! שרה!...

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (קומט נאָך אַ מאָל אַרויס פון קיך, שוין אָן אַ לעפל). וואָס איז שוין ווידער?

דוד שפירא: (שפּילענדיק דעם קאַלנער). האָסט מיר צו־גענרייט אַ העמד מיט אַ קאַלנער — ווּ איז אַ שניפּסל?

שרה שפּירא: וואָס טוט זיך עס מיט דיר? דאָרט ליגט אַלצ־דינג. דאָרט ליגט דאָס שניפּסל. אפילו דעם צילינדער האָב איך דיר דאָרט צוגעגרייט. וואָס ביסטו אַזוי צעטראָגן, דוויד? ביסט מיר עפּעס זייער צעפּלאָכטן!

דוויד שפּירא: (הערט נישט אויף צו טאָן מיטן קאָלנער). מע קאָן זײַן צעפּלאָכטן, אַז מע האָט עפּעס צו ריידן מיט אַ ווײַב אַ נייטי־קע זאַך — און מע קאָן נישט!

שרה שפּירא: וואָס הייסט מע קאָן נישט? (גייט־צו צו אים. אומרויִק). אַ נייטיקע זאַך? וואָס האָסטו נישט געזאָגט ביז אַהער?

דוויד שפּירא: (נאָך אַלץ נישט פאַרטיק מיטן קאָלנער). ווי האָב איך געקאָנט ביז אַהער, אַז ס׳איז ערב יום־טוב? ווײַן אויף ארבע כוסות האָט מען באַדאַרפט ברענגען? און אַרומוואַשן זיך דאַרף מען אויך? און אָנטאָן זיך אויך? (פּויזע). ס׳איז אַ מיאוסער עסק, שרה, זייער אַ מיאוסער עסק! (קוקט זיך אַרום, רעדט שטיל). איך בין געווען באַם רב, באַ רב לוי הײַלפּערין...

שרה שפּירא: (שטאַרק אומרויִק). וואָס האָסטו געטאָן באַם רב פּלוצים ערב פּסח?

דוויד שפּירא: ששש!... (קוקט זיך אַרום). נאָר נישט גע־פּילדערט, וועל איך דיר דערציילן אַלצדינג. (קוים פאַרשפּיליעט דעם קאָלנער). די רגע קום איך אַרויס... (גייט־אָפּ צו זיך. שרה בלײַבט אַליין).

שרה שפּירא: וואָס טוט זיך עס מיט אים?... „געווען באַם רב"... „אַ מיאוסער עסק"... זאָל איך אַזוי וויסן בייז, אויב איך הייב אָן פאַרשטיין, וואָס ער מיינט... (עס קומט אַרויס דוויד שפּירא, שוין אינגאַנצן אָנגעטאָן, מיטן צילינדער אין האַנט, שרה גייט אים אַקעגן, אומגעדולדיק). נאַט איז מיט דיר, דוויד, דערצייל שוין, וואָס האָט זיך געטראָפן? וואָס פאַר אַ מיאוסער עסק?

דוויד שפּירא: (נעמט אַרויס די פאַטשיילע און גלעט דעם צילינדער. קוקט זיך אַרום). איצט איז נישטאָ קיינער? פריִער נישט גע־קאָנט ריידן מיט דיר. אַז מע דרייט זיך אַרום, טאָ דער, טאָ יענער. (שטיל). ווּ זײַנען די קינדער?

שרה שפּירא: (אויך שטיל). די קינדער טוען זיך אָן. זיי וועלן באַלד אַרויסקומען. דערצייל שוין גיכער. צי נישט די עצמות!

דוויד שפּירא: הערך נאָר אויס, שרה, נאָר איך בעט דיך, ס׳זאָל זײַן שטיל... ס׳אַ שלעכטע מעשה מיט אונדזער בעטין... נישט מיט בעטין, נאָר מיט אונדזער קוואַרטיראַנטס חבר. איך מיין, מיט אונדזער איוואַן איוואַנאָוויטש...

שרה שפּירא: (ברעכט די הענט). וויי איז מיר! וואָס איז שוין?

דוויד שפּיראָ: האָב צײַט — אַט דערצייל איך דאָך דיר!... איך בין געוועזן באַם רב, באַ רב לוי היילפּערין...

שרה שפּיראָ: וואָס האָסטו געטאָן באַ רב לוי היילפּערין?

דוויד שפּיראָ: גלאַט אַזוי אַרײַנגעגאַנגען. און אגב — אַ פרעג טאָן אים, צי ס'איז נישקשה, אַז אַ קריסט, איוואַן איוואַנאָוויטשן האָב איך געמיינט, זאָל זיצן מיט אונדז באַם סדר?

שרה שפּיראָ: (הויך). האָט ער געזאָגט מסתמא, אַז ניין? מײַנע רייד! וואָס האָב איך דיר געזאָגט?

דוויד שפּיראָ: ששש!... אַקוראַט פאַרקערט! נאָר נישט דאָס — האָב צײַט, כאַפּ נישט איינס פאַר דאָס אַנדערע! הקיצור, ווער איך געוויר באַם רב אַ שיינע זאַך... (קוקט זיך אַרום). אַז אונדזער קריסט, איוואַן איוואַנאָוויטש מיין איך, איז מיט פינף מינוט פריִער פאַר מיר אויך געוועזן באַם רב, באַ רב לוי היילפּערין, און אויך מכח אַן עצה האַלטן זיך.

שרה שפּיראָ: אַן עצה האַלטן זיך? אַז וואָס?

דוויד שפּיראָ: (קוקט זיך אַרום. גאַנץ שטיל). אַז ער וויל זיך מגייר זײַן... איוואַן איוואַנאָוויטש, הייסט עס, וויל זיך מגייר זײַן.

שרה שפּיראָ: (הויך). איוואַן איוואַנאָוויטש? מגייר זײַן? וואָס'ט זיך מיר געחלומט!... משוגע געוואָרן?

דוויד שפּיראָ: ששש! וואַרט־אויס! וועסט הערן, צוליב וואָס! עס האָט מיך אַזוי אויפגעטראָגן, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן, אַז איך וועל דאָרט די אַפּאָפּלעקציע באַקומען! ער האָט מיר דעם קאָפּ אַראָפּגענומען, און איך האָב מיר גאָר קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען!

שרה שפּיראָ: (פאַרשטייט נאָך נישט). צוליב וואָס־זשע וויל ער עס טאָן, דער משוגענער גוי?

דוויד שפּיראָ: (קוקט זיך אַרום, רעדט נאָך שטילער). צוליב דעם וויל ער זיך מגייר זײַן, ווײַל ער איז פאַרליבט, זאָגט ער, אין... אין... אין אונדזער בעטין, און וויל, זאָגט ער, מיט... מיט... מיט... מיט איר האָבן חופה וקידושין... נו? הערט זיך אַזעלכס?

שרה שפּיראָ: (אַ פלעסק מיט די הענט, שרײַט־אויס אַף אַ קול). אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטן! (ברעכט די הענט, טראָגט זיי צו צום האַרצן). איך האָב אָבער געוווּסט, אַז דאָ איז עפּעס! דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז ס'איז נישט גלאַט, אַז דער גוי פּלאָנטעט זיך מיר דאָ נישט אומזיסט... אַלע בייזע, וויסטע, פינצטערע חלומות! נאַ דיר גאָר אַ קריסט! אַ איוואַן איוואַנאָוויטש! און ווער האָט אים פאַרנאַדעט, אַז נישט דו?

דוויד שפּיראָ: איך?

שרה שפּיראָ: ווער דען — איך? באַ מיר וואָלט ער שוין לאַנג געפּענט מיטן קאָפּ די טיר! האָסטו זיך אָנגעקלעפּט אין אים, אַז ער האָט אַ ייִדיש פּנים מיט אַ ייִדישער נאָז!

דוויד שפּירא: אַ ייִדישע נאָז — דאָס איז געווען דײַנע ווערטער. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז ער האָט אַ ייִדישע נשמה... נאָר נישט דאָס איז דער עיקר אַצינד. איצט באַדאַרף מען צוטראַכטן עפּעס אַן עצה, ווי אַזוי ווערט מען זײַנער פּטור?

שרה שפּירא: וואָס פאַר עצות דאַרף מען זוכן? מע דאַרף אים געבן דעם וועג — און שוין!

דוויד שפּירא: (מיט שרעק, רעדט שטיל). זאָל גאָט היטן! וואָס רעדסטו? מע באַדאַרף זיך באַטראַכטן פריִער...

שרה שפּירא: וואָס איז דאָ צו טראַכטן, האָסטו געהערט אַבּיסל? (הויך). מע באַדאַרף אים (צעצויגן) אַרויסטרײַבן! אַרויסיאָגן!

דוויד שפּירא: (שטיל). ששש!... נאָר נישט געיאָגט און נאָר נישט געטריבן! זאָל דיך גאָט היטן, שרה, פון דאַנען אַהין אָן מיר! דו הערסט, וואָס איך זאָג? ס'וועט זיך טאָן חושך! וועסט פאַרקאָכן אַ קאַשע! וועסט אונדז מאַכן אומגליקלעך אַלעמען! דו פאַרשטייסט גאָר־נישט, וואָס דאָ טוט זיך! דאָ איז אַ ראָמאַן — ווייסטו כאָטש, וואָס דאָס הייסט? (קוקט זיך אַרום, רעדט נאָך שטילער). דאָס איז בײַ זיי אַן אָפּגערעדטע זאַך פון פריִער!

שרה שפּירא: (פאַרברעכט די הענט). ווײ איז מיר! און וואָס איז מיט שניאורסאָנען?

דוויד שפּירא: אַפּנים, אַ נעכטיקער טאָג?

שרה שפּירא: וואָס רעדסטו, דוויד? און וואָס איז מיטן שידוך?

שרה שפּירא: און דאָס, וואָס ער האָט איר געוואָלט שענקען אַ בראַנזעליעט? און דאָס, וואָס ער שרײַבט אַלע מאָל בריוו צו דער באַבושקע?...

דוויד שפּירא: (אַ פּאָר מאָל שפּאַנט ער אַרום און בלײַבט שטיין). ס'איז דיר אַן אַקציע מיט איר! מיר האָט זיך אויפגעקאָכט דאָס גאַנצע בלוט, אַז איך האָב דערהערט אַזאַ מעשה, און זי רעדט גאָר פון בראַנזעליעטן מיט באַבושקעס! איך בין שיער משוגע געוואָרן נאָר פון דעם געדאַנק אַליין, אַז עשו קאָן גאָר האָבן אַ השגה אויף די סלאָוויטערס אַן אייניקל, און איר ליגט אין זינען בראַנזעליעטן! באַבושקעס קריכן איר אין קאָפּ אַרײַן!

שרה שפּירא: וואָס־זשע האָט זי געשוויגן ביז אַהער?

דוויד שפּירא: (שטעלט זיך אָפּ, טײַט איר מיט אַ פינגער). דאָס דאַרפסטו פרעגן בײַ איר! דערויף ביסטו אַ מאַמע!

שרה שפּירא: (ברעכט די הענט). ווײ איז מיר! ווינד איז מיר! פאַרפּינצטערט בין איך געוואָרן!

דוויד שפּירא: איצט איז נישט קיין צײַט פון ברעכן די הענט און פון גוואַלדעווען. איצט דאַרף מען עפּעס צוטראַכטן, דו פאַרשטייסט צי ניין, געפינען עפּעס אַן עצה. אָבער שטיל, מיט שכל און מיט

אַ גאַנג, נישט פּי־פּו־פּאַ, גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, און אָן גוואַלדן, אָן פּילדערײַען! דער רב, רב לוי היילפּערין, איז גערעכט. ס'איז, זאָגט ער, אַ שווערע הלכה! ס'איז אַן אײדעלע מאַטעריע, זאָגט ער... כ'האָב שוין גענוג געטראַכט דעם גאַנצן טאָג! (כאַפּט זיך באַם קאָפּ). דער קאָפּ ווערט מיר אָקערשט נישט צעפּאַלן אַף שטיקלעך! (פּויזע). דערווײַל איז יום־טוב און מע דאַרף גיין דאַוונען. (קוקט זיך אַרום). דאָ וועט קומען דער קריסט... אים געגעבן דאָס וואָרט — פּאַרפאַלן! וואָס וועט ער טראַכטן, אַז מע וועט אים איצט אָפּזאָגן פונעם סדר? רב לוי היילפּערין זאָגט אויך דאָס אײיגענע: אַ מויל, זאָגט ער, איז נישט קיין כאָלעווע. ובפרט, זאָגט ער, באַ שפּיראָן... קודם כל, זאָגט ער, איז מענטשלעכקייט... אַ מענטש! דו פאַרשטייסט, צי ניין? דער עיקר — דו זאָלסט זיך נאָר נישט אַרײַנמישן דערווײַל. דו לאָז עס איבער אינגאַנצן אַף מיר! לאָזן נאָר איבערגיין די סדרים פריִער, די ערשטע טעג יום־טוב, וועל איך שוין מיט אים ריידן, וועל איך שוין טאָן אַלצדינג — קאָנסט שוין זײַן זיכער, אַז באַ מיר וועט ער אַליין אַוועק. (מיט פײַער). ער וועט באַ מיר אַוועק ווי דער ליבער שבת־קודש גייט־אַוועק! ער וועט אַפילו נישט וויסן, פאַר וואָס און פאַר וועןֹ! זײַ זיכער! דאָס וועט נישט זײַן, אַז דוויד שפּיראָס טאָכטער, וואָס קומט־אַרויס פון די סלאַוויטער... (עס קומט אָן ס י אָ מ ק ע , אַן אויסגעצוואָגענער. אָנגעטאָן יום־טובדיק אין זײַן אוניפאָרם, מיט אַ ווײַס קעלנערל, האַלט אַ גרויסן מחזור אונטערן אָרעם).

ס י אָ מ ק ע : (טראָגט־צו דעם פאָטער דעם מחזור). טאַטע, אָט דאָס איז דער מחזור, וואָס דו דאַרפסט?

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : (עפנט־אויף דעם טאָוול, לייענט). „מחזור לראש־השנה ויום־הכפּורים”... געטראָפן, ווי אַ בלינד פערד אין גרוב אַרײַן! (גיט אים אָפּ). דאָרט, אַף דער קאָמאָדע, גיי, ליגט אַן אַנדער מחזור! שטייט אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות: „מחזור לשלש רגלים”... יאָרן! שפּיראָס אַ יִינגעלע זאָל נישט וויסן קיין חילוק פון אַ מחזור ביז אַ מחזור... (סיאָמקע לויפט צוריק נאָכן מחזור. דוויד שפּיראָ צום ווײַב). איך בעט דיך נאָך אַ מאָל, שׂרה, ווי גאָט איז דיר ליב! ווי אין אַן אויג אַ שטאָך! ס'איז אַ שווערע הלכה, אַן אײדעלע מאַטעריע... מע באַדאַרף דאָ זײַן זייער־זייער פאָרזיכטיק! (עס קומט־אָן סיאָמקע מיטן מחזור).

ס י אָ מ ק ע : (עפנט־אויף, ווײַזט דעם פאָטער מיטן פינגער, לײיענט אַף אַ קול, צעצויגן). „מח ־ זור ־ ל ־ ש ־ לש ־ רג ־ ל ־ ים”...

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : (נעמט דאָס קינד פאַרן אויערל). רגלים, נישט רגלים! נישט געדאַכט זאָלסטו ווערן — אַ בר־מצווה־בחורל און קומט אַרויס פון די סלאַוויטער!... קום אין שול אַרײַן! (טוט אָן דעם צילינדער. צום ווײַב). געדענק זשע, שׂרה, וואָס איך האָב דיר געזאָגט (שטיל, טראָגט־צו אַ פינגער צום מויל): ווי גאָט איז דיר ליב! ווי אין אַן אויג אַ שטאָך!... (גייט־אָפּ מיט סיאָמקען אין שול אַרײַן. — עס קומט־

אַרויס פון איר צימער ב ע ט י . שרה שפּיראָ וואַרפט אַ זײַטיקן קוק אַף דער טאָכטער, נעמט זיך איבערשטעלן די כוסות).

ב ע ט י : (אָנגעטאָן יום־טובדיק, שיין פאַרקעמט. שטעלט זיך אַוועק אַקעגן שפּיגל, מאַכט צו־רעכט די פּריזורקע. צו דער מוטער). מאַמע! געפעלט דיר די פריזורקע? האָסט דאָך ליב, אַז איך גיי אַזוי פאַרקעמט. האָ? מאַמע? (שרה שפּירא זעט איר פּנים דורכן שפּיגל, ענטפערט נישט. בעטין וווּנדערט עס. זי דרייט זיך אויס צו דער מוטער). פאַר וואָס ענטפערסטו נישט, מאַמע? און וואָס ביסטו אַזוי פאַרצאָרנט? צוליבן יום־טוב?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (טוט איר אַרבעט). אַז מע האָט אַזאַ טאָכטער, ווי דו, קאָן מען זײַן פאַרצאָרנט.

ב ע ט י : (גייט־צו נאָענט צו דער מוטער). וואָס איז שוין, מאַמע? וואָס פאַר אַ נײַעס?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : פאַר וועמען ס'איז אַן אַלטס, פאַר מיר איז דאָס אַ נײַעס... (הער־אויף איבערשטעלן די כוסות). איך האָב גאָרנישט געוווּסט, טאָכטער, אַז בײַ דיר איז דאָ אַזעלכע פאַרבאָרגענישן מיט אַזעלכע סודות... איך האָב זיך קיינמאָל נישט גערעכט אַף דיר, אַז דו זאָלסט זײַן אַזאַ פאַרביסענע און אָפּטאָן אונדז אַזאַ זאַך...

ב ע ט י : (איבערראַשט). וואָס פאַר סודות? וואָס פאַר אַ פאַרביסענע? און וואָס פאַר זאַכן האָב איך אָפּגעטאָן?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : דער טאַטע איז אויס מענטש. ער וועט דאָס, זאָגט ער, נישט אויסהאַלטן! און איך וועל מסתמא אויך שטאַרבן פאַר דער צײַט... (באַהאַלט דאָס פּנים אין פאַרטעך, וויינט).

ב ע ט י : (דערשראָקן, נעמט זי אַרום). מאַמוניו! גאָט איז מיט דיר! וואָס קומט דאָ פאָר? איך וויים גאָרנישט פון וואָס צו זאָגן!

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (הייבט אויף די פאַרוויינטע אויגן, באַטראַכט די טאָכטער). אַנו, קוק מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן! ווי קאָנסטו זאָגן אַזעלכס? ווי קאָנסטו עס אָפּלייקענען מיר, אַ מאַמע, אין די אויגן?... (פּויזע). וואָס האָט געטאָן דער גוי בײַם רבֿ?

ב ע ט י : (שטוינט). וואָסער גוי? בײַ וועלכן רבֿ?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : זע נאָר, ווי גלײַך זי קוקט מיר אין פּנים אַרײַן! (פּויזע. שטרענג). זאָג נאָר, וואָס האָט געטאָן איוואַן איוואַנאָוויטש בײַם רבֿ, רבֿ לוי הײלפּערין?

ב ע ט י : (שטאַרק איבערראַשט, ווערט רויט). איוואַן איוואַנאָוויטש בײַם רבֿ? בײַ היילפּערין? וואָס האָט ער דאָרטן געטאָן?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : איך מיין, אַז דו ווייסט עס בעסער פון מיר און פריִער פון מיר... קוק זי נאָר אָן, ווי זי טאַפּט וווערטער! נעבעך אַ רחמנות! זי ווייסט גאָרנישט פון דער גוטער בשורה, אַז דער גוי איוואַן איוואַנאָוויטש וויל ווערן אויס גוי!...

ב ע ט י : (אויפגעשײַנט). איוואַן איוואַנאָוויטש וויל ווערן אַ ייִד?

שרה שפּירא: אַ גדולה אַף דער באָבע! און אַ שײַנדעלע פּאָר אונדז אַלעמען! און דאָס איז דאָך אינגאַנצן צוליב דיר, וואָרעם ער איז דאָך נאָך דיר די כּפּרה — דאָס האָב איך שוין לאַנג אַרויסגעזען, און דו האָסט עס אוודאי גוט געוווּסט, — און נאָך דעם אַלעמען האָסטו אַ פּאַטעפּאַלנאָסט מיר קוקן גלײַך אין די אויגן אַרײַן און אײַנריידן מיך, אַז דו ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן?!

בעטי: (כאַפּט זיך באַם האַרצן). מאַמע! איך שווער דיר בײַ מײַן לעבן, אַז די געשיכטע מיטן רב, מיט הײַלפּערין, הער איך דאָס ערשטע מאָל פון דיר!...

שרה שפּירא: (מיט גיפט). אַזוי? ס'איז גאָרנישט קיין אָפּגערעדטע זאַך בײַ דיר מיטן גוי פון פריִער? דער רב רב לוי הײַלפּע־רין איז דאָך מסתמא אַ ליגנער? אָדער דער טאַטע האָט דאָס אוודאי פֿור־נעם קאָפּ אויסגעטראַכט?

בעטי: (אויפגערעגט). מיר דאַכט, מאַמע, אַז מיך קענסטו אויך נישט פאַר אַזאַ גרויסע ליגנערן. איך האָב אײַך ביז אַהער נאָך מיט קיין זאַך נישט געליגנערט! (מיט האַרץ). אַז איך שווער דיר בײַ מײַן לעבן, אַז איך הער עס ערשט פון דיר, גלייבסטו מיר נישט און הערסט נישט אויף מיך צו באַוואַרפן מיט שטעכווערטלעך!...

שרה שפּירא: מיט שטעכווערטלעך? עס קאָן שוין גוט שטעכן און ברעכן מײַנע שונאים, אַז מע דערמאָנט זיך, אַז דו האָסט גענומען בידים און האָסט צעשלאָגן אַזאַ גליק! איך רייד שוין נישט פון דער באָבושקע — איך רייד פונעם קרן: אַזאַ גאָלדענער בחור, אַ טאַטנס אַ קינד, אַ פּאַמיליאַנט, קומט־אַרויס פון אַזאַ משפּחה!...

בעטי: (שוין גאָר אויפגערעגט, צעשרײַט זיך). אָבער וואָס ווילט איר האָבן פון מײַן לעבן? וואָס האָט איר זיך אַלע אָנגעזעצט אַף מיר? אַלע אַף מיר!... (פאַלט אַף אַ שטול, באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט, וויינט שטילערהייט. — עס דערהערט זיך אַ קלונג. שרה שפּירא לויפט עפענען און קומט באַלד אַרויף צוריק).

בעטי: (הייבט־אויף דאָס פאַרוויינטע פּנים). ווער איז?

שרה שפּירא: (בייז). דער גר.

בעטי: וואָסער גר?

שרה שפּירא: דײַן איוואַן איוואַנאָוויטש! (בעטי. כאַפּט זיך אויף,ווישט זיך אויס די אויגן, מאַכט אַ באַוועגונג אַוועקצוגיין, נאָר בלײַבט שטיין. שרה שפּירא גייט־אָפּ אין דער טיר, פון וואַנען איר מאַן איז פריִער אַרויסגעקומען, רעדט בעת מעשה צו דער טאָכטער). איך גיי זיך דערווײַל אָנטאָן און בענטשן ליכט. (עס קומט־אָן שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, שוין נישט אין סטודענטישער אוניפאָרם, נאָר אין אַ שוואַרצן אָנצוג, אין וועלכן עס זעט זיך נאָך מער רעליעף אַרויס זײַן סעמיטישער טיפּ. די האָר, אָנגעפּאַרפומירט מיט פעטן, זעען־אויס נאָך מער שוואַרץ און נאָך מער געגרייזלט, ווי אַלע מאָל).

שניאורסאָן: (אויפגעלייגט, צו בעטין, גיט איר די האַנט). אײַער פֿאָטער איז געווען אַזוי ליבנסווירדיק און האָט מיר דערלויבט בײַצוּווינען מיט אײַך די צערעמאָניע פֿון אײַער יום־טוב... (קוקט זיך אַרום). ווו איז ער? מסתמא נאָך אין שול? אַ שאָד, וואָס ער האָט נישט געוואָלט מיך מיטנעמען אויך אין שול. דאָס וועט שוין זײַן, זאָגט ער, צו פֿעט... (בעטי זעצט זיך, בעט אים אויך זיצן. זי איז צעטראָגן). וואָס איז עפּעס אײַער מוטער אַזוי בייז אױף מיר? זי האָט מיר נישט געענטפֿערט אױף מײַן גוטן־אָוונט, און אױף מײַן גראַטולירן זי מיטן פֿײַערטאָג האָט זי עפּעס אַ מורקע געגעבן און איז אַנטלאָפֿן געוואָרן... (פּויזע). און איר, בערטאַ דאַווידאָוונאַ, אויב איך האָב קיין טעות נישט, זײַט מיר עפּעס אויך נישט אַזוי, ווי אַלע מאָל... (בייגט זיך צו צו איר נאָענט). וואָס איז געשען, בערטאַ דאַווידאָוונאַ? וואָס קוקט איר אױף מיר מיט אַזעלכע אויגן?

בעטי: (קוקט איר גלײַך אין די אויגן. רעדט שטיל. דאָס קול ציטערט). איר האָט מיר פֿאַרשאַפֿט, איוואַן איוואַנאָוויטש, גרויסע, גרויסע אומאַנגענעמלעכקייטן! (פֿון יענער זײַט טיר באַווײַזט זיך שרה שפּיראַ, אַ האַלב־אויסגעטאָנע, און ווינקט צו דער טאָכטער מיט די הענט, גיט איר צייכנס, זי זאָל נישט ריידן. בעטי זעט דאָס, און שניאורסאָן, וואָס זיצט מיטן פּנים צו בעטין און מיטן רוקן צו דער טיר, זעט דאָס נישט).

שניאורסאָן: (צו בעטין). איך? אײַך? אומאַנגענעמלעכקייטן? מיט וואָס, צום בײַשפּיל?

בעטי: (ענטפֿערט נישט באַלד). מיט אײַער וויזיט באַם רב...

שניאורסאָן: (שטוינט). וואָסער וויזיט? בײַ וועלכן רב? (שרה שפּירא באַווײַזט זיך נאָך אַ מאָל, רופֿט מיט ענערגישע צייכנס בעטין צו זיך. בעטי זעט דאָס, רירט זיך נישט פֿון אָרט).

בעטי: (צעמישט פֿון דעם, וואָס די מוטער שטערט זי). יאָ, יאָ... וואָס פֿרעגט איר מיך איבער עטלעכע מאָל? צו וואָס אָפּלייקענען פֿון מיר? פֿון מיר!... (פּויזע. — רעדט שטיל, אויפגערעגט). איר זײַט געווען באַם רב זיך באַראָטן וועגן אַזאַ וויכטיקן שריט, וואָס איר גייט טאָן... צוליב... צוליב מיר... און בײַ מיר האָט איר גאָרנישט געפֿונען פֿאַר נייטיק צו פֿרעגן?!... וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?... וואָס קוקט איר מיך אָן? וואָס מאַכט איר זיך ווי איבערראַשט?... איר וועט דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז איר זײַט געווען באַם רב? היילפֿערין רופֿט מען אים...

שניאורסאָן: (שטוינט). איך? באַם רב? בײַ היילפֿערין? איך הער דעם דאָזיקן נאָמען דעם ערשטן מאָל פֿון אײַך אַצינד! איך שווער אײַך בײַ מײַן ערן־וואָרט! (שרה הערט נישט אויף צו רופֿן די טאָכטער מיט צייכנס).

בעטי: (שוין גאָר צעמישט). אַצינד ווייס איך שוין ווידער נישט, וואָס דאָ קומט פֿאָר... וואָס טוט זיך דאָ אַרום מיר?... אַז איך וועל נישט אַראָפּ פֿונעם זינען, וועט טאַקע זײַן אַ וווּנדער!... (כאַפּט זיך באַם קאָפּ).

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (מיינט, אַז די טאָכטער האָט נישט געזען, אָדער נישט פאַרשטאַנען, אירע צייכנס, רופט זי הויך). קום נאָר אהער, בעטי, אַף אַ ווײַלע — איך דאַרף דיך האָבן! נו־זשע! גיכער! דער טאַטע וועט באַלד קומען פון שול, און איך דאַרף נאָך ליכט בענטשן, האָסטו גע־הערט אַ ביסל! (בעטי הייבט זיך אויף אָן חשק, גייט צו דער מוטער).

ש נ י א ו ר ס אָ ן : (אַן איבערראַשטער, שפּאַנט־אום עטלעכע מאָל הין און הער, שטעלט זיך אָפּ, לייגט־צו אַ פינגער צום שטערן. נאָך אַ קור־צער פּויזע). אַאַא?... איצט פאַרשטיי איך שוין!... (ווײַזט אַף יענער זײַט טיר, ווו זײַן חברס צימער געפינט זיך). אָט דאָ ליגט דער הונט באַ־גראָבן!... (לאָזט זיך אַהין, הערט זיך אײַן, קלאַפּט־אָן אין דער טיר. אין דעם קומט־אָן פון פאָדערצימער דער אמתער איוואַנאָוו, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן, יום־טובדיק אָנגעטאָן, מיט אַ פריש געראַזירט פּנים און מיט אַ גרויסן בוקעט בלומען אין האַנט. דער אמתער שניאורסאָן גייט אים אַקעגן. זיי באַגריסן זיך. שניאורסאָן צום חבר). אָן אַ קלונג?

א י וו אַ נ אָ וו : איך האָב אַ שליסל. (באַווײַזט אים דעם שליסל. לייגט־אַוועק דעם בוקעט אַפן טיש).

ש נ י א ו ר ס אָ ן : וואָס פאַר בלומען אין מיטן דרינען?

א י וו אַ נ אָ וו : לכבוד אײַער פּאַסכאַ...

ש נ י א ו ר ס אָ ן : פאַר וואָס האָסטו שוין נישט פאַרכאַפּט אין איינוועגס אַ חמצדיקן טאָרט אויך? וואָלט דיך שפּיריכע אַרויסגעוואָרפן מיטן טאָרט און מיט די בלומען אינאיינעם...

א י וו אַ נ אָ וו : (לאַכט). אַ כאָמעץ — דאָס ווייס איך, אַז מע טאָר נישט... (קוקט זיך אַרום). איך זע, הערשקאָ, אַז דו ביסט שטאַרק אויפגע־לייגט לכבוד יום־טוב? דאָס האָב איך דיר צוגעהאָלפן באַם בעל־הבית, ער זאָל דיר דערלויבן צו זײַן באַ דער צערעמאָניע פון אײַער פּאַסכאַ.

ש נ י א ו ר ס אָ ן : אַזוי? אַ שיינעם דאַנק דיר דערפאַר!

א י וו אַ נ אָ וו : (לאַכט). אַ קאָמישער מענטש אָט דער שפּיראָ! ער האָט זיך אַ מאָל דרײַ מיט מיר בעראָטן, צי זאָל ער דיר עס דערלויבן, צי ניין? אָט איז באַ אים אויסגעקומען יאָ, און אָט — ניין. ער האָט אַלץ געציטערט, טאָמער זאָגט ער דיר אָפּ, זאָלסטו נישט איבערטראַכטן וועגן יידן גאָט ווייסט וואָס, כאַ־כאַ! (באַטראַכט דעם חבר אין זײַן שוואַרצן אָנצוג). אינעם דאָזיקן קאָסטיום זעסטו אויס, הערשקאָ, ווי אַן עכטער סעמיט, טשאָרט וואָזמי!

ש נ י א ו ר ס אָ ן : און דו, וואַניאַ, זאָלסט זיך אָנטאָן אין דרײַ סעמיטישע קאָסטיומען, וועסטו אַלץ אויסזען, ווי אַ פּאָני, עס וועט דיר אַפילו נישט העלפן די לעקציעס, וואָס דו גייסט נעמען באַ אונדזער רב, באַ היילפּערין...

א י וו אַ נ אָ וו : (איבערראַשט). פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין געוועזן באַם רב?

שניאורסאָן: (מיט גיפט). כאַ־כאַ פון וואַנען איך ווייס? איך ווייס אַלצדינג — האָב איך דיר שוין לאַנג געזאָגט. איך ווייס אַפילו, וואָס דו האָסט באַ אים געטאָן...

איוואַנאָוו: (קוקט־אַראָפּ). צום ביישפּיל?

שניאורסאָן: (איראָניש). ווי עס זעט אויס, האָסטו זיך אַ נעם געגעבן ווערן אַ ייִד טאַקע גאַרנישט אַף קאַטאָוועס?

איוואַנאָוו: (וויל זיין רויק). עס קאָן גאַנץ מעגלעך זיין.

שניאורסאָן: און מסתמא אַלץ צוליב יענעם געוויסן צוועק?...

איוואַנאָוו: (ווי פריער). זעלבסטפאַרשטענדלעך.

שניאורסאָן: (אַלץ מיט דעם זעלבן גיפט). אַזוי זיכער ביסטו אין דיין זיג?

איוואַנאָוו: אָן צווייפל.

שניאורסאָן: און וועגן שטערונגען טראַכסטו גאַרנישט? האָסט קיין מורא פאַר.. קאָנקורענטן, למשל?

איוואַנאָוו: (הייבט־אויף די אויגן). קאָנקורענטן?... אפשר ביסטו דאָס פון די קאָנקורענטן? אַ־זוי?... איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַר וואָס דו ווייסט אַזוי פיל...

שניאורסאָן: נישט מער וויפל מיר איז נייטיק.

איוואַנאָוו: אַף צו טרייבן שפּיאָנאַזש אַרום מיר און אָנצו־האַלטן די קאָנקורענציע?...

שניאורסאָן: דו וועסט מיך נישט איבערשרעקן מיט קיין ווערטער...

איוואַנאָוו: איצט פאַרשטיי איך שוין, פאַר וואָס עס טוט דיר אַזוי וויי דער קאָפּ פאַר מיר...

שניאורסאָן: ווייל איך וויל נישט, זאָלסט זיך מאַכן צום נאַר... עס וועט דיר נישט העלפן קיין רב, קיין צען רבנים אויך — זאָג איך דיר פריער!

איוואַנאָוו: (שטאַרק אויפגערעגט. שוין אויך מיט גיפט). אַלס גוטער פריינט, נאַטירלעך, זאָגסטו דאָך עס מיר... און איך בין געווען אַזאַ נאַר און האָב דיר טאַקע געגלייבט ביז אַהער... איך האָב געמיינט, עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז עס גייט באַ דיר טאַקע פון דיין גוטפריינטשאַפט. איצט באַווייזט זיך גאָר אַרויס אין דיר אַ קאָנקורענט... און אפשר נאָך אַ „געפערלעכער" קאָנקודענט? כאַ־כאַ!...

שניאורסאָן: (דרייסט). זאָלסטו טאַקע וויסן! און ס'איז זייער גוט, וואָס דו ווייסט עס! די קאָרטן זיינען אָפן, ווען מיר, הייסט עס, שפּילן אָן אָפּנעמען זעקס־און־זעכציק!

איוואַנאָוו: גוט. איך נעם־אָן דעם קאַמף!

שניאורסאָן: (שטאַרק אויפגערעגט). אומזיסט לאַכסטו אַזוי, וואַניאַ. וועסט זיין צעשלאָגן, ווי אַ...

איוואַנאָוו: (נישט ווינציקער אויפגערעגט). מיר וועלן שוין זען, ווער וועמען!... (עס קומט אַרויס שרה שפּיראָ, אָנגעטאָן יום־טובדיק, זעט־אויס אַ סך יִינגער און שענער — גאָרנישט צו דערקענען. זי טראָגט צוויי זילבערנע לײַכטער, מיט אָנגעצונדענע בענטשליכט. נאָך איר גייט בעטי אויף מיט 2 זילבערנע לײַכטער. די 4 לײַכטער ווערן אַוועקגעשטעלט אַפן טיש. ביידע חברים פלײַסן זיך באַגעגענען די אַמען מיט אַ שמייכעלע. שרה שפּיראָ ענטפערט דעם קוואַרטיראַנט מיט אַ פרײַנטלעכן גוט יום־טוב. און אַף זײַן חבר, אַפן אמתן שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, וויל זי אַפילו קיין קוק נישט טאָן. אַקעגן אָבער בעטי איז מער צוגעלאָזט צום אמתן שניאורסאָן, ווי צום אמתן איוואַנאָוו. אַלע פילן זיך נישט גוט. עס נעמט אָבער נישט קיין סך צײַט, ווינציקער ווי אַ מינוט. עס קומט־אָן דוויד שפּיראָ מיט אַ ברייטן גוט יום־טוב. נאָך אים סיאָמקע).

דוויד שפּיראָ: (אַף יִידיש). גוט יום־טוב! גוט יום־טוב!

סיאָמקע: (נאָך אים). אַ גוט יום־טוב!

שרה שפּיראָ: גוט יום־טוב, גוט יאָר!

בעטי: גוט יום־טוב. (ביידע חברים פאַרנייגן זיך פאַרן בעל־הבית גאַנץ העפלעך. — נישט קוקנדיק אַפן ברייטן „גוט יום־טוב", זעט־אויס דוויד שפּיראָ שטאַרק צערודערט. שרה און בעטי זײַנען פאַרקווייגט. ביידע חברים זײַנען אָנגעדרודלט איינס אַף דאָס אַנדערע. נאָר איין סיאָמקע איז אויפגעלייגט, שפּיגלט זיך אין דעם פינקלדיקן ווײַן, וואָס אַף אַרבע כוסות, און בלעטערט די הגדות, וואָס ליגן אַפן טיש).

דוויד שפּיראָ: (וויל צעשלאָגן די שטימונג, באַטראַכט דעם טיש מיט דער קערה מיט אַלע זאַכן, פאַרקאַטשעט די אַרבל, רעדט ווי צו זיך אַליין). נו, איז שוין צוגעגרייט, הייסט עס, אַלצדינג באַ דיר? די קערה מיט די מצות מיט די הגדות, און אליהו הנביאס כוס איז אויך דאָ? קאָן מען, הייסט עס, זיך נעמען צו דער אַרבעט? (זיפצט). שוין לאַנג אַזאַ פּסח נישט געווען! אָט די מימרות מיט די זאָגעכצן, וואָס אין שטאָט, מיט די פּחדים פאַר אַ פּאָגראָם, מיט די דעפּוטאַציעס צום גובערנאַטאָר, און ועל כולם — אָט דאָס פּעקל מיט דער דיעלאָ — אַלצדינג אַרום און אַרום... (ווײַזט מיט דער האַנט אַרום קאָפּ). אַזאַ פּסח זאָל זיך שוין נישט אומ־קערן!...

שרה שפּיראָ: נישט כדאַי פאַרן סדר צו דערמאָנען... גאָט וועט העלפן, וועלן מיר עס, אם ירצה השם, איבערלעבן.

דוויד שפּיראָ: געוויס וועלן מיר עס איבערלעבן! מיר וועלן זיי אַלע איבערלעבן!... מיר האָבן איבערגעלעבט גרעסערע צרות, מיט גרעסערע המנס, מיט אַ פּרעה מלך מצרים... (טרעט־אָפּ פונעם טיש). נו? קינדער! קודם כל (צום קוואַרטיראַנט), זאָגט אײַער חבר, ער זאָל זיך מטריח זײַן אָקאָרשט אָנטאָן דאָס היטל. באַם סדר איז מען זיך נוהג באַ אונדז, מע זיצט אין היטלען. און איר אַליין, הער שניאורסאָן, זײַט מוחל

אויך דאָס אייגענע... דאָס, ווייניקסטנס, וואָלט אַזאַ ייִד, ווי איר, וואָס קומט־אַרויס פֿון די ליבאַוויטשער שניאורסאָנס, כּלעבן, געמעגט וויסן... (ביידע חברים גייען אָפּ אין פּאָדערצימער, יעדער נאָך זײַן היטל, און קומען ביידע צו גיין אָנגעטאָן אין די היטלען. אין דער זעלבער צײַט טוט אָן דוויד שפּיראָ אויבן, אַף דער קאַפּאָטע, דעם צוגעגרייטן ווײַסן קיטל מיט די ברייטע אַרבל און די ווײַסע פּאַתּגעלבטע, מיט זילבער באַברעמטע, יאַרמעלקע מיטן קאָטעס, און האַלט באַ אַרומגאַרטלען זיך מיטן ווײַסן אַלטן זײַדענעם גאַרטל. די אַרײַנגעקומענע חברים גרופּירן זיך אַרום בעטין, באַטראַכטן פֿון דער ווײַטן שפּיראָן אין זײַנע ווײַסע בגדים).

איוואַנאָוו: (צו בעטין). אײַער פֿאָטער זעט אויס ווי אַ פּאַס־טאָר, ווי אַן אַרכיערײ...

שניאורסאָן: (אויך צו בעטין). גיכער — ווי אַ כּהן גדול אינעם אַלטן בית־המקדש...

דוויד שפּיראָ: (רופֿט־צו צו זיך מיטן פֿינגער דעם קוואַרטיראַנט, דעם אמתן איוואַנאָוו). פּאַני שניאורסאָן! זײַט־זשע מוחל! (ער גייט צו צו שפּיראָן, און דער אמתער שניאורסאָן, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו, בלײַבט שטיין מיט בעטין פֿון יענער זײַט טיש). זעט איר אָט דאָס אָ? (ווײַזט אַף דער יאַרמעלקע און אַפֿן גאַרטל). דאָס האָב איך אַ ירושה פֿון מײַן עלטער־עלטער־זיידן, פֿון די סלאַוויטער... פֿון יענע סלאַוויטער, וואָס אָט דעם עשׂום (באַווײַזט מיט די אויגן פֿון דער ווײַטן אַף שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו) — אָט דעם עשׂום עלטער־עלטער־זיידע האָט אַמאָל געמשפּט מיט קנוט...

שרה שפּיראָ: (צום מאַן, אַף ייִדיש). צו־וואָס דערמאָנען איצט אַזעלכע זאַכן און דברן פֿאַרן ערל אַזעלכע רייד?

דוויד שפּיראָ: (צום ווײַב, אויך אַף ייִדיש, ווײַזנדיק מיט די אויגן אַף שניאורסאָנען). זעסט דאָך, ווי עס אַרט אים, דעם גר־צדק, ווי דער פֿאַראַיאָריקער שניי...

בעטי: (אויפֿגעטראָגן פֿון פֿריִער און פֿון דעם, וואָס פֿאָטער און מוטער וואַרפֿן זיך דורך מיט ייִדישע רייד, ווענדט זיך מיט אַן אויסגע־מוטשעט שמייכל צו שניאורסאָנען. זי וויל אים אַרויסבאַווײַזן מער פֿרײַנטלעכקייט איבער דעם, וואָס איר פֿאָטער איז פּלוצים צו אים גע־וואָרן אַזוי קאַלט און רעדט כּסדר נאָר מיטן קוואַרטיראַנט). אײַך, איוואַן איוואַנאָוויטש, באַדאַרף זיך אויסווײַזן מאָדנע (באַווײַזט אים אַפֿן טיש) אָט דער גאַנצער פּאַראַד מיט דער גאַנצער צערעמאָניע...

שניאורסאָן: (וואָס שטייט נאָענט צו בעטין און הערט זיך צו מיט אַן אויער, וואָס שפּיראָ רעדט מיט זײַן חבר, ענטפֿערט איר אויך מיט אַ שמייכל און שטיל, אַזוי אַז נאָר זי אַליין זאָל הערן). אַ סך מער מאָדנע ווײַזט מיר אויס אָט דאָס, וואָס אײַער פֿאָטער איז אַף מיר אַזוי אָנ־געשטויסן. און מער פֿון אַלצדינג אַרט מיך אָט דאָס, וואָס איר אַליין, בער־

טאַ דאַווידאָווּנאַ, זעט מיר אויס היינט אַזוי טרויעריק... עס טוט מיר ווי דאָס האַרץ קוקנדיק אויף אײַך... איך פאַרזיכער אײַך, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ מיספאַרשטענדעניש, וואָס מיט דער צײַט וועט זיך עס אַרויסבאַווײַזן...

בעטי: (קוקט אַפן פאָטער און רעדט צו שניאורסאָנען שטיל, אַזוי אַז ער אַליין זאָל זי הערן). פאַר מיר איז אַלצדינג איין מיספאַרשטענדעניש... אַ רעטעניש פונעם אָנהייב ביזן סוף... עס דרייט זיך מיר דער קאָפּ, און אַלץ זעט מיר אויס, ווי אַ חלום, ווי אַ פאַרדרייטער, פאַרפּלאָנטערטער חלום...

דוויד שפּירא: (צו דער טאָכטער, זעט פון דערווײַטן, אַז זי רעדט עפּעס מיטן קוואַרטיראַנטס חבר. שטרענג). בעטי! וואָס דערציילסטו דאָרטן איוואַן איוואַנאָוויטשן?

בעטי: (צום פאָטער, הויך). פונעם סדר ריידן מיר...

דוויד שפּירא: אַ? דו מאַכסט אים קלאָר דעם סדר, ווי אַזוי עס קומט בײַ אונדז פאָר? דאָס טוסטו זייער גוט! דערקלער אים שוין אַלצדינג. און וואָס האָט איר זיך אָוועקגעשטעלט אַזוי ווײַט? קומט אַהער אַביסל נענטער! (בעטי און שניאורסאָן גייען־צו נענטער צו שפּיראָן). פאַר וואָס זאָל ער נישט זען אַלצדינג פון דער נאָענט? (צום קוואַרטיראַנט, ווײַזט אים אַף דער קערה). אָט זעט איר אָט די קערה? (איוואַנאָוו, שניאורסאָן און בעטי קוקן־אַרײַן אַלע דרײַ אין דער קערה). זאָגט אים, פאַני שניאורסאָן, זאָגט אים, אײַער חבר, — איר וועט דאָס אים בעסער קאָנען געבן צו פאַרשטיין, — אַז דאָס אַלצדינג איז אַ זכר פון מצרים. (באַווײַזט אַפן מרור). דאָס, למשל, איז כריין... מרור ווערט דאָס בײַ אונדז אָנגערופן. די טײַטש איז — ביטערניש. אַ ווונק אַפן וימררו — וואָס מע האָט אונדז פאַרביטערט דאָס לעבן אין מצרים, נישט ערגער ווי מע פאַרביטערט אונדז דאָס לעבן איצט אויך... און דאָס (ווײַזט אַפן חרוסת) איז בײַ אונדז אַ „זכר לטיט”, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געקנאָטן ליים און געמאַכט ציגל, איר פאַרשטייט צי ניין, פאַר פּיתום מיט רעמסס... (די דרײַ קוקן־אַרײַן אינעם חרוסת, און מער פון אַלעמען קוקט טאַקע אַרײַן איוואַנאָוו, דער וואָס גילט אַלס שניאורסאָן). איר מיינט, ס'איז טאַקע ליים? ניין, עס כאַפּט נאָר דעם אָפּבליק, עס זעט־אויס ווי ליים, רויטע ליים. בסך־הכל איז עס צעריבענער עפּל מיט צעשלאָגענע ניס. און דאָס, וואָס ס'איז באַגאָסן מיט רויטן, זאָלט איר זיך נישט שרעקן — ס'איז חלילה נישט קיין בלוט... ס'איז ווײַן... (רעדט צום קוואַרטיראַנט און קוקט אַף זײַן חבר). קוקט אײַך נאָר גוט צו!... (אַלע דרײַ קוקן, און מער פון אַלע — איוואַנאָוו, דער, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן). „חרוסת” ווערט דאָס אָנגערופן בײַ אונדז... איר פאַרשטייט צי ניין, חרוסת!... נו, און דאָס איז אַ פליגעלע מיט אַ בערגעלע פון אַ הון — אַ זכר פונעם „קרבן־פּסח”, וואָס איז געווען אַמאָל בײַ יידן... אָבער נאָר אַ זכר, מער נישט אַז אַ זכר, איר פאַרשטייט צי ניין!

וואָרעם קיין קרבנות איז שוין באַ אונדז היינט נישטאָ. אַ סוף! שוין העבער צוויי טויזנט יאָר אַז ס'איז נישטאָ באַ אונדז קיין שום קרבנות, קיין סימן נישט!.... אַצינד, אַז איר זייט שוין אַ ביסל קלאָר געוואָרן אין די אַלע זאַכן, מעגן מיר זיך שוין נעמען אָפּריכטן דעם סדר, ווי מיר האָבן עס בירושה פון אונדזערע עלטער־עלטער־זיידעס. איך וועל מיך באַזעצן אויבנאָן, אָט אָף אַ דעם העסעבעט (טוט זיך אַ זעץ־אַריין אין די אויסגעבעטע קישנס און מאָסטעט זיך איין), ווי אַ מלך, צו באַווייזן, אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון מלכים, פון פרייע מענטשן, נישט פון קנעכט, פאַרקויפטע, ווי אַמאָל, צו פרעה מלך מצרים... און איר זעצט זיך נאָר אויס אַלע אַרום טיש, נענטער צום מלך... אָט אַזוי... (אַלע זעצן זיך אויס אַרום טיש. שרה שפּיראָ — אין דער רעכטער האַנט פונעם מאַן. פון דער לינקער האַנט זעצט זיך בעטי. נעבן איר — דער קוואַרטיראַנט. אַקעגן — דעם קוואַרטיראַנטס חבר מיט סיאָמקען. דוויד שפּיראָ האָט פאַר זיך אַן אַלטע הגדה. שרה שפּיראָ — אַ גראָבן „קרבן־מנחה". צו בעטין אין דער הגדה קוקט־אַריין דער קוואַרטיראַנט, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן. צו סיאָמקען אין זיין קליין הגדלה קוקט־אַריין דעם קוואַרטיראַנטס חבר, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו. דוויד שפּיראָ עפנט אויף די אַלטע הגדה, באַווייזט זי דעם קוואַרטיראַנט איוואַנאָוון). זעט איר אָט די אַלטע הגדה? דאָס איז באַ מיר אויך אַ ירושה פון די סלאַוויטער... (מישט־אויף דאָס שער־בלאַט). טאַקע נעבעך פון זייער אייגענער דרוק, „דפוס סלאַוויטאַ" — געדרוקט אין סלאַוויטע... (זיפצט). עד־עד־עד! די הגדה זאָל קאָנען ריידן, וואָלט זי געהאַט וואָס צו דערציילן... אַצינד הייבן מיר אָן! (נעמט אַ קאַראַפין מיט וויין און הייבט־אָן צו גיסן אין די כוסות, רעדט דערווייל צו סיאָמקען). ווי מיינסטו, זונעניו, וועסט זיך מיר נישט פאַרפּלאָנטען, דו שקאָץ איינער, אין די פיר קשיות, ווי פאַראַיאָרן אין דער צייט?

ס י אָ מ ק ע : (לאַכט). זאָל גאָט היטן! איך קען זיי אָף אויסווייניק, ווי אַ וואַסער!

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (קוועלט, שעפּטשעט). מיר פאַר דיין פּיסק! (שפּיראָ האָט נאָך נישט אָנגעפילט קיין צוויי כוסות, דערהערט זיך אַ שאַרפער און אַ לאַנגער קלונג. אַלע טוען אַ ציטער־אויף אַף די ערטער).

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : (שטעלט אַוועק דעם וויין). וואָס איז דאָס? פּלוצעם גאָר אין מיטן דרינען? ווער קאָן דאָס זיין?

ש ר ה ש פּ י ר אָ : (טויט). דער קלונג, האָב איך מורא, שמעקט מיט פּאָליציע... סיאָמעניו, זיי זיך מטריח. (נאָך איידער זי זאָגט דאָס אַרויס, איז שוין סיאָמקע אַף די פיס. ער לויפט־אַראָפּ עפענען. אַלעמענס אויגן זיינען געווענדט צו דער טיר. עס נעמט נישט קיין האַלבע מינוט, איז שוין סיאָמקע דאָ צוריק אַן איבערגעשראָקענער).

ס י אָ מ ק ע : זשאַנדאַרן מיט נאַדזיראַטעלעס אָן אַ שיעור, און אונדזער דוואָרניק אויך מיט זיי!...

דוויד שפּיראָ: (טויט). אַן אָבלאַווע? פּסח צום סדר?! דאָס טרעפט מיר דעם ערשטן מאָל אַף מײַן לעבן!... (עס עפנט זיך די טיר און עס קומען־אַרײַן אַ גאַנצע כאַליאַסטרע זשאַנדאַרמען, נאַדזיראַטעלעס, גע־היימפּאָליציסטן, און אַ גוי אַ דוואָרניק מיט אַ בלעכל אָפּן היטל, אַף וועלכן סע שטייט אָנגעשריבן אַף רוסיש: „דוואָרניק", און מיט אַ גרויסן בוך אונטערן אָרעם. דער עלטסטער צעשטעלט די זשאַנדאַרן מיט די נאַדזיראַטעלעס, באַ יעדער טיר אַ זשאַנדאַרם מיט אַ נאַדזיראַטעל, און אַליין גייט ער צו מיט צוויי נאַדזיראַטעלעס צום טיש. דוויד שפּיראָ וויל אויפשטיין אַקעגן די געסט).

דער עלטסטער: (הייבט אויף די האַנט). ווסיע נאַ מיעס־טאַך — אַלע זאָלן בלײַבן זיצן אַף זייערע ערטער! (צו דוויד שפּיראָן). ווער איז דאָ דער כאָזיאַאין?

דוויד שפּיראָ: (קוים וואָס ער קאָן אַרויסריידן אַ וואָרט, נאָר רעדט מיט שטאָלץ). דער כאָזיאַאין, דער בעל־הבית — דאָס בין איך.

דער עלטסטער: אײַער נאָמען?

דוויד שפּיראָ: סלאָווּטסקי מיעשטשאַנין דאָוויד שליאָמאָוו שאַפּירא. שאַ־פּי־ראָ.

דער עלטסטער: (ווײַזט אַף שרהן). און דאָס איז?

דוויד שפּיראָ: מײַן ווײַב סאָראַ יצחק־לייבאָווא שאַפּיראָ. (ווײַזט אַף בעטין און אַף סיאָמקען). און דאָס זײַנען מײַנע קינדער בער־טאַ און סאָלאָמאָן.

דער עלטסטער: בערטאַ און סאָלאָמאָן... און ווער איז אָט דער? (ווײַזט אַף שניאורסאָנען, וואָס גילט אַלס איוואַנאָוו).

דוויד שפּיראָ: דאָס איז אַ גאַסט באַ אונדז. אַ קריסט. אי־וואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו. אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוויעטניקס אַ זון...

דער עלטסטער: (קוקט זיך איבער מיט זײַנע חברה־לײַט). אַ קריסטיאַנין? אַ פּראַוואָסלאַווניי? איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו? ווי קומט אַהער אַ קריסטיאַנין? אַף אַ ייִדישן מאָלצײַט? אין אַ ייִדישן פּראַזדניק?

דוויד שפּיראָ: (הייבט־אָן קומען צו זיך, רעדט גיך). דער קריסט איז, אייגנטלעך, נישט אונדזער גאַסט, נאָר דער גאַסט פון אונד־זער קוואַרטיראַנט. מיר האָבן אַ קוואַרטיראַנט אַ דאַנטיסט. (ווײַזט אַף אי־וואַנאָוון, וואָס גילט אַלס שניאורסאָן). דאָס הייסט, זײַן וואָלט ער באַ־דאַרפט זײַן אַ סטודענט, נאָר איזן איז ער אַ דאַנטיסט, איבער די פּראָ־צעסן און איבער די זשערעבעס, וואָס מע האָט הײַנט צוגעטראַכט אין אוניווערזיטעט, אַזוי ווי, למשל, צום פּריזיוו אַז מע גייט...

דער עלטסטער: (אַ מאַך מיט דער האַנט). דאָס איז נישט אינטערעסנע! איר זאָגט מיר בעסער אַן אַנדער זאַך, ליבער מענטש. באַ

אײַך דאַרף דאָ זײַן אײנער אַ ייִד, פֿון די שניאורסאָנס... װוּ איז ער ערגעץ?... (קוקט זיך אַרום).

דוויד שפּיראָ: (קוקט זיך איבער מיטן װײַב, דערשראָקן, רעדט שטיל, אַף ייִדיש). אַ גוט יום־טוב! קעצעלע האָט אָבער געזאָגט, אַז מע זוכט אים מיט ליכט!...

שרה שפּיראָ: (ברעכט די הענט, שטיל). װײ איז מיר, װאָס זשע װעט זײַן?

דער עלטסטער: (צו דוויד שפּיראָ, צעציט די װערטער). באַ דיר געפֿינט זיך אַ ייִד שני־אור־סאָן. װעסט זיך באַ מיר נישט אויסדרייען! אָט באַלד װעלן מיר זען. (צום דװאָרניק). דװאָרניק, סטופּאַי סיודאַ! (דער דװאָרניק מיטן בלעכל און מיטן בוד גייט־צו צום עלטסטן. דער עלטסטער נעמט באַ אים דאָס בוד, עפֿנט דאָס אויף, זוכט, באַװײַזט מיטן פֿינגער שפּיראָן). אָט איז די פּאַדװאָרנע קניגאַ, און אָט שטייט פֿאַרשריבן שוואַרץ אַף װײַס, אַז... (אַלע פּאָליציסטן בייגן זיך אָן, קוקן־אַרײַן אין בוד. דער דװאָרניק מיטן בלעכל בייגט זיך אויך אָן איבערן עלטסטן און קוקט אויך אין בוד אַרײַן. דער עלטסטער הייבט־אויף דעם קאָפּ, דערזעט דעם דװאָרניקס פּיזיאָנאָמיע, טוט אַ הוק אַף אים). פּשאָל!... (דער דװאָרניק שפּרינגט־אָפּ, דער עלטסטער זעצט־פֿאָר). אָט דאָ שטייט פֿאַרשריבן, הייסט עס, אַז באַ אײַך װוינט אײנער אַ שקלאָװסקי מיעשטשאַנין מיטן נאָמען הערש מאָװשאָװ שניאורסאָן. װוּ איז ער? (קוקט טריומפֿירנד אַף שפּיראָן. דוויד שפּיראָ קוקט אַפֿן װײַב, און אײדער ער באַװײַזט צו זאָגן אַ װאָרט, רופֿט זיך אָפּ פֿון זײַן אָרט, נישט אויפֿשטייענדיק, דער אמתער איװאַנאָװ, װאָל גילט אַלס שניאורסאָן).

איװאַנאָװ: (רויִק און הויך). שניאורסאָן — דאָס בין איך.

דער עלטסטער: (קוקט זיך אײַן אין איװאַנאָװן). איר זײַט דאָס דער שניאורסאָן? (קוקט זיך איבער פֿאַרװוּנדערט מיט זײַנע חברה־לײַט. אײנער נעמט־אַרויס אַ קלײן עלעקטריש לאַמטערנדל, טוט אַ שטעלאָן דאָס ליכט גלײַך אַף איװאַנאָװן. אַלע באַטראַכטן אים פֿאַרװוּנדערט. — דער עלטסטער צו שפּיראָן). נײן, גאָספּאָדין שפּיראָ! איר זײַט מיר צו אַ קלוגער ייִד! איר באַװײַזט אונדז דעם אמתן שניאורסאָן, פֿון יענע, פֿון די ליבאַװיטשער...

דוויד שפּיראָ: (קוקט אַפֿן װײַב, צענעמט די הענט). װאָס װיל ער פֿון מײַן לעבן?

איװאַנאָװ: (נעמט־אַרויס פֿון דער זײַט־קעשענע אַ פּאַק פּאַפּירן, ציט זײ אויס צום עלטסטן, רעדט מיט איראָניע). איר גלייבט נישט, אַז איך בין שניאורסאָן? אָט האָט איר מײַנע דאָקומענטן, װאָס װעלן אײַך איבערצײַגן, אַז דאָס בין איך דער „צאַדדיק" שניאורסאָן, װאָס איר זוכט אים און װאָס איר דאַרפֿט אים אַזוי נייטיק האָבן צו אײַער אומגע־

לומפערט־געקינצלטן פּראַצעס, מיט וועלכן איר מאַכט זיך לעכערלעך פאַר דער גאַנצער וועלט...

דער עלטסטער: (אָפּגעגעגט, צו איוואַנאָוון). קאָק ווי סמעיעטיע — ווי וואַגט איר צו ריידן מיט פּאָליציע מיט אַזאַ שפּראַך?!

איוואַנאָוו: (מיט פײַער). דערפאַר, ווײַל איר און די, וואָס האָבן אײַך געשיקט אַהער, ווייס ניט, וואָס איר טוט! אין אײַער פאַר־בלענדעניש דעקט איר צו מיט שאַנד דאָס גאַנצע לאַנד אונדזערס...

דער עלטסטער: (אויסער זיך פאַר כעס, צו איוואַנאָוון). ניע ראַזסוזשדאַט!... (צו די קאַלעגן). זייער לאַנד!... (קוקט זיך אי־בער מיט אַ איראָניש געלעכטער מיט זײַנע חברה־לײַט, וואָס שטוינען, הערנדיק פון אַ ייִדן אַזעלכע ווערטער).

איוואַנאָוו: נו־יאָ! אונדזער אַלעמענס לאַנד, נישט נאָר אײַערס!

דער עלטסטער: (אַ טופּ מיטן פוס). מאַלטשאַט, זשיד פּראָקליאַטעי!... אַט הייס איך, מע זאָל דיך נעמען, וועסטו באַ מיר אַנ־דערש ריידן!... (אַלע ווערן פאַרגליווערט פאַר שרעק, אויסער איוואַנאָוו און זײַן חבר, דער אמתער שניאורסאָן).

שניאורסאָן: (כאַפּט זיך אויף פון זײַן אָרט, טוט אַ ציי די הענט צום עלטסטן). פּאַרדאָן! (באַווײַזט אָפן חבר). לאָזט אים צורו. ער איז ניטט שניאורסאָן. דער אמתער שניאורסאָן — דאָס בין איך! (אַלע קוקן אָף שניאורסאָנען. די היימישע מיינען, ער איז אַראָפּ פונעם זינען. דער נאַדזיראַטעל שטעלט־אָן אָף שניאורסאָנען דאָס לאַמטערנדל. אַלע קוקן זיך אײַן אין זײַן פּנים, קנייטשן מיט די פּלייצעס, פאַרשטייען נישט, וואָס דאָ קומט־פאָר).

דוויד שפּירא: (צום ווײַב, אָף ייִדיש). וואָס איז דאָס פאַר אַן אָנשטעל, איך בעט דיך?

שרה שפּירא: אַלע בייזע וויסטע חלומות!...

שניאורסאָן: (באַלויכטן פונעם לאַמטערנדל, צו פּאָליציע). קוקט, קוקט זיך צו גוט!... מיר דאַכט, אַז מע קאָן דאָס אַרויסזען אין דער פינצטער אויך, וועד פון אונדז ביידע איז דאָ דער אמתער שניאורסאָן... אַ צדיק, אָדער נישט קיין צדיק — נאָר דער אמתער שניאורסאָן — דאָס בין איך!

איוואַנאָוו: (פון זײַן אָרט). ניין, איך! וואָס הערט איר אים? ער שפּאַסט, ער טרײַבט קאַטאָוועס. אַט זײַנען מײַנע פּאַפּירן...

שניאורסאָן: (צו איוואַנאָוון). וואַניאַ! גענוג! איצט גייט נישט מער קיין קאַטאָוועס. די זאַך איז צו ערנסט. (צום עלטסטן). פּאַפּירן האָב איך אויך! (נעמט אויך אַרויס פּאַפּירן פון קעשענע). די פּאַפּירן זײַנען אָבער גאָרנישט. די פּאַפּירן זײַנען געביטענע. די פּאַפּירן, וואָס מײַן חבר האַלט, — דאָס זײַנען, אייגנטלעך, גאָר מײַנע דאָקומענטן. און אָט די

פּאַפּירן, וואָס בײַ מיר אין האַנט, — דאָס זײַנען די דאָקומענטן פון מײַן חבר איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו. אין דעם איז די גאַנצע געשיכטע. איך קאָן זי אײַך דערציילן אין דרײַ ווערטער. זײַט אַזוי גוט! (ציט־אויס צום עלטסטן די פּאַפּירן. דער נאַדזיראַטעל שטעלט־אָן נאָך אַ מאָל דאָס לאָמטערנדל אַף ביידע יונגעלײַט, קוקט זיך איבער פילדײַטיק מיט זײַנע קאָלעגן. דער עלטסטער נעמט־צו בײַ ביידע חברים די פּאַפּירן און קוקט אין זיי אַרײַן אינאיינעם מיט זײַנע קאָלעגן. דערזען, אַז פּאָליציע שטודירט די פּאַפּירן, גייט־צו ווידער אַ מאָל דער דוואָרניק מיטן בלעכל און שטעקט אַרײַן זײַן נאָז אויך).

דער עלטסטער: (טוט אַ דריי־אויס דעם קאָפּ צום דוואָרניק און אַ הוק אַף אים). פּשאָל!... (דער דוואָרניק שפּרינגט־אָפּ. — אין דער זעלבער צײַט קומט פאָר אַ געשפּרעך אין ייִדיש צווישן שניאורסאָנען, דוויד שפּיראָ, שרה שפּיראָ און בעטי, וואָס זיצט אַקעגן שניאורסאָנען אַזוי איבערראַשט, אַז זי האַלט כמעט בײַ פאַלן אין חלשות).

שניאורסאָן: (צו בעטין, אַף ייִדיש). זײַט נאָר רויִק, בערטאַ דאַווידאָווונאַ, דאָ וועט זיך באַלד דערקלערן דאָס רעטעניש, ווי איר רופט דאָס, און איר וועט פאַרשטיין אַלצדינג... (צו דוויד שפּיראָ, אויך אַף ייִדיש). און איר זאָלט גאָר קיין מורא נישט האָבן, רב דוויד, איך בין דאָס טאַקע דער אמתער שניאורסאָן, וואָס זיי דאַרפן האָבן צום רומעל, נאָר איך הער זיי, ווי די קאַץ!

דוויד שפּירא: (צום ווײַב). דו הערסט, שרה? ער רעדט דאָך ייִדיש!

שרה שפּירא: נסים פון גאָט — אַ ייִד רעדט ייִדיש!

דוויד שפּירא: האָב איך נישט געזאָגט די גאַנצע צײַט, אַז ער האָט אַ ייִדישע נאָז?

שרה שפּירא: דאָס האָב איך געזאָגט, אַז ער האָט אַ ייִדישע נאָז.

דוויד שפּירא: און איך וואָס האָב געזאָגט?

שרה שפּירא: דו האָסט געזאָגט: אַ ייִדישע נשמה.

דוויד שפּירא: גוט. לאָז זײַן אַ נשמה... ווער־זשע פון די צוויי איז געווען באַם רב, בײַ רב לוי הײלפּערין?

שרה שפּירא: איך פאַרשטיי דאָ גאָרנישט... און די באַבושקע וועמענס איז?

דער עלטסטער: (איבערגעקוקט ביידנס פּאַפּירן, איבערגעגעבן זיי איינעם פון די נאַדזיראַטעלעס, ווענדט זיך צו דוויד שפּירא און צו שרה שפּירא. שטרענג). און איר זאָלט דאָ מיר נאָר נישט איבעררײדן זיך אַף אײַער זשידאָווסקי דיאַלעקט: נער־גער־גער! פּאָ־רוססקי זאָלט איר רײדן! אַלע פּאָ־רוססקי! (צו זײַנע קאָלעגן). סטראַננאָ! אַ מאָדנע געשיכטע! דאָ קומט־פאָר עפּעס אַ שווינדל! אַ ייִדישע מאַכענאַציע!

שניאורסאָן: (פון זײַן אָרט). קיין שום שווינדל! קיין שום מאַכענאַציעס! דאָ איז געווען — איך וועל עס אײַך דערקלערן אין צוויי־דרײַ ווערטער — דאָ איז פאָרגעקומען אַ פּראָסטער וועט צווישן צוויי חברים, וואָס האָבן נאָר־וואָס געענדיקט גימנאַזיע. איך, שניאורסאָן דער ייִד, האָב געענדיקט מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, און מײַן חבר, אָט דער קריסט איוואַנאָוו, האָט קוים־קוים געענדיקט. נו, האָבן מיר געהאַלטן אַ וועט. איך האָב געזאָגט, אַז ס'איז שווערד צו זײַן אַ ייִד, און מײַן חבר האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט אַזוי שרעקלעך. האָבן מיר זיך — פאַראַיאָרן ענדע מײַ איז דאָס געווען — געביטן מיט די דאָקומענטן און געקומען צו פאָרן אַהער, אין אוניווערזיטעט. איך מיט זײַן שוואַכן אַטעסטאַט מיט סאַמע דרײַען, אַלס איוואַנאָוו, און ער מיט מײַן גלענצנדן אַטעסטאַט פון סאַמע פינפן און מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, אַלס שניאורסאָן. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיך האָט מען באַלד צוגענומען אין אוניווערזיטעט, און אים האָט מען געוויזן די טיר, וואָרעם איידער מיר זײַנען געקומען אַהער, איז שוין דאָ געווען צוגעגרייט אַ צירקוליאַר וועגן ציִען זשערעבעס. נו, האָט ער זיך צוגעשריבן צו אַ דאַנטיסט און איז אויסגעריסן געוואָרן מיט זײַן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ אַף וואָס די וועלט שטייט — ער ווייסט שוין דעם טעם, ווי גרינג ס'איז צו זײַן אַ ייִד! נאָר אַזוי ווי מיר האָבן זיך דאָס וואָרט געגעבן, ס'זאָל זײַן אַ סוד ביז דאָס יאָר וועט זיך ענדיקן, האָבן מיר בײדע געהאַלטן וואָרט. און מיר וואָלטן דאָס וואָרט נישט געבראָכן איצט אויך, ביז ענדע מײַ. האָט זיך אָבער איצט געטראָפן אַזאַ צופאַל, וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט פאָרויסזען, באַטראַכט איך מיך פרײַ פון מײַן וואָרט. דאָ גייט דאָך אין גערעכטיקייט — איר זוכט מיט ליכט אַ שניאורסאָן, וואָס האָט אַ שײַכות צום געוויסן ריטואַל־פּראָצעס, און איך בין דאָך דער אמתער שניאורסאָן, — ווי קאָן איך דערלאָזן, אַז פאַר אַ ייִדן שניאורסאָן זאָל לײַדן אַ קריסט איוואַנאָוו? ווי אַזוי וועט איר באַשולדיקן אײַערן אַ קריסט, אַן איוואַנאָוו, אַ זון פון אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניק, אַז ער באַנוצט אײַער קריסטלעך בלוט אַף פּסח? אַז באַשולדיקן — וועט איר שוין באַשולדיקן מ י ך, דעם אמתן שניאורסאָן, וואָס איך געהער מיך אַזוי אָן מיט אײַער ריטואַל־פּראָצעס און מיט ריטואַל בכלל, פונקט אַזוי ווי עס געהער זיך אָן אַהער מײַן חבר איוואַן איוואַנאָוויטש איוואַנאָוו! (ווײַזט אַף זײַן חבר).

איוואַנאָוו: (צו שניאורסאָנען). האָסט אָראָפּגעריסן פון אונדז בײדן די מאַסקע פאַר דער צײַט, הערשקאָ. פאַרפאַלן! נאָר ס'איז אַ שאָד. וואָס דו האָסט דאָס געטאָן. וואָלט איך געווען שניאורסאָן ביזן סוף, וואָלט דאָס מיר געמאַכט פאַרגעניגן צו זיצן אַף דײַן אָרט אַפן באַשולדיקונגסבענקל. איך וואָלט זיי באַוויזן (ווײַזט מיטן פינגער אַף אַלע פּאָליציסטן מיטן דוואָרניק אינאייינעם), אָט די אָ, וואָס האָבן מיך געזויגן אַ גאַנצן

ווינטער, ווי נאַריש און ווי לעבערלעך ס'איז די גאַנצע געשיכטע זייערע מיטן ריטואַל!... איך וואָלט זיי באַוויזן, אַט אַ די אַ...

דער עלטסטער: (צו ביידע חברים). וואָס האָט איר זיך אַוועקגעשטעלט פֿרעדיקן אָט אַ דאָ אָ?! (איוואַנאָוו וויל ענדיקן, דער עלטסטער טוט אַ טופּ מיטן פֿוס אויף אים). מאַלטשאַט! איך וועל אײַך ביידן דאָס מויל פֿאַרשליסן! איך וועל אײַך ביידן הײַנט נעמען אַהין!...

איוואַנאָוו: דאָס וויל איך טאַקע!

דער עלטסטער: (מלא רציחה. צו די זשאַנדאַרמען). ביידע זאָלט איר זיי נעמען און אָפּפֿירן! ווער פֿון זיי איז דער אמתער שניאורסאָן — דאָס וועט מען שוין דאָרטן דערגיין — טאַם ראַזבערוט! מאַרש!... (ביידע זשאַנדאַרמען לאָזן זיך צו די צוויי חברים. די איבעריקע חברה רינגלען זיי אַרום. אַלע, וואָס אַרום טיש, קוקן זיך איבער. אויף זייערע פּנימער איז אָנגעצייכנט וווּנדער, קאָנפֿוז, איבערראַשונג און שרעק).

דוויד שפּירא: (אויף ייִדיש). חידושים ונפלאות — ממש יציאת מצרים!

שרה שפּירא: (ברעכט די הענט). ווי איז מיר! וואָס טוט זיך דאָ?...

בעטי: מאַמע! ס'איז מיר נישט גוט! (פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ אויפֿן שטול).

שרה שפּירא: (לאָזט זיך צו דער טאָכטער). אוי, אַ דוקטער האָט מיך דערשלאָגן! וואַסער! וואַסער!! (ביידע חברים ווילן זיך אַ וואַרף טאָן נאָך וואַסער. די זשאַנדאַרמען מיט די זשאַנדאַרמען האַלטן זיי אָפּ. סיאָמקע ציטערט און ווײנט שטיל).

דוויד שפּירא: (שטייט־אויף, לאָזט זיך צו דער טאָכטער מיט זײַן אָנגעגאָסענעם כוס מיט ווײַן). נעם, טאָכטער, אַ קאַפּעלע ווײַן, נעם! (גיסט איר מיט ציטערדיקע הענט אין מויל אַרײַן). אָט אַזוי. (צום ווײַב). ס'איז גאָרנישט! ס'איז גאָרנישט! ס'וועט איבערגיין!... און אים (ווײַזט אויף שניאורסאָנען). וועט אויך גאָרנישט זײַן. ס'איז נישט דער ערשטער בלבול. ס'איז נישט ווערט אַ שאָס פּולווער... און דעם (ווײַזט אויף איוואַנאָוון) וועט אוודאי גאָרנישט זײַן! אַ דעיסטוויטעלני סטאַטסקי סאָוועטניקס אַ זון!... (גלײַכט זיך אויס ווי לאַנג ער איז, רעדט הויך). חידושים ונפלאות! יציאת מצרים! אַזאַ מעשה טרעפֿט זיך (צעציט די ווערטער) איין מאָל אין צען טויזנט יאָר! און נאָר בײַ דוויד שפּירא אין שטוב!...

דער פֿאַרהאַנג פֿאַלט.

ענדע פֿון פֿערטן אַקט

עפּילאָג

(אַ דעבאַרקאַדער פון אײַזנבאַן. — עס דרייען זיך אַרום אַלערליי פּאַסאַזשירן, מיט און אָן האַנטגעפּעק, — אַ גלאָק, אַ זייגער, עטלעכע טאַטשקעס, וועגעלעך, מיט און אָן באַגאַזש. — טרעגערס מיט בלעכלעך אויף די היטלען און מיט נומערן. — רעכטס, בײַ דער וואַנט, דרײַ גלעזערנע טירן: ערשטע, צווייטע און דריטע קלאַס. אויפשריפטן אויף רוסיש. אויך „בופעט" אויף רוסיש. — לינקס. בײַ דער אָקעגן־וואַנט, זעט זיך אַ לאַנגער וואַגאָן, בלויע פאַרב, אָנגעשריבן: 1טער קלאַס. — נעבן וואַגאָן — אַן אָבערקאָנדוקטאָר מיט אַ פײַפעלע אויפן האַלדז. איין טיר פון וואַגאָן איז אָפן. פון די פענצטער זעען זיך אַרויס פּנימער פון פּאַסאַזשירן, הערן און דאַמען. — אויפן טירל פון וואַגאָן שטייט איוואַנאָוו, דער וואָס האָט ביז אַהער געשפּילט אַלס שניאורסאָן, אָנגעטאָן אין אַ קעסטלדיקער רײַזעמיצע מיט אַ געלן רײַזענטאַש איבער די פּלייצעס. אים זײַנען אַרויס באַגלייטן און געפינען זיך נאָענט צום וואַגאָן: דוויד שפּירא, שרה שפּירא, און סיאָמקע נעבן זיי, זייער טאָכטער בעטי, מיטן אמתן שניאורסאָן, וואָס האָט געשפּילט אַלס איוואַנאָוו. די ביידע שטייען געאַרעמט, זעען־אויס ווי אַ פּאָרפאָלק, נאָר־וואָס נאָך דער חתונה, אָדער ווי חתן־כּלה פאַר דער חתונה. דאָס איז צו זען פון דעם תענוג, וואָס פאָטער און מוטער האָבן, קוקנדיק אויף זיי. דוויד שפּירא ווײַזט עס אַרויס דורך דעם, וואָס ער ווינקט צו שרהן, זי זאָל קוקן. שרה שפּירא קוקט אויפן פּאָרפאָלק און קלויבט נחת. — אויסער דער פאַמיליע שפּירא, זײַנען אַרויסגעקומען באַגלייטן איוואַנאָוון אַלע זײַנע באַקאַנטע: גרינסבערג, פּראָטקין, הורוויטש און קעצעלע; אויך די כאַליאַסטרע מיידלעך, וואָס זײַנען געווען בײַ בעטין אויף די אימענינעס. — נענטער פון אַלע צום אָפּרײַזנדן איוואַנאָוו שטייט דאָס פּאָרפאָלק, שניאורסאָן און בעטי. אַלע דרײַ קוקן זיך איבער, קענטיק, זייער פרידלעך, מיט גוטפרײַנטשאַפט און מיט ליבשאַפט. — אַז דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף, טוט דער אָבער־קאָנדוקטאָר אַ פײַף און אַ מאַך מיט דער האַנט ערגעץ ווײַט אַרויף — קענטיק, צו די איבעריקע קאָנדוקטאָרן, מע זאָל זײַן גרייט. איוואַנאָוו שפּרינגט דעמאָלט אַראָפּ פונעם וואַגאָן, לאָזט זיך צום פּאָרפאָלק).

איוואַנאָוו: צום לעצטן מאָל לאָמיר זיך נאָך אַ מאָל געזעגענען! (גיט זײַן חבר שניאורסאָנען די האַנט).

שניאורסאָן: פאַר געזונט, וואַניאַ, און פאַרגיב, פאַרגעס אַלצדינג, וואָס געווען... און דאַנק גאָט, וואָס דער שפּאַס, וואָס דו ביסט

געווען זײַן אויפטוער, האָט זיך נישט אויסגעלאָזט מיט קיין ערנסט...

א י ו ו אַ נ אָ ו : גאָט צו דאַנקען — ווייס איך נישט פאַר וואָס, נאָר דיר בין איך יאָ שולדיק אַ דאַנק פאַר דער לעקציע, וואָס דו האָסט מיר געגעבן. איך האָב אין דעם פאַרלאָרענעם יאָר אַ סך, אַ סך געלערנט... און איך בעט דיך, הערשקאָ, זאָלסט מיר שרײַבן פון אויסלאַנד, ווען איר בײדע, דו און בערטאַ דאַווידאָוונאַ, וועט אהין פאָרן שטודירן. און לאָמיר אַף אונדזער רוסישן שטייגער צעקושן זיך דרײַ מאָל. (בײדע חברים נעמען־אַראָפּ די היטלען און צעקושן זיך דרײַ מאָל גאַנץ געשמאַק, כמעט מיט טרערן אין די אויגן, דערנאָך גייט־צו איוואַנאָוו צו בעטין, נעמט־אַראָפּ דאָס היטל, דריקט איר די האַנט לאַנג און הייס.) זײַט געזונט, בערטאַ דאַווידאָווּנאַ, און גליקלעך! דערמאָנט מיך נישט צו בייזן! (טוט איר אַ קוש די האַנט).

ב ע ט י : און איר, איוואַן איוואַנאָוויטש, פאַרגעסט נישט, אַז איר האָט אונדז דאָס וואָרט געגעבן, אַז מיר בלײַבן שטענדיקע גוטע פרײַנט. אַף אייביק אַף אייביק! (דריקט אים די האַנט זייער וואַרעם. — דער אָבערקאָנדוקטאָר טוט אַ מאַך מיט דער האַנט צו איוואַנאָוו, ער זאָל אַרײַן אין וואַגאָן, און טוט אַ פײַף צום צווייטן מאָל. איוואַנאָוו קושט בעטין די האַנט נאָך אַ מאָל און שפּרינגט־אַרײַן אין וואַגאָן, בלײַבט שטיין אַפן זעלבן טירל, נעמט־אַראָפּ דאָס היטל, גריסט פרײַנטלעך צו אַלעמען. אַלע גריסן מיט דער זעלבער פרײַנטלעכקייט צו אים, מאַצבילן מיט די היטלען, פרויען מיט די טיכלעך. אין דער דאָזיקער צײַט רעדט דוויד שפּיראָ דאָס לעצטע וואָרט, אַרויסגעטראָטן אַ פּאָר שריט).

ד ו ו י ד ש פּ י ר אָ : (מיטן קאַפּעלוש אין האַנט). נאָך אַ מאָל פּאָרט געזונטערהייט, איוואַן איוואַנאָוויטש, און לאָזט זיי גריסן דאָרטן אַלע אײַעריקע, און דערציילט זיי אַלץ, וואָס איר האָט געזען און וואָס איר האָט געהערט! לאָזן זיי וויסן, אַז ס'איז גרינג פון אַ ייִדן צו ריידן, אָדער צו שרײַבן, אָפּצולאַכן, באַשולדיקן, אויסטראַכטן בלבולים, און נאָך אַזעלכע זאַכן. נאָר ז ײַ ן אַ ייִד, איר פאַרשטייט צי ניין, איז נישט אַזוי גרינג! שווער צו זײַן אַ ייִד!... (דער אָבערקאָנדוקטאָר פײַפט צום דריטן מאָל. — דער פאָרהאַנג פאַלט).

ע נ ד ע .

געשריבן אין יאָר 1914

טביה דער מילכיקער

א פאמיליענבילד אין פיר אקטן.

פּערזאָנען:

ט ב י ה ד ע ר מ י ל כ י ק ע ר. אַ שטאַרקער ייִד פון אַריבער פופציק. האַנדלט מיט קעז און פוטער. אַנגעטאָן דאַרפיש. די קאַפּאָטע אונטערגעשטעקט. די פּאות אונטערגעהאַקט. אין באָרד געציילטע גרויע האָר. גוטע שמייכלענדיקע אויגן.

ג אָ ל ד ע. זײַן ווײַב. געווען אַ מאָל אַ שיינע.

צ יי ט ל. זייער טאָכטער. אַן אויסגעגעבענע.

ח ו ה. זייער צווייטע טאָכטער. אַ מיידל.

ש ל מ ה ל ע.
ש יי נ ד ע ל ע. } צייטלס קינדערלעך.

מ י ק י ט אַ ג אַ ל אַ ג אַ ן. אַ געוועזענער וואָלאָסטנאָי שרײַבער, איצט אַ בעל־הגוף. אַ גוי אַ יאָבעדניק.

ט ע ק ל אַ. זײַן ווײַב.

פ ע ד י אַ. זייער זון. טראָגט לאַנגע האָר, אַ שוואַרץ העמדל, הויכע שטיוול — אַלאַ גאָרקי.

ס ט אַ ר ש י נ אַ. אַ בכבודיקער גוי. האָט ליב דעם טרונק.

ס ט אָ ר אָ ס ט אַ. אַ נידעריקער גויעץ, אַ גרויסער טרינקער.

ס אָ ט ס ק י. געווען אַמאָל אַ טשערעדניק, אַ גוי מיט רויטע האָר.

א ו ר אַ ד נ י ק. אַ יונג מיט ביינער. שטרענג, ווי אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר.

ז אָ ז ו ל י אַ. אַ שרײַבערל אין וואָלאָסט. אַ יונגער שייגעץ. געפּוצטע שטיוול. מעשה פּאַניטש.

גויִים און גויעס, פּאַרובקעס און שיקסעס מיט קאָרעלן און רויטע שיך.

אַלע פיר אַקטן שפּילן זיך אָפּ אין דאָרף: די ערשטע דרײַ — אין פאַרלויף פון איין זומער, דער לעצטער אַקט — אין אַ פּאָר יאָר אַרום.

ערשטער אַקט

(אַ דאָרפשטוב. — אַ גראָם חדר. ווײַס־געשמירטע ווענט. דרײַ טירן: איינע — אַנפאַס, אין דרויסן אַרויס; איינע רעכטס, אין קיך צו; איינע — לינקס, אין אַ צווייטן חדר אַרײַן. צוגעקליבן פּראָסט, בעל־הבתיש, נאָר ריין און זויבער. אַ דעמבענער טיש מיט הילצערנע בענקלעך. פון שאַפע קוקט אַרויס אַ סאַמאָוואַר, אַ קופּערנע קוואַרט, אַן אַלטמאָדישער קאַראַפין מיט אַ קידוש־גלעזל פון פאַרביקן קרישטאָל, אויך אַ גראָבע וואַקסענע הבדלה. אויף די ווענט — בילדער אַן רעמ־לעך פון עפּעס אַ רב, פון רב משה מאָנטעפיאָרע, פון דאָקטער הערצל און פון גראַף טאָלסטאָי. אויך אַ יִדישער וואַנט־לוח. אַן אַלטמאָדישער וואַנטזייגער. — אין מיטן שטוב, אויף אַ טאַבורעט, זיצט ג אָ ל ד ע איבער אַ הילצערנער קאַדושקע און שלאָגט פּוטער).

ג אָ ל ד ע : (דעקט־אויף די קאַדושקע, קוקט־אַרײַן, דעקט־צו צוריק). אַ מעשה אָן אַן עק! מע שלאָגט און מע שלאָגט! מע שלאָגט און מע שלאָגט! — און קיין פּוטער זעט מען נישט!... עס איז נאָר אַן עין־הרע האָט עמעצער געגעבן — הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן... (שלאָגט ווײַטער. עס עפנט זיך די דרויסן־טיר און עס באַווײַזט זיך צ ײַ ט ל, אײַנגעהילט אין אַ שאַל).

צ ײַ ט ל : (קוקט זיך אַרום, בלײַבט שטיין, זעט, אַז מע באַמערקט זי נישט, טוט זי אַ הוסט מיט אַ שמייכל). ט׳מאָרגן, מאַמע!

ג אָ ל ד ע : (הייבט־אויף דעם קאָפּ, דערזעט צייטלען, טוט זי אַ רוק־אַוועק פון זיך די קאַדושקע, כאַפּט זיך אויף). אַ ווייטיק איז דער מאַמע אַ גרוי־סער! אַ גאַסט! צייטל! אָט אַ גאַסט! (כאַפּט זיך אַרום מיט איר קושן). וואָסזשע מאַכסטו, טאָכטער? טו זיך אויס! (וויקלט זי אַרויס פון דער שאַל) און מאָטל וואָס טוט? און די קינדער וואָס מאַכן?

צ ײַ ט ל : אַלע געזונט, דאַנק גאָט. וווּ איז דער טאַטע? און חווה ווּ איז? וואָס מאַכט זי?

ג אָ ל ד ע : דער טאַטע, ווי אַלע מאָל, אין בויבעריק מיטן ביסל מילכיקס. און חווה איז אין גאָרטן בײַ דער אַרבעט — האָסט זי נישט באַגעגנט? איז וואָס טוען די קינדערלעך דײַנע — זיי וואַקסן? (וואַרפט זיך הין און הער). וועסט אפשר עסן?

צ יי ט ל : א דאַנק, כ'בין שוין א געגעסענע. (באַטראַכט די ווענט). בא איַיך איז אַלץ ווי געווען... (שטעלט זיך אָפּ בא גראַף טאָלסטאָיס בילד). אַט דאָס איז בא איַיך צוגעקומען. וועמענס פּאָרטרעט איז דאָס?

ג אָ ל ד ע : ווייס איך, עפּעס א שלים־מזל א גראַף, פון אירע לײַט, חוהס גראַפן... וועסט אפשר טרינקען?

צ יי ט ל : א דאַנק, איך בין שוין א געטרונקענע... א גראַף זאָגסטו — וואָס־זשע גייט ער באָרוועס?

ג אָ ל ד ע : פרעג מיך עפּעס גרינגערס! וואָס איר קומט אוים! זי ליגט מיר גוט אין האַרצן, די שוועסטער דײַנע!... זיץ, פאַר וואָס זיצסטו נישט? (זעצן זיך ביידע אַוועק צום טיש). זיי קערן שוין זײַן גרויסע, די קינדער דײַנע, קיין עין־הרע נישט?

צ יי ט ל : און קלוג — מיט סכנת־נפשות! דו פאַרסט, זאָגן זיי, צום זיידן — לאָז גריסן דער באָבע!...

ג אָ ל ד ע : (ווערט צעגאַנגען פאַר נחת). מיר פאַר זייערע ביינדעלעך!

צ יי ט ל : און שיין — זאָלסט אָנקוקן א שלמהלע! זאָלסט זען א שיינדעלע! אין זייערע פּנימלעך נישט אַרײַנצוקוקן!

ג אָ ל ד ע : (ווערט צעשמאָלצן). טפו־טפו־טפו! געזונט און שטאַרק זאָלן זיי דיר זײַן! (כאַפּט זיך אויף). טאָמער וועסטו פאָרט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן, צייטל־קרוין?

צ יי ט ל : (האַלט זי אָפּ מיט דער האַנט). מע דאַרף נישט, מאַמע, גאָרנישט... דו באַקלאָגסט זיך אַף חוהן — וואָס איז מיט איר געשען?

ג אָ ל ד ע : גאָרנישט. וואָס זאָל זײַן? א מיידל פון הײַנטיקע מיידלעך... שוין צופיל הײַנטיק!... ווי זאָגט דער טאַטע: „אַן אָקס האָט א לאַנגע צונג — און קאָן קיין שופר נישט בלאָזן"... (זיפצט). שווײַג איך — איז מיר שלעכט. רייד איך — איז נאָך ערגער... איין שטיקל גליק, וואָס דער טאַטע ווייס נאָך נישט. ער זאָל וויסן — וואָלט זיך געטאָן חושך!

צ יי ט ל : (כאַפּט זיך אויף). דו שרעקסט מיך, מאַמע!

ג אָ ל ד ע : (באַרויִק זי). קינד! וואָס שרעקסטו זיך? ס'איז גאָרנישט! דו מיינסט חלילה עפּעס ווייס איך וואָס? א געלעכטער! נישט מער, ס'איז נישט שיין... עס פּאַסט נישט! פאַר טביהס טאָכטער פּאַסט נישט אזא זאַך... (זי קוקט זיך אַרום, רעדט אַ ביסל שטילער). מיקיטע גאַלאַגאַן געדענקסטו נאָך?

צ יי ט ל : אַט דער, וואָס איז געווען אמאָל שרײַבער אין וואָלאָסט?

ג אָ ל ד ע : אַט־אַט! אַט דער אָ!

צ יי ט ל : נו?

ג אָ ל ד ע : און זײַן זונדל געדענקסטו?

צ יי ט ל : כוועדקע? נו־נו?

ג אָ ל ד ע : (בייגט זיך אָן צו איר אַפן אויהער). איז זי מיט אים אַ גאַנצער רב שמעלקע...

צ יי ט ל : אַ גאַנצער רב שמעלקע? דהיינו?

ג אָ ל ד ע : דהיינו... זי נעמט בײַ אים ביכלעך אַף צו לייענען.

צ יי ט ל : אָט דאָס איז גאָר?

ג אָ ל ד ע : וואָס נאָך ס'טו געוואָלט? זי זאָל מיט אים גיין טאַנצן?... ס'איז, מאָל דיר, געגנוג, אַז מײַן טאָכטער שטייט־אָפּ שעהן־ווײַז בײַם טיר אָדער בײַם טויער מיטן וואָלאָסטנאָים זונדל און מע רעדט און מע רעדט, און מע רעדט און מע רעדט... פון וואָס רעדט מען אַזוי לאַנג? און מיט אַ גוי נאָך?... דערציילן דעם טאַטן — האָב איך מורא; קענסט דאָך דעם טאַטן! און חוזהן קענסטו דאָך אויך! אַ שוועבעלע! און אַן עקשנטע — דער טאַטע מיט די ביינער!

צ יי ט ל : מאַמע, דיר שטעלט זיך פאָר שוין צו פיל! עס ווײַזט זיך דיר מער אויס, ווי ס'איז...

ג אָ ל ד ע : אוי, צייטל, מיר ווײַזט זיך שוין גאָרנישט אויס, הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן. נאָר טאָמער ווערט געוואָר דער טאַטע, איז ווינטש איך מיר גאָרנישט אַף דער וועלט צו זײַן!... איך שלאָף נישט קיין נעכט, דער קאָפּ ווערט מיר שיִער נישט צעשפּאָלטן! (פויזע). מילא, דאָס, וואָס זי קען זיך מיט מיקיטקעס זונדל, איז נאָך, ווי זאָגסטו, אַ האַלבע צרה. איך פרעג אָבער אַן אַנדער זאַך: פון וואַנען נעמט זיך איר באַקאַנטשאַפט מיטן גלח, די כפּרה זאָל ער זײַן פאַר איר מינדסטן נאָגל?...

צ יי ט ל : מיט וועלכן גלח?

ג אָ ל ד ע : מיטן גלח פון אונדזער דאָרף, אײַנגעזונקען זאָל ער ווערן!

צ יי ט ל : פון וואַנען ווייסטו? ווער האָט דיר געזאָגט?

ג אָ ל ד ע : מע דאַרף מיר זאָגן? איך האָב קיין אויגן נישט? איך בין דאָך אַ מאַמע, האָסטו געהערט אַביסל, און אַ מאַמע האָט אויגן און זעט אַלצדינג!...

צ יי ט ל : וואָס־זשע האָסטו געזען אַזעלכס?

ג אָ ל ד ע : וואָס איך האָב געזען? הלוואי וואָלט איך עס נישט געזען, וואָס איך האָב געזען... איך האָב געזען אים דורכגיין פאַרבײַ אונדזער גאָרטן, אַרויסגיין זאָל אים די נשמה! שטעלט ער זיך אָפּ, שטעלן זאָל זיך אים דער ערשטער ביסן פּאָפּעריק! און חווה, זײַן זאָל ער פאַר איר די כּפּרה, איז געווען אַקוראַט אין גאָרטן. האָב איך אַליין געזען, איך זאָל אַזוי זען גוטס אין אײַך אַלעמען, און כ'האָב אַליין געהערט, איך זאָל אַזוי הערן בשורות טובות מיט ישועות ונחמות, ווי זיי האָבן זיך געגריסט...

צ יי ט ל : אָט דאָס איז אַלץ?

ג אָ ל ד ע : וואָס נאָך האָסטו געוואָלט — זיי זאָלן זיך אַרומכאַפּן קושן? וואָלט איך עס כאָטשבע געקאָנט דערציילן דעם טאַטן — דערלאָזט

מיך נישט דאָס האַרץ, וואָרעם ער וועט עס נישט איבערטראָגן, הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן, דער משוגענער טאַטע אײַערער, וואָס פאַר אַ קינד וועט ער זיך מפקיר זײַן, ובפרט נאָך פאַר חווהן — אַז יענע איז באַ אים דאָס אויג אין קאָפּ!... אַנומלטן איז זי עפּעס געווען נישט מיט אַלעמען, פאַר־קילט זיך — נו־נו, האָסטו באַדאַרפט זען, וואָס דער ייִד האָט צעאַרבעט! און ווער איז שולדיק אין דעם גאַנצן אומגליק מיט חווהן, ווען נישט ער אַליין טאַקע, דער אָבי דײַנער?

צ יי ט ל : דער טאַטע? מיט וואָס איז ער שולדיק?

ג אָ ל ד ע : מיט דעם, וואָס ער קען צופּיל... ער קען אַליין אַ סך און וויל, אַז זײַן טאָכטער זאָל זײַן אַזאַ קענערקע, ווי ער... ניין, שענער פון אַלץ איז, וואָס ער אַליין זאָגט, אַז ס'שטייט געשריבן אין די הייליקע ספרים, אַז וויבאַלד אַ הון הייבט־אָן צו קרייען קוקאַריקו, ווי אַ האָן, טראָגט מען זי אַוועק צום שוחט... (עס הערט זיך פון דרויסן חווהס קול, עס הערט זיך אַלע מאָל נענטער).

ח ו ה : (זינגט אַ גוייש לידל מיט אַ באַקאַנטער מעלאָדיע).

אַון עס בלאָזט, און עס דרייט,
און אַ רעגנדל גייט.
ווער־זשע וואָלט מיך, אַזאַ מיידל,
ביז אַהיים מיך באַגלייט?

ג אָ ל ד ע : (צו צייטלען). אָ! חווהס קול. וואָס זאָגסטו אָפּן לידל?

ח ו ה : רופט אַ בחור זיך אָפּ,

שפּרינגט פון וועלדל אַרויס:
„וואַרט אַ ביסל, שיינע מיידל, —
איך באַגלייט דיך צו הויז!”...

(דאָס לידל פאַרענדיקט זי שוין אין שטוב. דערזען צייטלען זיצן מיט דער מוטער). זע־נאָר — צייטל, אַ גאַסט! (לויפט־צו. צייטל שטייט־אויף. זיי צעקושן זיך). ווי קומסטו אַהער?

צ יי ט ל : ווי איך קום? מיט אַ פור.

ג אָ ל ד ע : זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמע, האָט זי געדונגען אַ גוי און איז געקומען.

צ יי ט ל : (באַטראַכט די שוועסטער). אויסגעוואַקסן!...

ג אָ ל ד ע : קיין עין־הרע...

צ יי ט ל : און שיין געוואָרן — אַ קראַסאַוויצע!

ח ו ה : (מאַכט אַ גרימאַסע). אַ קראַסאַוויצע? נאָך ווײַט, מאָל דיר!...

ג אָ ל ד ע : (צו צייטלען). זאָלסט אָנקוקן, אַז זי טוט זיך אָן — אַ פּרינצעסן! אַ קייסערינע! (צו חווהן). הערסטו, חווה, האָב איך נישט גע־ווּסט, אַז מיר האָבן הײַנט אַ גאַסט — וואָלט איך שוין געוווּסט פון אַל־דאָס גוטס!

חוה: וואָס איז? די קאַץ האָט זיך געוואַשן? פּונקטן זײַנען געפֿלויגן פֿון אויוון?

גאָלדע: (צו צייטלען). שוין — אָט האָסטו זי! באַלד מאַכט זי דיר חוזק! אַקוראַט ווי דער טאַטע אײַערער! די עפּעלעך פֿאַלן נישט ווײַט פֿונעם בוימעלע.

חוה: (לאַכט). לאָז מיך, מאַמע, איך׳ל דיר העלפֿן אויסשלאָגן די פּוטער. (פֿאַרנעמט דער מוטערס אָרט).

צייטל: (צו חוהן). וואָס איז טאַקע פֿאַר אַ לאַכן?

גאָלדע: (צו צייטלען). ווייס איך, וואָס הערסטו זי? דערציִיל בעסער, וואָס מאַכט דײַן מאָטל? ער איז עפּעס נישט מיט אַלעמען?

צייטל: ניין. אַזוי איז ער דווקא נישקשה. נאָר עס מאַכט זיך צײַטנווײַז, קלאָגט ער זיך אויפֿן האַרצן. טרינקט ער בײַ מיר טשאָקעלאַדע מיט פּוטער אַלע טאָג...

גאָלדע: וואָס־זשע? ער פֿילט עפּעס חלילה אינעווייניק? צי וואָס?

צייטל: זאָל גאָט היטן! געזונט און שטאַרק. נאָר דער הוסט... אַז ער הייבט־אָן צו הוסטן — הוסט ער און הוסט!

גאָלדע: (ברעכט די הענט). אַזוי? צום הוסט איז גוט שאַלווי מיט פֿאַלדעראַק, געקאָכט אין סיראָווטקע, און אויף באַנאַכט גוט אַרומוויקלען דעם האַלדז מיט אַן איבערגעקערטער זאָק...

חוה: (שיסט־אויס אַ געלעכטער). כאַ־כאַ־כאַ! (גאָלדע און צייטל טוען זיך אַזש אַ וואָרף).

גאָלדע: (צו חוהן). טפֿו אויף די שונאים קעפּ! האָסט דאָך אונדז איבערגעשראָקן אויף טויט — הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן! (צו צייטלען) אָט אַזוי, ווי דו זעסט, איז אַלע מאָל. באַלד עפּעס וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן — איז כאַ־כאַ־כאַ! און עס וועט דיר נאָר חוזק מאַכן פֿון דער גאַנצער וועלט! דער טאַטע מיט די ביינער!

חוה: קומט־אויס, אַז ס׳אַ חסרון, וואָס איך בין געראָטן אינעם טאַטן? און בײַ מיר איז דאָס אַ גדלות... (הערט נישט אויף צו שלאָגן די פּוטער, זינגט אונטער דער נאָז און צום טאַקט):

> און עס בלאָזט, און עס דרייט,
> און אַ רעגנדל גייט,
> ווער־זשע וואָלט מיך, אַזאַ מיידל,
> ביז אַהיים מיך באַגלייט?...

גאָלדע: (צו חוהן). וואָס־זשע, טאָכטער? האָסט שוין גאָר קיין אַנדער לידל נישט געקאָנט געפֿינען, נאָר אָט דאָס, וואָס אַלע שיקסעס זינגען?

צייטל: (וויל צערייבן). ווו איז דער טאַטע? אַזוי שפּעט? (עס עפֿנט זיך די דרויסן־טיר און עס קומט אַרײַן טביה).

ט ב י ה : (די פּאָלעס אונטערגעשטעקט, די בײַטש אין גאַרטל, דאָס פּנים פרײלעך, שײַנט). ווו איז דער טאַטע? אָט איז ער דאָ! הנה זה בא! מאַכט רש״י: טשאָרט לעדאַשטשע נע וויזמע... (נעמט־אַרויס די בײַטש פונעם גאַרטל, טוט זי אַ וואָרף פון זיך אין ווינקל אַרײַן, גייט־צו צו ציײטלען). אַ גאַסט! וואָס מאַכסטו עפּעס, צייטל? (צעקושט זיך). וואָס מאַכט דײַן ברויטגעבער?

צ יי ט ל : וואָס זאָל ער מאַכן? ער אַרבעט.

ט ב י ה : אַבי ער האָט אַרבעט... מיר אַלע אַרבעטן, ווי אין פּסוק שטייט: י ג י ע כ פּ י ך כ י ת א כ ל — אַז דו׳ וועסט אַרבעטן, וועסטו עסן, אַנישט וועסטו לייגן די ציין אַף די באַנטענעס... און די קינ־דער וואָס מאַכן?

צ יי ט ל : וואָס זאָלן זיי מאַכן? שפּילן זיך. געבעטן מיך לאָזן גריסן דעם זיידן.

ט ב י ה : (קוועלט־אָן). גאָלדענע קינדער! באַרליאַנטענע קינדער! איך האָב זיי ליב, ווי אייגענע. אַז די הייליקע תורה זאָגט: כ ר ח ם א ב ע ל ב נ י ם , איז דאָס נישט אומזיסט. (ציילט די ווערטער). כ־ר־ח־ם אָב על ב־נים — איר הערט ווערטער? (צו חווהן). דיר, חווהלע, האָב איך געבראַכט אַ מתנה, וואָס וועט זײַן באַ דיר אָנגעלייגט. (לייגט־אַרײַן די האַנט אין בוזעם און ציט־אַרויס פון דאָרט אַ בוך). איך זאָל דערציילן פון וואַנען און ווי אַזוי אָט דער בוך קומט צו מיר — איז נסים ונפלאות, טאַקע נאָר יציאת־מצרים! נאַ! (גיט איבער דאָס בוך צו חווהן). דו וועסט עס נאָכדעם לייענען און דערציילן מיר, וואָס סע שטייט דאָרטן. איך דאַרף עס וויסן, מחמת דער דאָזיקער, וואָס האָט געמאַכט אָט דעם בוך, איז טאַקע מײַנער אַ קונה. דאָס הייסט, נישט ער, די מאַמע זײַנע איז פון מײַנע קונהטעס, גיט מיר פּײַן צו לייזן פאַר קעז און פּוטער, און האָט אַ זון, איז דאָס אַ לאָקש! (כאַפּט זיך באַם בויך לאַכנדיק). זינט גאָט האַנדלט מיט לאָקשן, איז נאָך אַזאַ לאָקש נישט געבוירן!

ח ו ה : (וואָס האָט שוין געכאַפּט אַ קוק אין בוך אַרײַן). דאָס זעט מען...

ט ב י ה : אַ פּגירה וואָלט איך מיך פריִער געריכט אַף דעם יאָקל בן פלעקל! שרײַבט ער גאָר ביכער, אָט דער שמויגער! (ווערט שיִער דער־שטיקט פאַר געלעכטער). אַז ס׳איז דאָ געלט, הערט איר, איז דאָ אַלצ־דינג. ווי זאָגט די גמרא: אַ ס ק אַ ק ו ר ד ע ד מ ס ק נ ת א ד ק אַ ר נ אָ ס ע ד פ אַ ר ש מ אַ כ ט ע , מאַכט רש״י: יאַק פּשענאָ — טאָ אי דורען קאַשו נאַווארע... איך זאָל האָבן זײַן מאַמעס געלט, וואָלט איך — עהע־העי! — אָנגעשריבן אָט אַזאַ בוך! (ווײַזט מיט ביידע הענט, וואָס פאַר אַ בוך ער וואָלט אָנגעשריבן).

ג אָ ל ד ע : דאָס איז יאָ — וועמען גאָט גיט מיטן לעפל, און ווע־מען מיטן שעפל...

ט ב י ה : (קוקט־אַראָפּ צו זיך אַף די שטיוול). גוט מאָרגן, געלי, רעטער טראָג איך!... אַ משל, דעריבער גייען קאַטשקעס באָרוועס.. (צום ווײַב). צו וואָס טויג דיר, גאָלדע־ברודער, משלים? אמער, האָב איך דיר געבראַכט צו פּירן נײַס פון בויבעריק — אַט אַזעלכע פּעק! (ווײַזט מיט די הענט). אַפולן וואָגן!

ג אָ ל ד ע : אַט דערפאַר, אַפּנים, האָסטו זיך הײַנט אַזוי געזאַמט, טביה?

ט ב י ה : (שטעקט־אָפּ די פּאָלעס). אַביסל דערפאַר און אַביסל נישט דערפאַר... ווייסט דאָך, אַז מע קומט קיין בויבעריק, ווערט מען פאַרפאַלן, ווי אין פּסוק שטייט: מ ש ו ט ב אָ ר ץ ו מ ת ה ל ך ב ה — טאָ דער, טאָ יענער: „רב טביה, אַהער! רב טביה אַהין!" ווי די שטיינער, וואָס האָבן זיך געקריגט באַ אברהם אָבינו צוקאָפּנס... דער שרײַט: „רב טביה, קעז!" דער שרײַט: „רב טביה, פּוטער!" אַ רוח אין אײַער פּאָרנט און מיטן אַרײַן — וואָס וואָלט איר געטאָן, אַז ס'זאָל קיין טביה גאָר נישט זײַן? אוים טביה! געשטאָרבן טביה!

ג אָ ל ד ע : בײַם דיר אָפּ די צונג, לאָזן די שונאים שטאַרבן, האָסטו געהערט אַביסל!... גיי בעסער וואַש דיך, וועסטו עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, הלוואַי זאָל איך ליגן זאָגן!

טביה: זעסטו, גאָלדע־ברודער, וואָס אמת איז אמת. ווי אין פּרק שטייט געשריבן: א ם א י ן ק מ ח א י ן ת ו ר ה — אַז מ'עט מכות עסן, וועט מען קדחת קענען... ווען האָט מען צײַט צו טראַכטן וועגן אכילה, אַז דער קאָפּ איז אין דער אדמה, צו אַלדע שוואַרצע יאָר? טאָג־אײַן טאָג־אוים איז מען פאַרטאַרעראַמט און פאַרטראַסקעט, הו־הא, פּרנסה!... און גיי פרעג דעם רבונו־של־עולם קשיות, למאי זאָל טביה דער מילכיקער האָרעווען מער פאַר אַלעמען? פאַרפאַלן! גאָט האָט שוין אַזוי איין מאָל באַשאַפן זײַן וועלטל, און קיין עצות באַדאַרף ער נישט פון קיינעם! ווי אין פּסוק שטייט געשריבן: מ י ב ר כ ב ו מ י ב ס ו ס י ם — ווער עס פאָרט, און ווער עס גייט צו־פוס... מסתמא דאַרף אַזוי צו זײַן, אַז די נגידים זאָלן זיך נעבעך וואַלגערן אין בויבעריק אַף די דאַטשעס, און אָנטאָן זיך כל הפאַרגעניגנס וכל הווילטאָגן שבעולם, און דו, טביה, ביסט נישט קליין אויפצושטיין גאַנץ פרי, כלחוך השור, אַז גאָט אַליין שלאָפט נאָך, אײַנשפּאַנען דאָס פערדל און אָוועקפירן פון זייער כבוד וועגן דאָס גאַנצע דאָברע־מזל, פון קעז און פון פּוטער און פון סמעטענע און פון שאָר ירקות, טאַקע פון כל מאמינים שהוא, ווי אינעם הייליקן מחזור שטייט געשריבן...

ג אָ ל ד ע : אָבער מע וויים, אַז דו קענסט! גיי וואַש דיך, וועסטו עסן!

ט ב י ה : איך גיי, איך גיי! (לאָזט זיך צום עמער מיט דער קוואָרט, פאַרקאַטשעט די אַרבל, הערט נישט אויף דעם שמועס). דאָס הייסט, איך

באַקלאָג מיך נישט, חס ושלום! טביה איז נישט פון די, וואָס באַקלאָגן זיך און וויינען אַף „מי יחיה״, וואָרעם ס׳איז דאָ ייִדן, וואָס זײַנען מיר מקנא. אײַך איז, קיין עין־הרע, גאַנץ גוט, רב טביה, אַזוי זאָגן זיי. וואָס ענטפערט מען זיי דערויף? זאָג איך: וואָס קומט אַרויס, זאָג איך, אַז איין ייִדן איז גוט? אַלע יעהופּעצער נגידים, זאָג איך, וואָלט געמעגט זײַן אַזוי ווי מיר... חוץ מײַן שאָדן... (וואַשט זיך, ווישט די הענט מיט אַ גראָבן האַנטעך און זאָגט שטיל דעם „שאר־ידיכם", זעצט זיך צום טיש, מאַכט המוציא).

גאָלדע: (צו די טעכטער). זעצט זיך צום טיש, קינדער, איכל אַרײַנטראָגן עסן. (צייטל און חווה זעצן זיך צום טיש. גאָלדע אָפּ אין קיך).

טביה: און רייד מיט זיי, מיט די הײַנטיקע, זאָגן זיי, אַז ס׳אַ פּאַסקודנע וועלט, מע דאַרף זי איבערמאַכן. כאַ־כאַ, שוטים! נאַראָנים! ס׳אַ־נ־אומזיסטע אַרבעט! וואָרעם זי בעט אײַך נישט, די וועלט, אַז איר זאָלט זי איבערמאַכן (קײַעט). דער וואָס האָט זי געמאַכט — יענער זאָל זי איבערמאַכן... תולה ארץ על בלימה — שטייט געשריבן... דער פּשט איז: לאָז זי זיך שטיין, ווי זי שטייט... צו וואָס זאָלט איר זיך מישן אין פרעמדע עסקים? (עס קומט־אָן גאָלדע מיטן עסן). אָט, למשל, לאָם איך מיך אַרײַנמישן צו אײַער מאַמעס טעפּ אין קיך אַרײַן — וואָס וועט זי מיר זאָגן?

גאָלדע: יום השישי פּריפּעטשיק — קיין אַנדער פאַרגלײַכן נישט געפונען? דערצייל בעסער נײַס, זאָגסטו, האָסט גאַנצע פּעק. (זי צעגיסט איטלעכן אין די טעלער דאָס עסן, זעצט זיך דערנאָך אַליין אויך אַוועק באַם עק טיש).

טביה: (עסנדיק). מענדל ווערעביוווקער קענט איר? אַ ייִד אַ בעל־גוף, זיצט אין ווערעביוווקע נאָך פון פאַר מתן־תורה אָן... אַ סברה, אַז נאָך זײַן טאַטע און זײַן טאַטנס טאַטע, דאָס הייסט זײַן זיידע און זײַן עלטער־זיידע און זײַן עלטער־עלטער־זיידע זײַנען געווען ווערעביוווקער, ווי מיר זאָגן אין דער הגדה (זינגט מיטן נוסח פון דער הגדה) הרו אָנו! ובנינו! ובני בנינו!...

גאָלדע: מע וויים, אַז דו קענסט, מע וויים! דו זאָג בעסער, טביה, וואָס׳ט זיך געטראָפן מיט מענדל ווערעביוווקער? האָט זיך צעזונגען אַ ביסל!

טביה: האָסט קיין צײַט נישט? (קוקט אַרויף). דאַכט זיך, עס רעגנט נישט. (עסט ווײַטער). האָט זיך געטראָפן מיט אים אַן אומגליק. דהיינו? ער, מענדל הייסט עס, האָט, נישט דאָ געדאַכט, נישט פאַר קיין שום ייִדן געדאַכט, זײַן אייגנס זיבן טעכטער, ווי די בעכער, הויכע, געזונטע, קיין עין־הרע, קיין בייז אויג, ווי אין פּסוק שטייט: ויתרוצצו הבנים — די טעכטער זײַנען אויסגעוואַקסן. טעכטער האָבן שוין אַזאַ טבע: באַטאָג עסן זיי, באַנאַכט וואַקסן זיי...

גאָלדע: זאָלן זיי וואַקסן געזונטערהייט — אַ ביסל אַ זאָג פון אַ מענטשן, האָסטו געהערט אַביסל?!

טביה: (לאָזט עס דורך פאַרבײַ מיט אַ שמייכל). הקיצור, איז זיך מיישב די עלטערע טאָכטער מענדלס און זאָגט דעם פסוק „אָהבתי“, דאָס הייסט, זי פאַרליאַפּעט זיך אין אַ גוי, עפּעס אַ שייגעץ פון ווערעביווקע טאַקע, און שמדט זיך אָוועק און האָט כאַסלערע פאַרן גוי, און ושם נאמר — רוף מיך קנאַקניסל!... (נעמט זיך צוריק צום עסן).

גאָלדע: (ברעכט די הענט). אַ ווייטיק איז דער מאַמע אירער!... (חווה האָט באַלד אויפגעהערט צו עסן. צייטל ברעכט די הענט, ווי די מוטער).

צייטל: פון וואַנען ווייסטו עס, טאַטע?

טביה: פון וואַנען איך ווייס? איך ווייס עס פון עם סאַמע רעכטן צאַפּן. פונעם גלח אַליין ווייס איך עס, ימח שמו וזכרו! (הערט־אויף עסן). איך ווייס נישט פאַר וואָס, נאָר איך האָב אים פײַנט, אָט דעם אָטיעץ אַלעקסיי... דאָס הייסט, האָבן האָב איך צו אים גאָרנישט, וואָס איך ווינטש אים — מעג אים אָנקומען כאָטש האַלב, נאָר כ׳האָב אים פײַנט!... דעם טאָג, ווען איך באַגעגן מיך מיט אים, ווייס איך פֿריִער, אַז ס׳וועט זיך עפּעס טרעפן... (צו חווהן). דו מעגסט עס אָנרופן, חווה, פאַנאַטיזמע, און כדומה, און איך זאָג מיר מײַנס, אַז אַ גלח גייט־איבער דעם וועג — איז שלים־שלים־מזל... והראיה (צו אַלעמען): וואָס איז עפּעס גראָד הײַנט מײַן פערדל געפעלן ׳געוואָרן זיך צעלאָזן משוגענערווײַז באַרג־אַראָפּ, און ויברח יעקב — פוץ מיטן וואָגן אין דער בלאָטע, און באַץ אַ קריגל מיט צוויי טעפּלעך, פּראַוודע — ליידיקע, וואָרעם דאָס איז שוין געווען צוריקוועגס, ווײַטער וואָלט איך געקאָנט האָבן אַ גרויסן שאָדן... און ווער איז שולדיק, אַז נישט דער גלח? ווי קומט אַהער אַ גלח — וועט איר האָרכן. פאָרנדיק אַהינצוּוועגס מיט דעם גאַנצן דאָברע־מזל, פאַרטיפט אין מחשבות, ווי גע־ווײנטלעך אַפן ניכטערן האַרצן, און דער וואַלד איז שטיל, און די זון שײַנט ווי אַ מנורה, מחיה נפשות, — איך טו אַ קוק: ער פאָרט מיר אַקעגן, מיט זײַן געלער בריטשקע, און די באָרד זײַנע איז פונעם ווינט צע־מיילט אַף צווייען, און די בוימלדיקע אייגעלעך שמייכלען צו מיר פון דער ווײַטן. מאַך איך מיך כלא ידע — גלײַך ווי איך זע נישט, ווי אין תהלים שטייט ׳געשריבן: עם חסיד תתחסד — מע דאַרף וויסן מיט אַ גוי ווי צו האַנדלען... דערזען, אַז איך זע אים נישט, טוט ער, דער גלח ימח שמו, אַ זאָג צו מיר: „טפּררדו, טעוול, וואָס מאַכסטו גוטס?“ קאָן מען שוין אַזוי גראָב נישט זײַן, און איך ענטפער אים: „טפּררדו, באַטיושקאַ, וואָס הערט זיך עפּעס בא דיר?“... מאַכט ער צו מיר: „דו זעסט־אויס, טעוול, זייער גוט!“... טראַכט איך מיר: „זאַלץ דיר אין די אויגן, שטיי־נער דיר אין האַרצן!“... און ענטפערן ענטפער איך אים: „דו זעסט־אויס, פאַטיִרל, נאָך בעסער“... „ווייסטו, זאָגט ער, טעוול, וואָס אין ווערעביווקע האָט זיך געטראָפן?“ זאָג איך: „ניין, פאָטערל, איך ווייס נישט, וואָס אין ווערעביווקע האָט זיך געטראָפן. קטונתי, זאָג איך, ווער בין איך אַזעלכער,

איך זאָל מטריח זײַן, זאָג איך, אַזאַ היילִיקן באַטיושקאַ, ווי דו ביסט? נאָר, זאָג איך, אויב איך האָב געפונען, זאָג איך, לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, וועסטו אפשר זײַן, זאָג איך, אַזוי גוט און וועסט מיר דערציילן?"... פוילט ער זיך נישט און נעמט און דערציילט מיר די גאַנצע געשיכטע, הייבט־אָן נישט גלײַך, נאָר פון פצון־זײַט, „נאַש באַך, וואַש באָך", ווי זײַן שטייגער איז, און איך זע, עס קומט אים צו אַ שטיק געזונט, ימח שמו וזכרו! ניין, הערט ווײַטער, וואָס אַ גלח קאָן! דאָס אַליין איז אים קאַרג, וואָס מיר צאַפּט זיך בלוט, האָט ער נאָך אין זיך אַ פּאָטעפּאַלנאָסט פאַר מיר צו באַרימען זיך, אַז ער האָט אַ גרויסן חלק אין דעם דאָזיקן שטיקל אַרבעט, און אַז ער האָט דאָס באַוואָרנט מענדל ווערעביוווקערס טאָכטער!... ווער איך שוין גוט אין כעס און עס ווילט זיך מיר אים אָפּ־ענטפערן מיט אַ משל און מיט אַ מדרש און מיט אַ פּסוק, ווי טביה קען; נאָר איך האַלט מיך אײַן — וואָס טויג מיר האָבן צו טאָן מיט אַ גלח?

גאָלדע: זייער רעכט האָסטו געטאָן, טביה...

טביה: (צו די טעכטער). אָט איז זי אויך מסכים! (צום ווײַב). וואָס וואָלסטו אָבער געטאָן, גאָלדע־ברודער, ווען דו הערסט פון אים די ווײַטערדיקע דבורים?

גאָלדע: וואָס ווײַטער?

טביה: וואָס ווײַטער אַלץ בעסער. ווי זאָגט מען דאָס: „טיפער אין וואַלד, געדיכטער דיביימער"... איך אָבער האָב אים געלאָזט ריידן. רייד צעזעצטערהייט — וואָס אַרט עס מיך, אַז דו רעדסט?... נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס פאַרדריסט מיך, זאַלצט ער מיר אויף די ווונדן און דערציילט, כלומרשט אַזוי זיך, פאַרבײַגייענדיק, וואָס פאַר אַ גליק מענדל ווערעביוווקערס טאָכטער האָט געמאַכט. „מהכתיתי, זאָג איך, לאָז איר גאָט העלפן"... דערזעט, אַז ער קאָן מיך נישט אײַנבײַסן, טוט ער אַ זאָג צו מיר מיט זײַן צוקערדיק שמייכעלע: „איך האָב געוואָלט, זאָגט ער, באַ דיר, טעוול, עפּעס פרעגן". „פרעג, זאָג איך, באַטיושקאַ, איכל דיר, זאָג איך, אָפּענטפערן על ראשון ראשון"... טוט ער אַ גלעט די באָרד און אַ מאַך צו מיר: „דו ביסט דאָך, זאָגט ער, טעוול, אַ ייִד אַ חכם. ווי וואָלט געווען, למשל, ווען מיט דיר טרעפט זיך, זאָגט ער, אַזאַ מעשה? ווען דײַן טאָכטער, זאָגט ער, פאַרליבט זיך אין אַ אונדזעריקן און זי וויל, זאָגט ער, פאַר אים חתונה האָבן?"... „אַה, נישט דערלעבן וועסטו דאָס, דו פּאַסקודנער פּאָפּ!" — טראַכט איך מיר אין האַרצן און ענטפער איך אים אַזוי: „קטונתי, זאָג איך, ווער בין איך, וואָס איך זאָל זוכה זײַן צו אַזאַ כבוד? נאָר, זאָג איך, ווען מיט מיר, זאָג איך, טרעפט זיך אַזאַ גליק, איז אָדער לאָם איך דאָס נישט דערלעבן, אָדער, זאָג איך, מײַן קינד וואָלט בעסער אַרײַן אין דער ערד, אָדער מיר ביידע, זאָג איך, וואָלטן אײַנגענומען אַ מיתה משונה, ווי אין פּסוק שטייט: תמות נפשי עם פלשתים!... און ווען אַפילו, זאָג איך, טביה זאָל פאַר־

מאָגן, זאָג איך, צען טעכטער, וואָלטן אַלע צען, זאָג איך, גיכער געמעגט זײַן די כּפּרה אין איין טאָג, איידער איינע פון זיי, זאָג איך, זאָל אויס־בײַטן דאָס רענדל!״... (באַ די ווערטער טוט חווה אַ פאַל צו צײַטלען אָף די הענט).

צ ײ ט ל : (כאַפּט זי אונטער). גאָט איז מיט דיר, חווה!

ג אָ ל ד ע : אַ דונער האָט מיך געטראָפן! דאָס קינד חלשט! חווהניו! טאָכטער מײַנע! (בייגט זיך אָן איבער איר). נשמה מײַנע!...

ט ב י ה : (האָט אַ וואָרף געגעבן דאָס לעפל, זיך אויפגעכאַפּט פון טיש, ווי אַ משוגענער, די אויגן פול שרעק, די הענט טרייסלען זיך). געכלשט?... ווו?... חווהלע?... לאָזט מיך!... (בייגט זיך אָן צו איר, גלײַכט זיך אויס צוריק און צעשרײַט זיך). וואָס־זשע שטייט איר, ווי די ליימענע גולמס? וואַסער גיט אַהער! וואַסער! ראַטעוועט! (גאָלדע לויפט נאָך וואַסער, צײַטל האַלט די שוועסטער). זי האָט געחלשט!... באַ די שלייפן באַ־דאַרף מען זי קוועטשן!... אָט אַזוי!... (בייגט זיך אָן ווידער צו חווהן, קוועטשט איר דעם קאָפּ מיט ביידע הענט. חווה עפנט־אויף די אויגן, קוקט זיך אַרום אָף אַלע זײַטן און הייבט זיך פּאַמעלעך אויף, טביהס האַרץ באַוועגט זיך. זײַן פּנים שײַנט).

ח ו ה : (מאַכט זיך צורעכט די האָר). וואָס איז דאָ געווען?

ט ב י ה : (שוין גאָר אַן אַנדער מענטש). גאָרנישט, קינד מײַנס, גאָרנישט! (גלעט זי איבערן קאָפּ).

ג אָ ל ד ע : (מיט אַ קוואָרט וואַסער). נעם אַ קאַפּעלע וואַסער! דיר איז נישט גוט געוואָרן אָף צו חלשן, הלוואַי איך זאָל ליגן זאָגן!...

ט ב י ה : וואָס חלשן? ווער חלשן? אָטשאַדעט געוואָרן!... (שטופּט אָפּ דאָס ווײַב מיט דער קוואָרט וואַסער). צו וואָס וואַסער? מע דאַרף ניט קיין וואַסער! איר זעט דאָך — אָטשאַדעט! פּאַרדרייט זיך דער קאָפּ — נו, איז איר נישט גוט געוואָרן! זע־נאָר, וואָס דאָ טוט זיך אַביסל! מאַכט זיך אַמאָל, אַ מענטשן דער קאָפּ טוט ווײ... (צו חווהן). ווי אַזוי איז דיר איצ־טער, חווהלע? איבערגעגאַנגען? (גלײַכט זיך אויס). נו, ווי דען? איך האָב דאָך באַלד געזאָגט, אַז ס'איז גאָרנישט מיט גאָרנישט... איז דאָך עס אָבער מיט ווײַבער, נשים, נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן! אַביסל אַ טאַרע־ראַם! אַ געפילדער! „זי חלשט!״... „ראַטעוועט!״... ווער חלשט? וואָס ראַ־טעוועט? אַ שׂרפה — מע זאָל ראַטעווען?... עך, ווײַבער, ווײַבער! (מיט פּאַטאָס). נישט אומזיסט האָט אײַך שלמה המלך אַזוי נישט ליב געהאַט! נישט אומזיסט זאָגט ער אין שיר־השירים אָף אַלע ווײַבער, אַז... אַז... אַז... (טוט זיך אַ פּאַטש אין שטערן). ברוך מזכיר נשמות — לאָם איך מיך דערמאָנען, וואָס ער זאָגט אָף אײַך?... (מיט כּעס). אַז איר פּאַרדולט מיר מײַן קאָפּ!!!....

פ אָ ר ה א נ ג .

ענדע פונעם ערשטן אַקט.

צווייטער אקט

(אַ גרויסער הויף. אַף יענער זײַט הויף — אַ גאָרטן. פון ווײַטן, רעכטס, זעט מען אַרויס די שטוב, אַ דאָרפישע געבײַדע מיט אַ פריזבע. לינקס — אַ שטאָל. נאָענט צו דער ראַמפע — אַ ברונעם מיט אַלץ וואָס געהערט צו אַ ברונעם, אַף שעפּן וואַסער. דער גאָרטן ענדיקט זיך מיט אַ געפלאָכטענעם פּלויט. — מיט אַ גראַבאַײַזן אין די הענט שטייט חווה אַנגעבויגן און פּאָלעט דעם גאָרטן. אָנ־געטאָן איז זי ווי אַ דאָרפסמיידל: צוויי צעפּ מיט רויטע סטענגעס, אַן אויס־גענייט מאַלאָראָסיש העמד מיט ברייטע אָרבל, אַ גרינער קאָרסאַזש אַף אַ קורץ שוואַרץ קליידל).

ח ווה: (אַרבעט מיטן גראָבאַײַזן לאַנגזאַם און זינגט מעלאַנכאָ־ליש זים):

ווינטן ווייען, אזש
דיביימער ווע־
רן אויסגעריסן.
ס'טוט מײַן האַרץ מיר
ווי, נאָר טרערן
קאָנען זיך
נישט גיסן.

אוי! איך פּטר וויסט
און פינצטער מײַ־
נע יונגע יאָרן!
וואָלט איך קאָנען
וויינען ביטער,
וואָלט מיר גרינג
געוואָרן...

(זינגענדיק קומט זי צו אַלע מאָל נענטער צו דער ראַמפּע. — פון יענער זײַט פּלויט באַווײַזט זיך פּ ע ד י אַ ג אַ ל אַ ג אַ ן. אַף זײַן שוואַרץ העמדל — אַ פּידזשאַק דאָס היטל אַף אַ זײַט, אין האַנט אַ ביכל. אנגעשפּאַרט אַן פּלויט פון יענער זײַט, הערט ער זיך אײַן, ווי חווה זינגט).

פעדיא: (אפלאדירט). בראוואָ! בראוואָ!

חווה: (כאַפּט זיך באַם האַרצן). אוי, האָסטו מיך דערשראָקן, פעדיא! (וואַרפט אַוועק דעם גראָבאַייזן, לאָזט זיך צו אים).

פעדיא: (לאַכט). איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז דו ביסט אַזאַ איבערגעשראָקענע... (שפּאַנט־אַריבער פון דער זײַט פלויט). און וואָס איז די מעשה, וואָס דו זינגסט עפּעס אַזוי, אַזוי... ווי אַזוי זאָל איך דיר זאָגן? עפּעס האַרצעדיק? אומעטיק?

חווה: אומעטיק אַפן האַרצן, זינגט זיך אומעטיק...

פעדיא: (גייט־צו צו איר נאָענט, גיט איר די האַנט). אומעטיק אַפן האַרצן? (פאַרקוקט איר אין די אויגן). וואָס איז דיר, הערצעלע מײַנס? טײַבעלע מײַנס? (וויל זי אַרומנעמען, זי לאָזט זיך נישט).

חווה: דו פאַרגעסט, וואָס מיר שטייט פאָר? (זיפצט).

פעדיא: נאַרישקייטן!

חווה: בײַ דיר איז עס אפשר נאַרישקייטן... (דערזעט בײַ אים דאָס ביכל). דאָס וואָס איז?

פעדיא: וואָס כ'האָב דיר צוגעזאָגט. מאַקסים גאָרקי.

חווה: (לעבעדיק). אַך, גאָרקי!... (נעמט דאָס ביכל, מישט־אויף, דערזעט דאָס בילד). דאָ איז דאָס בילד אַ סך שענער!... ווי פּראָסט! ווי אײַנפאַך! אָט דאָס איז אַ מענטש! אָט דאָס איז אַ כאַראַקטער!... אַ דאַנק. (דריקט אים נאָך אַ מאָל די האַנט, קוקט אַפן פאָרטרעט, וואָס אין ביכל, און אַף פעדיאַן). ווייסט, אַף וועמען ער איז פאַכאָזשעט?

פעדיא: אַף וועמען?

חווה: אַף וועמען? פאַרשטייט זיך, אַף דיר! (צעלאַכט זיך).

פעדיא: וואָס־זשע לאַכסטו?

חווה: (טראָגט אים אונטער דאָס ביכל). נאַ זע! צוויי טראָפּן וואַסער!...

פעדיא: (קוקט נישט אין ביכל, קוקט אַף איר). ווי שיין דו ביסט הײַנטיקן פרימאָרגן! ווי די זון — אַזוי שײַנסטו! ווי דער הימל זײַנען דײַנע אויגן! און דער קאָסטיום, האָלקע מײַנע, דער דאָזיקער קאָסטיום ווי ער פּאַסט דיר! (באַטראַכט זי). אונדזער נאַציאָנאַלער קאָסטיום פון מאַלאָראָסיע! ווי שיין דו ביסט, עוואַ!...

חווה: און ווי שיין דו האָסט אויסגעלערנט זיך ריידן, פעדיא! ווי פון אַ ביכל אַקוראַט!... (צעלאַכט זיך ווידער).

פעדיא: עפּעס לאַכסטו מיר הײַנט צופיל, האָלעטשקע?

חווה: ס'איז מיר פרייליך — לאַך איך...

פעדיא: אָט ערשט איז דיר געווען אומעטיק, איצט — שוין פרייליך!...

חווה: געווען פינצטער, אויפגעגאַנגען די זון, געוואָרן ליכטיק... (קוקט אים טיף אין די אויגן אַרײַן).

פ ע ד י א : (קאָן נישט בײַקומען איר קוקן). א האַלבע מלוכה פאַר א טרונק וואַסער, טײַבעלע מײַנס!

ח ו ה : קום, איכל דיך אָנטרינקען! (זיי לאָזן זיך ביידע צום ברונעם. חווה פריִער, פעדיאַ נאָך איר. געשיקט, בריהש, ווי אַן אמת דאָרפיש מיידל, כאַפּט זי דעם עמער, פאַרוואַרפט דעם שטריק אין ברונעם אַרײַן, אַ טרייסל אַהער און אַהין — פאַרטיק אַן עמער וואַסער). האָב איך ערלעך פאַרדינט מײַן האַלבע מלוכה?

פ ע ד י א : (טרינקט זיך אָן). א גאַנצע מלוכה, קעניגן מײַנע!... ווייסטו, וואָס איך בין געקומען? איך האָב געוואָלט מיט דיר עפּעס ריידן, עווא...

ח ו ה : (מיט אַמאָל איז פאַרשוווּנדן איר פריילעכקייט). עפּעס ריידן?... זיץ. זעצט זיך אַוועק אַף די הילצערנע צאַמרינעס פון ברונעם, ווײַזט אים אַן אָרט נעבן זיך).

פ ע ד י א : (זעצט זיך אַוועק, נעמט־אַרויס אַ פּאַפּיראָס). איך האָב זיך געוואָלט זען מיטן באַטיושקאַ, מיטן פּאָטער אַלעקסיי, מיט אונדזער גלח...

ח ו ה : (אַ מאַך מיט דער האַנט). נאָר נישט וועגן דעם!...

פ ע ד י א : (פאַרוווּנדערט). פאַר וואָס עפּעס, טייבעלע?

ח ו ה : אַזוי... הײַנט נישט... נישט אויפגעלייגט...

פ ע ד י א : איך זע טאַקע, אַז דו ביסט נישט אויפגעלייגט...

(פאַררייכערט דעם פּאַפּיראָס, זעט־אויס אומצופרידן. חווה באַמערקט עס).

ח ו ה : דו פאַרגעסט, וואָס מיר שטייט־פאָר, פעדיאַ! מאַכן אַזאַ שריט... אָפּגעזעגענען זיך מיט אַלץ... מיט מײַן גאַנצן פאַרגאַנגענעם, מיט טאַטע־מאַמע און מיט אַלע מײַניקע אַף שטענדיק...

פ ע ד י א : אַף שטענדיק?

ח ו ה : אַף אייביק!... דו קענסט נישט מײַן טאַטן, פעדיאַ! דאָס איז אַ מענטש מיט אַ כאַראַקטער! ער וועט מיך גיכער זען אַ טויטע, איידער מוחל זײַן מיר דעם שריט! קיינמאָל נישט!

פ ע ד י א : קיינמאָל נישט?

ח ו ה : קיינמאָל נישט! כאָטש ליב האָט ער מיך — נישטאָ נאָך אַזאַ פאָטער דער צווייטער!... (פויזע. רעדט מיט געבעט). וואָס טוט מען, פעדיאַ טײַערער, וואָס טוט מען, אַז מײַן טאַטע זאָל מיך פאַרשטיין און... זאָל מיר מוחל זײַן? ווי אַזוי מאַכט מען?...

פ ע ד י א : (מאַכט אַ אומפרײַנטלעכע מינע). דו זאָרגסט זיך פאַר דײַן טאַטן מער ווי פאַר זיך. דו האָסט אין זינען דײַן טאַטן מער ווי די גאַנצע וועלט...

ח ו ה : (פאַרדראָסיק). און דו האָסט אין זינען זיך מער ווי די גאַנצע וועלט, און אַפילו מער ווי מיך...

פ ע ד י א : (אויפגעבראַכט). אָ, ניין! זעסטו, דאָס זאָגסטו שוין

דורכוים נישט אמת — און דו אַליין ווייסט עס!... (מיט פײַער). דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז די וועלט — דאָס ביסטו!... אַז פאַר דיר בין איך גרייט... (פאַרוואַרפט דעם פּאַפּיראָס).

ח ו ו ה : (ענדיקט פאַר אים). אין פײַער און אין וואַסער... ווי אין די ביכלעך שטייט געשריבן... איך וואָלט וועלן וויסן אָט וואָס, פעדיאַ. איך וואָלט וועלן וויסן, ווי וואָלט געווען, ווען דו זאָלסט דאַרפן מאַכן דעם שריט, וואָס מיר שטייט־פאָר?

פ ע ד י אַ : וואָלט איך אים געמאַכט און ווינציקער גערעדט, טײַערע מײַנס! איבעריקנס, צו וואָס איז דער עקזאַמען, עווּאַ?... און איבער־הויפּט, וואָס טוט זיך עס מיט דיר? אָדער באַ דיר איז עפּעס־וואָס פאָרגע־קומען, אָדער איך האָב דיך נישט געקענט?

ח ו ו ה : אַזוי שפּעט זיך אַרומגעקוקט, אַז דו קענסט מיך נישט?

פ ע ד י אַ : (האַט זיך פאַרכאַפּט). איך זאָג נישט, אַז איך קען דיך נישט — ניין! איך זאָג, אַז איך ד ע ר ק ע ן דיך נישט... און אָן אַלע־מען, זע איך אַרויס, עווּאַ, אַז דו ביסט הײַנט גלאַט נישט אויפגעלייגט... ווען איך ווייס, אַז דו ביסט הײַנט אַזאַ... (שטרעקט איר אויס די האַנט). זײַ געזונט, עווּאַ!

ח ו ו ה : (אַ לאָז צו אים מיט ביידע הענט). פעדיאַ! מײַן קאַפּריז־נער העלד! גיי נישט אַוועק! לאָז מיך נישט אַליין! איך נייטיק זיך אין אַ גוט וואָרט!... איך האָב דעם גאַנצן פרימאָרגן אַרויסגעקוקט אַף דיר!... (אין פאַרצווייפלונג). איך האָב מיט דיר אַזוי פיל צו ריידן! אַזוי פיל!

פ ע ד י אַ : (זעצט זיך אַוועק צוריק). פאַר וואָס זשע רעדסטו נישט? דו ווייסט, אַז איך האָב ליב הערן, ווי דו רעדסט, קעניגן מײַנע!

ח ו ו ה : (ווערנד זי רעדט, שפּילט זי זיך מיט אירע צעפּ, צעפּלעכט זיי און פאַרפלעכט). דו ווייסט נישט, וואָס איך טראָג־איבער. פון איטלעכן באַזונדער! פון איטלעכן באַזונדער!... מײַנע היימישע קוקן מיר נאָך, היטן מיר די טריט... זיי שטויסן זיך, אַז איך בין צו דיר... אַז... עס ציט מיך צו דיר!... מײַן שוועסטער — זי האָט זיך דערלויבט מיר צו לייענען אַ נאָטאַציע! די מאַמע מײַנע זאָגט מיר גאָרנישט, נאָר זי קוקט אַף מיר און זיפצט... הלוואי וואָלט זי בעסער מיר שוין געזאָגט, פירגעהאַלטן, גע־שאָלטן!... וואָרעם יעדער זיפץ אירער רײַסט־אויס באַ מיר אַ שטיק האַרץ!... הײַנט די מלחמה, וואָס מיר שטייט־פאַר מיטן טאַטן!... אים זאָגן, אַז איך האָב דיך ליב, אַז איך קאָן אָן דיר נישט לעבן?... אָט האָב איך דיר, זעסטו, אויסגעזאָגט דעם גאַנצן אמת...

פ ע ד י אַ : איך דאַנק דיר, עווּאַ! (נעמט איר האַנט, וויל זי אַרומ־נעמען אײַנגאַנצן, זי לאָזט זיך נישט). וואָס איז מיט דיר, האַרציקע?

ח ו ו ה : איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז! זע איך דיך נישט — שטאַרב איך אַוועק... דערזע איך דיך — צינדט זיך אָן אין מיר אַ פײַער — נישט אַף דיר, ניין! נאָר אַף יענע, וואָס האָבן אויסגעטראַכט,

אַז מענטשן זאָלן זײַן אָפּגעווײַטערט אײנס פון דאָס אַנדערע מיט זײער גלויבן און מיט זײער...

פ ע ד י אַ : מיר באַדאַרפן זיך אױפֿוועקשטעלן העכער פון די אַלע קינדערײַען, וואָס מענטשן האָבן צוגעטראַכט! (רוקט זיך צו). איך זאָג דיר, דו קעניגן פון מײַן נשמה, אַז ס'נישטאָ די זאַך אױף דער וועלט, וואָס זאָל שטײן אונדז אין וועג... באַרויִק דיך, עווא, פאַרגעס נישט, אַז איך בין מיט דיר אַלע מאָל און אומעטום, און אַז דײַן גליק (באַגײַסטערט) — דאָס איז דער אײנציקער צוועק פון מײַן לעבן! צוליב דיר וועט מיר שײַנען אױף די זון, זיך פאַרבן אױף דער הימל, גרינען אױף דאָס גראָז, בליִען אױף די קוויטן... צוליב דיר וועט מיר די גאַנצע וועלט זיך פאַרוואַנדלען אין אַ גן־עדן, און דו וועסט זײַן פאַר מיר די קעניגן פון דעם גן־עדן, און איך וועל זײַן דײַן געטרײַער קנעכט! איך וועל היטן דײַנע טריט, דײַן שלאָף, דײַנע קאַפּריזן, קוקן אין דײַנע אויגן. אין די שײנע קלאָרע אויגן דײַנע!...

ח וו ה : (כאַפּט אים אַרום אין עקסטאַז מיט בײדע הענט אַרום האַלדז). אוי! פעדיאַ! פעדיאַ! (לאָזט אים אָפּ). דו מאַכסט מיך קראַנק! דו מאַכסט מיך משוגע! איך וועל אַראָפּ פונעם זינען — אַזוי ליב האָב איך דיך! איך בין אַ פאַרפאַלענע — איך ווײס דאָס, איך פיל, אַז איך גײ צו גרונט, נאָר איך קאָן מיך נישט בײַקומען! איך גײ פאַרלוירן, איך בין אַ פאַרלוירענע!... (באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט).

פ ע ד י אַ : אַ פאַרלוירענע? צו וואָס זאָלסטו עס זאָגן, קרײנדעלע, אַז דו ווײסט, אַז ס'איז נישט אַזוי? צו וואָס, האַרציקע, אַזעלכע ווערטער, אַז דו ווײסט אַלײן, אַז דײַן נשמה איז לויטער, ווי קרישטאָל, און אַלײן ביסטו רײן, ווי אַ מלאך? (נעמט־אַרום איר טאַליע, רעדט איר גלײַך אין אויער, קושט אירע צעפּ). איך זע דיך אַ פרײלעכע, אַ צופרידענע, אַ גליקלעכע, אַ, טײַערע געטרײַע עווא מײַנע! דײַן פּנים שײַנט, זע איך, אַזוי ווי די זון אין האַלבן טאָג... דײַנע אויגן לויכטן, זע איך, ווי די שטערן אין האַלבע נאַכט... פון גליק, פון ליבע.. און גיך וועט דאָס זײַן, גאָר־גאָר גיך... מירן נאָך הײַנט זײַן בײדע באַם באַטיושקאַ אַלעקסײ...

ח וו ה : (האָט זיך אַרויסגעריסן פון זײַנע אָרעמס, גלײַך אַזוי ווי אַ שלאַנג האָט זי אַ ביס געגעבן, און איז שטײן געבליבן אױף די פיס). אָ, נײן! נײן! נישט הײַנט! הײַנט נישט!... איך וויל נישט! איך קאָן נישט! (פעדיאַ צו איר — ער וויל זי אַרומנעמען). לאָז מיך! לאָז מיך אָפּ! גענוג גענוג אָנגערעדט זיך! פעדיאַ, אַנטלויף! פאָלג מיך — טראָג זיך אָפּ!... פאַרנאַכט זעען מיר זיך נאָך אַמאָל, ווידער אױף אַ דאָ... גײ, פעדיאַ! גײ, טײַערער!

פ ע ד י אַ : (קאָן נישט אַוועקגײן, קוקט איר אין די אויגן, דריקט איר די האַנט, לאָזט זיך גײן, קוקט זיך אום צוריק, מאַכט צו איר מיטן היטל. זי שיקט אים אַ קוש אין דער לופטן, און נאָך אַ קוש, און נאָך אַ קוש. — אומבאַמערקט באַווײַזט זיך פון דער ווײַטן ט ב י ה , אין דער צײַט, ווען פעדיאַ שפּאַנט־אַריבער צוריק אױ־

בערן פלויט און חווה נעמט זיך צוריק צום גראָבאַיִזן. ער קומט־אָן מיטן עמער אין האַנט, די פּאָלעס אונטערגעשטעלט, גייט־צו צום ברונעם בעת פעדיאַ איז שוין פון יענער זײַט פּלויט, שטעלט זיך אַוועק פון אונטער דער האַנט אַרויס אײַנצוקוקן זיך אין דער ווײַטן, דערזעט די טאָכטער מיטן גראָבאײַזן אין די הענט, באַקלערט זיך פריִער וואָס ער זאָל טאָן, נעמט זיך דערווײַל צו דער אַרבעט — שעפּן וואַסער).

טביה: (גרייט אַראָפּצולאָזן דעם עמער אין ברונעם אַרײַן, בלײַבט שטיין, רופט די טאָכטער מיטן פינגער). אַנו, קום נאָר אַהער, חוועלע! זײַ־זשע מוחל...

חווה: (גייט־צו מיטן גראָבאײַזן). וואָס איז, טאַטע? מיך רופסטו?

טביה: (ווײַזט מיט דער האַנט). ווער איז אָט אַ יענער אָ אָט דאָרטן?

חווה: (קוקט זיך אײַן). ווו?

טביה: (ווײַזט איר אַרויף, אַהין, ווײַט). אָט אַ דאָרטן אָ, פון יענער זײַט פּלויט... צי עס ווײַזט זיך מיר אויסעט?

חווה: עס ווײַזט זיך דיר אויס.

טביה: (הערט נישט אויף אײַנצוקוקן זיך). איך וואָלט אָבער געמעגט שווערן, אַז ס'אַ מענטש...

חווה: (קוקט אויך אַהין). יאָ, ס'אַ מענטש.

טביה: און אויב כ'האָב קיין טעות נישט, דאַרף עס זײַן כוועדקע גאַלאַגאַן, זאָל מאריך ימים ונשים זײַן... איז דאָס ער?

חווה: ער...

טביה: (מיטן פּנים צו דער טאָכטער). גייט ער נישט פון דאַנען?

חווה: (דרייסט, דעם פּאָטער אין די אויגן). פון דאַנען...

טביה: צו וועמען האָט ער עס באַדאַרפט, דער קדיש?

חווה: צו מיר.

טביה: צו דיר?

חווה: צו מיר.

טביה: וואָס־זשע האָט ער געוואָלט, דער תכשיט?

חווה: וואָס זאָל ער וועלן?

טביה: איך מיין... מסתמא האָט מען געשמועסט?

חווה: געווים האָט מען געשמועסט.

טביה: פון וואָס, למשל? אַז פון געשעפט — זיכער נישט, פון פּאָליטיקע — נישט, און פון ביכער אויך נישט...

חווה: האָסט נישט געטראָפן, טאַטע... מיר האָבן אַקוראַט גערעדט וועגן ביכער... (ציט־אַרויס פון קאָרסאַזש דאָס בוך, וואָס פעדיאַ האָט איר איבערגעלאָזט). אָט דאָס האָט ער מיר געבראַכט צו טראָגן...

טביה: אַ ביכל? (נעמט און באַטראַכט דאָס בוך). מהכתיתי. ביכער דאַרף מען לייענען... פון ביכער ווייסט מען אַלץ, וואָס אַף דער וועלט טוט זיך, סײַ אַפן הימל, סײַ אַף דער ערד. נאָר וואָס דען? איין זאַך פאַר־

שטיי איך נישט: מיט ביכלעך קאָן מען, דאַכט מיר, טרעפן גלײַך אין שטוב אַרײַן. צו וואָס שפּאַנען איבער אַ פּלויט, ווי אַ יון אין סוכה?... צי אפשר איז דאָס אַזאַ סחורה, וואָס האָט מורא פאַר אַ גוט־אויג?... פון די גוטע ביכלעך, וואָס מע דאַרף זיך מיט זיי באַהאַלטן אויפֿן בוידעם?

ח וו ה : (נעמט־צו דאָס ביכל). ס'איז דווקא אַ לעגאַל ביכל און מע מעג עס לייענען — ס'איז פון גאָרקין.

ט ב י ה : (מאַכט־צו איין אויג). פון גאָרקען? ווער איז געווען דער גאָרקע?

ח וו ה : מאַקסים גאָרקי — אַ שרײַבער אַ רוסישער... דער צווייטער פון טאָלסטאָי, פונעם גראַף טאָלסטאָי, וואָס זײַן פּאָרטרעט הענגט בײַ אונדז אויף דער וואַנט...

ט ב י ה : אַ? אָט אַ יענער גראַף טאָלסטאָי, וואָס זאָגט, אַז מע שטעקט דיר אָפּ אַ פּאַטש אין איין באַק, זאָלסטו זאָגן יישר כח, דערלעבט איבער אַ יאָר — און אונטערשטעלן די אַנדערע באַק?... און וואָס דרשנט ער, אָט דער דאָזיקער מאַקסים דײַנער? ווי אַזוי הייסט ער — גאָרקע?

ח וו ה : חוזק קאָנסטו מאַכן, טאַטע, פון וועמען דו ווילסט, נאָר נישט פון אַזעלכע מענטשן, ווי דער גראַף טאָלסטאָי אָדער גאָרקי... מאַקסים גאָרקי איז אַ מענטש, וואָס זײַן נאָמען לאָזט זיך הערן ווײַט, זײַנע ביכער ווערן איבערגעזעצט און געלייענט אומעטום. אַלצדינג, וואָס ער איז דערגאַנגען, איז ער דערגאַנגען פון זיך אַליין, אין ערגעץ נישט געלערנט... אַ פּראָסטער מענטש, נאָר אַ גרויסער מענטש... אָט האָסטו זײַן פּאָרטרעט. (טראָגט־צו דעם פֿאָטער דאָס ביכל, ווײַזט אים אויפֿן בילד).

ט ב י ה : (שטעלט־אַוועק דעם עמער, ווישט־אָפּ די הענט אָן דער פּאָלע, נעמט דאָס ביכל, קוקט אויפֿן בילד מיט איין אויג צוגעמאַכט, ווי אַ מבין). פּסס! אַ גדול! (שאָקלט מיטן קאָפּ, פּאַרבײַסט אַ ליפּ). טאַקע נאָר פון די גדולים!... ווי אין פּסוק שטייט: ה י ד י ם י ד י ע ש ו — אַ פּלייצע אַביסל! נו־נו! ווי קאָן גאָר אַ ייִד אַזוי אויסוואַקסן? וווּ וועט זיך בײַ ייִדן נעמען אַזאַ פּלייצע מיט אַזעלכע ידים?... (פּויזע). נאָר ווייסטו, וואָס איך וועל דיר זאָגן, טאָכטער? מיר דאַכט זיך, אַז ער איז מיר עפּעס זייער קענטלעך! איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז איך האָב אים געזען, אָט דעם נפש!

ח וו ה : ווּ האָסטו אים געקאָנט זען?

ט ב י ה : ווּ — געדענק איך שוין נישט אַקוראַט. נאָר אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז אָדער בײַ דער באַן טראָגן זעק, אָדער אין וואַלד שלעפּן קלעצער...

ח וו ה : (נעמט־צו בײַם פֿאָטער דאָס ביכל, באַהאַלט עס צוריק אונטערן קאַרסאַזש). קומט־אויס נאָך דײַנע רייד, אַז טראָגן זעק, אָדער שלעפּן קלעצער, איז אַ בזיון? און דו אַליין, טאַטע, פּלעגסט נישט שלעפּן קיין קלעצער?...

טביה: נישט הײַנט געדאַכט, פאַר וואָס נישט? (לאָזט אַראָפּ מיטן שטריק דעם עמער אין ברונעם).

חוה: און איצט האָרעוועסטו נישט? און מיר אַלע האָרעווען ניט? (קוקט ווי דער פאָטער פאַרוואַרפט דעם שטריק מיטן עמער אין וואַסער).

טביה: דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך, קינדעניו! דערויף איז פאַראַן אַ פסוק אַ בפירושער, פאַרשטייסטו מיך, אין דער תורה: בזיעת אפיך תאכל לחם — דאָס שטיקל ברויט דאַרף מען פאַרהאָרעווען, אומזיסט גיט קיינער נישט... נאָר וואָס דען? נישט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן... געוואָלט האָב איך פרעגן בײַ דיר, זאָלסט מיר זאָגן, וואָס פאַר אַ באַקאַנטשאַפטן פירט איר עס? און וואָס פאַר אַ מחותן איז מיט טביהס טעכטער, אייגנטלעך, אַזאַ כאַם?

חוה: (אַ טריט צוריק). פאַר וואָס קומט אים אַזאַ נאָמען? דו קענסט אים?

טביה: (ציט די שטריק מיטן עמער פון ברונעם). וואָס דען איז ער? מר־בר־רב־אַשים אַן אייניקל? רב כוועדקע ברב מיטיקע גאַלאַגאַן — אַ קלייניקייט! אַזאַ גוי אַ יאַבעדניק, ווי מיקיטע, וואָס קומט־אַרויס פון סאַמע מיוחסים... דער זיידע טערענטי עליו השאַלעביץ געווען אַ שכור הגדול הגבור והנורא און געשלאָגן דאָס ווײַב דרײַ מאָל אַ וואָך, און דער עלטער־זיידע עליו הפּאָקרישקע איז געזעסן יומם ולילה און אַכטונג געגעבן אַף די חזירים...

חוה: (פאַרדראָסיק, נאָר האַלט זיך איין). דו אַליין זאָגסט וויפל מאָל, אַז דער עיקר איז דער מענטש אַליין, נישט דער יחוס, פון וואַנען ער שטאַמט... סע שטייט געשריבן, זאָגסטו, אַז אַלע מענטשן קומען־אַרויס פון איין טאַטן, און אַז איין גאָט האָט זיי באַשאַפן, און קומט צו עפּעס...

טביה: (שטעלט־אַוועק דעם אָנגעשעפּטן עמער וואַסער אַף דער הילצערנער צאַמרינע פון ברונעם). ע, נאַרעלע, ווייסטו דאָך גאָרנישט וואָס דו רעדסט. דאָס איז עפּעס אַנדערש, און דאָס איז ווידער עפּעס אַנדערש. בײַ גאָט זײַנען טאַקע אַלע אַלץ איינע מיוחסים. נאָר וואָס דען? וואָס צו גאָט איז צו גאָט, און וואָס צו לײַטן איז צו לײַטן, ווי דער מדרש זאָגט...

חוה: (לאָזט אים נישט ענדיקן). אַף אַלצדינג איז בײַ דיר פאַראַן, טאַטע, אָדער אַ מדרש, אָדער אַ פסוק, אָדער ווי אַזוי נאָך הייסט עס דאָרט בײַ דיר... וואָס פאַר אַ פסוק וועסטו מיר אויסזוכן דערויף, וואָס אַט האָט גאָט באַשאַפן אַזאַ וועלט, אַזאַ שיינע וועלט (ווײַזט מיט די הענט אַרום זיך), און אַזאַ גרויסע וועלט, און מענטשן קאָנען זיך נישט איינטיילן. דער זאָגט: צוליב מיר האָט גאָט באַשאַפן די וועלט, און דער זאָגט — צוליב אים. דער באַרימט זיך, אַז זײַן גאָט איז דער אמתער, און דער זאָגט: ניין, מײַן גאָט איז דער אמתער!...

טביה: (פאַרשטעלט זיך די אויערן). טע־טע־טע! פילאָזאָפיע!

פידרוך! נעבעכדיקע טעג! אפֿן הימל אַ יאַריד! הקיצור, נישט איך וועל דיך, נישט דו וועסט מיך איבערשפּאַרן, ווי אין חומש שטייט געשריבן: כ ל ע ו ר ב ל מ י נ ה ו — איטלעכער וועט בלײַבן באַ זײַן משוגעת... ווו־זשע האַלטן מיר, ברוך מזכיר נשמות? יאָ! באַ דעם האַלטן מיר, אַז פאַרן רבונו־של־עולם זײַנען אַלע מענטשן גלײַך. ל י ה ש מ י ם ו ל י ה א ר ץ — ייִדן און, להבדיל, גוייִם — אַלע גלײַך. נאָר דאָס ווייסטו, אַז די תורה האָט אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן ליב האָבן אַלע מענטשן, נאָר עמלקן זאָלן מיר געדענקען?!...

ח ו ה : אַקעגן וואָס זאָגסטו דאָס, טאַטע?

ט ב י ה : אַקעגן דעם, וואָס איך זיץ צווישן גוייִם אַזוי פיל יאָר, דער סטאַרשינאַ וועט פאַר מיר קיין זאַק באָרשט נישט אָוועקגעבן, און דער סטאַראָסטאַ — יענער איז נאָך מיר גאָר די כפּרה. איאָ? פונדעסט־וועגן, לאָז גאָט היטן באַ אַ שמחה, איך מיין באַ אַ פּאָגראָם, ווייס איך נישט אויב עס וועט זיך נישט פאַרוואַלגערן באַ זיי אין בוזעם אַ פּאָר שטיינער פון מײַנעטוועגן...

ח ו ה : צו וואָס אַזעלכע טרויעריקע געדאַנקען?

ט ב י ה : איך האָב מיך דערמאָנט אָן מענדל ווערעביוּוקער, וואָס פאַר אַ סוף ער האָט געהאַט. (נעמט אָן די טאָכטער פאַר אַ האַנט). האָרך נאָר אויס, חוה, וואָס איך וועל באַ דיר פרעגן...

ח ו ה : וואָס וועסטו פרעגן?

ט ב י ה : נאָר זאָלסט מיר זאָגן אַקוראַט, נישט ווי פאַר אַ טאַטן, נאָר ווי פאַר אַ גוטן פרײַנט, וואָס האָט דיך ליב און זײַן איינציקער ווּנטש איז דיך צו זען גליקלעך...

ח ו ה : (שטאַרק אומרוּיִק). צו וואָס אַזאַ לאַנגע פאָררעדע?

ט ב י ה : (נעמט זיך באַ דער באָרד). ווי וואָלט געווען, למשל, ווען איך קום צו דיר און זאָג דיר: טאָכטער לעבן! טו פון מײַנעטוועגן אַ זאַך, וואָס דיר קאָן דערפון נישט אַרויסקומען קיין רעה און מיר וועט דאָס זײַן די גרעסטע טובה — וואָלסטו עס מיר געטאָן, צי ניין?

ח ו ה : געוויס יאָ...

ט ב י ה : און אַז ס'זאָל זיך דיר מאַכן טאָן אַ זאַך, וואָס קאָן אָוועקהרגענען דעם טאַטן, וואָלסטו דאָס געטאָן?

ח ו ה : געוויס נישט...

ט ב י ה : וויבאַלד אַזוי (פריילעך), הײַנט וואָס האָבן מיר נאָך צו שמועסן? וויבאַלד אַזוי, איז ל א אָ מ ר כ ל ו ם — האָט קלים גאָר־נישט געזאָגט!... נישט איך האָב דיך געפרעגט,, נישט דו האָסט מיר גע־ענטפערט... און ווי אין פסוק שטייט: ו י ש כ ח ה ו — מאַכט רש"י: „נע בולאָ ניקאָלע או מיקאָלע"... חבר ווי געוועזן!... (ציט איר אויס זײַן האַנט. חוה נעמט באַ אים די האַנט מאַשינאַל. ער כאַפּט דעם עמער וואַ־

סער און לאָזט זיך צו דער שטאַל־צו. חווה איז געבליבן שטיין און קוקט אים נאָך, ביז ער ווערט פאַרשוווּנדן. זי לאָזט זיך גיין גלײַך ווי צו אים און קערט זיך אָבער אום צוריק).

פ אָ ר ה א נ ג.

ענדע פונעם צווייטן אקט.

ח ו ה : (אַ מאַך מיט דער האַנט, צו זיך אַליין, אַנטשלאָסן). נו! מירן נאָך זעען!... (זי לאָזט זיך צו דער שטוב צו).

דריטער אַקט

ערשט ביל ד.

(באָם וואָלאָסטנאָי שרײַבער מיקיטאַ גאָלאָגאַן אין הויף. — קאָנטורן פון אַ שטוב. עס דאַרף צו זײַן פאַרענדערט פון דער דעקאָראַציע וואָס אין צווייטן אַקט דערמיט, וואָס אַנשטאָט דעם ברונעם קאָן זײַן אָדער אַ בוים מיט אַ בענקל אַרום בוים, אָדער אַ סטורדע היי מיט הראַבלעס אָנגעוואָרפן, אָדער שטיינער, אָדער לײם-ציגל, אַרום וועלכע מע קאָן זיצן צוגעשפּאַרט און רייכערן ליולקעס. — די דעקאָראַציע פונעם ערשטן בילד פון דריטן אַקט באַדאַרף זײַן צונויפגעשטעלט אַזוי, אַז ווי־נאָר דאָס בילד ענדיקט זיך, זאָל דער צווייטער פאָרהאַנג זיך אויפהייבן און דאָס צווייטע בילד פון דריטן אַקט זאָל שוין קאָנען אָנפאַנגען. און אַזוי ווי דאָס צווייטע בילד פון דריטן אַקט הייבט זיך אָן שבת־צו־נאַכטס, בײַ שטאַרקער פינצטערניש, וועלן די איבעריקע אַקסעסואַרן פון דער פריערדיקער דעקאָראַציע קאָנען אומבאַמערקט צוגענומען ווערן. — דער הויף דאַרף זײַן מער אין דער פּערספּעקטיוו, ווי אין דערווירקלעכקייט. אין דער פּערספּעקטיוו קאָנען זײַן ביימער, וועגן, רעדער און אויך, אויב מעגלעך, געמאָלטע קי. — אויפן גראָז, אָדער אויף די שטיינער, אָדער באָם היי, זיצן צוגעשפּאַרט דער בעל־הבית פונעם הויף, מיקיטאַ גאָלאָגאַן, דער סטאַרשינאַ מיטן סטאַראָסטאַ און מע רייכערט ליולקעס. אָנגעטאָן איז מען יום־טובדיק, מיט רויטע, בלויע און גרינע גאַרטלען, מיט ווײַסע און גרויע שמויסענע היטלען, כאָטש ס'איז זומער. דער סטאַרשינאַ מיטן סטאַראָסטאַ טראָגן גרויסע בלעכלעך אויפן האַרצן. בײַ דער זײַט שטייט, מיטן היטל אין איין האַנט און מיט אַ גרויסן שטעקן אין דער אַנדערער האַנט, דער סאָטסקי, אויך מיט אַ בלעכל און מיט געלע האָר אויפן קאָפּ, קוקט מיט רעספּעקט אויפן סטאַרשינאַ מיטן סטאַראָסטאַ, וואַרט אויף זייער באַפֿעל).

מיקיטאַ גאָלאָגאַן: צוויי מאָל איז ער געווען בײַ מיר, דער ייִד. איין מאָל נאָך גאַנץ פרי, באַלד נאָך דעם, ווי מײַן ווײַב האָט פאַרטריבן די קו אין טשערעדע, און דאָס אַנדערע מאָל שוין נאָך האַלבן טאָג — שוין ביידע געווען, אי ער, אי זי, זײַן ווײַב, הייסט דאָס. מיך נעבעטן, געוויינט, געחלשט, אין די הענט מיר געקושט, איך זאָל זיי נאָר זאָגן, ווו זייער כוואָוואַ איז?

סטאַרשינאַ: נו, און דו וואָס?

מיקיטאַ גאַלאַגאַן: איך וואָס? גאָרנישט! איך ווייס נישט! פון וואַנען זאָל איך וויסן? און זיי ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל! פאַלן מיר צו די פיס, קושן מיר די הענט און וויינען און קלאָגן און יאָמערן... און ער, טעווֹל הייסט עס, ווייַזט מיר אַף גאָט און אַפן הייליקן לעמפּל — איך זאָל אים צולאָזן צו זייַן כוואַוואַן נאָר אַף צוויי מינוט, נאָר אַף צוויי ווערטער!... טשעפּע זיך אָפּ, קלעשטש! ייִד אייַנגעגעסענער, טפו!... (שפּייַט אויס).

סטאַרשינאַ: און דו וואָס?

מיקיטאַ גאַלאַגאַן: איך וואָס? גאָרנישט! טשעפּע זיך אָפּ, זאָג איך, קלעשטש וואָס דו ביסט! אייַנגעגעסענער ייִד, טפו!... (שפּייַט־אויס). און דאָ ציטער איך, טאָמער טוט ער אַ קוק אַרייַן אין דער צווייטער האָרניצע — דאָרט זיצט דאָך אַקוראַט זייַן כוואַוואַ! וואָס טוט מען? זאָג איך צו זיי: איר ווערט אַוועקגיין, זאָג איך, מיט גוטן — איז גוט, אַנישט, זאָג איך, האָבן מיר אַ זאַסאָן, זאָג איך, און פּאָ־זאַקאָנו קאָן איך, זאָג איך, אַראָפּברענגען דעם אוראַדניק אַהער!... מיינט איר, ער האָט זיך איבערגעשראָקן? דרייַ אוראַדניקעס, זאָגט ער, און אַפילו דער גובערנאַטאָר אַליין קאָן אים אויך גאָרנישט טאָן! וואָרעם פאַר זייַן קינד קאָן ער אָנשפּאַרן צום קייסער — איר הערט ווערטער? צום קייסער!...

סטאַרשינאַ: (צום בעל־הבית). און איך אַף דייַן אָרט וואָלט נישט אַזוי געטאָן... טעוול איז פאָרט אַן אייגענער מענטש... (צום סטאַראָסטאַ). האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ? (שפּייַט־אויס).

סטאַראָסטאַ: (רייכערט). זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, טעוול איז אַן אייגענער מענטש.

סטאַרשינאַ: און אַ גוטער מענטש, כאָטש ער איז אַ זשיד. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

סטאַראָסטאַ: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, טעוול איז אַ גוטער מענטש, כאָטש ער איז אַ זשיד.

מיקיטאַ גאַלאַגאַן: (צום סטאַרשינאַ). ווי אַזוי־זשע דען וואָלסטו געטאָן, האָספּאָדין סטאַרשינאַ?

סטאַרשינאַ: (רייכערט). איך ווי אַזוי וואָלט געטאָן? איך וואָלט נישט געוואַרט, ביז ער'ט קומען צו מיר, בעטן זיך און בוקן זיך... כ'וואָלט געקומען צום ייִדן און וואָלט אים געזאָגט: הער נאָר, טעוול, אַזוי און אַזוי איז די מעשה. מייַן זון כוועדאָר און דייַן טאָכטער כוואַוואַ האָבן זיך פאַליובעט און זיי מוזן זיך נעמען. און אַזוי ווי מייַן זון איז אַ פּראַוואָסלאַוונער און דייַן טאָכטער נישט, באַדאַרף דייַן כוואַוואַ אָננעמען אונדזער פּראַוואָסלאַוויע... (שפּייַט־אויס). האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

סטאַראָסטאַ: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ! כוואַוואַ מוז אָננעמען אונדזער פּראַוואָסלאַוויע! (שפּייַט־אויס).

מ י ק י ט א : ג א ל א ג א ן : וואָס פאַרא קלוגע קעפּ איר זייַט ביידע! איר פאַרגעסט, אַז טעוול איז אַ ייִד און איז קלוגער פון אונדז אַלעמען. איידער מיר וואָלטן זיך אַרומגעקוקט, וואָלט ער זייַן טאָכטער באַשטאַט און אַזוי פאַרטאַכטאַרעט, אַז דער רוח אַליין וואָלט זי נישט געקאָנט געפינען! — דערציילן זיי מיר מעשיות! אומזיסט בין איך געווען אַ וואָלאָסטנאָי שרייַבער גוטע פינף און דרייַסיק יאָר?

ס ט א ר ש י נ א : וואָלסט נאָך איצט אויך געווען אַ וואָלאָסטנאָי שרייַבער, זאָלסט נישט געווען גראָבן, דערלאַנגען און יאַבעדען אַף דער הראָמאַדע... מיט אַ הראָמאַדע טאָר מען זיך נישט זאַטשעפּען. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט א ר אָ ס ט א : זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ! מיט הראָמאַדע טאָר מען זיך נישט זאַטשעפּען!

מ י ק י ט א : ג א ל א ג א ן : וואָס איז מיט אייַער הראָמאַדע? אָט דאָ, אין דעם קולאַק (ווייַזט אַ קולאַק), איז בא מיר אייַער הראָמאַדע!

ס ט א ר ש י נ א : רייד נאָך אַ ביסל, וועסטו זיך בא מיר דעררײדן!... (צום סאָטסקי). ע! סאָטסקי! ווּ ביסטו?

ס אָ ט ס ק י : (גייט־צו מיט גרויס רעספּעקט). אָט דאָ בין איך, האָספּאָדין סטאַרשינאַ!

ס ט א ר ש י נ א : אַנו, טו־נאָר אַ שפּרונג צום באַטיושקאַ בלאַהאָטשינע, וואָס דויערט עס בא זיי אַזוי לאַנג? די זון האַלט שוין ווייַט (קוקט אַרויף), מע וועט שוין באַלד קלינגען צו דער וועטשערני — ביז וואַנען וועלן מיר דאָ זיצן? מיר האָבן נאָך צו טאָן אין וואָלאָסט אויך גענוג. האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט א ר אָ ס ט א: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, מיר האָבן נאָך צו טאָן און צו טאָן!... (דער סאָטסקי גייט־אָפּ. עס קומט אַרויס פון שטוב די בעל־הביתטע, ט ע ק ל אַ , אָנגעטאָן אין אירע יום־טובדיקע מלבושים, מיט דער גרינער זאַפּאַסקע און רויטן קאָקאָשניק. זי ווערט שיער נישט אומגעוואַלגערט פונעם סאָטסקי, וואָס האָט זיך צעלאָזט אַזוי האַסטיק אַפּן באַפעל פון זייַן נאַטשאַלסטווע).

ט ע ק ל א : (שפּייַט־אויס, שילט דעם סאָטסקי מיט דער תוכחה און מיט אַ קוויטש). זאָלסט גאָר קיין גוטס נישט האָבן, דו רויטער הונט! רוק און לענד זאָלסטו ברעכן אַפּן גלייַכן וועג! (בייַט־איבער דעם טאָן, גייט־צו זייער העפלעך, בוקט זיך נידעריק פריִער צום סטאַרשינאַ, דערנאָך צום סטאַראָסטאַ, פאַרגעסט נישט גריסן דעם מאַן אויך). געזונט זאָלן זייַן דער האָספּאָדין סטאַרשינאַ, דער האָספּאָדין סטאַראָסטאַ און דער האָספּאָדין כאָזיאַאין! מע האָט אייַך געלאָזט בעטן אין האָרניצע אַרייַן. עס דאַרף באַלד קומען דאָס פּאָרל פונעם באַטיושקאַ דעם בלאַהאָטשינע, וועלן מיר פון דאַנען גיין אינאיינעם אין דער צערקווע, און דערווייַלע וועט איר כאָטש נעמען צו גלעזלעך, לכבוד דעם הייליקן שבת...

ס ט אַ ר ש י נ אַ : (הייבט זיך אויף, גלעט זיך אויס די ביינער). דאָס האָט מען שוין לאַנג באַדאַרפט! ס'איז היים אין דרויסן און עס טריקנט אין גאָרגל... האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ : (אויפגעלעבט). זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, עס טריקנט אין גאָרגל. (פּאַרהוסט זיך אַזש. אַלע גייען אָפּ צו דער שטוב צו. עס דערהערט זיך פון דרויסן אַ רעש פון אַ צוגעפּאָרענער פור און אַ קול „טפּררררו!" דערנאָך באַווייזט זיך דאָס פּאָרל. חווה אָנגעטאָן ווי אַ כלה, מיט אַ הויכן קאָקאָשניק, אַן אויסגענייט העמד, אַ סך סטענגעס פון אַלערליי קאָלירן און רויטינקע שיכלעך אַף די פיס. פעדיאַ גאַלאַגאַן — מיט אַ בלום אין דער לאַץ. דאָס גרויע שמויסן־היטל פּאַסט זיך אים זייער צום פּנים מיט די שוואַרצע וואָנצעס).

ח וו ה : (גייט אויף צו פריִער, זעצט זיך צו אַפּן בענקעלע, וואָס נעבן בוים, פאַרוואַרפט דעם קאָפּ). אוף!... איך וויל אַביסל אָפּרוען זיך אָט אָ דאָ. (עס רוקט זיך אָן דער פאַרנאַכט).

פ ע ד י אַ : (זעצט זיך נעבן איר). ביסט מיד?

ח וו ה : נישט מיד, נאָר כ'וויל אַזוי אַ ביסל זיצן... (בייגט זיך צו צו אים, שפּאַרט־אָן דעם קאָפּ אַף זײַן אַקסל. פעדיאַ נעמט זי אַרום, גלעט זי. — פון ווײַטן דערהערט זיך אַ קלינגערײַ אין די קלויסטער־גלעקער: גלין־גלין־גלאָן! גלין־גלין־גלאָן! חווה טוט זיך אַ כאַפּ־אויף). פעדיאַ! לאָז מיך!

פ ע ד י אַ : (האַלט זי צו). וואָס איז מיט דיר, עווא?

ח וו ה : (בעט זיך). לאָז מיך, פעדיאַ! לאָז מיך, טײַערער! איצט איז נאָך צײַט!... (אין דרויסן ווערט פינצטערער און פינצטערער).

פ ע ד י אַ : וואָס צײַט? האָסט חרטה? ווילסט מיך איבערלאָזן אַליין? האָסט אַף מיר קיין קאַפּ רחמנות... איך בין באַ דיר גאָרנישט... (לאָזט זי אָפּ).

ח וו ה : ניין, נישט דאָס... דו פאַרשטייסט נישט. דאָס איז איבער מײַנע כחות!...

פ ע ד י אַ: וואָס איז איבער דײַנע כוח?

ח וו ה : (הערט זיך צו, ווי די גלעקער קלינגען). ווי פאַרשטייסטו נישט? אָט דאָס אָ... אָט די אַלע צערעמאָניעס... און דאָס אָפּזאָגן זיך פון טאַטע־מאַמע, און פון אַלץ... אַך, פעדיאַ! וויפל נידערטרעכטיקייטן!..

פ ע ד י אַ : נאַרישקייטן! ווערטער בלויז...

ח וו ה : סאַמע ליגן! ליגן און פאַלשקייט!

פ ע ד י אַ : צוליב אַזאַ הייליקן צוועק, ווי אונדזער ליבע... (עס ווערט נאָך פינצטערער).

ח וו ה : באַגיין אַ פאַרברעכן?... הרגענען טאַטע־מאַמע?... (פון שטוב באַווײַזט זיך טעקלאַ).

טעקלא: (דרייט־אויס דעם קאָפּ אין שטוב אַריַין). אָט זיַינען זיי אָ!... (אָפּ אין שטוב צוריק. דאָס פּאָרל כאַפּט זיך אויף).

חוה: (צו פּעדיאַן, גיט אים די האַנט). קום, פּעדיא, קום, איך בין גרייט! (גייען־אָפּ ביידע אין שטוב אַריַין. פון דרויסן קומען־אָן אַ גאַנצע כאַליאַסטרע פּאַרובקעס און שיקסעס, אַלע יום־טובדיק, אַלע מיט בלומען אין די לאַצן און אין די היטלען. איינער פון די חברה סקריפּעט אַף אַ פידל. דער אַנדערער באַראַבאַנעט אין אַ פּייקל. די יינגערע פּאַרובקעס מיט די שיקסעס טאַנצן און זינגען צו:

טשאַביטע, טשאַביטע ווי מאַאי!
טשאָם זשע ווי נע ראַביטע, ווי מאַאי?

זיי גייען און טאַנצן פאַרלעכוויַיז. עס ווערט אַלע מאָל פינצטערער און פינצטערער. דאָס טאַנצן ווערט לאַנגזאַמער און דאָס זינגען לאָזט זיך אויס מיט אַ מינאָרנע טאָן אויסגעצויגן:

סאָנצע ניזענקאַ,
וועטשער בליזענקאַ...

ביז עס ווערט שטאַרק פינצטער, און אַף דער בינע איז שוין נישטאָ קיינער. דעמאָלט ווערט פאַרשוווּנדן די דעקאָראַציע פונעם ערשטן בילד און עס דערשיַינט די דעקאָראַציע פונעם צווייטן בילד פונעם זעלבן אַקט, וועלכער גייט אומאונטערגעבראָכן.

צווייט בילד.

(באַ טביהן אין שטוב. די זעלבע דעקאָראַציע, וואָס אין ערשטן אַקט. — שבת־צו־נאַכטס. דער טיש איז נאָך נעדעקט שבתדיק, מיט אַ וויַיס טישטעך. צוויי מעשענע לײַכטער מיט די אויסגעברענטע בענטשליכט. צוויי קוילעטשן, איבער־געדעקט מיט אַ האַנטיכל מיט רויטע פרענזעלעך. עס הערשט אַ טומנע פינצטער־ניש. די שאָטנס קלעטערן אַף די ווענט. עס הענגט אַף אַלץ אַ מרה־שחורהדיקע שטילקייט. עס הערט זיך שאַרף דער טיק־טאַק פונעם אַלטפרענקישן זייגער, וואָס אַף דער וואַנט. — פון דער דרויסן־טיר קומט־אָן גאָלדע פאַר־וויקלט אין אַ שאַל, קוים וואָס מע דערקענט זי אין דער פינצטערניש).

גאָלדע: (שטייט אַ ווײַלע, טוט־אויס די שאַל, זיפצט, רעדט צו זיך אַליין). פאַרשפּילט אַ קינד! פאַרזינדיקט!... מע לויפט אַרום זי זוכן... דעם נעכטיקן טאָג זוכט מען... פאַרפאַלן!.. גלײַך ווי געשטאָרבן... ערגער ווי געשטאָרבן, הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן.... ווי טראָגט מען איבער דעם ווייטיק? דעם בזיון?... (פּויזע. פאַרברעכט די הענט). גאָטעניו, גאָטעניו! אָדער גיב מיר אָפּ מײַן קינד, אָדער נעם מיך צו!... (טוט אַ קוק אין

פענצטער אַרויס). אַ דונער איז מיר! שוין שטאָק־נאַכט — צײַט מאַכן פײַער, זאָגן „גאָט פון אברהם"... (גייט־אָפּ אין קיך. עס דערהערט זיך אין גיכן פון דאָרט אַן אַלטע, נאָר אַן אָנגענעמע שטימע מיטן אַלטן באַהאַר־ציקטן נוסח:

גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקבֿ!
באַהיט דײַן ליב פאָלק ישראל פון אַלדאָס בייז!
אונדזער ליבער שבת־קודש גייט אַוועק...
די וואָך, וואָס גייט אָקעגן, זאָל אונדז קומען
צו געזונט און צו פּרנסה,
צו מזל און צו ברכה,
צו גליק און צו הצלחה,
צו תורה, צו מעשים טובים
און צו יראת־שמים,
צו ישועות ונחמות
און צו אַלעם גוטן גוטן — אָמן!

(טראָגט־אַרײַן דאָס אָנגעצונדענע לעמפּל, שטעלט עס אַוועק אויפן טיש. זיפצט).

הלוואי באַטש אין דעם זכות פון שבת־צו־נאַכט, צוליב אַ פולער וואָך, טאָמער וועט פאָרט דער אייבערשטער רחמנות האָבן, טאָן אַ נס... ער, אַז ער וויל, קאָן ער!... (עס עפנט זיך די טיר און עס קומט־אַרײַן פון דרויסן ציטל, אײַנגעהילט אין אַ שאַל, אַ פאַרשמאַכטע).

צ יי ט ל : אַ גוטע וואָך, מאַמע! (טוט־אויס די שאַל).

ג אָ ל ד ע : אַ גוטע וואָך, אַ גוט יאָר אונדז אַלעמען! (פאַלט אויפן בענקל, ברעכט־אויס אין אַ געוויין).

צ יי ט ל : נו, גענוג, מאַמע, גענוג. ס'איז פון גאָט, ווי דער טאַטע זאָגט... ווו איז דער טאַטע? נישטאָ נאָך? (גאָלדע הייבט־אויף דעם קאָפּ,ווישט־אויס די אויגן).

ג אָ ל ד ע : נישט געווען פון דעמאָלט אָן... לויפט אַרום, ווי אַ פאַרסמטע מויז, פון אינדערפרי אָן, קלאַפּט אין אַלע טירן — אַ נעכטיקער טאָג! קאַלטע פּריפּאַרקעס!...

צ יי ט ל : זאָג עס נישט, מאַמע. אויפן טאַטן איז דאָ אַ האָפענונג. דער טאַטע קאָן ריידן...

ג אָ ל ד ע : וואָס העלפט דאָס קאָנען ריידן פויליש, אַז מע לאָזט אין הויף נישט אַרײַן?... מע דאַרף נישט מער, קינדעניו, וויפל א י ך האָב פאַר זיי אויסגעוויינט... ריידן קאָן איך נישט, ווי דער טאַטע דײַנער, אָבער וו יי נ ע ן ? וויינען קאָן איך בעסער פון אים! נאָר וואָס, משטיינס געזאָגט? אַ גוי פאַרשטייט דען יידישע טרערן? אַ גוי פילט דען אַ יידיש האַרץ? (וויינט נאָך אַ ווײַלע, ווישט די טרערן). דער בראָך איז אַזוי גרויס, ציטל, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן אַ פרעג טאָן, וואָס מאַכט דײַן מאַטל, און די קינדער דײַנע וואָס טוען?

צ יי ט ל : מײַן מאַטל — וואָס זאָל ער מאַכן? ער איז קראַנק. הוסט!... די קינדער, האָב איך אָנגעזאָגט מאָטלען, ער זאָל זיי ליגן שלאָפֿן, און אַליין האָב איך מיך געלאָזט אהער צו־פוס, ווײַל ס׳איז נאָך געווען שבת...

ג אָ ל ד ע : אָבער צו־פוס?

צ יי ט ל : און אַז דער טאַטע איז געווען הײַנט צוויי מאָל בײַ אונדז אין שטעטל, און ביידע מאָל צו־פוס, זוכן חווהן?

ג אָ ל ד ע : צוויי מאָל געווען בײַ דיר?

צ יי ט ל : הערסט! פון וואַנען זשע דען וואָלט איך געוווּסט פונעם אומגליק?

ג אָ ל ד ע : דער קאָפּ איז מיר אַזוי דערשלאָגן, אַז איך ווייס גאָר־נישט וואָס איך רייד!... מילא איך, ווי אַזוי איך וועל עס איבערלעבן — ווייסט נאָר גאָט... ווי אַזוי אָבער ער, דער טאַטע דײַנער, ווער דאָס אַרי־בערטראָגן — איז הלוואי איך זאָל ליגן זאָגן!... אַז ער לאָזט גאָרנישט וויינען! און אַליין איז ער שוואַרץ, ווי די ערד... אַז ער האָט זי אַזוי ליב געהאַט! (שלאָגט זיך מיט ביידע הענט אין קאָפּ). חווה! חווה! וואָס האָסטו געטאָן מיט אונדז?!...

צ יי ט ל : (נעמט אַרום די מוטער, ביידע וויינען). אָבער, מאַמע!... (עס עפנט זיך די דרויסן־טיר און עס קומט־אַרײַן טביה. ס׳איז צו זען, אַז דער מענטש איז צערודערט. די האָר צעבורשעט. נאָר נישט געוויינט. געלאַסן, רויִק, פֿאַרטיפֿט אין זיך אַליין. גאָלדע און צייטל הערן־אויף צו וויינען, וואַרטן וואָס וועט זײַן).

ט ב י ה : (דרייט זיך פריִער אַרום אַ ווײַלע אַף איין אָרט, ווי צע־מישט, גלײַך ווי ער וואָלט עפעס געזוכט אַרום זיך, בלײַבט שטיין, רעדט צו זיך אַליין). נו, טביה? שיין אויסגעפּײַנט זיך!... פּײַן — פּײַן!... צער גידול בנים — אָט דאָס הייסט נחת פון קינדער!... (נאָך אַ קורצער פּויזע, טוט זיך אַ פליק בײַ דער באָרד). אַלטער נאַר!... (שרײַט הויך). דו ביסט עס ווערט!... דער הונט איז ווערט דעם שטעקן!... ווו זײַנען געווען דײַנע אויגן?... (אַ פּאַטש אין שטערן). דײַן שכל ווו איז געווען?... (פּויזע. רעדט שטילער). דער גאַנצער וועלט געגעבן עצות, און אַליין וועסטו שטאַרבן אַ נאַר... (פּויזע. גייט־אַרום, פֿאַרלייגט די הענט אַהינטער, טראַכט עפּעס. דערנאָך בלײַבט ער שטיין, האַלט צוגעמאַכט די אויגן. כאַפּט זיך אויף, נאָך אַ טיפן זיפץ). נאָר איינס צום אַנדערן געהער זיך נישט אָן. וואָס צו גאָט — איז צו גאָט... קיין צו־להכעיסן אים טוט מען נישט און קיין ברוגזלעך מיט אים פירט מען נישט. ס׳איז מוצאי שבת־קודש אַף דער וועלט — דאַרף מען אים מאַכן הבדלה... (עפנט־אויף די שאַפע, נעמט־אַרויס דאָס קאַראַנפינטשיקל מיט בראָנפן מיטן קידוש־גלעזל, דערנאָך — די ברייטע געפלאָכטענע הבדלה, טראָגט עס צו צום טיש, גיסט־אָן דאָס קידוש־גלעזל, רעדט דערווײַל). מילא, שלש סעודות פאַרשפּעטיקט — וועט

ער מוחל זײַן... און מנחה־מעריב האָב איך געדאַוונט — אַזאַ יאָר אַפֿן גלחס קאָפּ!... (צום װײַב). געדענקסטו כאַטש, גאָלדע, װי װײַך ער פֿלעגט צו מיר זײַן, ימח שמו וזכרו? כאָטש צו אַ מכה אים צו צולײגן!... און תמיד מיט אַזעלכע זיסע רײדעלעך, אַלץ פֿאַרגנבהנען זיך הינטן־אַרום: „נאַש באָך, װאַש באָך”... קום איך איצט און טו אים (בײגט זיך צו) אַ פֿאַל צו די פֿיס, אַז ער כאַפּט מיך נישט פֿאַר אַ האַנט, הײבט מיך אױף: „אי־פֿע, זאָגט ער צו מיר, טעװל! װי קומט דאָס צו דיר, אַז דו זאָלסט זיך, זאָגט ער, אַראָפּלאָזן אַזױ נידעריק, אַ מענטש, זאָגט ער, פֿאַר אַ מענטשן?”... „באַטיושקאַ! — זאָג איך צו אים. — עס װאַלגערט זיך, זאָג איך, פֿאַר דײַנע פֿיס נישט קײן מענטש, זאָג איך, נאָר אַ טאַטע, אַן אומגליקלעכער פֿאָטער, זאָג איך, װאָס שלעכטע מענטשן, זאָג איך, זײַנען אים באַפֿאַלן אין מיטן העלן טאָג, זאָג איך, און װילן צונעמען, זאָג איך, בײַ אים אַ קינד!... (גאָלדע און צײטל באַהאַלטן די פּנימער, װײנען). דו ביסט, זאָג איך, קלאָר, באַטיושקאַ, אין אונדזערע הײליקע ספֿרים, באַדאַרפֿסטו געדענקען, זאָג איך, דאָס משל, װאָס דער נביא האָט דערצײלט דוד המלכן, זאָג איך, מיטן שעפּעלע, װאָס באַם אָרעמאַן — איז געקומען דער נגיד און האָט אַװעקגעלײגט דעם אָרעמאַנס שעפּעלע”... װאָס טױג אײַך — איך האָב אים גוט אַרײַנגערעדט! װי טביה קאָן!... (פּױזע). דאַרף מען, הײסט עס, מאַכן, זאָגט איר, הבדלה?... (רופֿט־צו די טאָכטער, גיט איר, זי זאָל האַלטן די געפֿלאָכטענע הבדלה. גאָלדע גײט אױך צו נענטער, זי זאָל הערן, װי ער מאַכט הבדלה. ער פֿאַרשטעלט זיך מיט דער לינקער האַנט די אױגן, אין דער רעכטער האַלט ער דעם כּוס, הײבט־אָן די װערטער „הנה אל ישועתי” דװקא גאַנץ הױך, און מיט אַ ניגון, נאָר באַלד װערט אים דאָס קול איבערגעהאַקט, מער קײן װערטער הערט מען נישט, נאָר מע זעט, אַז ער װײנט, כאָטש דאָס פּנים זעט מען נישט, װאָרעם ס'איז פֿאַרשטעלט. אַף אים קוקנדיק, װײנען שטיל אױך גאָלדע און צײטל, באַהאַלטן די פּנימער אין די פֿאַרטעכער. מע הערט נאָר, װי ער לאָזט־אױס די װערטער מיט אַ ניגון: „המבדיל בין קודש לחול!”... אָפּגעמאַכט די הבדלה און אָפּגעזופּט פֿונעם קעלישעקל, גיסט ער אױס עטלעכע טראָפּן אַפֿן עק טיש, װאָס איז אָפּגעקאַטשעט פֿונעם טישטעך, צינדט־אָן דעם אָנגעגאָסענעם בראָנפֿן מיט דער געפֿלאָכטענער הבדלה, טונקט־אײַן אין פֿײַער בײדע קלײנע פֿינגער, טוט מיט זײ אַ װיש די אױגן, זאָגט עפּעס בעת מעשה שטילערהײט, דערנאָך שטופּט ער אָן דערמיט אַלע קעשענעס אַף אַ פֿולער װאָך). אַ גוטע װאָך! אַ גוטע װאָך!

גאָלדע. \
צײטל: } אַ גוטע װאָך, אַ גוט יאָר!...

טביה: האָבן מיר זיך מיטן רבונו־של־עולם, הײסט עס, צערעכנט: ער מיר מײַנס, איך אים זײַנס — קװיט! אַצינד קאָנען מיר זיך

אומקערן צו אונדזערע אייגענע געשעפטן, ווי אין פסוק שטייט: א י ש
ל פ ע ל ו . . . (פויזע). נו, גאָלדע־ברודער? וואָס זאָגסטו? האַ?...

ג אָ ל ד ע : וואָס זאָל איך זאָגן? (ברעכט די הענט).

ט ב י ה : (קוקט אַפּן ווײַב, ווי דורך ברילן). אָט אַזוי!... נישטאָ שוין בײַ אונדז מער קיין חווה!... אַן עק — אויס חווה!... שוין נאָך אַלע היומס... כּל־זמן עס האָט זיך נאָך געשלאָגן אַן אָדער, כּל־זמן זי איז נישט אַריבערגעטראָטן אויף י ע נ ע ר זײַט, האָב איך נאָך געהאַט אַ האָפענונג אויף גאָט און אויף זיך... איצט, אַז זי איז שוין אַריבער אַ ה י ן — איך ווייס עס שוין אַקוראַט, טביה וועט נישט זאָגן דאָס, וואָס ער ווייסט נישט, — איז פאַרפאַלן, נישטאָ מער קיין חווה! געשטאָרבן חווה!... השם נתן, השם לקח — אַזוי מוזן מיר זאָגן, און ברוך דיין אמת! (גאָלדע און צײַטל וויינען). איצט קאָנט איר וויינען... יאָ! איצט האָט איר ביד צו וויינען. נאָר נישט טביה.. (דאָס קול איז אים געבראָכן, עס הערן זיך טרערן). בלאָטע! טביה וויינט נישט! טביה איז נישט קיין ייִדענע!... און על־פּי דין באַדאַרפן מיר זיך זעצן שבעה... אויף איין שעה נאָר... נישט מער ווי איין שעה... אַן אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט געגאַנגען אָנפרעגן זיך בײַ אַ רב. איך דאַרף נישט פרעגן בײַ קיינעם — טביה איז נישט קליין צו וויסן אַ דין אַליין. וואָרעם ער ווייס, אַז בײַ אַט אַזאַ־נ־אומגליק באַדאַרף מען זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד נאָר אויף אַ שעה, נישט מער ווי אויף איין שעה, און ע ד כ א ן א ו מ ר י ם ב ש ב ת ה ג ד ו ל ! אָפּגעזעסן די שעה, אויסגעוויינט זיך — גענוג! פאַרגעסן! ווי אין פסוק שטייט: ו־יש־כ־ח־הו! אָט אַזוי ווי מע פאַרגעסט אַ טויטן! ניין! וואָס זאָג איך? ערגער ווי אַ טויטן! אַ טויטן דערמאָנט מען אַמאָל... נאָך אַ טויטן זאָגט מען קדיש, מע האָט יאָרצײַט... דאָ — איז נישט שײַך קיין קדיש, נישט קיין יאָרצײַט. גאָרנישט! חווה לא יזכר ולא יפּקד! (גאַנץ הויך). אַזעלכע קינדער זײַנען נישט ווערט קיין טרער! אַזעלכע קינדער טאָרן נישט דערמאָנט ווערן, נישט צו גוטן, נישט צו בייזן — ל א י ז כ ר ו ל א י פ ק ד ! איר הערט, וואָס איך זאָג אײַך? (נאָך העכער). דער נאָמען חווה זאָל מיר נישט דערמאָנט ווערן מער!... געשטאָרבן חווה! ערגער ווי געשטאָרבן! חווה איז גאָר קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען!... (זעצט זיך אַוועק אַף דער ערד, ציט־אַראָפּ איין שטיוול. אַף אים קוקנדיק, זעצן זיך אַוועק אויך דאָס ווײַב און די טאָכטער, וואָס ברעכן־אויס אין אַ געוויין. טביה, זיצנדיק אין איין שטיוול, טוט זיך מיט אַ מאָל אַ כאַפּ־אָן מיט ביידע הענט באַם קאָפּ, קוקט אַרויף און רופט־אויס גאַנץ הויך, ווי ער בייזערט זיך). גאָט! גאָט! גאָט! ווו ביסטו, גאָט?!...

ה א ס ט י ק פ א ל ט ד ע ר פ אָ ר ה א נ ג .

ענדע פון דריטן אַקט.

פערטער אקט

(די זעלבע דעקאראַציע, וואָס אין דריטן אַקט, צווייטן בילד. — אַ פרימאָרגן. ש ל מ ה ל ע און ש יי נ ד ע ל ע, וואָס זײַנען נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען, שפּילן זיך אין איינע העמדלעך מיט דער קאַץ).

ש ל מ ה ל ע : לאָז אָפּ די קאַץ, שיינדעלע!

ש יי נ ד ע ל ע : וואָס עפּעס, שלמהלע?

ש ל מ ה ל ע : לאָז אָפּ, זאָג איך!

ש יי נ ד ע ל ע : פאַר וואָס?

ש ל מ ה ל ע : אַזוי... איך האָב מיך דערמאָנט, דער זיידע זאָגט, אַז אַ קאַץ טאָר מען נישט מוטשען — ס'אַ צער בעלי־חיים.

ש יי נ ד ע ל ע : וואָס הייסט עס „שערבעלע חיה"?

ש ל מ ה ל ע : נישט שערבעלע חיה, נאָר צער בעלי־חיים.

ש יי נ ד ע ל ע : וואָס־זשע הייסט עס?

ש ל מ ה ל ע : ס'הייסט, זאָלסט דאָס אָפּלאָזן, אַנישט וועט דיך גאָט שטראָפן און דו וועסט שטאַרבן!

ש יי נ ד ע ל ע : (לאָזט־אָפּ די קאַץ). אַזוי ווי דער טאַטע איז געשטאָרבן?

ש ל מ ה ל ע : אַזוי ווי דער טאַטע איז געשטאָרבן און אַזוי ווי די באָבע איז געשטאָרבן.

ש יי נ ד ע ל ע : נו, און די מומע חווה פאַר וואָס רעכנסטו נישט?

ש ל מ ה ל ע : די מומע חווה איז נישט געשטאָרבן. די מומע חווה איז ערגער ווי געשטאָרבן...

ש יי נ ד ע ל ע : וואָס הייסט עס ערגער ווי געשטאָרבן?

ש ל מ ה ל ע : נישט דײַן עסק — שווײַג!

ש יי נ ד ע ל ע : (בלאָזט זיך אָן). פאַר וואָס זאָל איך שווײַגן?

ש ל מ ה ל ע : אַזוי. דער זיידע האָט געהייסן שווײַגן.

ש יי נ ד ע ל ע : פאַר וואָס האָט ער געהייסן שווײַגן?

ש ל מ ה ל ע : אַזוי האָט ער געוואָלט.

ש יי נ ד ע ל ע : פאַר וואָס האָט ער געוואָלט?

שלמהלע: ע! ביסטו דאָך אַ קלעשטש! טאָ נאַ זשע דיר! (דערלאַנגט איר אַ זעץ, זי איס צוריק. עס קומט־אָן ציטל).

ציטל: שוין? אַ מלחמה צווישן אײַך? אַ, נישט געדאַכט זאָלט איר ווערן — אַפן ניכטערן האַרצן? גייט אָנטאָן זיך, וועל איך אויסרוימען דעם הקדש און דערנאָך אײַך געבן אָנבײַסן! (שלמהלע און שײַנדעלע גייען־אָפּ אין זײַטיקן חדר. ציטל בלײַבט און נעמט זיך רוימען די שטוב). ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז אין אַזאַ קורצער צײַט זאָל ווערן אַזאַ מין איבערקערעניש אין אַ שטוב! אַזאַ תל פון אַ גאַנצער משפּחה!... אַ צאָרן פון גאָט! איובס צרות, ווי דער טאַטע זאָגט... דעם ערשטן פּע־טשאַטעק האָב געמאַכט איך: צו איין־און־דרײַסיק יאָר געבליבן אַן אלמנה מיט צוויי קינדער פּיסקליאַטעס־יתומים אַפן טאַטנס קאָפּ... און די מאַמע האָט גענומען און איז אַוועק־געשטאָרבן, נישט געקאָנט צוזען דעם צער פון נעם טאַטן, וואָס חווה האָט אים אַוועקגעקוילעט אָן אַ מעסער... (פּויזע). אוי, חוה! חווה! האָסט גענומען און האָסט זיך אַליין באַגראָבן אַ לעבעדיקע און האָסט אונדז אַלעמען דעם קאָפּ אַראָפּגענומען, חרוב געמאַכט אַ גאַנצע סעמייסטווע... (נעמט זיך פאַרקערן דאָס לעצטע ביסל מיסט. — פון דער דרויסן־טיר קומט אָן טביה מיט אונטערגעשטעקטע פּאָלעס, ווי אַלע מאָל, בעת ער האַלט אין דער אַרבעט. אין אויסזען האָט ער זיך שטאַרק פאַרענדערט: גרוי ווי אַ טויב, די פריִער־אונטערגעהאַקטע פּאות זײַנען אַביסעלע לענגער געוואָרן, נאָר די אויגן שמייכלען, ווי פריִער).

טביה: אָנגעפּאָיעט דאָס פערדל מיט די בהמהלעך, קאָן מען שוין אַ טראַכט טאָן וועגן זיך אויך, ווי מיר זאָגן אין דאַווענען: כל זמן שהנשמה בקרבי. אַ געדאַוונטער בין איך שוין, אַ געגעסענער אויך, איצט דאַרף מען געבן אַ פאָר־אַרויס קיין בויבעריק מיטן ביסל סחורה, קעז און פּוטער און שאָר ירקות. נעם, ציטל, קלײַב־צונויף דאָרט אין קעלער וואָס גאָט האָט געגעבן, דאָס גאַנצע ביסל גוטס. איכל דערווײַל אַרײַנכאַפּן אַ קאַפּיטל תהלים, וועט דאָס זײַן ווי געפונען...

(ציטל גייט־אָפּ דורך דער דרויסן־טיר. טביה זעצט זיך אַוועק צום טיש מיט אַ תהלים, וועלכן ער האָט אַרויסגעצויגן פונעם טיש־קעסטל, צע־שאָקלט זיך און זינגט שטיל אונטער דער נאָז, נאָר ער לאָזט־אויס מיט אַ ניגון און הויך). „אשרי כל חוסי בו!" (עס קומט־אָן ציטל מיט אַ צע־שראָקן פּנים).

ציטל: טאַטע! דער סטאַרשינאַ מיטן סטאַראָסטאַ מיט עפּעס נאָך גויִם גייען אַהערצוצו...

טביה: ערשטנס, פון וואַנען ווייסטו, אַז אַהער? און דאָס אַנ־דערע — וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? מיט גנבהשע פערד האַנדל איך נישט? דעם קייסער זאַטשעפּע איך נישט?... וואָס קאָנען מיר טאָן די גויִם, אַז מיר האָבן אַזאַ גרויסן גאָט? ווי אין תהלים שטייט געשריבן: מה יעשה לי אָדם?... (עס עפנט זיך די טיר און עס קומען־אַרײַן

גויִים. צווישן זיי דער סטאַרשינאַ מיטן סטאַראָסטאַ מיטן סאָטסקי — אַלע דריי מיט בלעכלעך. די גויִים טוען־אויס די היטלען. טביה בלײַבט אין היטל, נאָר ער מאַכט־צו דעם תהלים, שטייט־אויף און איז מקבל־פּנים די געסט מיט אַ פרײַנטלעך שמייכל. דער סאָטסקי מיטן לאַנגן שטעקן בלײַבט שטיין בײַ דער טיר).

ס ט אַ ר ש י נ אַ: געזונט זאָל זײַן טעוול!

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ: (און נאָך אים אַלע גויִים, אויסער דעם סאָטסקי). אַ געזונט, טעוול!

ט ב י ה: אַ געזונט אויף אײַך אַלעמען, אויף דער גאַנצער הראָמאַדע. וואָס וועט איר זאָגן גוטס? און וואָס הערט זיך עפּעס נײַעס אויף גאָטס וועלט? (אַלע גויִים קוקן אויפן סטאַרשינאַ).

ס ט אַ ר ש י נ אַ: נײַעס? וואָס אויף דער וועלט טוט זיך ווייסטו בעסער פון אונדז. דו ביסט אַ גראַמאָטנער און פּאָרסט־ארום טאָ הין, טאָ הער. און דערצו ביסטו אַ ייִד, און ייִדן ווייסן אַלץ! (צום סטאַראָסטאַ). האָב איך רעכט, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, ייִדן ווייסן אַלץ!

ט ב י ה: סע קאָן זײַן, אַז מיר ווייסן אַ סך, נאָר נישט אַלץ. אַלץ ווייסט נאָר אָט אַ יענער אָ! (ווײַזט אַרויף). וואָס־זשע פאַרט וועט איר זאָגן גוטס? (אַלע גויִים קוקן צום סטאַרשינאַ).

ס ט אַ ר ש י נ אַ: גוטס האָבן מיר דיר צו זאָגן, טעוול, ווינציק... מיר זײַנען געקומען דיר זאָגן, אַז מע שיקט דיך ארויס פון דאַנען... נישט מיר — דאָס האָט די גאַנצע הראָמאַדע אַזוי געוואָלט... וואָס זאָגסטו, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ! די הראָמאַדע האָט אַזוי געוואָלט...

ט ב י ה: פאַר וואָס, אַשטייגער? מיט וואָס האָב איך זוכה געווען אַזאַ כבוד בײַ אײַער הראָמאַדע? דאַכט זיך, איך האָב אין די העכער פופציק יאָר, וואָס איך זיץ מיט אײַך, קיינעם נישט באַגנבעט, אָדער באַגזלט, אָדער אָפּגענאַרט, אָדער אַזוי באַליידיקט...

ס ט אַ ר ש י נ אַ: ווער זאָגט דאָס דען? קיינער זאָגט דאָס נישט! נאָר הראָמאַדע האָט זיך ארומגעזען, אַז פון אַלע דערפער שיקט מען ארויס די ייִדן... וואָס זאָגסטו, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, פון אַלע דערפער שיקט מען ארויס די ייִדן...

ט ב י ה: מער נישט? און אַז אין אַלע דערפער וועלן זיך די גויִים אָפּשנײַדן די נעזער, וועט איר אײַערע נעזער אויך געבן שנײַדן? (אַלע גויִים קוקן צום סטאַרשינאַ).

ס ט אַ ר ש י נ אַ: ביסט אַ טשודאַק, טעוול! ס'זאָל זײַן גע־

וועגדט אָן מיר, וואָלסטו דאָ געמעגט זיצן און זיצן ביזן טויט אפילו... וואָס זאָגסטו, סטאַראָסטאַ?

סטאַראָסטאַ: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ! ער וואָלט דאָ געמעגט אפילו שטאַרבן!

טביה: מוחל! שטאַרבן שטאַרב שוין בעסער דו, אָדער דער סטאַרשינאַ! איר זײַט גוייִם מיט טשינעס, מיט בלעכלעך, אײַך וועט מען באַגראָבן מיט פּאַראַד... און מיך וועט מען דאַרפן פירן אין שטאָט אַרײַן, וואָרעם דאָ איז דאָך נישטאָ קיין ייִדישער בית־עולם... ניין, איך מוז נאָך לעבן, אַזוי לאַנג די ערד האַלט מיך, וואָרעם גאָט האָט מיך געבענטשט מיט קליינע קינדער יתומים אַף דער עלטער... און וווּהין וועל איך זיך מיט זיי אַהינטאָן? סײַדן נעמען אַ טאָרבע און גיין איבער די הײַזער? פאַר וואָס קומט עס מיר?... (נאָך די פנימער פון די גוייִם איז צו באַמערקן, אַז זיי זײַנען געריִרט פון זײַנע ווערטער). און נאָך אַ זאַך דאַרפט איר געדענקען — אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט אַף דער וועלט... איך זאָג נישט אונדזער גאָט, אײַער גאָט — איך רייד פון יענעם, פון אונדזער אַלעמענס גאָט, וואָס זיצט אָט דאָרט אויבן און קוקט־אַראָפּ אַהער אונטן און זעט אַלע פּאַדלאָסטן, וואָס ווערן אָפּגעטאָן בײַ אונדז, און פאַרשרײַבט דאָס אַלצדינג צו זיך אין בוך אַרײַן, ווי אין די הייליקע ספרים שטייט געשריבן... (די גוייִם קוקן זיך איבער, שאָקלען־צו מיט די קעפּ).

סטאַרשינאַ: (זיפצט). ביסט אוודאי זייער גערעכט, טעוול, ביסט גערעכט, ווי גאָט אַליין. נאָר וואָס קאָנען מיר טאָן? קעגן דעם ווילן פון דער הראָמאַדע קאָן מען נישט גיין, ווען דו זאָלסט אפילו אוועקשטעלן דרײַ עמער בראָנפן! וואָס זאָגסטו, סטאַראָסטאַ?

סטאַראָסטאַ: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, אפילו דרײַ עמער בראָנפן!...

טביה: (טראַכט אַ ווײַלע). ווייסט איר זשע, וואָס איך וועל אײַך זאָגן? שאַ! אָט וועלן מיר באַלד וויסן, וואָס מיר זאָלן טאָן. איר זאָגט, אַז דאָס איז דער ווילן פון דער הראָמאַדע? דער ווילן פון דער הראָמאַדע איז אוודאי הייליק. בײַ אונדז איז אויך אַזוי: אַז קהל וויל, איז פאַרפאַלן. די מעשה איז אָבער די, וואָס דער ווילן פון גאָט איז נאָך הייליקער. וואָס קומט־אַרויס, וואָס קהל וויל, אַז גאָט וויל נישט? סײַדן, גאָט אַליין הייסט, אַז איר זאָלט נעמען אַ מענטשן אומזיסט־אומנישט און צעברעכן אים אַף שטיקלעך... אויב אַזוי, וועלן מיר פרוּוון. מירן עס באַלד וויסן... (אַלע גוייִם קוקן אַפן סטאַרשינאַ).

סטאַרשינאַ: ווי אַזוי וועלן מיר דאָס וויסן?

טביה: ווי אַזוי מירן דאָס וויסן? מירן וואַרפן גורל. (לייגט־אַוועק די האַנט אַפן תהלים). אָט דעם ספר זעט איר? ס'איז אונדזער תהלים. „פּסאַלטיר” הייסט דאָס בײַ אײַך... אַ הייליקער ספר... וועל איך

אײַך זאָגן אַ וואָרט, איין וואָרט נאָר, אַרויסגענומען פונעם דאָזיקן הייליקן בוך. איז אויב עמעצער פון אײַך וועט מיר קאָנען נאָכזאָגן דאָס דאָזיקע וואָרט, איז אַ סימן, אַז הראָמאָדע איז גערעכט, און אַז נישט — איז אַ סימן, אַז גאָט הייסט נישט, איר זאָלט מיר שלעכטס טאָן... גייט עס? (אַלע גוייִם קוקן אויף סטאַרשינאַ).

ס ט אַ ר ש י נ אַ : וואָס אַ ייִד קאָן צוטראַכטן, וועלן קיין צען גוייִם דערויף נישט פאַלן, זיי מעגן האָבן איטלעכער באַזונדער אַ קאָפּ, ווי אַ פּאַס די גרויס! וואָס זאָגסטו, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ : זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, אַ קאָפּ, ווי אַ פּאַס די גרויס!...

ס ט אַ ר ש י נ אַ : וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ וואָרט בײַ דיר אַזעלכעס, טעוול? לאָמיר האָרכן.

ט ב י ה : גיב־זשע מיר אַ האַנט. (ציִט־אויס דעם סטאַרשינאַ די האַנט. יענער דערלאַנגט אים אַ האַנט, אָבער מיט אַזאַ כח, אַז טביה פאַרקרימט זיך אַזש און טוט אַ זאָג אין אַ זײַט). נו, אַ ייִד בײַ דעם ערל — זי מעג אים אָפּדאַרן!... (צום סטאַרשינאַ). געדענקט־זשע און הערט זיך אײַן אַלע מיט קאָפּ — איך זאָג אײַך דאָס וואָרט: ו ח ל ק ל ק ו ת !... (די גוייִם קוקן זיך איבער, ריִרן מיט די ליפּן).

ס ט אַ ר ש י נ אַ : ניין, טעוול, צו גיך! צו ראַשיק! עס קומט־אויס בײַ דיר כאַל־כאַל־כאַל, עפּעס אַזוי ווי אַ קאַלב ווערגט זיך... וואָס זאָגסטו, סטאַראָסטאַ?

ס ט אַ ר אָ ס ט אַ : זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, אַ קאַלב ווערגט זיך...

ט ב י ה : אויב אַזוי, וועל איך אײַך זאָגן אַן אַנדער וואָרט. (בלעטערט דעם תהלים), זאָגט מיר דאָס וואָרט: מ מ ע מ ק י ם . . . (דער סטאַרשינאַ, דער סטאַראָסטאַ, אַלע גוייִם, אויסער דעם סאָטסקי, שטרענגען אָן אַלע כחות, ריִרן מיט די ליפּן. — פון צווייטן זײַטיקן צימער שטעקט־אַרויס דעם קאָפּ צייטל, רעדט צום פאָטער).

צ יי ט ל : טאַטע! עס גייט אַהער דער אוראַדניק מיטן וואָלאָסטנאָי שרײַבער זאַזוליאַ! (אָפּ צוריק, לאָזט די טיר אַ ביסל אָפן און קוקט־אַרײַן מיט איין אויג).

ט ב י ה : ברוך הבא, נײַע געסט! ו י ב ו א ה מ ן — מאַכט רש״י: דער רוח האָט זיי געבראַכט... (ער טוט־אויס דאָס היטל. עס קומט אַרײַן ברייט, ווי אַ גובערנאַטאָר, דער א ו ר אַ ד נ י ק אין זײַן גאַנצער אוניפאָרם, נאָך אים — דער יונגער שרײַבער פון וואָלאָסט, ז אָ ז ו ל י אַ, מיט אַ גרויסן פּאָרטפעל).

א ו ר אַ ד נ י ק : (פאַרנייגט זיך קוים־קוים פאַרן סטאַרשינאַ מיטן סטאַראָסטאַ. דער סאָטסקי ציט זיך אויס, ווי אַ סטרונע, און ווערט פאַר־

שטאַרבן, אַלע גויִים בלײַבן פאַרגאַפט). ע־ע־ע... ווו איז דאָ דער... דער... דער ייִד טעוועל?

ט ב י ה : (טרעט־אַרויס גאַנץ דרייסט). דאָס בין איך אָט יענער ייִד, וואָס הייסט טביה... מיר דאַכט, אַז מיר זעען זיך נישט צום ערשטן מאָל... ערשט הײַנטיקן נאַוויגאַד האָב איך...

א ו ר א ד נ י ק : (די וואָנצעס אַרויף, רעדט שטרענג). איכל בעטן, מיט זײַטיקע רייד מיר נישט פאַרפאָרן אין דער צײַט, ווען איך בין באַשעפטיקט מיט די אָנגעלעגנהײַטן פון מײַן דינסט! (צו זאַזוליאַן). אַנו, זאַזוליאַ, זײַ זיך מטריח, נעם־אַרויס דעם פּריגאָוואָר און לייען!

ז אַ ז ו ל י אַ : (נעמט־אַרויס אַ פּאַפּיר פון פּאָרטפּעל, אַ גרויסן בויגן, באַשריבן פון אַלע פיר זײַטן, שנײַצט־אויס די נאָז, הוסט זיך אויס און הייבט־אָן צו לייענען אויף אַ קול). „פּאָ אוקאַזו יעהאָ אימפּעראַטאָרסקאַהאָ וועליטשעסטוואַ, מי ניזשעפּאָדפּיסאַווישיעסיאַ..."

ט ב י ה : (לייגט־אַוועק די האַנט אויפן שרײַבער זאַזוליאַס מויל). שאַ! איך ווייס שוין וואָס ווײַטער שטייט. (צום אוראַדניק). דאָס איז דער פּריגאָוואָר פון דער הראָמאַדע, וואָס מע שיקט מיך אַרויס פון דאָרף? צו וואָס די אומזיסטע טרחה מיט לייענען פּאַפּירן? דאָס קאָן מען דאָך זאָגן אין דרײַ ווערטער: „זײַט זשע מוחל, רב טביה, מע בעט אײַך מחילה" — קורץ און שאַרף!

א ו ר א ד נ י ק : (אויסער זיך פאַר כעס). איך פאַרשטיי נישט — דו לערנסט מיך וואָס צו טאָן? מײַן אַרבעט — איך דאַרף דיר דורכלייענען דעם פּריגאָוואָר, און דו דאַרפסט זיך אונטערשרײַבן, אַז דו האָסט אים אויסגעהערט! פאַרשטאַנען?

ט ב י ה : וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? די גרויסע תּורה? צי די חכמה, וואָס שטעקט דערבײַ? פּכע! און פון אונטערשרײַבן איז אויך קיין מניעה נישט, אַבי ס'זאָל נאָר זײַן מיט וואָס מחמת די כּלים אויף צו שרײַבן — דאָס איז אין מײַן גבול נישטאָ...

א ו ר א ד נ י ק : (צום שרײַבער). זאַזוליאַ! נעם־אַרויס דײַן שרײַבגעצײַג, וועט ער זיך אונטערשרײַבן! (זאַזוליאַ שלעפּט־אַרויס פון קעשענע אַ פלעשל מיט טינט, אײַנגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר, ציט־אַרויס פון פּאָרטפּעל אַ לאַנגע פען, טונקט־אײַן פּאַרזיכטיק און טראָגט־אונטער טביהן, ווי מע דערלאַנגט איינעם אַ טײַערע מתּנה, צעלייגט דאָס פּאַפּיר, ווײַזט אים מיט דער האַנט, וווּ צו חתמענען). נאָר פּאַוואָליע, זאָלסט נישט מאַכן קיין קליאַקס!

ט ב י ה : (נעמט די פען). גוט וואָס דו האָסט מיר געזאָגט, וואָרעם מיט דער בײַטש אָרודעווע איך בעסער, ווי מיט דער פען... (צום אוראַדניק). שרײַבן שרײַב איך מיך אונטער אויף ייִדיש, אי דאָס — קוים־קוים...

א ו ר א ד נ י ק : שרײַב ווי דו קאָנסט, נאָר דו דאַרפסט וויסן, וואָס דו שרײַבסט. דו שרײַבסט זיך אונטער, אַז דו האָסט אויסגעהערט דעם

פריגאָוואָר און אַז אין פיר און צוואַנציק שעה פאַרלאָזטו דאָס דאָרף... פאַרשטאַנען?

טביה: וואָס איז דאָ צו פאַרשטיין? מע גיט מיר פיר און צוואַנציק שעה אַף אַרומצוקוקן זיך, כאַפּן דעם אָטעם, פאַרקויפן די כאַ־דאָבע, איינפּאַקן די בעבעכעס — און מאַרש, וווּ די אויגן וועלן טראָגן? אוודאי איז דאָס „גם זו לטובה", ווי אין אונדזערע ספרים שטייט געשריבן, וואָרעם וואָס וואָלט איך געטאָן, ווען מע זאָל מיר הייסן, איך זאָל די רגע נעמען די פיס אַף די פּלייצעס און אָפּטראָגן זיך פון דער דאָזיקער הייליקער ערד, וווּ מיינע זינדיקע פיס טאָרן נישט...

אוראַדניק: (האַקט אים איבער שטרענג). גענוג! איך האָב קיין צייט נישט אויסצוהערן דיינע פּלאַפּלערייען!... אונטערגעשריבן זאָל מיר ווערן — און אַן עק!

טביה: הימט זיך — איך שרייב! (פאַרקאַטשעט די אַרבל, שטעלט־אַוועק דעם נאָמען „טביה" מיט אַזעלכע אותיות, וואָס מע קאָן זיי זען פון דער ווייטן אָן אַ בריל. גיט איבער די פען צום שרייבער און אַליין אָטעמט ער אָפּ). ברוך שפּטרני!

זאָזוליאַ: (קוקט־אַריין אין פּאַפּיר). נו, אַ שרייבעכץ באַ זיי!... (צום סאָטסקי). קריג מיר אַ ביסל זאַמד, ס'וועט זיך קיינמאָל נישט אויס־טריקענען!... (דער סאָטסקי וואַרפט זיך אין אַלע ווינקעלעך, קאָן נישט קריגן קיין ביסל זאַמד. זאָזוליאַ ווערט אויפגעבראַכט, פּאַכט מיטן פּאַפּיר אין דער לופט, דערנאָך טראָגט ער עס צו צו דער ווייס־געשמירטער וואַנט, אַף וועלכער עס דרוקט זיך אָפּ טביהס אונטערשריפט גאַנץ קלאָר. אין דער זעלבער צייט האָט אים דער סאָטסקי געבראַכט צו טראָגן פון קיך אַ פולע זשמעניע מיט אַש פונעם אויוון. זאָזוליאַ טוט עס אים אַ שמיץ אין פּנים אַריין. — דער עולם קלייבט זיך אַוועקצוגיין. פריער פון אַלע שטייט־אויף דער אוראַדניק, נאָך אים גייט־נאָך זאָזוליאַ מיטן פּאָרטפעל, דערנאָך דער סטאַרשינאַ מיטן סטאַראָסטאַ מיטן סאָטסקי, און נאָך זיי די איבעריקע גויים).

טביה: (צום סטאַרשינאַ). נו? צו וואָס האָסטו געדרייט אַ מח? פאַר וואָס האָסטו מיר באַלד נישט געזאָגט, אַז ס'איז שוין פאַרטיק באַ אייך אַף מיר אַ פריגאָוואָר?

סטאַרשינאַ: (אַרויסגייענדיק). וואָס קאָן מען טאָן מיט אַ הראָמאַדע? הראָמאַדע אַז זי שפּאַרט זיך איין, איז ווי אַ נאַראָוויסטע פערד!... וואָס זאָגסטו, סטאַראָסטאַ?

סטאַראָסטאַ: זייער גערעכט, האָספּאָדין סטאַרשינאַ, ווי אַ פערד!...

טביה: (שרייט זיי נאָך). הראָמאַדע שפּאַרט זיך איין? מע ווייסט ווער די הראָמאַדע אייערע איז און ווער עס האָט אייך אויפגעבורעט!... מיינט נישט, אַז עס וועט אייך אָפּלויפן גלאַט! מיר האָבן אַ גאָט! אַ גרויסן

גאָט! און אַ שטאַרקן גאָט!... (דער גאַנצער עולם אָפּ. — פון זײַטיקן חדר רײַסט זיך אַרײַן ציטל מיט אַ געוויין. אירע קינדער האַלטן זיך באַם פאַרטעך).

צ יי ט ל : (ברעכט די הענט). ווי איז מיר! ווינד איז מיר! וואָס וועלן מיר איצטער טאָן? איך האָב געהערט איטלעכס וואָרט!... וווּהין וועלן מיר גיין מיט אַזעלכע קליינע קינדער?... (אַף איר קוקנדיק, וויינען אויך די קינדער).

ט ב י ה : (פאַלט־אָן אַף דער טאָכטער). זע־נאָר, ווי זי האָט זיך עס אַביסל צעיאָכמערט, ווי צו ונתנה־תוקף! און אַף איר קוקנדיק, די ווערעם אויך... שוטה! וואָס וויינסטו וואָס? ס'אַ גאָטס זאַך!... און איך בין נישט קיין בן־יחיד באַ גאָט! נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער... פון וואַנען טרײַבט מען אונדז נישט, און ווען טרײַבט מען אונדז נישט? האָט מען נישט געזאָגט נאָך אונדזער עלטער־עלטער־זיידן אברהם אָבינו: ל ך ־ ל ך מ א ר צ ך — זײַט־זשע מוחל, רב אַברהמל, א ל ה אָ ר ץ א ש ר א ר א ך — אין פיר און צוואַנציק שעה, כאַ־כאַ־כאַ!... (צו די קינדער). אַז איר וועט אונטערוואַקסן און לערנען חומש, וועט איר קומען צו דער סדרה לך־לך, וועט איר זיך דערמאָנען, אַז מע האָט אײַך אַרויסגע־שיקט מיטן זיידן און מיט דער מאַמע דערפאַר, וואָס... דערפאַר, וואָס מיר זײַנען ייִדן. א ת ה ב ח ר ת נ ו מ כ ל ה ע מ י ם — מע האָט אונדז ליב אומעטום... אַז איר'ט אויסוואַקסן און ווערן גרויסע, וועט איר ערשט דעמאָלט פאַרשטיין דעם אמתן פּשט פון דער סדרה לך־לך... איר גייט אײַך דערווײַל שפּילן (פירט זיי אַוועק אין צווייטן חדר), און דו, ציטל, נעם זיך פּאַקן אין וועג אַרײַן. ביז איך וועל קומען, וועסטו זײַן גרייט. איך וועל אויספאַרקויפן דאָס ביסל כאָדאָבע, און מירן נאָך הײַנט אַף דער נאַכט קאָנען אָפּרייניקן זיי דאָס הייליקע דאָרף... וווּהין? ווּהין גאָט וועט הייסן, אַבי נישט צווישן אַזעלכע חיות, וואָס מיר האָבן זיי געהאַלטן פאַר מענטשן... ווּ איז ערגעץ מײַן בײַטש? (געפינט די בײַטש). אָט איז די בײַטש. ווי אין פּסוק שטייט: כ י ב מ ק ל י ע ב ר ת י א ת ה י ר ד ן — מאַכט רש"י: געקומען מיטן בײַטשל און אַוועק מיטן בײַטשל... כאַ־כאַ־כאַ! (אָפּ. ציטל בלײַבט שטיין אַ ווײַלע. דערנאָך טוט זי זיך אַ נעם צו דער אַרבעט. עס ווערן אויפגעעפנט קאַסטנס און קעסטלעך, און זי פּאַקט וואָס זי קאָן, צעוואַרפט און לייגט־צונויף, מאַכט אַ חורבן).

צ יי ט ל : כ'זאָל, זאָגט ער, פּאַקן זיך אין וועג אַרײַן... זאָל מיר אַזוי וויסן אַלדאָס בייז, ווי איך ווייס וואָס צו פּאַקעווען! אַז צו וואָס מע נעמט זיך — איז אַן עבירה, און אַלצדינג איז טײַער, אײַנגעבאַקן אין הארצן!... טאָמער איז קאָרג געווען די צרות וואָס ביז אַהער — איז נאַ דיר אַ נײַע צרה. און אַלץ איבער איר!... כאָטש מיר גלויבט זיך נישט, אַז חווה... (אין דער מינוט עפנט זיך די דרויסן־טיר און עס באַווײַזט זיך אַף דער שוועל חווה, מיט אַ רויטער פאַטשיילע אַפן קאָפּ אַרומגעבונדן. זי

האָט זיך פאַרענדערט, אָבער נאָך שענער געוואָרן. דאָס פּנים שטאָלץ, און אונטער דער רויטער פאַטשיילע, פאַרבונדן אַרונטער, זעט זי אויס ווי אַ שיינע ציגײַנער־פּרינצעסן. אױפן האַלדז טראָגט זי קאָרעלן, אַ סך שנירלעך. צייטל דערזעט די שוועסטער, לאָזן זיך איר אָפּ די הענט, און זי בלײַבט אַ ווײַלע אָן לשון. דערנאָך כאַפּט זי זיך מיט ביידע הענט באַם האַרצן). חווה?!...

ח ו ה : (נאָך אַלץ אױפן שוועל, אַ מאַך מיט דער האַנט). ששש!... אָן סצענעס! אָן געפילדער! (קוקט זיך אַרום). דער טאַטע ניטאָ? (גייט־אַרײַן, מאַכט צו די טיר). איך האָב געמיינט, ער איז אין דער היים... (באַטראַכט דעם חורבן) איר פּאַקט זיך אין וועג אַרײַן?... (צייטל גלייבט נישט אירע אויגן, קוקט זי זיך אײַן אין חוהן אין טויט־שרעק).

צ יי ט ל : דו... דו... דו ווייסט שוין?...

ח ו ה : געוווּסט שוין לאַנג, אַז סע קאָכט זיך... נאָר נישט געגלייבט, אַז אַזוי גיך... נישט געגלייבט... ווי איז דאָס מעגלעך? ווי איז דאָס מעגלעך?!... (גייט־צו נענטער, וואַרפט־אַראָפּ פון זיך די רויטע שאַל און זעצט זיך אַוועק צום טיש, שפּאַרט־אָן דעם קאָפּ אױף דער האַנט. צייטל הייבט־אָן קומען צו זיך, באַטראַכט די שוועסטער פון קאָפּ ביז פיס, וואַרט ביז יענע וועט עפּעס זאָגן. זעט — יענע שווײַגט, הייבט זי אָן צו ריידן ווייך, נאָר שטראָפנדיק).

צ יי ט ל : וויבאַלד אַזוי, אַז דו האָסט געוווּסט, ווי דו זאָגסט, שוין פון לאַנג, אַז עס קאָכט זיך, פאַר וואָס - זשע האָסטו געשוויגן? נישט שוין־זשע האָסטו נישט געקאָנט גאָרנישט טאָן צוליב אונדזער טאַטנס עלטער?... נישט שוין־זשע...

ח ו ה : (כאַפּט זיך אויף, ווי אַן אָפּגעבריטע). שוועסטער, שווײַג! רייד נישט דאָס, וואָס דו ווייסט נישט! איך בין נישט געקומען אַהער אויסהערן פון דיר מוסר! מאָראַל! נאָטאַציעס!... (צייטל טרעט־אָפּ אין שרעק, וויל זיך פאַרענטפערן).

צ יי ט ל : נישט דאָס האָב איך געמיינט... איך האָב געמיינט, ווו ביסטו געווען ביז אַהער? פאַר וואָס ביסטו...

ח ו ה : (ענדיקט פאַר איר), פאַר וואָס בין איך נישט געקומען פריִער? ווי אַזוי האָב איך געקאָנט זײַן רויִק אין דער צײַט, ווען איר האָט אַזוי פיל געליטן? פון וואַנען ווייסטו, אַז איך בין געווען רויִק? וואָס ווייסטו פון דער טראַגעדיע, וואָס איך האָב איבערגעלעבט ביז אַהער? די שרעק מיט די פּחדים מיט דעם קאָשמאַר? אַך, צייטל, מײַן נשמה איז דאָך געווען די גאַנצע צײַט אָט דאָ... איטלעכס מאָל, אַז איך האָב דערהערט פון אַ פּאָגראָם ערגעץ אין אַ שטעטל, בין איך געווען אַ צעמישטע!... (גייט־אַרום הין און צוריק, רעדט אין אויפרעגונג). מײַנע טרערן האָט קיין מענטש נישט געזען און מײַנע ווייטיקן האָט קיין מענטש נישט געפילט!... (שטעלט זיך אָפּ אַקעגן צייטלען). און דאָס ווייסטו, אַז אינעם

טאָג פונעם יאָרצײַט נאָך דער מאַמע בין איך געווען אַף דער מאַמעס קבֿר? ניין, פון וואַנען זאָלט איר דאָס וויסן?... און אַז דעם טאָג פון יום־כּפּור האָב איך געפּאַסט — דאָס ווייסטו אוודאי נישט... פון וואַנען זאָלסטו וויסן?... באַ אײַך בין איך אַ משומדתטע... אַ משומדתטע, כאַ־כאַ־כאַ!... (פּויזע. גייט־אַרום, שטעלט זיך אָפּ). א י ך ב י ן נ י ש ט ק יי ן מ ש ו מ ד ת ט ע ! . . . דו קוקסט מיך אָן? איך בין נישט משוגע, און איך רייד נישט פון היץ... מע האָט מיך נישט געשמדט דערפאַר, וואָס איך אַליין האָב מיך נישט אָפּגעשמדט — דו פאַרשטייסט וואָס איך זאָג?... דאָס וואָס דער גלח האָט דאָרט געפּריימפּלט — איז אַ פּוסטע צערעמאָניע... איך האָב מיך פון מײַן א י ך נישט אָפּגעזאָגט!... איך בין די אייגענע, וואָס כ'בין געווען...

צ יי ט ל : ווען דער טאַטע זאָל דאָס הערן!...

ח ו ה : וואָס־זשע וואָלט געווען?... צייטל! איך קען דעם טאַטן בעסער, ווי דו! דער טאַטע — דאָס בין איך!... איך ווייס פריִער, וואָס ער וועט זאָגן... נאָר עס אַרט מיך נישט! עס מעג אַלצדינג פאַרברענט ווערן! עס מעג די וועלט זיך איבערקערן — איך וועל אויספירן מײַנס! (גייט־אַרום אויפגערעגט).

צ יי ט ל : וואָס־זשע רעכנסטו צו טאָן, חוה? זי (זעצט זיך אַוועק צום טיש אין אַ דראַמאַטישער פּאָזע).

ח ו ה : דאָס, וואָס איר!... דאָרט ווו איר — דאָרט איך! אײַער אַרויסטרײַבן איז מײַן אַרויסטרײַבן! אין דער מינוט, וואָס מע האָט אונטערגעשריבן דעם פּריגאָוואָר אײַך — האָט מען אונטערגעשריבן אויך מיר!... נישטאָ דער כּח, וואָס זאָל מיך קאָנען אָפּהאַלטן! נישטאָ דער מענטש, וואָס זאָל מיך קאָנען איבעררײַדן! צייטל, איך בין אַ פאַרבלאָנדזשעטע, נישט קיין פאַרלוירענע!... דו הערסט? אַ פאַרבלאָנדזשעטע!...

צ יי ט ל : אויב אַזוי, וועט דיר דער טאַטע מוחל זײַן...

ח ו ה : איך בעט נישט, מע זאָל מיר מוחל זײַן! איך בין נישט קיין בעל־תּשובֿהניצע, וואָס כאַפּט אַ חרטה! איך האָב נישט געזינדיקט קעגן קיינעם, נאָר קעגן זיך אַליין!... קיינעם קיין שלעכטס געטאָן, אויסער זיך אַליין!... (פאַרטראַכט).

צ יי ט ל : (מינעט זיך). האָב קיין פאַראיבל נישט, שוועסטער, איך וויל דיך עפּעס פרעגן...

ח ו ה : (רײַסט איר איבער). איך ווייס, וואָס דו ווילסט מיך פרעגן — וואָס וועט זײַן מיט י ע נ ע ם ? מ י ט א י ם ? . . . גאָרנישט! ער עקזיסטירט נישט מער פאַר מיר!... אַז ער האָט געקאָנט וויסן פונעם פּריגאָוואָר און באַהאַלטן פון מיר, מאַכן זיך, אַז ער ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן — איז ער דאָס, וואָס ער איז, און וואָס איך האָב געמיינט, אַז ער איז עס נישט!... (רײַסט־אַראָפּ פון האַלדז די קאָרעלן, טוט זיי אַ שמיץ פון זיך). נישטאָ קיין צוריקקערן! פאַרברענט אַלע שיפן!...

צ יי ט ל : (קוקט אין פענצטער, ברעכט די הענט). אוי, דער טאַטע!...

ח ו ה : (שטייט־אויף, לייגט־צונויף די הענט אַפן האַרצן, דרייסט). וואָס־זשע איז דער אוי? צו אים בין איך דאָך געקומען...

צ יי ט ל : (אויסער זיך). אַט אַזוי אַ טאַקע אין איין אָטעם? זאָל דיר גאָט אויסהיטן! מע דאַרף פּאַוואָלינקע, נישט מיט אַ מאָל... מע דאַרף אים צוגרייטן... אַ רחמנות אַפן טאַטן! לאָז מיך, שוועסטער, איך בין נישט אַזוי נאַריש, ווי דו מיינסט...

ח ו ה : וואָס־זשע ווילסטו פון מיר? (אומגעדולדיק).

צ יי ט ל : זאָלסט איבערזיצן אַ ווײַלע דאָרט בײַ מיר... אָדער ניין — די קינדער זײַנען דאָרט... בעסער אַט דאָ... (ווײַזט אַף דער קיך־טיר). ביז איך וועל דיך אַ רוף טאָן... (וויל זי פירן).

ח ו ה : (לאָזט זיך נישט). וואָס פאַר באַהאַלטערלעך? איך האָב עס פײַנט! איך גיי גלײַך!

צ יי ט ל : (צוגעשטאַנען). איך בעט דיך! טו מיר צוליב! נאָר אַף אַ ווײַלע! (חווה אָפּ. צייטל טוט זיך אַ וואָרף צוריק צו דער אַרבעט. עס קומט־אַרײַן פון דרויסן טביה).

ט ב י ה : (אַ וואָרף די בײַטש אין ווינקל אַרײַן). ווי אין פּסוק שטייט: ו י נ צ ל ו א ת מ צ ר י ם — אויסגעפּאַרקויפט אַלצדינג! פון דער גאַנצער כּאָדאָבע געמאַכט אַ מחק... אוים טביה דער מילכיקער!... און אַזוי גיך, אַזוי בחפזונדיק!... אַ בייז אײַלעניש!... ווי דער תּרגום זאָגט: ה א ג ב ר א ו ה א ט ר ס ק א . . . אין פיר און צוואַנציק שעה געכומען און צעבראָכן אַזאַ גוטס, אַ בעל־הבתישקייט פון אַזוי פיל יאָרן! פאַרקויפט אַלצדינג בחצי־חנם, פאַר אַ דריטל געלט — פּטור געוואָרן... (טרייסלט־אָפּ די הענט. פּויזע). ווען גאָלדע עליה השלום זאָל אויפשטיין און אַ קוק טאָן אַף דעם חורבן!... (באַהאַלט דאָס פּנים, קוקט בלומרשט אין פענצטער. דערנאָך קערעוועט ער זיך אויס צו דער טאָכטער). ווייסטו, צייטל, מיט וועמען מיר איז געווען שווערער ווי מיט אַלעמען צו שיידן זיך?

צ יי ט ל : מיט וועמען?

ט ב י ה : מיט וועמען? מיט מײַן געטרײַען דינער, מיטן פערדל... קריעת ים־סוף! (זיפצט). אויסגעדונגען זיך און אָנגעהאַריקעט זיך גוט, און אָנגעפּאַטשט זיך גוט איינס דאָס אַנדערע אין די הענט, נעם איך דאָס פערדל פאַרן פּאַוואָד, געווײינטלעך מיט דער פּאָלע, און גיב עס איבער דעם גוי און ווינטשעווע אים מיט מזל־ברכה, ס'זאָל זײַן אין אַ גוטער שעה אַ מזלדיקער — אַז מײַן בחור דרייט נישט אויס צו מיר די חנעוודיקע מאָרדע, טוט אַ קוק צו מיר מיט די צוויי פערדישע אויגן? אַ שטומע צונג, ריידן קאָן עס נישט, נאָר פאַרשטאַנען האָב איך גלײַך, ווי עס וואָלט מיר ווען זאָגן: „אַט אַזוי, טביה, דאַנקסטו אָפּעט דײַן געטרײַ פערדל, וואָס

האָט דיר געדינט שווער און ביטער אַזוי פיל יאָרן?!... גיי פאַרענטפער זיך פאַר אַ פערד און גיב אים צו פאַרשטיין, אַז איך בין דאָ גאָט די נשמה שולדיק, און אַז מע לערנט מיט מיר די סדרה לך־לך, און אַז איך אַליין ווייס נאָך אויך נישט, וווּהין איך גיי!... דערווײַל גיי איך אין שטאָט, שוין באַשטעלט אַ פור, און דאָרט אין שטאָט וועלן מיר שוין האָבן אַ ישוב. דאָרט זײַנען דאָך פאַראַן עפּעס ייִדן, פאַראַן אַ רב, מסתמא וועט מען אונדז שוין אַן עצה געבן: אַמעריקע, צי אַרגענטינע, צי פּאַלעסטינע, צי ארץ־ישׂראל... איך וואָלט אַפילו בעסער געוואָלט קיין ארץ־ישׂראל. וואָרעם וואָס וועל איך טאָן אויף די עלטערע יאָרן אין אַמעריקע? אַז נישט זיי פאַרשטייען מײַן לשון, נישט איך פאַרשטיי זייער לשון... זעסטו, ארץ־ישׂראל — פּאָרט, ווי זאָגט מען, באַטקאָווטשינע! ווי אין פּסוק שטייט: א ר ץ ז ב ת ח ל ב ו ד ב ש . . . הײַנט וואָס איז ווערט דאָס, וואָס מע קאָן זײַן אויף דער מוטער רחלס קבֿר, אין דער מערת־המכפּלה, כאַפּן אַ קוק אויפֿן ירדן, זען דעם באַרג סיני, אָנקוקן פּדן־ארם, קדש־ברנע און נאָך כּדומה אַזעלכע ערטלעך? (פּויזע). און דו, צייטל, זע איך, ביסט שוין אויך באַלד פאַרטיק?

צ יי ט ל : באַלד פאַרטיק, נאָר צו די ספֿרים דײַנע האָב איך מורא געהאַט אָן דיר זיך צורירן...

ט ב י ה : זייער גלײַך... די ספֿרים וועל איך אַליין אײַנפּאַקן. (גייט צו דער שאַפע, נעמט אַ ספֿר נאָך אַ ספֿר, פּאַקט אין קאַסטן). דאָס איז אַ חומש... דאָס — אַ סידור, מײַן אַלטער סידור... מיר געדינט געטרײַ, ווי, להבדיל, דאָס פערדל... דאָס — אַ תּהילים... און דאָס? — אַ סליחה... אַ הגדה... אַ קינה... און וואָס איז אָט אַ דאָס קליינע ווערעקל? — אַ בענטשערל... גייט אויך נישט צו־פּוס... און ווער שמועסט אָט־דער „מנורת־המאור”, אָדער אָט דער „שבֿט־מוסר” אויף עבֿרי־טײַטש — אין זיי קוק איך דאָך אַרײַן אַלע שבת באַטאָג... דאָס אַלץ דאַרף מען מיטנעמען אין גלות אַרײַן. דאָס איז אונדזער גאַנץ פאַרמעגן. די איינציקע ירושה, וואָס מיר האָבן געירשנט פון אונדזערע אָבות־אבֿותינו... (פונעם זײַטיקן חדר לויפן אַרויס צייטלס קינדער און גלײַך צו טובֿיהן).

ש ל מ ה ל ע : וווּ ביסטו געווען, זיידעניו?

ש יי נ ד ע ל ע : זיידע! וווּ ביסטו געווען?

ט ב י ה : געווען... (טאַפּט זיך אין די קעשענעס). אַ־וואָ, פאַרגעסן אײַך ברענגען אַ מתּנה... געזעגנט זיך אָפּ מיט דער דאָזיקער שטוב — מיר פאָרן אַוועק הײַנט, קינדערלעך!...

ש ל מ ה ל ע : וווּהין פאָרן מיר, זיידעניו?

ט ב י ה : וווּהין די אויגן טראָגן... מע טרײַבט אונדז אַרויס...

ש יי נ ד ע ל ע : פאַר וואָס טרײַבט מען אונדז אַרויס?

ט ב י ה : דערפאַר, וואָס מיר זײַנען ייִדן... ומפּני חטאינו גלינו מארצנו, קינדערלעך... אונדז טרײַבט מען, אונדז האָט מען געטריבן, אונדז

וועט מען טרײַבן... (די גאַנצע צײַט, וואָס ער רעדט מיט די קינדער, הערט ער נישט אויף צו פּאַקן די ספרים און אַנדערע זאַכן).

שיינדעלע / שלמהלע } (ביידע אינאיינעם). פאַר וואָס, זיידעניו, פאַר וואָס?

טביה: פאַר וואָס? זאָג איך דאָך אײַך — דערפאַר, וואָס מיר זײַנען ייִדן... זיי ווילן, מיר זאָלן זײַן אויס ייִדן... נאָר מיר זאָגן: ניין, ייִדן זײַנען מיר געווען, און ייִדן וועלן מיר בלײַבן!... מירן זיי איבערלעבן!... אונדזערע זיידעס האָט מען נאָך ערגערס געטאָן — מע האָט זיי געברענט אויפן פײַער, געטרונקען אין וואַסער — און עס האָט נישט געהאָלפן: אויסגעפירט האָבן מיר!... געדענקט דאָס, קינדערלעך, געדענקט, וואָס דער זיידע זאָגט אײַך — ס'וועט אײַך אַמאָל צונוץ קומען... אײַך וועט אפשר זײַן בעסער ווי אונדז, געוויס בעסער, וואָרעם ס'וועלן קומען בעסערע צײַטן, וואָס מ'עט פאַרשטיין, אַז מיר זײַנען אויך מענטשן, גאָטס באַשעפענישן... דערווײַל זײַט גרייט — מיר פאָרן... (צייטל מינעט זיך די גאַנצע צײַט, וויל עפּעס זאָגן).

צייטל: טאַטע, האָב קיין פאַראיבל נישט — כ'האָב דיך געוואָלט עפּעס פרעגן...

טביה: ווי אַזוי מע פאָרט קיין ארץ־ישראל?

צייטל: (וויל אַרויף אַף אירס). ניין, נישט דאָס האָב איך געוואָלט פרעגן...

טביה: וואָס זשע? דו ווילסט וויסן, וואָס וועלן מיר דאָרטן טאָן?

דאָס, וואָס אַלע ייִדן! וואָס ס'וועט זײַן מיט כל ישראל, וועט זײַן מיט רב ישראל! מה נפשך: הענט האָבן מיר? האָרעווען זײַנען מיר געוווינט? און מענטשן זײַנען דאָ אומעטום, און גאָט שמועסט מען נישט

מלוא כל הארץ כבודו!... (זיפצט). אוודאי טוט מיר באַנג, אוודאי איז מיר שווער זיך צו שיידן אָט מיט אָט די ווענט! (באַווײַזט אַף די ליידיקע ווענט). אָט מיט אָט דער ערד! (ווײַזט אַראָפּ אַף דער ערד). איך וואָלט קושן אָט די ווענט! איך וואָלט צוגעפאַלן צו אָט דער ערד! וואָרעם דאָ בין איך געבוירן, דאָ בין איך אויך אויפגעוואַקסן, דאָ האָב איך געהאַט צרות, דאָ האָב איך געהאַט נחת, פּראָוודע מער צרות ווי נחת — נאָר דאָס איז אַ גאָטס זאַך... (שטייט־אויף פון דער ערד, גלײַכט זיך אויס די ביינער, טוט אַ קוק אַרויס אין פענצטער). און אָט דער הויף? און אָט די פּריזבע, און דער גאָרטן, און אפילו אָט דאָס פאַרטשאַכנעטע בוימעלע וועט זיך מיר חלומען באַנאַכט אין דער פרעמד... און על כולם — דאָס פערדל. (זיפצט). אוי, אָט דאָס פערדל! אַ שטיק געזונט האָט דאָס בײַ מיר צוגעגומען! איך זאָל האָבן אַ טבע פון וויינען, וואָלט איך מיך צעוויינט... דער רחמנות מיטן צער בעלי־חיים... (פּויזע). אָ, זעסטו? (ווײַזט מיט דער האַנט אַפן ווינקל). דאַכט זיך, וואָס? אַ קאַץ, אַ חיה... פונדעסטוועגן איז

אַף דער קאַץ אויך אַ רחמנות — מיר פֿאָרן אַוועק, און זי לאָזן מיר איבער דאָ אַליין. צער בעלי־חיים...

צ יי ט ל : (נעמט זיך אָן מיט קוראַזש). אַז ס'איז יאָ אַזוי, זאָג זשע מיר, טאַטע, פֿאַר וואָס איז אַף אַ חיה מער רחמנות, מער צער בעלי־חיים, ווי אַף אַ מענטשן?

ט ב י ה : שוטה! ווער האָט דאָס דיר געזאָגט, אַז אַף אַ חיה איז מער רחמנות, ווי אַף אַ מענטשן? דו האָסט פֿאַרגעסן, וואָס מיר זאָגן יום־כּפּור צו כּל־נדרי?...

צ יי ט ל : וואָס מיר זאָגן יום־כּפּור ווייסטו בעסער... נאָר איך ווייס אַן אַנדער זאַך... (שטעלט זיך אײַן, רעדט שטיל, נאָר מיט אַ טאָן פֿון ווירדיקייט, אַזוי, אַז דאָס קול ציטערט איר). איך ווייס, אַז אַט פֿאָרן מיר אַוועקעט פֿון דאַנען, אַף שטענדיק, אַף אייביק, מיר וועלן שוין צוריק אַהער נישט אומקערן זיך קיינמאָל... און איין מענטש לאָזן מיר דאָ איבער איינעם אַליין, עלנט ווי אַ שטיין...

ט ב י ה : וואָס באַלעבעטשעט זי? וואָסער מענטש? וואָסער שטיין?

צ יי ט ל : (קוקט דרייסט און גלײַך דעם פֿאָטער אין פּנים אַרײַן). דו האָסט פֿאַרגעסן, טאַטע, אַז דו האָסט נאָך אַ טאָכטער...

ט ב י ה : (איבערראַשט פֿון אומגעריכטקייט, בײַט זיך שטאַרק אין געזיכט, קאָן זיך קיין אָרט נישט געפֿינען, פֿאַלט־אָן אָף דער טאָכטער און נעמט שרײַען גאָר הויך אָף אַ קול). איך האָב נישט נאָך קיין טאָכטער! נישטאָ בא מיר מער קיין טעכטער, נישטאָ און נישט געווען קיינמאָל! דו הערסט, וואָס איך זאָג? (קלאַפּט אין טיש. צייטל האָט זיך דערשראָקן. אינסטינקטיוו כאַפּט זי זיך אָן אין די קינדער).

ש ל מ ה ל ע : (צו טביהן). וואָס האָסטו זיך צעשריגן, זיידעניו?

ש יי נ ד ע ל ע : (צו טביהן). וואָס בייזערסטו זיך אַף דער מאַמע? (דאָס רירט טביהן, און ער רעדט שוין מיט אַ טאָן נידעריקער).

ט ב י ה : אײַער מאַמע פֿאָלגט נישט איר טאַטן... אײַער מאַמע ווייסט נישט פֿון כּבוד־אָב... אײַער מאַמע דער'רגזט מיך... וואָס דער טאַטע זאָגט, זאָגט זי מיר קאַפּויר... איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, צייטל, און נאָך אַ מאָל, און נאָך צען מאָל, אַז איך האָב נישט מער קיין טעכטער! איך האָב נישט — און שוין!... (פֿאַרלייגט די הענט אַהינטער און שפּאַנטאַרום הין און צוריק).

צ יי ט ל : (וואַרט איבער אַ ווײַלע, ביז דער כּעס וועט אים אַ ביסל אָפּגיין). דו אַליין זאָגסט, טאַטע, אַז סע שטייט געשריבן, דו ווייסט שוין ווו, אַז גאָט האָט רחמנות אַף אַלע זײַנע באַשעפֿעניש, אפילו אַף אַ וואָרעם...

ט ב י ה : האָסט געהערט קלינגען, און קאָנסט נישט נאָכזינגען... (שטעלט זיך אָפּ). סע שטייט געשריבן אין... אין... (טראַכט). אין אשרי־יושבי־ביתך שטייט דאָס געשריבן: ו ר ח מ י ו ע ל כ ל מ ע ש י ו

דער אייבערשטער טוט טאָן שפּיַזן אַלע זיַינע באַשעפענישן, פון די ווילדסטע חיות ביז אַ קליין ווערעמל, און ביז אַ מילב אפילו...

צ י י ט ל : וואָרעם ער האָט אַף דעם רחמנות...

ט ב י ה : (פילט זיך געשלאָגן, שפּאַנט אַרום). רחמנות... רחמנות... ער האָט רחמנות... פון רחמנות רעדט זי איצט מיט מיר... (שטעלט זיך אַוועק אַקעגן ציַיטלען). רחמנות? פון רחמנות רעדסטו מיט מיר? וווּ איז געווען א י ר רחמנות דעמאָלט, ווען איך בין געלעגן, ווי אַ הונט, פאַרן גלח, ימח שמו וזכרו, זיך געוואַלגערט אים פאַר די פיס (בייגט זיך איַין), געפּויזשעט, ווי אַ וואָרעם?... פון וואַנעט ווייס איך, אַז זי איז נישט געווען אין צווייטן חדר דעמאָלט און געהערט איטלעכס וואָרט — וווּ איז געווען ד ע מ א ל ט איר רחמנות? (שפּאַנט־אַרום, בליַיבט שטיין, רעדט מיטן זעלבן טאָן פון איראָניע און פאַרביטערטקייט. — אין דער צייט, ווען ער שפּאַנט־אַרום, גייען אים נאָך די קינדער אַקוראַט נאָך זיַינע טריט; ער שטעלט זיך אָפּ, שטעלן זיי זיך אויך אָפּ *. און וווּ איז זי געווען, בעת דיַין מאַמע עליו־השלום איז געלעגן אָט דאָ אויסגעצויגן אַף דער ערד, איבערגעדעקט מיט שוואַרצן?... וווּ איז געווען איר רחמנות דעמאָלט?...

צ י י ט ל : דו אַליין זאָגסט דאָך אָבער, אַז אפילו גאָט איז מוחל די גרעסטע עבירה, אויב נאָר מע האָט חרטה און מע טוט תשובה. און ווער נאָך ווייס, אַזוי ווי דו, אַלצדינג, וואָס סע שטייט געשריבן?...

ט ב י ה : אָט טאַקע וויַיל איך ווייס, דעריבער זאָג איך דיר אַקוראַט, אַז דערויף האָט מען נישט חרטה און דאָ העלפט נישט קיין תשובה!... דער וואָס גייט איין מאָל אַוועק פון אונדז, יענער קומט נישט מער צוריק!... דאָס צוויַיגל, וואָס מע רייַסט־אָפּ פאַלט־אָפּ — מוז פאַרפוילט ווערן!... (דערזעט פון דער וויַיטן קאַרעלן אַף דער ערד, בייגט זיך אָן, הייבט עס אויף). וואָס איז פאַר קאַרעלן? גוייִשע קאַרעלן — ווי קומען זיי אַהער?...

צ י י ט ל : (נעמט בא אים די קאַרעלן, רעדט אין איין אָטעם). דאָס איז אירע קאַרעלן, אירע קאַרעלן... און זי אַליין איז אויך דאָ... זי האָט זיך אַרומגעקוקט! אַרומגעזען! זי האָט חרטה, טאַטע, זי וויל צוריק!... און נישט נאָר זי וויל צוריק — זי איז שוין געקומען צוריק און איז גרייט מיט אונדז אינאיינעם איבערטראָגן אַלצדינג! דאָרט וווּ מיר — דאָרט איז זי... (גייט־צו גאָר נאָענט, רעדט שטילער). זי איז געווען בא דער מאַמע אַפן קבר — דאָס ווייסטו? זי פאַסט יום־כּפּור, טאַטע, דו הערסט? זי פאַסט יום־כּפּור...

ט ב י ה : (צעמישט). ווער איז געווען אַפן קבר? ווער פאַסט דאָס יום־כּפּור? וואָסערע לאָקשן? וואָסערע פלאָמען? וואָס — ווער — וועמען?

---

* דער אויטאָר בעט — נישט שאַרזשירן! די קינדער טוען דאָס ערנסט, די עלטערע באַמערקן נישט.

צ יי ט ל: וואָס הייסט ווער? חווה! פון חווהן ריידן מיר דאָך!... (אין דער מינוט עפנט זיך די קיך־טיר און עס רײַסט זיך אַרײַן חווה. באַגעגנט זיך מיט טביהס קוק, בלײַבט זי שטיין בײַ דער טיר, אָן לשון, נאָר מיט גרויס ווירדע און מיט גדלות צונויפגעלייגט די הענט אויפן האַרצן און קוקט דעם פֿאָטער גלײַך אין די אויגן אַרײַן. די ערשטע מינוט טוט זיך טביה אַ לאָז צו דער דרויסן־טיר אַוועקצוגיין, נאָר צייטל פֿאַרגייט אים אויף צו־פֿריער און אירע קינדער מיט איר).

ט ב י ה: (צו צייטלען מיט די קינדער). לאָזט מיך!... לאָזט מיך!...

צ יי ט ל: זאָל איך קרענקען! זאָל איך שטאַרבן אָט אַ דאָ מיט מײַנע צוויי קינדער!... (האַלט אים צו, די קינדער וויינען).

ט ב י ה: (פֿאַרטומלט). וואָס טוט זיך דאָ? בין איך טביה? אָדער איז דאָס אַ חלום? (ווײַזט מיט דער האַנט). דער כח הדמיון... די געבליטן...

ח וו ה: (געלאַסן און דרייסט). נישט קיין חלום, נישט קיין דמיון, נאָר די ווירקלעכקייט אַליין... איך האָב געהערט אַלצדינג, וואָס דאָ איז גערעדט געוואָרן — פֿון צווײַגעלעך, וואָס ווערן אָפּגעריסן, און פֿון בלעטלעך, וואָס ווערן אָפּגעפֿאַלן... (גייט־צו אַ פּאָר שריט נענטער). קיינער האָט קיין צווײַגן נישט געריסן, און בלעטער זײַנען נישט געפֿאַלן...

ט ב י ה: (חזרט איבער). „קיינער האָט קיין צווײַגן נישט געריסן, בלעטער זײַנען נישט געפֿאַלן"... (צעשרײַט זיך פּלוצים אויף אַ קול). ס'אַ ליגן! יאָ געריסן! יאָ געפֿאַלן!... (צעלאָזט זיך אויף חווהן). וואָן פֿון דאַנען!! וואָן פֿון מײַנע אויגן — וואָן ! ! ! . . .

צ יי ט ל: (לויפֿט־צו צום פֿאָטער, קושט אים די הענט). טאַטע! נאָט איז מיט דיר! וואָס טוסטו, טאַטע געטרײַער?

ש ל מ ה ל ע: זיידעניו, וואָס טוסטו? פֿאַר וואָס טרײַבסטו די מומע חווה?

ש יי נ ד ע ל ע: דאָס איז דאָך אונדזער מומע חווה, זיידעניו!...

ט ב י ה: (וויל זיך אַרויסרײַסן פֿון די אייניקלעך). אַוועקט, ממזרים! אָנגעהאַנגען זיך אויף מיר, ווי די קלעשטשעס! (האָט באַלד חרטה, וואָס ער בייזערט זיך אויף זיי, גלעט זיי איבער די קעפּלעך). טײַערע קינדערלעך! אָרעמע שעפּעלעך מײַנע! פֿון וואַנען האָט א י ר זיך אַהער גענומען אויף מײַן קאָפּ? נאָט אײַך גאָר אייניקלעך אַ פּאָר אויף דער עלטער! ווי זאָגט אַ־וואָן זלאָדי: „נע מאַלאַ באַבאַ כלאָפּאָטי"... (פּויזע). עך, גאָלדע, גאָלדע! דאָס איז געווען אַ חכמה! זי, עליו־השלום, פֿלעגט זאָגן: מע טאָר נישט זינדיקן, טביה, מע טאָר זיך נישט קלאָגן, נישט בייזערן, נישט זײַן אין כעס... אמת, ווי איך בין אַ ייִד, אמת! כעס איז עבודה זרה... מיט כעס קאָן מען גאָרנישט מאַכן... מאַכן קאָן מען נאָר מיט גוטן... טביה האָט פֿײַנט זיך אָפּעסן דאָס האַרץ... טביה האָט ליב יעדע זאַך פֿריִער צו באַקלערן, באַטראַכטן, אַרומריידן... וואָס וועט זײַן פֿון דעם, אַז מירן זיך אַלע היצן, אַלע שפּרינגען פֿון דער הויט אַרויס, ווי מיר זאָגן אין דער

הגדה פסח צום סדר: כ ו ל נ ו ח כ מ י ם, כ ו ל נ ו ,נ ב ו נ י ם? לאָמיר קאָרשט באַרעכענען, נאָר מיט אַ קלאָרן מח און מיט קאַלטע לונג־און־לעבער: וואָס איז דאָ געווען? וואָס איז פאָרגעקומען?

צ יי ט ל : (אויפגעלעבט). אָט דאָס ווילן מיר דאָך! מיר ווילן מיט גוטן...

ט ב י ה : (שלאָגט איר איבער). און איך וואָס וויל? איך וויל דען חלילה מיט בייזן? פאַר וואָס זאָל איך ווען זײַן בעסער פונעם רבונו־של־עולם? אים שטייט־אָן צו זײַן אַ מוחל־עונות און אָנשרײַבן אין סידור יום־כפור צו כל־נדרי מיט גרויסע קידוש־לבנה־אותיות: ס ל ח ת י כ ד ב ר י ך ! ? . . . נישט מער, אַז ס'האָט זיך שוין יאָ אַזוי געמאַכט, אַז מיר קאָנען זיך דורכשמועסן, וואָלט איך דיך געוואָלט עפּעס פרעגן... (צו חווהן, נישט קוקנדיק איר גלײַך אין פּנים, נאָר מיט אַ זײַט). ווי אַזוי האָסטו נאָר־וואָס געהאַט געזאָגט? קיינער האָט קיין צווײַגעלעך נישט גע־ריסן? בלעטלעך נישט געפאַלן? אַ ביסל אַ זאָג! (צו צייטלען). טביהס טאָכ־טער רעדט נישט גלאַט... טביהס טעכטער — נישט געדאַכט זאָלן זיי ווערן!...

צ יי ט ל : (צו חווהן, שטאַרק אויפגעלעבט). וואָס־זשע? איך האָב באַלד געוווּסט, אַז דער טאַטע וועט...

ח וו ה : (צו צייטלען). אַלץ איינס!... איך האָב מיך קיין קאָפּ נישט איבערגעשראָקן. איך האָב איין מאָל געזאָגט, אַז איך גיי — גיי איך... אויב נישט מ י ט אײַך, איז נ אָ ך אײַך... סײַ ווי סײַ, דאָרט ווו איר — דאָרט איך. אײַער אומגליק — מײַן אומגליק.

ט ב י ה : (אויך צו צייטלען). דו הערסט ווערטער? דאָרט ווו מיר — דאָרט איז זי. אונדזער אומגליק — איר אומגליק. אָט דאָס איז אַ לשון! אָט אַזוי רעדט טביהס טאָכטער, און אָט אַזוי באַדאַרף זי ריידן!... אַנישט — וואָס וואָלט געווען דער חילוק צווישן מענדל ווערעביוּוקער און טביה דעם מילכיקן?... אַנו, טוט אַ פרעג בײַ מענדל ווערעביוּוקער, ווו שטייט „ברוגז רחם תזכור”? און לאָז ער אײַך זאָגן, ווען זאָגן מיר „סלחתי כדבריך”, און וויפל מאָל זאָגן מיר „סלחתי כדבריך”? און וואָס איז די טײַטש „סלחתי כדבריך”? אַזוי לאַנג שמײַסט מען אים! אַ ייִד אַן עם־הארץ איז ערגער פון אַ גוי!... (פּויזע). נישט מער, איין זאַך: איך וואָלט אפשר באַדאַרף צומאַכן די אויגן און מיטן ערשטן קוק וואָלט איך אפשר באַדאַרפט מוחל זײַן... (חווה מאַכט אַ באַוועגונג אַף צו ענט־פערן. צייטל מאַכט צו איר מיט די הענט הינטערן פּאָטערס פּלייצעס, זי זאָל שווײַגן). איז מיר שלעכט: סטײַטש, און ווו איז גאָט? קעגן גאָט איז מען דאָך אַזוי זינדיק!... נאָר צוריק באַטראַכט איך מיך: וואָס בין איך מחויב זיך אָננעמען גאָטס קריוודע?... (כאַפּט זיך אָן בײַם קאָפּ). אַך טי, רבונו־של־עולם! דו ביסט מײַן עדות, אַז איך האָב ניט גע־בראָכן דאָס וואָרט, נאָר איך קאָן נישט מער! (שרײַט הויך). איך קאָן

נישט! דו האָסט אליין אָנגעשריבן אין דיַין הייליקער תורה: כרחם אָב על בנים; וואָס בין איך שולדיק, אַז זי איז פאַרט מיַינס אַ קינד? (שלאָגט זיך מיט דער האַנט אין האַרצן). פאַרט איַינגעבאַקן באַ מיר אין האַרצן! אין דער נשמה! (צו חווהן, צענעמט ברייט די הענט). קום אַהער צו מיר, חווהלע, דו ביסט מיַין קינד!... (חווה פאַלט אים אַפן האַלדז. צייטל האָט אַרומגענומען אירע צוויי קינדערלעך, ווײנט שטיל).

פ אַ ר ה אַ נ ג פ אַ ל ט ל אַ נ ג ז אַ ם.

געשריבן אין יאָר 1915

Este libro se terminó de
imprimir el día 26 de
noviembre de 1957, en
los Talleres Gráficos
"Optimus" S. R. L.,
V. Gómez 2755, Bs. As.